STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00719

IN DI YORN FUN YIDISHN HURBN

Permanent preservation of this book was made possible by
Ida Falk & Family
in memory of
Dr. Hyman I. Falk

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין די יאָרן פון יידישן חורבן

די שטים פון אונטערערדישן בונד

אין די יאָרן פֿון יידישן חורבן

דער שטים פֿון אונטערערדישן בונד

ניו יאָרק, 1948

IN DI YORN FUN YIDDISHEN KHORBN

Copyright 1948
by
Farlag Unser Tsait

Published by Farlag Unser Tsait
175 E. Broadway, New York 2, N. Y.
Printed in U. S. A.

The Shoulson Press, New York, N. Y.

אינהאַלט

זייט

פון דער רעדאַקציע 5

דער ערשטער באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן
ווענן די מאַסן־מאָרדן פון די נאַציס 7

באַריכט פון צענטראַלן קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד"
ווענן לעבן אין געטאָ 13

מעמאָריאַל פון אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן צו דער פּוילי־
שער רעגירונג אין לאָנדאָן ווענן די יידן־שחיטות 20

דער אונטערערדישער „בונד" אין פּוילן דערציילט ווענן
די יידן־שחיטות 24

אַ ספּעציעלער שליח פון געטאָ דערציילט... 38

פּופּצן חדשים חורבן און געראַנגל

א. פאַר דער צייט פון 1 אויגוסט 1942 ביז
22 יוני 1943 52

ב. פאַר דער צייט פון יולי 1943 ביז נאָוו. 67

געהיימע טעלעגראַמעס פון אונטערערדישן „בונד" 90

באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן פאַר דער
צייט פון 15 נאָוועמבער 1943 ביז מאַי 1944 92

מאַרעק עדעלמאַן: די געטאָ קאַמפּט (דער אַנטייל פון „בונד"
אין דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ) 153

יעקב נירנבערג: די געשיכטע פון לאָדזשער געטאָ 211

ל. ברענער: טשענסטאָכאָווער געטאָ 295

מ. קושניר: די טעטיקייט פון „בונד" אין דער צייט פון דער
היטלעריסטישער אָקופּאַציע אין טשענסטאָכאָוו 306

י. מוסניק: דאָס לעבן און די ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ 316

העלא קלאַטשקאָ: ווי מען האָט אין ווילנע אויפגעהאַנגען דריי
יידישע סאָציאַליסטן 323

אָנפיר־אָרגאַנען און אָרגאַניזאַציע־נעץ פון דער אונטערערדישער
באַוועגונג פון „בונד" 329

צוגאָבן און אויפקלערונגען 340

אָנפיר־אָרגאַנען און אָרגאַניזאַציע־נעץ פון דער אונטערערדישער
באַוועגונג פון „בונד" 329

צוגאָבן און אויפקלערונגען 340

בילדער פון דער בונדישער אונטערערדישער פּרעסע 343

פון דער רעדאַקציע:

במשך פון די יאָרן פון נאַצי־אָקופּאַציע פון פּוילן איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך אונטערערדישע וועגן אַ קעגזייטיקער אויסטויש פון אינפאָרמאַציעס און באַריכטן צווישן דעם אונטערערדישן „בונד“ אין פּוילן און זיינע פאָרשטייער און אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן אין אויסלאַנד. פון 1942 ביז'ן סוף פון דער מלחמה איז די פאַרבינדונג פון „בונד“ אין פּוילן מיט אויסלאַנד געגאַנגען איבער לאָנדאָן. פון לאָנדאָן זיינען געשיקט געוואָרן צום צ. ק. פון אונטערערדישן „בונד“ אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן בריוו, צייטונגען, בונדישע אויסגאַבן, פאַרשיידענע אינפאָרמאַציעס וועגן פראַגן פון יידישער און אַלגעמיינער פּאָליטיק, טעקסטן פון בונדישע אַרויסטרעטונגען א. אַ. וו. פון דאָרטן זיינען אויך אַוועקגעשיקט געוואָרן די געלט־סומען — דער עיקר פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט — פאַר דער יידישער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן.

כמעט אַלע באַריכטן, וואָס זיינען אינ'ם דאָזיקן בוך פאַרעפנטלעכט, זיינען געגאַנגען פון דער נאַצי־אָקופּירטער וואַרשע צו די פאָרשטייער פון „בונד“ אין פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט (נאַציאָנאַל־ראַט) אין לאָנדאָן (ח' אַרטור זיגעלבוים, נאָך אים ח' עמנואל שערער).

צוליב די אומשטענדן פון דער קאָנספּיראַציע און די פאַרבינדונגס־וועגן פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג האָבן די באַריכטן געמוזט געשריבן ווערן אין פּויליש. זיי ווערן געדרוקט אין דאָזיקן בוך אין ווערטערלעכער און גענויער איבערזעצונג.

אַ חוץ די אויספירלעכע בריוו און באַריכטן פלעגן פון צייט צו צייט געשיקט ווערן פון וואַרשע קיין לאָנדאָן (און אויך פון לאָנדאָן קיין וואַרשע) קורצע, מיט אייניקע זאַצן באַגרעניצטע טעלעגראַמעס. די דאָזיקע טעלעגראַמעס זיינען איבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן דורך געהיימע ראַדיאָ־סטאַנציעס אין געהיימער שפּראַך, און נאָך אַ דעשיפרירונג זיינען זיי איבערגעגעבן געוואָרן דורך פאָרשטייער פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן צו די אַדרעסאַטן. מיר דרוקן אין בוך אייניקע פון די פון פּוילן אָנגעקומענע „טעלעגראַמעס“ פונ'ם אונטערערדישן „בונד.“

דער מאַטעריאַל, וואָס איז דאָ געדרוקט אין בוך, גויטיקט זיך ניט אין קיינע קאָמענטאַרן. נאָר אין איינצלנע פאַלן האָבן מיר געהאַלטן פאַר נויטיק צו מאַכן געוויסע הערות און אויפקלערונגען אין טעקסט גופא אָדער ביים סוף פון בוך.

ווי עס איז צו זען פון די טיטלען פון די אַלע באַריכטן, האַנדלט זיך דאָ בעיקר וועגן אָפיציעלע באַריכטן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פוילן צו זיינע צוויי רעפּרעזענטאַנצן אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק. עס זיינען אַריין אין בוך אויך אייניקע אַנדערע באַריכטן און שילדערונגען פון אונטערערדישע בונדישע טוער.

צוליב פאַרשיידענע טעכנישע טעמים האָט זיך די דאָזיקע אויסגאַבע שטאַרק פאַרשפּעטיקט. אָבער דער היסטאָרישער ווערט און די ווירקלעכע גרויסקייט פון די געדרוקטע מאַטעריאַלן ווערט דורך דעם ניט געמינערט.

דער ערשטער באַריכט פון אונטערערדישן „בונד“ אין פוילן וועגן די מאַסן־מאָרדן פון די נאַציס

סוף יולי 1942 האָט די אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון פּוילישן „בונד“ באַקומען וועגן די שוידערלעכע מאַסן־מאָרדן דעם ערשטן דורכקאָנטראָלירטן און באַשטעטיקטן באַריכט מיט פילע איינצלהייטן. דער באַריכט גיט אָן פאַקטן וועגן די הינריכטונגען, די ערטער וואו זיי זיינען פאָרגעקומען, די צאָל קרבנות און אַנדערע איינצלהייטן, פון וועלכע דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט ביים לייענען.

די נאַציס האָבן די גאַנצע טייוולישע אַרבעט זייערע אַרומגע־רינגלט מיט אַזאַ קאָנספּיראַציע און האָבן דאָס אַזוי גרינדלעך געהיט און באַוואַכט, אַז די וועלט וואָלט וועגן דעם נאָך אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט. אָבער דריי פון די יידן, וועמען די נאַצי־חיות פלעגן צווינגען צו גראָבן די מאַסן־קברים און דאָרטן באַגראָבן די דער־שטיקטע יידישע מענער, פרויען און קינדער, האָבן זיך ווי דורך אַ נס אַרויסגעריסן פון דעם שרעקלעכן אָרט פון די שחיטות און זיינען אַנטלאָפן. און די יידישע און פּוילישע באַפעלקערונגען האָבן זיך דערוואוסט דעם גאַנצן שוידערלעכן אמת.

רעד.

***

יידן פון קאָנינער פּאָוויאַט די ערשטע קרבנות

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן די גאַז־הינריכטונגען פון מאַסן יידן אין אָקטאָבער פון יאָר 1941. די ערשטע קרבנות זיינען געווען די יידן פון קאָנינער פּאָוויאַט (דיסטריקט).

די נאַציס האָבן לעצטן אָקטאָבער צונויפגעטריבן די גאַנצע יידי־שע באַפעלקערונג פון קאָנינער געגנט, אַרום דריי טויזנט מענטשן, אין שטעטל זאַגאַראָוו, וואָס די דייטשן רופן איצט אָן הינטערבערג.

דערביי האָט מען ביי יעדן יידן גענומען אַ טעקס פון פיר מאַרק פאַרן איבערפירן קיין זאַגאַראָוו. די אַלע יידן, מענער אין עלטער פון 14 ביז 60 יאָר, און פרויען פון 14 ביז 50, האָבן געמוזט דורכ־

מאַכן אַ מעדיציניש ע אונטערזוכונג. דאָס האָט מען כלמרשט געוואָלט פעסטשטעלן אויף וויפיל יעדער מאַן און פרוי איז אַרבעטספעאיק.

נאָך דער דאָזיקער מעדיצינישער אונטערזוכונג, האָט מען ערשט די יידן „אַרויסגעשיקט". דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אַן עכט־דייטשישן שטייגער, לויט אַ פריער־אויסגעאַרבעטן פלאַן און זייער „עקאָנאָמיש".

מען פלעגט די יידן אַרויספירן אין לאַסט־טראַקס אין גרופּעס פון 60 מענטשן. מען האָט יעדן דערלויבט מיטצונעמען אַ פּעקל פון 1 קילאָ (אַרום צוויי און אַ פינפטל פונט). די רייזע פלעגט זיך ענדיקן ביי די קאַזימיערזשער וועלדער אין דער געגנט פון זאַגראַוו.

דאָרטן פלעגט מען די יידן אַרויסזעצן און אַריינפירן אין וואַלד. פון דעם מאָמענט אָן פלעגט מען שוין פון די יידן מער גאָרנישט הערן. עס פלעגט פאַרשווינדן יעדער שפּור פון זיי. וויפיל מען האָט געשיקט בריוו און וויפיל שלוחים מען האָט אַרויסגעשיקט סיי קיין דייטשלאַנד און סיי אין פאַרשידענע טיילן פון דער נאַצי־אָקו־פּירטער פּוילן, האָבן זיי וועגן די פאַרשוואונדענע יידן ניט געקענט געפינען קיין שפּור.

אין מיטן דעצעמבער (1941) האָבן די נאַציס זיך גענומען צו דער יידישער באַפעלקערונג פון אַנדערע געגנטן.

עס ווייזט אויס, אַז אין דעם קאָנינער געגנט האָבן זיי אויסגע־פּרובירט דעם נייעם מיטל פון מאַסן־מאָרד, און אַז זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער מיטל אַרבעט אויסגעצייכנט און אַז מען קאָן אויף אַזאַ אופן אין דער שטיל אויסשטיקן די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג און אַ האָן זאָל ניט אַ קריי טאָן, און עס זאָל זיי, די דייטשן, גאָרניט קאָסטן.

האָבן די נאַציס באַלד גענומען אויסשפּרייטן די מאָרד־אַרבעט איבער אַנדערע געגנטן אין פּוילן. די ערשטע איז איצט געווען די געגנט פון קאָלאָ. די פּראָצעדור איז געווען די זעלבע ווי אין דער קאָנינער געגנט.

מען האָט צונויפגעטריבן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון קאָלאָ, אַרום צוויי טויזנט פּערזאָן, און פון דאָמביע אויפן טייך נאַרעוו, אַרום טויזנט פּערזאָן.

אַ ביסל שפּעטער, אָנהויב יאַנואַר, 1942, האָבן די נאַציס צו־נויפגענומען די יידן פון קלאָדאָווע (46 פּערזאָן דעם 2ט־ן און 4־טן יאַנואַר), פון איזביצע קויאַווער (45 פּערזאָן דעם 6־טן און 9־טן יאַ־נואַר), פון בוג (16 פּערזאָן דעם 9־טן יאַנואַר), און מען האָט זיי אַלעמען אַוועקגעפירט אין דעם זעלבן וואַלד.

ווי מען האָט אָנגעהויבן אויסראָטן די יידן פון לאָדזשער געטאָ

אָנהייבנדיק פון 15־טן יאַנואַר (1942) האָבן גענומען אָנקומען אין דאָרף כעלמנאָ גרופּעס „אַרויסגעשיקטע" יידן פון דער לאָדזשער געטאָ. די ערשטע גרופּע איז באַשטאַנען פון 750 משפּחות, אַרום דריי טויזנט נפשות.

פון דעמאָלט אָן זיינען טויזנטער און טויזנטער דורכגעגאַנגען דורך כעלמנאָ. דאָס זיינען געווען יידן פון פאַרשיידענעם עלטער, מענער און פרויען, זקנים און וויג־קינדער, געזונטע און קראַנקע.

דער דאָרף כעלמנא געפינט זיך 12 קילאָמעטער ווייט פון קאָלאָ, אויפן וועג צו דאַביע אויפן טייך נאַרעוו.

מען האָט די „אַרויסגעשיקטע" יידן ניט אָנגעזאָגט אָפיציעל וואו־הין מען פירט זיי און צוליב וואָס. פּריוואַט אָבער האָבן די דייטשן פאַרשפּרייט צווישן זייערע קרבנות פאַרשיידענע קלאַנגען. מען האָט זיי דערציילט, אַז מען וועט אין כעלמנא באַשאַפן אַ יידישן צענטער פאַר דעם גאַנצן פּאָוויאַט (קרייז); אַז דאָס איז נאָר אַן ערשטער אָפּשטעל, און דערנאָך וועט מען באַזעצן אַלע יידן אַרום פּינסק, אָדער אין גאַליציע, און אז. וו..

עס איז אָבער ניטאָ קיין מינדסטער צווייפל, אַז די דייטשישע זשאַנדאַרן האָבן גוט געוואוסט דעם אמתן ציל פון די „אַרויסשיקונגען" פון יידן.

אַלע אַרויסגעשיקטע קיין כעלמנא זיינען פאַרשוואונדן. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען האַלט די יידן אין אַרטיקן שלאָס, און אַז פון דאָרטן פירט מען זיי אַרויס פּאַרטיעסווייז אין די דערבייאיקע לובראָדזקער וועלדער, וואו מען דערהרגעט זיי.

די דייטשן האָבן די גאַנצע זאַך צוגעגרייט מיט אַלע איינצלהייטן, מיט דעם בעסטן פּלאַן און אין דער שטרענגסטער קאָנספּיראַציע. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, האָט מען זיך איצט דערוואוסט אַלע איינצלהייטן פון דעם שוידערלעכן מאַסן־מאָרד.

ווי די מאַסן־שחיטות זיינען פאָרגעקומען

די אָנגעקומענע יידן פלעגט מען צוערשט אַריינפירן אין קלויס־טער פון כעלמנא, וואו די יידן פלעגן איבערלאָזן זייער באַגאַזש. פון דאָרטן פלעגט מען זיי אוועקפירן אין שלאָס — אַן איינשטאָקיקע חורבה פון אַן אַמאָליקן פּאַלאַץ, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ביים אָנקומען אין כעלמנא פֿלעגט מען די יידן באַהאַנדלען העפֿלעך און מילד, זיי העלפֿן אַרויסגיין פֿון וואָגן, און אַז. וו. באַזונדערס העפֿלעך איז געווען אַן עלטערער דייטש פֿון אַ יאָר 60. מען פֿלעגט די יידן אַריינפֿירן אין אַ שאָפּע, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט מיט לייטערס, ווי אין אַ באָד, פֿון דאַנען האָבן טרעפּ געפֿירט צו אַן אונטערערדישן קאָרידאָר, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ מין ראַמפּע.

אין דעם קאָרידאָר זיינען ביי די זייטן געווען קעלערן. אין איינעם פֿון זיי פֿלעגט דער עלטערער דייטש האַלטן פֿאַר די יידן אַ רעדע. ער פֿלעגט זיי זאָגן, אַז מען פֿירט זיי אין לאָדזשער געטאָ, וואו די מענער וועלן זיין באַשעפֿטיקט אין פֿאַבריקן, ביי מלאכות און האַנדל, די פֿרויען ביי הויז־אַרבעט און די קינדער וועט מען שיקן אין שולן. אָבער זיי מוזן זיך פֿריער אויסבאָדן אין דער אָרטיקער באָד און זיך לאָזן דעזינפֿעקצירן און אויך לאָזן דעזינפֿעקצירן די קליידער.

מען פֿלעגט הייסן די יידן זיך אויסטאָן, די פֿרויען ביז די העמדער, די מענער ביז העמדער און גאַטקעס. קאָסטבאַרע זאַכן האָבן זיי געדאַרפֿט איבערלאָזן, אַז זיי זאָלן ניט קאַליע ווערן. ענדלעך פֿלעגט מען אַלעמען אַרונטערפֿירן אין קאָרידאָר ביז צו דער ראַמפּע. דאָ פֿלעגט זיך די באַהאַנדלונג פֿון די דייטשן פּלוצלונג ענדערן. מיט בייטשן און מיט הענטלעך פֿון ביקסן פֿלעגט מען די יידן אַריינטרייבן אין הינריכטונג־טראָק.

דערביי פֿלעגן זיך אָפּשפּילן סצענעס פֿון אומבאַשרייבלעכער מענטשלעכער פֿאַרצווייפֿלונג און שרעק. יידן פֿלעגן הויך אויפֿן קול דאַוונען.

דער טראָק איז אינווייניק געווען אַרומגעשלאָגן מיט בלעך, און אונטן זיינען געווען אייגעשטעלט רערן, דורך וועלכע מען האָט אַריינגעלאָזן גאַז. די גאַז־מאַשין האָט קאָנטראָלירט דער שאָפֿער. נאָכדעם ווי מען פֿלעגט אַריינשטופּן די קרבנות אין טראָק און פֿאַרהאַקן די טיר, פֿלעגט דער טראָק אָפּפֿאָרן אַ זיבן קילאָמעטער אין דער ריכטונג פֿון קאָלאָ. די רייזע האָט גענומען אַ 15 מינוט.

דאָרטן, לינקס פֿון שאָסיי, איז געווען דאָס הינריכטונגס־פֿעלד. אַרום און אַרום איז דאָס גאַנצע אָרט געווען אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרן, וואָס זיינען געווען באַוואָפֿנט מיט מאַשין־פּיסטאָלעטן.

דאָ האָט זיך געפונען אַ גרוב פון אַרום 5 מעטער (אַרום 16 פוס) טיף און איין אַדער אַנדערהאַלבן מעטער ברייט אונטן און פינף מע־טער ברייט אויבן. דאָ זיינען שוין געווען אַרום 30 דייטשן און פון 20 ביז 50 יידישע מקברים, באַגרעבער, אין בלויזע העמדער.

פון אָנגעקומענעם טראַנספּאָרט פלעגן זיך הערן פאַרשטיקטע קללות און קלעפּ אין די ווענט, אָבער אין אַ פערטל שעה אַרום פלעגט אַלץ ווערן שטיל. איינער פון די שאָפערן, וועלכע זיינען געווען אין היטלער־גוואַרדיע־מונדירן, פלעגט אָנצינדן אַן עלעקטריש לעמפל און אַריינקוקן דורך אַ שייבל. און אַז ער פלעגט זען, אַז אַלע זיינען טויט, פלעגט ער צופירן דעם טראַק צום מאַסן־קבר.

דער קאָמאַנדיר פון די „ס. ס." („שוץ־שטאַפעל", היטלער'ס גוואַרדיע) פלעגט דעמאָלט באַפוילן צו עפענען דעם טראַק. אַכט יידישע באַגרעבער פלעגן זיך נעמען צו דער אַרבעט. פיר פלעגן אַראָפּוואַרפן די מתים, צוויי פלעגן זיי אַריינוואַרפן אין גרוב, און צוויי פלעגן די הרוגים דאָרטן צעלייגן.

צוויי ציווילע דייטשן פלעגן נאָכאַמאָל באַטראַכטן יעדן מת, פלעגן אַראָפּרייסן אַ רינגל, אַ קייטל פון האַלדז, אויסרייסן מיט אַ צוואַנגל גאָלדענע ציין. די געשענדעטע און באַרויבטע קערפּערס פלעגט מען דערנאָך אויסלייגן אין אַ ריי אין דער גרוב, אויף די אָנווייזונגען פון דעם „ס. ס."־מאַן, וואָס פלעגט דיריזשירן מיט אַ סאָסנע־צווייג אין האַנט. אַ קאָפּ פון איינעם פלעגט ליגן צופוסנס פון אַ צווייטן, און אין פרייע ערטער פלעגט מען לייגן קינדער. אין אַזאַ שיכט פלעגט מען אויסלייגן אַרום אַ 200 הרוגים. מען פלעגט זיי פאַרשיטן און אויף זיי לייגן אַ צווייטן שיכט.

אינמיטן פלעגט מען אַזאַ שיכט באַשיטן מיט כלאָר, צו פאַר־טרייבן דעם שרעקלעכן ריח. טעגלעך פלעגט מען אויף אַזאַ אופן באַגראָבן פון 6 ביז 9 טראַנספּאָרטן. נאָך אַ גרינטלעכער רייניקונג פלעגט דער טראַק אָוועקפאָרן ברענגען נייע קרבנות.

די איינציקע עדות — די יידישע באַגרעבער

די איינציקע זייטיקע עדות פון דעם שוידער זיינען געווען די יידישע באַגרעבער. זיי האָט מען געהאַלטן אין די קעלערן פון שלאָס. 7 אינדערפרי פלעגט מען זיי געבן ביטערע, לעבלעכע קאַווע און טרוקן ברויט, וואָס מען האָט צוגענומען ביי די יידישע קרבנות, וואָס מען האָט אַהער געבראַכט. נאָכן אָנבייסן פלעגט מען אָפּשליסן די

דריי שלעסער, און עס פלעגט זיך דערהערן אַ געשריי: „יודען, ראַוס!" דער אָפיצער האָט קיינמאָל ניט געוואָגט אַליין אַראָפגיין אין קעלער, מורא האָבנדיק פאַר אַן אַקט פון פאַרצווייפלונג פון די יידן. אויפן הויף פלעגט מען זיי איבערציילן, אריינשטופן אין אַ טראַק און אַוועקפירן צום היגריכטונג־פעלד.

די אַרבעט פלעגט אָנגיין אַ גאַנצן טאָג. אַכט באַגרעבער, וואָס פלעגן שטיין אין גרוב, האָבן זייער אָנבייסן פון ביטערער קאַווע באַקומען דאָרטן, אין אָוונט פלעגט מען זיי באַפעלן זיך לייגן מיטן פּנים צו די מתים, און איינער פון די ס. ס.־לייט פלעגט זיי דורכלעכערן דעם קאָפּ מיט אַ מאַשין־פּיסטאָלעט.

די איבעריקע יידישע באַגרעבער פלעגן פאַרשיטן דעם קבר און זיך אומקערן אין קעלער. אויף יעדן שריט האָבן זיי געהיט זשאַנדאַרן און „ס. ס."־לייט מיט פּיסטאָלעטן אין די הענט. אָפטמאָל פלעגן זיי מוזן באַגראָבן זייערע נעענטסטע, אַזוי, למשל, האָט אייזענשטאַב, פון קלאָדאַווע, באַגראָבן זיין אייגענע פרוי און 15־יאָריקע טאָכטער; כזשאַנטאָווסקי פון קלאָדאָווע — זיין 14־יאָריקן זון. איינער מיטן נאָמען ווינער פון איזביצע־קויאַווסקי האָט באַגראָבן זיינע עלטערן און אַ ברודער. פאָדכלעבניק האָט געמוזט באַגראָבן זיינע עלטערן, זיין פרוי און צוויי קינדער; ראָזענטאַל — זיין 60־יאָריקן פאָטער.

יעדן טאָג פלעגן קומען אָפיצערן פון די „ס. ס." באַקוקן דעם אָרט און פלעגן שטאַרק לויבן די אַרבעט. דעם 13־טן יאַנואַר האָט פּאַסירט, אַז אַ קינד, איינגעוויקלט אין קישענס, האָט זיך געראַטעוועט פון די גאַזן. מען האָט דאָס קינד באַלד דערהרגעט מיט אַ מאַשין־פּיסטאָלעט.

די סצענעס אין דעם קעלער, וואו מען האָט געהאַלטן די יידישע באַגרעבער אין קעלט און געשטאַנק, זיינען גאָר אומבאַשרייבלעך. דערצו פלעגן די נאַציסטע וועכטער זיי צווינגען צו זינגען און נאָר אַזעלכע זאַכן, ווי „מיר יידן באַדאַנקען אַדאָלף היטלער פאַר דאָס עסן".

אַ סך מאָל האָבן די יידישע באַגרעבער געפּרוואווט אַנטלויפן, אויסהאַקן די פענצטער, זיך צונויפריידן מיט דער אַרומיקער וועלט. סוף כל סוף האָט זיך דריי פון זיי איינגעגעבן צו אַנטלויפן, און פון זיי שטאַמט דאָס דער איצטיקער אויספירלעכער באַריכט וועגן דעם גרעסטן שוידער פון אונדזער צייט.

באַריכט פון צענטראַלן קאָמיטעט פון
אונטערערדישן בונד וועגן לעבן אין געטאָ

דער ווייטערדיקער באַריכט איז געשריבן אין אַ שיפר־שפּראַך, וועלכע איז געווען איינגעשטעלט צווישן דעם אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן און דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ. דער שיפר איז באַנוצט געוואָרן פון 1939 ביז 1942. — רעד.

***

16טער מערץ 1942

טייערע: —

נאָך אַ יאָריקן איבעררייס באַקומען מיר ווידער אַ מעגלעכקייט אייך צו געבן צו וויסן וועגן אונדז.

לאָמיר אָנהויבן דערפון, וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט (וואַרשע, רעד.).

דער „בונד" האָט אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר פאַרשטאַרקט זיין פּאָזיציע און אויסגעברייטערט זיין איינפלוס. אוודאי, מיינען מיר, אַז איר האָט שטענדיק אין זינען די געענדערטע באַדינגונגען און מעג־לעכקייטן, צו וועלכע מען דאַרף זיך צופּאַסן. מען קען דאָס באַצייכע־נען אויף אַזאַ אופן — עס זענען פאַראַן קאַדרן, וועלכע וועלן אין פּאַ־סיקן מאָמענט קענען אַרומכאַפּן אַ גרויסן קרייז.

אונדזער אָרגאַניזאַציע איז געבויט אויף אונדזערע קעמערלעך אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען ווי אויך אויף פּאַרטייאישע גרופּן.

די יידישע באַפעלקערונג איז מוראדיק דעקלאַסירט געוואָרן. ליידער, איז געוואָרן דער הויפּט־קוואַל פון עקזיסטענץ פון דער יידי־שער באַפעלקערונג — דער נישט לעגאַלער שמוגל־האַנדל. אונדזערע מענטשן אַרבעטן הויפּטזעכלעך אין וואוילטעטיקע אָדער געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס. די פּאַרטיי־גרופּן קומען זיך סיסטעמאַטיש צונויף. מיט דער גאַנצער אַרבעט פירט אָן אַן עקזעקוטיוו און פּאַרטיי־ראַט. אויף דעם זעלבן אופן איז טעטיק די יוגנט („צוקונפט") און סקיף־אָרגאַניזאַציע.

בכלל גענומען גייט די אַרבעט גוט און מען רעכנט זיך מיט אונדז שטאַרק. די ספּעציפישע געוויכט פון דער אַרבעט איז די זעלבע, ווי פאַר דער מלחמה.

ווי אַזוי פּאַסן מיר זיך צו צו די נייע באַדינגונגען? די יוגנט, למשל, האָט קלובן, פּירט סעמינאַרן, מאַטורעלע קורסן.

בכלל אַנטוויקלט זיך אַ גרויסע קולטור־אויפקלערערישע אַר־בעט (פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ איז ווי געהעריק מאַסקירט). די יוגנט און סקיף פירן אַפילו אַ דראַמאַטישן קרייז און כאָר.

דאָרט וואו עס אַרבעטן יידישע אַרבעטער איז ווייטער טעטיק די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

דער „בונד" און די „צוקונפט" (יוגנט־אָרגאַניזאַציע) גיבן אַרויס צייטשריפטן. דער „בונד" גיט אַרויס אַ וואָכן־אויסגאַבע, אין וועל־כער עס ווערן באַהאַנדלט אַלע אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן. דער וואָכן־זשורנאַל ווערט זייער שטאַרק געלייענט. חוץ דעם גיט ער אַרויס אַ טעאָרעטישן חודש־זשורנאַל.

די פּאַרטיי האָט אויך אַ פּוילישע חודש־אויסגאַבע, וועלכע נעמט שטאַרק אויס ביי דער אינטעליגענץ און אין די פּוילישע אַרבעטער־קרייזן.

די יוגנט גיט אַרויס סיי אויף יידיש און סיי אויף פּויליש — אַ חודש־זשורנאַל. צוזאַמען, ווי איר זעט, אַכט אויסגאַבעס אַ חודש.

עס זענען טעטיק צוויי יידיש־וועלטלעכע שולן. זיי באַדינען צוואַנציק פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער. צו־ליב די באַדינגונגען גייען בכלל אַסך ווייניקער קינדער אין שולן. אין די צוויי פונקציאָנירנדיקע שולן גיט מען אויך די קינדער צו עסן. פון דעם עסן געניסן מער קינדער, ווי די, וועלכע באַזוכן די שול.

די קיכן זענען ווייטער טעטיק, הגם דאָס עסן איז אַסך ערגער געוואָרן. די מעדעם־סאַנאַטאָריע, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, איז ווייטער טעטיק און שטייט אויף אַ הויכן ניוואָ.

מיר פאַרגעסן נישט וועגן הילף פאַר אונדזערע חברים, וועל־כע זענען געבליבן אָן שפּייזער און פאַרדינער, ווי אויך פאַר געקו־מענע פון פּראָווינץ, קראַנקע און בכלל אַזעלכע, וועלכע קענען זיך אָן הילף נישט באַגיין. אין דעם געביט איז אונדז געלונגען איינצו־האַלטן און אַפּצוהיטן אונדזער אַקטיוו.

אין משך פון דער גאַנצער צייט האָבן מיר איינגעהאַלטן באַ־ציאונגען מיט די אָרגאַניזאַציעס אויף דער פּראָווינץ — מיר האָבן

זיי געהאָלפן סיי גייסטיק, סיי מאַטעריעל. וואָס שווערער עס זענען גע־וואָרן די קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען, וואָס מער די שטעט זענען גע־וואָרן אָפּגעשניטן איינע פון די אַנדערע — איז אויך אונדזער קאָנ־טאַקט, בפרט דער גייסטיקער — געוואָרן לויזער. דאָך טוען מיר אַלץ, אַז דער קאָנטאַקט מיט די חברים אויף דער פּראָווינץ זאָל נישט איבערגעריסן ווערן. מיט אונדזער מאַטעריעלער הילף דערגרייכן מיר אָפּילו קיין לאָדזש (געוויזן אָנגעשלאָסן אין „רייך", רעדאַקציע). ווי נאָר עס איז געוואָרן מעגלעך, האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט ווילנע און לעמבערג.

וואָס שייך אונדזערע קרבנות זענען זיי אין אייניקע שטעט זייער צאָלרייך און ווייטזאָגנדיק. אַמווייניקסטנס האָט דערוויילע גע־ליטן וואַרשע.

בערנאַרד איז נאָך ביז איצט אויסבאַהאַלטן, און נאָר געציילטע מענטשן האָבן אַ מעגלעכקייט מיט אים זיך צו קאָמוניקירן.

ביז איצט האָבן מיר אָממערסטן געליטן אין פּיעטרקאָוו, ראַדאָם, טשענסטאָכאָוו און טאָמאַשאָוו. בעלאַ שאַפּיראַ (די פירערין פון „בונד" אין לובלין, רעד.) איז אַרעסטירט.

פון דער צייט אָן זייט מיר האָבן אויפגעהערט צו באַקומען אייערע סומען דורך שוועדן, האָבן מיר פון די אָנגעזאָגטע 7,000 דאָלאַר נאָר באַקומען 1700. קאָנטראָלירט און פאַרשט אויס דעם ענין. לעצטנס האָט דאַ עמיצער אין אייער נאָמען אויך אויסגעצאָלט 500 דאָלאַר. הבא דאַרפט איר וויסן, אַז די אַלע וועגן זענען נישט קיין זיכערע, דער בעסטער וועג וואָלט געווען צו שיקן דורך דער דעלעגאַטור פון דער פּוילישער רעגירונג. אָבער איר דאַרפט די דאָזיקע פאַרבינדונג אַליין שאַפן און באַקומען די געהעריקע פאַרזיכערונג, אַז דאָס געלט וועט אונדז צוגעשטעלט ווערן. מיר האָבן ביז איצט זיך אָן עצה גע־געבן דורך דעם, וואָס מיר האָבן געמאַכט הלוואות.

יידן זענען פאַרשלאָסן אין געטאָ. צוליב הונגער און עפּידעמ־יעס איז די שטאַרבלעכקייט אַ ריזיקע. אין 1941 זענען ביי אונדז אין שטאָט (וואַרשע, רעד.) אויסגעשטאָרבן צען פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג (45 טויזנט מענטשן). די שטאַרבלעכקייט וואַקסט כסדר און דערגרייכט שוין ביז פופצן פּראָצענט. עס וואַקסט די שטאַרבלעכקייט אויפן באַדן פון אַזעלכע קרענק ווי: הונגער־געש־וויקעכץ, טיפוס און טובערקולאָז. אָממערסטן לאָסטעט אויף די יידן די נישט־זיכערקייט מיטן לעבן. אין אַ ריי שטעט קומט פאָר פון צייט

צו צייט דאָס מאַסנווייזע צעשיסן פון יידן, אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט — אָן שום סיבות, יידן דראָט טויט־שטראָף פאַר פאַר־לאָזן דאָס וואוין־אָרט, אָן אַ געריכט. די צוואַנג־אַרבעט־לאַגערן שלינ־גען איין טויזנטער קרבנות, און די יעניקע, וועלכע קומען אַפּילו אַהיים נאָך אַ פּאָר חדשים, זענען קראַנק און צעבראָכן. אין ווילנע און אומ־געגנט האָבן די נאַציס מיט דער הילף פון זייערע ליטווישע קנעכט אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אויסגעמאָרדעט די מערהייט פון די יידן — אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט. די פּוילישע באַפעל־קערונג האָט אַרויסגעוויזן צו יידן אַ סך מיטגעפיל און אין אַ באַדייטנ־דיקער מאָס געהאָלפן. אין ווילנע זענען קוים געבליבן צען טויזנט יידן. אין אַ ריי קלענערע שטעט איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אומגעבראַכט געוואָרן. די רעשטלעך, וועלכע זענען געבליבן, זע־נען פאַרמאַכט אין אַ ריי שטעט און געטאָס וואו זיי וועגעטירן אין שוידערלעכע באַדינגונגען. מאַסן־מאָרדן זענען אויך פאָרגעקומען אין פּאָלעסיע, וואָלין און מזרח־גאַליציע.

די העכסטע מאָס פון חיהשקייט האָט דערגרייכט די פאַרניכטונג־אַקציע פון יידן, וועלכע איז פאָרגעקומען אויף די געביטן, וואָס זע־נען אַנגעשלאָסן אין „רייך" (קוטנער געגנט). די יידישע באַפעלקערונג פון אַ ריי שטעט איז פאַרסמט געוואָרן מיט גאַז. אויף אַ שרעקלעכן אופן האָט מען — אין גרופּעס צו 50 — אַריינגעשטופּט מענטשן אין הערמעטיש־פאַרמאַכטע אויטאָס, וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאַז־קאַמערן. מען האָט אַריינגעקוועטשט אין די דאָזיקע אויטאָ־קאַמערן נאָקעטערהייט גאַנצע משפּחות. נאָך 15 מינוט האָט שוין קיינער נישט געלעבט. די, וועלכע זענען געבליבן לעבן און געדאַרפט זיין די נעקסטע קרבנות — האָט מען געצוואונגען צו גראָבן מאַסן־קברים פאַר די דערשטיקטע.

כדי אייך צו שילדערן די שטימונג פון דער באַפעלקערונג, וועלן מיר אייך ציטירן אַ בריוו פון לעצטן פעברואַר פון אַ משפּחה אין זשיכ־לין (וועלכע איז אונדז באַקאַנט) צו אַ היגער אונדז באַקאַנטער משפּחה. די שרייבער פון דעם בריוו לעבן שוין נישט מער. אַזעל־כע בריוו קומען אָן אַ סך. און אָט איז אַן אויסצוג פון בריוו:

„טייערע בראַניע: — די האַנט ציטערט. איך קען נישט שרייבן. ביי אונדז איז זייער שלעכט. אונדזערע מינוטן זענען געציילטע. אין גאָט ווייסט צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען. איך שרייב און

באַגיס זיך מיט טרערן. מיינע קינדער זענען פאַרצווייפלט. עס ווילט זיך דאָך אַזוי שטאַרק לעבן... מיר אַלע געזעגענען זיך מיט אייך אַלעמען. איך באַקום בריוו פון האַני און האַליע. בעט איך דיך, בראָניע, דו זאָלסט זיי אָנשרייבן און געזעגענען זיך מיט זיי אין אונדזער נאָמען. מיר קושן אייך. שרייב תיכף. אפשר וועלן מיר נאָך באַקומען דיין בריוו. אויב דו וועסט תיכף נישט באַקומען פון אונדז קיין ענטפער, זאָלסטו וויסן, אַז מיר לעבן שוין נישט."

לאָדזש איז איין גרויסער קאָנצענטראַציע־לאַגער. יידן זענען פולשטענדיק אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט און פון דעם אַנדערן אַרישן טייל פון שטאָט. זיי שטאַרבן אויס אין אַ מוראַדיקן שנעלן טעמפּאָ.

סיסטעמאַטיש ווערן פון דאָרט אַרויסגעפירט טויזנטער משפחות און יעדער שפור זייערער פאַרשווינדט נאָכדעם. זיי ווערן פאַרסמט מיט גאַז.

אין די געטאָס באַלעבאַטעווען מיטן הסכם פון חער דייטשער מאַכט, יידישע תקיפים, וועלכע האָבן אין זינען זייערע אייגענע אינ־טערעסן און דעם גורל פון זייערע נאָענטע אויפן חשבון פון נויט און ליידן פון די יידישע מאַסן.

קאָרופּציע, אויסנוצונג און גנבה זענען טאָג־טעגלעכע דער־שיינונגען.

די קעגנער פון „בונד" און „צוקונפט" ווייזן נישט אַרויס קיין גרויסן אינטערעס פאַרן גורל פון פוילן.

די פּועלי־ציון און די הכשרה זענען אַפילו גרייט אָפּצוטרעטן פוילן דעם מזרח־שכן. אין זייערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס רעדן זיי וועגן איין חלום — אָוועקצופאָרן אין פּאַלעסטינע.

זיי מינימיזירן די באַדייטונג פון די אַליאירטע פאַר אונדזער צוקונפט. זייער איינציקע האָפענונג בינדן זיי מיט רוסלאַנד.

אַנדערע קעגנער אונדזערע וואַרטן פּאַסיוו אויף אויסלייזונג.

דער „בונד" וועקט האָפענונג און זייט גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון פוילן.

די קאָמוניסטן האָבן זיך לעצטנס דאָ אָרגאַניזירט און פירן די אַרבעט אונטער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע און פּאַטריאָטישע לאָזונגען. ביז איצט איז זייער איינפלוס אין געטאָ אַ מינימאַלער.

דער דזשאָינט ווייזט נישט אַרויס גענוג פאַרשטענדעניש פאַר אונדזערע נויטן.

ביז העלפט 1941 האָבן מיר איינגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט וו. ר. נ. (פ.פ.ס.) און מיט דער גרופּע „וואָלנאָששטש". דער קאָנטאַקט איז געווען אַ לויזער און גאַנץ קילער — נישט צוליב אונדזער שולד.

עס האָבן אונדז שוין דאַן געטיילט מיינונגס־פאַרשידנהייטן אין אַ גאַנצער ריי פּראָבלעמען. נאָך טיפער זענען געוואָרן די חלוקי־דעות נאָך יוני 1941 און צוליב דעם פּראָגראַם, וועלכן די וו. ר. נ. האָט אַרויסגעגעבן.

אין דער אַנדערער העלפט 1941 האָבן מיר אָנגעקניפּט באַצי־אונגען מיט אַן אַנדער גרופּע, פון וועלכער עס האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט די אָרגאַניזאַציע פון „פּוילישע סאָציאַליסטן". איר קענט מסתמא זייער פּראָגראַם. זיי גרופּירן אַרום זיך אַלע אָפּאָזי־ציאָנעלע און לינקע עלעמענטן פון דער אַמאָליקער פּאַרטיי. דער קאָנטאַקט מיט די פּוילישע סאָציאַליסטן איז געוואָרן וואָס אַמאָל נענטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי פאַרענטפערן די פּרינצי־פּיעלע גרונט־פראַגן אויפן זעלבן אופן ווי מיר. דאָס קומט צום אויס־דרוק אין זייערע אויסגאַבעס. דער דאָזיקער צושטאַנד דויערט ביזן היינטיקן טאָג.

אונדזער קאָנטאַקט איז אַ האַרציקער און זייער אַ נאָענטער. מיר העלפן זיך קעגנזייטיק אין אַ ריי פאַלן. מיט וו. ר. נ. טרעפן מיר זיך אויך ווייטער און באַהאַלטן נישט פאַר זיי אונדזערע באַציאונגען מיט די „פּוילישע סאָציאַליסטן". דורך דער פאַרמיטלונג פון די „פּוי־לישע סאָציאַליסטן" האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיטן דעלעגאַט פון דער רעגירונג.

אַ דאַנק דער אַגיטאַציע פון אָקופּאַנט, וועלכע האָט אָנגעטראָפן אויף אַ גוטן באָדן, זענען די אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן דער פּוילישער געזעלשאַפט געוואָרן שטאַרק. אַ טייל פון דער סאַנאַציע־פּרעסע פאַראַוועט ווייטער אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. דאָס ווערט געטאָן אויפן אַלטן שטייגער, זיי לויבן די היטלעריסטישע עקסטער־מינאַציע־פּאָליטיק, הגם זיי פאַראורטיילן די באַרבאַרישע מעטאָדן.

ליידער, פאַרשווייגן די מערסטע אונטערערדישע צייטונגען די אוממענטשלעכע און שענדלעכע — אפילו פון פּוילישן שטאַנדפּונקט — אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון אַ טייל אונטערערדישער פּרעסע. דעצידירט טרעטן אַרויס קעגן און באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם די ציי־טונגען פון די „פּוילישע סאָציאַליסטן" און — אין אַ קלענערער מאָס — די פּרעסע פון וו. ר. נ. און דעמאָקראַטן.

מיר וואַרפן אָפּ יעדע עמיגראַציאָניסטישע לייזונג און פאַרטיידיקן דעם פּרינציפּ פון בירגערלעכער און געזעלשאַפטלעכער גלייכבאַרעכ־טיקונג.

מיר שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון אַ פריי, אומאָפּהענגיק סאָציאַליסטיש פּוילן אין אַ פרייוויליקער פעדעראַציע פון סאָציאַליס־טישע רעפּובליקן אין אייראָפּע.

מיר בעטן אייך אונדז אינפאָרמירן:

1) וועגן דער לאַגע פון אונדזערע חברים אין רוסלאַנד און בעיקר וועגן ערליכן און אַלטערן.

2) וועגן דער באַציאונג פון סאָציאַליסטישן לאַגער און בעיקר וועגן אייער באַציאונג צו סאָוויעט־רוסלאַנד.

3) צי זענען פאַראַן סימנים און פּערספּעקטיוון אויף ענדערונגען פון רעזשים אין רוסלאַנד.

4) ווי זענען באמת אויס די רוסיש־פּוילישע באַציאונגען?

5) ווי זענען אייערע באַציאונגען מיט דער פּוילישער רעגירונג און נאַציאָנאַל־ראַט.

6) וואָס הערט זיך בכלל אין דער סאָציאַליסטישער וועלט?

7) וועגן די כוחות־פאַרהעלטענישן אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע און די פּערספּעקטיוון פון דאָרטיקן יידישן לעבן.

מיר שיקן אייך די האַרציקסטע גרוסן.

מעמאָריאַל פון אונטערערדישן „בונד" אין פוילן צו דער פוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן וועגן די יידן־שחיטות

מאַי 1942.

פון דעם טאָג, ווען עס איז אויסגעבראָכן די רוסיש־דייטשישע מלחמה — זענען די דייטשן צוגעטראָטן צום פיזישן אויסראָטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. זיי באַנוצן צו דער אַרבעט אוקראַאינער און ליטווישע שאאוליסטן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט מזרח־גאַליציע אין די זומער־חדשים 1941. אומעטום איז געווען דער פאָלגנדיקער אופן פון האַנדלען: מען האָט צונויפגעטריבן אויף איין אָרט מענער פון 14 ביז 60 יאָר. צונויפגעטריבן האָט מען זיי אויף אַן עפנטלעכן פלאַץ, אָדער בית־עולם. דאָרט האָט מען זיי אויסגעשאָכטן, אָדער דערשאָסן מיט גראַנאַטן אָדער מאַשין־געווער. קברים האָבן זיך די קרבנות געמוזט אַליין גראָבן.

קינדער פון די יתומים־הייזער, איינוואוינער פון די מושב־זקנימס, קראַנקע אין די שפּיטעלער האָט מען דערשאָסן אויף די גאַסן.

פון אַסך שטעט האָט מען יידן אַרויסגעפירט אין אַן „אומבאַקאַנטער" ריכטונג און זיי דערמאָרדעט אין די שכנותדיקע וועלדער. אין לעמבערג האָט מען דערהרגעט 30 טויזנט יידן, אין סטאַניסלאַוו — 15,000, טאַרנאָפּאָל — 5,000, זלאָטשעוו — 2,000, בזשעזשאַן — 4,000 (די דאָזיקע שטאָט האָט געהאַט פאַר דער מלחמה אַ באַפעלקערונג פון 18 טויזנט יידן, איצט געפינען זיך דאָרט 1,700). דאָס זעלבע איז געשען אין זבאַראַוו, קאָלאָמיי, סאַמבאָר, סטרי, דראָהאָביטש, זבאַראזש, פּשעמישלאַני, ראווא רוסקא א"א.

די פאַרניכטונג־אַקציע האָט זיך אין אַסך שטעט אייניקע מאָל איבערגעחזרט, אין אַסך שטעט דויערט זי נאָך — לעמבערג.

אין אָקטאָבער און נאָוועמבער (1941) איז דאָס זעלבע פאָרגעקומען אין ווילנע, אין ווילנער געגנט און אין קאָווגע, ליטע. אין

ווילנע האָט מען אין משך פון נאָוועמבער חודש דערהרגעט 50,000 יידן. איצט זענען אין ווילנע פאַראַן קוים 12,000 יידן. די אַלגעמיינע צאָל יידן, וועלכע זיינען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דערמאָרדעט געוואָרן אויפן געביט פון ווילנער געגנט און קאָוונער ליטע, מאַכט אויס — לויט שאַצונגען — 300 טויזנט.

אין סעפטעמבער (1941) האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסמאָרדן יידן אין סלאָנים. מע האָט אויסגעהרגעט אַלע יידן אין זשוראַוויץ, לאַכאָוויץ, מיר, קאָסאָוו, א"א. אין סלאָנים האָט זיך די „אַקציע" אָנגעהויבן דעם 15טן אָקטאָבער. עס זענען דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן העכער 9,000 יידן. אין ראָוונע האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אומברענגען יידן אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער. אין משך פון 3 מעת לעת זענען דערשאָסן געוואָרן העכער 15,000 יידן — מענער, פרויען און קינדער. אין האַנצעוויטש (נישט ווייט פון באַראַנאָוויטש) זענען דערשאָסן געוואָרן 6 טויזנט יידן. די אַקציע פון אומברענגען יידן האָט אַרומגעכאַפּט די טעריטאָריע איבערן סאַן און בוג. מיר האָבן זיך באַנוגנט בלויז מיט אויסרעכענען נאָר אייניקע געגנטן.

אין נאָוועמבער און דעצעמבער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסמאָרדן יידן אויך אויף די געביטן, וועלכע זענען פאַראייניקט צום רייך, ד"ה ווארטאגאו. דאָס אומברענגען איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דערשטיקן מיט גאַז, אין דאָרף כעלמנאָ, 12 קילאָמעטער פון קויל (קאָלנער פאָוויאַט). צום פאַרגאַזעווען האָט מען באַנוצט ספּע־ציעלע אויטאָס (גאַז־קאַמערן), אין וועלכע מען האָט אַריינגעשטופּט צו 90 מענטשן. די קרבנות האָט מען באַגראָבן אין ספּעציעלע קברים אויף אַ פּאָליאַנע אין לובראָדזקער וואַלד. די קברים האָבן די פאַר־משפּטע געמוזט אַליין אויסגראָבן. אין דורכשניט זענען טעגלעך פאַר־גאַזעוועט געוואָרן 1,000 מענטשן. אין כעלמנאָ זענען אין משך פון דער צייט נאָוועמבער 1941 ביז מערץ 1942 אומגעבראַכט געוואָרן די איינוואוינער פון קאָלאָ, דאָמביע, בוגאַי, איזביץ־קויאַווסקי — צו־זאַמען 5,000 יידן, חוץ דעם 3,500 יידן פון לאָדזשער געטאָ און אַ געוויסע צאָל ציגיינער.

אין פעברואַר 1942 הויבט זיך אָן דאָס אומברענגען די יידן פון דעם אַזוי גערופענעם גענעראַל גואווערנמענט. דער אָנהייב: טאַרנאָוו, ראַדאָם. דאָרט האָבן אָנגעהויבן יעדן טאָג די געטאָס צו באַזוכן די געסטאַפּאָוצעס און ס. ס.־לייט. זיי האָבן סיסטעמאַטיש דערמאָרדעט יידן אויף די גאַסן, הויפן און וואוינונגען.

אין מערץ הויבט זיך אָן די מאַסן־אַקציע פון אַרויסטרייבן די יידן פון לובלין. דערביי זענען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אומגעבראַכט געוואָרן קינדער און זקנים — סיי פון מושב זקנימס, סיי פון שפּיטעלער (אַלגעמיינע און עפּידעמישע). עס ווערן אויך אומגעבראַכט מענטשן אויף די גאַסן און אין די הייזער.

די אַלגעמיינע צאָל — 2,000. אַן ערך 25 טויזנט לובלינער יידן זענען אין פאַרפלאָמבירטע וואַגאָנעס אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג". יעדער שפּור פון די דאָזיקע מענטשן איז פאַרשוואונדן. אַן ערך 3,000 יידן זענען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין מאַידאַנעק טאַטאַראָוו, פאָרשטאָט פון לובלין.

אין לובלין איז נישט געבליבן קיין איינציקער ייד. אין די לעצטע טעג פון חודש מערץ האָט מען אין קראָקע — לויט אַ צוגעגרייטער ליסטע — צוזאַמענגענומען יידן און זיי דערשאָסן פאַר די טויערן פון זייערע הייזער.

אין וואַרשעווער געטאָ האָבן די געשטאַפּאָ־לייט (אין דער נאַכט פון 17טן אויפן 18טן אַפּריל) איינגעאָרדנט אַ בלוט־באָד. לויט אַ צוגעגרייטער ליסטע האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט 50 יידן (מענער און פרויען), וועלכע זיי האָבן בעסטיאַליש דערמאָרדעט פאַר די טויערן פון זייערע הייזער. אַ געוויסע טייל פון די אָנגעצייכנטע קרבנות האָט די געשטאַפּאָ נישט געטראָפן אין זייערע היימען.

פון 18טן אַפּריל ווערן יידן — אין מיטן העלן טאָג — דערהרגעט.

די דאָזיקע אַקציע גייט לויט פריער צוגעגרייטע ליסטעס און נעמט אַרום אַלע טיילן פון וואַרשעווער געטאָ.

וועגן אַנדערע בלוטיקע נעכט וועלן מיר באַלד דערציילן. לויט די אָפּשאַצונגען האָבן די דייטשן ביזן היינטיקן טאָג שוין דערהרגעט 700 טויזנט פוילישע יידן.

די אויבנדערמאָנטע פאַקטן באַשטעטיקן אין דער פולער מאָס, אַז די פאַרברעכערישע דייטשישע רעגירונג איז צוגעטראָטן דורכצופירן היטלערס צוזאָג, אַז 5 מינוט פאַרן סוף פון דער מלחמה, ווי זי זאָל זיך נישט ענדיקן, וועט ער אויסמאָרדן אין אייראָפּע אַלע יידן. מיר גלויבן פעסט, אַז דעם היטלער־דייטשלאַנד וועט אין דער געהעריקער צייט צוגעשטעלט ווערן אַ געהעריקער חשבון פאַר די אַלע שוידערלעכקייטן און רציחות — אָבער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג,

וועלכע לעבט איבער אַזאַ שוידערלעכן גהינום, איז דאָס נישט גענוג. מיליאָנען פּוילישע בירגער פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט דראָט תיכפדיקער אומקום.

מיר ווענדן זיך דעריבער צו דער רעגירונג פון דער פּוילישער רעפּובליק, אַלס צו דעם אַפּוטרופּוס און רעפּרעזענטאַנט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, וועלכע באַוואוינט די ערד פון פּוילן, אַז זי זאָל תיכף ומיד אָננעמען די נויטיקע שריט, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז דאָס פּוילישע יידנטום זאָל אומקומען.

פאַר דעם צוועק דאַרף די פּוילישע רעגירונג אויסנוצן איר גאַנצן איינפלוס, אַז די רעגירונגען פון די אַליאירטע און אַלע מאַס־געבנדיקע כוחות אין די דאָזיקע לענדער זאָלן אָן פאַרזוימונג אָנהויבן אָנצואווענדן די פּאָליטיק פון נקמה לגבי די דייטשישע בירגער און פיפטקאָלומניקעס, וועלכע געפינען זיך אויף די טעריטאָריעס פון אַלע אַליאירטע מלוכות. וועגן דעם, אַז עס וועט אָנגעווענדט ווערן דער נקמה־פּרינציפּ, דאַרפן סיי די פּוילישע רעגירונג, סיי די אַליאירטע מאַכטן מודיע זיין דער דייטשישער רעגירונג. זי מוז וויסן, אַז פאַר די רציחות לגבי יידן וועלן די דייטשן באַצאָלן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער און באַצאָלן שוין איצט.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז מיר פאָדערן פון דער פּוילישער רעגירונג דאָס אָננעמען אויסערגעוויינלעכע שריט. דאָס איז אָבער די איינציקע מעגלעכקייט צו ראַטעווען יידן פון זיכערן אומקום.

דער אונטערערדישער „בונד" אין פוילן דערציילט וועגן די יידן־שחיטות

דער דאָזיקער באַריכט, וואָס איז אין יאַנואַר 1943 דערגאַנגען דורך געהיימע וועגן צו דער אַמעריקאַנער „רעפּרעזענטאַנץ פון בונד", איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פוילן דעם 31טן אויגוסט 1942.

— רעד.

***

צו דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד":

מיר שרייבן אייך וועגן דעם, וואָס עס פּאַסירט איצט אין די יידישע געטאָס פון פוילן, וואו די נאַציס פירן דורך איבער אונדז אַ סיסטעמאַטישן און רעגולערן מאַסן־מאָרד.

איר ווייסט גוט, אַז איינער פון היטלערס קריגס־צילן איז די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון די יידן אומעטום, וואו זיין האַנט וועט זיי דערגרייכן. אָבער בעת אַלע אַנדערע קריגס־צילן פון נאַציזם וועלן סוף כל סוף נישט דערגרייכט ווערן, ווייל די מפּלה פון היטלעריזם איז אומפאַרמיידלעך, ווערט דער דערמאָנטער ציל — די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון די יידן — שוין איצטער פאַרווירקלעכט אין דער פולער מאָס. אויף דעם דאָזיקן אָפּשניט פון מלחמה־פראָנט האַלט אָפּ דער נאַצי־רעזשים שוין היינט אַ לייכטן זיג, און אַפילו נאָך דער היט־לער־מפּלה וועט קיינער נישט אימשטאַנד זיין צוצונעמען פון די נאַציס דעם דאָזיקן זיג. ביז דער זיג איבער די נאַציס וועט קומען, וועלן מיר שוין מער נישט לעבן, — מיר וועלן זיין ענדגילטיק אויסגעראָטן, ווי די נאַציס האָבן פאַרויסגעזאָגט.

אַ סטיכישער פאַרניכטונג־שטורעם טראָגט זיך איבער אונדז און בושעוועט מיט אַלץ מער קראַפט. איין קאַטאַסטראָפע שרעקלעכער פאַר דער צווייטער פאַלט אויף די יידן אין איין שטאָט נאָך דער אַנ־דערער. שוין נישט אין די הונדערטער, אָדער טויזנטער, אָדער אין צענטליקער טויזנטער — דאָס מאָל ווערן מיר אויסגעקוילעט אין הונדערטער טויזנטער. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג ווערט אויס־געראָטן. קינדער, פרויען, און דערוואַקסענע מענער שטאַרבן. דער

בעסטער טייל פון אונזער אינטעליגענץ — געלערנטע, וויסנשאַפטסלייט, ליטעראַטן, אַדוואָקאַטן, אינזשינערן און דאָקטוירים — ווערן יעדן טאָג אויסגעמאָרדעט.

אַלע גרויזאַמקייטן, וועלכע זיינען דורכן נאַצישן תליון באַגאַנגען געוואָרן אין פאַרשידענע לענדער, וואָס זיינען דורך אים אָקופּירט, זיינען אַ בלאַסער שאָטן אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס די ברוינע בעס־טיעס באַגייען לגבי אונדז. מיר זיינען שוין באַטויבט און דערשיטערט אין אַנבליק פון דער שחיטה, וואָס דויערט אָן אויפהער.

אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס קומט היינט מיט אונדז פאָר, זיינען אַלע בלוטיקע קאַטאַסטראָפעס פון דער יידישער געשיכטע קליין און באַדייטונגסלאָז. די צאַרישע פּאָגראָמען, די גרויזאַמקייטן פון די פאַרצייטיקע רוימער און פון מיטל־אַלטער — דאָס אַלץ זעט פאָר אונדז אויס היינט ווי אַן אידיליע. אַ קאָשמאַר פון טויט באַהערשט אונדז אין משך פון חדשים. עס קומען כסדר אָן איוב־ידיעות — דאָ פון איין שטאָט, דאָ פון אַ צווייטער. די מאָרד־אַקציע דויערט. זי וואַרפט זיך איבער פון איין אָרט אויפן צווייטן, אָבער אין יעדן אָרט ווערט זי דורכגעפירט אויף אַ סיסטעמאַטישן, פאַרויס אויסגערעכנטן אופן.

איידער די דייטש־רוסישע מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז אונדזער לאַגע אויך געווען ערגער, ווי די לאַגע פון וועלכן עס איז נישט אַנדער פאָלק, וואָס איז דורך היטלערן פאַרקנעכטעט געוואָרן. יענע תקופה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט די אומגלויבלעכסטע געזעצן קעגן יידן. קליינע שפּייז־פּאָרציעס, פאַרפאָלגונגען אויפן עקאָנאָמישן, קולטורעלן און אַלע אַנדערע געביטן האָבן געבראַכט יעדן טאָג טויט פון הונדער־טער און טויזנטער מענטשן, באַזונדערס אין די געביטן פון פוילן, וועלכע זענען געוואָרן איינגעשלאָסן אין דייטשן רייך — ספּעציעל אין לאָדזש. אָבער ווען די דייטש־רוסישע מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָבן זיך אָנגעהויבן נייע פאַרפאָלגונגען. מאַסן־עקזעקוציעס פון יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אין די געביטן, וועלכע די רוסן האָבן פאַרלאָזן, ווי אין ווילנע, סטאַניסלאַוואָוו, טאַרנאָפּאָל, סטרי, קאָלאָמיי, לעמבערג און אַנדערע קלענערע ישובים. אין די אַלע ערטער האָבן זיך אָפּ־געשפּילט סצענעס פון אומבאַשרייבלעכן מאַסן־מאָרד. די שחיטות האָבן געדויערט אַ געוויסע צייט, ערטערווייז אין אַ גרעסערן און ער־טערווייז אין אַ קלענערן פאַרנעם. שוין אין דעם דאָזיקן פּעריאָד זענען הונדערטער טויזנטער קרבנות אויסגעקוילעט געוואָרן. נאָכ־

דעם איז געקומען דער דריטער פעריאָד, בעת וועלכן די ליקווידאַציע פון דער צעפּערטלטער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אַריבערגע־טראָגן אין די פּוילישע געגנטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע פון ערשטן טאָג אָן פון דער פּויליש־דייטשער מלחמה, און אין אַלע אַנדערע מזרח־געביטן פון אונזער לאַנד. דער דאָזיקער אימפּעט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון לובלין, אין אַ צאָל פון אַן ערך 60,000 נפשות. און איצט בושעוועט ער אין גאַנץ פּוילן און רייסט אַרויס פון אונזערע רייען אַלץ מער קרבנות. דער וויכטיקסטער רינג אין דער דאָזיקער שרעקלעכער קייט פון מאָרד איז די יידישע געטאָ אין וואַרשע מיט איר באַפעלקערונג פון קרוב 400 טויזנט יידן, פון וועלכע ביז היינט, ווען מיר שרייבן איך דעם באַריכט, זענען שוין אויסגעשאָכטן אַ פערטל מיליאָן קרבנות. די דאָזיקע „אַקציע" ווערט פאַרגעזעצט אָן אויפהער. די שווערד פון טויט שוועבט כסדר איבער אונדז.

אין די פריערדיקע באַריכטן האָבן מיר אייך שוין געשיקט פאַקטן, ציפערן און דעטאַלן, וועלכע באַשרייבן דעם פאַרנעם און די מעטאָדן פון דעם דאָזיקן מאַסן־מאָרד אין אַ סך שטעט, שטעטלעך און דערפער אין מזרח־גאַליציע און אין געוועזענעם קרוין־פּוילן. אויפן סמך פון בערכדיקע צונויפשטעלונגען פון דער לעצטער צייט, צו־זאַמען מיט די צאָלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די פריערדיקע עטאַפּן פון דער שחיטה־אַקציע, האָבן מיר דאָס רעכט אייך אָנצוגעבן פאָל־גנדיקע סך־הכלען: פון די אַן ערך 3 מיט אַ האַלב מיליאָן יידן, בירגער פון דער פּוילישער רעפּובליק, איז אומגעפער אַ האַלבער מיליאָן דעפּאָרטירט געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד בעת דער עוואַ־קואַציע אין 1940. פון די איבערגעבליבענע דריי מיליאָן יידן זענען עטלעכע הונדערט טויזנט געשטאָרבן צוליב די ספּעציעל שלעכטע לעבנס־באַדינגונגען, אין וועלכע די נאַציס האָבן אונדז געהאַלטן, באַ־זונדערס אין פּרט פון היגיענע און סאַניטאַרער הילף; מוראדיק גרויס איז געווען די שטערבלעכקייט פון הונגער און עפּידעמישע קראַנק־הייטן. חוץ די דאָזיקע קרבנות זענען אָבער נישט ווייניקער ווי אַ מיליאָן 250 טויזנט ביז אַ מיליאָן 500 טויזנט אויסגעקוילעט געוואָרן אין דעם לעצטן אָרגאַניזירטן מאַסן־מאָרד. אזוי אַרום האָבן מיר אַ סך־הכל, אַז פון די דריי און אַ האַלבן מיליאָן פּוילישע יידן לעבן נאָך היינט פון אַ מיליאָן ביז אַ מיליאָן און אַ פערטל.

איצט ווילן מיר אייך באַשרייבן די „אַקציע" און די מיטלען, וועלכע זענען אין גאַנג פון דער „אַקציע" אָנגעווענדט געוואָרן. דאָס בילד איז צונויפגעשטעלט נאָך די געשעענישן אין וואַרשעווער געטאָ און אויך לויט באַריכטן פון באַזונדערע שטעט: די „אַקציע" ווערט אָנגעפירט דורך אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג, וועלכע רופט זיך „פּאַר־ניכטונגס־קאָלאָנע". זי איז נישט אונטערגעוואָרפן דער לאָקאַלער אָקופּאַציע־מאַכט און שטייט דירעקט אונטער דער אָנפירונג פון די העכסטע אינסטאַנצן אין בערלין, צוזאַמען מיט די ס. ס., געסטאַפּאָ און ס. ד. (זאָנדער־דינסט). די דאָזיקע פאַרניכטונגס־קאָלאָנעס האָבן אין זייער רשות ספּעציעלע הילף־אָפּטיילונגען פון לאַטווישע און ליט־ווישע פאַשיסטן און אויך פון דער יידישער פּאָליציי.

די גרענעצן פון די געטאָס, אָפּענע אָדער אַרומגערינגלטע מיט מויערן, זענען אַרומגעשטעלט מיט פּאָליציאַנטן און זעלנער. אין די געטאָס פאָרן כסדר איבער די גאַסן שווערע לאַסט־וועגענער, אָנגע־פּאַקטע מיט באַוואָפנטע מונדירטע דייטשן. כסדר ווערט פון די דאָ־זיקע וועגענער געשאָסן פון ביקסן און מאַשין־געווער אויף דער באַ־פעלקערונג אין די הייזער. די גאַסן זענען באַדעקט מיט טויטע קער־פּערס. די דאָזיקע פּראָצעדור ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען — עוואַ־קואַציע (אומזידלונג) פון די נישט־פּראָדוקטיווע עלעמענטן פון די געטאָס אין אַנדערע פלעצער אָדער אַרבעטס־לאַגערן. עס איז נישט וויכטיק מיר זאָלן אייך אָנגעבן דעם נאָמען פון די צוגעטראַכטע ערטער, ווייל אין דער אמתן איז די „אומזידלונג" בלויז אַ קאָלאָסאַלער באַ־רעכנטער שווינדל, כדי די קרבנות זאָלן נישט האָבן דעם פאַרדאַכט פון מאָרד און עס זאָל אויסגעמיטן ווערן יעדער אַקטיווער ווידער־שטאַנד. אין דער אמתן איז די „אומזידלונג" אַ טויט־אורטייל אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. בלויז פּראָדוקטיווע עלעמענטן און זייע־רע פאַמיליעס, מיטגלידער און באַאַמטע פון די יידישע קהלה־פאַר־וואַלטונגען און זייערע פאַמיליעס, ווי אויך פּאָליציאַנטן און זייערע פאַמיליעס זענען לכתחילה געווען פאַרזיכערט פון דער „אומזידלונג". דער זינען פון דעם איז געווען אַריינצוציען די אויסגערעכנטע קאַטע־גאָריעס אין דער הילף־אַרבעט ביים „אומזידלען" אַנדערע. אָבער— נאָך דעם ווי די ערשטע קאַטעגאָריע ווערט אויסגעקוילעט, קומט די ריי אויף די אויסנאַמען, און די צאָל פון די, וועלכע דאַרפן איבערגעלאָזן ווערן לעבעדיקע, ווערט אַלץ קלענער און קלענער.

בלויז 25 טויזנט ביז 30 טויזנט יידישע אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די גרויסע דייטשע פֿאַבריקן פון שולצע און טעבענס און ביי דער ווערמאַכט, זענען באַשטימט איבערצובלייבן אין געטאָ פון וואַרשע, וועלכע האָט געציילט 400,000 נפשות. איצט, נאָך פיר וואָכן פון דער „עוואַקואַציע־קאַמפּאַניע", זענען אין וואַרשעווער געטאָ געבליבן נישט מער ווי 150 טויזנט איינוואוינער. פון די 60 ביז 80 טויזנט יידן אין לובלין זענען איבערגעבליבן בלויז 4,000 אַרבעטער — אָן זייערע פֿאַמיליעס — וועלכע וואוינען אין מיידאַנעק, אַ לובלינער פֿאָרשטאָט. אָבער אפילו דער דאָזיקער פּראָדוקטיווער שיכט איז אויך באַשטימט אויסגעקוילעט צו ווערן.

אויפן ערשטן פּייער גייען די איינוואוינער פון די יתומים־הייזער, די קינדער־אינטערנאַטן, די מושב־זקנימס, די שפּיטאָלן און די טורמעס. נאָכדעם קומט די ריי פֿאַר גאַנצע בלאָקן מיט הייזער און אפילו גאַנצע גאַסן, פון וועלכע די באַפעלקערונג ווערט אַרויסגעיאָגט צו אַ באַשטימטן פּלאַץ, כדי דאָרט אויסגעקוילעט צו ווערן. אַלע פֿאַרמשפּטע ווערן אַריינגעפּאַקט אין פֿראַכט־וואַגאָנעס. דער געדראַנג און דער מאַנגל אין לופט, צוזאַמען מיט דעם שרעקלעכן געשטאַנק (די נאַטירלעכע באַדערפֿעניש מוזן דערליידיקט ווערן אין דעם וואַגאָן), זענען אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז ווען עס קומט די צייט אויסצולאָדעווען די מענטשן פון וואַגאָן, מוז מען אַרויסוואַרפֿן צענטליקער און אַמאָל הונדערטער מתים. לכתחילה האָבן זיך די דייטשן נוהג געווען צו דערשיסן גלייך אויפן אָרט די זקנים, די קראַנקע, די אינוואַלידן און קינדער אונטער 12 יאָר אויף די נאָענטסטע בית־עלמינס און אויף אַנדערע דערצו באַשטימטע פּלעצער. שפּעטער איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ נייער מנהג — מען פּלעגט אַלע קרבנות אַריינפּאַקן אין וואַגאָנעס און זיי אויסקוילן ערשט, ווען זיי זיינען אָנגעקומען צו זייער באַשטימונגס־אָרט... איין מאָל האָבן די נאַציס געפּאָדערט, אַז אַלע נאָך איבערגעבליבענע קינדער פון דער וואַרשעווער געטאָ זאָלן געבראַכט ווערן צו אַ באַשטימטן זאַמל־פּלאַץ, כדי פון דאָרט „עוואַקואירט" צו ווערן. געוויינלעך, איידער די נאַציס פּאַקן אַריין זייערע קרבנות אין די צוגן, ווערט די געזונטע און אַרבעטס־פֿייאיקע יוגנט פון ביידע געשלעכטער אויסגעטיילט און אָפּגעשיקט אין די אַרבעטס־לאַגערן. דאָרט שטאַרבן זיי שנעל אויס אַלס רעזולטאַט פון שרעקלעכע לעבנס־באַדינגונגען, הונגער און פּייניקונגען. דער

טייל, וועלכער איז נישט אויסגעשטעלט גלייך דערמאָרדעט צו ווערן, שטעלט מיט זיך פאָר אַ קליינעם ברוכטייל, עטלעכע פּראָצענט פון די צונויפגעזאַמלטע קרבנות. די טויט־צוגן גייען אַוועק אין זייער וועג צו טרעמבלינקא, בעלזשיץ, און סאָביבאָר (לעבן וולאָדאַווע).

אויפן וועג ווערן די „עוואַקואירטע" באַרויבט דורך די אוקראַי־נישע, ליטווישע און דייטשע וואַכן. זייערע זאַכן, ווי בכלל אַלץ, וואָס מען האָט אָפּיציעל אפילו דערלויבט מיטצונעמען מיט זיך, ווערט ביי די קרבנות צוגענומען. אין די לאַגערן ווערן די מאַסן־עקזעקו־ציעס אַדורכגעפירט נאָך דעם, ווי מען טוט די פאַרמשפּטע אויס נאַקעט. די עקזעקוציעס ווערן דורכגעפירט דורך דערשיסן, דורך פאַרשליסן מענטשן אין גאַז־קאַמערן אָדער אין ספּעציעלע קאַמערן, פון וואַנען די לופט ווערט אַרויסגעפּאָמפּעט, ווי אויך דורך עלעקטרישן שטראָם. די קערפּערס פון די דערמאָרדעטע ווערן דאַן באַגראָבן אין קאָלאָסאַלע גריבער, וועלכע זענען דורך די פאַרמשפּטע אַליין פריער אויסגעגראָבן געוואָרן אָדער זענען געוואָרן צוגעגרייט דורך ריזיקע גראָב־מאַשינען, וועלכע פאַרשיטן נאָך דעם אויטאָמאַטיש די קברים. אָפּט ווערן אין די גריבער אַריינגעוואָרפן נאָך לעבעדיקע. דאָס ווערט געטאָן אין די פאַלן, ווען עס איז פאַראַן צופיל מענטשן־מאַטעריאַל. אין אַ סך פאַלן זענען די עוואַקואירטע קרבנות אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין וואַגאָנעס, וואָס זענען בכיוון אָנגעפּילט מיט קאַלך־כעמיקאַליעס, אַזוי, אַז נאָך איידער די אומגליקלעכע זענען אָנגעקומען צום עקזע־קוציע־פּלאַץ, זענען זיי אין די וואַגאָנעס דערשטיקט געוואָרן צום טויט. זייערע בגדים זענען דורך דער מאַכט צוגענומען געוואָרן פאַר דעזינפעקציע.

אין סאָביבאָר, וואו עס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ גרויסע רעגירונגס־פאַבריק, וואָס האָט אימפּרעגנירט אייזנבאַן־שוועלן, ווערן איצט די קערפּערס פון די טויטע באַנוצט, כדי אַרויסצובאַקומען פעטס, און פון זייערע ביינער ווערט פּראָדוצירט אַ מעל, וואָס ווערט באַנוצט דורך דער דייטשער אינדוסטריע. אין געוויסע ערטער האָבן די דייטשן פאַראָרדנט, אַז די צאָן־דאָקטוירים זאָלן ביי די טויטע אַרויסרייסן די גאָלדענע ציין.

אין די געטאָס גופא הערשט אומבאַשרייבלעכער הונגער, צוליב דעם, וואָס דער צופיר פון לעבנס־מיטל איז באַגרענעצט און צוליב די דראַקאָנישע געזעצן פון די נאַציס. די פרייזן זענען אין די געטאָס

אַ סך העכער ווי אין די נישט־יידישע געביטן. אין וואַרשעווער געטאָ קאָסט אַ לעבל ברויט פון 60 ביז 100 זלאָטעס (בערך 5 זלאָטעס איז אָפיציעל געווען איין דאָלאַר פאַר דער מלחמה); אַ פונט קאַרטאָפל קאָסט פון 30 ביז 40 זלאָטעס. אַ פונט פוטער — 250 זל.; אויסערן געטאָ קאָסט אַ ברויט פון 12 ביז 15 זלאָטעס, אַ פונט קאַרטאָפל פון 3 ביז 4 זלאָטעס און אַ פונט פוטער 120 זלאָטעס. אפילו פאַר די פריער־דערמאָנטע פרייזן איז געווייגלעך נישט מעגלעך אין געטאָ צו באַקומען שפּייז־פּראָדוקטן. די גאַנצע געטאָ לעבט אין אַן אָט־מאָספער פון נערוועזער אָנגעשטרענגטקייט, אומבאַשרייבלעכער שרעק און הילפלאָזער פאַרצווייפלונג. אין רעזולטאַט דערפון ווערן אַלץ אָפטער און אָפטער די פאַלן פון אַראָפּגייז פון זינען און זעלבסטמאָרדן. עס זענען באַקאַנט פאַלן, ווען עלטערן סמען אָפּ זייערע קינדער און קינדער פאַרסמען זייערע עלטערן, כדי אויסצומיידן די פייניקונגען פון פאַשיסטישן מערדער.

דאָ און דאָרט זענען געווען פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. הייזער זענען פאַרטיידיקט געוואָרן דורך באַריקאַדן און אין געוויסע שטעט, למשל, נעסוויעזש איז אפילו געשטעלט געוואָרן אַ באַוואָפנטער ווידערשטאַנד. די דאָזיקע פאַראיינצלטע פאַלן זענען אָבער פאַרענדיקט געוואָרן דורך אַ תיכפדיקער ליקווידאַציע פון דער באַפעלקערונג, און צוליב דעם זענען די פאַלן פון ווידערשטאַנד פאַרבליבן בלויז ספּאָ־ראַדישע דערשיינונגען. קיין מאַסן־ווידערשטאַנד איז נישט געווען און איז נישטאָ.

די סיבה פאַרוואָס עס איז נישטאָ אַזאַ מאַסן־ווידערשטאַנד איז, וואָס די אומגליקלעכע ווילן זיך אַליין איינריידן, אַז די „עוואַקואַציע" באַדייט בלויז דאָס אַריבערפירן אין אַנדערע פלעצער. די דאָזיקע אילוזיע ווערט באַוואוסטזיניק געשפּייזט דורך די מאַכט־אָרגאַנען, כדי אויסצולעשן יעדן ווילן צו קאַמף און ווידערשטאַנד. עס ווירקט אויך דער פאַקט, וואָס געוויסע שיכטן (מיטגלידער פון יודנראַט און זייערע משפחות) ריידן זיך איין, אַז די „עוואַקואַציע" וועט זיי נישט אָנרירן. די צווייטע סיבה פון דעם וואָס עס פעלט אַ מאַסן־ווידערשטאַנד איז, וואָס די ברייטע יידישע מאַסן האָבן דעם פולן באַוואוסטזיין, אַז די נאַצי־באַנדיטן ווענדן אָן אין אַלע ענלעכע פאַלן דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס איז דעריבער פאַר זיי קלאָר, אַז אַזאַ ווידערשטאַנד וואָלט תיכף געבראַכט צו אַן אַלגעמיינער עקזעקוציע. די יעניקע, וואָס ווילן שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד,

זענען געשטעלט פאַר דעם טראַגישן אויסוואַל: צי האָבן זיי דאָס רעכט אויסצושטעלן אויף אַ זיכערן טויט אַנדערע, וועלכע האָבן אפשר דאָך אַ וועלכן עס איז שאַנס זיך צו ראַטעווען. עס ווירקט אויך דער באַוואוסטזיין, אַז אַזעלכע ווידערשטאַנד־אַקטן וועלן נישט אַרויסרופן קיין אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד, און — דער עיקר — אַז עס איז נישטאָ קיין האָפענונג אויף הילף מחוץ די געטאָ־מויערן. דאָס זענען די מאָטיוון, וועלכע ברענגען דערצו, אַז מאַסן מענטשן גייען אַוועק פון דער וועלט אָן אַ פּרואוו צו שטעלן זיך אַנטקעגן.

דערשלאָגן און פאַרצווייפלט, צעבראָכן דורך די גרויזאַמע דייטשע געזעצן, אונטער וועלכע זיי זענען געווען געצוואונגען צו לעבן במשך פון די לעצטע 3 יאָר, איינגעשלאָסן אין די תפיסה־מויערן פון זייערע געטאָס, געהיט דורך פּאָליציי, זעלנער און זשאַנדאַרמען, אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון קוילן־וואַרפערס, אין אַן אַטמאָספער פון הפקרות, שוידער און טויט, אָן דער האָפענונג צו באַקומען הילף פון ערגעץ וואו — קומען אום די יידישע מאַסן. דער באַוואוסטזיניקער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ האָט קלאָר פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, נישט געקוקט אויף דעם פאַקט, וואָס דאָס וואָלט נישט געהאַט קיין שאַנסן אָנצונעמען אַ ברייטערן פאַרנעם צוליב דער אַטמאָספער, וואָס איז בכיוון געשאַפן געוואָרן דורך די דייטשן אין געטאָ און מחוץ דער געטאָ. אָבער די מער קאָנסערוואַטיווע שיכטן ביי די יידן זענען געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם געדאַנק פון אַזאַ ווידערשטאַנד, פאַררופנדיק זיך דערויף, אַז דאָס וואָלט באַדייט די תיכפדיקע פאַרניכטונג פון די יידן, ווי אַ פועל־יוצא פון דער נקמה מצד דער דייטשער מאַכט. פאַר דעם גאַנצן יידישן ישוב וואָלט דאָס געהאַט קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן. דעריבער טאַקע איז יעדער מעגלעכער וועג פון ווידערשטאַנד פאַראַליזירט געוואָרן, כדי דער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס וואָלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, זאָל נישט ציען אויף זיך די אחריות פאַר אַ טאָטאַלער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וואָס די היטלערישע באַנדעס וואָלטן געקענט אַלס שטראָף דורכפירן. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט קיינער נישט געקענט זיין זיכער, אַז די אויסראָטונג וועט נישט דורכגעפירט ווערן אפילו, ווען עס וועט קיין ווידערשטאַנד נישט זיין, אמת אין אַנדערע פאָרמען און אין אַ לאַנגזאַמערן טעמפּאָ. דאָס איז טאַקע געשען אין וואַרשע און אַנדערע שטעט.

* * *

מיר האָבן נאָר וואָס דערהאַלטן ידיעות פון לעמבערג און אַנדערע שטעט, וואו די „עוואַקואַציע" איז איצט אין גאַנג. מיר נע־מען זיי אַריין אין באַריכט, כדי בעסער אילוסטרירן די איצטיקע סיטואַציע.

לעמבערג: נאָך אַ לאַנגער צייט פון „אַקציע" מצד די נאַ־צי־פאַרברעכער קעגן די יידן אין לעמבערג, בעת וועלכער אַן ערך 35 טויזנט יידן זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן (באַזונדערס אין דער אַ. ג. „אונטערן בריק אַקציע", וואו אַלטע לייט זענען געווען דער רוב פון די דערמאָרדעטע), זענען מיט דריי וואָכן צוריק די צענטראַלע אינסטאַנצן פון ס. ס. און געסטאַפּאָ צוגעטראָטן צו אַ ראַדיקאַלער פאַרניכטונג פון אַלע יידן. אויב אין די פריערדיקע „אַקציעס" זע־נען די נאַציס לכל הפחות אויסערלעך געווען געטריי דעם „פּרינציפּ", אַז אַזעלכע יידן און זייערע פאַמיליעס, וועלכע זענען פון היטלערס שטאַנדפּונקט „נישט פּראָדוקטיוו", דאַרפן פאַרניכטעט ווערן — איז איצט אַפילו דער דאָזיקער „פּרינציפּ" כמעט אינגאַנצן איגנאָרירט געוואָרן: מ'האָט „עוואַקואירט" פון 55 ביז 60 טויזנט יידן; די מער־הייט פון זיי זענען געווען באַשעפטיקט אין אַדער אומדירעקט פאַר־בונדן מיט דער מלחמה־אינדוסטריע. צייטווייליק זענען פון דער „כאַפּעניש" באַפרייט געוואָרן — אונטערן דרוק פון דער אַרמיי־מאַכט — אַרבעטער, וועלכע זענען אַבסאָלוט נויטיק פון מיליטער־שטאַנד־פּונקט. די אַ. ג. שטאָטישע וואַרשטאַטן, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן און האָבן געאַרבעט אויף אַ ווירקלעך אַמעריקאַנער שטייגער און וועלכע געפינען זיך אונטער דער אוממיטלבאַרער אויפזיכט פון דעם א. ג. שטאָט־הויפּטמאַן, האָבן פאַרלוירן 2800 פון די 3500 יידן, באַשעפטיקטע אין די דאָזיקע וואַרשטאַטן. צווישן די 2800 אומ־געבראַכטע זענען געווען די בעסטע ספּעציאַליסטן און אָרגאַניזאַטאָרן פון די דאָזיקע וואַרשטאַטן און כמעט זייער גאַנצער סאַניטאַרער און מעדיצינישער פּערסאָנאַל. די קינדער פון אַלע יתומים־הייזער זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן. דאָס זענען געווען בעיקר קינדער פון מע־נער און פרויען, וועלכע זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן אין די פריער־דיקע „אַקציעס". אַלע דריי שפּיטאָלן פון לעמבערג זענען געוואָרן אויסגעליידיקט פון די קראַנקע, צווישן זיי אַ סך זייער שווערע חולאים. אַפילו די קראַנקע פון דעם שפּיטאָל פאַר אַנשטעקנדע קראַנקהייטן, וועלכע זענען דאָרט געלעגן אויף טיפוס אָדער אַנדערע עפּידעמישע קראַנקהייטן, זענען געוואָרן עוואַקואירט אין אַן „אומבאַקאַנטער

ריכטונג״ ... צוזאַמען מיט זיי כמעט אַלע דאָקטוירים, קראַנקן־שוועס־טער, פּראַקטיקאַנטן און מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. דער מע־דיצינישער פּערסאָנאַל פון צוויי פּאָלי־קליניקס, אַן ערך 30 מענטשן, איז אויך דעפּאָרטירט געוואָרן. אייניקע פון די דאָזיקע עוואַקואירטע דאָקטוירים האָט מען שפּעטער געזען אין אַן אַרבעטס־לאַגער ביי פיזישער אַרבעט. דער רעשט פון דער אינטעליגענץ איז ערגער באַ־האַנדלט געוואָרן.

אויב אין דעם באַריכט ווערט אַזוי ברייט באַשריבן די באַהאַנד־לונג פון דאָקטוירים, פון וועלכע 200 זענען אומגעקומען געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס, איז דאָס דערפאַר, ווייל דאָס איז דער ערשטער פאַל אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער „אַקציע״, אַז דאָקטוירים, וועלכע זענען ביז איצט געווען אַ פּריווילעגירטער עלעמענט, זאָלן באַהאַנדלט ווערן אויף דעם זעלבן אופן, ווי אַלע אַנדערע סתם יידן.

וועגן דעם גורל פון די, וועלכע זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן, איז באַקאַנט, אַז די שטאַרקסטע מענער האַלטן נישט אויס די פּייניקונגען און שרעקלעכע דיסציפּלין און גייען אויס שנעל פון הונגער אָדער שטאַרבן פון אויסשעפּונג. עס זענען פאַראַן פאַלן, ווען זיי ווערן באַשטראָפט מיט טויט פאַר דעם קלענסטן חטא קעגן דער לאַגער־דיסציפּלין אָדער פּשוט דערפאַר, ווייל זיי ווערן קראַנק. אין יאַנאָווער לאַגער אין לעמבערג, וועלכער ציילט פון 5 ביז 6 טויזנט מענטשן, האָבן אַזעלכע קאָמענדאַנטן ווי ראָקיטאַ, ווילד־הויז אָדער געבויער זיך קונה שם געווען דורך דערשיסן טעגלעך פון 15 ביז 30 מענטשן. די דענטיסטן פון לאַגער זענען בעיקר באַ־שעפטיקט ביים אַרויסרייסן די גאָלדענע ציין פון די מתים. די פיזיש געזינטערע צווישן די יידישע פרויען ווערן באַשטימט אַרויסגעשיקט צו ווערן אויפן לאַנד, כלומרשט צו פעלד־אַרבעט, בעת די מערהייט פון די פרויען, צוזאַמען מיט די אַלטע לייט און קינדער, ווערן דער־שאָסן און פאַרסמט. פאַר דער עקזעקוציע נעמט מען ביי זיי צו די קליידער, וועלכע זיי טראָגן.

חוץ די קאָנטריבוציעס, וועלכע ווערן אַרויסגעצויגן ביי די יידן ערב יעדער „אומזידלונג־אַקציע״, ווערט ביים סוף פון דער „אַקציע״ דורכגעפירט אַ סיסטעמאַטישער רויב פון גאַנצן האָב און גוטס פון די אַרויסגעפירטע יידן. די הילפס־פּונקציע מוזן אויספירן די יידישע פּאָליציאַנטן און אפילו מיטגלידער פון יודן־ראַט.

פאַר די איבערגעבליבענע 20 טויזנט יידן אין לעמבערג (בעת די דייטשן זענען אריין אין שטאָט, זענען דאָרט געווען 120 טויזנט יידן) האָט מען אָפּגעגעבן אַ קליינע, פאַרנאַכלעסיקטע פאַר־שטאָט, וואָס איז אַ חוזק פון יעדן עלעמענטאַרן באַגריף פון היגיענע. נאָך שווידערלעכער איז געווען די „אַקציע" אין אַנדערע שטעט. למשל, אין טאַרנאָוו (6000 יידן) האָט מען דערשאָסן די קרבנות דירעקט אויפן גאַס, אויף די הויפן, אין די וואוינונגען. אין אַנדערע שטעט ווידער — אויפן מאַרק אָדער בית עולם (אין סטאַניסלאַוואָוו האָבן די נאַציס געהייסן די באַאַמטע פון דער יידישער קהלה, אַז זיי זאָלן צוגרייטן אויפן בית עולם אַ בופעט פאַר די „עקזעקוציע־אָפּטיילונגען". — דאָמאָלסט זענען דערמאָרדעט געוואָרן 3000 יידן.)

משאנא דאָלנאַ: דער ישוב האָט געציילט 200 יידן. עס זענען געבליבן לעבן 150. דער רעשט איז דערשאָסן געוואָרן נאָך דעם, ווי זיי האָבן געמוזט אַליין אויסגראָבן אַ טיפן קבר. דאָס אַלץ איז געשען אין משך פון 4 ביז 6 שעה. אַזעלכע שחיטות זענען אויך פאָרגעקומען אין סאַמבאָר, מיעלעץ, ראַבקי, ראַ־האַטין און אַנדערע שטעט אין גאַליציע. לעצטנס איז וויעליטשקי געווען אַ פּלאַץ פון ענלעכע סצענעס. אין באָכניע האָט מען פאַר דער „אַקציע" פאַרברענט די שטאָטישע וואַרשטאַטן, וואָס זע־נען געווען דער שטאָלץ פון מערב־גאַליציע. וועגן זיי האָט אפילו די היטלער־פּרעסע אַ סך געשריבן, פּונקט ווי זי האָט ברייט געשריבן וועגן די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין וואַרשע און אַנדערע שטעט אין קאָנגרעס־פּוילן.

בעת דער „אומזידלונג־אַקציע" פון וואַרשעווער געטאָ, זענען אין משך פון עטלעכע שעה ליקווידירט געוואָרן די געטאָס פון אָטוואָצק, פאַלעניץ און מיעדזעשין. אין אַ פאַר שעה איז פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן די מעדעם־סאַנאַטאָריע: אַלס קרבנות זענען געפאַלן די 250 קינדער צוזאַמען מיט דער מערהייט פון מעדיצינישן לערער־ און קראַנקן־שוועסטער־פּערסאָנאַל. לעצטנס האָט אַזאַ „אומזידלונגס־אַקציע" געבושעוועט במשך פון עטלעכע שעה אין ראַדאָם, מינסק־מאַזאָוויעצק, שעדלעץ א. א.

נאָר קליינע גרופּן איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון פייער און מאַסן־מאָרד. אָבער אויך זיי דערוואַרט דער זעלבער טראַגישער גורל. דער מאַנגל פון מיטלען צו לעבן און די אוממעגלעכקייט, וואָס עס

איז צו פאַרדינען — וועט זיי פריער אָדער שפּעטער טרייבן אין גרוב אַריין.

שילדערנדיק די שרעקלעכע בילדער פון דער היינטיקערווירקלעכקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גענעראַל־גאָווערנע־מענט, דאַרפן דערמאָנט די אַקטן פון מיטגעפיל, אונטערשטיצונג און הילף מצד דער פוילישער באַפעלקערונג. פון דער אַנדערער זייט זע־נען געוועזן איינצלנע פאַלן פון שאַנטאַזש, רויב און גנבה פון דעם, וואָס עס איז איבערגעבליבן אין די וואוינונגען פון די „אַרויסגעשיק־טע". די דייטשע מאַכט האָט צוליב דעם, למשל, אין די געגנטן נישט ווייט פון וואַרשע פאַראָרדנט — אונטער דראָאונג פון טויט־שטראָף — אַז מען זאָל צוריק ברענגען דאָס צוגעראַבעוועטע יידישע האָב און גוטס. זי גייט, ווייזט אויס, אַרויס פון דער הנחה, אַז געראַבע־וועטער יידישער פאַרמעגן געהערט אויסשליסלעך די דייטשן, די זין פון „הערן־פאָלק".

די „אַקציע" איז, אַ דאַנק דעם טייוולאָנישן דייטשן מעטאָד, דורכגעפירט געוואָרן, צום באַדויערן, אויך מיט די הענט פון דער יידישער פּאָליציי. אַנטקעגן די טרויעריקע, נעגאַטיווע זייטן שלאָגן זיך נאָך העלער אָפּ די אַקטן פון איידלקייט, קעגנזייטיקער הילף און שטילער העלדישקייט. מוטערס, וועלכע מען האָט אָפּגעריסן פון קינדער, זענען געגאַנגען צום טויט נאָך זייערע קינדער. קינדער — נאָך זייערע עלטערן. די טוער אין די יתומים־הייזער, אינטערנאַטן און אַנדערע קינדער־אַנשטאַלטן, — ווי, למשל, דר. יאַנוש קאָרטשאַק, ווי דער גרעסטער טייל פון דערציערישן און מעדיצינישן פּערסאָנאַל אין מעדעם־סאַנאַטאָריע — זענען געגאַנגען מיט די קינדער צום טויט, הגם זיי האָבן נאָך געהאַט די ברירה זיך צו ראַטעווען.

אויפן ערשטן אָרט רוקט זיך אַרויס די אַממערסטן ברענענדיקע, די דרינגענדסטע, די וועזנטלעכסטע פראַגע פון ראַטעווען פון טויט די רעשט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז נאָך געבליבן לעבן. צעוואָרפענע איבער שטעט און שטעטלעך, זענען די נאָך איבערגעבלי־בענע רעשטלעך אַ מאַטעריאַל פון טאָג־טעגלעכן מאָרד מצד די היט־לער־באַנדעס. עס גייט אין ראַטעווען אַ מיליאָן אָדער אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן, וואָס לעבן נאָך. ראַטעווען זיי פון אַ זיכערן טויט! די געשטאָרבענע, דערמאָרדעטע, אויף טויט פאַרפייניקטע — וועט קיינער נישט לעבעדיק מאַכן. מען מוז ראַטעווען די לעבעדיקע! דאָס איז די דרינגענדסטע מאָנונג, וואָס רייסט זיך אַרויס פון די הערצער פון

די, וואָס לעבן נאָך, דאָס איז דער רוף, וואָס טראָגט זיך אויך פון די ברידער־קברים פון די הונדערטער טויזנטער יידן — איין און אַ האַלב־בער מיליאָן קרבנות פון היטלערישן פאַשיזם.

אָן רעזולטאַט און באַטייט זענען די באַשלוסן צו באַשטראָפן נאָך דער מלחמה די היטלערישע מערדער. ווייל איידער דאָס וועט געשען, וועלן אַלע ביים לעבן־געבליבענע — אפילו אַזעלכע וואָס מעגן נאָך לעבן פון שטאַנדפונקט פון דער דייטשער מיליטער־מאַכט — ווערן אַן אַ שפור פאַרניכטעט. עס וועט איבערבלייבן אַ ריזיקער בית עולם, וואו ס'וועט רוען די פאַר־מיליאָניקע יידישע באַפעלקערונג. עס זענען נויטיק טאַטן — תיכפדיקע און ווירקזאַמע.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, מיר זענען זיכער — מיר זענען אומדערשיטערט אין דער זיכערקייט — אַז דער היטלער־רעזשים און אַלע זיינע סאַטעליטן וועלן פאַרניכטעט ווערן און אויף זייער אָרט וועלן מיר אויפבויען אַ נייע — אונזער וועלט. דער שגעון, מיט וועלכן עס בושעווען די היטלער־מערדער אין אַלע אָקופּירטע לענדער — און קודם־כל אויפן יידישן שטח — איז איינער פון די סימנים פון דעם בין השמשות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר דעם קעמפערישן היטלעריזם. נישט קיין פאַרצווייפלונג אָדער רעזיגנאַציע דיקטירן אונזערע ווערטער, נאָר קודם כל די ריין־מענטשלעכע מאָטיוון און חוץ דעם אונזער שטאַרקער נישט געבראָכענער ווילן, אַז אויך די יידישע באַפעלקערונג זאָל קענען מיטווירקן ביים שאַפן די נייע וועלט און דאָס נייע לעבן. מיר האָבן אָפענע אויגן פאַר די גרויסע וועלט־פּראָבלעמען, אָבער מיר באַרירן דאָ אויסשליסלעך די יידישע לאַגע דערפאַר, ווייל די שחיטות פון יידן זענען אומפאַרגלייכלעך אפילו מיט אַלע רציחות אין די אָקופּירטע לענדער און זענען לגבי דער געשיכטע — אָן פּרעצעדענסן. עס איז נויטיק תיכף צו ראַטעווען די הונדערטער טויזנטער ביים לעבן געבליבענע, וואָס זענען דורך דעם דייטשן פאַשיזם פאַרמשפּט צום טויט.

*

אין לעצטן טייל פון דעם בריוו זענען פאַרמולירט, צווישן אַנדערע, פאָלגנדיקע פאַרשלאָגן:

1) די דייטשע בירגער אין די אַליאירטע לענדער, וועגן וועלכע ס'איז באַוויזן געוואָרן זייער פּראָ־היטלעריסטישע איינשטעלונג, זאָלן באַטראַכט ווערן ווי מיטפאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די דאָזיקע מאָרדן, די יידישע געזעלשאַפט, ווי אַ שוואַכער מיטגליד אין דער משפחה

פון די אַליאירטע, האָט אַ רעכט צו פאָדערן פון די פאַרבינדעטע תּיכּפדיקע און שנעלע הילף אין דער נישט־גלייכער מלחמה.

2) די פּוילישע רעגירונג און דער נאַציאָנאַל־ראַט זאָלן זיך תּיכּף ווענדן צו אַלע פרייע פעלקער פון דער וועלט מיט אַן אַפּעל, אין וועלכן עס זאָלן קלאָר פאַרגעשטעלט ווערן די היטלערישע רציחות, וואָס ווערן באַגאַנגען לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, און אויפפאָדערן אַלע רעגירונגען צו תּיכּפדיקער האַנדלונג.

3) די פּוילישע רעגירונג און דער נאַציאָנאַל־ראַט זאָלן זיך ווענדן מיט אַ רוף צו דער פּוילישער געזעלשאַפט אין לאַנד, אַז זי זאָל מיט אַלעם מעגלעכן העלפן דער יידישער באַפעלקערונג.

4) באַקענען דעם אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט, איינשליסנדיק סאָוויעט־רוסלאַנד, מיטן פאַרלויף פון די שחיטות, און אים אויפפאָדערן, אַז ער זאָל אויסאיבן אַ דרוק אויף די רעגירונגען, אַז עס זאָלן אָנגענומען ווערן תּיכּפדיקע מיטלען.

5) געענוי אינפאָרמירן וועגן די שחיטות די דייטשע געזעלשאַפט.

6) איבערשיקן באַדייטנדיקע מאַטעריעלע הילף פאַר דער איבערגעבליבענער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז פולשטענדיק פאַרארעמט געוואָרן און איז אויסגעשטעלט אויף הונגער־טויט.

7) כּסדר מיט אונז זיך קאָמוניקירן; תּיכּף געבן צואוויסן, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן אין די אַלע ענינים, ווי אויך אינפאָרמירן אונז וועגן אַנדערע וויכטיקע געשעענישן פון באַדייטונג פאַרן לאַנד און פון אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

אַ ספּעציעלער שליח פון געטאָ דערציילט...

אין די לעצטע טעג פון נאָוועמבער איז אָנגעקומען קיין לאָנ־דאָן אַן אָפיציעלער קוריער*) פונעם „דעלעגאַט" אין וואַרשע צו דער רעגירונג. ער האָט געבראַכט דעם אָפיציעלן ראַפּאָרט פון „בערעזאָוו־סקין" (דר. לעאָן פיינער, פאָרזיצער פון צ. ק. פון אונטערערדישן „בונד" — רעד.) פאַרן „בונד". אַחוץ דעם האָט ער אויך געבראַכט אַ מינדלעכן אָנזאָג פון בערעזאָווסקין, ווי ער האָט דערקלערט — פאַר אַלע יידן, און אַ ספּעציעלן פאַר מיר. כדי איבערצוגעבן דעם אָנזאָג פאַר אַלע יידן, האָט דאָס אינערן־מיניסטעריום אים צונויפגעפירט מיט מיר און שוואַרצבאַרטן גלייכצייטיק, דעם 2טן דעצעמבער, 1942. ער האָט צוערשט דערציילט וואָס ער אַליין האָט געזען און געהערט אין געטאָ און שפּעטער דעם געשריי פון בערעזאָווסקין אין נאָמען פון אַלע יידן.

אַרטור (ש. זיגעלבוים).

***

דער באַריכט געווענדט צו אַלע יידן

„איך בין געווען אין פּוילן פון אָקטאָבער 1941 ביז אָקטאָבער 1942. די גאַנצע צייט — אין סאַמע מיטן פון דער געהיימער געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט, אַלס אָפיציעלער מיטאַרבעטער פון דער דע־לעגאַציע אינעם אַמט פון אַ קוריער. איך וויל אייך איבערגעבן זאַכן אָפיציעלע, וואָס דער דעלעגאַט גופא האָט מיך באַפולמעכטיקט אי־בערצוגעבן, זאַכן וואָס איך האָב אַליין געזען און אויך דאָס וואָס בערעזאָווסקי האָט מיר פאַרן אַוועקפאָרן אָנגעזאָגט איבערצוגעבן אייך און אַלע יידן וואָס איך וועל באַגעגענען."

„אין וואַרשעווער געטאָ בין איך געווען אין אויגוסט היי־יאָר. אין בעלז — איינעם פון די ערטער, וואו דער שוידערלעכער מאַסן־

---

*) דער שליח איז געווען יאַן קאַרסקי. ער איז אַרויס פון וואַרשע סוף אָקטאָ־בער 1942.

מאַרד ווערט אויסגעפּירט — בין איך געווען אין סעפּטעמבער, איך קאָן נישט אַלץ אויסדערציילן וואָס איך האָב געזען. עס איז איבער אַ מענטשנס כּוחות עס אויסצודריקן און איך ווייס דערביי, אַז אַפילו איר וועט נישט זיין אימשטאַנד צו גלויבן אַלץ, אַפילו ווען איך וואָלט געווען אימשטאַנד עס אויסצומאָלן. איך האָב שוין אויפן וועג געפּרואווט איבערגעבן די זאַכן צו מענטשן פון דער בריטישער אַמבאַסאַדע אין .... און אין .... די מענטשן האָבן אַלץ אויסגעהערט העפלעך און מיטפילנדיק, אָבער שפּעטער האָבן זיי מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיין פילבאַרע פאַנטאַזיע נאָך אַזויפיל איבערלעבענישן מאָלט מיר מאַקאַברישע בילדער, ווייל דאָס אַלץ וואָס איך דערציילן, קאָן דאָך ניט זיין אמת. . . ."

„בערעזאָווסקי האָט מיר געהייסן איבערגעבן אייך, זיגעלבוים, און אַלע יידן דאָס פאָלגנדע: זאָגט זיי, אַז מיר פילן דאָ מאָמענטנווייז אַ האַס צו אַלע, וואָס זענען דאָרט געראַטעוועט, ווייל זיי ראַטעווען אונדז נישט... זיי טוען נישט גענוג. מיר ווייסן, אַז דאָרט, אין דער פרייער און מענטשלעכער וועלט קאָן מען נישט גלויבן, וואָס מיט אונדז געשעעט. זאָלן זיי טון עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מאַכן די וועלט גלויבן... מיר שטאַרבן אַלע, זאָלן זיי דאָרטן אויך שטאַרבן. זאָלן זיי בלאָקירן די קאַבינעטן פון טשוירטשילן און אַנדערע, זאָלן זיי דערקלערן אַ הונגער־שטרייק און נישט אָפּטרעטן ביז מען וועט גלויבן און מען וועט אָננעמען מיטלען צו ראַטעווען די, וואָס וועלן נאָך זיין לעבעדיק. מיר ווייסן, אַז קיין שום פּאָליטישע אַקציע, קיין שום פּראָטעסטן און צוזאָגן אַז מען וועט באַשטראָפן נאָך דער מלחמה, וועלן נישט העלפן. די אַלע זאַכן מאַכן נישט אויף די דייטשן דעם מינדסטן איינדרוק. די איינציקע זאַך, וואָס וואָלט יאָ געקאָנט מאַכן אַן איינדרוק און אפשר אָפּראַטעווען די קליינע צאָל יידן, וואָס וועט צו יענעם מאָמענט לעבן, קאָן זיין נאָר, ווען מען וועט עפנטלעך הינריכטן אַ געוויסע צאָל דייטשן אין אויסלאַנד און מען וועט מעלדן עפנטלעך, אַז אויב די דייטשן וועלן נישט אָפּשטעלן די שחיטה אויף יידן אין פוילן, וועט מען נאָך גרעסערע גרופּעס דייטשן עפנטלעך אויסשיסן. דאָס איז די מיינונג פון בערעזאָווסקין און אַלע אַנדערע."

„דער אַנטייל פון יידן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג איז אַ באַדייטנדיקער. אָבער בשעת דער ליקווידאַציע־אַקציע פאַרשווינדט אַלץ. גאַס נאָך גאַס, שטאָט נאָך שטאָט ווערט אויסגעליידיקט

פון אַלע אָן אויסנאַם יידן. זיי פאַרשווינדן. קיינער קאָן זיך נישט ראַ־טעווען. בלויז געציילטע ראַטעווען זיך אויסערן געטאָ. אויף די גאַסן הינטערן געטאָ שיסט מען אין יעדן מענטש, וואָס זעט אויס ווי אַ ייד. עס טרעפט אָפט, אַז מען שיסט אין פּאָליאַקן, אָדער אַפילו דייטשן, וואָס זענען ענלעך אויף יידן. געציילטע יידן זענען באַהאַלטן אין ספּעציעלע ערטער אויסער דער געטאָ. פאַר מיין אַוועקפאָרן האָט מען אין וואַרשעווער געטאָ אַריין, וואָס איז שוין געווען כמעט ליידיק, אַנגעהויבן אַריינשטופּן פּאָליאַקן. מען האָט מורא, אַז מען וועט שפּעטער טון דאָס זעלבע מיט די פּאָליאַקן, וואָס מען טוט איצטער מיט די יידן פון געטאָ."

„— צי שיקט מען אַריין אין געטאָ צו באַזעצן ספּעציעלע קאַ־טעגאָריעס פּאָליאַקן?"

„— ניין, דערוויל שיקט מען אַריין אָן שום סעלעקציע."

„פון די דריי און אַ האַלבן מיליאָן פּוילישע יידן און פון 500 ביז 700 טויזנט יידן, וואָס מען האָט געבראַכט פון אַנדערע לענדער, איז שוין באַלד גאָרנישט געבליבן. עס גייט שוין נישט איצטער וועגן עפּעס אַן אונטערדריקונג פון יידן, נאָר וועגן אַ קאָמפּלעטער אויסראָטונג אין די שרעקלעכסטע ליידן און אויף די ראַפינירטסטע אופנים. אין אַטוואָצק זענען אַלע יידן — 3200 צוזאַמען — אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך צוויי קאָמפּאַניעס דייטשיש מיליטער צווישן צוועלף ביינאַכט און אַכט אין דער פרי אין פאַרלויף פון איין נאַכט. דאָס זעלבע איז גע־שען אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט גלייכצייטיק."

„אין וואַרשעווער געטאָ איז שוין פאַר דער גרויסער מאַסן־שחיטה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אַנדערער העלפט יולי, געווען זייער שלעכט. דער הונגער איז שוין דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז מענטשן זענען פאַרטעמפּט געוואָרן, מען האָט זיך אויפגעהערט צו טיילן. קינדער האָבן געלאָזט אויסגיין אַלטע עלטערן פון הונ־גער, ווייל עס איז זיך נישט געווען מיט וואָס צו טיילן מער. מענטשן, דער עיקר עלטערע און קליינע קינדער, זיינען טאָקע מאַסנ־ווייז געפאַלן אין די גאַסן און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגע־קוקט. די טויטע אין די גאַסן האָבן שוין אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט געמאַכט. יעדן אין דער פרי פלעגן כמעט פאַר אַלע טויערן ליגן נאַקעטע מתים. די קליידער פלעגט מען פון זיי אַראָפּנעמען,

ווייל זיי זענען ווערט אַ סך פאַר די לעבעדיקע, און מען פלעגט די טויטע אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס, כדי נישט צו דאַרפן צאָלן פאַר דער קבורה. אַלע פלעגן באַגראָבן ווערן ווי נאָמענלאָזע. טויזנטער קינדער, וועמענס עלטערן זענען פריער אויסגעמאָרדעט געוואָרן אָדער אומגעקומען פון הונגער, פלעגן זיך וואַלגערן אין געטאָ אָן שום אויפזיכט. די דייטשן פלעגן איינאָרדנען פאַרמעלע יאַגדן אויף די דאָזיקע קינדער און זיי אויסשיסן. בכלל וויזן זיי אַרויס אַ באַזונדערע אכזריות צו יידישע קינדער. אין די טויזנטער זענען די פאַלן ווען עלטערן, וועלכע מען האָט גענומען אויף צוואַנגס־אַרבעט אויף אַ טאָג, קומען אַהיים און געפינען נישט מער זייערע קינדער. ביי־טאָג גייען אַרום דייטשן און שלעפן אַרויס די קינדער פון די שטיבער און דערשיסן זיי פאַר די טויערן, אָדער אויסער דער געטאָ. מען האָט באַוואָפנט די היטלער־יוגנט. 15־16־יעריקע ייִנגלעך טראָגן אַרום רעוואָלווערן. גאַנצע טשאַטעסווייז פלעגן זיי יעדן טאָג קומען אין געטאָ אַריין, זיך אויסשטעלן אויף די גאַסן און שיסן אין יעדן פאַרבייגייענדיקן — אַלץ איינס קינדער צי דערוואַקסענע. אויב די גאַסן ווערן דערביי ליידיק פון מענטשן, גייען זיי אין די הייף און אין די שטיבער, שיסן דורך די פענצטער. דאָס זעלבע טוען גרופּעס דייטשע זעלנער און געסטאַפּאָ־לייט. אומאויפהערלעך פלעגן זיין די וויזיטן פון אַזעלכע גרופּעס, וואָס פלעגן פאַר פאַרווײַלונג וועגן קומען אין געטאָ זיך פאַרמעסטן ווער עס איז אַ בעסערער שיסער. פאַראַן אַזעלכע אויסוואורפן, וועלכע שרייבן מיט קרייד אויף די קערפּערס פון זייערע קרבנות דעם נומער, דער וויפילטער קרבן עס איז פון זייער האַנט. עס איז באַקאַנט איין געסטאַפּאָ־מאַן מיט דעם נאָמען קראַוזע, וועלכער גייט איבער יידישע הייזער, פאַרשליסט איינעווייניק די טיר און מאָרדעט אויס גאַנצע משפחות. שפּעטער שרייבט ער אויף די טירן די לויף־נומערן פון זיינע קרבנות. אין אָקטאָבער האָט דער דאָזיקער מערדער, אויף דער טיר פון אַ דורך אים אויסגעשאָכטענער משפחה, אויפגעשריבן דעם נומער 1006 (איין טויזנט און זעקס)."

„די גהינום־אַטמאָספער אָבער האָט זיך אין וואַרשעווער געטאָ באַשאַפן זינט דעם 18טן יולי, ווען ספּעציעל געשולטע ,יודען־פער־ניכטונגס־קאָלאָנען' זענען אָנגעקומען, און די קאַשמאַרפולע מאַסן־שחיטה האָט זיך אָנגעהויבן. דעם זעלבן טאָג האָט מען געפאָדערט

פון טשערניאַקאָוו ער זאָל צושטעלן 6000 יידן צום „דעפּאָרטירן". צומאָרגנס האָט מען שוין פון אים געפאָדערט 10,000 יידן און דעם נעקסטן טאָג — ווידער צען טויזנט און שפּעטער צען טויזנט קינדער. מען האָט אַרעסטירט טשערניאַקאָווס פרוי און אים דערקלערט, אַז זי וועט געפייניקט ווערן און דאַן דערשאָסן ווערן, אויב ער וועט נישט אויספירן די באַפעלן. ער האָט געפרעגט, וואָס מען טוט מיט די מענטשן, וועלכע מען פירט אַוועק, האָט מען אים געלאַכט אין פּנים אַריין און געענטפערט, אַז מען טוט מיט זיי דאָס, וואָס מען דאַרפט טון מיט יידן. ער איז דאַן אַריין אין נאָענטן צימער און גענומען סם. דאָס איז געווען דעם 23טן יולי. די פּוילישע פּאָליציי, וועלכע פלעגט שטיין פאַר די טויערן פון געטאָ און אינעווייניק, האָט מען מיט עטלעכע טעג פריער צוגענומען און אויף זייער אָרט געבראַכט דייטשע, אוקראַאינישע, לאַטווישע און ליטווישע פּאָליציי. נאָך טשערניאַקאָווס טויט האָט מען אַרעסטירט אַלע מיטגלידער פון יודען־ראַט און מען האָט באַשטימט דעם אַלטן אינזשיניער ליכטנבוים אַלס עלצטן פון געטאָ. מען האָט אָנגעהויבן כאַפּן אַלעמען פון די גאַסן און אָפּשליסן גאַנצע בלאָקן הייזער, פון וואַנען מען נעמט אַרויס די גאַנצע באַפעלקערונג. מיט אַ באַזונדערער אַכזריות צייכענען זיך אויס די לאַטווישע באַנדעס און אויך די יידישע פּאָליציי, וועלכע איז פון איין זייט טעראָריזירט דורך דעם, וואָס מען האָט יעדער רעוויר־גרופּע פאַרזיכערט, אַז אויב זי וועט נישט צושטעלן יעדן טאָג די באַשטימטע צאָל יידן פון איר ראַיאָן, וועט מען אַלע יידישע פּאָליציאַנטן פון געגעבענעם ראַיאָן צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אויסשיסן. דאָס דאָזיקע איז בנוגע אַ סך טאָקע אויסגעפירט געוואָרן. פון דער אַנדערער זייט, האָט מען די יידישע פּאָליציאַנטן געגעבן דעם צוזאָג, אַז אויב זיי וועלן אויספירן די באַפעלן לגבי אַלע אַנדערע יידן, וועלן זיי און זייערע משפחות געשוינט ווערן."

„טויזנטער ווערן אויסגעשאָסן אין די שטיבער, אויף די הייף און אויף די גאַסן, אײדער מען ברענגט זיי צו די זאַמל־פּונקטן פון וואַנען זיי ווערן אַוועקגעפירט. איין גרופּע לאַטווישע פּאָליציאַנטן האָט זיך איינגעבראַכן און דערקלערט, אַז זי קאָן זיך מער נישט פאַרנעמען מיט מאָרדן קינדער און פרויען, זיי זענען זייער לאָיאַל צו היטלער־דייטשלאַנד און זענען גרייט אַלץ צו טון, זאָל מען זיי שיקן אויפן פראָנט, אָבער דאָס קאָנען זיי מער נישט טון. מען האָט די גאַנ־

צע גרופּע אַרעסטירט און איך ווייס נישט וואָס מיט זיי איז געשען. דאָס איז געווען אָבער אַ פּאַראײנצלטער פאַל. בכלל זענען זיי גע־ווען אכזריותדיק. אויפן וועג דערשיסט מען נאָך צו עטלעכע צענד־ליק מאַן אונטער פאַרשידענע פּרעטעקסטן, כדי די יידן אויסצולער־נען אָרדנונג פאַרן טויט."

„זינט דעם 18טן יולי איז דער גהינום אין געטאָ נאָך מער פאַר־ערגערט געוואָרן צוליב דעם קאָמפּלעטן הונגער, ווייל עס האָט אין גאַנצן אויפגעהערט דער שמוגל פון פּראָדוקטן אין געטאָ אַריין. דער דאָזיקער שמוגל איז שוין פריער אויך געווען באַשווערט. ער פלעגט שוין זיין זייער באַגרענעצט און פאַרקומען אויף דעם אופן, וואָס אויף אָפּגערעדטע ערטער פלעגט מען פון פאַרבייפאָרנדיקע טראַמ־ווייען אַראָפּוואַרפן פעקלעך און זעקלעך מיט פּראָדוקטן. זינט אָבער די מאַסן־שחיטה בושעוועט, איז דאָס אויך אוממעגלעך געוואָרן. אַ באַזונדערע פּראָבלעם זענען די קינדער פון געטאָ. איך האָב שוין פריער דערמאָנט וועגן טויזנטער קינדער וואָס פלעגן זיך וואַלגערן נאָך אויסגעשאָכטענע עלטערן און וועגן די שוידערלעכע געיעגן און שי־סערייען קעגן די דאָזיקע קינדער. טויזנטער קינדער האָבן געפּ־רואווט זיך אַרויסראַטעווען דורך אַנטלויפן פון געטאָ. אַלע כמעט זע־נען דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן, אָדער גלייך ביים טויער, אָדער שפּעטער אויף דער גאַס, ווען עס איז דערקענט געוואָרן אַלס יידיש קינד. עס איז באַקאַנט, אַז אַרום 150 יידישע קינדער אין על־טער פון זיבן ביז צען יאָר, ווען עס האָט אָפּגעגליקט זיך אַרויסצו־באַקומען פון געטאָ, דרייען זיך אַרום אויסערן געטאָ און בעטלען אין פּוילישע הייזער. איך אַליין האָב וויפל מאָל געזען די דאָזיקע קינדער. ווי זעען זיי אויס — זיי האָבן נישט מער קיין מענטשלעכע צורה. דאָס זענען עפּעס מאָנסטערס נאַקעטע, באַוואַקסענע, מיט אויגן, וועל־כע עס איז נישט מעגלעך צו פאַרגעסן — אויגן פון חיהלעך אין לעצטן טויטן־אַנגסט. זיי געטרויען קיינעם נישט, דערוואַרטן פון יעדן דאָס ערגסטע, שאַרן זיך ביי די ווענט קוקנדיק אין טויט־אַנגסט אין אַלע זייטן. קיינער ווייסט נישט וואו זיי שלאָפן. זיי קלאַפּן אָן פון צייט צו צייט אין אַ פּוילישער טיר. עס קומט פאָר אויף דעם אופן: אָנ־געקלאַפּט און אַראָפּגעלאָפן אויף דער מיט שטיגן אין אַ פּאָזע גרייט צו אַנטלויפן, ווייל זיי ווייסן קיינמאָל נישט, וואָס עס דערוואַרט הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר. ווען עס באַווייזט זיך אַ מענטשלעך

פּנים אין דער טיר — בעטלען זיי נישט, נאָר נישט ענדערנדיק די פּאָזיציע זאָגן זיי כמעט אַלע אײן און דעם זעלבן פּזמון אין אַ שלעכטן פּויליש: „פּאָליאַקן זענען גוטע מענטשן, פּאַניושאַ, פּאָליאַקן האָבן נישט ליב, אַז מענטשן זאָלן שטאַרבן פון הונגער. איך שטאַרב, פּאַניושאַ, גיעך זשיע פּאַלסקאַ.' ברויט אָדער אַביסל זופּ באַקומט אַזאַ קינד זייער זעלטן. אין בעסטן פאַל גיט מען עס אַ שטיקל פּיעטרושקע, אָדער שאָלן פון קאַרטאָפל, אויף וואָס די קינדער וואַרפן זיך גלייך און פאַרשלינגען עס אַנטלויפנדיק. צו טירן, פון וועלכע מען האָט זיי עפּעס איינמאָל געגעבן, קומען די דאָזיקע קינדער צוריק יעדע עט־לעכע טעג. פאַראַן פּוילישע הייזער וואו מען ווייסט שוין, אַז יעדע צוויי־דריי טעג קומט דאָס זעלבע קינד אָנקלאַפּן. און אויב עס גייט אַוועק עטלעכע טעג און דאָס קינד קומט נישט — ווייסט מען שוין אויף זיכער, אַז עס איז דערשאָסן געוואָרן ערגעץ אויף דער גאַס. עס זיינען אויך באַקאַנט פאַלן, ווען מאַנכע פון די דאָזיקע קינדער האָבן צו עטלעכע מאָל זיך אַריינגעגנבעט צוריק אין געטאָ, כדי צו ברענגען זייערע עלטערן, אָדער שוועסטערלעך אַ שטיקל פּיעטרושקע, און שפּעטער האָבן זיי זיך צוריק אַרויסגעגנבעט פון געטאָ — קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי."

„אומקערנדיק זיך צו דעם אופן ,דעפּאָרטירן': איך האָב געקוקט אין וואַרשע, ווי עס געשעט דער ערשטער טייל, און שפּעטער האָב איך געזען הינטער בעלזשיץ, ווי ס'געשעט דער צווייטער טייל און דער לעצ־טער. אין וואַרשע טרייבט מען די מענטשן אַוועק הינטער דער שטאָט צו די באַן־רעלסן, וואו ס'וואַרט שוין אַ לאַנגער צוג מיט פי־וואַגאָנעס. אויפן וועג האַלט מען אין איין שיסן אין די מענטשן אונטער די פאַר־שידנסטע אויסריידן. אָפּגעשטאַנענע דערשיסט מען, דער גאַנצער וועג איז געוויינלעך באַלייגט מיט מתים־דערשאָסענע. ווען מען קומט שוין צום פּלאַץ פון אויפלאָדעווען, באַרויבט מען אַלע פון אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן (אָפיציעל האָט מען דערלויבט יעדן צו נעמען 15 קילאָ באַגאַזש און מען האָט געהייסן מיטנעמען דאָס ווערטפולסטע וואָס יע־דער פאַרמאָגט). דאַן טרייבט מען זיי אין די וואַגאָנעס, צו הונדערט אין אַ וואַגאָן. עס הויבט זיך אָן דער ערשטער עטאַפּ פון דער ריי־זע, וועלכע דויערט פון צוויי ביז אַכט טעג. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט עפנט מען נישט די וואַגאָנעס. אַ זייער גרויסער טייל קומט אום איידער מען דערגרייכט דעם עטאַפּ־לאַגער, וואָס געפינט

זיך הינטער בעלז, אַרום 50 קילאָמעטער. פון דעסט וועגן איז דער ערשטער טייל פון דער רייזע מילד אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס געשעט ווייטער. איך בין געווען אין דער איבערקליידונג פון אַ פּאַליציאַנט אין דעם עטאַפּ־לאַגער הינטער בעלז. עס איז אַן אָפּע־נע שאָפּע בלויז אין דער העלפט געדעקט מיט אַ דאַך. צו יענעם מאָ־מענט האָבן זיך דאָרטן געפונען אַרום 5000 מענטשן. יעדע פּאָר שעה קומען אָן נייע טראַנספּאָרטן און מען פירט אָוועק אַלטע — צום לעצטן וועג. עס איז שווער צו באַשרייבן דעם איינדרוק, וואָס די דאָזיקע מאַסע מאַכט; די מענטשן האָבן שוין מער נישט קיין מענטש־לעכע צורה. סקעלעטן, גליענדיקע אויגן מיט וואַנזין און אויסגע־לאָשענע, מיט רעזיגנאַציע. נאַקעטע, דענערווירטע, זיך אומאויפ־הערלעך באַוועגנדיקע מיט צאַפּלדיקע נערוועזע באַוועגונגען. אָט ליגט אַ קינד נאַקעט מיטן פּנים אַרויף און צאַפּלט זיך אין גסיסה, — קיינער קוקט זיך נישט אום. אָט זיצט צווישן דער מאַסע אַ מאַן אין גאַנצן נאַקעט — עמיצער האָט אים וואַרשיינלעך באַרויבט פון אַלע זיינע קליידער — קיינער קוקט זיך נישט אום, עס מאַכט אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט. די וואַך אַרום האַלט אין איין שיסן אין דער מאַסע. מתים וואַלגערן זיך אומעטום, מענטשן שפּרייזן איבער זיי אין זייער קאָנוואַלסיוון גאַנג, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיי נישט באַמערקט. יעדע פּאָר מינוט קומען די וואַך־לייט און באַפעלן עט־לעכע יידן אַרויסצוטראָגן די מתים און אַרויסוואַרפן הינטערן פּלויט. מען טוט עס אָן אויפרעגונג, אָן אויסדרוק, אַזוי ווי נישט ווייסנדיק, וואָס זיי טוען. — עס איז נישט מער קיין נאָרמאַלע מאַסע. — איין גרויסע, צאַפּלנדיקע, לעצטע קאָנוואַלסיע פון אַ פינף־טויזנטי־קער גסיסה.״

„אין דעם דאָזיקן לאַגער ווערן די מענטשן געהאַלטן אָפּט צו עטלעכע טעג. ווען מען נעמט זיי טרייבן ווייטער האָט שוין קיינער פון זיי נישט פון לאַנג אַ ביסן אין מויל צו נעמען. קיין עסן גיט מען זיי נאַטירלעך נישט און זיי עסן בלויז דאָס וואָס זיי האָבן באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך. עס הויבט זיך אָן דער שווידערלעכער צוויי־טער עטאַפּ: מיט בייטשן און רעוואָלווערן־שאָסן נעמט מען פּלוצ־לונג טרייבן די מאַסע צו דער באַן־ליניע, וואָס געפינט זיך עטלעכע צענדליק מעטער ווייט. דערביי איז אַלץ צוגעגרייט און אויסגערעכנט אויף וואָס מער צו פּייניקן די מענטשן. פון לאַגער ביז די באַן־רעלסן

האָט מען איינגעאָרדנט אַ שמאָלן דורכגאַנג פון שוואַכע פלויטלעך. הינטער די פלויטלעך פון ביידע זייטן שטייען לעגגאַוויס דעם גאַנצן וועג — באַוואָפנטע וואַכן. פון הינטן טרייבט מען די מאַסע מיט בייטשן און שיסערייען. מען טרייבט זיי אַזוי, אַז עס זאָל צווישן זיי זיין וואָס מער פּאַניק און בהלה. אָבער אין דער זעלבער צייט פּאָדערט מען עס זאָל זיין „אָרדנונג" און קיינער זאָל נישט אָנרירן די פלויטלעך, פּאַרן אָנרירן די פלויטלעך שיסט מען פון די זייטן. דאָס שיסן, דאָס בלוט און קרעכצן פון די געטראָפענע, די טויטע וואָס פאַלן אונטער די פיס — פאַרגרעסערן נאָך מער די בהלה — האָט מען נאָך מער אויסרייד צו שיסן. הונדערטער פאַלן אויף דעם אופן אויפן שטח פון די עטלעכע מעטער. אָבער דאָס זענען די גליקלעכע, ווייל אויף אַלע אַנדערע וואַרט אַ פיל שרעקלעכער טויט: דער שמאָלער דורכגאַנג פירט צום אָפענעם טויער פון אַ פי־וואַגאָן. דאָס זענען יענע וואַגאָנעס פאַר — „פירציג מאַן אָדער אַכט פפערדע". מיר האָבן ספּעציעל אויסגעמאָסטן און פעסטגעשטעלט, אַז ווען מען זאָל אין אַזאַ וואַגאָן אויסשטעלן ענג צוזאַמענגעפּרעסט איינעם נעבן אַנדערן אין גאַנצן נאַקעטע מענטשן, וואָלט געוועזן רוים פאַר 90 מענטשן. אָבער זיי טרייבן אַריין צו 140 מענטשן. פון ביידע זייטן טויערן שטייען ס.ס.־לייט מיט רעוואָלווערן און בייטשן. מען טרייבט די מענטשן מיט אַזאַ בהלה און איילעניש, אַז די אויסגעפּייניקטע סקעלעטן מוזן מיט די לעצטע כוחות מאַכן אַקראָבאַטישע שפּרונגען. עס קומט אַ מאָמענט, ווען דער וואַגאָן איז שוין אויסגעפילט ביזן לעצטן סענטימעטער. אָבער מען טרייבט נאָך אַלץ: — „איינשטייגען! איינשטייגען!" — די מענטשן נעמען זיך דעמאָלט דראַפּען פאַר די קעפּ און די האָר פון די, וואָס זענען שוין אינעווייניק. און אַזוי קלעטערן אַרויף אויף די קעפּ פון די שטייענדיקע נאָך פופציק מענטשן. דעמאָלט פאַרשליסט מען דעם וואַגאָן, דער צוג רירט און עס פאָרט אונטער צו דער עפענונג אַ נייער וואַגאָן..."

„אַ לאַנגער צוג, אָנגעשטאָפּט מיט עטלעכע טויזנט מענטשן אויף דעם אופן, ווערט אָוועקגעפירט אויף אַ זייטיקער ליניע און איבערגעלאָזן אויף 2 ביז 8 טעג. פאַר דער גאַנצער צייט עפנט מען נישט דעם טויער פון וואַגאָן. די מענטשן קומען אום אין ערגסטן פּיין. זיי דערפילן זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן איבער די קעפּ פון די אַנדערע. אַסך וואַגאָנעס זענען אויסגעשיט מיט קאַלך. פון דער

פייכטקייט, פון מענטשלעכער השתנה צינדט זיך אָן דער קאָלך און ברענט די נאַקעטע פיס פון די שטייענדיקע, כדי צו פאַרגרעסערן זייערע יסורים."

„אַזוי ווי נישט פאַר אַלעמען סטייעט וואַגאָנעס, כדי זיי אומצו־ברענגען אויף דעם אופן, וואָס קאָסט אין גאַנצן גאָרנישט, פירט מען דעם גרעסטן טייל פון דער מאַסע אַריין קיין בעלז, וואו מ'פאַרסמט זיי מיט גאַז, מען טויט זיי מיט עלעקטרישן שטראָם. אַרום בעלז פאַר־ברענט מען די מתים. אויף אַ מהלך פון 50 קילאָמעטער אַרום ברע־נען די ריזיקע שייטער־הויפנס בייטאָג און ביינאַכט."

„געווען דערביי פאַלן וועגן וועלכע דאָס גאַנצע לאַנד רעדט. וועגן קאַרטשאַקן, למשל, רעדט מען ווי וועגן אַ הייליקן. ער איז פרייווילי‍ק געגאַנגען מיט די קינדער פון זיין אַנשטאַלט צום טויט. ער האָט עס געטאָן אָן געוויין, אָן היסטעריע. מיט אַ שמייכל האָט ער גענומען אַ קינד אויף יעדער האַנט און איז דער ערשטער אַריין אין וואַגאָן פון טויט."

„די יידישע פאָליציי האָט געהאַט אַ קאָמענדאַנט באַשטימט פון דער געסטאַפּאָ, זיין נאָמען איז שעראַנסקי. דאָס איז אַ משומד, וועלכער איז געווען אַ קאָמיסאַר אין דער פוילישער פאָליציי. צו־ערשט האָט ער זיך אויפגעפירט מענטשלעך. ערב דער לעצטער אַק־ציע האָט אים די געסטאַפּאָ אַרעסטירט. נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אים אַרויסגעלאָזט און ער האָט זיך אָנגעהויבן אויפפירן ווי אַן אמתע חיה. זיין ראָלע אין דער גאַנצער אַקציע איז אַ פינצטערע. מען האָט געפּרואווט מאַכן אויף אים אַן אַטענטאַט, וועלכער איז נישט געלונגען."

„אין געטאָ פלעגן אַרויסגיין עטלעכע צייטונגען פון „בונד", איינע פון קאָמוניסטן און איינע פון ציוניסטן. (וואָסער מין, ווייסט ער נישט, אַרטור). אַ חוץ דעם האָבן עטלעכע פּוילישע גרופּירונגען איינגעאָרדנט דאָס אַרויסגעבן זייערע אומלעגאַלע צייטונגען אין יידישן געטאָ, — צוליב קאָנספּיראַציע. צווישן זיי אויך אַ פּוילישע קאָמו־ניסטישע צייטונג. די געסטאַפּאָ האָט זיך דערוואוסט וועגן די דאָ־זיקע פּוילישע צייטונגען, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אין געטאָ, און אין אַפּריל האָט מען אַלס נקמה אין מיטן נאַכט אַרויסגענומען 60 יידן פון די בעטן, הויפּטזעכלעך דרוקער, און מען האָט זיי דערשאָסן פאַר די טויערן. שפּעטער איז געווען שווער צו געפינען אַ יידישן דרו־קער, ווייל כמעט אַלע זענען געווען טויט."

„ווי איז די אויפפירונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג דער־ביי? — מען מוז זאָגן דעם אמת, אַז זינט אַ געוויסע צייט איז די אַנטי־יידישע שטימונג צווישן דורכשניט־עולם שטאַרקער געוואָרן צו־ליב די שרעקלעכע געשיכטעס, וואָס קורסירן וועגן דער אויפפירונג פון יידן קעגן פּאָליאַקן אין די באָלשעוויסטיש־אָקופּירטע געביטן. פּאָליאַקן העלפן די גאַנצע צייט יידן, אָבער פּאָר געלט. די גאַנצע פּוי־לישע באַפעלקערונג האָט געהאָלפן אַריינשמוגלען שפּייז אין געטאָ און געהאָלפן יידן אויף פאַרשידענע אַנדערע אופנים, אָבער פּאַר גראָ־בע געלט. עס זענען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן זייער פיל אויסנאַמען. אָבער אַלס כלל האָט זיך איינגעשטעלט פון פּויערים, למשל, אַן עגאָ־איסטישע באַציאונג פון — ,מען דאַרף געניסן דערפון.' — אַסך פּויע־רים האָבן באַהאַלטן ביי זיך יידישע קינדער, אָבער נאָר אין אַזעלכע פאַלן, ווען מען האָט זיי דערפאַר גוט באַצאָלט. געווען פאַרשטייט זיך אויך אויסנאַמען. די שטאָטישע קאָלטונעריע, וועלכע האָט אין אַ סך פאַלן איבערגענומען יידישע געשעפטן און וואַרשטאַטן, איז גע־וואָרן דער צענטער פון דער דאָזיקער שטימונג און אַגיטאַציע, אַז ,דער צושטאַנד דאַרף נישט געענדערט ווערן.' ,וואָס מיר האָבן צו־גענומען, איז אונדזערס, מיר וועלן עס קיינמאָל נישט אָפּגעבן צוריק.' די איינשטעלונג פון די פּאָליטישע גרופּירונגען זענען געבליבן כמעט אומפאַרענדערט. די עקסטרעם רעכטע גרופּעס, ווי: אָנר, פאַלאַנגא און אָבץ, האָבן געפירט אַן אַגיטאַציע פאַר אַ געטאָ אויך אויף שפּעטער. צום ערגסטן זיינען דאָ געווען די פאַלאַנגאַ־ און אָבץ־גרופּעס. זיי האָבן פאַרנומען די שטעלונג אומגעפער אַזוי: אונדזערע שונאים זענען יידן און דייטשן. מיר דאַרפן פּטור ווערן פון ביידע. ס'איז דעריבער גאַנץ גוט, וואָס זיי שעכטן זיך אַליין אויס צווישן זיך. די אַלטע ענדעציע האָט נישט געענדערט איר שטעלונג אין דער יידן־פראַגע, אָבער זי וויל נישט געניסן פון דער הילף פון די דייטשן זי צו לייזן. אַ טייל גרופּירונגען פון דער אינטעליגענץ זענען אַנטיסעמיטיש. די מייסטע טרעטן אָבער אַרויס די גאַנצע צייט זייער שטאַרק קעגן דער אַנטי־יידישער אַקציע. גאָר גוואַלדיק טרעט אַרויס די גאַנצע לינקע פּרעסע. אויך דער כאַדעקישער לאַגער (,פראָנט כרזשעשטשיאַנסקי') האָט לעצטנס אָנגעהויבן זייער שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן דער דייטשער באַהאַנדלונג פון די יידן. זיי האָבן לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַ פּלאַ־מיקן פּראָטעסט קעגן דער שחיטה אויף יידן, אין וועלכן זיי פאַראור־טיילן אַלע יענע, וואָס שליסן זיך אין אים נישט אָן. אַ פּראָטעסט

קעגן די מעטאָדן פון די דייטשן לגבי די יידן האָט אויך פאַרעפנטלעכט די ענדעציע אין איר פרעסע. ווייטער אויף רעכטס — זיינען קיין פּראָטעסטן נישט געווען, אין בעסטן פאַל פאַרשוויגן זיי די גאַנצע זאַך."

„וואָס איז שייך די אָפיציעלע עלעמענטן, (ווי דער דעלעגאַט און דער קאָמענדאַנט פון די געהיימע מיליטערישע גרופּן), איז דאָ וויכ־טיק אין הויפּט־זאַך: די אָפיציעלע פּרעסע האָט די גאַנצע צייט פאַרנומען אַן אויסגעשפּראָכענע שטעלונג קעגן די דייטשע אַנטי־יידישע פאַראָרדנונגען און האַנדלונגען, הגם אין אַלגעמיינע געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען האָט זי פאַרנומען גיכער אַ רעכטע שטעלונג. (איצטער ווערט אפשר אַנדערש ווערן נאָכדעם, ווי עס איז געענדערט געוואָרן דער דעלעגאַט.) אָבער אין די מיליטערישע גרופּעס איז פּאַק־טיש אָנגענומען דער פּרינציפּ, אַז זיי זענען יידן־ריין."

„אין דער לעצטער צייט איז אין דער באַציאונג צו יידן געוואָרן אַן ענדערונג ביים פּאָלק. מען רעדט, אַז דאָס וואָס עס קומט פאָר איז איבער דער טבע, עס רופט אַרויס מיטגעפיל און אויפרעגונג. אין די אָרגאַניזירטע קרייזן לעצטנס אין אַלע געשפּרעכן נעמט מען שוין אין באַטראַכט אין אַלע קאַלקולאַציעס, אַז — קיין יידן אין פּוילן ווערט אינגאַנצן, אָדער כמעט נישט זיין — ."

בערעזאָווסקיס ספּעציעלער אָנזאָג פאַר מיר

„די באַדינגונגען פון אַרבעט די גאַנצע צייט — אומבאַשרייב־לעך שווערע. קיין שום פאַרגלייכן מיט אַמאָל קאָנען נישט געמאַכט ווערן, די פאַרלוסטן — אומגעהויערע. נאָך דעם פאַרנעמען די גע־ביטן וואָס זענען געווען פאַרנומען פון די באָלשעוויקעס, איז די געסטאַ־פּאָ גלייך צוגעטרעטן צו ליקווידירן קודם כל אַלע אונדזערע טוער און אָנטיילנעמער אין דער באַוועגונג, ווי בכלל יידן וואָס זענען געווען באַ־קאַנט אַלס געזעלשאַפטלעכע טוער. דערביי האָבן אונדזערע טוער זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן מיט זייער אָנטייל אין דער אונטער־ערדישער באַוועגונג אויך פאַר פּאָליאַקן — דורכשניטלעכע — ווייל מען האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן אויף וועמען מען טרעפט און ווי ער וועט רעאַגירן.

„מיר טוען דעם מאַקסימום פון דעם וואָס מיר קאָנען אין די באַדינגונגען. דער ניווא און די האַלטונג פון אונדזערע מענטשן איז

אַן אומפאַרגלייכלעכער, אַ שטאָלצער און אַ העלדישער. אָבער קיין גרויסע זאַכן קאָן מען פון אונדז אין די באַדינגונגען נישט דערוואַרטן: גרופּע נאָך גרופּע, שטאָט נאָך שטאָט פאַרשווינדן אין דעם אַלגעמיינעם פאַרניכטונגס־שטראָם. קיינער ווייסט נישט צי אין אַ שעה ארום, אָדער מאָרגן וועט ער נאָך לעבן. וואָס זשע פאַר אַן אַרבעט קאָן מען אין אַזעלכע באַדינגונגען פירן?

„מיר וואָלטן אפשר אַ געוויסע צאָל מענטשן געקאָנט אַרויסראַטעווען, ווען מיר וואָלטן פאַרמאָגט גאָר גרויסע סומעס אונטערצוקויפן די דייטשן. אָבער דאָס רעדט זיך טאַקע וועגן גאָר־גאָר גרויסע סומעס.

„איך וויל נישט איבערגעבן וועגן איינצלהייטן פון אונדזער אַרבעט. עס איז שוין איצטער נישט וויכטיק און איך בין נישט אימשטאַנד עס צו טון. גיט נאָר איבער זיגעלבוימען, אַז מיר האָבן אַ טענה צום „קאָמענדאַנט", וועלכע מיר וועלן אים קיינמאָל נישט מוחל זיין: מיר האָבן זיך געווענדעט מען זאָל אונדז געבן געווער, כדי צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד מיט דעם צוועק ווינציקסטנס צו קאָנען שטאַרבן ווי מענטשן, מיט געווער אין האַנט. מען האָט אונדז אָפּגעזאָגט און קיין געווער נישט געגעבן."

***

בערעזאָווסקי לעבט איצער דער געטאָ אַלס אַריער, אונטערן שוץ פון די אָפיציעלע אונטערערדישע פאַקטאָרן. צי נאָך וועלכע אונדזערע מענטשן לעבן אויף דעם שטייגער, ווייס נישט דער דערציילער. בשעת דעם שמועס מיט אים איז בערעזאָווסקי בכלל געווען באַהערשט. אָבער פון צייט צו צייט האָט ער באַקומען אַ מין אָנפאַל, איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ און געשריגן: איך קאָן נישט, איך קאָן נישט רעדן וועגן דעם, איך ווער משוגע אא"וו. אָבער ער האָט זיך באַמיט ווייטער צו באַהערשן זיך און האָט פאַרגעזעצט זיינע שילדערונגען און אָנזאָגן.

אויף דעם זעלבן אופן ווי בערעזאָווסקי, לעבן און זענען באַהאַלטן אויסערן געטאָ אַ געוויסע צאָל יידן, אָדער אַזעלכע וואָס זענען דורך די צייטן באַהאַנדלט געוואָרן ווי יידן. אָבער דאָס זענען אָדער גאָר רייכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָס איינגעאָרדענט פאַר גראָבע געלט, אָדער גאָר געשמדטע צי אַסימילירטע עלעמענטן, וואָס ווערן דורך דער פּוילישער געזעלשאַפט באַטראַכט פאַר באַזונדערס ווערטפולע, ווי געלערנטע און ענלעכע, און די אָפיציעלע פאַקטאָרן האָבן

זיי געהאָלפן זיך ראַטעווען, און זיי געפינען זיך אונטער זייער שוץ. בכלל אָבער האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ גאַנץ אומבאַדייטנדער צאָל, וואָס גרייכט מאַקסימום עטלעכע הונדערט.

(—) אַרטור.

(ש. זיגעלבוים).

פופצן חדשים חורבן און גערַאנגל

באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" אין פוילן — צו דער פאַרשטייערשאַפט פון „בונד" אין לאָנדאָן.

א.

פאַר דער צייט פון 1 אויגוסט 1942 ביז 22 יוני 1943

חשובע, טייערע חברים,

מיר האָבן אַ געלעגנהייט איבערצושיקן אייך אַ בריוו, צום באַדויערן פון זייער אַ באַגרענעצטן פאַרנעם. מיר נוצן דאָס אויס און שיקן אייך אַ באַריכט, (אָנקניפּנדיק אים צום לעצטן מעמאַריאַל פון 31טן אויגוסט 1942), פאַר דער צייט פון 1טן סעפּטעמבער 1942 ביזן היינטיקן טאָג.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ וועלן מיר היינט זיך באַגרענעצן בלויז מיט יידישע פראַגן.

צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אויסראָטונג־אַקציע, וואָס דריקט זיך אויס אין מאַסן־כאַפּעריען צו אַרבעט אין רייך, לאַגערן און תפיסות, אין כסדרדיקע מאַסן־אַרעסטן, צעשיסונגען און אַרויסשיקונגען פון גאַנצע דערפער, שטעטלעך און געגנטן, — צוזאַמען מיט דעם אַלעמען קומט פאַר אַ פאַרשטאַרקטע אויסראָטונג פון דעם פאַרבליבענעם טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אויב ביזן 31טן אויגוסט פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר (1942) האָבן די נאַציס אומגעבראַכט אומגעפער אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן, האָבן זיי זייט דעמאָלט ביז היינט אומגעבראַכט נאָך אַמאָל אַזוי פיל. עס לעבן נאָך קוים 250 טויזנט יידן און אָט די צאָל ווערט קלענער פון טאָג צו טאָג.

דער דאָזיקער צייט־אָפּשניט ווערט כאַראַקטעריזירט דורך צוויי ליקווידאַציע־עטאַפּן: דער ערשטער עטאַפּ איז אַ פאַרזעצונג פון דעם פריערדיקן ליקווידאַציע־פּעריאָד, אין וועלכן עס איז פאַרגעקומען די אויסראָטונג פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג. פרויען, קינדער, זקנים, קראַנקע האָט מען דערמאָרדעט אָדער גלייך אויפן אָרט, אָדער אין די טויט־לאַגערן.

אין די געטאָס האָט מען איבערגעלאָזן די אַזוי גערופענע „פּראָדוק־טיווע עלעמענטן", וואָס זענען געבליבן לעבן ווי אין קאַזאַרמעס. מען האָט זיי איינגעשפּאַרט אין שפּער (גרויסע דייטשישע אונטערנע־מונגען, וואָס זענען שטרענג אָפּגעגרענעצט איינע פון דער אַנדערער) און זיי האָבן אויסגעפירט שקלאַפן־אַרבעט. אַ קליינע צאָל יידן איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף פאַרשידענע שווערע אַרבעטן קיין מזרח, אין די שטראָף־לאַגערן און אַרבעטס־לאַגערן. די אַרבעטס־באַדינגונגען אין די טרענטשעס און אין די פלעצער אויסערן געטאָ, ווי אויך אין די אַרבעטס־לאַגערן זענען געווען גרויזאַמע — הונגער, קעלט, בייטשן און קוילן. דער מענטש איז אויף אַ ראַפינירטן אופן געפּייניקט געוואָרן. דאָס איז געווען דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט פון די דאָזיקע היטלער־שקלאַפן.

אין סך־הכל זענען פאַרבליבן א ריי געטאָס, שטאַרק פאַרקלע־נערטע אין צאָל. זיי האָבן געהאַט אַ שאָפּ־כאַראַקטער. אין קעלערן האָבן זיך דאָרטן געפונען די אַזוי גערופענע אומלעגאַלע. דאָס זענען די, וועמען עס איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן זיך פון די אַזוי גערופענע „איבערשיקונגען", אָבער זיי האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייטן אַריינצובאַקומען זיך אין די שעפּער. אַזוי, צ. ב. זענען אין פריער־דיקן פּעריאָד פאַרבליבן אין די שעפּער פון וואַרשעווער געטאָ אַרום 35,000 יידן, און חוץ זיי, האָבן ביי 10,000 יידן זיך אויסבאַהאַלטן. אין קראָקעווער געטאָ זענען צו יענער צייט פאַרבליבן 10,000 יידן, אין לעמבערג — בערך 20,000, אין טשענסטאָכאָוו — העכער 10,000 אין פיל שטעט און שטעטלעך, וואו מען האָט נאָך ביז צו דער באַ־שטימטער צייט נישט געהאַט אָנגעהויבן די אַקציע פון ליקווידאַציע, האָט מען זי איצט דורכגעפירט פולשטענדיק, אָפּווייכנדיק עטוואָס דאָ אָדער דאָרטן פון די דייטשישע סכעמעס.

אויסער דעם פלעגן דורך אַט דער צייט כסדר אָנקומען אין די טויט־לאַגערן, אין די שטראָף־ און אַרבעט־לאַגערן נייע טראַנספּאָרטן יידן פון מערב־ און דרום־אייראָפּע.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דייטשישע מיליטערישע מפלות, איז די ברוטאַלקייט, אכזריות און דער טעמפּ פון דער ליקווידאַציע געוואָרן אינטענסיווער. דאָס אַלץ געהערט צום ערשטן עטאַפּ פון דעם באַריכט־פּעריאָד.

דער צווייטער עטאַפּ נעמט אַרום די ליקווידאַציע פון די שוין איינגעשרומפּענע געטאָס. אין דער צייט ווערן די שעפּער פון די

געטאָס איבערגעשיקט אָדער דעפּאָרטירט אין די אַרבעטס־לאַגערן. איצט האַנדלט זיך שוין וועגן ענדגילטיק אויסרייניקן די שטעט פון יידן. די געטאָס פאַרשווינדן פולשטענדיק, עס בלייבן נאָר לאַגערן, אין וועלכע עס געפינען זיך די רעשטלעך פון דער יידישער באַפעל־קערונג, ווי דער לאַגער אין פּאָניאַטאָוו, אין טראַווניקי (וואו עס האָבן זיך געפונען 25,000 יידן פון וואַרשעווער געטאָ), אין פּלאַשאָוו, כשאַנאָוו, לעבן קראָקע, אין לאַגער פון יאַנאָווסק ביי לעמבערג, אין סקאַרזשיסק, סטראַכאָוויץ, פּיאָטרקאָוו, טשענסטאָכאָוו און אין אַנ־דערע שטעט, בעיקר אין מזרח־גאַליציע און אין קעלצער געגנט.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם איצטיקן ליקווידאַציע־עטאַפּ זענען די פאַקטן פון אַקטיוון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. בעת אין דעם פריערדיקן פעריאָד זענען פאָרגעקומען בלויז פאַראיינצלטע פאַלן פון ווידערשטאַנד (פון פאַרשידענע שטעטלעך זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן אַ טיילוויזן ווידערשטאַנד), איז איצט אָבער פאָרגעקו־מען אַ גרינטלעכע ענדערונג. דעם פירנדיקן פּלאַץ פאַרנעמט די וואַר־שעווער געטאָ.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס אין וואַרשעווער געטאָ איז פאָרגע־קומען פון 19טן ביזן 23טן יאַנואַר 1943. די קאַמפן, וואָס זענען דאָרטן אין דער צייט פאָרגעקומען צווישן דער באַוואָפנטער דייטשישער זשאַנדאַרמעריע און ס. ס.־לייט פון איין זייט און דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן, פון דער אַנ־דערער זייט, האָבן פאַראויסגעזאָגט די יידישע קאַמפס־אָפּטיילונגען אַ גרויסן שוואונג אין דער צוקונפט און זענען געווען פאַר די דייטשן אַ קאָמפּראָמיטירנדיקער סיורפּריז, — אַ פּרעלודיע צו די שפּעטער־דיקע קאַמפן.

דער מאַנגל אין פּלאַץ מאַכט, ליידער, אוממעגלעך פאַרצושטעלן דעם פולן פאַרלויף פון די געשעענישן אין זייער געהעריקן פאַרנעם, צו באַריכטן וועגן דעם אַזוי, אַז עס זאָל אַנטשפּרעכן זייער ערנסטקייט. דאָס וועט אַמאָל געשען, דאָס מוז געשען. דאָ, אין דעם באַריכט — בלויז עטלעכע באַמערקונגען.

דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל און אין מאַי פון היינטיקס יאָר אין וואַרשע, די דאָזיקע יידיש־דייטשישע מלחמה אָדער, ווי מען האָט זי דאָ גערופן — דער קאַמף פון געטאָ־גראַד אָדער יידן־גראַד מיטן דייטשישן רייך, וואַקסט באמת אַריבער אַלע אַנאַלאָגיעס אין דער געשיכטע פון אונדזער אייגענעם פאָלק און פון אַנדערע

פעלקער. עס זענען געווען פאַרשידענע עטאַפּן, פאָרמען און מעטאָדן פון אָט דער מלחמה: אויפגעצוואוּנגען דורך די באַזונדערע באַדינגונ־גען, צוגעפּאַסט צו די באַזונדערע באַדינגונגען, זענען פאָרגעקומען אָנ־גריף־אַקטן, פאַרטיידיקונג־פּאַרטיזאַנישע קאַמפן. די אומפאַרגעסלעכע, אויפטרייסלענדיקע בילדער פון געטאָ, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין פלאַמיקן אָפּגלאַנץ פון שרפות, די זיך קנוילנדיקע איבער איר כמאַרעס רויך, דאָס קנאַקעריי פון מאַשין־ביקסן, דער געקנאַל פון האַרמאַטן, די ווידערקולן פון דער שווערער אַרטילעריע, די אויפרייסן פון מינעס, דאָס קראַכן פון איינגעפאַלענע הייזער, און צווישן דעם אַלעמען, די מענטשן אונדזערע, וואָס האָבן דאָ, אין אָט די דאָזיקע באַדינגונגען גע־לעבט, — קיין שום מייסטער פון פעדער, פון פּענזל אָדער קלאַנג וועט נישט קענען אַרויסברענגען יענע גרויסע געשעעניש, וואָס איז פאַרלאָפן פאַר אונדזערע אויגן. עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין יענע אימהדיקע און דאָך אַזעלכע גרויסע און דערהויבענע טעג.

די הויפּט־קאַמפן האָבן געדויערט אומגעפער אַ חודש — פון דעם 19טן אַפּריל אָן. אָבער אויך נאָך דעם חודש זענען נאָך געבליבן גע־ווּיסע צענטערן פון ווידערשטאַנד. דאָס האָט געדויערט אַפילו ביז סוף מאַי.

מיט דעם ווידערשטאַנד האָט אָנגעפירט און איז געווען זיין קערן — די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען דער באַוואָפנטער אויספיר־אָרגאַן פון דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע פון „בונד" און דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. די רעוויזיאָניסטן און די אגודה האָבן צו איר נישט געהערט. די רעוויזיאָניסטן האָבן געשאַפן זייער אייגענע קליינע „נקמה"־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט נאָך צוויי טעג קאַמף אים איבערגעריסן. אין דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז די מער־הייט געווען אַ יונגער אַרבעטס־עלעמענט. דער יינגסטער — 13 יאָר (לושעק פון יוגנט־בונד. לושעק, דאָס איז אלעזר בלאָנעס. ער איז געווען אַ סקיפיסט, אַ מיטגליד פון דער יידישער סאָציאַליסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געהערט צו דער גרופּע „מיכאַלע־וויטשעס אייניקלעך". די משפחה בלאָנעס האָט פאַרלאָרן דריי מיט־גלידער אין דעם קאַמף — יורעק בלאָנעס, קרייז־פירער פון „סקיף", גוטע בלאָנעס — אַ „צוקונפט"־טוערין, און דעם יינגסטן — לושעק. רעד.). דער עלטסטער איז געווען אַלט 40 יאָר.

אַלע באַטייליקטע אין ווידערשטאַנד זענען געווען אידייאישע מענטשן פון פאַרשידענע ריכטונגען. עס איז געווען אַ מוסטערהאַפטע קאַמף־ברודערשאַפט פון די בונדיסטן, חלוצים, שומרים א״א. די אַלגעמיינע האַלטונג פון דער באַפעלקערונג איז געווען פונקט אַ פאַרקערטע ווי פאַראַיאָרן. מען וואָלט באַגאַנגען אַ שווערע עוולה און געמאַכט אַ פעלער, ווען מען וואָלט אָפּגעשאַצט, אַז דער דאָזיקער העַ־ראָאיזם און אַנטשלאָסנקייט זענען געווען אַ פועל־יוצא פון אַ פאַר־צווייפלונג. נישט איינער פון די קעמפנדיקע האָט געהאַט אַ מעג־לעכקייט אַרויסצובאַקומען זיך פון געטאָ און אַוועקצוגיין פון קאַמף. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן, ער איז געטריבן געוואָרן דורך אַ שטאַרקן ווילן צו דערפילן די אויפגאַבע, וואָס פליסט אַרויס פון דער עטישער דערהויבנקייט, פונעם דראַנג צו נעמען נקמה אַן שונא, קעמפן פאַרן כבוד, קעמפן מיטן פאַשיזם, מיטן שונא פון דער מענטשהייט, מיטן שונא פון אייגענעם פאָלק.

אויף דער דייטשישער זייט איז געווען פאַרזיכטיקייט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פחדנות. וואָס לענגער די קאַמפן האָבן זיך פאַרצויגן, אַלץ בלאַסער איז געוואָרן דער אָרעאָל פון אומבאַזיגבאַר־קייט פון דער דייטשישער אַרמיי.

די קאַמפן האָבן געמאַכט אויגנשיינלעך פאַר דער פוילישער געזעלשאַפט, אַז עס איז מעגלעך מיט דערפאָלג צו קעמפן קעגן אָקר־פאַנט, דאָס האָט דערוועקט אין איר נייע האָפענונגען. אין דער יידיש־דייטשישער מלחמה האָט דאָס פוילישע אונטערערד געפונען אַ באַ־קרעפטיקונג פון זיין אויסגעצייכנטן ווידערשטאַנד־גייסט.

די דייטשן האָבן פריי געלאָזט זייער שגעון און ווילדקייט, פאַר־וואַנדלענדיק די גאַנצע געטאָ אין חורבות און אַש.

אין פינפטן טאָג פון קאַמף האָבן מיר אין נאָמען פון דער יידי־שער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פאַרעפנטלעכט אַן איינדרוקספולן אויפרוף, דורך וועלכן די קעמפער שיקן איבער דעם פוילישן אונטערערד און דער הויפט־שטאָט אַ קאַמף־באַגריסונג. פאַרשידענע צווייגן פון דער פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געענטפערט מיט אויסדרוקן פון סאָלידאַריטעט און באַוואונדערונג. בכלל גענומען איז די באַציאונג פונעם גאַנצן פוילישן אונטערערד — אומאָפּהענגיק פון דער איינ־שטעלונג פון באַזונדערע גרופּירונגען צו דער יידן־פראַגע — געווען דורכגעדרונגען מיט דרך־ארץ פאַר די קעמפער און אַנערקענונג פאַר זייער קאַמף.

די הויפט־שטאָט און דאָס לאַנד זענען געווען עלעקטריזירט פונעם קאַמף אין געטאָ. אין דער צייט פון די שלאַכטן האָבן מיר אין נאָמען פון דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע פון „בונד" און יידישן נאַציאָנאַלן קאָ־מיטעט אַרויסגעלאָזן רעגולערע, אָפט טעגלעכע קאָמוניקאַטן פון קאַמף־פעלד, וועלכע מען האָט איבערגעגעבן אויך דורך דער ראַדיאָ־סטאַנציע „שוויט".

דער סך־הכל פון די קאַמפן איז: אויף דער יידישער זייט — עטלעכע טויזנט דערהרגעטע און פאַרברענטע לעבעדיקערהייט, דער־שאָסענע און דערשטיקטע דורך גאַז; בערך 25,000 יידן אַרויסגע־פירטע אין די לאַגערן פון טראַווניקי, פּאָניאַטאָוו, מאַידאַנעק, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון לובלין; אויפן אָרט פון וואַרשעווער געטאָ — חורבות און רואינעס פון הייזער, אויסגעשרפהטער באָדן, וואו עס שטאַרצן מינעס און וואָס איז צעאַקערט דורך האַרמאַטן־קוילן. די וואַרשעווער געטאָ איז איצט איין גרויסער בית־עולם. אין אירע אונטערערדישע קעלערן און קאָרידאָרן בלאָנקען זיך נאָך, מסתמא, אַרום הונדערטער, אפשר טויזנטער, וועמענס לעבן עס לעשט זיך ביס־לעכווייז אויס. אָט האָט זיך מיט צוויי טעג צוריק באַוויזן פון דאָרטן אַ 13־יאָריקער ייִנגל מיט אַ צעטל פון 10טן יוני, וואָס באַווייזט, אַז עס איז נאָך פאַראַן דאָרטן „לעבן" אין די הייִנטצייטיקע קאַטאַ־קאָמבעס.

די באָמבאַרדירונג פון וואַרשע אין 1939 האָט פאַראורזאַכט די פאַרניכטונג פון 75 טויזנט צימערן; די מלחמה מיטן געטאָ האָט פאַראורזאַכט אַ פאַרניכטונג פון העכער 100 טויזנט צימערן.

די דייטשן האָבן פאַרלאָרן איבער טויזנט דערהרגעטע און פאַר־וואונדעטע און געהאַט ריזיקע היזקות פון אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער דייטשער מלחמה־אינדוסטריע און וואָס זענען פאַרניכטעט און פאַרברענט געוואָרן דורך דער יידישער קאַמף־אָר־גאַניזאַציע.

פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זענען געפאַלן אין קאַמף אַ ריי העלדישע אָנפירער אירע, מיטן קאָמענדאַנט (מ. אָרדכע, השומר) אין דער שפּיץ, מיט אינזש. קלעפּפיש, דעם זייל פון איר באַוואָפענונג, מיט בערעקן — (ח' ב. שניידמיל, רעד.) דעם מיטגליד פון אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט א"אַ.

ווען פאַרשיידענע קאַמף־אָפּטיילונגען פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע וועלכע האָבן, אַגב, שוין געקעמפט איזאָלירט, האָבן מער

שוין נישט געקאָנט קעמפן — צווישן אַנדערן אויך צוליב דעם, וואָס עס האָט אויסגעפעלט אַמוניציע — האָבן זיי גענומען וועגן זייערע אַנשטרענגונגען אויף דורכצורייסן זיך פון אַט דעם גיהינום. עס זענען פאַרבליבן אומגעפער 200 מענטשן פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. די ערשטע שוואַלב, וואָס האָט פון קאַמפס־פּלאַץ געבראַכט אַ באַריכט פון די קאַמפן, איז געווען פרידריך פון „בונד״, אַ טוער פון דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מאָרגנשטערן״, אַן אויסגעדינטער פּוילישער זעלנער, אַ מענטש פון אויסערגעוויינלעכער געוואַגטקייט און מוט. אינגיכן איז ער דורכן שונא גענומען און דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעמפער אויסער די ווענט פון געטאָ.

אין דראַמאַטישע באַדינגונגען, דורכגראַבנדיק זיך אַ וועג, איז ער אַרויסגעקראָכן צו אונדז אויף אויסצופירן די אַרויפגעלייגטע שליחות. דאָס אַרויסבאַקומען זיך פון די לעבן־פאַרבליבענע מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע פון געטאָ־גהינום דורך די קאַנאַלן, איז געווען אויסגעפילט מיט שוועריקייטן און סכנות, וועלכע געפינען זיך בפועל ממש אויף דער גרענעץ פון פאַנטאַסטישקייט. צווי גרעסערע גרופּן אין דער צאָל פון 70 האָבן באַוויזן זיך אַרויסצוקריגן, ביי סענסאַציאָנעלע אומשטענדן, אין וואַלד אַריין. עטלעכע אַנדערע גרופּן זענען באַלד, ביי די אַרויסגענג פון די קאַנאַלן אָדער שפּעטער נאָכן אַרויסקריגן זיך, אומגעקומען אין קאַמף מיט געווער אין האַנט. די אַנדערע, אומגעפער ביי 60, זענען מסתמא אומגעקומען אין די קאַנאַלן גופא, ווען אַלע אַרויסגענג זענען באַזעצט געוואָרן דורך דייטש מיליטער.

די וואַרשעווער געטאָ האָט — פּונקט ווי פיל אַנדערע געטאָס — אָפיציעל אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אין אַ באַקאַנטמאַכונג פון די דייטשן, וועלכע דראָט מיט טויט־שטראָף אַלע יידן און אַלע די יעניקע, וואָס באַהאַלטן זיי אויס, רעדט זיך שוין וועגן „געוועזענעם״ יידישן באַצירק.

ביים ליקווידירן די געטאָס — אין איצטיקן צווייטן עטאַפּ — קומען פון פיל זייטן אַן מאַנונגס־רופן וועגן געווער, וואָס איז פאַראַן זייער ווייניק, אָדער ריכטיקער, וואָס איז אינגאַנצן נישטאָ. מחמת דעם זענען אַזעלכע קאַמפן, ווי אין וואַרשע מער נישטאָ. אָבער אין פאַרשידענע ערטער זענען די פאַקטן פוןווידערשטאַנד פיל צאָלרייכער ווי אין דער פריערדיקער צייט. דער ביישפּיל פון וואַרשע האָט גע־

ווירקט אויפמונטערנדיק. צום באַדויערן האָבן די באַדינגונגען אומ־מעגלעך געמאַכט צוזאַמענגרייטן זיך צו אַזאַ מין קאַמף.

אין איצטיקן מאָמענט (יוני 1943) זענען פאַראַן פיר געביטן, וואו עס לעבן יידן פון פוילן: 1) די געטאָס, 2) די אַרבעטס־לאַגערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, 3) וועלדער, 4) צווישן אַריער.

עס זענען דאָ בלויז עטלעכע גרעסערע געטאָס: דאָמבראָווע (זאַגלעמביע), לאָדזש, ביאַליסטאָק, ווילנע, ראַדאָם, און מסתמא, נאָך עטלעכע, קלענערע. זיי אַלע וועלן פריער אָדער שפּעטער טיילן דעם גורל פון די שוין ליקווידירטע געטאָס. עס וועלן, דעריבער, איבער־בלייבן נאָר דריי גרופּעס, דריי צענטערן פון יידישן לעבן, וואָס יעדער פון זיי האָט זיין ספּעציעלן לעבנס־אופן און פּנים.

צום קלענסטן איז די צאָל יידן אין די וועלדער, וואו זיי געפינען זיך אָדער אין ריין־יידישע אָדער אין געמישטע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען. די גרעסטע גרופּן יידן געפינען זיך אין אַרבעטס־און שטראָף־לאַגערן. זיי אַרבעטן אונטער קוילן און נאַהייקעס, פּייניקונג און הונגער.

דער לעצטער צענטער, וואו עס לעבן נאָך יידן, זענען די אַרישע קוואַרטאַלן. דאָרט לעבן צעשטויבט און צעוואָרפן יידן אַלס אַריער. דאָס איז פון גרונט אויס אַ קאָנספּיראַטיווער צענטער. אין אַרישע קוואַרטאַלן אָדער אין די „אַנטיידישע״ שטעט איז יידן פאַרבאָטן צו וואוינען. יעדער ייד אָדער מענטש פון יידישער אָפּשטאַמונג ווערט צו־ליב דעם שוין אַליין באַטראַכט אַלס פאַרברעכער, וועמען עס קומט טויט־שטראָף. מוזן טאַקע די יידן וועלכע באַהאַלטן זיך אויס, זיך פולשטענדיק צונויפגיסן מיט דער סביבה און מיט גאַרנישט זיך אויס־טיילן. פון דאַנען אַ טראַגישער לעבנס־דואַליזם. וואוינונגען זענען פאַראַן זייער ווייניק, שווער זיי צו באַקומען אפילו פאַר גרויסע סומען. אין בעסטן פאַל קען מען געפינען ביי עמיצן אַ צימער. דער ענין ווערט וואָס אַמאָל שאַרפער און שווערער, וואָס גרעסער עס ווערט דער דרוק פון אָקופּאַנט לגבי די יעניקע, וועלכע באַהאַלטן אויס אָדער העלפן יידן. עס אַנטשטייט אין דער געזעלשאַפט אַן אמתע פּסיכאָזע, אין שייכות מיט די יידן. עס וואַקסט דער דייטשער דרוק און עס ווערט פאַרשטאַרקט זייער אַקציע אויסצוגעפינען די יידן און זיי צו ליקווידירן. גאַנצע באַנדעס פון שפּיאָנען, פאַרשידענע מינים מונדיר־טע און נישט־מונדירטע פּאָליציי, דרייען זיך אַרום טאָג נאָך טאָג אין די גאַסן, עפּנטלעכע לאָקאַלן, כדי צו כאַפּן אַלץ נייע קרבנות.

דערביי שאַפט זיך אַן אויסגעצייכנט פעלד פאַר שאַנטאַזש, וואָס ווערט ממש אַן אומגליק.

פאַראַן יידן, וואָס זענען קרבנות פון פילמאַליקע שאַנטאַזשן. די שאַנטאַזשיסטן רויבן צו ביי זייערע קרבנות אין די וואוינונגען נישט נאָר געלט און טייערע חפצים, נאָר אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן. זיי כאַפּן זיי אין די גאַסן און רויבן ביי זיי צו אויך קליידער און שיך. עס ווערט געפירט אַ קאַמף מיטן שאַנטאַזש. ער ליגט אין אינטערעס פון דער גאַנצער באַוועגונג פון אונטערערדישן פוילן.

אין אַט די באַדינגונגען קומט אויס צו עקזיסטירן די לעבן־געבליבענע יידן אין די אַרישע קוואַרטאַלן. כסדרדיקע אומרואיקייט צוליב דעם אויסזען, שרעק פאַרן צופאַל, וואָס קען זיך ענדיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפע.

אַלע אויבן־דערמאָנטע פיר, עווענטועל דריי צענטערן פון יידישן לעבן, וועלן ליקווידירט ווערן. איינער — פריער, איינער — שפּע־טער. די דאָזיקע ליקווידאַציע קומט שוין פאָר, און דאָס איז שוין — דער לעצטער עטאַפּ. דאָס וועט זיין דער איינציקער און פול־שטענדיקער נצחון, וואָס היטלער וועט אָפּהאַלטן, נישט געקוקט אויף זיין שענדלעכער מפּלה. דאָס וועט זיין דער נצחון איבער די מילי־אָנען אומבאַוואָפנטע, אומשולדיק געמאָרדעטע יידן.

אַ שנעלע און דירעקטע רעטונג־אַקציע איז די קאַרדינאַלסטע אויפגאַבע אין איצטיקן מאָמענט. דער זיכערסטער וועג פון רעטונג איז וואָס גיכער צו פאַרענדיקן די מלחמה און ביז דאַן אָנצו־ווענדן רעוואַנש מיט ווייטערדיקע דראָאונגען, בפרט נאָך, אַז די צאָל דייטשע געפאַנגענע איז אַ באַדייטנדיקע. אויב אָבער וועגן דעם קאָן מען, צוליב דער באַקאַנטער פּאַסיווער שטעלונג פון אונדזערע מעכ־טיקע פאַרבינדעטע, נישט טראַכטן ווי וועגן אַ רעאַלן מיטל, פאַרבלייבט אונדז נאָר איין רעטונגס־וועג: דאָס איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָפּ־מאַך וועגן אויסטויש. אַלע אַנדערע וועגן, ווי פינאַנץ־הילף, אַרויסבאַ־קומען מענטשן פון תפיסות, לאַגערן, שאַפן דאָקומענטן, אויסקויפן פון שאַנטאַזשן, זענען נויטיקע זאַכן, וועלכע מיר טוען, — זאַכן שווע־רע, זיי צעטרייסלען די נערוון, פאַרלאַנגען גרויסע קאָסטן, אָבער דאָס זענען נאָר צייטווייליקע מיטלען, און דערצו, דערלייַ־דיקן זיי די עניגים פון יחידים און נישט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וואָס וועט ענטגילטיק און פולשטענדיק אונטערגיין.

אויב מען וועט זי נישט ראַטעווען... עס וועלן בלייבן בלויז זעלטענע אויסנאַמען.

עס זענען מקוים געוואָרן די פּאַראויסזעאונגען פון פאַר 10 חדשים צוריק, וואָס מיר האָבן אייך געשריבן דעם 31טן אויגוסט פון פאַרגאַנגענעם יאָר (1942). זיי וועלן מקוים ווערן ביז צום לעצטן פּרט, אויב עס וועט איצט, אין דער לעצטער רגע נישט דורכגעפירט ווערן די גרויסע אַקציע, וואָס מיר לייגן פאָר.

ביי אַזעלכע, קיינמאָל אין דער געשיכטע נישט געטראָפענע באַדינגונגען און באַציאונגען, אין אַט דעם קלימאַט איז אונדז אויסגעקומען צו פירן אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט. די גרויסע אויפגאַבן, וועלכע שטייען אין אַזעלכע איבערברוך־צייטן פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן געמוזט אָננעמען אין אַזאַ צייט דעם כאַראַקטער פון קאַמף, ראַטעווען מענטשן פון פיזישן טויט, און קודם־כל צוגרייטן זיך ווייטער צו באַוואָפנטע קאַמפן. דאָס איז געווען כמעט דער עיקר פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, וואָס האָט באַשטימט אַלע אונדזערע שריט. עס זענען געווען טעטיק 2 אָרגאַניזאַציאָנעלע צענטערן: איינער אין געטאָ, דער צווייטער — אויסערן געטאָ.ביידע צענטערן האָבן איין געמיינזאַמען ציל. יעדער איז צו אים געגאַנגען מיט פאַרשידענע וועגן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די צוגרייטונגען צום אַקטיוון ווידערשטאַנד איז באַשלאָסן געוואָרן צו קאָאָרדינירן אונדזערע אָנשטרענגונגען פאַר אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן אָקופּאַנט — מיט די אָנשטרענגונגען פון אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען גרופּירט אין דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. צום יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט געהערן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע יוגנט־גרופּירונגען. עס איז אָנטשטאַנען די קאָאָרדינאַר־קאָמיסיע פון „בונד" און יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט מיט דעם אויסגעטיילטן דורך אים אָרגאַן — יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועמענס אַרבעט איז באַגרענעצט צום אָפּשניט פון באַוואָפנטן קאַמף און ווידערשטאַנד אויפן געביט פון וואַרשע.

די פאַרשטייערשאַפט פון דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע אויפן באָדן מחוץ דער געטאָ לגבי די קאָנספּיראַטיווע מיליטער־אינסטאַנצן, איז באַשטאַנען פון צוויי פּערזאָן — צו איינעם פון „בונד" און פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. איר אויפגאַבע איז געווען צוצוגרייטן געווער און עווענטועל קריגן געווער פון דער זייט אויפן פאַל פון אַ נייער

אַקציע צו ליקווידירן די געטאָ, ווי אויך צו רעאַליזירן די פראַגע פון פּאַרטיזאַנישע גרופּן מיטן אָנטייל פון יידן.

אַ וויכטיקער צושטייער פון אונדז איז געווען דאָס באַזאָרגן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן ווי אויך דאָס פּראָדוצירן אַמוניציע אין געטאָ גופא און אויסערן געטאָ פאַרן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. נישט אָפּצושאַצן זענען געווען די פאַרדינסטן אין דעם פּרט פון חבר אינזש. מיכאל קלעפּפיש, וואָס איז געפאַלן אין די לעצטע קאַמפן. חוץ דעם האָבן מיר מיט אונדזערע געלט־מיטלען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אויסגעהאַלטן די קאַסעס פון דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע און יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. יענע חברים פון אונדזער אָנפירונג, וועלכע האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ, האָבן אונטערגעהאַלטן די קאָנטאַקטן מיט די ציווילע און מיליטערישע פאַרשטייער פון דעם אונטערערדישן פּוילן, ווי אויך מיט אירע אָרגאַניזאַציעס, ווי וו. ר. נ. און פּ. ס., מיט דער פּראָווינץ, מיט אייך; זיי האָבן אויך אָפּגעטאָן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער אַרבעט פאַר צוגרייטן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און אויסגעפירט וויכטיקע אַרבעטן אין דער צייט פון דעם קאַמף אין געטאָ קעגן די דייטשן. מיר האָבן געשיקט צו אייך „דעפּעשן, אַסך ווייניקער דערהאַלטן פון אייך. מיר האָבן פון אייך דערהאַלטן אייער באַריכט פון 6טן מערץ, אייערע דרוק־זאַכן נישט געקראָגן.

נאָך פאַר די לעצטע קאַמפן האָבן מיר פאַרגעלייגט אויסצובריי־טערן די קאָאָרדיניר־אַרבעט אויף זעלבסטהילף־טעטיקייט און טעריטאָריאַל — אויף גאַנץ פּוילן. אונדזער פאַרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, אָבער צו זיין פאַרווירקלעכונג איז נישט געקומען, עס זענען אויסגעבראָכן די לעצטע קאַמפן מיט די דייטשן. אָבער אין אָט דער צייט זענען צו אייך אַרויסגעשיקט געוואָרן דריי געמיינזאַמע דעפּעשן. עס זענען דערלאַנגט געוואָרן בשותפותדיקע מעמאָריאַלן צום באַפול־מעכטיקטן פון דער פּוילישער רעגירונג און צו די קאָנספּיראַטיווע מיליטערישע פאַרשטייער. עס זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן קאָאָרדינירטע קאָמוניקאַטן פון קאַמפּס־פּלאַץ.

איינע פון די אַרבעטן, וואָס ווערן געטאָן אויסער דער געטאָ, איז דער אָנטייל אין ראַט צו העלפן יידן („ראַדאַ פּאָמאָצי זשידאָם"). אין דעם הילפס־ראַט גייט אַריין אַ צווייפּערזאָניקע פאַרטרעטערשאַפט פון יידן, צו איינעם פון „בונד" און פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. צום הילפס־ראַט געהערן וו. ר. נ. (פּרעזעס), „בונד" (וויצע־פּרעזעס), דע־

מאָקראַטן (קאַסירער), פּוילישע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (וואוינונגס־אַפּטיילונג) און יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט (סעקרעטאַר), ווי אויך אַ פאַרשטייער פון רעגירונגס־באַפולמעכטיקטן.

מיר קומען נישט אָן צו די געלט־מיטלען פון הילפס־ראַט, כל־זמן מיר פאַרמאָגן אייגענע. דער ביודזשעט פון הילפס־ראַט איז פון דער ערשטער קוואָטע פון 50 טויזנט אויסגעוואַקסן ביז 550 טויזנט אין יוני, פון דעם גייט 150 טויזנט פאַר דער פּראָווינץ.

דער וואַרשעווער ראַט איז אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, די ראַטן אין קראקע און לעמבערג זענען קרייז־קערפּערשאַפטן, און זיי ווערן געשטיצט פון די פאָנדן פון צענטער. אין וואַרשע קריגן שטיצע ביי 1000 מענטשן. די דורכשניטלעכע אונטערשטיצונג־נאָרמע איז דריי הונדערט מיט עטלעכע צענדליק זלאָטעס, אַ סומע, וואָס קלעקט נישט אפילו אויפן באַשיידנסטן דורכלעבן. פּאַראַלעל מיט דער פינאַנס־הילף שפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע די הילף מיט דאָקומענטן, וואָס איז זייער נוצלעך און וועלכע ווערט יעדן יידן געגעבן אומזיסט. דער הילפּ־ראַט האָט אַרויסגעלאָזן אויפרופן וועגן הילף און וועגן קאַמפן מיט שאַנטאַזש.

אין דער צייט פון דער ליקווידירונגס־אַקציע פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָט אונדזער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ אַרויסגעגעבן אַ נומער פון דער צייטונג „שטורעם", וואָס האָט גערופן די מאַסן צו ווידערשטאַנד. אין נאָוועמבער און דעצעמבער זענען דערשינען ווייטערדיקע נומערן פון „שטורעם" און אין אַפּריל ערב די לעצטע געשעענישן איז דער־שינען אין וואַרשעווער געטאָ דער לעצטער נומער פון אונדזער אָרגאַן, אַלץ אין יידיש. אויסערן געטאָ האָבן מיר לעצטנס געהאַט גרויסע טעכנישע שוועריקייטן מיטן אַרויסגעבן סיסטעמאַטיש אַ צייטונג. אָבער די שוועריקייטן וועלן מיר וואַרשיינלעך אין דער נאָענטסטער צייט גובר זיין און אַרויסגעבן די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן און בולעטין.

אויסער די אַלע ענינים פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, שלינגען איין קודם כל דעם גרעסטן טייל פון דער אַרבעט, צייט און נערוון — טעכ־נישע קלייניקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט העלפן אונדזערע מענטשן מיט געלט, מיט וואוינונגען, אין שייכות מיט די דורכפאַלן.

מען דאַרף באַמערקן, אַז אויב גאַנץ פּוילן לעבט אין קאָנספּיראַציע־באַדינגונגען, אין פאַרגלייך מיט וועלכע די קאָנספּיראַציע פון די צאַ־רישע צייטן איז געווען אַן אידיליע, איז אונדזער קאָנספּיראַציע הונ־דערט מאָל שווערער. איר קאָנט גאָר וועגן דעם קיין אָנונג נישט האָבן.

מיר האָבן טאָפּלטע קאָנספּיראַציע — אַלס יידן און אַלס אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון אונטערערדישן פּוילן. דאָס קלערט שוין אַלץ אויף.

מיר לעבן אונטערן דרוק פון טעראָר. יעדן טאָג קומען אום מענטשן. לעצטנס, נאָכן אַרויסקריגן זיך פון די שווערע קאַמפן אין געטאָ, איז אומגעקומען, אין רעזולטאַט פון שאַנטאַזש, דער מיטגליד פון אונדזער צ. ק. אינזש. א. בלום און ראַזאָווסקי (בראַווער קאָמענ־דאַנט פון איינעם פון די אָפּשניטן פון פראַנט אין געטאָ). בכלל איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע יענע, וואָס זענען אומגעקומען.

באַזונדערס איז אונדזער אָרגאַניזאַציע געטראָפן געוואָרן דורך אַ פּאָליטישן דורכפאַל; דאָס האָט פּאַסירט צוליב אַן אומגליקלעכן צופאַל בעתן פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור. דאָס איז געשען נאָך פּאָר דער אָפּיציעלער ליקווידאַציע פון די געטאָס. דער דורכפאַל האָט געטראָפן אונדזער גאַנצע אָרגאַניזאַציע אין דער פּראָווינץ. אין קראָקע, לובלין, טאָמאַשאָוו, ראַדאָם און פּיאָטרקאָוו האָט מען אַרעסטירט פיל פון אונדזערע חברים, וואָס זענען דעמאָלט דאָרט גע־ווען טעטיק, אַרויסגעפירט זיי קיין אָשוויענטשים און אויסגעמאָרדעט. עטלעכע זענען קוים אַנטלאָפן. ד״ר פענסטערבלוי איז אַנטלאָפן פון ראַדאָם און האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַרשעווער געטאָ, וואו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון דער געסטאַפּאָ. פון דאַנען האָט מען אים מיט דער גאַנצער משפחה אַרויסגעפירט קיין טרעמבלינקע. פון פּיאָטרקאָוו, וואו נאָך ביז דער אַקציע און אין דער צייט פון דער אַקציע זענען אומגעקומען אַלע אַנגעזעענסטע טוער, זענען אַנטלאָפן ח׳ סאָמ־סאָן (זיין פאַמיליע איז אומגעקומען) און קימעלמאַן, וועמען מען האָט פון וואַרשע אַרויסגעפירט קיין טרעמבלינקע. אין לעמבערג איז צו־ליב אַ מסירה אומגעקומען ח׳ ד״ר לייב לאַנדוי. וועגן סאָניע נאָוואָ־גרודזקאַ ווייסט איר שוין פון דער דעפּעשע. מען האָט זי אין אוי־גוסט פאַריקן יאָר צוגענומען אין אַ וואַגאָן. מיר האָבן אין איר פאַר־לאָרן אַ בראַוון מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט. איך וועל שוין מער נישט אויסרעכענען.

איך וועל אייך געבן די נעמען פון די ח״ח, וואָס איר ווילט וועגן זיי וויסן, וועלכע זענען דאָ מיט מיר און וואָס זענען טעטיק אָדער אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, אָדער זענען אונטער אונדזער אויפ־זיכט. דאָס זענען:

פון קראָקע: ח׳ פאַפּיער מיט דער פרוי, ד״ר ליפּשיץ מיט דער פרוי און זון, ד״ר גלאַסנער מיט דער משפחה, פישגרונד מיט דער

משפחה (חוץ דער פרוי), האַנקע אַלעקסאַנדראָוויטש (טאָכטער פון ח׳ איגנאַץ אַלעקסאַנדראָוויטש), ד״ר נעמער, ד״ר גאָלדפינגער (די לעצ־טע צוויי געפינען זיך איצט אין אַ לאַגער הינטער קראָקע). פון וואַרשע: ז. מושקאַט מיט דער פרוי און זון, בערנאַרד, סאַמסאָן, די פרוי און טאָכטער פון אָזשעכן (ער אַליין געפינט זיך אין טורמע), צעלעמענצקי, די קינדער פון בלומען, די פרוי פון ד״ר מאַרגוליס, די פרוי פון מי־כאַל קלעפּפיש, די פרוי און טאָכטער פון ח׳ נח, רחל אויערבאַך, עווא קירשנבוים פון קוטנע, פאַלק (ער געפינט זיך אין אַ לאַגער ביי בודזין), ד״ר ה. קעלסאָן (געוועזן אין פּאַוויאַק, איצט אין אָשוויענטשים), גאַליאַ לעשטשינסקאַ (אין אַ לאַגער פון פרעמדע בירגער, וואוהין זי איז אַוועק אָן אונדזער וויסן), פרוי זעלמאַן פון לאָדזש, די פרוי און זון פון ח׳ מערמלשטיין (ער איז אומגעקומען בעת דער לעצטער אַקציע). די פרוי און זון פון ח׳ אַרטור האָבן נאָך ביז דעם 12טן מאַי געלעבט אין געטאָ.

מען דאַרף האָפן, אַז אויך פון די קעלערן אונטערן געטאָ וועלן אפשר זיך נאָך אַרויסקריגן עטלעכע פון אונדזערע בעסטע. ח׳ קויפּ־מאַן און ח׳ וויראָווסקי זענען נאָך, נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ, גע־וועזן אין די בונקערס. אין די לאַגערן פון פּאָניאַטאָוו, טראַווניקי, קראָקע, טשענסטאָכאָוו און פּיאָטרקאָוו לעבן נאָך אַ סך אונדזערע פּאַרטיי־גרופּן, וועלכע פירן אַ הילף־טעטיקייט, ווי אויך אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע צוגרייטונגס־אַרבעט צום קאַמף. אַזעלכע גרופּן זיינען אויך פאַראַן אין סקאַרזשיסק, סטראַכאָוויץ און אין מזרח־גאַליציע. מיר זיינען מיט זיי אין כסדרדיקער פאַרבינדונג.

ווען מיר האָבן געקראָגן ידיעות וועגן דער שרעקלעכער הינ־ריכטונג פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, האָבן מיר אויף אַ קאָנפערענץ, וועלכע איז דעמאָלט פאָרגעקומען צוליב אָרגאַניזאַציאָ־נעלע צוועקן, אָנגענומען אַ פייערלעכן פּראָטעסט און אויסגעדריקט דעם צאָרן קעגן די שולדיקע אינעם אומדערהערטן פאַרברעכן. די רעזאָלוציע האָבן מיר איבערגעשיקט צו דער אונטערערדישער פּויל־שער סאָציאַליסטישער פּרעסע. זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די אויסגאַבן פון וו. ר. נ. אין שייכות מיט זיגלבוימס טויט, וואָס האָט אויף אונדז געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק, האָבן מיר איבערגעשיקט אַ דעפּעשע צום פאָרזיצער פון דעם פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן. די דעפּעשע קענט איר.

וואָס איז שייך פינאַנס־ענינים, זענען פאָרגעקומען געוויסע מיס־

פאַרשטענדעניש. נישט אַלע סומען, וועלכע זענען אונדז אַנגעמאָלדן געוואָרן דורך זיגעלבוימען, האָבן מיר דערהאַלטן. מיר האָבן אייך וועגן דעם דעפּעשירט.

איך ענדיק דעם דאָזיקן באַריכט פאַר דער צייט פון 1טן סעפּטעמבער 1942 ביזן 22טן יוני 1943. פיל פראַגן האָב איך נישט באַרירט. וועגן זיי אַ צווייטן מאָל. איך קאָן אָבער נישט פאַרענדיקן דעם באַריכט, נישט מאַכנדיק פאָלגנדיקע באַמערקונג: מיר זענען אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר גרויסע זאַכן, די גרעסטע, וואָס אַ פאָלק האָט ווען עס איז איבערגעלעבט, אָבער אין די אַנאַליזן און רעפלעקסן אויף דער טעמע קאָן איך נישט נישט אונטערשטרייכן, אַז די דונערן, וועלכע האָבן אונדז געטראָפן, זענען אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה־אַקציע פון פאַשיזם, וואָס איז אַן אויסגעשפּראָכן רעאַקציאָנערער און קאָנטררעוואָלוציאָנערער שטראָם. אונדזער פריערדיקע שטעלונג, אונדזער וועלט־בליק האָט באַקומען אַ באַשטעטיקונג אין דער טרויערדיקערווירקלעכקייט, וואָס האָט אונדז אַזוי טראַגיש געטראָפן.

די סיטואַציע צווינגט אונדז צו פאַרנעמען זיך כמעט אויסשליסלעך מיט דעם יידישן געביט. מיר טוען עס זייענדיק פאַרזאָרגט וועגן ראַטעווען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, און טוען עס האַרמאָניש. אין הסכם מיט אונדזער פּאָליטישער איינשטעלונג פאַרגעסן מיר נישט וועגן דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון גאַנץ פּוילן און פון די פעלקער, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט. מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון וועגן וואָס עס ווערט געקעמפט אין דער וועלט און וואוהין דער קאַמף צילט. מיר ווייסן נישט צי מיר וועלן דערלעבן דעם טאָג, ווען עס וועלן געלייגט ווערן די פונדאַמענטן פאַר אַ נייער וועלט פון שלום און געזעלשאַפטלעכן יושר.

מיר האָבן אָבער דעם באַוואוסטזיין, אַז הגם די יידישע באַפעלקערונג האָט באַצאָלט דעם שרעקלעכסטן און ריזיקסטן שטייער פאַר דער אַנטשטייאונג פון אַזאַ וועלט און צוזאַמען מיט איר האָבן אויך מיר שוין געצאָלט זייער פיל, נישט בלויז צאָלמעסיק, וועלן מיר דערפילן אונדזער פליכט ווייטער, ביזן לעצטן אָטעם.

האַרציקע גרוסן.

פאַרן צ. ק. פון דער באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן

וואַרשע, 22טער יוני, 1943. (—) **בערעזאָווסקי**

ב.

פאַר דער צייט פון יולי 1943 ביז נאָוועמבער 1943

צו דער פאַרשטייערשאַפט פון „בונד" אין לאָנדאָן (אויף די הענט פון דר. עמנואל שערער, מיטגליד פון נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן).

אין יוני 1943 האָבן מיר געקראָגן אַ געלעגנהייט איבערצושיקן אייך אַ קורצן באַריכט. מיר האָבן צוגעגרייט אַ באַריכט אָנקניפּנדיק אים צו אונדזער מעמאָריאַל פון אויגוסט 1942 ביז יוני 1943. צוליב טעכנישע מניעות איז יענער באַריכט, לײַדער, צו אייך ניט איבערגע־שיקט געוואָרן. איצט האָבן מיר אַ מעגלעכקייט צו שיקן אייך זייער אַ געניויעם באַריכט אומבאַגרענעצט אין פאַרנעם. אַזוי אָבער ווי מיר זענען זייער פאַרנומען און מוזן דערלייַדיקן אַ ריי אַנדערע זייער אייליקע ענינים, שטעלן מיר איצט צונויף אַ געניויעם באַריכט פאַר דער צייט פון יולי 1943 ביזן 15טן נאָוועמבער 1943. פאַר דער צייט פון אויגוסט 1942 ביז יולי 1943 שיקן מיר דעם פריערדיקן באַריכט, וואָס איז שוין ביי אונדז פאַרטיק. דעם ערשטן באַריכט באַצייכענען מיר מיטן אות „א", דעם צווייטן — מיט „ב".

אָפּגעבנדיק אייך דעם באַריכט וועגן אונדזער אַרבעט און באַ־מיאונגען, איז אומבאַדינגט נייטיק צו שילדערן פאַר אייך דעם אַלגע־מיינעם פאָן און די באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז אונדז אויסגעקומען צו זיין טעטיק. דער הויפּט־פאַקטאָר, וואָס האָט באַשטימט דעם כאַראַקטער פון אונדזער טעטיקייט איז געוועזן דער אומשטאַנד, וואָס דער היטלעריזם האָט דורך אָט דער צייט פאַרגעזעצט דאָס רעאַליזירן זיין פּראָגראַם פון אומברענגען די איבערגעבליבענע רעשטלעך פונעם יידישן פאָלק.

1. פאַרזעצונג פון דער ליקווידאַציע פון יידן

נאָך די מאַסן־ליקווידאַציעס, וואָס זענען אייך שוין באַקאַנט, וואָס האָבן אין דעם פריערדיקן פּעריאָד דערפירט צום אויסמאָרדן אַ גרויסן

טייל פון יידישן פאָלק, איז פאַרגעזעצט געוואָרן דאָס אומברענגען פון יידן אין פאַרשידענע נאָך די מאַסן־ליקווידאַציעס ביי־אויפגעקומענע יידישע צענטערן. דאָס דאָזיקע אומברענגען קומט פאָר אויף פאַרשידענע אופנים און מיט ניט קיין גלייכער אינטענסיווקייט. עס ווערן דערביי באַנוצט די שוין באַקאַנטע מעטאָדן פון די פריערדיקע ליקווידאַציעס — מעטאָדן פון אַפּנאַרעריי און פון אומאויפהערלעכן באַרבאַריזם און חיהשקייט. אין דעם געשילדערטן פעריאָד איז פאָרגעקומען די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון אַ ריי צונויפגעשרומפּענע אין צאָל, צוליב די פריערדיקע ליקווידאַציעס, געטאָס אויפן געביט פון גענעראַל־גאָווערנמענט, אָסטלאַנד (מזרח־געגנט פון פוילן) און די געביטן, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין דעם רייך (מיטן אויסנאַם פון לאָדזש, וואו עס עקזיסטירט נאָך אַ געטאָ פון 30,000 לאָדזשער יידן און אַן ערך 100,000 פון אויסלאַנד). די ליקווידאַציע איז פאָרגעקומען לויטן באַקאַנטן נוסח: אַ טייל זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, אַ טייל זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקא, בעלזשיץ, סאָביבאָר, אָשווענטשים און אַנדערע טויט־פאַבריקן (די מתים האָט מען פאַרברענט אין קרעמאַטאָריעס). אַ טייל — בעיקר מענער, פייאיקע צו דער אַרבעט, האָט מען געשיקט אין די יידישע אַרבעטסלאַגערן, אָדער מען האָט זיי פאַרשיקט אין ביי־געשאַפענע לאַגערן, און צום סוף איז גאָר אַ קליינער טייל איבערגעלאָזט געוואָרן אין די אויסגעליידיקטע און פאַרברענטע געטאָס, כדי זיי זאָלן דאָרטן דורכפירן אַן אָרדענונג און העלפן צונויפזאַמלען און סעגרעגירן דאָס איבערגעבליבענע פאַרמעגן פון די יידן, די דייטשן זאָלן עס קאָנען צורויבן.

אין רעזולטאַט פון די ליקווידאַציע־אַקציעס זענען געוויסע קליינע גרופּן אָדער „גליקלעכע יחידים" אַנטלאָפן אין די וועלדער אָדער זיך אויסבאַהאַלטן אין די שכנותדיקע שטעט. די דאָזיקע ערטער ווערן איצט מיט געוואַלדיקער אַכזריות אויסגערייניקט פון יידישן עלעמענט.

אין דעם געשילדערטן פעריאָד האָט מען ליקווידירט די געטאָס אין בענדין (30,000 יידן), טשענסטאָכאָוו, טאַרנאָוו, זשעשאָוו, פּשעמישל, מיעלעץ, ראַדאָם, פיאָטרקאָוו (צו עטלעכע טויזנט יידן), ביאַליסטאָק (30,000 יידן), ווילנע (15,000 יידן) און פון אַ ריי שטעט אין מזרח־גאַליציע, ווי סטרי, סאַמבאָר, קאָלאָמעי, בוטשאַטש, דראָהאָביטש, באָריסלאַוו (פאַרשידענע צאָלן — פון עטלעכע טויזנט ביז 10 און 15 טויזנט יידן).

גלייכצייטיק מיט דער ליקווידאַציע פון די געטאָס איז פאָרגעקו־מען די אומאויפהערלעכע פאַרניכטונג פון די גרופעס, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. עס ווערן אויך בסדר געכאַפּט די ייִדן, וועלכע באַהאַלטן זיך אין די אַרישע געגנטן. די יעניקע, וואָס ווערן געכאַפּט, ווערן אויפן אָרט דערהרגעט.

חוץ דעם האָבן די דייטשן אויסגעזוכט די גרופן, וועלכע געפינען זיך אין די קאַטאַקאָמבן, וועלכע ווערן ביי אונדז גערופן בונקערס, פון דער פאַרברענטער וואַרשעווער געטאָ. די דאָזיקע גרופן ווערן דערמאָרדעט אויפן אָרט.

אין דעם געשילדערטן באַריכט־פּעריאָד קומט וויטער פאָר דאָס ברענגען קיין פּוילן ייִדן פון אויסלאַנד — פון מערב־ און דרום־איראָפּע: בולגאַריע, רומעניע, גריכנלאַנד, יוגאָסלאַוויע און לעצטנס אויך פון איטאַליע. די געבראַכטע קרבנות ווערן אָוועקגעשיקט אָדער אין די גאַז־קאַמערן, אָדער אין די ייִדישע אַרבעטס־לאַגערן.

לעצטנס — אומגעפער מיט אַ וואָך צוריק — מסתמא אין שייכות מיט די דייטשע מפּלות אויפן רוסישן פראָנט — האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּעריאָד: דאָס ליקווידירן די אַרבעטס־לאַגערן. דעם 3טן נאָוועמבער 1943 האָבן די דייטשן ליקווידירט דעם לאַגער און טראַווניקי, וואו עס האָבן זיך געפונען 10,000 ייִדן, בעיקר פון וואַרשעווער געטאָ; מען האָט זיי אָוועקגעשיקט אַהין אין דער צייט פון באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד. די ליקווידאַציע איז פאָרגעקומען אויף דעם באַקאַנטן דייטשן אָפּנאַרערישן אופן. קודם כל האָט מען אַרויסגעפירט פון לאַגער די מענער, אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי דאַרפן גראָבן טיפע גריבער פאַר מיליטערישע צוועקן. שפּעטער האָט מען זיי אַלע אויסגעטאָן נאַקעט און דערשאָסן מיט מאַשין־געווער. נאָכדעם האָט מען אַרויס־געפירט די פרויען און קינדער, מיט וועלכע די דייטשן זענען זיך באַ־גאַנגען אויף דעם זעלבן אופן. טיילווייז דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען דעם 5טן נאָוועמבער אין דעם לאַגער פון פּאָניאַטאָוו (אַן ערך 15,000 ייִדן, אויך אַרויסגעפירטע פון דער וואַרשעווער געטאָ בשעת דעם באַ־וואָפנטן ווידערשטאַנד), אין די לאַגערן פון לובלין, טיילווייז אין דעם לאַגער פון יאַנאָווסק לעבן לעמבערג, וואו מען האָט ליקווידירט 2,000 ייִדן.

2. דער איצטיקער צושטאַנד אין די ערטער, וואו די יידישע באַפעלקערונג באַהאַלט זיך.

אין איצטיקן מאָמענט לעבן יידן: אין די לאַגערן, אין וועלדער, אין די אַרישע קוואַרטלען און אין לאַגערן פאַר פרעמדע בירגער.

1. אין די אַרבעטס־לאַגערן, וועלכע געפינען זיך אָדער נאָענט צו די ליקווידירטע געטאָס, אָדער אַביסל ווייטער זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אונטערנעמונגען, וואו עס אַרבעטן יידן פאַר די דייטשן. דער רעזשים איז זייער אַ שטרענגער — הונגער, פייניקונגען, שיסן פאַר דער קלענסטער זינד. פאַר יעדן פרואוו צו אַנטלויפן איז איינגעפירט קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואו פאַר איינעם ווערן דערשאָסן טעלעכע צענדליק יידן.

חוץ דעם אַרבעטן יידן אויסער דעם געביט פון די לאַגערן, ד"ה אין ספּעציעלע פּלעצער, וואו זיי געפינען זיך אין קאַזאַרמעס אָדער וואוהין זיי קומען צו דער אַרבעט פון די לאַגערן. אין די דאָזיקע ערטער אַרבעטן די יידן צוזאַמען מיט פּוילישע אַרבעטער. אַזעלכע לאַגערן געפינען זיך אויפן געביט פון גענעראַל־גאָווערנמענט אַ פּאָר צענדליק, למשל, צווייִ הינטער קראָקע (פּלאַשעוו און אויפן יידישן בית־עולם אויף יערוזאַלימסקע גאַס, אומגעפער — 15 טויזנט יידן), אין לעמבערג (נאָך דער לעצטער ליקווידאַציע זענען דאָרט געבליבן 2,000 יידן), פּיאָטרקאָוו (2,000 יידן), טשענסטאָכאָוו (2,000 יידן), טראַווניקי (10,000 יידן — נאָר־וואָס ליקווידירט געוואָרן), פּאָניאַטאָוו (15,000 יידן), באַכניא (אַ פּאָר הונדערט יידן), טאַרנאָוו (200), זשעשאָוו (אַ פּאָר הונדערט), שעבניא (אַ פּאָר טויזנט), פּוסטקאָוו (אַ פּאָר טויזנט), בראָד (10,000) זלאָטשעוו (אַ פּאָר טויזנט), באָריסלאָוו (2,000), ראַדאָם, וואו די גאַנצע פריערדיקע געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרבעטס - לאַגער (2,000), סקאַרזשיסק, סטאַראַכאָוויץ, אַנאַפּאָל, שוו. קזשיזש (צו טויזנט יידן) און אַנדערע.

נאָך דער לעצטער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ איז אַ קליינער טייל פון דער באַפעלקערונג אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דעם אַרבעטס־לאַגער אין טראַווניקי.

נאָך דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ אין ווילנע, וואו דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אויסגעמאָרדעוועט געוואָרן, איז אַ טייל פון די איבערגעבליבענע אָוועקגעשיקט געוואָרן

אין אַ לאַגער אין וואָראָנאָוו, און אַ צווייטער טייל — הינטער קאָוונע. עס איז איבערגעבליבן נאָר איין געטאָ — אין לאָדזש, וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסע פאַבריק, וואָס אַרבעט פאַר די דייטשן.

2. אין די וועלדער. פון די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די פּאָגראָמען אין געטאָ זענען געוויסע גרופּן אַנטלאָפן אין די וועלדער אויף פאַרשידענע אופנים, דורך פאַרשידענע וועגן. אַ טייל פון די גרופּן איז געווען באַוואָפנט, אַנדערע זענען געווען נישט באַוואָפנט. דער גרעסטער טייל פון זיי, כדי צו קאָנען לעבן, שאַפן ווילדע גרופּן, וועלכע באַאומרואיקן די אַרומיקע באַפעלקערונג. אַ קלענער טייל פון זיי שליסט זיך אָן אָן די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען. אַלע ווערן זיי געטריבן דורך אַ מוראדיקער סטיכיע און דורך די באַדינגונגען פון דעם דייטשן טעראָר. זיי פירן אַ לעבן פון טראַגישע אַרומוואַגלער, וואָס ווערן געטריבן ווי משוגענע הינט פון אָרט צו אָרט און ווערן צוביסלעך אויסגעראָטן.

3. אין די אַרישע קוואַרטאַלן. די דריטע גרופּע יידן לעבט פאַנאַנדערגעשאָטן אין די אַרישע קוואַרטאַלן פון פאַרשידענע גרויסע שטעט, אַלס אַריער. אַ טייל פון זיי באַהאַלט זיך אין הייזער, אַרבעטנדיק פּראָפעסיאָנעל (באַזונדערס פרויען, אַלס דינסטן) און אַ טייל פון זיי זענען טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. זיי לעבן אין גרויסער נויט. זייער איינציקע הילף איז דער „הילף־ראַט" (ביים דעלעגאַט פון דער פּוילישער רעגירונג) אָדער די יידישע אָרגאַני־זאַציעס, ד"ה דער „בונד" און דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט. זייער לעבן ווערט אָפט איבערגעריסן דורך דער געסטאַפּאָ אַלס רעזולטאַט פון מסירה.

4. אין לאַגערן פאַר פרעמדע בירגער. אַ געוויסע גרופּע יידן געפינט זיך אין לאַגערן פאַר פרעמדע בירגער אין וויטעל (עלזאַס), אין זאַלצבורג און אין בערגען הינטער האַנאָווער. זייער צאָל דער־גרייכט אָן ערך 15,000. דאָס זענען יידן, וועלכע האָבן באַקומען בירגערשאַפט פון פּאַראַגוויי אָדער פון אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער. די לעבנס־באַדינגונגען אין די לאַגערן זענען ניט קיין אייב־היטלעכע. אין וויטעל, למשל, זאָלן זיין בעסערע באַדינגונגען. אין אַנדערע, ווי אין בערגען — זייער שווערע. לעצטנס האָבן מיר באַ־קומען ידיעות, אַז דער לאַגער אין בערגען איז ליקווידירט געוואָרן, אָבער די דאָזיקע ידיעה איז נאָך ניט קאָנטראָלירט.

ווי שטעלט זיך פאַר די ציפערן־פאַרהעלטעניש צווישן די באַ־זונדערע צענטערן, וואו יידן געפינען זיך? דאָס איז זייער שווער געגוי פעסטצושטעלן. יעדנפאַלס, דאַרף מען אָננעמען, אַז דער גרעסטער פּראָצענט יידן געפינט זיך אין די לאַגערן; אויפן צווייטן אָרט גייען די אַרישע קוואַרטאַלן. נאָך אַ קלענערע צאָל געפינט זיך אין די לאַגערן פאַר פרעמדע בירגער, און דער קלענסטער פּראָצענט — אין די וואַלד־גרופּן.

3. אונדזערע אויפגאַבן

אויפן פאָן פון דער געשילדערטער לאַגע און אויסנאַם־באַדינגונ־גען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער מאָרד־אַקציע פון אָקופּאַנט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, ווערן קלאָר די אויסערגעוויינלעכע נויטן און אויפגאַבן. מיר זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַזעלכע שווערע פּראָבלעמען, וועלכע עס וואָלטן ניט געווען אימשטאַנד אויסצופירן אָרגאַניזאַציעס פון צאָלרייכערע און שטאַרקערע פעלקער, פון פעלקער, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין אַן אייגענער מלוכה, האָבן גרויסע פאַ־נאַנדערגעבויטע אַפּאַראַטן און ריזיקע פינאַנץ־מיטלען. און, הגם, די פעלקער, וועלכע געפינען זיך אין די נאַצישע לאַפּעס — ספּעציעל פּוילן — ווערן געשטיקט מיט אַן אייזערנער האַנט פון אָקופּאַנט און גיבן יעדן טאָג ריזיקע בלוט־קרבנות, קאָן דאָס אָבער ניט פאַרגליכן ווערן מיט אונדזער לאַגע.

אַ פאָלק נאָך אַ פאָלק איז געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די מאָדערנע הונען, און קיינער איז ניט געווען אימשטאַנד אָפּצושטעלן די מעכטיקע כוואַליעס פון גרויזאַמקייט, הגם די כוואַליעס זענען געווען אַ סך קלענער, ווי די, וועלכע פאַרגיסט אונדז איצט. ווי אַזוי זאָלן מיר, וואָס זענען אַ סך שוואַכער פון יענע פעלקער און האָבן נישט די עלעמענטן פון קראַפט און צוגרייטונגען און מעגלעכקייטן, אַ מינדערהייט, וואָס ווערט סיסטעמאַטיש פאַרניכטעט, פון וועלכער עס זענען שוין בלויז פאַר־בליבן שאַטנס, — ווי אַזוי זאָלן מיר זיך אַן עצה געבן מיט די ריזיקע אויפגאַבן און נויטן, וועלכע עס רוקט אַרויס אונדזער טראַגישע סיטו־אַציע? און ווי שווערער ווערט נאָך די אַרבעט צוליב דעם באַוואוסט־זיין, אַז דער שונא וויל אונדז אַלעמען אויסראָטן? און די, וואָס טוען די אַרבעט, פילן זיך אָפט אַליין, ווי פאַרמשפּטע, וואָס וואַרטן אויפן גזר־דין.

און נאָך איין מאָמענט: אין די כלומרשטע נאָרמאַלע צייטן וואָלטן אויך אַזעלכע ריזיקע אויפגאַבן געפאָדערט אַ גרויסן אַפּאַראַט פון מענטשן, אָבער מיר האָבן עס נישט איצט, ווייל, ליידער, איז זייער אַ גרויסער טייל פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל אונדזערן פאַרניכטעט געוואָרן. אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער צאָל פאַרשידנאַרטיקע טוער, וועלכע מיר האָבן געהאַט פאַר דער מלחמה און אין אַ געוויסער מאָס אויך אין די ערשטע יאָרן פון דער נאַצי־אָקופּאַציע, איז איבערגעבליבן אַ באַשיידענע גרופּע, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם שווערן וואָגן פון אונדזער בונדישער אַרבעט און אונטערערדישער טעטיקייט.

און דאָך שרעקט אונדז קיין שום זאַך ניט אָפּ: נישט די ריזיקייט און אויסערגעוויינלעכקייט פון אונדזערע שווערע פּראָבלעמען, נישט די אָפּטע האָפנונגסלאָזיקייט פון אונדזערע באַמיאונגען, נישט די שרעק־לעכע געפאַרן, וואָס לויערן אויף אונדז אויף יעדן שריט און טריט און אויך נישט דאָס, וואָס אַזאַ קליינע צאָל מענטשן איז ביי דער אַרבעט און וואָס צו דעם רייסט נאָך דער טויט יעדן טאָג אַרויס עמעצן פון די נאָענטסטע.

מיר שטייען ביי דער אַרבעט עקשנותדיק און אויסגעהאַלטן ווי אַ דאָקטאָר, וואָס האָט צומאָל פאַר זיך כמעט ווי אַ האָפנונגסלאָזן פּאַציענט אָבער ער האַלט פאַר זיין פליכט צו היילן אים ביז דער לעצטער רגע, אָדער ווי אַ קאַפּיטאַן פון אַ שיף וואָס טרינקט זיך און ער טוט אַלץ אויף צו ראַטעווען וואָס מער מענטשן פון דערטרונקען צו ווערן און בלייבט אומדערשיטערט אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן.

מיר טוען אַלץ, ווייל מיר זענען פול מיטן ווילן אויסצופירן אונדזער אַרבעט, וועלכע וועט דאָך אָפּראַטעווען פון דעם שרעקלעכן מבול פאַר דער צוקונפט אַ געוויסע צאָל מענטשן; אונדזער אַרבעט ווערט דיק־טירט דורך דעם איינגעשפּאַרטן ווילן צום קאַמף מיטן שונא און מיר לעבן מיטן פולן באַוואוסטזיין, אַז עס איז אונדזער פליכט ווירדיק פאָרצו־זעצן אונדזער גלאָררייכע טראַדיציע פון סאָציאַליסטישן קאַמף.

אונדזער וויכטיקסטע אויפגאַבע היינט צו טאָג איז: איינצוהאַלטן ביים לעבן די רעשטלעך פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע זענען געבליבן לעבן. זאָלן כאָטש בלייבן עדות פון דעם שרעקלעכן פאַרברעכן, וואָס קומט פאָר; זאָלן זיי בלייבן פאַרן קאַמף מיט די שולדיקע אין די פאַרברעכנס; זאָלן בלייבן טיילן, וועלכע וועלן, צוזאַמען מיט אַנדערע, פירן דעם קאַמף קעגן אונדזער געמיינזאַמען

שונא, ווי אויך אָפּגעבן זייערע כוחות פאַרן ווידעראויפבוי און פאַר דער אידעאיש־אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

אונדזערע אויפגאַבן באַשטייען פון דריי פונקטן :

1) מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף אין ברייטסטן פאַרנעם, 2) אַקטיווער ווידערשטאַנד קעגן דעם שונא, 3) אָרגאַניזאַציאָנעל־אידעאישע אַרבעט און אַלץ, וואָס איז מיט דער דאָזיקער אַרבעט פאַרבונדן.

מיר קאָנען ניט אויסרעכענען אַלע ענינים און וועגן זיי גענוי שרייבן. מיר וועלן זיך נאָר באַגנוגענען מיט פאַרצייכענען די וויכטיקסטע פראַגן : וואוינונגען, פאַנאַנדערטיילן מאַטעריעלע הילף, לעגאַליזאַציע, די קאָמפּליצירטע קאָנסעקווענצן פון שאַנטאַזשירן די אומגליקלעכע יידן, צוגרייטונגען צום אַקטיוון ווידערשטאַנד, הילף די אַרעסטירטע, פּעקלעך, מלבושים, מעדיצינישע הילף, פאַרשידענע קאָנטאַקטן אויפן אָרט און מיט לאַגערן אין דער פּראָווינץ, בריוו, אינפאָרמאַציעס און דאָס אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן אונטערערדישע אויסגאַבן. דאָס אַלץ נעמט צו צייט, נערוון און געזונט.

4. קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע

נאָך דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ אין יולי 1942 איז אויפן באָדן פון וואַרשע, אין שייכות מיט די צוגרייטונגען פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד, געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע צו קאָאָרדינירן די באַמיאונגען פון אונדזער אָרגאַניזאַציע מיט די באַמיאונגען פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. די דאָזיקע אַרבעט פון דער קאָמיסיע האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן (באַוואָפנטער ווידערשטאַנד אין אַפּריל־מאַי 1943). נאָך דער פולער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ האָט די טעטיקייט פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט אַרומגענומען דעם גאַנצן געביט פון מאַטעריעלער הילף פאַר די וואַרשעווער יידן און פאַר גאַנץ פּוילן. דאָס איז ניט קיין פּאָליטישע קערפּערשאַפט און אויך ניט קיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז בלויז און אויסשליסלעך אַ קערפּערשאַפט, וואָס קאָאָרדינירט די באַמיאונגען פוןביידע אָרגאַניזאַציעס אויפן געביט פון הילף און קאַמף. קיינער פון די 2 צדדים האָט ניט בדעה צוצוגעבן דער אינסטיטוציע קיין פּאָליטישן כאַראַקטער. דער פּאַראַגראַף צוויי פונם

סטאַטוט פון קאָאָרדינירקאָמיטעט זאָגט: „פּאָליטישע פראגן וועלן דערליידיקט ווערן דורך יעדן צד אין הסכם מיט זיין וועלט־אַנשויאונג".

מיר האָבן אין דעם דאָזיקן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט דורכגעפירט אַ ריי אַרבעטן פאַר דער פּראָווינץ, פאַר די לאַגערן, אויפן געביט פון הילף און צוגרייטונג צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אין וואַרשע זענען מיר געקומען צו הילף אַ ריי מענטשן, וועלכע געהערן ניט צו אונדזער אָרגאַניזאַציע און אַפילו ניט צו די אָרגאַניזאַציעס פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, אָבער מיר האָבן געוואוסט, אַז זיי נייטיקן זיך אין אונדזער הילף, האָבן מיר זיי די דאָזיקע הילף געבראַכט. מיר האָבן דורך דעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט געגעבן גאַנץ היפּשע סומען נישט נאָר יידן, נאָר אויך ניט־יידן, וועלכע זענען געווען טעטיק אויפן געביט פון הילף־ראַט פאַר יידן און זענען ביי דער דאָזיקער אַרבעט אַרעסטירט געוואָרן.

וואָס שייך דער פּראָווינץ, האָבן מיר געשיקט הילף אין דער הייך פון הונדערטער טויזנטער זלאָטעס צו די לאַגערן.

דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט נישט קיין אייגענע קאַסע און קיין קאַסירער, נאָר אַלע ענינים ווערן אָפּגערעדט צווישן ביידע צדדים און איינשטימיק באַשלאָסן.ביים ערליידיקן אַ ריי ענינים פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט זענען טעטיק אַ סך אונדזערע חברים (אויף זייער שווערע און ריזיקאַלישע פּאָזיציעס). צוויי פאַרשטייער פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און, טיילמאָל פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די אָפיציעלע מיליטערישע פאַרטרעטער פון אונטערערדישן פּוילן וועגן די צוגרייטונגען צו דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

5. באַוואָפנטער קאַמף

א) אין באַריכט־פּעריאָד זענען פאָרגעקומען — סיי צוליב די זעלבע טיפערע סיבות, וואָס האָבן געברענגט צום וואַרשעווער אויפשטאַנד, סיי צוליב דער אַלגעמיינער אַטמאָספער, וואָס האָט זיך געשאַפן אין לאַנד דורך די קאַמפן אין וואַרשע — אַ ריי באַוואָפנטע ווידערשטאַנדן פון יידן אין אַ גאַנצער ריי צענטערן. די דאָזיקע קאַמפן שטעלן מיט זיך פאָר אַ פאָרזעצונג פון דער קייט העלדישע טאַטן, וועלכע עס האָט אָנגעהויבן די וואַרשעווער געטאָ.

1. קודם־כל ביאַליסטאָק. דאָס איז איינע פון די שטעט, וועלכע האָבן זיך געפונען פאַר דער מלחמה אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון „בונד". די דאָזיקע שטאָט האָט געשטעלט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן ווידערשטאַנד די דייטשן, ווען זיי האָבן אין העלפט פון אויגוסט 1943 אָנגעהויבן ליקווידירן די דאָזיקע געטאָ. דער באַוואָפנטער ווידער־שטאַנד האָט געדויערט אַ חודש און איז געפירט געוואָרן מיט אויסער־געוויינלעכן העראָאיזם. די דייטשן האָבן דאָרט באַנוצט די זעלבע מעטאָדן און די זעלבע געווער, וואָס אין וואַרשע. זיי האָבן פאַרלאָרן זייער אַ גרויסע צאָל מענטשן. די 30,000־קעפּיקע ביאַליסטאָקער געטאָ, פון וועלכער אַ סך זענען געפאַלן, איז ליקווידירט געוואָרן. דער קליינער איבערגעבליבענער טייל איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין דעם אַרבעטס־לאַגער טראַווניקי.

2. טרעבלינקא — דער לאַגער פון די גאַז־קאַמערן, וואו די היט־לעריסטן האָבן פאַרניכטעט הונדערטער טויזנטער יידן, איז דורך די יידן, וועלכע זענען דאָרט געווען פאַרשקלאַפט, אין אָנהייב אויגוסט 1943 פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן. די רעוואָלטירנדיקע יידן האָבן אויסגעהרגעט ביז איינעם די 30־קעפּיקע וואַך פון דייטשן און אוק־ראַינער. זיי האָבן צוגענומען דאָס געווער, אונטערגעצונדן אַלע גע־ביידעס, פאַרניכטעט אַלע עלעקטרישע דראָטן און דורכגעשלאָגן זיך אַ וועג אין שכנותדיקן וואַלד. 200 יידן זענען אַהין אַנטלאָפן.

3. אין אַ קלענערן פאַרנעם זענען פאַרגעקומען פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד פון די יידן אין טאַרנאָוו, בענדין, טשענסטאָכאָוו, באָריס־לאָוו.

4. פונקט מיט אַזאַ העראָאיזם ווי אין טרעבלינקא, איז פאַר־געקומען דער אויפשטאַנד אין סאָביבאָר. אויך דאָרטן זענען פריער הונדערטער יידן אויסגעשלאָכטעט געוואָרן. דער אויפשטאַנד איז פאַר־געקומען אין אָקטאָבער 1943. אַ גרויסער צאָל יידן איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דעם לאַגער.

5. ביים סוף וויל איך דערמאָנען, אמת נישט קיין באַוואָפנטע, אָבער זייער העראָאישע ווידערשטאַנדן פון די יידן אין לאָדזשער געטאָ: אין פעברואַר 1943 איז דאָרט דורכגעפירט געוואָרן אַ גענעראַל־שטרייק אין שייכות מיט דעם, וואָס די דייטשן האָבן דאָרט ווידער אָנגעהויבן מאַסן־עקזעקוציעס. דער שטרייק האָט געהאָלפן. די עק־זעקוציעס זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן.

6. איך וויל אויך דערמאָנען וועגן די יידישע לאַגערן אין פּאָניאַ־טאָוו און טראַווניקי, וועלכע האָבן צוגעגרייט אַ באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד מיט דער הילף פון קאָאָרדינירקאָמיטעט און דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן געזאָרגט וועגן פינאַנץ־מיטלען, געווער, אינסטרוקציעס. די צוגרייטונג־אַקציע צום ווידערשטאַנד איז, אַזוי ווי די הילף־אַקציע, געפירט געוואָרן אין לאַגער גופא דורך אַ קאָאָרדינירקאָמיטעט (צוזאַמענגעשטעלט אויף דעם זעלבן אופן, ווי דער אַלגעמיינער קאָאָרדינירקאָמיטעט אין וואַרשע), וואו אונדזערע חברים, וועלכע זענען אין די לאַגערן געווען די גרעסטע גרופּע אָדער דער גרעסטער פּראָצענט, זענען זייער אַקטיוו און האָבן גענומען דעם אַק־טיוופטן אָנטייל אין דער אָנפירונג פון די צוגרייטונגען.

ב) פּאַרטיזאַנישע גרופּן. ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט אין שייכות מיט דער ליקווידאַציע פון די געטאָס, אַנטלויפן פון צייט צו צייט געוויסע גרופּן אין די וועלדער. דאָרטן פאַרבינדן זיי זיך טיילמאָל מיט פּאַרטיזאַנישע גרופּן, וואָס זיי טרעפן אָן אין וועג. מיר האָבן זיך אַ סך פאַרנומען מיט דער פראַגע, ווי אַזוי די דאָזיקע וואַלד־גרופּן צו אָרגאַניזירן און פאַרבינדן. וועגן דעם האָבן מיר אויך אָפּגע־האַלטן אַ ריי קאָנפערענצן מיט דעם פאָרשטייער פון דער פּוילישער אונטערערדישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פאַרנומען אַ קריטישע שטעלונג צו דעם, פּונקט ווי זי האָט זיך קריטיש באַצויגן צו דער פראַגע פון באַוואָפענען די יידישע לאַגערן בכלל. מיט דער צייט האָט זיך די שטעלונג פון דער פּוילישער אונטערערדישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע געענדערט אין באַצוג צו די לאַגערן. די דאָזיקע ענדע־רונג ברענגט מיט זיך אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ און ענדערונג לגבי די פּאַרטיזאַנישע גרופּן. ווייל — קוים וועט דאָס באַוואָפענען די לאַגערן פירן צו אויפשטאַנדן אין די דאָזיקע לאַגערן, צו זייער פאַרניכטונג, עווענטועל דערצו, וואָס די אויפשטענדלער וועלן זיך דורכרייסן מיט געווער אין האַנט אין די וועלדער, וועלן זיי דאָרט פאָרזעצן זייער קאַמף אַלס פּאַרטיזאַנער.

ג) די אויפשטענדלער־גרופּע אין וואַרשע איז שוין געוואָרן פאַר־מעל אָרגאַניזירט און צו איר געהערן אַ פּאָר צענדליק יידן. די אָנפירונג געפינט זיך אין די הענט פון אַן אָפיציר פון דער פּוילישער אַרמיי. די דאָזיקע אָפּטיילונג וואָלט באַדאַרפט ווערן טעטיק אין מאָמענט פון אַלגעמיינעם אויפשטאַנד קעגן אָקופּאַנט — צוזאַמען מיט אַנדערע אָפּטיילונגען, פון וועלכע די וואַרשעווער גרופּע וואָלט געווען אַ טייל.

אויך דער דאָזיקער ענין איז אַ פאַרענדיקונג פון געשפּרעכן, וועלכע זענען געפירט געוואָרן דורך דער דעלעגאַציע פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט אָדער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע מיט די געהעריקע אָפיציעלע קאָנספּיראַטיווע פאַקטאָרן.

6. פראָווינץ

אונדזער גרעסטע זאָרג און באַמיאונגען אין באַריכט־פּעריאָד איז געווען דאָס אָנבינדן און איינהאַלטן קאָנטאַקטן מיט דער פּראָווינץ, אין דער ערשטער ריי מיט די לאַגערן. וועגן דער זעלבער זאַך האָט נאַטירלעך קודם כל געזאָרגט אויך דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. מיר האָבן נאָך פאַר דער שאַפונג פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און שפּעטער בעת זיין עקזיסטענץ אָפטמאָל אַליין און אָפטמאָל געמיינזאַם מיט אים דורך אייגענע און בשותפותדיקע שליחים, ווי אויך דורך דער הילף פון פּוילישע סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטן אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיט אַ ריי שטעט. דורך די שליחים האָט מען געשיקט בריוו אין די לאַגערן מיט דערמוטיקונג־ווערטער און געלט און באַזאָרגט געווער. כמעט אין אַלע לאַגערן האָבן עקזיסטירט קאָאָרדיניר־קאָמיטעטן. מיר האָבן איינגעהאַלטן קאָנטאַקטן און פאַרבינדונגען מיט קראָקע, פּאָניאַטאָוו, טראַווניקי, פּיעטרקאָוו, לעמבערג, אָסטראָוויעץ, ראַדאָם, קעלץ, טשענסטאָכאָוו, בודזין, סקאַרזשיסקאָ, סטאָפּניץ, בלוזשין א״א. זייער אָפט פאַרבינדן זיך ח״ח פון די לאַגערן איינע מיט די אַנדערע. זיי טיילן זיך מיט אינפאָרמאַציעס, וואָס זיי באַקומען פון אונדז. זיי טיילן זיך צווישן זיך מיט דער הילף. מיר האָבן זיך אויך פאַרבונדן מיט ביאַליסטאָק תיכף נאָך דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין געטאָ. עס זענען רירנד די בריוו, וואָס קומען אָן פון די דאָזיקע צענטערן פון ליידן, דערנידעריקונגען און טויט. אַזוי, למשל, האָט מען אונדז געשריבן פון ביאַליסטאָק. מיר ציטירן: „אַ חלום, צי וואָר״ — הייבט זיך אָן דער בריוו. „אַ שטים פון הילף פון אונדזערע חברים פון וואַרשע״. דאָס שרייבט דער חבר קאַסאָוור פון ביאַליסטאָק, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געראַטעוועט פון דעם יידיש־דייטשן קריג אין דער שטאָט און געפינט זיך איצט צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר ביי אַ פּוילישן חבר. ענלעכע בריוו האָבן מיר אויך באַקומען פון לאַגער אין פּלאַשאָוו. זיי האָבן אַ טייל פון זייערע הילף־געלטער, וואָס זיי האָבן פון אונדז באַקומען, איבערגעשיקט קיין טאַרנאָוו. אין טראַווניקי האָבן אונדזערע חברים

דורכגעפירט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אַ פייערונג צום 46טן יובילײ פון דער גרינדונג פון „בונד". אַפּט שטאַרקט דעם מוט צו ווייטערדיקן אויסדויער און קאַמף אונדזערער אַ בריוו, וואָס קומט אַן ערגעץ ווייט ווייט צו אַ לעבעדיקן חבר. לאָמיר אייך ברענגען אַ ביישפּיל: מיר האָבן אַרויסגעשיקט קיין פּיעטרקאָוו 20,000 זלאָטעס פאַרן לאַגער אויף די הענט פון אונדזער חבר. ווען איר זאָלט קאָנען לייענען דעם בריוו, וואָס מיר האָבן פון דאָרטן באַקומען. „דאָס איז געווען דער שענסטער מאָמענט אין אונדזער לעבן", — שרייבן זיי. דער, צו וועמען דאָס געלט איז געשיקט געוואָרן, אונדזערער אַ חבר, האָט זיך תיכּף מיט מסירת־נפש פאַרבונדן מיט אַנדערע חברים און מיט אַנדערע פּונקטן, האָט זיי איבערגעשיקט אַ טייל געלט, וואָס ער האָט פון אונדז באַקומען, געגעבן די נעמען, מיט וועמען מיר זאָלן זיך ווייטער פאַר־בינדן. דורך אים איז געלונגען זיך צו פאַרבינדן און איבערשיקן געלט אין סקאַרזשיסק, און דאָס זעלבע איז מיט טשענסטאָכאָוו. דאָרט געפינען זיך די חברים קושניר און ברענער א"א. דורך זיי באַקומען מיר ידיעות וועגן חברים אין אַנדערע שטעט. אויף אַזאַ אופן ברייטערט זיך אויס די אַרבעט.

עס איז אויפגעקומען אַ פּלאַן, וועלכער ווערט איצט דורך דעם קאָאָרדינירן־קאָמיטעט באַאַרבעט, פון אַרויסבאַקומען מענטשן פון די לאַגערן. מיטן גאַנצן האַרצן און פליכט־באַוואוסטזיין גיבן מיר זיך אָפּ מיט אָט דער אַרבעט. מיר האָבן איבערגעשיקט, מיר שיקן איבער און וועלן איבערשיקן וואָס אַמאָל אַ גרעסערע סומע אין די לאַגערן. הונדערטער טויזנטער זלאָטעס זענען שוין אַהין אַוועקגעגאַנגען. אָבער מיר ווייסן, אַז די וויכטיקסטע זאַך איז איצט אַרויסצובאַקומען כאָטש אַ קליינע גרופּע פון דעם לאַגער־גיהנום און זיי ראַטעווען פאַר דער צוקונפט. דאָס איז אַן אויפגאַבע פון אַזאַ פאַרנעם, אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך כמעט ווי אָפּ בלויז ביים טראַכטן וועגן דעם, בפרט אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דאָס ליקווידירן די לאַגערן גופא.

7. ראַט פון הילף פאַר יידן

ביי דעם דעלעגאַט פון דער פּוילישער רעגירונג איז אין באַריכט־פּעריאָד געשאַפן געוואָרן אַ ראַט פון הילף פאַר יידן (אין אים גייען אַריין פאַרשטייער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון דער פּויערים־פּאַרטיי און פון דער פּוילישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, איין פאַרשטייער פון „בונד" און איין פאַרשטייער פון יידישן נאַציאָ־

נאָלן קאָמיטעט). מיר אַרבעטן מיט מיט דעם ראַט צו העלפן יידן. פון אונדזערע סומען טראָגן מיר אַריין אין דער קאַסע פון ראַט. פון אויגוסט ביז נאָוועמבער ה"י האָט אונדזער טייל באַטראָפן 300,000 זלאָטעס.

8. די פראַגע פון לאַגערן פאַר יידן, פרעמדע בירגער

ניט געקוקט אויף אַלע אומגליקן, איז נאָך אַלץ שטאַרק דער כוח פון אילוזיע ביי די אומגליקלעכע יידן. דער בעסטער ביישפיל דערפאַר איז דער לאַגער פאַר פרעמדע בירגער אין וויטעל אָדער האַנאָווער. דער גרעסטער טייל בריוו, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון דעם פאַראַגוואַיער קאָנסול אין דער שווייץ צו די יידן אין וואַרשעווער געטאָ, בריוו וועגן געבן זיי בירגערשאַפט, איז נישט דערגאַנגען צו די אַדרעסאַטן, ווייל זיי זענען שוין געווען טויט. די דאָזיקע בריוו זענען שפּעטער געוואָרן אַן ענין פון אַ „בערזע". מען האָט זיי פאַרקויפט. מיט דער דאָזיקער ברודיקער אַרבעט האָבן זיך פאַרנומען יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן, אויסנאַרנדיק גרויסע סומען פאַר די בריוו. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך איינגערעדט, אַז די דאָזיקע בריוו קאָנען ראַטעווען. פון אַלע ווינקלען האָט מען געהערט שעפּטשן דאָס געהיימניספולע וואָרט „וויטעל", דעם נאָמען פון לאַגער. מיר האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און נישט געוואָלט אָנהייבן קיין שום אַקציע צו באַקומען די דאָזיקע בריוו. מיר האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די דייטשן און געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ נייע פאַסטקע פאַר די יידן. חוץ דעם, האָבן מיר פּרינציפּיעל נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן. אָבער אַפילו אַ טייל פון אונדזערע חברים איז געווען ניט צופרידן מיט אונדזער שטעלונג.

אַלס קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, האָבן מיר אַרויסגעשיקט צו אייך אַ דעפּעשע און אָנגעפרעגט צי די לאַגערן פאַר פרעמדע בירגער געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ. מיר האָבן קיין ענטפער ניט באַקומען. לײדער, האָט מען לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 300 יידן פון וואַרשע, וועלכע מען האָט אַפּגעשיקט אינעם גן־עדן הינטער האַנאָווער, האָט מען אַרעסטירט און דערשאָסן אין וואַרשעווער פּאַוויאַק. דאָס האָט געזאָלט זיין, דוכט זיך, די דריטע לויט דער ריי פּאַרטיע, וואָס האָט געזאָלט אַפּגעשיקט ווערן אין אַט דעם לאַגער. איצט איז דערגאַנגען

אַ נייע נאָך ניט קאָנטראָלירטע ידיעה וועגן ליקווידירן אויפן דייטשן שטייגער דעם גאַנצן לאַגער אין בערגען הינטער האַנאָווער. נאָך דעם דאָזיקן נייעם מאָרד־אַקט פון די דייטשן האָט זיך די אומצופרידנהייט קעגן אונדז איינגעשטילט.

9. יידישע אונטערשטיצונג־שטעלע

נאָכן ליקווידירן די קראָקעווער געטאָ און אַנדערע געטאָס האָבן די דייטשן געשאַפן אין קראָקע אַן אינסטיטוציע מיטן נאָמען „יידישע אונטערשטיצונג־שטעלע", אין דער שפּיץ פון וועלכער עס שטייט ד"ר ווייכערט. ניט אָפיציעל אַרבעטן אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע 2 אַנגעזעענע ציוניסטן פון קראָקע. די יידישע אונטערשטיצונג־שטעלע האָט כלומרשט אַלס אויפגאַבע צו פאַרטיילן מעדיקאַמענטן און אַנדערע זאַכן, וועלכע ווערן צוגעשיקט פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויס־לאַנד דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ — צווישן די אַרבעטס־לאַגערן. אין דער אמתן אָבער איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע אַ די־ווערסיע־אַפּערע פון אָקופּאַנט, כדי אָפּצונאַרן די עפנטלעכע מיינונג אויף דער וועלט בנוגע זיין באַציאונג צו די יידן און צוצונעמען פאַר די דייטשן די מעדיקאַמענטן. אויף אונדזער פאָרשלאָג, האָט אויך דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט מסכים געווען אָפּצוואַרפן דעם פאָר־שלאָג, וואָס עס האָט אונדז געמאַכט דער פירער פון דער יידישער אונטערשטיצונג־שטעלע וועגן זיין מיטאַרבעט מיט אונדז און מיט דעם הילפס־ראַט. דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט אָנגענומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו דער דאָזיקער אינסטיטוציע און ער האָט וועגן דעם מודיע געווען טעלעגראַפיש אייך און דעם ד"ר שוואַרצבאַרד, וואָרנענדיק די עפנטלעכע מיינונג אין אויסלאַנד קעגן דער יידישער אונטערשטיצונג־שטעלע און דער גאַנצער אַפּערע, און געפאָדערט, אַז מען זאָל תיכף אָפּשטעלן דאָס שיקן מעדיקאַמענטן און אַנדערע מאַטעריאַלן צו דער אונטערשטיצונג־שטעלע. צום צווייטן מאָל האָט דער קאָאָרדיניר־קאָ־מיטעט באַשטעטיקט זיין פריערדיקע שטעלונג, ווען די הערן פון דער יידישער אונטערשטיצונג־שטעלע האָבן זיך געווענדעט וועגן ענדערן אונדזער באַשלוס.

נאָך אַ געוויסער צייט האָבן די פירער פון דער דאָזיקער אינסטי־טוציע געמאָלדן, אַז זיי וואַרפן זיך אונטער דעם באַשלוס פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און אַז זיי וועלן אַלע איבערגעבליבענע זאַכן פון דער יידישער

אונטערשטיצונג־שטעלע איבערגעבן דעם קאָארדיניר־קאָמיטעט. פאַרשטייט זיך, אַז זיי איילן זיך נישט אויסצופירן דעם דאָזיקן צוזאָג. מיר וועלן דערפון ציען די געהעריקע קאָנסעקווענצן.

10. אונדזער אָרגאַניזאַציע־ארבעט אויף אַנדערע אָפּשניטן

1. אין דעם באַריכט־פעריאָד זענען מיר געווען אין קאָנטאַקט מיט דעם דעלעגאַט פון דער פוילישער רעגירונג. מיר האָבן מיט אים אַרומגערעדט און דערלידיקט אַ ריי ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו די פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד.

2. אַ סך אויפמערקזאַמקייט פאַרנעמען די פראַגן פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, פון באַזאָרגן מיט געווער די יידישע לאַגערן, פון פאַרטיזאַנישע גרופּן און פון דער יידישער אויפשטאַנד־גרופּע אין וואַרשע אָדער אין ביאַליסטאָק. די דאָזיקע ענינים זענען געווען אַ טעמע פאַר געשפּרעכן מיט די אָפּיציעלע מיליטערישע קאָנספּיראַטיווע פאַקטאָרן. די אונטערהאַנדלונגען האָבן געפירט דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט און די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אונדזער שטאַנדפּונקט איז געווען, אַז עס דאַרפן געשאַפן ווערן געמישטע אָפּטיילונגען.

3. מיר האַלטן ווייטער אונטער די האַרציקע באַציאונגען מיט וו. ר. נ. (פוילישע סאָציאַליסטישע אונטערערדישע באַוועגונג) און מיט דער פוילישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, מיט וועלכער מיר טרעפן זיך אין דער אַרבעט אין „ראַט צו העלפן יידן".

4. בראש פון אונדזער אַרבעט שטייט אַ צענטראַלע אָנפירונג מיט אַ פּרעזידיום אין דער שפּיץ. עס עקזיסטירט אַן אַפּאַראַט פאַר טעכנישער פאַרבינדונג. זיי גיבן צו וויסן אין אַלע פונקטן וועגן אַלץ וואָס מיר טוען, זיי פירן דורך דאָס דרוקן און צושטעלן אומלעגאַלע ליטעראַטור, מיר הערן אויך אויס זייערע פאַרלאַנגען און וואונטשן. מיר גרייטן צו אינערלעכע בולעטינען, אַ יאַרבוך און אַן אַנקעטע וועגן דער יידן־פראַגע.

5. די באַציאונגען מיט אייך אין אויסלאַנד איז איינע פון די אַנגעווייטיקסטע פראַגן. כל זמן עס האָט געלעבט ח' ארטור האָבן מיר נאָך פון אייך געהערט. זינט זיין טויט איז דער קאָנטאַקט אַ סך ערגער געוואָרן. מיר האָבן אייך געשיקט אַ ריי דעפּעשן פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער ווי אויך וועגן הילף, ווייל מיר שטיקן זיך ממש אָן געלט און אונדזערע מענטשן האָט געדראָט אַ קאַטאַסטראָפע. מיר האָפן, אַז אין דעם פּרט וועט קומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג, און נאָך אַ פאַר־

חדשימדיקן איבעררייס וועט איר אונדז צושיקן סיסטעמאַטישע אינ־פאָרמאַציעס — סיי דורך בריוו, סיי דורך דעפּעשן, סיי דורך אייערע אויסגאַבן. מיר ווילן וויסן וואָס איר טראַכט וועגן אונדזערע פּראָבלעמען און אייער שטעלונג אין אַלגעמיינע פראַגן.

6. מיר בעטן אייך געגוי אינפאָרמירן וועגן אייער פּרינציפּיעלער שטעלונג צו פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, ווי אויך וועגן אַלגעמיינע פראַגן פון אַ ברייטערן פאַרנעם. נישט גע־קוקט אויף די מוראַדיקע באַדינגונגען פון אונדזער לעבן, זענען אונדז נישט פרעמד אַלגעמיינע פּראָבלעמען און פּערספּעקטיוון. דאָס צווייטע מאָל וועלן מיר אייך וועגן דעם שרייבן גענויער.

7. איך ברענג אייך די רעזאָלוציע פון דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס איז אָנגענומען גע־וואָרן דעם 9טן מאַי 1943 וועגן דעם מאָרד פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. דאָס איז דער טעקסט פון דער רעזאָלוציע:

„אין די איצטיקע מינוטן פון די פאַרביטערטסטע קאַמפן אין דער וואַרשעווער געטאָ זענען מיר ביז די טיפענישן אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט אומגעבראַכט די חברים הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, און פון דער אָפיציעלער באַגרינדונג פון דעם אורטייל, אַז זיי האָבן כלומרשט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיט היטלערן. מיר שטעמפּלען אויפן שאַרפסטן אופן פאַר דער גאַנצער וועלט פון סאָציאַליזם און פרייהייט דעם דאָזיקן מאָרד ווי אַ פאַרברעכן. מיר פּראָטעסטירן אויפן שאַרפסטן און פייערלעכסטן אופן קעגן דעם מאָרד און קעגן דעם פּרוּוו צו שענדן זייערע קרישטאָל־ריינע נעמען. דער מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען גע־וואָרן איבער אונדזערע בעסטע חברים, וועלכע זענען געפאַלן אַלס קרבן פון זייערע אומדערשיטערלעכע איבערצייגונגען, אַלס קעמפער פאַר די אידעאַלן פון פרייהייט און רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, האָט געבראַכט און ברענגט אומבאַשרייבלעכן שאָדן נישט נאָר דער יידישער און פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, נאָר דעם גאַנצן אינטער־נאַציאָנאַלן לאַגער פון סאָציאַליזם. ספּעציעל איז דער שאָדן גרויס אין דעם מאָמענט, ווען עס איז נייטיק קודם כל צונויפצושליסן אַלע כוחות פונעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, כדי צו פאַרניכטן דעם פאַשיזם און איבערצובויען די וועלט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער וועלן בלייבן אייביק לעבן אין דער געשיכטע פון „בונד" און פון דער גאַנצער היינט־צייטיקער פּוילישער געזעל־

שאַפט, אין דער געשיכטע פון קעמפנדיקן פוילן און פון אינטערנאַציאָ־נאַלן סאָציאַליזם — ווי אָנגעזעענע פירער, ווי פאָנען־טרעגער פון קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן פאַשיזם. זיי וועלן בלייבן אין אונדזערע הערצער ווי ליכטיקע געשטאַלטן, וואָס זענען געפאַלן ווי טראַגישע מאַרטירער.״

(דער דאָזיקער פּראָטעסט איז איבערגעשיקט געוואָרן צו דער אונטערערדישער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין לאַנד. ער איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן דורך די „מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון דער באַ־וועגונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פוילן״, אָרגאַן פון וו. ר. נ.)

11. פינאַנץ־באַריכט

איך טרעט צו צום פינאַנץ־באַריכט.

אונדזער גאַנצע פינאַנץ־ווירטשאַפט פירן מיר אויף אַזאַ אופן, אַז זי שטיצט זיך אויף דירעקטע אַקטן און קאַסע־דאָקומענטן, קוויטי־רונגען פון די געהעריקע פאַקטאָרן און פערזאָנען, און אויף פאַרשריבע־נע אין די קאַסע־ביכער פּאָזיציעס; מיט איין וואָרט — אויף די יסודות פון ראַציאָנעלער בוכפירונג. נאָך מער זאָרגן מיר דערפאַר, אַז נישט נאָר די פאָרמעלע, נאָר אויך די מעריטאָרישע זייט פון אונדזער ווירט־שאַפט זאָל זיין אין אָרדענונג. אין דער צענטראַלער אָנפירונג איז טעטיק אַ רעווידיר־קאָמיסיע, וועלכע קאָנטראָלירט יעדן חודש די איינ־קונפטן און די הוצאות, פירט דורך די אָפּרעכענונג און שרייבט אונטער דעם פּראָטאָקאָל פון דער רעוויזיע. די דאָזיקע קאָמיסיע, וועלכע געניסט פון אונדזערן און אייערן אָרגאַניזאַציאָנעלן און מאָראַלישן אויטאָריטעט, באַשטעטיקט יעדעס מאָל, אַז די ווירטשאַפט אונדזערע איז אַ ראַציאָנעלע און מוסטערהאַפטע.

דער יסוד פון דער ווירטשאַפט איז: אַבסאָלוטע שפּאָרזאַמקייט דאָרטן, וואו דאָס איז מעגלעך; ברייטע פינאַנציעלע הילף, וואו דאָס איז נייטיק, דורך אויסשליסן יעטוועדער פּריווילעגיע און מיט אַ גלייכ־צייטיקער פאַרשטענדעניש פאַר די באַדערפעענישן פון אַלע, וועלכע גע־פינען זיך אונטער אונדזער אויפזיכט. מיר העלפן אפילו אַריער, ווען מיר געפינען פאַר נייטיק קומען צו הילף צוליב זייער גרויסן פערזענלעכן ווערט, און סיי יידן, אומאָפּהענגיק פון זייער פּאָליטישער אָנגעהערי־קייט, ווען מען דאַרף העלפן.

צוליב טעכנישע סיבות איז אוממעגלעך צו געבן אַ זייער גענויעם באַריכט פון אונדזער פינאַנציעלער טעטיקייט פאַר דעם באַריכט־פעריאָד. פון די אַלגעמיינע ציפערן, וואָס מיר גיבן אייך אָן, וועט איר זיך אָבער אָריענטירן אין אונדזער גאַנצער פינאַנץ־ווירטשאַפט און וועט אַליין קאָנען באַשליסן וועגן אונדזער טעטיקייט, אויפגאַבן און באַדערפעניש.

און איצט — דער עצם באַריכט.

איינקונפט

מיר האָבן דערהאַלטן פון אייך פאַרן באַריכט־פעריאָד אין דאָלאַר־באַנקנאָטן:

אין 1942	—	אָקטאָבער — —	5,000
אין 1942	—	דעצעמבער — —	5,000
אין 1943	—	פעברואַר — —	10,000
אין 1943	—	אַפּריל — —	13,000

צוזאַמען 33 טויזנט דאָלאַר.

חוץ דעם האָבן מיר באַקומען דורך דער דעלעגאַטור אין פּוילישע זלאָטעס: (עס ווערן געגעבן אויסגערעכנט די סומעס לויט די חדשים) צוזאַמען 795,000 זלאָטעס, וואָס נאָכן איבעררעכענען אין דאָלאַרן האָט עס אויסגעמאַכט 10 טויזנט דאָלאַר.

אין פּוילישע זלאָטעס האָבן מיר אויך באַקומען דורך דעם דעלעגאַט — 1,850,000 זלאָטעס, וואָס נאָכן איבעררעכענען אין דאָלאַרן האָט עס אויסגעמאַכט 15 טויזנט דאָלאַר.

הוצאות

פון די הכנסות האָבן מיר צוריקגעצאָלט דער דעלעגאַטור אַ הלואה, וועלכע מיר האָבן ביי זיי גענומען (מיר זענען געווען אָן אַ גראָשן געלט) אין דער הויך פון 15,000 זלאָטעס, וואָס דאָס האָט אויסגעמאַכט לויט דעם דעמאָלטיקן קורס — $500. אין דאָלאַרן האָבן מיר אויסגעגעבן:

1) צוריקגעצאָלטע הלוואות — אייערע אָנווייזונגען און אונדזערע אַסיגנירונגען:

א) $5,000 — צוריקגעצאָלט אַ הלואה, וועלכע אונדזערע חברים האָבן געמאַכט אין אַמאָליקן וואַרשעווער געטאָ אויף זיי־

ערע נויטן (זעלבסט־הילף, צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד, פּרע־סע־אויסגאַבן אדג״ל).

ב) 2,000$ — אונדזער אַסיגנירונג, אויסגעצאָלט דער די־רעקציע פון דזשאָינט.

ג) 500$ — אויסגעצאָלט, לויט אייער ספּעציעלער אָנווייזונג, די לינקע פּועלי־ציון.

ד) 1,000$ — אויסגעצאָלט, לויט אייער ספּעציעלער אָנ־ווייזונג, די לינקע פּועלי־ציון.

ה) 3,000$ אויסגעצאָלט, לויט אייער ספּעציעלער אָנווײַ־זונג, די רעכטע פּועלי־ציון.

ו) 400$ — אויסגעצאָלט אָנהייב מערץ 1943 דעם קאָ־אָרדיניר־קאָמיטעט און דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע (לויט ספּעציעלע אָנווייזונגען).

ז) 300$ — צוריקגעצאָלט דעם חוב דער „דעלעגאַטור״.

צוזאַמען 12,200 דאָלאַר.

2) אונדזערע בודזשעט־אויסגאַבן

אין דעם פּעריאָד פון העלפט אָקטאָבער 1942 ביזן 1טן יולי 1943, ד״ה, 8 און אַ האַלבע חדשים, האָבן אונדזערע בודזשעט־אויסגאַבן אויס־געמאַכט דורכשניטלעך 2 און אַ האַלב טויזנט דאָלאַר אַ חודש. דאָס מאַכט אויס פאַר 8 און אַ האַלבן חדשים 21,250 דאָלאַר. די סומע פּליוס די אויסגערעכנטע אויבן סומע פון 12,200 דאָלאַר מאַכט אויס צוזאַמען 33,450$. דאָס הייסט, אַז דעם 1טן יולי 1943 האָבן אונדזערע חובות ביי פּריוואַטע פּערזאָנען אויסגעמאַכט 450$.

וואָס האָבן אַרומגענומען אונדזערע אויסגאַבן? —

דאָס אויסהאַלטן הונדערטער משפּחות, וואוינונגען, באַזאָרגן זיי מיט מלבושים, וועש, שיך, מיט מעדיצינישער הילף און אַ דאַך איבערן קאָפּ (אויף וויפל דאָס איז געווען נייטיק), דאָס אויסקויפן מענטשן פון תפיסות (אויף דעם צוועק האָבן מיר אויסגעגעבן 2,000$), אויסקויפן זיך פון שאַנטאַזשיסטן (אַלס ביישפּיל וועלן מיר דערמאָנען: דער קאָמענדאַנט פון אַ פּראָנט־אָפּשניט פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, חבר ראַזאָווסקי, איז צוויי מאָל באַדראָט געוואָרן דורך שאַנטאַזש; דאָס האָט געקאָסט 20,000 זלאָטעס, און דאַך, נאָך דעם צווייטן פאַל, איז ער אומגעקומען), ווי אויך הילף פאַר די משפּחות, וואָס זענען גע־

בליבן לעבן. די צייט פון יוני, יולי, אויגוסט פון היינטיקן יאָר, ווען צוליב דער עקזעקוציע־אַקציע און דער אויסברייטונג פון אונד־זערע אַרבעטן איז אונדז געווען נויטיק אַממערסטן געלט, געהערט צו דער טראַגישסטער עפּאָכע. מיר האָבן זיך פאַרשולדיקט און זע־נען געווען כסדר אָן געלט. עס האָט אונדז געדראָט אַ קאַטאַסטראָפע. הויפּטזעכלעך איז געווען די געפאַר גרויס פאַר די קינדער, פרויען און מענער, וועלכע זענען געווען צוגעשמידט צו זייערע היימען. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אָנגעהויבן אין אַ גרויסן פאַרנעם צו פירן אַ הילף־אַקציע צוזאַמען מיט דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאַר די לאַגערן (פּאָניאַטאָוו, טראַווניקי, טשענסטאָכאָוו, קראָקע, קעלץ, ראַדאָם, לובלין, לעמבערג און אַנדערע פּונקטן), שיקנדיק אַהין הונ־דערטער טויזנטער זלאָטעס.

דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט האָבן מיר זיך פאַרשולדיקט דעמאָלט אויף אַ סומע פון 125,000 זלאָטעס. פון דעם פריערדיקן פעריאָד זענען מיר געווען שולדיק 292,000 זלאָטעס. ווען מיר האָבן באַקומען פון אייך די סומען דורך דער דעלעגאַטור אין סעפּטעמ־בער און אָקטאָבער, זענען מיר אימשטאַנד געווען אָפּצוצאָלן אַלע חובות און מיר האָבן געהאַט די נויטיקע סומען אויף לויפנדע אויסגאַבן.

דער חשבון פאַר דעם ווייטערדיקן פעריאָד שטעלט זיך צוזאַמען אַזוי:

הכנסות פון 1טן יולי 1943 ביזן 30טן נאָוועמבער 1943.

(חוץ די שוין פון פריער אויסגערעכנטע)

דעם 1טן סעפּטעמבער 1943 — — — — 300,000 זלאָטעס.
דעם 2טן סעפּטעמבער 1943 — — — — 345,000 זלאָטעס.
דעם 3טן סעפּטעמבער 1943 — — — — 150,000 זלאָטעס.
צוזאַמען אין סעפּטעמבער — 795,000 זלאָטעס.

דעם 7טן אָקטאָבער 1943 — — — — — — 500,000 זלאָטעס.
דעם 13טן אָקטאָבער 1943 — — — — — — 700,000 זלאָטעס.
דעם 19טן אָקטאָבער 1943 — — — — — — 194,000 זלאָטעס.
דעם 27טן אָקטאָבער 1943 — — — — — — 456,000 זלאָטעס.
צוזאַמען אין אָקטאָבער — 1,850,000 זלאָטעס.

בסך־הכל — 2,645,000 זלאָטעס.
חוץ דעם אין דאָלאַרן — 8,000$.
דער רעשט איז אין גאַנג פון צושטעלן.

אויסגאַבן

1) דעקן דעם דעפיציט פון ‎$450‎ פאַר דער צייט ביזן 1טן יולי 1943, ד"ה ‎40,000‎ זלאָטעס.

2) אומקערן דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט די הלוואה פון ‎125,000‎ זלאָטעס.

3) אונדזער אַנטייל אין די געמיינזאַמע אויסגאַבן פון קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד" און יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט (אויף לאַגערן און קאַמף־אָרגאַניזאַציע), וואָס איז אויסגעלייגט געוואָרן דורך דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאַר דער צייט פון מאַי 1943 — ‎292,000‎ זלאָטעס.

4) דאָס אויסהאַלטן און באַזאָרגן מענטשן, דאָס רעאַליזירן דעם בודזשעט, וואָס מאַכט אויס ‎450,000‎ זלאָטעס אַ חודש, ד"ה פון 1טן יולי 1943 ביזן 30טן סעפטעמבער 1943, 5 חדשים, 5 מאָל צו ‎450,000‎ איז — ‎2,250,000‎ זלאָטעס.

צוזאַמען מאַכט עס אויס ‎2,707,000‎ זלאָטעס.

אין די פריער אויסגערעכנטע סומען גייט אַריין אונדזער שטענדיקע אַסיגנירונג פאַר דער הילף־אַרבעט ביי דער דעלעגאַטור. זי האָט אויסגעמאַכט פאַר דער צייט פון 1טן סעפטעמבער ביז צום היינטיקן טאָג ‎275,000‎ זלאָטעס. ספּעציעל פאַר דער אָפּטיילונג פון קינדער־הילף, וואָס איז טעטיק ביי דעם הילף־ראַט האָבן מיר איינגעצאָלט איינמאָליק אין אָקטאָבער ‎25,000‎ זלאָטעס. מיר שטרייכן אונטער, אַז אונדזערע חברים אָדער זייערע משפחות, וועלכע זענען אויף אונדזער אויסהאַלטונג, געניסן ניט און האָבן ניט גענאָסן פון די פאָנדן פון דעם אַלגעמיינעם ראָט. די סומען, וועלכע אונדזער פאַרשטייער, וואָס זיצט אין ראָט, טיילט פונאַנדער דורך אונדזערע פאַרבינדונגספונקטן, האָבן אַ שייכות צו מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין שום געמיינזאַמעס מיט אונדזער אָרגאַניזאַציע, אָבער זיי גייען אַריין אין קרייז פון אונדזער אַרבעט, אָדער צוליב פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפטן, אָדער צוליב אַנדערע סיבות. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די סומען זענען נישט גענומען געוואָרן אין אַכט אין אונדזער פריערדיקן באַריכט. דאָס איז אַ באַזונדערער חשבון, וואָס אונטערליגט דעם קאָנטראָל פון ראָט, ווי די סומען פון אַנדערע ריכטונגען, וועלכע זיצן אין ראָט מיר דערמאָנען דאָס אויף דעם אָרט פשוט צוליב אָרדענונג און קלאָרקייט פון בילד.

און איצט נאָך אַ באַמערקונג. זי האָט אַ שייכות מיט דעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. איך שרייב אויף אַן אַנדער אָרט וועגן אונדזער טעטיקייט אויף דעם דאָזיקן געביט. די פינאַנציעלע זייט פון דער דאָזיקער טעטיקייט שטעלט זיך פאָר אַזוי: דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט נישט קיין אייגענעם בודזשעט און קיין אייגענע קאַסע. די אויסגאַבן, וואָס ווערן דורך אים געמאַכט פון צייט צו צייט, ווי שוין פריער דערמאָנט, ווערן געמאַכט אויפן סמך פון דער פאַרשטענדיקונג צווישןביידע צדדים, וואָס זיצן אין קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. יעדער פון די צדדים טראָגט אַריין אַן אַנטשפּרעכנדיקן טייל פון זיין אייגענער קאַסע אין אַ פּראָפּאָרץ פון 40 צו 60 און לעצטנס פון 50 צו 50, וואָס ווערט געדעקט דורך אונדז און דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. דאָס אויספלאַנירן די הוצאות קומט פאָר אין די ראַמען פון די ענינים, וואָס געהערן צו דעם געמיינזאַמען געביט פון טעטיקייט.

אונדזער פינאַנץ־ווירטשאַפט האָבן מיר געפירט לויט אונדזערע בודזשעטן, אין הסכם מיט די אַקטועלע מעגלעכקייטן און באַדערפענישן עס קאָן אויבן־אויף אויסקומען פאַראַדאָקסאַל, וואָס גראָד אין דער צייט ווען עס גייט מיט אַזאַ האַסטיקייט און אין אַזאַ גרויסן פאַרנעם דאָס אויסראָטן יידן, וואַקסן אונדזערע בודזשעטן און זיי ברייטערן זיך אויס. אָבער דאָס איז נישט קיין צופאַל. די אומגעהויערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אויף אונדז פאַר די לעצטע רעשטלעך פון די יידן, צווינגט אונדז צו אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען. יעדער יחיד, שוין נישט רעדנדיק וועגן אַ גאַנצער לעבעדיקער גרופּע (אין לאַגערן, בונקערס אאַ״וו), ווערט פאַר אונדז אַ געזעלשאַפטלעכער אוצר נישט אָפּצושאַצן און מיר מוזן זיי שענקן די העכסטע אויפמערקזאַמקייט.

ענדיקנדיק דעם טייל פון באַריכט, ווענד איך אייער אויפמערקזאַמקייט אויף די אַלע נייע פינאַנציעלע נויטן אונדזערע און אויף דעם וואָס איז אייך מסתמא שוין באַקאַנט, אַז מיר זענען אויסגעשטעלט נאָר אויף אייער הילף. פון קיין שום אַנדער אָרט, נישט מיר ווילן, נישט מיר ווען און נישט מיר דאַרפן נעמען הילף. דער איינציקער קוואַל קאָן זיין נאָר איר. געדענקט וועגן דעם שטענדיק, כדי עס זאָלן נישט האָבן מער קיין אָרט די פאַקטן פון דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען מיר זענען אין משך פון עטלעכע חדשים געוועזן אָן

אַ גראַשן און עס האָט דעריבער געדראָט אונדז און די הונדערטער משפּחות אַ קאַטאַסטראָפע. מאַכט אויך אַ פּינקטלעכן אויסצוג פון אַלע סומען, וואָס איר האָט אונדז געשיקט, און שיקט אונדז אויך איבּערמאַציעס וועגן אייערע קומענדיקע פּלענער.

ענטפערט אויף דער פראַגע צי איר האָט ווען עס איז אַרויסגעשיקט סומען געמיינזאַם פאַר אונדז און פאַר דעם נאַציאָנאַלן יידישן קאָמיטעט, ווייל מיר ווייסן נישט וועגן דעם און האָבן אַזעלכע געמיינזאַמע סומען נישט באַקומען.

חוץ דעם בעטן מיר אייך אויפקלערן צי זענען בכלל אין לאַנד געשיקט געוואָרן פאַר אַלע יידן וועלכע עס איז סומען און דורך וועמען.

מיר שיקן איבער אַ האַרציקן פּאַרטייאישן גרוס און בעטן אונדז תיכף מודיע זיין וועגן דערהאַלטן דעם באַריכט.

פאַר דער הויפּט־אַנפירונג

(אונטערשריפט פון פאַרשטייער פון צ. ק.)

(—) בערעזאָווסקי.

וואַרשע, 15טער נאָוועמבער, 1943.

●

געהיימע טעלעגראַמעס פון אונטערערדישן „בונד"

1. אַלאַרם־דעפּעשע וועגן טערעזיען־שטאָט אין אונגאַרן :

„פון טערעזיען־שטאָט, וואו עס זיינען פאַרזאַמלט די טשעכישע יידן, האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט 7000 יידן קיין אָשווענטשים אונטערן אויסרייד, אַז מען פירט זיי אויף אַרבעט. מיט וואָכן צוריק האָט מען זיי אַלע פאַרגאַזט. פאַרן טויט האָט מען די מענטשן געצוואונגען אָנצושרייבן בריוו צו די קרובים און פריינט מיט שילדערונגען פון די גוטע אַרבעטס־באַדינגונגען אויפן אָרט.

„אויף אַזאַ אופן וויל מען אַריינגאַרן ווייטערע גרופּן. מען מוז תיכף דורך ראַדיאָ און פלוג־בלעטער וואָרנען די יידן אין טערעזיען־שטאָט און דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, אונטער וועמענס שוץ די יידן זאָלן זיך דאָרט געפינען.

„אין אונגאַרן געפינען זיך 800,000 יידן. די דייטשן האָבן שוין אָנגעהויבן די אַקציע זיי צו ליקווידירן.

„טוט עפּעס רעאַלעס פאַר ראַטעווען די פאַרמשפּטע. ביי אונדז דויערט ווייטער די אַקציע פון אויסשפּירן און ליקווידירן די רעשטלעך לעבנגעבליבענע. די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ ווערן אויפגעריסן. זיי ווילן עס אויסגלייכן מיט דער ערד."

(די דאָזיקע דעפּעשע איז געשיקט געוואָרן אין נאָמען פון אונטערערדישן „בונד" און פון „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט" אין וואַרשע צו ביידע יידישע פאָרשטייער אין פוילישן נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן : דר. ע. שערער און דר. אי. שוואַרצבאַרט. — רעד.)

II. דעפּעשע נאָכן לעצטן וואַרשעווער אויפשטאַנד:

„ע. שערער — לאָנדאָן.

„אין אויפשטאַנד האָבן מיר זיך באַטייליקט. אונדזערע גרופּן און פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך מוטיק געשלאָגן. געווען קרבנות. אויך איצטער פירן מיר ווייטער די אַלגעמיינע הילף־אַקציע. פון די צוויי סומעס, דערמאָנטע אין אייער (ח. ע. שערער׳ס פון לאָנדאָן געשיקטער — רעד.) דעפּעשע, האָב איך אויף הילף אַראָפּגענומען אַ טייל פון דער ערשטער סומע. עס זיינען נויטיק פאָנדן ווייל די נויט איז גרויס.

„פאַרן צ. ק. פון „בונד" —

„בערעזאָווסקי."

(די דאָזיקע דעפּעשע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פּוילן דעם 25־טן אָקט. 1944, נאָך דעם לעצטן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד פון וואַרשע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין אויגוסט 1944 און האָט געדויערט ביז אָנהויב אָקטאָבער. — רעד.)

III. באַגריסונג צו דער לייבאָר־פּאַרטיי:

„צום עקזעקוטיוו פון דער בריטישער לייבאָר־פּאַרטיי אויף די הענט פון ח׳ ע. שערער, לאָנדאָן.

„מיר באַגריסן אייער קאָנגרעס. אינ׳ם אַרבעטער־קלאַס פון ענגלאַנד זעען מיר אַ גרויסע מאַכט און איינעם פון די וויכטיקע פאַקטאָרן, וואָס דעצידירן וועגן צואיילן דעם סוף פון קריג און וועגן דער אויסבילדונג פון אַ נייעם וועלט־סדר.

„מיר ווינטשן, אַז אַט די מאַכט זאָל זיך וואָס גיכער אויסווירקן פאַר דער רעטונג פון דער געמאָרדעטער יידישער באַפעלקערונג, אין אינטערעס פון אַן אומאָפּהענגיקן פאָלקס־פּוילן, פון דער אַרבעטנדיקער וועלט און פון דער מענטשהייט.

„פאַרן צ. ק. פון „בונד" אין פּוילן —

„בערעזאָווסקי."

(אַרויסגעשיקט פון פּוילן דעם 31 מאַי 1944, ווען דער קאָנגרעס פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי האָט געדאַרפט פאָרקומען. צוליב דעם פאָרשטייענדיקן „די־דעי" איז דער קאָנגרעס אָפּגעלייגט געוואָרן ביז דעצ. 1944. די דאָזיקע דעפּעשע איז איבערגעגעבן געוואָרן דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי. — רעד.)

IV. די לעצטע געהיימע דעפּעשע פון „בונד" וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן אין אויסלאַנד

(אַרויסגעשיקט פון פּוילן דעם 2־טן סעפּט. 1944)

„ע. שערער, לאָנדאָן:

„דער לאַגער אין פּלאַשאָוו (נעבן קראָקע. — רעד.) איז ליקווידירט. עס זיינען געבליבן פון אים בלויז 600 נפשות. כמעט אין גאַנצן ליקווידירט זיינען די לאַגערן אין סקאַרזשיסקאָ, סטאַראַכאָוויצע, פּיאָנקי, אָסטראָוויעץ. בלויז טיילן זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין טשענסטאָכאָוו. טראָץ גרויסע שוועריקייטן דערגרייכן מיר דאָך אַהין מיט הילף. דער זון פון אונדזער ח׳ זשולטי, דער זון פון דר. ליפּשיץ זיינען געפאַלן אויף באַריקאַדן. עס איז געפאַלן אונדזער ח׳ קירשענבוים, שווער פאַרוואונדעט איז פאַפּיער, אויפן טויטן־בעט איז דר. לאַנקראָם. נישטאָ קיין ידיעות וועגן בערנאַרדן און פילע אַנדערע. אַ דאַנק דר. מאַרגאָליסעס טאָכטער איז געראַטעוועט געוואָרן אַ גרופּע אונדזערע חברים, מיטגלידער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. —

„דעם (נאָך דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך) צוריק לעגאַל טעטיקן פאַרבאַנד פון „בונדיסטן" און דער פאַריזער „אונזער שטימע," ווי אויך אַלע אַנדערע חברים שיקן מיר ברידערלעכע גרוסן.

„כ׳וועל אַרויסשיקן אַ באַגריסונגס־דעפּעשע צום קאָנגרעס פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי.

„פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פּוילן,

„בערעזאָווסקי."

(דר. ל. פיינער)

באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" אין פוילן

פאַר דער צייט פון 15 נאָוועמבער 1943 ביז מאַי 1944

ד"ר עמנואל שערער, נאַציאָנאַל־ראַט, לאָנדאָן.
צו דער פאָרשטייערשאַפט פון „בונד" אין ניו־יאָרק.

טייערסטע חברים,

מיר האָבן באַקומען אייערע בריוו פון 1טן פעברואַר 1943 (ניו־יאָרק) און 1טן אַפּריל 1943 (אַרטור) צוזאַמען מיט די ביילאַגעס — און באַלד נאָכדעם אייער בריוו — טייערער ח' שערער — פון 17טן פעברואַר 1944 צוזאַמען מיט די ביילאַגעס. ענדלעך, די ערשטע אויספירלעכע אינפאָרמאַציע פון אייך. מיר האָבן אויף זיי לאַנג געוואַרט מיט בענקשאַפט. פריער אַ פּאָר באַמערקונגען — פאַרן עצם באַריכט:

1) איך דאַרף נישט פאַרזיכערן אייך אַלעמען אין ניו־יאָרק און לאָנדאָן און אומעטום, וואו איר געפינט זיך, מיט וואָס פאַר אַ גערירטקייט מיר האָבן געלייענט אייערע האַרציקע ווערטער, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ וואַרעמער זאָרג. נישט איינמאָל בעת אונדזער אַרבעט ביי די שווערע באַדינגונגען האָבן מיר געטראַכט, דערמאָנענדיק אייך — צי לעבט זיך אייך טאַקע אַזוי אידיליש־רואיק. מיר זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אין אַ געוויסן זין זענט איר אין אַ לאַגע נישט מקנא צו זיין. זיך געפינען ווייט פון אייגענעם פאָלק, פון דער מאַסע, מיט וועלכער מען האָט צוזאַמען געלעבט און געקעמפט, וועלכע מען האָט יאָרצענדליקער געפירט; זיין אָפּגעריסן פון די משפחות, פריינד, חברים און נאָענטע, ספּעציעל אין אַזאַ אויסערגעוויינלעכן מאָמענט; ניט קענען זיין צוזאַמען מיט זיי און טאָן דאָס, וואָס עס וואָלט זיך געוואָלט און וואָס מען וואָלט באַדאַרפט טאָן — דאָס איז אַ שווערע איבערלעבונג. זי קען דערפירן צו אַ פּסיכישן צוזאַמענברוך, צו אַ שרעקלעכן געוויסנסביסן. אין דער הינזיכט איז אונדז דאָ אַ סך בעסער.

אָבער זייט רואיק. אין אַנבליק פון דעם, וואָס עס איז געשען מיט די יידן, און פון דעם, וואָס עס קומט נאָך פאַר מיט אונדז — נעמט אונדז אַרום אַ שרעקלעכער וויטיק, וואָס אַזוי ווייניק זענען אַוועק פון סאַמע אָנהייב, איידער די באַנדיטן האָבן אָקופּירט אונדזער לאַנד. הגם פון דער אַנדערער זייט קען זיין, אַז געוויסע זאַכן וואָלטן אַביסל אַנדערש אויסגעזען און וואָלטן אין איבערברוך־מאָמענטן געהאַט אַן אַנדער פאַרלויף, ווען עס וואָלטן נישט געפעלט געוויסע עלעמענטן. אָבער — מען מוז באַטאָנען — מען דאַרף זיך נישט פאָרשטעלן, אַז דער גאַנג פון די געשעענישן וואָלט וועזנטלעך געווען אַנדערש.

דעריבער זאָג איך: איר דאַרפט זיין רואיק — בפרט, ווען איר פירט אויס אַזאַ וואָגיקע און נייטיקע מיסיע. דאָס וואָס איר טוט דאָרט איז דאָך זייער וויכטיק. אויפן סמך פון אייערע באַריכטן קענען מיר פעסטשטעלן, אַז איר טוט אַלץ, וואָס עס איז אין אייערע מעגלעכקייטן. אַז עס באַקומען זיך נישט די געוואונטשטע רעזולטאַטן — דאָס איז נישט אייער שולד. דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז פון אייך נישט אָפּהענגיק. דערפון גיבן מיר זיך אָפּ אַ פולן חשבון.

2) דאָס בינדט זיך מיט דער פראַגע, וואָס אַרטור באַרירט אין זיין בריוו; דאָס בינדט זיך מיט דעם עלעמענט, וואָס באַלייכט ווי מיט אַ רעפלעקטאָר די איינשטעלונג פון די דעציזירנדיקע פאַקטאָרן לגבי דער ריזיקער יידישער טראַגעדיע.

אַרטור דערמאָנט אין זיין בריוו, אַז מען האָט דאָרט נישט גע־גלויבט אין דעם, וואָס איז פון דאַנען דערגאַנגען וועגן די דייטשישע רציחות. מען האָט די ידיעות באַטראַכט ווי איינפאַכע קריגס־פּראָ־פּאַגאַנדע; און אַז מען האָט געמוזט אַריינלייגן אַסך מי און אַרבעט, כדי צו איבערצייגן די וועלט אין דער אמתדיקייט פון אונדזערע באַ־ריכטן. די לעצטע ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן דערמאָנען, אַז ערשט נאָכן באַריכט אונדזערן פון 15טן נאָוועמבער 1943 האָט די וועלט אָנגע־הויבן גלויבן אין די שרעקלעכע היטלערישע מערדערייען. אמת איז, אַז די פאַקטן, וועגן וועלכע מיר האָבן אינפאָרמירט, זענען אומגלויב־לעך. אמת, אַז די היטלערישע מערדערס האָבן זיך דערלויבט און דערלויבן זיך אַזעלכע שאַנדטאַטן, וועלכע קיינער איז נאָך קיינמאָל נישט באַגאַנגען, און אין וועלכע קיין שום נאָרמאַלער מענטש האָט נישט געקענט גלויבן.

אָבער עס האָבן דאָך וועגן די רציחות געגעבן צו וויסן מענטשן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען ביים פולן שכל און זענען פאַראַנט־

וואָרטלעך פאַר דעם וואָס זיי שרייבן. אין מיינע דעפעשן האָב איך דאָך נישט איינמאָל אונטערגעשטראָכן דעם מאָמענט טאַקע פון אומ־וואַרשיינלעכקייט, ווען מען רעדט וועגן דער דייטשישער אכזריות. איך האָב ספּעציעל געלייגט אַכט דערויף, ווי נייטיק עס איז צו מאַכן גלויבן די וועלט אין אָט די אומגלויבלעכע זאַכן. איך האָב געוואָלט, אַז מען זאָל דאָס נאָר נישט אָננעמען פאַר גרויל־פּראָפּאַגאַנדע. איך האָב געשטרעבט דערצו, אַז מען זאָל גלויבן און אויף אַזאַ אופן זאָלן קענען דערגרייכט ווערן עפעקטיווע רעזולטאַטן. מען האָט דאָך מיר פאַרזיכערט, אַז די אַליאירטע האָבן דאָ אַן אייגענעם אינפאָרמאַציע־אַפּאַראַט. האָבן דאָך אונדזערע פּוילישע קרייזן מיר פאַרזיכערט, אַז זיי שיקן ראַפּאָרטן וועגן אונדזער טראַגישער לאַגע און אַז אין די ספּעציעלע חודשלעכע ראַפּאָרטן ווערט די לאַגע אונדזערע געשילדערט. און, אויב נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, האָט מען אַלץ נישט געגלויבט — ליגט טאַקע אין דעם די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווייל — ווי האָט מען געקענט ניט גלויבן, ווען עס זענען אָנגעקומען אַזעלכע שרעקלעכע ידיעות מיט שטאַרקע אַפּעלן, אַז מען זאָל גלויבן אין אַלץ וואָס ווערט אין זיי דערציילט, הגם די ידיעות זענען אַזוי אומ־וואַרשיינלעך. צי האָט נישט געדאַרפט געבוירן ווערן כאָטש אַ שאָטן פון ספק אין דעם אייגענעם נישט־גלויבן און צוליב פאַרזיכטיקייט וועגן אַ טראַכט טאָן: און אפשר איז דאָס פאַרט אַלץ אמת, און אפשר איז אַ טייל אמת אין דעם פאַראַן — און דאַן — אָנהייבן עפּעס טאָן, ווייל אין קעגנפאַל קען שוין זיין צו שפּעט און עס וועט זיך גאָרנישט לאָזן דער־גרייכן.

און אויב אַזוי איז נישט געשען, איז עס זיכער דערפאַר, וואָס דער יסוד פון דעם נישט־גלויבן איז געווען אין דעם, וואָס די מעכ־טיקע פון דער וועלט האָט זיך בעסער געוואָלט נישט גלויבן. ווייל אָננעמען די פאַקטן וואָלט דאָך זיי פאַרפליכטעט עפּעס צו טאָן, און טאָן האָבן זיי אָדער נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט.

איך האָב אויף דער טעמע געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַ וויכ־טיקער פּערזענלעכקייט (בעת דער אַקציע פון 1942). איך האָב אים געזאָגט: עס זענען פאַראַן צוויי עווענטואַליטעטן — אָדער עס דער־גייען נישט די ידיעות (אויסלאַנד האָט דאָך אַזוי עקשנותדיק גע־שוויגן) — אָדער, אויב זיי זענען יאָ דערגאַנגען — טאָ פאַרוואָס גע־פינען זיי נישט קיין אָפּקלאַנג און דערגייען אַפילו נישט צו דער עפנטלעכקייט? די אויבנדערמאָנטע פּערזענלעכקייט האָט מיר אויפ־

געקלערט, אַז דאָס געשעט מסתמא צוליב „העכערע מאָטיוון". דערויף האָב איך געענטפערט: ווען מען שעכט אויס אויף אַזאַ ביישפּיללאָזן אופן אַ פאָלק, דאַן טאָרן נישט ווירקן קיין שום „אַנדערע מאָטיוון", און עס בלייבט דער איינציקער געבאָט — צו ראַטעווען די געמאָר־דעטע פון אומקום. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען מען האָט אויפגעהויבן די פראַגע פון צוויי פראָנטן. און איצט — נאָך די צוויי יאָר — באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די דאָזיקע פערזענלעכקייט איז גערעכט געווען: צוליב „העכערע מאָטיוון" איז מען טאַקע מקריב גאַנצע פעלקער. קודם־כל אונדז יידן, און איצט — פוילן און אַנדערע פעלקער, וואָס זענען דורך היטלערן באַצוואונגען געוואָרן.

אָט ווי מיר פאַרשטייען עס: איר טוט אַלץ, וואָס איר קאָנט. אויב דאָס ברענגט פּאָרט נישט קיין רעזולטאַטן, איז עס דערפאָר, וואָס עס זענען פאַראַן כוחות, אויף וועלכע איר קענט קיין איינפלוס נישט האָבן. ווייל איצט — נאָך צוויי יאָר, ווען די מעכטיקע פון דער וועלט, אין וועלכער איר האָט דאָס „גליק" צו לעבן — האָבן זיך ענד־לעך איבערצייגט אינעם אמת פון די רציחות — וואָס האָבן זיי געטאָן? וואָס טוען זיי איצט, ווען עס גייט שוין נישט אין אַ פאָלק, וואָס ציילט מיליאָנען, נאָר וועגן קליינע רעשטלעך, וואָס זענען געבליבן לעבן? צי ראַטעוועט מען? צי איז פאַראַן וועלכע נישט איז האָפענונג זיי צו ראַטעווען ביזן סוף פון קריג? איך האָב אין זינען די בערמודער קאָנפערענץ, איך טראַכט וועגן דער שטים פון בעווערידזשן. אין דער צייט, ווען עס קומען אום הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען — פּשטלען זיך די דעמאָקראַטישע מאַכט־האָבער וועגן עמיגראַציע־פאַרשריפטן, וועגן עמיגראַציע־קוואָטעס, און דער הער בעווערידזש — און צי נאָר ער אַליין? — דריקט אויס די מורא, אַז די דייטשישע רעגירונג וואָלט גע־קענט שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון די אַליאירטע מיליאָנען יידן פון אייראָפּע, און דאַן וואָלט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון די יידן געפאַלן אויף די אַליאירטע.

נאַרישער היטלער: ווען ער וואָלט דערקלערט אַז ער שטעלט אין רשות פון די אַליאירטע די יידישע מאַסן, און וואָלט מסתמא באַ־קומען אַ בעגאַטיווע תשובה, — וואָס פאַר אַ גלענצנדער פּראָפּאַגאַנ־דע־שטאָף וואָלט דאָס פאַר אים געווען. וואָס פאַר אַ „דזשענטלמען" וואָלט ער געווען.

ווייזט אויס, אַז ער צוזאַמען מיט זיין גאַנצער באַנדע האָבן נישט געקענט דעם אייגנטלעכן כאַראַקטער פון ענגלישן און אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם.

איז אפשר דאָס געווען די סיבה פון דעם כלומרשטן נישט־גלויבן מצד די אַליאירטע אין די היטלערישע מערדערייען לגבי די יידן? און דאָס איז אפשר געווען די סיבה אויך פון פאַרשווייגן די מאָרד־כוואַליע אין דער צייט פון איר טראַגישסטן הויך־פונקט? האָבן זיי אפשר דעמאָלט מורא געהאַט פאַר היטלערס אַ שאַנצוג — אַן אָנבאַט זיי אַרויסצוגעבן די מיליאָנען יידן?

אָט יענע אַטמאָספערע מאַכט אונדז פאַרשטענדלעך די גרויסע העלדישע טאַט פון אַרטורן. הגם מיר האָבן אין דעם מאָמענט, ווען אונדז האָט דערגרייכט די טראַגישע ידיעה וועגן זיין זעלבסטמאָרד, נישט געוואוסט נאָך קיין איינצלהייטן וועגן דער אַטמאָספער פון בער־מודא, דאָך האָבן מיר אינטואיטיוו געהעריק אָפּגעשאַצט די העלדיש־קייט פון אַרטורס טראַגישן פּראָטעסט. מיר האָבן אונדזערע געפילן געבראַכט צום אויסדרוק אין אונדזער טרויער־דעפּעשע צום פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט. מיר זענען אויפגעבראַכט צוליב דעם, וואָס מען האָט געפּרוּווט צו פאַרקלענערן די גרויסקייט פון זיין טאַט. עס איז דאָן פאַרשפּרייט געוואָרן אַ ידיעה, אַז אַרטור איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי און זון. דאָס איז געווען נישט אמת. אין יענער צייט — ווי מיר האָבן דאָס געוואוסט — האָבן זיינע נאָנטסטע געלעבט. אין שייכות מיט אַרטורן וויל איך אויפ־קלערן איין מיספאַרשטייעניש. אין זיין לעצטן בריוו צו אונדז פון 1טן אַפּריל 1943 דערמאָנט אַרטור וועגן דעם, אַז אונדזער דעפּעשע צו אים זאָל זיך האָבן פאַרענדיקט מיט אַ דערקלערונג, אַז די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער געשיכטע פאַלט אויף אים. ער האָט די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט געווענדעט אין דער ריכטונג פון דער וועלט. אוודאי האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן דעם, אַז דער פאָרוואורף זאָל זיין אויף זיין אַדרעס. ער האָט דאָס ריכטיק פאַר־שטאַנען. און זיכער האָט ער גוט געטאָן, וואָס ער האָט דעם פאָר־וואורף געמאַכט דער וועלט.

אָבער אויב די אָפיציעלע קרייזן האָבן זיך אויף אַזאַ ברוטאַלן און ציניש ן אופן באַצויגן צו אונדזער טראַגעדיע — מוזן מיר זיך דאָך שטאַרק וואונדערן אויף דער שטעלונג פון אַרבעטער־קלאַס, אין דער ערשטער ריי פון דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג. האָט זי דאָך ביי אַלע אירע שטאַרקע פּראָטעסטן נישט אויסגעניצט קיין רעאַלן און ווירקזאַמען דרוק אויף דער רעגירונג, אַז עס זאָל עפּעס געטאָן ווערן אין דעם דאָזיקן טראַגישן ענין.

3) אַממערסטן וואונדערט אונדז דאָס פאָלגנדיקע: אויב מען איז נישט אַקטיוו כדי אָפּצושטעלן דאָס אויסמאָרדן פון מיליאָנען יידן — פאַרוואָס זשע איז לכל הפחות נישט געשיקט געוואָרן די גהעריקע מאַטעריעלע הילף? געוואָלד געשריגען — דאָס איז דאָך שוין יאָ געווען מעגלעך. ווייניקסטנס האָט מען דאָך געקענט זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָלן געשיקט ווערן געהעריקע סומעס, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן די נויטן אין אַזאַ ריזיקער טראַגעדיע. אָבער אויך דאָס איז נישט געשען. און אַפילו איצט געשעט דאָס נישט, הגם מיר אַלאַרמירן כסדר. צי ווייסט איר כאָטש וויפל ווערטפולע מענטשן זענען אומגעבראַכט געוואָרן און ווערן אומגעבראַכט נאָך איצט, ווייל עס פעלן אויס מיטלען? צי ווייסט איר, אַז עס איז נישט געווען און עס זענען נישטאָ גענוג מיטלען אויף געווער? און ווען זיי וואָלטן געווען, וואָלטן די קאַמפן געווען דערפאָלגרייכערע. וויפל וואָלט מען בכלל געקאָנט אויפטאָן, ווען מען וואָלט זיך נישט באַדאַרפט רעכענען מיט יעדן גראָשן? איך וויל אייך ברענגען איין ביישפּיל. פון קראָקע האָט מען אונדז געגעבן צו ווייסט איר, אַז עס איז נישט געווען און עס זענען נישטאָ גענוג מען ראַטעווען 230 קינדער, וואָס זענען נאָך נישט פאַררעגיסטרירט געוואָרן פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. דערויף האָט מען אָבער באַדאַרפט האָבן 10 טויזנט דאָלאַר. ליידער איז דאָס געלט נישט געווען. די קינדער זענען אין צווישנצייט אַריינגעצויגן געוואָרן אין רעגיסטער און — מסתמא וועלן זיי אין דער געהעריקער צייט אומגעבראַכט ווערן. אַזעלכע ביישפּילן זענען פאַראַן אַסך. חוץ דעם זענען פאַראַן אַסך „קלענערע" ענינים, ווען עס האַנדלט זיך וועגן לעבן פון מענטשן, וועלכע מען דאַרף ראַטעווען פון טורמעס, לאַגערן, פון שאַנטאַזש־נעצן צי פון אַנדערע צרות. דאָס איז פאַרבונדן מיט סומעס, וואָס דערגייען אַמאָל ביז צענדליקער טויזנטער זלאָטעס. ווי קענען מיר אָבער אויסגעבן אַזעלכע סומעס, ווען די מאַטעריעלע הילף פאַר אַ „גרויען" מענטשן מאַכט אויס 500 זלאָטעס אַ חודש (זייער אָפט נאָך ווייניקער). דאָס זענען אין פאַר־מלחמהדיקע געלטער פּרוטות. — מיר רעדן דאָ וועגן אַלגעמיינער הילף, וואָס ווערט געגעבן אַלעמען. אין דער דאָזיקער הילפס־אַרבעט זענען מיר שטאַרק אַנגאַזשירט. ערשט איצט ווערן מיר געוואָר, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אין לאָנדאָן אַ „קאָמיטעט צו העלפן יידן". מיט 18 חדשים צוריק האָבן מיר פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַזאַ קאָמיטעט, מיר האָבן עס געפאָדערט טעלעגראַפיש. מיט וואָס קען מען דערקלערן, וואָס דער ענין האָט אַזוי לאַנג

געדויערט? זאָל ענדלעך אָנקומען אַ שנעלע און ראַדיקאַלע ענדערונג. זאָלן איצט אָנהייבן שטראָמען באַדייטנדיקע סומעס, וואָס זענען נאָך אַלץ נייטיק אויף צו ראַטעווען פון אומקום די פאַרבליבענע יידן. איך וועל זיך נאָך צו דער פראַגע אומקערן אין דעם קאַפּיטל פון באַריכט, וואו איך וועל רעדן וועגן די פינאַנסן און אונדזער בודזשעט פאַר דעם נאָענטסטן פעריאָד. דערמיט פאַרענדיק איך מיינע אַריינפיר־באַמערקונגען צום באַריכט:

(דער באַריכט נעמט אַרום זעקס גרעסערע קאַפּיטלען:

1) דער ווייטערדיקער פעריאָד פון דער ליקווידאַציע פון די יידן אין פוילן.
2) באַריכט וועגן אונדזער טעטיקייט.
3) אונדזער אינערלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט.
4) אָרגאַניזאַציאָנעל־פּערזענלעכע ענינים.
5) דער יאָרטאָג פון די באַוואָפנטע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ.
6) פינאַנסיעלע פראַגן. — רעד.).

1.

דער ווייטערדיקער פעריאָד פון דער ליקווידאַציע פון די יידן אין פוילן

א.

די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם לעצטן פעריאָד זענען:

1) נאָך דער ליקווידאַציע פון די געטאָס הויבט זיך אָן די ליקווידאַציע פון די לאַגערן, וואוהין די יידן זענען אַריינגעשטופט געוואָרן. עס קומט פאָר אַ פּראָצעס פון כסדרדיקן פאַרקלענערן, איינשרומפּן די לאַגערן. אַזוי זענען ליקווידירט געוואָרן די לאַגערן אין פּאָניאַטאָוו, אין טראַווניקי (וועגן דעם האָבן מיר געשריבן אין פאָריקן באַריכט), אין לובלין (פלוג־פּלאַץ), אין לעמבערג (אין יאַנאָווער לאַגער), אין מיידאַנעק, באַריסלאַוו, דראָהיביטש, שעבניא א. א.

2) דאָס ליקווידירן די לאַגערן קומט געוויינלעך פאָר אויף אַזאַ אופן:

אַ טייל פון די לאַגערן־איינוואוינער ווערט ליקווידירט אויפן אָרט גופא. אַ צווייטן טייל פירט מען אַרויס אין „אַן אומבאַקאַנטן אָרט" (גאַז־קאַמערן, אויף דערשיסן אָדער אומברענגען אויף אַן אַנדערן אופן) און אַ טייל, דעם פּראָדוקטיוון, פירט מען אַריבער אין אַנדערע לאַגערן. אויף אַזאַ אופן ווערט רעדוצירט די צאָל לאַגערן און פאַרקלענערט די צאָל לאַגער־איינוואוינער, וועלכע ווערן אומאויפהערלעך אַריבערגעפירט פון איין לאַגער אין אַנדערן. עס קומען פאָר אויף אַזאַ אופן כסדרדיקע מיגראַציע־פּראָצעסן, וואָס ווערן באַגלייט פון בלוטיקער היטלעריסטישער מוזיק.

3) די ליקווידאַציע פון לאַגער אין טראַווניקי איז פאָרגעקומען אויף פאָלגנדיקן אופן:

ערב דער ליקווידאַציע איז די באַציאונג פון דער לאַגער־מאַכט געווען אַ דערטרעגלעכע. אין אַ געוויסן טאָג, אָנהויב נאָוועמבער, איז דער לאַגער אַרומגענומען געוואָרן דורך צוויי רינגען דייטשער זשאַנדאַרמעריע — אַ ברייטערן און אַן ענגערן. נאָך דעם האָט מען פון די

לאַגער־באַראַקן אַרויסגעפירט די מענער אויף „אַרבעט". מען האָט זיי געהייסן מחוץ דעם לאַגער גראָבן גריבער. דאַן האָט מען זיי דער־שאָסן מיט מאַשין־געווער. מוזיק האָט פאַרטויבט דעם גערויש פון דער שיסעריי. ערשט דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצופירן פון לאַגער אויך די פרויען און קינדער.

אין איינעם פון די באַראַקן האָט מען זיך אַריענטירט אין דעם, וואָס עס קומט פאָר. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַקטיווער ווידער־שטאַנד. דער באַראַק איז אונטערגעצונדן געוואָרן. דאָס ליקווידירן דעם לאַגער איז געווען באַזונדערס אַכזריותדיק צוליב דעם, וואָס מען זאָל כלומרשט האָבן געפונען געווער אין לאַגער גופא.

אויף דעם זעלביקן אופן האָט געזאָלט פאָרקומען די ליקווידאַ־ציע פון לאַגער אין פּאָניאַטאָוו, וואו מען האָט אויך כלומרשט געפונען געווער. אין ביידע לאַגערן האָבן זיך געפונען אַן ערך 25.000 מענטשן, וואָס זענען דאָרט געבראַכט געוואָרן פון וואַרשעווערע געטאָ בעת דעם באַקאַנטן אויפשטאַנד אין אַפּריל און מאַי, 1943.

אָט אַזוי איז מקוים געוואָרן דער צוזאָג פון די שולצעס און טע־בענסעס (דייטשע אינדוסטריעלער אין וואַרשע), וועלכע האָבן פאַרזי־כערט אין ספּעציעלע קאָמוניקאַטן און האָבן פּאָלעמיזירט מיט די אונטערערדישע אויפרופן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט גערופן צו ווידערשטאַנד, אַז די יידישע באַפעלקערונג וועט אין די לאַגערן קענען אויסהאַלטן ביזן סוף פון דער מלחמה.

אין דער זעלבער צייט, ד. ה. אין נאָוועמבער, איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע פון לאַגער אין לובלין (פלוג־פּלאַץ).

4) אין איצטיקן מאָמענט זענען אין לעמבערג בכלל נישט פאַראַן קיין יידן, חוץ אַ קליינער גרופּע, וואָס באַהאַלט זיך אויס ביי פּאָליאַקן. ערשט איצט זענען באַקאַנט געוואָרן די פּרטים פון דער ליקווידאַציע פון לאַגער אויף דער יאַנאָווער גאַס אין נאָוועמבער 1943.

אויך אין דעם פאַל האָבן די מערדער באַנוצט זייער מעטאָד פון איינשלעפערן און אָפּנאַרן די וואַכזאַמקייט פון זייערע קרבנות. אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אַטענטאַט אויף אַ דייטש, נישט ווייט פון פּשע־מישל, זענען אַרעסטירט געוואָרן אַ סך פּאָליאַקן. מען האָט זיי גע־בראַכט אין „יידישן לאַגער" אין לעמבערג, ערב דעם ענדגילטיקן אויסמאָרדן פון די יידן אין דעם דאָזיקן לאַגער. ביינאַכט איז פאַר־אָרדנט געוואָרן אַן אַלאַרם און „שאַרפע גרייטקייט". דער יידישער מיליץ האָט מען מודיע געווען, אַז מען גייט דורכפירן די עקזעקוציע

פון די פּאַליאַקן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אין לאַגער. איין פרוי פון דער ערשטער פּאַרטיע פון די פּאַרמשפּטע האָט זיך געוואָרפן מיט אַ מעסער אין האַנט אויף איינעם פון די תּלינים און האָט אים פאַרוואונדעט אין האַלדז און אין קאָפּ. דער דאָזיקער פּאַרצווייפלונגס־אַקט האָט געדינט ווי אַ סיגנאַל פאַר די אַרעסטירטע און פאַר אַ טייל פון דער יידישער מיליץ. הגם זייער איינציק געווער זענען געווען מעסערס, דאָך האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף דער קליינער לאַגער־מאַכט. העכער אַ צענדליק נאַצי־באַנדיטן זענען דערהרגעט געוואָרן און אַ פּאָר צענדליק זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. אַן ערך 150 ביז 200 פּערזאָן — בעיקר מענער — האָבן זיך אַרויסגעריסן פון לאַגער און זענען אַוועק אין די וועלדער אין דער ריכטונג פון טאַרנאָפּאָל. דער רעשט אומגליקלעכע קרבנות איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ פעסטער קייט ס. ס.־לייט, באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער. דאַן זענען גרופּעס צו עטלעכע הונדערט מענטשן אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן זאַמד־באַרג און דאָרטן דערשאָסן געוואָרן.

וועגן אַ גרופּע פון 300 מענטשן גייען אַרום קלאַנגען, אַז איר איז געלונגען צוזאַמען מיט אַ טייל פונעם עקזעקוציע־פּלוטאָן, וואָס איז באַשטאַנען פון סאָוויעטישע געפאַנגענע, צו אַנטלויפן פון עקזעקוציע־פּלאַץ.

מיט דעם לאַגער זענען מיר געשטאַנען אין פאַרבינדונג. דאָרט געפינען זיך, ווי מען האָט אונדז איבערגעגעבן, טייל אונדזערע חברים, ווי גרין, מיטאַרבעטער פון „וואָכנשריפט", אליהו בורשטיין — פאַר דער מלחמה געווען טעטיק אין קראָקע, וואו ער איז געווען פאַרשטייער פון „ייווא". אַ גענויעם באַריכט וועגן דער ליקווידאַציע פון דעם לאַגער, ווי אויך אַ גענויע שילדערונג פון דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דאָרט, וועל איך איבערשיקן ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט. אַ באַזונדער אָרט וועט פאַרנעמען די ליטעראַטור וועגן דעם לאַגער, געשריבן דורך דעם קראָקעווער יידישן ליטעראַט מ. ב. דאָס וועל איך אייך אויך איבערשיקן ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט, ווייל איך האָב נישט די מאַטעריאַלן אונטער דער האַנט.

אין דער לעצטער צייט — אָנהויב מאַי 1944 — איז אַרויסגעשוואומען אַ נייע פּראָבלעם אין צוזאַמענהאַנג מיטן באָמבאַרדירן לעמבערג. עס האַנדלט זיך וועגן יידן, וואָס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן בעת דער באָמבאַרדירונג. מיר האָבן שוין געהאַט 18 אַזעלכע פאַלן. אַזאַ פאַרוואונדעטער מוז וואַרטן אויף הילף, וואָס זאָל אים געגעבן

ווערן אויף אַ געהיימען אופן. די מעדיציניש הילף איז דעריבער באַזונדערס קאָסטבאַר אין פאַרגלייך מיט אַנדערע נאָרמאַלע פאַלן. מיט דער הילף פון די אוקראַינער פישן די דייטשן לייכט אַרויס זייערע קרבנות פון די באַמבאַרדירטע הייזער. עס קומען חוץ דעם פּאָר פאַרשטאַרקטע אָבלאַוועס, וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו כאַפּן די רעשטלעך יידן, באַזונדערס פרויען און קינדער.

אין לעמבערג איז נאָך מיט אַ יאָר צוריק אַנטשטאַנען אַ ראַט צו העלפן יידן, וואָס באַשטייט פון פאַרשטייער פון דער פוילישער געזעלשאַפט (אַן אָפּטיילונג פון וואַרשעווער ראַט). דער דאָזיקער ראַט העלפט מיט אַ גרויסער קרבנות-גרייטקייט די קראַנקע יידן, הויפּטזאַכלעך אינטעליגענץ. די געלט-פאָנדן באַקומט ער פון וואַרשע.

די הילף-אַרבעט טרעפט אָן אויף גרויסע שוועריקייטן צוליב דער פיינטלעכער באַציאונג מצד די אוקראַינער. זייער שנאה איז גענוג גרויס צו די פאָליאַקן, אָבער נאָך גרעסער איז זי צו די יידן. עס איז אויסערגעוויינלעך שווער זיך צו פאַרבינדן מיט גאַליציע צוליב דעם, וואָס דער פראָנט רוקט זיך אַלץ נענטער.

5) די ליקווידאַציע פון לאַגער אין מיידאַנעק (הינטער לובלין).

אין נאָוועמבער 1943 איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע פון דעם דאָזיקן גרעסטן לאַגער אין גענעראַל-גאָווערנמענט. בעת דער ליקווידאַציע האָבן זיך דאָרט געפונען 18,000 יידן. קנאַפּע 20 יידישע דאָקטוירים, וואָס זענען דאָרט געווען טעטיק ווי דאָקטוירים, זענען גערופן געוואָרן צו געוויסע אַרבעטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער ליקווידאַציע פון די יידן אין דעם לאַגער. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן די פונקציע און זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך איבערשניידן זיך די אָדערן. נאָכן ליקווידירן די יידן אין מיידאַנעקער לאַגער זענען נאָך אַלץ געבליבן אַן ערך 500 יידן, וועלכע מען האָט אומגעבראַכט בעת דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע.

אין דער פוילישער אָפּטיילונג פון דעם לאַגער האָט זיך צווישן אַנדערע געפונען דער געוועזענער רעקטאָר פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט, פּראָפעסאָר מיכאַלאָוויטש, דער פאָזיצער פון דעמאָקראַטישן קלוב, דער פאָטער פון פריצייטיק און טראַגיש פאַרשטאָרבענעם פריינט אונדזערן (פאַר דער מלחמה) חבר דר. יורעק מיכאַלאָוויטש. ווי מיר ווערן געוואָר, איז פּראָפעסאָר מיכאַלאָוויטש, וועלכער האָט דאָרט אויסגעפירט די פונקציעס פון אַ לאַגער-דאָקטאָר, בעתן ליקווידירן דעם

מיידאַנעקער לאַגער, איבערגעפירט געוואָרן אין גראָס ראָזען הינטער ברעסלאַו (שטיינהאַקערײַ).

6) דעם באַריכט פון דער ליקווידאַציע פון לאַגער אין שעבניא ברענג איך אָן קיצורים. אָט איז זיין אינהאַלט:

דעם 2טן פעברואַר 1944 איז ליקווידירט געוואָרן דער לאַגער אין שעבניע. די לעצטע מאַהיקאַנער זענען געווען: 200 יידן און אַן ערך 1,200 פּאָליאַקן. זיי זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ באַן־טראַנספּאָרט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, מסתמא אין פּלאַשאָוו. מיט קרעכצערייען און געוויין האָבן זיך די אַרויסגעפירטע געזעגנט מיט די קברים און ביינער פון די, וואָס זענען דורך די חיהשע באַנדיטן אומגעבראַכט געוואָרן.

דאָס בלוט פון די אומגעבראַכטע איז געפלאָסן מיטן טייך יאַ־שעלקאַ. מיט זייערע ביינער האָט מען פעט געמאַכט די פעלדער אַרום שעבניע, כדי עס זאָל בעסער זיין דאָס גערעטעניש.

שעבניע — דאָס איז אַ לאַגער פון מענטשלעכע קערפּערס. דאָרט איז אַ לאַגער וואו עס פלאַקערן מענטשלעכע קערפּערס אויף די שייטער־הויפנס, ווי עס האָט אַמאָל געברענט דער קערפּער פון דזשאָרדאַנאָ ברונאָ. אין שעבניע איז אָבער די העכסטע חיהשע בעסטיאַלישקייט פּאַרפּילפּאַכט געוואָרן.

מיר נעמען צונויף און זאַמלען זאָרגפעליק אַלע מאַטעריאַלן, כדי אין דער געהעריקער צייט פאַרשטעלן דער וועלט דעם גרויזאַמען צעטל פון היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין פּוילן און דערפאַר נקמה נעמען.

דער מאַסן־מאָרד אין שעבניע האָט זיך אָנגעהויבן מערץ 1941. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן איבער די אומגליקלעכע סאָוויעטישע געפאַנגענע. מען האָט זיי געפּייניקט אויף אַן אוממענטשלעכן אופן. הונגער און קעלט האָבן אַרויסגערופן עפּידעמיעס. די געפאַנגענע זענען צעצענטלט געוואָרן, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין עלעמענטאַרע מעדיצינישע הילף. אויף די ביראָוווער פעלדער, פּאַזע דעם שאָסיי, צוויי קילאָמעטער פון לאַגער, ציט זיך אַ ריזיקער ברודער־קבר, וואו עס ליגן 5000 געשטאָרבענע און אומגעבראַכטע סאָוויעטישע געפאַנגענע. אין משך פון לאַנגע נעכט און אויך בייטאָג פלעגט מען אין „מיסט־וואַגנס" אַרויספירן די טויטע, שוואַך־פאַרוואונדעטע און שווער קראַנקע און זיי אַריינוואַרפן אין אַ געמיינזאַמער גרוב. מיטן לעצטן קלאַפּ פון דער לאָפּעטע פלעגט מען שטיל מאַכן די יעניקע, וואָס האָבן נאָך

געגעבן אַ סימן פון לעבן. וועגן דעם ווי אַכזריותדיק, בעסטיאַליש מען איז זיך באַגאַנגען מיט די געפאַנגענע זאָגן עדות די דערקלערונגען פון אונדזער ח׳ נ., וועלכער האָט אָפט בייגעוואוינט פאַלגנדיקע סצענעס:

אויפן לאַגער־הויף קערן אויס די סאָוועטישע געפאַנגענע די אומ־ריינקייטן. ווען ווער עס איז פון זיי פלעגט פון הונגער, אָדער פעלן פון כוחות אומפאַלן, פלעגט דער „וואַכמאַן" אים אַ זעץ טאָן מיטן ביקס, פאַרריכטן דאָס מיט אַ זעץ פון דער לאָפּעטע. דעם אומגליקלעכן, וואָס איז צעמישט געוואָרן פון די קלעפּ, פלעגט מען אומפאַרשעמט אַריינוואַרפן אין „מיסט־וואָגן", וואָס איז פול געווען מיט טויטע קערפּערס. דער צאַפּלענדיקער קערפּער פלעגט זיך באַ־רואיקן ערשט אין גרוב. אַזוי האָבן געהאַנדלט די אַזוי גערופענע „פאַרטיידיקער פון קריסטנטום".

האַרבסט 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־עקזעקוציע. אין דער דאַזיקער צייט האָט מען אין ביעראַווער וואַלד, וואָס געפינט זיך ביים דאָרף וואַזשיצע, דערשאָסן יידן און זייערע מינדעריאָריקע קינדער. די קרבנות האָט מען אַרויפגעטריבן אויף ברעטער, וואָס זענען געלעגן איבער גריבער. פון די דאָזיקע ברעטער האָט מען די אומגליקלעכע אַרונטערגעשאָסן מיט מאַשין־געווער. מינדעריאָריקע קינדער האָט מען בדרך כלל צעזעצט די קעפּלעך מיט די הענטלעך פון די ביקסן און זיי אַריינגעוואָרפן אין געמיינזאַמען קבר. אויף די נאָך צאַפּלענדיקע קער־פּערס האָבן די נאַצי־הענקער אַרויפגעשאָטן ערד. אַזוי ווי די גריבער האָבן זיך געפונען צופוסנס פון אַ בערגל, האָט פון דעם בערגל גיך אָנגעהויבן צו טריפן מענטשלעכער אייטער און בלוט, וואָס האָט זיך ווי אַ לאַווינע באַוואויגן אין דער ריכטונג צום דאָרף וואַזשיצע. דאָס האָט געדראָט מיט עפּידעמיע. די דאָזיקע געפאַר האָט דערפירט צו אַן אינטערווענץ מצד דער דייטשער מאַכט מיטן סטאַראָסטע יאַשעלסקי אין דער שפּיץ. לויט דער פאַראָרדענונג פון דער דייטשער מאַכט האָט מען אָנגעשאָטן אַ פרישן בערגל ערד און אויף דעם אופן איינגעהאַלטן דעם שטראָם פון מענטשלעך בלוט. אויך אין שעלקאָווער וואַלד, וואָס געפינט זיך צווישן די דערפער וואַזשיצע און שעקלוואָווע, קען מען געפינען אַ סך קברים אָנגעפילטע מיט יידישע קערפּערס.

ביים אָרט, וואו עס זענען פאָרגעקומען די שרעקלעכע עקזעקוציעס, האָט מען געפונען אַ סך פלעשלעך „מאַנאַפּאָלקעס". די באַנדיטן האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין בעת די מאָרדן. עס זענען דאָרט אויך געפונען

געוואָרן אַ סך שײטלען, וואָס זאָגן עדות, אַז דאָרטן זענען אומגעקומען זייער פיל יידישע עלטערע פרויען.

די דאָזיקע שווידערלעכע היטלערישע מאָרדן זענען נאָך באַגאַנגען געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז מען האָט געפּרוּווט אָפּהיטן אַ שיין פון געהיימניש. נאָר געציילטע פּאָליאַקן — און דאָס אויך נאָך די געשעענע פאַקטן — איז געלונגען געוואָר צו ווערן דעם סוד פון די געהיימע עק־זעקוציע־גריבער. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די פאַר־ברעכער איז געגאַנגען אין דעם, אַז זייערע בעסטיאַלישע טאָטן זאָלן פאַרבלייבן פאַרבאָרגן. זיי האָבן אויך געוואָלט פאַרווישן די שפּורן פון פאַרברעכן. דער בעסטער באַווייז דערפון איז, אַז אויפן אָרט, וואו עס געפינען זיך די קברים, האָבן זיי מאַסנווייז פאַרזעצט ביימער. די אומפאַרשעמטקייט פון די מערדער איז אָבער כסדר געוואַקסן, וואָס מער פּראַקטיק זיי האָבן באַקומען. עס איז פאַרשוואונדן יעדער שפּור פון חרפה. קאַטין, וואָס באַשולדיקט די מערדער, האָט זיי אויסגעלערנט נייע „וויסנשאַפטלעכע" מעטאָדן פון פאַרווישן די שפּורן.

אין 1943 האָט די באַפעלקערונג פון די דערפער דאַבראַצאַוואַ און בזשאָזאוואָקאַ אין יאַסלער פּאָוויאַט, געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו־צוזען צו־נויפצוטרעפן אויג אויף אויג מיט דער גאַנצער ברוטאַלקייט פון די היטלערישע עקזעקוציעס. אין מיטן העלן טאָג, קוים הונדערט מעטער פון באַוואוינטע הייזער, האָט מען אויף אַ שאָסיי־וועג דערמאָרדעט טויזנטער יידן און יידישע קינדער, הויפּטזאַכלעך פון טאַרנאָווער געטאָ. דעם 20טן אָקטאָבער 1943 איז פאָרגעקומען אויפן אויבן דערמאָנטן וועג (ביי די גרובן פון קאַלבע) די מאַסן־עקזעקוציע פון יידן און יידישע קינדער. דער פאַרלויף פון דער מאַקאַברישער עקזעקוציע איז געווען פאָלגנדיקער:

אַרום צוויי אַזייגער נאָך מיטאָג האָט מען אָפּגעצוימט דעם וועג, וואָס פירט צו דעם אויבנדערמאָנטן אָרט. אין אויטאָס האָט מען גע־בראַכט די קרבנות, וואָס זענען באַגלייט געוואָרן פון אוקראַינער. די קרבנות האָבן ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גורל עס דערוואַרט זיי. די אויטאָס זענען פול געווען מיט קינדער אונטער 14 יאָר. מוטערס האָבן געהאַלטן קליינע קינדער אויף די הענט. אויפן שאָסיי קעגנאיבער דעם פעלד האָבן זיך די אויטאָס אָפּגעשטעלט. די אומגליקלעכע קרבנות האָט מען געצוואונגען אַראָפּצוקריכן פון די אויטאָס, אויסצוטאָן זיך ביז די אונטערוועש. די ווילדע און שיכורע כאַפּטע היטער האָבן די

האַלב־נאַקעטע געטריבן אויפן פעלד. דאָרט זענען זיי אָפּגעוואָרט געוואָרן דורך צווי ס. ס. לייט, וועלכע האָבן געשאָסן פון אויטאָמאַטישע רעוואָלווערן. די אומגליקלעכע זענען געפאַלן ווי געקאָסעטע תבואה. עס האָבן זיך געהערט אָפּקלאַנגען פון אויטאָמאַטישן געווער, שרעקלעכע געשרייען און מוראדיקע קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע. די קולות האָבן זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבערן וואַלד און זענען דערגאַנגען צו אונדז, אוממיטלבאַרע און מאַכטלאָזע עדות פון דעם אוממענטשלעכן פאַרברעכן. ווען עס זענען אַנטשוויגן געוואָרן די סעריעס פון אויטאָמאַטן, האָט מען נאָך אַלץ געהערט די דראָענדיקע שאָסן. דאָס האָט מען דערהרגעט די יעניקע פאַרוואונדעטע, וואָס האָבן נאָך געזשיפּעט. אויף אַזאַ שטייגער האָט מען ליקווידירט אויטאָ נאָך אויטאָ. דאָס בעסטע, וואָס די יידישע יוגנט האָט פאַרמאָגט, איז אין דעם טאָג פאַרניכטעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן.

דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די קרבנות אין אַנבליק פון טויט איז געווען פאַרשיידן. די קינדער, וואָס זענען געזעסן אין די אויטאָס, האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם גורל, וואָס דערוואָרט זיי. אומעטיקע צוליב דעם, וואָס מען האָט זיי אָפּגעריסן פון זייערע מאַמעס, האָבן זיי אונדז געשיקט מיט די הענטלעך זייער לעצטן גרוס. יונגע יידישע פרויען — ערנסט און קאָנצענטרירט — האָבן בעת זייער לעצטן וועג געזונגען קאַפּיטלעך תהילים. איין פרוי, אַ יונגע, אַ פּרעכטיקע ווי דער פרימאָרגן, האָט זיך געטוליעט צום אוקראַינישן וועכטער, אים געקושט אין איר פאַראַקסיזם און זיך געבעטן ער זאָל איר לאָזן אַנטלויפן. דער אוקראַינער האָט זיך אונטערגעגעבן. אָבער ווי נאָר זי איז צוגעקומען צו די קוסטעס ביים אַריינגאַנג פון וואַלד, האָט אַן אַנדערער וועכטער פון אַ צווייטן אויטאָ מיט אַ רעוואָלווער־שאָס זי אָוועקגעלייגט אַ טויטע אויפן אָרט. אין דעם טאָג זענען אויף יענעם אָרט אויסגעמאָרדעט געוואָרן טויזנט יידן און 180 פּאָליאַקן. ווי אָפּגעשניטענע סנאָפּעס זענען געלעגן אויפן פעלד די טויטע קערפּערס. די באַנדיטן האָבן אויסגעטאָן די קרבנות נאַקעט.

די הילפס־אַרבעט האָבן אויסגעפירט יידן פון לאַגער, וואָס זענען נאָכן דורכפירן די צוואַנגס־פונקציעס, אויך דערשאָסן געוואָרן און זייערע קערפּערס האָט מען געוואָרפן אויף דעם ברענענדיקן שייטער־הויפן. דער שייטער־הויפן האָט געברענט 48 שעה נאָכאַנאַנד. אַ שרעקלעכער רויך און ריח האָבן זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער אַרומיקער

געגנט און אַרויסגערופן איבל. נאָך 48 שעה האָט מען די ביינער און נישט־פאַרברענטע רעשטלעך אַנגעלאָדן אין קאַסטנס און אַריינגע־וואָרפן אין טייך יאַשעלקאַ. אַלץ איז אַוועק מיטן שטראָם פון טייך. די מערדער האָבן באַזייטיקט דעם שפור פון זייער פאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אין מיטן העלן טאָג.

אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס און אַרכעאָלאָגן וועלן שוין נישט זיין אומשטאַנד צו דערקענען די קרבנות. עס וועלן נאָר בלייבן מיר, די עדות פון די אוממענטשלעכע פאַרברעכנס.

אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער האָט מען פון לאַגער אין שעבניע אַרויסגעפירט אין דער ריכטונג פון אָשוויענטשים אַ טראַנס־פּאָרט יידן. אויף דער באַן־סטאַנציע מאַדראוואָקאַ האָט מען זיי אַראָפּ־גענומען די שיך און די מלבושים. אין אונטערוועש האָט מען זיי אַריינגעשטופּט אין פי־וואַגאָנעס. אויף דער באַן־סטאַנציע האָבן זיך אָפּגעשפּילט גיהנום־סצענעס. די יעניקע, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגע־שטעלט און די יעניקע, וואָס האָבן געפּרואווט אַנטלויפן, האָט מען דערשלאָגן מיט קאָלבעס און מיט ביקסן. אויף דעם זעלבן שטייגער, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן אין אָפּיצערן־לאַגער אין קאַטין. נאָר אויפגעריסענע מענטשלעכע שאַרבנס האָבן געצייכנט דאָס אָרט פון פאַרברעכן. דער גורל פון די נאַקעטע און באָרוועסע אַרויסגעפירטע יידן איז אומבאַקאַנט. זיכער זענען זיי פאַרברענט געוואָרן.

אויף דעם זעלבן פעלד איז דעם 8טן נאָוועמבער ווידער אַמאָל פאָרגעקומען אַ מאַסן־מאָרד דורכגעפירט אויף דעם זעלבן שטייגער.

די שיכורע מערדער האָבן דאָס מאָל אומגעבראַכט הויפּטזאַכלעך יידישע אינטעליגענטן. די עקזעקוציע האָט אָנגענומען אַ ווילדן, בעס־טיאַלישן כאַראַקטער. און דאָס צוליב דעם, ווייל די קרבנות האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. עס האָבן אָפּגעהילכט רופן: „קאָלעגן, העלפט אונדז שלאָגן די הינטישע זין". די דאָזיקע רופן האָבן זיך אויסגעמישט מיט געשרייען „הער גאָט" פון די פאַרוואונדעטע מערדער. איינעם פון זיי, וואָס איז געלעגן אַ פאַרוואונדעטער אין פאַטאַקאָוועער וואַלד, האָט הער דאַבאַש פון בודזיש איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשע זשאַנדאַרמען. ער וועט באַקומען דערפאַר אַ פאַרדינטע שטראָף.

דאָס מאָל האָט מען די אומגעקומענע געבראַכט אויף דריי שייטער־הויפנס. דעריבער האָט דאָס פאַרברענען די קערפּערס געדויערט בלויז 24 שעה. דאָס פעלד, וואו עס זענען באַגראָבן די פאַרברענטע

קערפּערס, האָבן די דייטשן פּאַרזייט. גאַר ריזיקע בלוט־פלעקן האָבן רויט געמאַכט דעם דערבייאיקן שאָסיי און זיך דורכגעריסן צום הימל ווי אַ בלוטיקער צייכן אויף דער ערד, וואָס רופט נאָך נקמה.

נאָך דער ערשטער און צווייטער עקזעקוציע אויף די פעלדער פון קאַלבא האָבן זיך די מערדער געטיילט מיט די מלבושים פון די קרבנות און אָנגעהויבן אַ שענדלעכן האַנדל מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. די פאַרבלוטיקטע שמאַטעס האָבן מענטשלעכע היענעס אויסגעטוישט אויף קופּער, בראָנפן און וואורשט. דער שענדלעכער און דערניי־דעריקנדיקער האַנדל האָט נישט לאַנג געדויערט. די מענטשלעכע נשמה, וועמען קנעכטשאַפט מאַכט אַזוי פּאַדלע, האָט פאַרלוירן יעדע מאָראַלישע עמפּינדלעכקייט. אין דעם האַנדל האָט זיך נישט באַטייליקט דער אָרעמאַן און נויטבאַדערפטיקער. דאָרט זענען נאָר געווען שפּעקולאַנטן, היענעס, וועמען עס זענען פרעמד יעדע הייליקייט און יעדער מאָראַלישער אָפּהאַלט. זיי האָבן איין ציל — ריווח, פאַרדינסט. די וועלן באַקומען די שטראָף, וואָס זיי האָבן פאַרדינט.

7) טיילווייזע ליקווידאַציע פון לאַגער אין באַריסלאַוו:

ביז אָנהויב אַפּריל 1944 זענען אין באָריסלאַוו געווען כמעט 2,000 יידן, אַלע, פאַרשטייט זיך, אין לאַגער. דאָס זענען געווען בעיקר טעכניקער און פאַך־לייט פון די נאַפט־ראַפינעריעס, וואו זיי האָבן געאַרבעט. דער שעף פון דער נאַצי־אונטערנעמונג, אַ דייטש, וועלכער איז געווען זייער אומברחמנותדיק אין דער ציווילער אַדמיניסטראַציע פון דער שטאָט, האָט לגבי די לאַגער־איינוואוינער נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע בלוט־דורשטיקייט. ער האָט זיך גערעכנט מיט דעם ווערט און באַדייט פון נאַפט פאַר דער דייטשער מלחמה־אינדוסטריע און מיט די הויכע קוואַליפיקאַציעס פון די יידישע שקלאַפן.

דעריבער טאַקע זענען די באַדינגונגען אין דעם באַריסלאַווער לאַגער געווען בעסער ווי ערגעץ אַנדערש. דאָך האָבן זיך אין אַפּריל 1944 אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן ידיעות, אַז בקרוב וועט דורכגעפירט ווערן אַן „אָפּקלויב־אַקציע” צווישן די יידן. אַן ערך 1,000 יידן, פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז געווען באַוואָפנט מיט הייס געוועהר, זענען אַנטלאָפן פון לאַגער אין וואַלד אַריין. זיי ווייזן אַרויס אַ סך דערפינדעריש־קייט און אָרגאַניזאַציע־פעאיקייט אויפן געביט פון איינשאַפן זיך אַפּראָוויזאַציע. די באַפעלקערונג פון נאַפט־ראַיאָן שענקט זיי הילף און

אונטערשטיצונג. פון די איבערגעבליבענע יידן אין לאַגער זענען 700 — 600 איבערגעשיקט געוואָרן אין פּלאַשאָוו. אַ פּאָר הונדערט זענען געבליבן אויפן אָרט. דער אויבן דערמאָנטער דירעקטאָר פון די נאַפט־גרובן האָט פונדעסטוועגן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דעם, אַז געסטאַפּאָ האָט דעזאָרגאַניזירט די גאַנצע נאַפט־אינדוסטריע. ער באַמיט זיך דורך בערלין, אַז מען זאָל אים צוריקברענגען די שקלאַפן, וואָס געפינען זיך אין פּלאַשאָווער לאַגער. ביז איצט זענען נישט באַקאַנט די רעזולטאַטן פון זיינע באַמיאונגען. אַ גרופּע אַקטיווע בונדיסטן פון באָריסלאַוו האָבן די דייטשן אויסגעפונען אין פעברואַר און מערץ 1944 און זיי ליקווידירט.

8) טיילווייזע ליקווידאַציע פון לאַגער אין דראָהאָביטש.

פון 2,000, וואָס זענען אין מערץ 1944 אַריינגעשטופּט געוואָרן אין לאַגער, לעבן נאָך היינט 1,000. זייער גורל איז אומבאַקאַנט. דער גרעסטער טייל איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַנדערע לאַגערן. אַ קליינטשיקער גרופּע איז געלונגען צו אַנטלויפן אין די וועלדער.

9) אין איצטיקן מאָמענט זענען נאָך פאַראַן פאָלגנדיקע לאַגערן.

קראָקע — פּלאַשאָוו, אַן ערך 10,000 מענטשן, מיעלעץ, פּוסט־קאָוו און סטאַלאָווע וואָלא — צו עטלעכע הונדערט.

אין קאָנגרעס־פּוילן: טשענסטאָכאָוו, פּיעטריקאָוו, ראַדאָם, סטאַ־ראַכאָוויצע, סקאַרזשיסקאָ־קאַמיענע, קראַשניק, בודזין, בליזשין און פּיאַנקי.

אין אַלע אויסגערעכנטע לאַגערן זענען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אונדזערע חברים. אין טייל אַפילו אַ גרויסע צאָל.

חוץ דעם זענען פאַראַן אַ ריי לאַגערן אין „רייך." דער גרעסטער פון זיי איז אין לאָדזש. דאָרט זענען פאַראַן 80,000 יידן, פון וועלכע די מערהייט זענען פון דייטשלאַנד און מערב־אייראָפּע. אין משך פון דער נאָענטסטער צייט וועל איך באַקומען גענויערע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם הערמעטיש פאַרמאַכטן לאַגער אין לאָדזש. מיר וועלן אייך דעם געהעריקן באַריכט איבערשיקן.

קיין גענויערע סטאַטיסטיק וועגן אַנדערע לאַגערן קען מען נישט איבערגעבן, ווייל די צאָלן זענען פליסיקע, זיי האַלטן זיך אין איין ענדערן. די גרעסטע פון זיי זענען: פּלאַשאָוו ביי קראָקע מיט 10,000 און סקאַרזשיסקאָ קאַמיעננא מיט 8,000. דער רעשט פון די דערמאָנטע

לאַגערן נעמט אַרום צווישן 25 און 30 טויזנט איינוואוינער. אַלע לאַ־גערן זענען אַרבעטס־לאַגערן. זיי אַרבעטן פאַר דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע. סקארזשיסקאָ, פיאנקי, סטראַכאָוויצע, סטאַלאָווא וואָלא א. א. זענען באַוואָפענונגס־פאַבריקן. דער רעזשים אין די לאַגערן איז אַ שטרענגער. אין די שטראָף־לאַגערן — אַ מוראדיקער. פאַר אַ ליאדע וואָס, אָדער אַפילו אָן אַ סיבה — טויט. די שטערבלעכקייט איז זייער אַ גרויסע צוליב דער אויסגעמאַטערטקייט מיט דער שווערער אַרבעט און צוליב די שווערע איבערלעבונגען.

עס איז אָן ספק נויטיק צו באַאַרבעטן די רייכע פאַראַנענע מאַ־טעריאַלן, זאַמלען נייע, כדי צו שילדערן די מאַסן־גאַלגאַטע פון די יעניקע גרופן אין דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבן.

נאָר אויף דעם דאָזיקן אָפּשניט, אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן און מאַשין־געווער און הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פון דער אַרומיקער וועלט, קענען נאָך לעגאַל לעבן און אין פיין אומקומען און שטאַרבן די רעשטלעך יידן. מיר האָפן, אַז דאָס צונויפזאַמלען און באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן וועט אונדז געלינגען כאָטש טיילווייז, אויב עס וועלן נישט זיין קיין שטערונגען אין געשטאַלט פון זייער דרינגנדיקע ענינים, וואָס פאָדערן וויכטיקע דערליידיקונג.

ב.

1) דער וויטערדיקער ליקווידאַציע־געביט דאָס זענען די שטעט. דאָרט וואוינען נאָך נישט־לעגאַל, נאָך דעם ווי די שטעט זענען געוואָרן יידן־ריין, רעשטלעך פון די, וועמען עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען בעת די ליקווידאַציעס פון די געטאָס, לאַגערן, אָדער די יעניקע וועמען עס איז געלונגען פון די לאַגערן צו אַנטלויפן. די לעבנס־באַדינגונגען זענען זייער שווערע. נישט געקוקט אויף דער גרויסער הילף, וואָס עס גיבן צומאָל פאַרשיידענע שיכטן פון דער פוילישער באַפעלקערונג, — געשעען וואָס אַמאָל נייע פאַלן, ווען עס ווערן „אַנטדעקט" פאַרשיי־דענע יחידים און גאַנצע יידישע משפחות. ווי נאָר מען געפינט זיי — ווערן זיי תיכף ליקווידירט. דאָס איז חל סיי לגבי די יעניקע, וואָס האָבן אַ „שלעכטן אויסזען", אויף וועמען ס'איז לייכט צו דערקענען דעם צייכן פון „פרעמדקייט", סיי לגבי די יעניקע, וואָס האָבן „זייער אַ גוטן אויסזען"! אַמאָל ווייל מען דערקענט זיי, אַמאָל צוליב מסירות — טרעפן אָפט פאַלן, ווען מענטשן גייען אַרויס און קומען נישט

מער צוריק. מסתמא צוליב דער אָדער יענער סיבה זענען זיי דער־קענט און ליקווידירט געוואָרן.

2) זענען טאַקע פאַראַן גאַנצע גרופּעס, וואָס גייען קיינמאָל נישט אַרויס פון דער וואוינונג. זיי באַהאַלטן זיך אין ספּעציעלע שוץ־ערטער. אָבער אויך זיי פאַלן אַריין. אין משך פון די לעצטע חדשים, זענען גע־ווען עטלעכע אַזעלכע דורכפאַלן. צוויי ערנסטערע — אויף נאַוואָ־וויניאַרסקאַ, וואו מען האָט געפונען 18 פּערזאָן און אויף גרויעצקאַ, וואו עס זענען אַריינגעפאַלן 37. צווישן זיי איז געווען דער שרייבער און טוער פון די לינקע פּועלי־ציון, דר. רינגעלבלום. אין טייל פאַלן דערגייט עס צו באַוואָפנטע קאַמפן. לאָזן זיך טאַקע די דייטשן אַרויס אויף אַזאַ יאַגד אין די „בונקערס", אין פולער מיליטערישער אויס־שטאַטונג, מיט מאַשין־געווער און גראַנאַטן. אַ פּאָר צענדליק און אַמאָל מער באַוואָפנטע יונגען.

איך וויל ברענגען אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. נישט לאַנג צוריק זענען 50 באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען פאַרפאָרן אין אַ פּאָר אויטאָס צו אַ הויז וואָס איז בלאָקירט געוואָרן לויט אַלע מיליטערישע כללים. אַרויסגעפירט האָבן זיי פון דעם הויז איין 17־יאָריקן שוצלאָזן „פאַר־ברעכער". ער איז געווען אַ ייד און איז אומגעבראַכט געוואָרן. די באַפעלקערונג האָט מיט אַן איראָנישן שמייכל אויפגענומען די גערמאַני־שע „ריטער".

3) כדי זיך אויסצוהיטן פון דערקענט צו ווערן — ווערן דורכגע־פירט אָפּעראַציעס פון נאָז, אויערן א.א.וו. דערויף קענען זיך דער־לויבן נאָר די רייכערע מענטשן. וואָס שייך מענער באַשליסן זיך טייל אויף כירורגישע אָפּעראַציעס (כדי צו באַזייטיקן דעם בלי־ספקדיקן צייכן פון יידישן אָפּשטאַם — מילה). אויף דעם געביט זענען פאַראַן דאָקטוירים, מעקלער און שאַנטאַזשן. פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון די אָפּעראַציעס זענען זייער זעלטן, ווייל די געשטאַפּאָ דערקענט זיך שוין אָפילו אויף די געלונגענע אָפּעראַציעס. דאָס גיט אויך אַ שטיקל בילד פון דער אַטמאָספערע און באַדינגונגען אין וועלכע עס קומט אויס צו לעבן די היינטצייטיקע מאַראַנען.

4) אויסער דעם קומען אום די רעשטלעך לעבנגעבליבענע אין די „אַרישע" קוואַרטלען אַלס רעזולטאַט פון די אַלגעמיינע רעפּרעסיעס, וואָס ווערן אָנגעווענדט מצד דעם דייטשן אָקופּאַנט לגבי דער פּוילישער באַפעלקערונג. זיי קומען אום נישט דערקענט, ווי אַריער, אָדער בעת אַלגעמיינע אַבלאַוועס אָדער ביי דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט פון דער

אָדער יענער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. נישט איינער אַזאַ, וואָס האָט זיך אומלעגאַל אויסבאַהאַלטן אויף אַן אַרישן נאָמען, האָט פיגורירט אויף דער ליסטע פון דערשאָסענע, וואָס פלעגט פלאַקאַטירט ווערן אויף די גאַסן פון וואַרשע, אָדער פּראָווינץ. אַזוי ווי די פּלאַקאַטן האָבן נישט געפירט צו קיין שום רעזולטאַטן, האָבן די דייטשן אויפגעהערט דאָס צו טאָן. מען מוז זאָגן, אַז די רעפּרעסיעס ווייזן אַרויס אַ טענדענץ צו שטייגן אויף דער בערזע פון דער מלחמה, וואָס דאָס אונטערדריקטע פּוילן פירט מיטן אָקופּאַנט.

פון 13טן אָקטאָבער 1943 מערן זיך אַלץ אָפטער די פאַלן פון כאַפּן מענטשן אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ. יעדע עטלעכער טעג פלעגן זיך באַווייזן אַפישן מיט אַ ליסטע פון 50, 100 און 300 דערשאָסענע. מען פלעגט כסדר זען זשאַנדאַרמען-פּאַטראָלן מיט איילנדיקע אויטאָס. מען האָט געהערט די טראַמייטערס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט עקזעקוציעס, וואָס פלעגן פּאַרקומען עפנטלעך אויף די גאַסן. אייגנטלעך, פון אָקטאָבער אַן האָט אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט דאָס טרעטן אונדז מיטן אָקופּאַנטישן שטיוול. אָט „כאַפּט מען״, אָט בלאָקירט מען הייזער, גאַסן, אָט לעגיטימירט מען, אָט פאַרהאַלט מען און מען ליידיקט אויס טראַמווייען, דראָזשקעס, ריקשעס; אַרעסטן אויפן פּאַוויאַק, דערשיסונגען, לאַגער, צוואַנג-אַרבעט אין „רייך״ — בייטאָג, ביינאַכט, אין וואָכעדיקע טעג, אין יום-טוב-טעג, אין קלויסטערס — אומעטום! אין ערגעץ און קיינמאָל נישט קיין רו. אייביקע שפּאַנונג. ביסט אינדערהיים, שלאָפסט. פּלוצלונג — בלאָקירט די גאַס. פאַרשטייט זיך — אַ רעוויזיע. שנעל מוז אַלץ פאַרניכטעט ווערן. קודם כל — געווער, דאַן ליטעראַטור, נישט-לעגאַלע מאַנוסקריפּטן. וויפל ווערטפולע אַרבעטן האָבן געמוזט אויפגעפּרעסן ווערן דורך פייער, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן. ווייל — יעדער פאַרדעכטיק שטיקל פּאַפּיר איז אַן אַריינגאַנגס-בילעט אין הימל.

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט געמוזט פאַרברענט ווערן די אַרבעט פון עלבער (ל. בערזאָווסקי — רעד.) א. ד. ט. „סאָציאָלאָגיע פון קריג״ (אייביקע מלחמה צי אייביקער שלום), ווי אויך אַן אַרבעט וועגן דעם גאַנצן פּראָבלעם פון ליקווידירן די יידן, אַן אַרבעט פון ח׳ פּאָלדעק ל. וועגן אויפבוי און איבערבוי פון פּוילן, און אַרבעטן פון אַנדערע חברים אונדזערע. עס האָבן אויך געמוזט פאַרניכטעט ווערן די מאַטעריאַלן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

אָבער אויך דער אָקופּאַנט באַקומט ווייטאָקדיקע קלעפּ פון פּאַר-

שיידענע פוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. עס גייט נישט פאַרביי קיין טאָג, עס זאָל נישט האָבן קיין אָרט עפּעס אַן ערנסטערע טאַט. דאָ — אַ וויכטיקע עקספּראָפּריאַציע, דאָ ליקווידירט היטלערי־שע הויכע באַאַמטע, דאָ טאָרפּעדירט אַ צוג, אויפגעריסן אַ בריק אָדער גאָר צעזעצט אַ תפיסה אאַ״וו. דעריבער טאַקע לעבן די דייטשן אין וואַרשע און אַנדערע שטעט אין מוראדיקער שרעק פאַר עוונטועלע אַקציעס, דער עיקר האָבן זיי מורא פאַר אַן אויפשטאַנד. דער בולטער סימן — דאָס פאַרוואַנדלען די דייטשישע קוואַרטאַלן, קאַזאַרמעס, שפּיטעלער און עפנטלעכע דייטשישע געביידעס אין אַ מין פעסטונגען. עס ווערן געבויט אונטערערדישע דורכגענג, די ערטער ווערן אַרומגערינגלט מיט שטעכיקן דראָט, זיי ווערן געהיט דורך וואַכן, וואָס האָלטן שטענדיק גרייט דאָס מאַשינען־געווער צו שיסן. ביים אַריינגאַנג אין די קאַזאַרמעס, שפּיטעלער און גאַסן זיינען אויפסניי אויפגעבויט געוואָרן טורעמס מיט מאַשינען־געווער, וועמענס מיילער זענען געווענדעט צו דער גאַס. די שטאָט איז פול מיט „בונקערס״ און חוץ דעם ריזיקע ציסטערנעס מיט וואַסער. (עס ווערן פאַראויסגעזען באָמבאַרדירונגען מיט שרפות). לעצטנס איז די סיטו־אַציע פאַרשאַרפט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט הימלערס באַזוך אין קראָקע. די לעצטע טעג זענען געווען שאַרפע בלאָקאַדעס אויף סאַסקאַ קעמפּאַ, פּראַגע און נעבטן אין בערגעראַווא, פון וואַנען מען האָט אַוועקגעפירט אַ פּאָר טויזנט מענטשן פון דער אינטעליגענץ אויפן פּאַוויאַק. די וואָס זענען פּעאיק געווען צו אַרבעטן, האָט מען אַוועק־געפירט אין „רייך״.

אָט דאָס איז בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן אַ בילד פון דעם איצ־טיקן לעבן אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ.

5) די יידן, וואָס לעבן אין די וועלדער, זענען אויסגעשטעלט אויף שטענדיקע געפאַרן אַריינצופאַלן אין דער דייטשישער נעץ, אָדער באַ־פאַלן צו ווערן פון באַנדיטן. אין ביידע פאַלן באַטייט דאָס טויט. עס וואָלט נויטיק געווען נאָכן סעגרעגירן די מאַטעריאַלן, זיי גענוי צו באַאַרבעטן, כדי די וועלט זאָל מער וויסן וועגן די לעבנסבאַדינגונגען פון די, וואָס וואַנדערן איבער די וועלדער. דאָס וועלן מיר טאַקע טאָן אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

ג.

עס איז וויכטיק און כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס וואַרפט

זיך אין די אויגן, אַז לעצטנס האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינע און סיסטעמאַטישע אַקציע פון פּאַרווישן די שפּורן פון זייערע העס־לעכע מאַסן־מאָרדן. דאָס געשעט קודם־כּל אין די לאַגערן, אין דער ערשטער ריי אין די יידישע. אין משך פון דער לעצטער צייט האָבן די מערדערס אויסגעבויט קרעמאַטאָריעס, וואו עס ווערן פאַרברענט די קערפּערס פון די מיט גאַז דערשטיקטע און דערשאָסענע. קער־פּערס פון די הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען יידן און אויך אַנדערע, וואָס זענען אומגעקומען בעת די מאַסן־עקזעקוציעס, ווערן אויסגעגראָבן און פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס. אַזוי איז געווען אין טרעמב־לינקא אידער די יידישע הילפס־אַרבעטער האָבן צעקלאַפּט און פאַר־ברענט דעם לאַגער; אַזוי אין מאַידאַנעק, אָשווענטשים, אויף די ספּע־ציעלע פעלדער, וואו עס זענען פאָרגעקומען די מאַסן־מאָרדן, אין שטעט און שטעטלעך. אין אָשוויענטשים האָבן די דייטשישע מערדער צעשטערט די אַלטע קרעמאַטאָריע אונטער דער ערד און פאַרדעקט מיט נאָדל־ביימער.

אין אָשוויענטשים האָבן זיי אויך פאַרניכטעט די וואַנט פון טויט, ביי וועלכער מען פלעגט מאַסנוויז דערשיסן די אַרעסטירטע. די ערד אַרום דער וואַנט אין דער טיף פון 2½ מעטער, וואָס איז געווען דורכ־געזאָפּט מיט בלוט, האָבן זיי באַזייטיקט און אָנגעשאָטן אַנשטאָט דעם בלוטיקן — פרישן זאַמד.

לעצטנס פירן די דייטשן דורך, פאַרשטייט זיך, מיט יידישע הענט, דאָס אויסגראָבן מתים אויפן יידישן בית־עולם אין וואַרשע. דער ציל — דער זעלביקער: פאַרווישן די שפּורן פון מאָרד.

ד.

אין משך פון אַ ריי חדשים איז וואַרשע אַן עדות פון סיסטעמאַ־טישן גרינטלעכן צעשטערן דאָס, וואָס איז נאָך געבליבן נאָך די פאַר־אַיאָריקע קאַמפן אין דער פאַרניכטעטער וואַרשעווער געטאָ. יעדן טאָג ווערט די שטאָט אויפגעטרייסלט פון מעכטיקע אויפרייסן. דאָס זע־נען די מינעס, וואָס זעצן אויס אין דער לופט די חורבות פון די פאַר־ברענטע און צעשטערטע הייזער אין געטאָ. פון דער זייט מויער, וואָס רינגלט אַרום די געטאָ, זעט מען דורך דעם אַריינפאָר־טויער אַ ים פון ברוכוואַרג און אייזן־שמעלץ אאַ״וו. דאָס אַריינפאָר־טויער איז באַזעצט דורך אַ זשאַנדאַרמען־וואַך מיט געווער אין האַנט — גרייט צו שיסן.

דער ציל איז פאָלגנדיקער: ערשטנס, דער פירער האָט מסתמא אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז די וואַרשעווער געטאָ זאָל אויסגעגליכט ווערן מיט דער ערד; צווייטנס — אויסנוצן די מאַטעריאַלן, וואָס זענען געבליבן פון די חרובע הייזער; דריטנס — די גרויסע אוצרות, וואָס זענען טיילמאָל באַגראָבן אין דער ערד אָדער איינגעמויערט אין די ווענט.

עס זענען טעטיק ספּעציעלע דייטשישע אונטערנעמונגען, וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט און שטאָפּן אָן זייערע קעשענעס! ביי דער דאָזיקער אַרבעט זענען באַשעפטיקט אויך יידן. ביינאַכט קומען טאַקע פאַר אין די אומהיימלעכע מויערן שרעקלעכע זאַכן: מאַסנווייזע דערשיסונג פון פּאָליאַקן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ. אַ מאַסן־מיסטעריע פון טויט!

ה.

1. אָשוויענטשים איז אַן אַלגעמיינער לאַגער, אַ לאַגער פון טויט. דורך אים זענען דורכגעגאַנגען צענדליקער טויזנטער פון דער פּוילישער אינטעליגענץ און סאָציאַליסטישע אַרבעטער. דאָרט זענען אויך רעפּרעזענטירט אַנדערע פעלקער. עס פעלן נישט אַפילו פאָרשטייער פון „העררן־פאָלק": אַזעלכע, וואָס זענען, ווייזט אויס, געפערלעך פאַר די היינטיקע מאַכט־האָבער אין דייטשלאַנד מיט זייערע געפערלעכע און משוגענע איינפאַלן.

2. אין אָשוויענטשים איז פאַראַן אַ יידישע אָפּטיילונג. דאָרט האָט מען מאַסנווייז אומגעבראַכט יידן פון אויסלאַנד, פון מערב און דרום, אין די גאַז־קאַמערן. לעצטנס האָבן אָנגעהויבן קומען טראַנספּאָרטן פון אונגאַרישע יידן.

3. בלאָק נר. 10 אין אָשוויענטשים. „דער דאָזיקער בלאָק געפינט זיך אין הויפּט־לאַגער פאַר מענער און איז באַשטימט בלויז פאַר פרויען. ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ געהיימניש. די פענצטער זענען פאַרלייגט מיט קוישן, די טירן שטענדיק פאַרמאַכט. באַפּולמעכטיקט אַריינצוגיין זענען געווען בלויז מיר 5 פון דער דיעטעטישער קיך פון שפּיטאָל. דאָרט זענען געווען 360 פרויען. בלויז יידישע, חוץ 2 פּוילישע, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט ווי דאָקטוירים. פון 8 פרי ביז 5 אָוונט איז דאָרט געווען איין ס. ס.־מאַן און צוויי אויפזעערקעס אין מונדירן מיט געווער. פון 5 נ.מ. ביז 8 פרי איז דער בלאָק געווען פאַרמאַכט מיט אַן אייזערנער שטאַנג. די פרויען זענען מערסטנס יונגע און געזונטע. צוויי פּויליש־יידישע פרויען זענען

דאָרט מיט קינדער. זיי ציטערן ביים בלויזן געדאַנק, אַז מען וועט זיי אַמאָל נעמען צום אומברענגען, ווי מען טוט עס מיט אַלע קינדער אין לאַגער, ייִנגערע פון 15 יאָר. געוועזן דאָרט פּרויען, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. נאָכן איבערלייענען דעם אורטייל איז אַריינגעקומען אַ זייער נידעריקער מענטש, אָנגעטאָן אין ציווילע מלבושים (איך שרייב אַזוי, ווי ס'האָבן מיר דערציילט טאָקע די פּרויען). ער האָט אויסגעקליבן קנאַפּע 20 פּרויען און זיי אַריבערגעפירט אין בלאָק נר. 10. זיי האָבן דאָס אונדז דערציילט וויינענדיק און פאַר־זיכערנדיק, אַז זיי וואָלטן בעסער געוואָלט שטאַרבן איידער אַזוי צו ליידן. זייער דערשלאָגנקייט איז געווען נאָך גרעסער צוליב דעם, וואָס פון זייער פענצטער האָבן זיי געזען דעם אַזוי גערופענעם פּלאַץ פון טויט, וואו עס זענען אַזוי אָפט פאָרגעקומען מאַסן־דערשיסונגען. די פּרויען פון דעם בלאָק זענען עקספּערימענטאַלע קראָליקעס. מען פירט איבער זיי דורך עקספּערימענטן פון קינסטלעכער באַפרוכפּערונג. די עקספּערימענטן פירט דורך טאָקע דער נידעריקער מענטש אין די ציווילע מלבושים, וועלכער איז מסתמא אַ באַוואוסטער דייטשער פּראָ־פעסאָר. ווי איז זיין נאָמען — ווייס איך נישט.

די פּרויען רופן אים דער העסלעכער קאָטער, אָדער קצב. ער קומט צופאָרן כמעט יעדן טאָג. אָפט קומען צופאָרן קאָמיסיעס, וואָס באַשטייען פון העכער אַ צענדליק מענטשן אין ציווילע און מיליטערישע מלבושים.

זייער אָפט אָפּערירט מען די פּרויען. מען נעמט אַרויס דעם עמבריאָן אין פאַרשיידענע סטאַדיעס פון זיין אַנטוויקלונג. אַזאַ עמ־בריאָן האָב איך געזען אין אַ סלאָיִ מיט ספּירט. די פּרויען ליגן נאָך די איינשפּריצונגען העכער 10 טעג, זיי האָבן שרעקלעכע יסורים. איך האָב אַליין געזען ווי זיי ליגן איינגעוויקלט אין באַנדאַזשן און קענען זיך נישט באַוועגן." (אויסצוג פון אַ באַריכט פון אַן עד־ראיה. — רעד).

4. טערעזיענשטאָט. מיט 6 וואָכן צוריק האָב איך אייך טעלע־גראַפירט ידיעות וועגן דער ליקווידאַציע פון ייִדן אין טערעזיענשטאָט. איך ווייס נישט צי איר האָט דעם קייבל דערהאַלטן. דעריבער חזר איך איבער די ידיעה, כדי מען זאָל אַלאַרמירן די געהעריקע פאַק־טאָרן. טערעזיענשטאָט איז אַ שטאָט, וואו עס זענען פאַרזאַמלט אַ פּאָר צענדליק טויזנט ייִדן פון טשעכיע און אַנדערע לענדער. די שטאָט מוז געשטעלט ווערן אונטערן שוץ פון רויטן קרייץ. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט מען פאַרנאַרט פון טערעזיענשטאָט אַ פּאָר טויזנט

יידן אונטערן ליגנערישן צוזאָג צו געבן זיי אויסגעצייכנטע אַרבעט. די יידן זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַשוויענטשים. אַ געוויסע צייט האָט זיך זיי דאָרט נישט שלעכט געלעבט. זיי האָבן געוואוינט אין באַזונדערע באַראַקן. אָנפאַנג מערץ האָט מען אַ העלפט פון זיי אומגעבראַכט אין גאַז־קאַמערן. פאַרן טויט האָט מען זיי געצוואונגען אונטערצושרייבן בריוו מיט שפּעטערדיקע דאַטעס צו פריינט און באַ־קאַנטע. אין די בריוו זענען געלויבט געוואָרן די אַרבעט־ און די לעבנס־באַדינגונגען. די בריוו זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן אין דער „פּאָליטישער אָפּטיילונג" פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. זיי האָבן געזאָלט אַוועקגעשיקט ווערן אין טערעזיענשטאָט, כדי אַריינצונאַרן ווייטערדיקע פּאַרטיעס יידן און זיי אומברענגען.

5. אין דער זעלבער צייט זענען, דוכט זיך, 8 ענגלישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק פון סינטעטישן ראַבער נישט ווייט פון אַשוויענטשים, אומגעקומען אין גאַז־קאַמערן.

6. חוץ דעם זענען אַ געוויסע צאָל אָפיצירן, סאָוועטישע גע־פאַנגענע, אויפגעהאָנגען געוואָרן לויט אַ פאַראָרדענונג פון בערלין.

2.

באַריכט וועגן אונדזער טעטיקייט

א. אַלגעמיינע זעלבסטהילף.

מיר אַרבעטן זייער אַקטיוו מיט אין „ראָט צו העלפן יידן אין וואַרשע" און נעמען אָנטייל אין אַלע געביטן פון זיין טעטיקייט. אין דעם ראָט זענען פאַרטראָטן פאָלגנדיקע ריכטונגען: פּויערים־פּאַרטיי, וו. ר. נ. (פּ. פּ. ס.), פּוילישע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אַרבעטער־פּאַרטיי פון פּוילישע סאָציאַליסטן (ר.פּ.פּ.ס.). צום ראָט איז לעצטנס צוגעשטאַ־נען דער „בונד" און דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, ווי פאָר־שטייער פון דער יידישער געזעלשאַפט. דער ראָט נעמט אַרום מיט זיין הילף (דורך די אָרגאַניזאַציעס וואָס געהערן צו אים און דורך פאַרשידענע אַנדערע קעמערלעך) פון 9 ביז 10 טויזנט מענטשן. פון דעם פּאָלט אויף די פּוילישע אָרגאַניזאַציעס אויס נאָר 3 און אַ האַלב טויזנט. די איבערי־קע 6 און האַלב טויזנט — אויף די יידישע אָרגאַניזאַציעס. (מיר — 2 און אַ האַלב טויזנט און דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט — 3 און אַ האַלב טויזנט). די הילף וואָס די יידישע אָרגאַניזאַציעס (ד"ה „בונד" און יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט) גיבן דעם ראָט, האָט

אין לעצטן חודש באַטראָפן אַ האַלבן מיליאָן זלאָטעס. יעדער צד דעקט אַ העלפט פון דער סומע. איצט האָבן מיר (ווי אַ קאָאָרדיניר־קאָמיסיע) באַשלאָסן צו אַסיגנירן פאַר דעם ראַט אַ צוויי־חדשימדיקע סובסידיע (אויסצוצאָלן אין צוויי ראַטעס, מאַי און יוני) פון 20 טויזנט דאָלאַר. די נאָרמאַלע חודשלעכע סובסידיע פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור מאַכט אויס פון יאַנואַר 1944 אָן — איין מיליאָן זלאָטעס. אין אַפּריל האָבן מיר געקראָגן אַן אויסערגעוויינלעכן צוגאָב פון אַ האַלבן מיליאָן זלאָטעס. פאַר די חדשים מאַי און יוני האָט די רעגירונגס־דעלעגאַטור אַסיגנירט אַ צוגאָב פון 1 אַ האַלבן מיליאָן זלאָטעס אַ חודש. אָבער דאָס אַלץ איז אַ טראָפּן אין ים. די סומע, וואָס באַטרעפט נישט אַלע מאָל 500 זלאָטעס אַ חודש פאַר אַ פּערזאָן, קלעקט אָפּטמאָל קוים אויף דירה־געלט. האָט טאַקע דער ראַט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דעם פאַרטרעטער פון דער רעגירונג וועגן אויפנעמען זיינס אַ דעלעגאַציע, מיטן ציל אַרומצורעדן זייער דרינגנדיקע פראַגן און צו באַקומען גרעסערע סובסידיעס. די דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פאַרשטייער פון „בונד" (וויצע־פאָרזיצער פון ראַט) און פון זיין קאָ־סירער (פאַרשטייער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי), האָט דער רע־גירונג־פאַרשטייער אויפגענומען אין אַפּריל ה"י. די פאָדערונגען פון ראַט, וואָס זענען אין משך פון אַ 2 שעהדיקער קאָנפערענץ אַרומגערעדט געוואָרן, האָבן ביים פרעמיער געפונען די פולע פאַרשטענדעניש. ער האָט, אַגב, מיט רעכט אונטערגעשטראָכן, אַז דער פינאַנסיעלער אָפּ־קלאַנג אין אויסלאַנד איז אַ צו קליינער און דער באַגרענעצטער בודזשעט איז אָפּטמאָל נישט בכוח צו נעמען אין אַכט די ריכטיקסטע פּאָסטו־לאַטן. אַלנפאַלס האָט ער אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אינטער־ווענץ אַסיגנירט אין אַפּריל נאָך אַ צוגאָב פון אַ האַלבן מיליאָן זלאָטעס. חוץ דעם האָט ער אַרויסגעשיקט פאָלגנדיקע טעלעגראַמעס: פון דעם ראַט (וועגן דער יידישער אונטערשטיצונג־שטעלע), פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט (וועגן טערעזיענשטאַט) און אויך אונדזערס אַן אָרגאַניזאַציאָ־נעלע טעלעגראַמע.

ב. אונדזער געמיינזאַמע קאָאָרדיניר־קאָמיסיע נעמט אַרום די הילפס־אַרבעט אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ, אין די לאַגערן און אויף דעם קאַמף־אָפּשניט (דורך דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע).

די פאָנדן, וואָס זענען צום ערשטן מאָל איבערגעשיקט געוואָרן פון „דזשאָינט" אויף די הענט פון רעגירונגס־פאַרטרעטער פאַרן יידישן

קאָמיטעט, ווערן דורך אונדז געמיינזאַם פּאַרוואַלטעט און זענען באַ־
שטימט פאַר אַלגעמיינע בשותפותדיקע צוועקן פון זעלבסטהילף און
אַקטיווער פאַרטיידיקונג.

אין שייכות מיט די פאָנדן, וואָס קומען אָן פון אויסלאַנד פאַר דער
ק. ק. מיט דער באַוואָרעניש פון אַ קאָנטראָל מצד דעם באַפולמעכטיקטן
פון דער רעגירונג, שטייען מיר, ווי די קאָאָרד. קאָמ., אין אַ קאָנטאַקט
מיט דער רעגירונגס־דעלעגאַטור.

מיר זיינען אין קאָנטאַקט מיט די לאַגערן דורך אונדזערע
חברים־קוריערן, וועלכע מיר האָבן געשטעלט אין רשות פון דער
קאָאָרדיניר־קאָמיסיע. אונדזערע חברים פלעגן אַרויספאָרן צו די לאַ־
גערן און אַוועקפירן דאָרט באַדייטנדיקע סומעס געלט, ידיעות און
געווער. עס איז מסתמא נישט נייטיק אונטערצושטרייכן אַז דאָס
דאָזיקע אַרומפאָרן איז פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר אויף שריט און
טריט. גאַנץ אָפט פלעגט די זשאַנדאַרמעריע אָדער פאָליצײַ אויסליידיקן
גאַנצע צוגן און אַרויסשיקן די „ריינע״ בירגער אויף אַרבעט אין די
לאַגערן און די פאַרדעכטיקטע — אויף יענער וועלט.

צו יעדן אַזאַ מין אַרויספאָר פלעגט דער געגעבענער חבר, אָדער
בעסער געזאָגט, חברטע, באַקומען בריוו צו אונדזערע חברים פון די
לאַגערן. די דאָזיקע בריוו פלעגן שוין אויף אַן אומדירעקטן וועג, דורך
ווייטערדיקע רינגען אָנקומען אין דעם אַבסאָלוט אָפּגעשלאָסענעם לאַ־
גער גופא. פון יעדער אַזאַ מין וויזיט אויף דער פּראָווינץ פלעגט אונדזער
חבר אויף אַן אומדירעקטן וועג אָפּנעמען ידיעות פון דעם לאַגער און
איבערגעבן עס דער קאָאָרד. קאָמיסיע. גאָר אָפט פלעגט מען, כדי צו
באַקומען אַן ענטפער, מוזן אַ צווייטן מאָל פאָרן, ווייל דאָס איבערגעבן
און אָפּנעמען די בריוו מיט די ענטפערס פלעגט פאַרשלינגען אַ סך
צייט. אינעווייניק אין די לאַגערן פלעגן לויט דער רעקאָמענדאַציע
פון דער קאָאָרד. קאָמיסיע אַנטשטיין געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציאָנעלע
צענטערן, וואָס פלעגן זיך פאַרנעמען סיי מיט דער זעלבסטהילף, סיי
מיט די צוגרייטונגען צום עווענטועלן אַקטיוון ווידערשטאַנד.

אומאָפּהענגיק דערפון האָבן מיר צו אונדזערע חברים אין די
לאַגערן באַזאָרגט ספּעציעלע בריוו מיט אינפאָרמאַציעס וועגן אונדז
און וועגן אייך. מיט דעם דאָזיקן וועג גייען אויך אונדזערע ביולע־
טינען און אַנדערע ידיעות און טיילמאָל ספּעציעלע סומעס פון אונדזער
אָרגאַניזאַציע פאַר אונדזערע חברים. דאָס זעלבע פלעגט טאָן אויך
דער צווייטער צד אין דער קאָאָרד. קאָמיסיע. אגב זענען אויך די

דאָזיקע ענינים דערליידיקט געוואָרן נאָך אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענ־
דיקונג. אין דער אַרבעט אויף דער פּראָווינץ פאַר דער קאָארד. קאָמיסיע
האָבן אונדז נישט איינמאָל געהאָלפן באַזונדערס די חברים פון וו. ר. ג.
אין קראָקעווער, לעמבערגער, וואַרשאַווער ראַיאָנען, ווי אויך פאַרשטייער
פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (קראָקע, לעמבערג אא״וו).

ג. יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

צוליבן יאָרטאָג פון די קאַמפן, ווי אויך כדי צו דערגאַנצן די פּריערדיקע באַריכטן, איז נויטיק איבערצוגעבן וועגן דעם, וואָס עס האָט אויפגעטאָן די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע און וועגן אונדזער אָנטייל אין דער ווידערשטאַנד־אַקציע. די דאָזיקע אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן אונטער דער אָנפירונג פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, ווי אַן עמאַנאַציע פון די קאָאָרדינירטע פּאָליטישע גרופּירונגען — פון די יידיש־נאַציאָנאַלע און פון אונדזער פּאַרטיי.

אָבער פאַר דעם — אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער אייגענער סי־טואַציע אין דער צייט נאָך איידער ס׳איז אַנטשטאַנען די ייד. ק. אָ. ווי איר ווייסט פון יאַנטשינס (אַזשעכס) באַריכט — זענען די ערשטע ידיעות וועגן די עקסטערמינאַציע־אַקציעס פון פאַרגאַזעווען (כעלמנאָ) דערגאַנגען קיין וואַרשע אין פעברואַר 1941. ס׳איז דאַן פאָרקומען אַ זיצונג פון דער „צוקונפט״, וואו ס׳איז אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע פון פאַרטיידיקונג אין פאַל, ווען אַזאַ מין אַקציע זאָל זיך אויסברייטערן אויך אויף די געביטן פון גענעראַל־גאַווערנעמאַן. אַלע זענען מסכים געווען, אַז מען דאַרף ענטפערן מיט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אָבער דער דורכשניטלעכער מענטש פון גאַס האָט ניט געגלייבט אין דעם שרעקלעכן אמת וועגן דער דייטשער אכזריות. אין יאַנואַר 1942 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די יידישע פּאַרטייען, וואו ס׳איז באַ־טראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן פאַרטיידיקונג. עס איז דעמאָלט נישט צושטאַנד געקומען דאָס שאַפן אַן איינהייטלעכע קאַמף־אָר־גאַניזאַציע. די צדדים האָבן זיך קעגנזייטיק נישט געקענט, מען האָט אָגב מורא געהאַט, אַז די זאַך וועט אַנטדעקט ווערן און וועט געבן די דייטשן אַן אויסרייד צו ווייטערדיקע פּראָוואָקאַציעס. דעמאָלט האָט אונדזער צ. ק. אָנגעהויבן גרינדן אַ שטרענג פּאַרטייאישע פאַרטיידיקונג־גרופּע אין פאַרשטענדיקונג מיט פּ. ס. (איצט די ר.פּ.פּ.ס.). די קאָ־מענדאַנטור פון דער דאָזיקער פּאַרטייאישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען פון: קוויאַטעק (אברהם בלום), בערעק שניידמיל און בער־

נאָרד. די קאָמענדאַנטן פון די באַזונדערע גרופּן זענען געווען: אברהם פיינער, זלמן פרידריך, שמואל קאָסטרינסקי, לייבל שפּיכלער און מאַרעק עדעלמאַן. די אויסשולונג איז פאָרגעקומען אונטער דער אָנפירונג פון אינסטרוקטאָרן פון פּ.ס. דער עלעמענט אין די פּאַרטיידיקונג־גרופּן איז באַשטאַנען דער עיקר פון דעם אַקטיוו פון „סקיף", ווי אויך טיילוויז פון „צוקונפט"־אַקטיוו. פון די וועלכע איך קען זענען געווען: יורעק בלאָנעס, יענקל בילאַק, גאַבריש פרישדאָרף, יענקל גרושקאַ, נאַטאַן ליבעסקינד, דוד פּעלץ, וועלוול ראַזאָווסקי, שפּערלינג, פּאָליע ליפשיץ (אויסשפּיר), צביה וואַקס (אויסשפּיר) און אַ סך אַנדערע. די גרעסטע שוועריקייטן זענען פאַר אונדז, אָפּגעריסענע פון דער אויסערלעכער וועלט, פאַרשפּאַרטע הינטער די מויערן פון געטאָ, באַשטאַנען אין — איינשאַפן געווער. קויפן רעוואָלווערן איז געווען כמעט אוממעגלעך. וועגן גראַנאַטן האָט קיינער נישט געחלומט אַפילו אין די דרייסטסטע חלומות. די געשעענישן האָבן אָבער אויף אונדז נישט געוואַרט. די „אויסזידלונג" פון יידן פון די שטעט אויף די געביטן פון רייך האָט זיך דערנעענטערט צום סוף. ס'איז געבליבן נאָך לאָדזש, וואו די גאַנצע געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אין פרילינג 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די „אויסזידלונג" פון די קלענערע שטעט אין דער גענעראַלער גובערניע. די וואַרשעווער יידן האָבן נאָך אַלץ איבערגעחזרט: „אין וואַרשע וועט עס נישט געשען". זענען געקומען די געשעענישן פון 18טן אַפּריל בעת וועלכע ס'זענען אומגעקומען די חברים: שקלאַר (דרוקער), נפתלי לערוך, משה גאָלדבערג, טאובע, ליבדער (לינדער?) און שיין. פון דער צייט אָן איז שוין אין געטאָ נישט געווען קיין איין רויקע נאַכט. און דאָך האָט די גאַס נישט געגלויבט, אַז ס'וועט קומען דער „22טער יולי". אונדזער „וועקער" האָט כסדר אַלאַרמירט. די יידישע פּאָליציי, די קהלה־ספערן און די יידישע געסטאַפּאָ־לייט האָבן אָפּגעלייקנט די דאָזיקע קלאַנגען. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די יולי־אַקציע, האָבן מיר נאָך אַ קאָנפערענץ פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף, וואָס האָט דערציילט דעם אמת און האָט גערופן צו פּאַרטיידיקונג. אין אונדזער גרויסער אומבאַהאָלפנקייט האָבן מיר געשריבן: „לאָזט אייך נישט כאַפּן, ווערט אייך מיט הענט און פיס".

... (אויף דעם אָרט ווערט דער אָריגינאַל פון באַריכט איבערגעריסן. ס'פעלט מן הסתם איין בלעטל, וואָס מ'האָט אין לאָנדאָן נישט געקענט אָפּזוכן. — ע. שערער).

. . . די יידישע באַפעלקערונג קערט זיך פון איר אָפּ. ווען פרידריך (זיגמונט) איז אויפן 6טן טאָג פון דער אַקציע צוריקגעקומען פון אַ רייזע נאָך דעם טראַנספּאָרט פון וואַרשעווער יידן און מיר האָבן פאַר־עפנטלעכט גענויע ידיעות וועגן טרעמבלינקע, ווען אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושיקן בריוו צו די הויז־קאָמי־טעטן וועגן דעם זעלבן, האָט אַ טייל פון דער יידישער יוגנט אָנגעהויבן גלייבן, אָבער די איבערוויגנדיקע מערהייט און קודם כל דער עלטע־רער דור, האָט אויך איצט נישט געגלויבט. ווען מען האָט ערגעץ וואו דערמאָנט וועגן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, האָט מען געזאָגט: „דאָס וועט אונדז אומגליקלעך מאַכן — מען וועט אַלעמען אַרויספירן. איר קענט דאָך דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכן די דייטשן באַנוצן מיט אַזאַ פּרעציזקייט".

נאָך דער ערשטער וואָך פון דער אַקציע האָבן דאָס אויסבאַהאַלטן זיך, און אויך די לעגיטימאַציעס פון די שאָפּן, פאַבריקן און אינסטיטו־ציעס פאַרלאָרן זייער ווערט. אומבאַרירלעך איז געווען בלויז די יידישע פּאָליציי. דעמאָלט זענען אונדזערע פּאַרטיידיקונג־גרופּן געווען אויף דער וואָך. מען האָט יעדער מינוט דערוואַרט דעם טראַנספּאָרט געוווער. מען האָט מאָביליזירט אויך אַלע פינפטלעך פון „צוקונפט" און „סקיף". אויך די פּאַרטיי־חברים, אָרגאַניזירט אין באַזונדערע גרופּן, האָבן גע־וואַרט. דער טראַנספּאָרט איז נישט אָנגעקומען. די גרופּן זענען דע־מאָביליזירט געוואָרן. מען האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו פאַר־היטן אונדזערע חברים. אפשר וועט מען נאָך אַמאָל קענען קעמפן. מיר זענען געווען אין קאָנטאַקט מיט דער גרופּע פּ. ס., וואָס האָט אונדז אַ סך געהאָלפן. אונדזערע מענטשן זענען צו 4—5 מאָל אַרויס־געשלעפּט געוואָרן פון „אומשלאַג־פּלאַץ". מען דאַרף דאָ דערמאָנען די ח"ח: מאַריאַן מערענהאָלץ, אַלעק קאַסמאַן, יעזשי הערץ און מיעטעק דאַמב. זיי זענען שטענדיק געווען גרייט אויף יעדן רוף אונדזערען.

נאָך די א"ג „קעסלען", אין וועלכע ס'זענען אומגעקומען אַזוי פיל אונדזערע חברים, איז נאָך, וואָס אַן אמת, דער „אומשלאַג־פּלאַץ" געווען טעטיק, אָבער קיין טראַנספּאָרטן זענען נישט אַוועק. מיר האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע שטילקייט אויף פון דאָס ניי אויפצובויען אונדזער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אין צווישן־צייט האָט מען אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַרשטייער פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָ־מיטעט וועגן שאַפן אַ געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע.

סוף אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן די קאָארדיניר־קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען אַריין צו איין פאָרשטייער פון יעדער אָרגאַניזאַציע. אונדזער פאַרטרעטער איז געווען א. בלום — ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין פרעזידיום פון דער קאָארד. קאָמיסיע און אין דער פּראָ־פּאַגאַנדע־קאָמיסיע. צו דער קאָמיסיע פון דער ייד. ק. אַ. איז פון אונדז דעלעגירט געוואָרן דער ח׳ מארעק עדעלמאַן.

מיר האָבן שוין צו יענער צייט געהאַט אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע, אָבער זייער וויניק געווער. קאָמענדאַנט פון בערשטער־געביט איז געווען גרילאַק, פון טעבענסעס געביט — שלמה פאוו. מיר האָבן געהאַט קאַמף־גרופן אויף אַלע געביטן. ליידער זענען זיי נישט געווען באַוואָפנט מיט קיין הייס געווער. דער ערשטער קליינער געווער־טראַנספּאָרט, וואָס מיר האָבן באַקומען אין דעצעמבער פון די פאַר־שטייער פון פוילישן אונטערערד, האָט נישט געדעקט אפילו קיין הונדערט־חלק פון אונדזערע באַדערפענישן.

די צוויי אַטענטאַטן אויפן קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי יאַקוב לייקין און אויף דעם פאַרבינדער צווישן דער גמינע און די דייטשן ישראל פירשט האָבן שטאַרק פּאָפּולער געמאַכט די ייד. ק. אַ. די יידישע מאַסן האָבן שוין געוואוסט דעם אמת וועגן טרעמבלינקע. זיי האָבן אויפגעהערט צו גלויבן אין די צביעותדיקע צוזאָגן פון די דייטשן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייער גורל איז געחתמעט און אַז די איינציקע רעטונג איז — אַקטיווער ווידערשטאַנד (פאַר די ברייטע מאַסן — אין אַ פּאַסיווער פאָרם). אין דער געטאָ בויען זיך די מענטשן באַהעלטענישן אויפן פאַל פון אַן „אויסזידלונג"־אַקציע. ווען זי וועט קומען, ווייסט מען נאָך נישט, אָבער זי וועט באַשטימט אָנקומען. די ייד. ק. אַ. אָרגאַניזירט און פירט אויס אורטיילן אויף געהיים־אַגענטן, יידישע פּאָליציאַנטן און דייטשע משרתים. אין דעם נעמען אָנטייל אויך אונדזערע חברים. די אַזוי גערופענע צווייטע „אויסזידלונג"־אַקציע טרעפט אונדז אין מיטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן; דאָס געווער האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פון צענטראַלן מאַגאַזין, אַזוי אַז געקעמפט האָבן בלויז די גרופן, וואָס האָבן געוואוינט נעבן מאַגאַזין. פון אונדזערע חברים האָט אין די קאַמפן אָנטייל גענומען און איז געפאַלן דער ח׳ אברהם פיינער.

כאָטש די יאַנואַר־אַקציע איז געווען אַ קליינע — האָט זי אָבער געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. דאָס איז געווען דער ערשטער באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן. עס איז צעשטערט געוואָרן די לע־

גענדע ווערן דער אומבאַזיגבאַרקייט פון דייטש — דעם האַר איבערן לעבן און טויט פון הונדערטער טויזנטער יידן. די קעמפער — צעטיילט אין פינף פונקטן — האָבן דורכגעפירט פאַרטיזאַנישע פלי־אַטאַקעס אויף דייטשן. עס איז געקומען צו עטלעכע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן. עס איז צושטאַנד געקומען איין גרעסערע גאַסן־שלאַכט אויף דעם אָרט, וואו עס קרייצן זיך די גאַסן סטאַווקי און זאַמענהאָף. די דייטשן, וועמען דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון די יידן האָט געטראָפן אומגע־ריכט, האָבן נאָך צוויי טעג איבערגעריסן די אַקציע. פון דער יאַנואַר־אַקציע אָן וואַקסט די ראָלע און וואָג פון דער ייד. ק. אָ. פאַקטיש האָט אין געטאָ געהערשט די ייד. ק. אָ. אַ באַווייז פאַר דעם איז דער פאַקט, וואָס די ייד. ק. אָ. האָט אַרויפגעלייגט אויפן יידנראַט און זיינע אינסטי־טוציעס אַ קאָנטריבוציע אויף צו קויפן געווער אין דער הייך פון 1 מיליאָן זלאָטעס. די דאָזיקע סומע איז אין משך פון 3 טעג געוואָרן איינגעצאָלט.

נישט קענענדיק דורכפירן די ענדגילטיקע „אויסזידלונג"־אַקציע מיט צביעות און פאַלשקייט, זענען די דייטשן צוגעטראָטן צו אַ צוואַנג־„אויסזידלונג". 2 אַזייגער אין דער נאַכט פון 18טן אויפן 19טן אַפּריל 1943 שטעלן די דייטשן אויס אַרום די מויערן פון געטאָ געדיכטע פּאַטראָלן (יעדע 25 מעטער) פון דייטשן, אוקראַינער און לעטן. איינציקווייז, אָדער צו צוויי און דריי גייען אַריין די דייטשע זעלנער אויפן שטח פון געטאָ. 4 אַזייגער פאַרטאָג געפינען זיך שוין אַלע קאַמף־גרופּן אויף זייערע ערטער. זיי זענען גרייט ווי געהעריק אויפצונעמען דעם אַריינמאַרשירנדיקן שונא. אויף דעם שטח פון דער צענטראַלער געטאָ זענען פאַראַן 8 קאַמף־גרופּן, אויף דעם בערשטער־געביט — 5, אויף דעם געביט שולץ און טעבענס — 7.

6 אַזייגער אין דער פרי מאַרשירן אַריין אויף דעם שטח פון צענ־טראַלן געטאָ 2 טויזנט ס.ס.־לייט, טאַנקען, האַרמאַטן, 3 לאַסט־אויטאָ־מאָבילן פאַרלאָדן מיט אַמוניציע און אַן אַמבולאַנס. צוזאַמען מיט דער ס. ס. באַווייזט זיך דער גאַנצער „אויסזידלונג"־שטאַב, וואָס באַשטייט פון די אָפיצירן פון ס. ס. און געסטאַפּאָ: מיכעלסאָן, האַנדקע, האָפּפלע, מירעטשקאָ, בארטעטשקאָ, בראַנד און מענדע. די יידישע באַפעלקערונג איז אויף דער אויבערפלאַך נישטאָ. זי געפינט זיך אין די באַהעלטענישן און אונטער דער ערד. אויבן וואַכט בלויז די יידישע קאַמף־אָרגאַני־זאַציע. די קעמפער געפינען זיך אין דריי שליסל־פונקטן פון געטאָ, וואָס פאַרמאַכן דעם אַריינגאַנג צו די הויפּט־גאַסן. דער ערשטער

צוזאַמענשטויס קומט פֿאָר אויף די נאַלעווקעס, וואו צוויי באַריקאַדירטע קאַמף־גרופּן פֿאַרטיידיקן די גאַס. דער קאַמף דויערט אַרום 6 שעה און ענדיקט זיך מיט אַ זיג פֿון די קעמפֿער. די דייטשן טרעטן אָפּ און לאָזן איבער אַ סך דערהרגעטע. גלייכצייטיק פֿירט זיך אויף ראַג מילע און זאַמענהאָף דער הויפּט־קאַמף. פֿאַרבאַריקאַדירט אויף אַלע פֿיר ראַגעס פֿון די גאַסן, האָבן די קעמפֿער אַטאַקירט די דייטשע הויפּט־קאָלאָנע, וואָס מאַרשירט אַריין אין געטאָ. נאָך די ערשטע שאָסן פֿון אַ מאַשין־ביקס און גראַנאַטן, וואָס טרעפֿן אין די געשלאָסענע רייען פֿון די ס. ס.־לייט — ווערט די גאַס ליידיק. מען זעט לחלוטין נישט קיין גרינגע מונדירן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין די טויערן פֿון די שכנותדיקע הייזער. עס קומט פֿאָר אַן אויסטויש פֿון איינציקע שאָסן. אין 15 מינוט אַרום ווערן דורך דער „וואַכע" אַרויסגעפֿירט טאַנקען. זיי קומען צו נאָענט צו דער פּאָזיציע פֿון די קעמפֿערס. רואיק, גוט געצילט ווערן געוואָרפֿן די אָנצינד־פֿלעשלעך און טרעפֿן אין טאַנק. דער פּלאַם פֿאַרשפּרייט זיך אומדערוואַרטעט שנעל. ס'קומט דער אויפֿרייס, די מאַשין איז אומשעדלעך . . . די רעשט טאַנקען טרעטן אָפּ און נאָך זיי אין גרויס אײַלעניש — אַלע דייטשן, אין דער באַגלייטונג פֿון גראַנאַטן און גוט געצילטע שאָסן. די דייטשן האָבן פֿאַרלאָרן אַרום 200 דערהרגעטע און פֿאַרוואונדעטע. אונדזערע פֿאַרלוסטן — 1 קעמפֿער. אין צוויי שעה אַרום האָבן די דייטשן אויסגעשטעלט אויף דעם שטח פֿון צווישן־געטאָ האַרמאַטן און אָנגעהויבן צו באַשיסן אונדזערע פּאָזיציעס. דער צוגאַנג איז פֿריי, די פּאָזיציעס דעראָבערט. פֿלוצלונג פֿון די אַנטקעגנדיקע פֿענצטערס (זאַמענהאָף 29) הייבן אָן צו פֿליען גראַנאַטן. דאָס האָט איינע פֿון אונדזערע גרופּעס, וואָס האָט ביז איצט נישט געשאָסן און נישט פֿאַרראַטן איר עקזיסטענץ, אַטאַקירט די דייטשן צום צווייטן מאָל. די דייטשן פֿאַרלירן אַרום 50 דערהרגעטע. אונדזער גרופּע טרעט אָפּ אָן פֿאַרלוסטן. 5 אַזייגער נאָכמיטאָג זענען אויפֿן שטח פֿון געטאָ שוין נישט געווען קיין דייטשן. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף די נישט־באַוואוינטע שטחים. מיר האָבן געהאַט די איבערגעוויכט איבער די דייטשן דערפֿאַר, ווייל מיר האָבן געהאַנדלט אומגעריכט און שנעל פֿון גוט מאַסקירטע פּאָזיציעס.

דער צווייטער טאָג פֿון דער אַקציע הייבט זיך אָן מיט אַ קאָנצענט־ראַציע פֿון גרעסערע אָפּטיילונגען פֿון ס. ס. אויף די געביטן פֿון צווישן־געטאָ און אויף דער אַרישער זייט (אויף קראַשינסקי־פּלאַץ — אַרטילעריע). דער גרעסטער טייל פֿון די מחנות גייט אָבער נישט אַרויף

אויף די באַוואוינטע געביטן. ערשט אַרום 3 אַזייגער נאָכמיטאָג גייט אַן אָפּטיילונג פון 300 ס. ס.־לייט צו צום טויער פון בערשטער־געביט. זיי פאַרהאַלטן זיך נאָר אויף אַ ווײַלע, אָבער דאָס איז גענוג פאַר די קעמפער צו פאַראייניקן דעם עלעקטרישן קאָנטאַקט און אונטער די פיס פון די ס. ס.־לייט רייסט אויף אַ מינע. די דייטשן אַנטלויפן איבערלאָזנדיק פון 80 ביז 100 געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. אין צוויי שעה אַרום קומען זיי צוריק אויף דעם געביט. פאַרזיכטיק, איינציקווייז, אין קאַמף־סדר. עס וואַרטן זיי אָפּ די קעמפערס אויף זייערע פּאָזיציעס. 30 דייטשן זענען אַריין, אָבער אַרויס זענען בלויז צוויי. זיי זענען אַטאַקירט געוואָרן מיט גראַנאַטן און צינד־פלעשלעך. ווער עס איז נישט אומגעקומען פון די גראַנאַטן, יענער איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. ערשט איצט פירן די דייטשן אַרויס די אַרטילעריע. זיי באַשיסן דעם בלאָק פון 4 זייטן. אין דער זעלבער צייט קומען אויף דעם געביט 2 העכערע אָפיצירן פון דער ס. ס. און רופן די קעמפער צו לייגן דאָס געווער. זיי לייגן פאַר אַ וואָפן־שטילשטאַנד אויף 15 מינוט. אויב נישט — דראָען זיי צו באָמבאַרדירן דעם געביט. דער ענטפער — עטלעכע שאָסן. פון דער צווייטער זייט בלאָק, פון דער פראַנטשישקאַנער גאַס, גייט אַריין אַן אָפּטיילונג ס. ס. ווייט איז זי נישט דערגאַנגען; זיך דערשראָקן פאַר די עטלעכע גוט געצילטע ביקסן־שאָסן. און ווידער זענען קיין דייטשן אויף דעם געביט נישטאָ. דאָס איז דער צווייטער פולשטענדיקער זיג פון די קעמפער. אויף די געביטן פון טעבענס און שולץ האָט מען דעם זעלבן טאָג געמאָלדן אַ פּריווילעקע ווערביר־קאַמפּאַניע צו די אַרבעט־לאַגערן. אָבער נישטאָ קיין בעלנים. קיינער מעלדעט זיך נישט. אַלע איינוואוינער דאָ, פּונקט ווי אין דער צענטראַלער געטאָ, געפינען זיך אין די אונטערערדישע באַהעלטענישן. די דירעקציע פון די שאָפּן פאַר־לענגערט יעדע עטלעכע שעה דעם טערמין פון פּריווילעקן אָפּפאָרן, אָבער דאָס העלפט אויך נישט. נאָך דער דערקלערונג, אַז זיי וועלן זיין געצוואונגען צו באַנוצן די זעלביקע מעטאָדן, ווי אין צענטראַלן געטאָ — אַטאַקירן די קאַמף־גרופּן, וואָס געפינען זיך אויף די געביטן, מיט גראַנאַטן און באָמבעס, די ס. ס.־אָפּטיילונג אויף דער אַרישער זייט (40 דערהרגעטע און פיל פאַרוואונדעטע) און די אָפּטיילונגען וואָס גייען צו דער צענטראַלער געטאָ אויף די גאַסן נאַוואָליפּיע און סמאָטשע. אויפן באַפעל פון דעם ספּעציעל פון לובלין אַראָפּגעבראַכטן פּאָליציי־פירער גלאָבאָצניק האָבן די דייטשן אויפן צווייטן טאָג פון דער אַקציע

אָנגעהויבן אונטערצוצינדן די געטאָ. אין דער ערשטער ריי די הייזער און הייזער־בלאָקן וואו זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד: נאַלעווקי 33־35־37; מילע 19, 21; זאַמענהאָף 28 און דערנאָך דעם גאַנצן בערשטער בלאָק (דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע שׂרפה). אין די פלאַמען קומען אום טויזנטער מענטשן אין די באַהעלטענישן, בוידימס און וואוינונגען. אַ שפרונג פון דריטן אָדער פערטן שטאָק פאַרענדיקט געוויינלעך דאָס לעבן פון די ברענענדיקע יידן. ווער עס האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון די פלאַמען, פאַלט אויף דער גאַס פון די דייטשע קוילן. אין אַ סך ערטער זעט מען זיצנדיקע מתים. זיי זענען דערהרגעט געוואָרן אין שלאָף. גאַנץ אָפט טרעפט מען פרויען־מתים מיט קינדער אויף די הענט. אַלס ענטפער אויפן אונטערצינדן די געטאָ צינדן די קעמפער אונטער אַלע מאַגאַזינען: די „ווערט־ערפאַססונג" און די שאָפּ־מאַגאַזינען אין ווערט פון עטלעכע צענדליק מיליאָן זלאָטעס. די אַקציע דויערט ווייטער. די דייטשן זוכן די באַהעלטענישן. צוליב דער גרויסער היץ גייען מענטשן ביינאַכט אַרויס אויפן הויף. לויט די שפורן וואָס זיי לאָזן נאָך זיך איבער, זוכן די דייטשן דעם וועג צו דעם בונקער. עס העלפן זיי די אונטערהערער־אַפּאַראַטן און די שפּיר־הינט. אין דער דאָזיקער צייט גייען די קעמפּערס איבער פון אָנגריף צו פאַרטיידיקונג. זיי ווילן, ווי ווייט עס וועט זיך נאָר לאָזן, ראַטעווען די מענטשן אין די בונקערס. עס קומט פאָר אַן איבערגרופּירונג פון די כּוחות. צו אַ סך בונקערס ווערן צו־געטיילט קאַמף־גרופּן. אויפן 6טן טאָג פון דער אַקציע האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרטיידיקונגס־קאַמפן אויף די געביטן פון טעבענס און שולץ. די קעמפערס האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין הייזער און אויף בוידימס. זייער ציל איז געווען נישט צולאָזן די דייטשן צו די בונקערס. יעדן טאָג האָבן די קעמפערס אין אַן אַנדער אָרט פאַרטיידיקט די מענטשן פון די בונקערס. באַזונדערס זענען אַזעלכע קאַמפן פאָר־געקומען אויף נאַוואָליפקי 41, לעשנאָ 74, 76, 78, נאַוואָליפיע 67, 69. די רעגולערע אָנגריף־ און פאַרטיידיקונגס־קאַמפן האָבן געדויערט 10 טעג. עס האָבן זיך ביי די קעמפערס געגומען אויסשעפּן די מאָגערע זאַפּאַסן פון אַמוניציע. עס איז געבליבן בלויז אַביסל פאַר דער פּאַט־ראָל־אַקציע און זעלבסטשוץ. לויט די אויסרעכענונגען וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן זענען געפאַלן 1200 דייטשן דערהרגעטע און שווער פאַרוואונדעטע. ספּאָראַדישע קאַמפן צווישן די אויפשטענדלער און די דייטשן האָבן נאָך געדויערט אַ לאַנגע צייט, מערסטנטייל ביינאַכט.

דאָס אונטערצינדן די געטאָ האָט נישט אויפגעהערט. נאָך צוויי וואָכן איז די גאַנצע געטאָ צוזאַמען מיט די נישט באַוואוינטע געביטן געוואָרן פאַרברענט. עס האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן דאָס פעלן פון וואַסער און שפייז. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אויפצורייסן די פאַר־ברענטע הייזער. דערמיט האָבן זיי געוואָלט ענדגילטיק פאַרניכטן די נעסטן פון די קעמפערס אין די בונקערס און ברעכן זייער ווידערשטאַנד. זיי האָבן אָנגעהויבן באַנוצן גאַז־באָמבעס. אין דעם קאַמף פון די נאָך לעבן־געבליבענע אין די בונקערס מיט די דייטשן, אָדער פון זייערע גאַז־באָמבעס, איז אומגעקומען די גרעסטע צאָל קעמפערס. אַ גרויסע צאָל פון זיי, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אין דעם בונקער פון דער קאָמענדאַנטור, איז, נישט וועלנדיק אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט צום שונא אין די הענט, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. בלויז אַ קליינער צאָל איז געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט. די 4 קאַמף־גרופּעס, וואָס זענען איבערגעבליבן אין געטאָ, האָבן נאָך העכער אַ חודש געפירט אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף מיט די דייטשן. אין דעם דאָזיקן קאַמף זענען זיי אַלע אומגעקומען. די באַוואָפנטע אַקציע פון די יידן אין געטאָ האָט אַרום און אַרום געדויערט 7 וואָכן.

אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט אָנטייל גענומען אין דער אַרבעט פון דער ייד. ק. אָ. אין געטאָ אין משך פון אַ האַלב יאָר (פון אָקטאָבער 1942 ביז מאַי 1943). מיר האָבן געאַרבעט געמיינזאַם מיט אַלע יידישע אומ־לעגאַלע נאַציאָנאַל־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אונדזערע חברים האָבן געלעבט און געאַרבעט צוזאַמען מיט זיי אין איין בשותפותדיקער משפחה. עס האָט זיי פאַראייניקט און דערנענטערט דער ציל. אין משך פון דעם האַלבן יאָר זענען נישט געווען קיין שום פּאַרטייאישע רייבונגען. זיי האָבן געאַרבעט אָנשטרענגנדיק אַלע זייערע כוחות צו פּאַרטיידיקן דעם כבוד. אַלע זענען געווען גלייכע קעמפערס לגבי דער געשיכטע און לגבי דעם טויט. אָבער מיט אונדזערע נאָענטסטע בינדט אונדז דאָך אַזוי פיל. אונדזערע האָבן טאַקע דערפילט דעם זעלבן חוב, וואָס יעדער אַנדער קעמפער, אָבער מיט דעם וואָס זיי זענען אַרויס פון דער בונדישער שול, ווערן זיי אונדז נענטער.

פון דער יאַנואַר־אַקציע אָן האָבן מיר פאַרמאָגט 4 גוט צוגע־גרייטע קאַמף־גרופּן. די קאָמענדאַנטן זענען געווען: יורעק בלאָנעס, וועלוול ראָזאָווסקי, לייווי גרוזאַלץ און דוד האָכבערג. אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיידיקונג פון בערשטער־געביט האָט מארעק עדעלמאַן (אין דער קאָארד. קאָמיסיע און אין דער קאָמענדאַנטור פון דער ייד. ק. אָ.

— פונקט ווי פאַר דער יאַנואַר־אַקציע). אין דעם הילף־אַפּאַראַט פון דער ייד. ק. אַ. אויף דער אַרישער זייט האָבן געאַרבעט: פרידריך, פישגרונד, צעלעמענסקי, וולאַדקא (פעלטעל פייגע). מיכאל קלעפּפיש איז סיי אויף דער אַרישער זייט, סיי אין געטאָ געווען דער אינסטרוק־טאָר און אָנפירער מיט דער פּראָדוקציע פון גראַנאַטן און צינד־פלעשער. פון אונזערע אַלע קעמפערס איז דער גרעסטער טייל אומגעקומען אין די קאַמפן אין געטאָ, אָדער תיכף נאָכן אַרויסגיין פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט. יורעק בלאָנעס — דער קאָמענדאַנט פון אונדזער גרופּע אויף דעם בערשטער־געביט — איז געווען איינער פון די בעסטע און דרייסטסטע קעמפער. צוויי מאָל האָט ער אָפּגעראַטע־וועט די בערשטער־גרופּן פון אַ זיכערן אומקום — אַליין פאַרהאַלטנדיק דעם אָנגריף פון העכער אַ צענדליק דייטשן. מלך פערעלמאַן, וואָס איז אין דער וואָך אַרום די מויערן געווען פאַרוואונדעט מיט דריי קוילן, איז אַ לאַנגע צייט געבליבן אויפן פלאַץ דעקנדיק דאָס אָפּטרעטן פון די איבעריקע חברים. ווען ער האָט זיך שוין מער נישט געקענט האַלטן אויף די פיס, האָט ער אָפּגעגעבן זיין מאַשין די חברים, אַז זי זאָל נישט אַריינפאַלן צום שונא אין די הענט. אַ פאַרחלשטן האָבן אים די חברים אַריבערגעטראָגן אויפן הויף וואו ס׳האָט זיך געפונען דער בונקער פון זיין גרופּע. ער האָט שוין אָבער נישט געקאָנט אַהין אַריינגיין. מען האָט אים איבערגעלאָזן אויבן אויף אַ שטאָק און געשיקט צו אים אַ וועכטער. ווען יענער איז געקומען, האָט ער אים נישט דערלויבט צו בלייבן. ער האָט אים אָפּגעגעבן דאָס געווער און געזאָגט: „מיר איז עס שוין נישט נויטיק, אָבער אייך וועט עס גוט צונוץ קומען״. אויף צעמאַרגנס האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס הויז און ער איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. טאָבטשע דאַווידאָוויטש — די קוריערין פון אונדזער גרופּע אויף שולצעס געביט — אַ פאַרוואונדעטע אין פוס, האָט זי אַרויסגעפירט די גרופּע צום אַרויסגאַנג פון די קאַנאַלן און אַליין איז זי געבליבן אין געטאָ. זי האָט נישט געוואָלט זיין קיין לאַסט פאַר די חברים צוליב איר פאַרוואונדעטן פוס. האָכבערג דוד — דער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־גרופּע. ווען די די דייטשן האָבן אַנטדעקט דעם בונקער פון זיין קאַמף־גרופּע, האָט ער אָפּגעגעבן דאָס געווער זיינע חברים און מיט זיין קערפּער פאַרבאַריקאַדירט דעם אַריינגאַנג. ער איז דערהרגעט געוואָרן, אָבער די גאַנצע ציווילע באַפעלקערונג און אַלע קעמפערס פון דעם בונקער האָבן אין משך פון דער צייט באַוויזן אַרויסצוגיין מיט דעם צווייטן אַרויסגאַנג. דאָס

באַזייטיקן זיין קערפּער פון דעם אַריינגאַנג האָט געדויערט אַרום 15 מינוט.

מען וואָלט געקענט אויסרעכענען נאָך אַ סך קעמפער וואָס האָבן געקעמפט און זענען געפאַלן ווי העלדן. אין דער צייט פון דער לעצטער אַקציע זענען אומגעקומען אין געטאָ אונדזערע חברים וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער ייד. ק. אָ.: לאַזער קלאָג, גרילאַק, קערש, בלומע קלאָג, רעניע פּיזשיק, ד״ר בראַודע־העללער און נאָך אַ סך אַנדערע.

די ייד. ק. אָ. קאָנטינואירט איר טעטיקייט. מיר זענען דאָרט פאַרטראָטן דורך אונדזער פאַרשטייער אין דער קאָמענדאַטור און מיר אַרבעטן מיט מיט דער קאָאָרד. קאָמיסיע, וואָס איז די העכסטע אינס־טאַנץ לגבי דער ייד. ק. אָ.

דער פאַרשטייער פון אונדזער פּאַרטיי אין דער ייד. ק. אָ. אויפן ערשטן געביט (לגבי דער מיליטערישער און ציווילער מאַכט) איז אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער עקזיסטענץ פון געטאָ אין וואַרשע געוועזן ח׳ לעאָן פיינער. פון יולי 1943 אָן האָט די קאָאָרד. קאָמיסיע דעלעגירט אין איר נאָמען 2 מיטגלידער אײנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט דער מיליטערישער מאַכט: ח׳ סאַמסאָנאָוויטש אין אונדזער נאָמען און אַנטעק׳ן פון דעם ייד. נאַצ. קאָמיטעט (קאָ־מענדאַנטור פון דער ייד. ק. אָ.).

די ייד. ק. אָ. האָט איצט עטלעכע גרופּן. איינע געפינט זיך אין וואַרשע און די איבעריקע — אין פאַרשיידענע פּונקטן אויף דער פּראָ־ווינץ. אונדזערע חברים, וועלכע מיר האָבן איבערגעגעבן צו דער דיספּאָזיציע פון דער ייד. ק. אָ., פאָרן אַרויס צו די דאָזיקע קאַמף־גרופּן און באַזאָרגן זיי מיט געלט, קליידער, אַפּטייק, בריוו און געווער. די באַדינגונגען פון קאָנטאַקטירן זיך מיט זיי זענען זייער קאָמפּליצירטע און ריזיקאַליש. ליידער זענען די רייען פון די קאַמף־גרופּן פון דער ייד. ק. אָ. זייער שיטער געוואָרן צוליב די דייטשע אַקציעס און פיינט־לעכע באַנדעס. עס איז אין אַלגעמיין שווער צו לייזן דעם דאָזיקן גאַנצן פּראָבלעם.

ד. די קאָאָרדיניר־קאָמיסיע.

מיר האָבן אין דער קאָאָרד. קאָמיסיע באַשלאָסן אַרויסצוגעבן צוויי ביכער: וועגן טרעמבלינקע און צום יאָרטאָג פון די באַוואָפנטע קאַמפן אין געטאָ (אַ געדענק־בוך).

דער מחבר פון דער בראָשור „אַ יאָר אין טרעמבלינקע״ איז יענקל ווערניק. ער איז אין דעם דאָזיקן טויטן־לאַגער געווען אַ גאַנץ יאָר און האָט צוזאַמען מיט אַנדערע אָרגאַניזירט אַ בונט וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט צעקלאַפּן און פאַרברענען דעם לאַגער. עס איז אויך מוראדיק צעשלאָגן געוואָרן דער דייטש־אוקראַינישער לאַגער־פּערסאָנאַל. אַ גרויסער טייל פון די פאַראורטיילטע האָט זיך גע־ראַטעוועט. איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו רעדן מיט דעם דאָזיקן מענטשן און איך האָב זיך פון אים דערוואוסט: זיין „פאָלק־שול״, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, האָט ער פון 1904 און שפּעטער דורכ־געמאַכט אין „בונד״, און די „גימנאַזיע״ — אין די בונדישע שולן פון זעלבסטשוץ. ער איז דערנאָך געווען אַ האַנטווערקער, האָט געהערט צו דער האַנטווערקער־קאַמער און מיט פּאָליטישער טעטיקייט זיך נישט פאַרנומען. דאָס בוך וועגן טרעמבלינקע ליגן מיר ביי. עס וועט מאַכן אַן אויפטרייסלענדיקן איינדרוק, אַזוי אויפטרייסלענדיק ווי ס'איז דאָס, וועגן וואָס דער מחבר שרייבט.

דער געדענק־בוך פון דער ייד. ק. אָ. ווערט מאָנטירט בשותפות דורך ביידע צדדים און עס ווערט פאַראייניהייטלעכט דער מאַטעריאַל. עס וועט דערשיינען געדרוקט ווי אַן אויסגאַבע פון דער קאָארד. קאָ־מיסיע. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָס וועט איר באַקומען.

ה. אונגאַרן. אַ לענגערע צייט איז געווען אַקטועל די פראַגע וועגן שיקן יידן קיין אונגאַרן. די זאַך האָבן סוגערירט באַזונדערס פאַקטאָרן פון דעם קראָקעווער „ראַט צו העלפן יידן״ און די דאָרטיקע חברים פון דער וו.ר.ג. מיר, ווי אַ קאָאָרדיניר־קאָמיסיע, האָבן זיך באַצויגן מיט רעזערוו צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם. מיר האָבן פאָראויסגעזען גרויסע קאָמפּליקאַציעס און געפאַרן וואָס קענען זיך שאַפן פאַר די יידן אין אונגאַרן אין רעזולטאַט פון אַ געענדערטער מיליטערישער און אינטער־נאַציאָנאַלער סיטואַציע. אַזוי איז טאַקע געשען. איצט קומען אָן צו אונדז זייער טרויעריקע ידיעות פון אונגאַרן וואו מיט די יידן געשעט דאָס זעלביקע ווי ביי אונדז, נאָר אין אַ פאַרגיכערטן טעמפּ. לעצטנס זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות וועגן טראַנספּאָרטן יידן פון אונגאַרן אין די לאַגערן פון פּלאַשאָוו און אָשווענטשים, ווי אויך אין וואַרשע (זיי פירן דאָ אויס אַרבעטן אויף דעם חרובן געביט פון דער געטאָ).

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ענין אונגאַרן איז אויפגעקומען די פראַגע וועגן אַ קאָנטאַקט מיט סלאָוואַקיי וואו עס איז געווען טעטיק און

זאָל נאָך איצט זיין טעטיק אַ יידישער סלאָוואַקישער קאָמיטעט וואָס דיספּאָנירט מיט באַדייטנדיקע פאָנדן. צי ווייסט איר עפּעס וועגן אַזאַ מין קאָמיטעט? אויב נישט, צי קענט איר זיך דערוויסן? אין דעם פאַל וואָלט איך זייער געבעטן ענטפערן.

ו. יידישע אונטערשטיצונג־שטעלע.

שוין אין פריערדיקן באַריכט האָב איך וועגן דעם געשריבן. די קאָרד. קאָמיסיע האָט אויך געשיקט אַ טעלעגראַמע. איך האָב אין דער טעלעגראַמע צו אייך וועגן דעם דערמאָנט. אומאָפּהענגיק פון דעם האָט אונדזער וואַרשעווער „ראַט צו העלפן יידן" אָפּגעגעבן דעם ענין אין זיין באַריכט אַ באַזונדער אָרט. אין די דאָזיקע אַלע אונדזערע ענונציאַציעס האָבן מיר אונטערגעשטראָכן ווי נויטווענדיק עס איז צו דיסקוואַליפיצירן די דאָזיקע אינסטיטוציע ווי אַ דייטשע. מען מוז זיך תיכף אַנטקעגנשטעלן, אַז וואָס נישט איז זאָל פאַר אונדז געשיקט ווערן דורכן אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ. אַלץ זאָל איבערגעשיקט ווערן אָפּיציעל, דורך די וועגן פון פּוילישן אונטערערד. נישט קוקנדיק אויף דעם, דערוויסן מיר זיך, צו אונדזער גרויסער פאַרוואונדערונג, פון אייער בריוו, ח' עמנואל, אַז דורכן רויטן קרייץ גייען ווייטער באַדייטנדיקע סכומים מעדיקאַמענטן און שפּייז; אַז אויף דעם דאָזיקן צוועק זענען באַשטימט געוואָרן גרויסע אָפּיציעלע פאָנדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. דר. וויכערט, וואָס שטייט אין שפּיץ פון דער „יידישער אונטערשטיצונג־שטעלע", קען טאַקע לאַכן אין די פויסטן און דערקלערן, אַז נישט נאָר וואָס ער אנערקענט נישט די קאָאָרד. קאָמיסיע אין וואַרשע, נאָר אויך נישט די יידישע רעפּרעזענטאַנץ אין לאָנדאָן. עס איז מסתמא מצד די אויסלענדישע פאַקטאָרן געמאַכט געוואָרן אַ פאַרדריסלעכער פאַרזען אָדער עס איז פאַרגעקומען אַ פאַטאַלע מיספאַרשטענדעניש. דעריבער בעט איך אייך, חברים אונדזערע אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק, אַז איר זאָלט פון אייער זייט תיכף אָננעמען די געהעריקע שריט, דער דאָזיקער צושטאַנד זאָל ראַדיקאַל געענדערט ווערן אין איינקלאַנג מיט דער מיינונג פון אַלע קאָנספּיראַטיווע פאַקטאָרן (פּוילישע און יידישע) פון דעם אונטערערדישן פּוילן. צי איז עס נישט אַ פּאַראַדאָקס? מיר שטיקן זיך פאַר אַ גראָשן, און דאָ גייען ריזיקע פאָנדן, קעגן דער אינטענץ פון די וואָס גיבן דאָס געלט, אויף צילן וואָס ליגן אין די אינטערעסן פון די דייטשע מערדערס.

.3

אונזער אינערלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט

1. קודם כל וועגן דער זעלבסטהילף־אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט ווערט געפירט צווישן אונזערע חברים, זייערע משפחות און סימפּאַטי־קער לויט די פאָדערונגען פון די געגעבענע שווערע סיטואַציעס און לויט אונזערע פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן. מיר טוען דאָס אומאָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער זעלבסטהילף וועגן וועלכער כ׳האָב איך שוין אויבן געשריבן. דער דאָזיקער אָפּשניט פון אונזער טעטיקייט איז איינער פון די וויכטיקסטע און אפשר דער וויכטיקסטער. זי פאַרשלינגט אַסך צייט, ענערגיע און נערוון. מיר האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתער משפחה, אין איר קאָפּ, וואָס מוז און וויל פאַר אַלעמען זאָרגן. עס איז אונזער שטאָלץ וואָס מיר קאָנען דאָס טאָן פּינקטלעך און צו דער צייט. אויב עס טרעפן,ליידער, טרויעריקע פאַלן, איז עס אַ פועל יוצא פון די באַדינגונגען, פון דער סיטואַציע וועלכע נישט מיר האָבן געשאַפן, נאָר מען האָט זי אונז מיט געוואַלט און אָפּט אומגעריכט אָנגעוואָרפן. זייער אָפּט איז נישטאָ קיין אויסוועג. טראָץ דעם האָבן מיר אין די לעצטע חדשים פון דעם באַריכט־פּעריאָד נישט געהאָט אַזעלכע גרויסע פאַרלוסטן ווי פריער, אויב עס גייט וועגן באַשטאַנד פון דער אָרגאַניזאַציע. די רייען זיינען אָבער שטאַרק שיטער געוואָרן.

2. אונזער זעלבסטהילף באַגרענעצן מיר אָבער נישט בלויז צו אונזערע חברים. אָפטמאָל גיבן מיר שנעלע הילף אויך חברים פון אונ־זערע ברידער־אָרגאַניזאַציעס, ווען נאָר זיי ווענדן זיך צו אונז און ווען נאָר מיר זענען עס בכוח צו טאָן. מיר ווענדן אָן אין רעאַלן לעבן דעם פּרינציפּ פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט.

3. פון פעברואַר ה״י האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַן אינערלעכן ביולעטין פון „בונד״, געשריבן אויף דער מאַשין. מיר האָבן שוין אַרויסגעגעבן 6 נומערן. דער נומער 4, דער מאַי־נומער, איז אויך דערשינען אין דרוק־פאָרם אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן

און איז קאָלפּאָרטירט געוואָרן אין שטאָט און אויף דער פּראָווינץ. דעם דאָזיקן נומער לייגן מיר ביי.

דעם קאָנטאַקט סיי מיט דער שטאָט, סיי מיט דער פּראָווינץ האַלטן מיר איין, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, מיט דער הילף פון אונזערע קוריערן, אָדער בעסער געזאָגט קוריערקעס. זיי דערליידיקן די אַלע זעלבסטהילף־ענינים, אָרגאַניזאַציאָנעלע שליחותן (קודם כל דאָס צו־שטעלן די פּרעסע, אינפאָרמאַציעס און אָפּנעמען אינפאָרמאַציעס און וואונשן). לעצטנס האָט דער צ. ק. באַשלאָסן צו שאַפן אַ ראַט פון די פּאַרטייאישע גרופּן מיטן ציל אויסצובעסערן די קאָנטאַקטן און דעם אויסטויש פון ידיעות און באַשלוסן.

4. 1־טער מאַי.

דער צ. ק. האָט אַרויסגעגעבן אַ 1טן מאַי־אויפרוף, וואָס איז גע־דרוקט אין ביולעטין נומ׳ 4. עס זיינען געווען 5 פאַרזאַמלונ־גען אין וואַרשע, צו וועלכע דער צ. ק. האָט געשיקט זיינע מיטגלידער ווי רעפערענטן. אין אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען זיינען די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען פאָרגעקומען. איינע — אין אַ דייטשער געגנט, אין שכנות מיט די ס. ס.־קאַזאַרמעס; אַנדערע — אין שכנות מיט די קאַזאַרמעס פון דער זשאַנדאַרמעריע. אויף אַלע פאַרזאַמלונגען האָט געהערשט אַן אויסערגעוויינלעכע, אַ געהויבענע שטימונג. אויף אַ טייל פאַרזאַמ־לונגען זיינען אויך געווען חברים פּאָליאַקן.

איך וועל ציטירן פראַגמענטן פון אַ באַריכט פון אַן אָנטיילנעמער פון אַזאַ פאַרזאַמלונג:

„מיט ענטוזיאַזם האָבן מיר אויפגענומען דעם באַשלוס פון צ. ק. איינצואָרדנען 1טע מאַי־פאַרזאַמלונגען.

אין דער וואוינונג פון ח׳ ב. דער צימער איז דעקאָרירט מיט טראַנספּאַרענטן, 2 רויטע פענדלעך מיט אַ יידישן און פּוילישן אויפ־שריפט „בונד״, אַ האַנט געביילט אין אַ פויסט, די סימבאָלישע דריי פיילן און לאָזונגען: „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך״, „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם״, „זאָל לעבן דער ׳בונד׳״. דאָס קאָנס־פּיראַטיווע גלעקל מאַכט אוממעגלעך דאָס אַריינקומען פון נישט גע־בעטענע געסט. פון אין דער פרי אָן — אַ געהויבענע שטימונג. די פאַרזאַמלונג הייבט זיך אָן פּינקטלעך. מיר טוען אָן רויטע שלייפלעך. ס׳רעדט דער פאַרשטייער פון צ. ק., דער ח׳ פּ. ער גיט איבער אַ באַגריסונג פון צ. ק. און באַגריסט די אָנוועזנדיקע צוויי פּוילישע חברטעס. זייער זיין דאָ סימבאָליזירט די קלאַסן־סאָלידאַריטעט און

רופט אַרויס זכרונות וועגן די געמיינזאַמע מיטינגען פון „בונד" און פּ. פּ. ס. פאַר דער מלחמה. „אונזער אויפגאַבע איז נישט נאָר צו באַ־האַלטן זיך און ראַטעווען דאָס לעבן. געטריי די טראַדיציעס פון אונ־זער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלן מיר קעמפן קעגן פאַשיזם ביז צו זיין פולשטענדיקן צוזאַמענברוך. מיר דריקן אויס אונזער גרייטקייט צום קאַמף אויף יעדער רוף פון צ. ק.".

אויף דער צייט פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען צוגעגרייט געווער אויפן פאַל פון נישט פאַרויסגעזעענע געשעענישן. דאָס לעבן האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצוגעבן פאַר אַ טייערן פּרייז: לעבן... פאַר לעבן.

צום סוף פון אונזער פיירונג איז שעפּטשענדיק איבערגעגעבן געוואָרן די ידיעה: דער ח' שערער רעדט פון לאָנדאָן. מיר זענען צו־געשפּרונגען צום ראַדיאָ־אַפּאַראַט. צונויפגעדריקטע אין איין מאַסע, האַלטן מיר מיט ציטערנדיקע הענט די הער־טרייבלעך פון אַפּאַראַט. מיר טרינקען די ווערטער ווי וויין. און די ווערטער זענען פּשוטע, רירנדיקע, ווערטער פון דערמונטערונג. מיר פילן, אַז אַ נישט־גע־זעענער כוח כאַפּט אונז אַרום און ברענגט אונז צוזאַמען. עס פאַר־שווינדט דער מהלך וואָס טיילט אונז אָפּ, און ס'צווינגט צו בלייבן גע־אַרעמט און קעמפן ווי אַמאָל, ווי איצט און ווי שטענדיק. ווי פּרעכטיק עס האָבן זיך אין איין און דער זעלבער שעה צונויפגעטראָפן אונזערע ברידערלעכע גרוסן פאַר אונזערע חברים אויף דער עמיגראַציע — מיט דער ברידערלעכער האַרציק נאָענטער שטים, וואָס איז געווען באַ־שטימט פאַר אונז.

נאָך דער רעדע ביילן זיך די פויסטן און שטיל פליסט אונזער הימן: „די שבועה". די ווערטער ווערן שטאַרק, פילן זיך אָן מיט קראַפט און גיסן זיך אַריין אין דער אַטמאָספער פון אונזער פאַר־זאַמלונג. מיר פאַרגעסן, אַז דער אָקופּאַנט ווילדעוועט אויף דער גאַס; מיר פאַרגעסן, אַז אין גאַנצן 100 מעטער פון אונז געפינען זיך די קאַזאַרמעס פון דער זשאַנדאַרמעריע. מיר שווערן אַ טריישאַפט צו אונזערע אידעאַלן, צום „בונד", צום סאָציאַליזם. דערנאָך זינגט מען „טשערוואָני שטאַנדאַר" און דעם „אינטערנאַציאָנאַל". איינער פון די חברים גיט איבער פון זכרון די פּוילישע איבערזעצונג פון דער „שבועה". אַ צווייטער האַלט, אַז אין הסכם מיטן ווילן פון אַלע אָנ־וועזנדיקע אויף דער פאַרזאַמלונג דאַרף מען איבערשיקן אַ באַגריסונג דעם צ. ק. און פאַרזיכערן אַלעמענס גרייטקייט אונטערצוואַרפן זיך זיינע באַשלוסן.

אין טאָג פון 1טן מאַי איז פאָרגעקומען אַ פּלענאַרע זיצונג. עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן כּבוד אונזערע גרויסע פאַרשטאָרבענע חברים: הענריק, וויקטאָר און אַרטור, און די אַלע, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף, אָדער דערמאָרדעט געוואָרן אין די תפיסות און לאַגערן.

דער פּלענום פון צ. ק. האָט באַשלאָסן איבערצושיקן אייך אַלעמען אַ ברידערלעכע באַגריסונג; צו אייך, וואָס איר דערפילט די שווערע אויפגאַבע ווי פאַרשטייער פון פּוילישן „בונד" אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן; צו אייך פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אַרבעטער רינג און צו אַלע סאָציאַליסטן פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט. איך טו דאָס מיט אַן אמתער באַפרידיקונג און שיק אייך אַלעמען האַרציקע גרוסן אין מיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון מיינע טייערע חברים, מיט וועמען מיר זענען דורכן גורל פאַר־אייניקט אין געמיינזאַמער אַרבעט.

דער פּלענום האָט באַשלאָסן אַרויסשיקן באַגריסונג־בריוו צו ביידע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און צו די ח"ח: זיגמונט זשו־לאַווסקי און טאָמאַש אַרטשישעווסקי אַלס וועטעראַנען פון פּוילישן סאָציאַליזם. דער פּלענום האָט אויסגעהערט אַ רעפעראַט וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט אייניקע אַלגעמיינע אויספירן.

5. אין פּאָליטישן לעבן פון אונטערערדישן פּוילן קומט לעצ־טנס פאָר אַ פּאָזיטיווער פּראָצעס, אַ פּראָצעס פון קאָנסאָלידאַציע פון די אָרגאַניזאַציעס און פון דעם פּאָליטישן לעבן. עס איז אַנטשטאַנען אַ צענטראַליזאַציע פון די דעמאָקראַטישע, סאָציאַליסטישע און סינ־דיקאַליסטישע גרופּירונגען. דאָרט געהערן: ר. פּ. פּ. ס., ביידע דע־מאָקראַטישע פּאַרטייען, ביידע סינדיקאַליסטישע, דער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד „פרייהייט" און „פּלאַן" (פּאָלסקאַ לוּדאָווא אַקציאַ ניעפּאָ־דלעגלאָטששאָווא.)

אונזער פּאַרטיי האָט נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע אָנגענומען דעם 18טן יוני ה"י אַ באַשלוס זיך אָנצושליסן אין דער דאָזיקער צענטראַליזאַציע. דאָס איז שוין געשען. דערביי האָט אונזער דעלעגאַט אויף דער פּלענאַרער זיצונג פון דער „צענטראַליזאַציע" אָפּגעגעבן די פאָלגנדיקע דערקלערונג (אין הסכם מיט אונזער באַשלוס):

אַ. „אין אונטערערדישן פּוילן האָט שוין פון לאַנג עקזיסטירט אַ נויטווענדיקייט צו קאָאָרדינירן די לינקע גרופּירונגען אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. דאָס ליגט אין די אינטערעסן פון די העכערע

אויפגאַבן, וואָס דאַרפן דערפילט ווערן און פאַר וועלכע עס שטייט דאָס גאַנצע לאַנד אין דער איצטיקער צייט פון איבערברוך. דער „בונד״ אין פוילן האָט דעריבער פאַרנומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו די דאָזיקע פּרוואון פון קאָנסאָלידאַציע און האָט מיטגעווירקט צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער פאַרייניקונג. אונזער אָרגאַניזאַציע באַטראַכט די קאָאָרדינאַציע פון די לינקע גרופּירונגען אין דער פאָרם פון דער „צענטראַליזאַציע״ פאַר אַ פּאָזיטיוון פאַקטאָר אין דעם ביז איצט נישט איינהייטלעכן פּאָליטישן לעבן אין לאַנד און דריקט אויס דעם שטאַנדפּונקט, אַז די קאָנסאָלידאַציע דאַרף אַרומנעמען דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט און די אָרעמע פּויערים.

ב. „דער „בונד״ האָט אָנגענומען די דעקלאַראַציע פון דער „צענטראַליזאַציע״ אין אירע עיקרדיקע פאָרמולירונגען, וועלכע ער באַטראַכט פאַר אַ באַזע פון צוזאַמענאַרבעט מיט די אָרגאַניזאַציעס פון דער „צענטראַליזאַציע״ אויפן באָדן פון איר פּרינציפּיעלער אידעאישער איינשטעלונג. דער „בונד״ שליסט זיך דעריבער אָן אין דער צענטראַליזאַציע, אָבער דערביי דערקלערט דער פאַרשטייער פון „בונד״, אַז ער וועט אין דעם געהעריקן מאָמענט צושטעלן צום פּלענום פון דער צענטראַליזאַציע די פּרינציפּיעלע שטעלונג פון „בונד״ (אין דער פאָרם פון אַן אייגענער דעקלאַראַציע) צו די פּראָבלעמען וועלכע די דעקלאַראַציע נעמט אַרום, ווי אויך צו די פּראָבלעמען וועלכע די דעקלאַראַציע האָט נישט באַרירט. די דאָזיקע דעקלאַראַציע וועט צוגעשטעלט ווערן אַזוי גיך ווי די געהעריקע פּאַרטייאישע אינסטאַנצן וועלן זי אָננעמען.״

מיר ווילן אויף אַזאַ אופן מאַניפעסטירן אונזער רעכט און פליכט און אונזער ווילן צו אַרבעטן און קעמפן ביז צו דעם לעצטן מאָמענט פון אונזער לעבן צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע כוחות פאַר אַ נייַ אומאָפּהענגיק סאָציאַליסטיש פּוילן.

6. און איצט אַביסל פּערזענלעכע ידיעות, וואָס עס וועט אייך איבערגעבן דער ח׳ סאַמסאָנאָוויטש:

4.

אָרגאַניזאַציאָנעל-פּערזענלעכע ענינים

טייערע חברים,

דער ח׳ פיינער (בערעזאָווסקי) האָט פאַר מיר איבערגעלאָזט דעם אָרגאַניזאַציאָנעל-פּערזענלעכן טייל פון באַריכט. איך דאַרף שרייבן

וועגן די געשטאַרבענע און וועגן די לעבעדיקע. צווערשט וועגן אונזער צ. ק. פון דעם פריערדיקן צ. ק., וואָס האָט עקזיסטירט אין דעם וואַרשעווער געטאָ, איז אויסער דעם ח׳ בערנאַרד קיינער נישט געבליבן. אַזשעך, וואָס איז צום לענגסטן געווען טעטיק „דאָרט" און „דאָ" (אויף דער אַרישער זייט), האָט זיך אין ווינטער אויסגעקליבן צוליב אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים קיין שוועדן. ער איז אַרעסטירט געוואָרן. פּאַוויאַק, באַמיאונגען. הוצאות. ס׳האָבן אויך נישט געהאָלפן אייערע פּאַראַגווייער פּאַפּירן. ס׳קען זיין, ווען ער וואָלט באַקומען שווייצאַרישע בירגערשאַפט — וואָלט מען אים אָפּגעראַטעוועט. דאָס איז אויך נישט זיכער. די געשטאַפּאָ האָט, ווייזט אויס, געוואוסט וועגן אים צופיל. סאַניע נאָוואָגרודזקאָ, ווי איר ווייסט, איז אומגעקומען אין יולי דעם זעלבן יאָר. לאָזער קלאָג האָט פון אַפּריל־מאַי געאַרבעט אין שאָפּ אויף פּראָסטע, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט דער פּאַרטייאישער פּראָפּאַגאַנדע. צוזאַמען מיט די חברים: משה קויפמאַן, וויראָווסקי פון לאָדזש (דער לעצטער האָט איבערגעלאָזן אַ באַנד פּרעכטיקע לידער „לידער פון פּייך") און אַנדערע האָט ער איבערגעשיקט אַ ידיעה, אַז זיי וואַרטן אויף הילף. קיין געווער האָבן זיי נישט געהאַט. וואוהין מען האָט זיי פאַרשלעפּט און ביי וואָסערע באַדינגונגען קלאָג איז אומגעקומען, ווייסן מיר נישט. מיר האָבן נישט געקענט אָנבינדן קיין קאָנטאַקט. אויף זיכער אומגעקומען זענען: בערעק שניידמיל (אַדאַם) אין דער באַוואָפנטער אַקציע דעם 3טן מאַי 1943 אויף שוו. יערסקע 34. ער האָט פּונקט ווי א. בלום געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך איינצואָרדענען אויף דער אַרישער זייט, וואו ער פלעגט קומען אומלעגאַל וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים. ער איז אָבער געבליבן און מיטגעאַרבעט ביים אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ. צום טראַגישסטן איז זיך דער גורל באַגאַנגען מיט אַבראַשאַ בלום (קוויאַטעק). ער איז געווען דער ליבלינג פון דער וואַרשעווער פּאַרטייאָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך פאַר איר מקריב געווען. ער האָט געפילט די ׳גרויסע לאַסט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּאַסיווקייט פון דעם ערשטן עטאַפּ פון דער ליקווידאַציע און דערפאַר האָט ער אַלץ מקריב געווען פאַר דער שפּעטערדיקער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין דער צייט פון דער אַקציע האָט ער אין מיטן דער נאַכט טעלעפאָנירט צום ח׳ פיינער פון אַן, אַזוי גערופענעם, „בלינדן טעלעפאָן" אין בונקער און אים אָפּגעגעבן ראַפּאָרטן וועגן דער סיטואַציע. ווען די קאַמף־גרופּע, אין וועלכער ער האָט אָנטייל גענומען ווי אַ פּשוטער

זעלנער, האָט נאָכן פאַרענדיקן די קאַמפן זיך אַרויסבאַקומען דורך די קאַנאַלן אויסערן געטאָ, איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע אַוועק אין וואַלד. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ פוילישן פויער, אַ זעלנער פון דער לאַנד־אַרמיי (אַרמיאַ קראַיאָווא), זייער אַן אָרנטלעכער מענטש, וואָס האָט דעם אָפּגעריסענעם און מידן אַבראַשאַ באַגלייט ביז וואַרשע. שוין פאַר דעם איז מיט זיין אָנטייל אַנטשטאַנען די נייע צענטראַלע אָנפירערשאַפט, וואו אויך ער האָט פאַרנומען אַן אָרט. אין צוויי וואָכן אַרום האָט ער זיך אַריבערגעקליבן צו וולאַדקען (פייגל פעלטעל), מיטגליד פון דער „צוקונפט". זי לעבט און אַרבעט ווידער ווי אונזערס אַ קוריערקע. פון דאָרט האָט ער געזאָלט צוזאַמען מיט ליובען און די קינדער זיך איבערטראָגן אין אַן אייגענער דירה, וואָס מיר האָבן פאַר אים געדונגען. איינמאָל ביינאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט — געשטאַפּאָ. (דאָס זענען געווען, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, באַנדיטן וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן אַדמיניסטראַטאָר פון הויז, אַ „פאָלקס־דויטש"). אַבראַשאַ, נישט וועלנדיק שאַפן קיין געפערלעכע סיטואַציע פאַר דער ח'טע, ווייל זי האָט אויסבאַהאַלטן אַ ייד, האָט ער זיך געהייסן צובינדן מיט אַ שטריק און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דורכן פענצטער. ער איז אומגליקלעך געפאַלן. דער קלאַפּ פון אַראָפּפאַלנדיקן קערפּער, די קרעכצן פון דעם פאַרוואונדעטן האָבן אויפגעוועקט די שכנים. מען האָט אים צוזאַמען מיט וולאַדקען אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי. ביז עס איז צו אונז דערגאַנגען דער בריוו (גריפּס) פון וולאַדקען, וועלכע מיר האָבן פאַר געלט באַפרייט אַלס אַרישע פרוי, איז שוין אַבראַשאַ געווען אויף אַלייע שוכא אין דער געשטאַפּאָ. ליובע האָט נאָך אילוזיעס, אַז ער לעבט נאָך ערגעץ אין אַ לאַגער. מיר האָבן די דאָזיקע אילוזיעס נישט. אַזוי זענען אומגעקומען די חברים פון דעם פריערדיקן צ. ק.

וועגן זלמן פרידריך (זיגמונט) פון „מאָרגנשטערן" ווייסט איר שוין פון פריערדיקן באַריכט. אין שפּיץ פון אַ 5־פּערזאָניקער גרופּע, וואָס האָט זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ (צווישן זיי דער 13־יעריקער לושעק פון „סקיף" צוזאַמען מיט זיין ברודער און שוועסטער), האָט ער זיך אויף אַ געדונגענעם אויטאָ געלאָזט אין אַ דאָרף אין וואַרשעווער טאָכטער מיטן אידעם. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער אויטאָ זאָל, צופאָרנדיק צום דערפל, זיך אָפּשטעלן פאַר דעם הויז, וואו ס'איז געשטאַנען אַ דייטש, אַ געשטאַפּיסט. די גרופּע צוזאַמען מיט דער משפּחה

קלאַג האָט מען ליקווידירט. קיין פּרטים האָבן מיר נישט. אַ דריטער פאַל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די רעשטלעך פון אונזער קאַמף־אַקטיוו: דעם יונגן און מוטיקן ח׳ איגלא (זיגמונט פון דער וואַרשע־ווער „צוקונפט״) האָט מען צופעליק געכאַפּט אויף דער גאַס. ער איז אַריינגעפאַלן אין טורמע אויף גענשע אין האַרבסט פון פאַרגאַנגענעם יאָר. פאַר געלט איז געלונגען אים אַרויסצונעמען. ער האָט אַזוי שטאַרק באַגערט אַרויסצוקריגן זיך פון תפיסה און האָט פאַרזיכערט, אַז ער וויל ווייטער לעבן און קעמפן פאַרן „בונד״, פאַר דער אידייע. אין צוויי חדשים שפּעטער איז ער אין אַ פאַרמאַכטן קעמערל געשלאָפן מיט נאָך צוויי יידן אין אַן אַרישער שטוב. די געשטאַפּאָ האָט דאָרט אין יענער נאַכט דורכגעפירט אַ רעוויזיע און געזוכט געווער. ווען די געשטאַפּאָ האָט זיך געפּרואווט אַריינרייסן אין קעמערל, האָט איינער פון די באַפאַלענע אָנגעהויבן שיסן. די זשאַנדאַרמען האָבן אין דעם קע־מערל אַריינגעשליידערט אַ גראַנאַט. אַן אַמבולאַנס האָט צוגענומען די פאַרוואונדעטע אָדער טויטע. זיי זענען אומגעקומען.

וועגן די מענטשן, וועגן וועלכע איר פרעגט אין אייער בריוו, קען איך אייך ווייניק וואָס זאָגן. וועגן לוציאַנס פרוי זענען נאָך ביז איצט קיין ידיעות נישטאָ, צי זי איז ערגעץ פאַראַן און וואו, איז נאָך ביז היינט נישט געלונגען פעסטצושטעלן. אַזוי אויך וועגן מאַניען מיט איר זון. אַרטורס טאָכטער איז אפשר אין לאָדזש. מיר האָבן נישט קיין קאָנטאַקט. די טוער פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, דער האַר־ציקער מיכעלסאָן, די צוקונפטיסטן: פילאָזאָף, פּאַוו מיט דער פרוי — לעבן נישט. גוטגאָלדס זון איז צוגענומען געוואָרן בעת דער אַקציע אין מעדעם־סאַנאַטאָריע. פון דערציערישן פּערסאָנאַל אין סאַנאַטאָ־ריע זענען אומגעקומען: ראָזאַ אייכנער מיטן זון און טאָכטער, ד״ר טאָלא מינץ מיטן זונעלע און פרוי הימעלפאַרב מיט דער טאָכטער. נאָך פאַר דעם זענען אין רעזולטאַט פון דעם אייך באַקאַנטן דורכפאַל אויף דער פראָווינץ אומגעקומען אין אָשוויענטשים, אָדער אין די אָר־טיקע טורמעס, אונזערע בעסטע טוער פון דער פראָווינץ: פון לובלין — ראטמאַן פון שטאָט־ראָט בעלאַ שפּירא מיטן מאַן, אין ראַדאָם (נאָך פענסטערבלויס אַנטלויפן) — דער פאַרזיצער און סעקרעטאַר פון קאָמיטעט (עמנואל דאַרף געדענקען די נעמען), אין טשענסטאָכאָוו — בערקענשטאַט מיט דער פרוי, אין טאָמאַשאָוו — אונזערע ראַטמענער און קלאַראַ זאַכאַריאַש, וואָס איז געווען טעטיק ווי אַ קוריערקע; אין פּיאָטרקאָוו — כמעט אַלע ראַטמענער (7) מיט יעקב בערלינער אין

דער שפּיץ. פּינקוס איז געווען ערגעץ אין רוסלאַנד. זיין פרוי און קינדער האָבן די דייטשן צוגענומען. פריינד פון פּינסק איז אומגעקומען אין אָשוויענטים. וועגן דעם גורל פון די בעסטע לאָדזשער חברים פּאָזנאַנסקי און ד״ר מאַרגאָליס: מען האָט זיי געפּייניקט אין לאַגער אין ראַדאָגאָשטש. מערמלשטיין איז אומגעקומען אין וואַרשע בעת דער אַקציע — די דייטשן האָבן געוואָרפן אַ גראַנאַט אין דעם בונקער, וואו ער האָט זיך באַהאַלטן. פון קראָקע איז אומגעקומען: פעלצמאַך־גלאַזער (פריער געזעסן אין תפיסה אויף מאָנטעלופּיך און דערנאָך אַ יאָר אין אָשוויענטשים). אין טראַווניקי און פּאָניאַטאָוו זענען אומגעקומען אַסך וואַרשעווער טוערס. צווישן זיי — עטקין, גוטע פישמאַן (פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע). אין טראַווניקי — דער ח׳ מאַלינאָווסקי פון דער לאָדזשער „צוקונפט״. ער איז געווען די נשמה פון דער פּאַרטיי־דיקונג, וואָס איז דאָרט געוואָרן צוגעגרייט. די דייטשן זענען זיי פאַר־לאָפן דעם וועג. לעצטנס איז אין אַ בונקער אין וואַרשע אומגעקומען די ח׳טע לאַזאַר־מעלמאַן מיט איר זונעלע. און טראָץ די קאַטאַסטראָ־פאַלע קלעפּ, לעבן נאָך אין די לאַגערן אויף דער פּראָווינץ אַסך פון אונזערע חברים. כסדר דערוויסן מיר זיך וועגן עמיצן, אַז ער לעבט. לאָמיר אויסרעכענען: אין קראָקע — ד״ר נעמער, אין סקאַרזשיסקאַ— שמחה סאָלניק (פון וואַרשע), רוס —געוועזענער מיטגליד פון פּאַרטיי־ראַט און יוגנט־טוער אין וואַרשע. אין טשענסטאָכאָוו די מיטגלידער פון בונדישן קאָמיטעט: קושניר, ברענער און אַדוו. ווילטשינסקי. אין פּיאָטרקאָוו — די צוקונפטיסטן אַפּעלאָוויטש און די ברידער ווענגלי־שעווסקי. אין ווילנע לעבט — גרישאַ יאַשונסקי. ס׳איז איינגעשטעלט מיט אים אַ קאָנטאַקט. ער באַקומט געלט פאַר זיך און פאַר די חבריב. אין אַ לאַגער אין בודזין געפינט זיך פאַלק. ער האָט געהאַט אַ מעג־לעכקייט צו פאַרלאָזן דעם לאַגער. מיר האָבן געשיקט אַ מענש נאָך אים. צוליב דעם אָבער, וואָס ער האָט זיך זייער צונויפגעלעבט מיט די מענשן פון לאַגער, צווישן זיי געוועזענע גענ. טוערס פון אַנדערע ריכ־טונגען, האָט ער זיי נישט געוואָלט פאַרלאָזן. ער האָט צו אונז געשריבן, אַז זיי האָבן באַשלאָסן צו טיילן דעם געמיינזאַמען גורל. אין אָשוויענ־טשים געפינט זיך ווי אַן אַריערין — ד״ר קעלסאָן (זי שטייט מיט אונז אין אַ שריפטלעכן קאָנטאַקט). צום סוף וועל איך אויסרעכענען ווייַ־טערדיקע נעמען פון פּאַרטיי־חברים, וואָס זענען פריער נישט דערמאָנט געוואָרן. „פערעלקא״ — פערעלע עלענבויגן, אַ לערערין פון סאַנאַטאָ־ריע מיט איר ברודער חיים און זיין פרוי, לעבן און זענען טעטיק.

עווא קירשנבוים פון קוטנע מיט איר מאַן, בוקסאָווא מיטן קינד, אַדוו. ליינקראם פון קראָקע, ד״ר גלאַסנער מיט דער פאַמיליע, ראַוויצקא, קאַגאַן מיט דער טאָכטער, האַנקע אַלעקסאַנדראָוויטש, דאַנוטא איינ־אויגלער פון לעמבערג.

זיבערטס זון איז אין פאַוויאַק. לוציאַנס טעכטער זענען געזונט, גוט איינגעאָרדנט, האָבן געלייענט זייער פאָטערס רעדע אין בריטישן ראַדיאָ. קלאָגס אייניקל, העכטמאַן פון לאָדזש, מיענדזיזשעצקי מיט די עלטערן, ד״ר קעלסאָנס עלטערן, ד״ר אַננאַ העלער, אפּטערגוט, ד״ר גיליבאָווסקא, בערקמאַנס משפחה פון ביעלאַן, אינזש. גאָלדע, טרונק, נ. קליין, א״אַ וועגן וועלכע מיר וועלן מודיע זיין אין די קומענדיקע באַריכטן. אַ ספּעציעלע פּאַרטייאישע גרופּע אין וואַרשע און אין די וועלדער בילדן אונזערע חברים, וואָס האָבן געהערט צו דער ייד. ק. א. אונזער פאָרשטייער דאָרטן איז דער וויצע־קאָמענדאַנט, דער צוקונפטיסט מאַרעק עדעלמאַן.

אייער סאַמסאָן.

ביי דער געלעגנהייט בעט איך אייך זייער אונז ענטפערן, אפילו טעלעגראַפיש, וואָס הערט זיך מיט די משפחות פון אונזערע חברים, וואָס לעבן און זענען דאָ טעטיק: ל. פיינער (זיין ברודער, שוועסטערס, פלימעניקעס), פאַפּיער (זיין טאָכטער מיטן איידעם — ד״ר האָכפעלד — זענען געווען אַרויסגעפירט אין רוסלאַנד און פון דאָרט האָבן זיי געזאָלט פאָרן אין טעהעראַן). וואָס הערט זיך מיט אונזערע חברים: סאַראַ, אפרים, שעפנער, שולמאַן, זיבערט, איגנאַץ אַלעקסאַנדראָוויטש מיט זיין ברודער מאַקס. וואָס איז מיטן ד״ר שרייבער, ד״ר מיכאל שולדענפריי, מיט זייערע פרויען און זין; פעדערמאַן פון טשענסטאָכאָוו און וואַקס פון ביאַליסטאָק.

5.

דער יאָרטאָג פון די באַוואָפנטע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ

דער ערשטער יאָר־טאָג פון די באַוואָפנטע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע און אין די אָרגאַניזאַציעס פון אונטערערדישן פּוילן, אין דער ערשטער ריי צווישן די מיט אַ סאָציאַליסטישן און דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. די דעלעגאַטור האָט צוגעשיקט אַן אָנטשפּרעכנדיקן בריוו צו דער קאָאָרד. קאָמיסיע. חוץ דעם האָט אויך די צענטראַליזאַציע פון די סאָציאַליסטישע, דע־

אַקראַטישע און סינדיקאַליסטישע פּאַרטייען אָנגענומען אַן אַנטש־פּרעכנדיקע רעזאָלוציע. גרעסערע אַרטיקלען האָבן אין זייערע אָר־גאַנען פּאַרעפנטלעכט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין „גלאָס דעמאָקראַ־ציאי", וו. ר. נ. אין „ראָבאָטניק" וו וואָלצע" און ר. פּ. פּ. ס. אין „ראָ־באָטניק". די אַנטשפּרעכנדיקע רעזאָלוציעס און אַרטיקלען גיבן מיר איך איבער.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן יאָרטאָג האָבן מיר אַרויסגעגעבן דעם ביולעטין נר' 3 און אין 1טן מאַי־אויפרוף האָבן מיר אויך וועגן דעם דערמאָנט. איר וועט דאָס געפינען אין די בייגעלייגטע עקזעמפּלאַרן פון דעם בולעטין.

די גרופּע פון אונזערע געטאָ־קעמפער האָט איבערגעשיקט צום צ. ק. פון „בונד" אַ בריוו מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„אין יאָרטאָג פון די באַוואָפנטע קאַמפן קעגן די תלינים פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווארשע באַערן מיר, די גרופּע לעבן געב־ליבענע קעמפער־בונדיסטן, די געפאַלענע אין קאַמף און מיר שיקן אי־בער אונזערע האַרציקסטע גרוסן אונזער קאָמענדאַנטור פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. גלייכצייטיק דריקן מיר אויס אונזער טיפסטע אָנערקע־נונג אונזער פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אונז אויסגעהאָ־דעוועט אין גייסט פון די הירש לעקערטס און שיע גרינוואַלדס. מיר פאַרזיכערן אונזער וויטערדיקע צוגעבונדנקייט און טריישאַפט צום „בונד". מיט „פרייהייט"־גרוס:

(—) אונטערשריפטן.

ווארשע, 18טער אפּריל, 1944"

די קאָאָרד. קאָמיסיע פון „בונד" און יידיש־נאַציאָנאַלן קאָמיטעט האָט צוגעגרייט דעם געדענק־בוך, וואָס נעמט אַרום מאַטעריאַלן וועגן די קאַמפן פון דער ייד. ק. אָ. דאָס בוך דאַרף אַפילו ווערן געדרוקט. נאָך דעם ווי עס וועט דערשיינען, וועלן מיר עס איך תיכף איבערשיקן.

מיר ציטירן די אויבן דערמאָנטע בריוו און רעזאָלוציעס:

דער בריוו פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור:

רעגירונגס־דעלעגאַטור, אינערן־מיניסטעריום, רעפ. זשענג. וואַר־שע, 19טער אַפּריל, 1944.

צו דער קאָאָרד. קאָמיסיע פון ייד. נאַצ. קאָמיטעט און „בונד".

„אין נאָמען פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור דריק איך אויס די פאַרזיכערונג, אַז אין ערשטן יאָרטאָג פון די רומפולע באַוואָפנטע

קאַמפּן פון דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפט אין וואַרשעווער געטאָ מיט אונזער געמיינזאַמען שונא — שאַצן מיר אָפּ דעם חלק בלוט פון די פוילישע בירגער פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט לטובת די געמיינזאַמע קאַמפּן פאַר פרייהייט נישט ווייניקער ווי מיר האָבן עס געשאַצט מיט אַ יאָר צוריק און ווי מיר וועלן עס שאַצן אין דער צו־קונפט.

„אין נאָמען פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור וויל איך אייך בעטן איבערגעבן אייערע חברים אונזערע ווערטער פון אייניקייט אין גע־מיינזאַמען קאַמף און געמיינזאַמער דערוואַרטונג פון אַ זיג.״

(—) אונטערשריפט.

די רעזאָלוציע פון „ראַט צו העלפן יידן״ לייענט זיך:

רעזאָלוציע פון „ראַט צו העלפן יידן״ וועגן יאָרטאָג פון די געטאָ־קאַמפן אין וואַרשע אין יאָר 1943:

„דער „ראַט צו העלפן יידן״, וואָס רעפּרעזענטירט 5 פוילישע און יידישע אָרגאַניזאַציעס פון אונטערערדישן פוילן (וו. ר. נ., פויערים־פאַרטיי, פוילישע דעמאָקראַטישע פאַרטיי, „בונד״ און נאַציאָנאַלן יידישן קאָמיטעט) האָט אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשטן יאָרטאָג פון די באַוואָפנטע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ אין אַפּריל־מאַי 1943 אָנגע־נומען אויף זיין זיצונג דעם 12טן אַפּריל 1944 פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

1. אָפּגעבן כבוד די געפאַלענע קעמפער פון דער יידישער גע־זעלשאַפט, וואָס האָבן זיך געשטעלט צום אומגלייכן קאַמף מיטן אָקו־פּאַנט, כדי צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן און די מענטשלעכע און נאַציאָנאַ־לע ווירדע און כדי נקמה צו נעמען פאַר די נאָך נישט געהערטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע מאַסן־מאָרדן לגבי דער יידישער באַפעל־קערונג אין לאַנד.

2. דער קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז געפירט געוואָרן קעגן מעכטיקן שונא אונטער דער אָנפירונג פון דער ייד. ק. אָ., ווי אויך די שפּעטערדיקע העראָאישע אַקטן פון באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן אין אַנדערע שטעט און לאַגערן (ביאַליסטאָק, ווילנע, לעמבערג, טשענס־טאָכאָוו, באָריסלאָוו, טאַרנאָוו, טרעמבלינקי, טראַווניקי) קענען ווירדיק שטיין זייט ביי זייט מיט דער רומפולער העלדישער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע און מיט די אַלע קרבנות־פולע קאַמפן פון אונטערערדישן פוילן פאַר פרייהייט און אָפּהענגיקייט.

3. דער ווירדיקסטער אופן צו ערן דעם יאָרטאָג פון די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ ווי אויך דעם אָנדענק פון די וואָס זענען גע־

פאַלן מיט געווער אין האַנט אָדער וואָס זענען אין די מיליאָנען אויס־געמאָרדעט געוואָרן — איז צו שאַפן אַן אַלזייטיקע שוץ און דערמעג־לעכן די רעשטלעך, וואָס זענען געבליבן לעבן, איבערצוהאַלטן די שרעקלעכע באַדינגונגען פון ראַסן־פאַרפאָלגונג און קעמפן צוזאַמען מיט זיי פאַר אַ געמיינזאַמער באַפרייאונג".

בריוו פון דעם „ראַט צו העלפן יידן" — צו דער קאָארד. קאָמיסיע:

וואַרשע, 18טער אַפּריל, 1944.

„אין ערשטן וויטאַקדיקן יאָרטאָג פון די העראָאישע געראַנגלען, וואָס עס לעבט איבער דאָס יידישע פאָלק און מיט אים די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, האָבן מיר דעם כבוד איבערצושיקן אויף די הענט פון דער קאָארד. קאָמיסיע, ווי די רעפּרעזענטאַנץ פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט, אויסדרוקן פון יראת הכבוד פאַר דעם אָנדענק פון די יידישע העלדן פון די קאַמף־אָפּטיילונגען, וואָס זענען געפאַלן אין דעם נישט גלייכן קאַמף מיטן גרעסטן פאַרברעכער אין דער מענשלעכער געשיכטע, מיטן היטלעריזם.

מיר האָבן דעם כבוד איבערצוגעבן אייך אין נאָמען פון דער פּויל־ישער דעמאָקראַטיע אויסדרוקן פון יראת הכבוד פאַר די מיליאָניקע מאַסן פון דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, וואָס זענען בעסטיאַליש אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך די דייטשע באַרבאַרן. מיר ווילן ביי דער געלעגנהייט אונטערשטרייכן, אַז די צוזאַמענאַרבעט פון דעם „ראַט צו העלפן יידן" מיט דער קאָארד. קאָמיסיע, וואָס איז צו־שטאַנד געקומען אַלס אויסדרוק פון די איידלסטע קריסטלעכע און אַל־געמיין־מענטשלעכע מאָטיוון אין די טראַגישסטע מאָמענטן פאַרביידע פעלקער, האָט אַ דויערנדיקן ווערט וואָס וועט בילדן דעם ווינקלשטיין פאַר די צוקונפטיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען אין דעם פרייען פּוילן. גלייכצייטיק האָט דער „ראַט צו העלפן יידן" דעם כבוד צו מעלדן, אַז אין דער נאָענטסטער צייט וועט ער אַרויסקומען מיטן פאָרשלאָג צו דער מלוכה־מאַכט, אַז שוין איצט אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע זאָלן די גאַסן, וואָס זענען געווען עדות פון די רומפולע קאַמפן פון דער ייד. ק. אָ., אָנגערופן ווערן מיט די נעמען פון די קאָמענדאַנטן פון דער באַוואָפנטער אַקציע פון ווידערשטאַנד און פון די העלדישע קאַמפן".

פאַרן „ראַט צו העלפן יידן"

(—) אונטערשריפטן.

אַרטיקלען

אין „ראַבאָטניק וו וואַלצע" (אָרגאַן פון דער וו. ר. נ.) פון 7טן מאַי 1944, נר' 8/16, געפינט זיך פאָלגנדיקער אַרטיקל א. נ. „אין יאָרטאָג פון דער שלאַכט פאַרן געטאָ":

„ס'איז אַוועק אַ יאָר ווי די דייטשן האָבן דורכגעפירט די העס־לעכע אַקציע פון מאַסן־מאָרדן, די אַזוי גערופענע ליקווידאַציע פון געטאָ. און אָט איז פאַר דער פאַרוואונדערטער און ביז צו די טיפענישן אויפגעטרייסלטער פוילישער געזעלשאַפט און דערנאָך אין באַוואוסט־זיין פון דער גאַנצער וועלט געשען אַ פאַקט, וואָס איז אפשר דער איינציקער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די יידישע מאַסן האָבן טראָץ די פייניקונגען, טראָץ די ראַפינירטע מעטאָדן פון מאָ־ראַלישער פאַרניכטונג, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדט הינטער די מויערן פון געטאָ סיסטעמאַטיש אין משך פון העכער צוויי יאָר, אַרויס־באַקומען פון זיך דעם גרעסטן העראָאיזם, דעם העראָאיזם פון אַן אויס־זיכטלאָזן קאַמף, פון אַ קאַמף וואָס שטאַמט פון מענשלעכער ווירדע— שטאַרבן פריי. פלוצלונג האָבן זיך די הייזער און וואַרשטאַטן פון וואַר־שעווער געטאָ פאַרוואַנדלט אין בונקערס פון ווידערשטאַנד. ס'האָבן אָפגעהילכט שאָסן, ס'האָט זיך דערהערט דאָס פלאַצן פון גראַנאַטן. עס האָט זיך אַ גאָס געטאָן דאָס בלוט פון די דייטשע מערדער, וואָס זענען געגאַנגען מאָרדן די שוצלאָזע. איצט האָבן די דייטשן געמוזט ברענגען מאַסן מיליטער אין פולער באַוואָפענונג. זיי האָבן געמוזט ברענגען די מאָדערנסטע כלי־זיין פון דער מלחמה־טעכניק — אַרטילע־ריע, טאַנקען, אַעראָפּלאַנען. ס'האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט דער קאַמף פאַר דער געטאָ.

אין דער שפּיץ פון די יידישע קאַמף ־ אָרגאַניזאַציעס איז געשטאַ־נען אינזש. מיכאל קלעפּפיש, אַ מיטגליד פון „בונד". צוזאַמען מיט זיינע חברים האָט ער באַוויזן דעם וואונדער פון פילטאָגיקן ווידער־שטאַנד לגבי דער דייטשער מאַכט. איצט אין יאָרטאָג פון דעם דאָזיקן קאַמף, וואָס האָט צעפלאַקערט די איבעריקע צענטערן פון ווידערשטאַנד אויך אין אַנדערע געטאָס, האָבן דער נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן און אונזער רעגירונג דעמאָנסטרירט זייער סימפּאַטיע און אָנערקענונג פאַר די יידישע קעמפער און האָבן זיך געווענדט צו אַלע פרייע לענדער וועגן געבן הילף די קרבנות פון די היטלעריסטישע פאַרפאָלגונגען. דער הויפּט פון דער פוילישער אַרמיי, גענ. סאָסנקאָווסקי האָט אויסגעצייכנט דעם אינזש. קלעפּפיש, וואָס איז אומגעקומען אין דעם קאַמף פון וואַר־

שעוועך געטאָ, מיטן זילבערנעם קרייץ פון „ווירטוטי מיליטאַרי". פון אונזער זייט דערמאָנען מיר אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאָזיקן יאָרטאָג, אַז מיטן מאָמענט ווען די קאַמפן האָבן זיך אָנגעהויבן האָבן מיר אַרויס־געלאָזן אַן אויפרוף, וואו מיר האָבן אויסגעדריקט אונזער סאָלידאַריטעט מיט די קעמפנדיקע יידישע אַרבעטער. מיר האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז דער העלדישער ווידערשטאַנד פון די געטאָ־קעמפער וועט שאַפן אַ שטאַרקן רינג פון קאַמף־געמיינשאַפט פון דער פוילישער און יידישער געזעלשאַפט. אַזוי איז אויך געשען, וואָס עס באַווייזן די לאָנדאָנער מאַניפעסטאַציעס."

*****

אין „ראָבאָטניק" (אָרגאַן פון ר. פ. פ. ס.) פון 16טן מאַי, 1944, נר' 138, געפינט זיך פאָלגנדיקער אַרטיקל א. נ.: „אין יאָרטאָג פון די באַוואָפנטע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ":

„אין טאָג פון 19טן אַפּריל פון פ"י האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט אַן אויסערגעוויינלעך בילד. אויסערגעוויינלעך אַפילו לגבי דער איצ־טיקער אָקופּירטער וואַרשע. די מויערן פון געטאָ זענען אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן קאָרדאָן פון זשאַנדאַרמעריע און ווערמאַכט אין פולער באַוואָפענונג. עס הויבן אָן הילכן די ביקסן־שאָסן. ס'האָבן זיך דערהערט דעטאָנאַציעס פון אויפגעריסענע מינעס. עס האָבן זיך באַוויזן פייערן פון שׂרפות. די שטאָט איז איינגעהילט געוואָרן אין רויך. עס האָבן זיך דערטראָגן די דונערן פון די האַרמאַטן געצילט אין געטאָ. ס'זענען אַריין אין דער אַקציע געפאַנצערטע טאַנקען און אַפילו עראָפּלאַנען. אַ מלחמה. די וואַרשעווער געטאָ האָט זיך מיט געווער אין האַנט אַנט־קעגנגעשטעלט די ווייטערדיקע „אויסזידלונג"־פאַראָרדענונגען פון דעם אָקופּאַנט, וואָס האָט געוואָלט מיט געוואַלט אַרויפצווינגען אויף דער ווידערשפּעניקער יידישער באַפעלקערונג זיינע פּלענער.

„און ס'האָט זיך צעפלאַקערט די מלחמה. אַ פאַרביסענע מלחמה צווישן דער געטאָ און די דייטשע אָפּטיילונגען פון דער זשאַנדאַרמע־ריע. אַ מלחמה, וואָס האָט געדויערט עטלעכע וואָכן. אַ מלחמה פול מיט העראָאיזם פון די קעמפער־יידן, אַנדערע אַפילו נישט באַ־וואָפנטע. אַ מלחמה פול מיט דראַמאַטישע עפּיזאָדן. אַ מלחמה, וואָס האָט דערוועקט צווישן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־מאַסן און אַנדערע שיכטן פון דער הויפּט־שטאָט און איבערן גאַנצן לאַנד אַ הילכיקן אָפּ־קלאַנג און באַוואונדערונג. היינט אין יאָרטאָג פון די דאָזיקע אויסער־געוויינלעכע געשעענישן — אָפּשאַצנדיק זיי אין רעטראָספּעקטיוו, דאַרף

מען באַשטעטיקן זייער שוין היסטאָרישע וואָג און באַדייטונג. מיר געדענקען דאָס יאָר 1942, ווען דער אָקופּאַנט האָט אָנגעהויבן דורכפירן אין די פאַרשיידענע יידישע צענטערן איבערן לאַנד און אויך אין וואַרשעווער געטאָ די „אויסזידלונג". ס'האָט זיך שפּעטער מיט דער פולער קלאָרקייט באַשטעטיקט, אַז דאָס איז מצד דעם אָקופּאַנט געווען אַ ראַפינירטער שווינדל, אויסגערעכנט אויף דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג. דער ציל איז געווען — אויסצומאָרדן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אָן אַ וועלכן נישט איז פּרואוו פון ווידערשטאַנד מצד איר. די ידיעות, וואָס זענען שפּעטער דערגאַנגען פון דעם לאַגער אין בעלזשיץ און קודם כל פון טרעמבלינקע, האָבן פולשטענדיק באַשטעטיקט, אַז דאָס איז געווען אַ טייוולאָנישער שווינדל פון דעם אָקופּאַנט, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ ציל אָפּצונאַרן די מאַסן און צונעמען ביי זיי יעדן געדאַנק און ווילן צום ווידערשטאַנד. ווען די דאָזיקע פאַנטאַסטיש־שוידערלעכע פאַקטן פון פאַרברעכערישן מאָרד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען צו די נאָך לעבן געבליבענע יידישע מאַסן, האָט די אידייע פון ווידערשטאַנד געמוזט אָננעמען רעאַלע פאָרמען און זיך אויסדריקן אין אַ גאַנצער רייע ערנסטע קאַמפן. די באַרימטסטע זענען געווען די באַוואָפנטע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ און אין ביאַליסטאָק, ווי אויך דער בונט פון די יידישע לאַגער ־ אַרבעטער אין טרעמבלינקע (אונטערגעצונדן דעם לאַגער, דערהרגעט די באַוואָפנטע דייטשע און אוקראַינישע וואַך און באַפרייט אַן ערך 100 פאַרמשפּטע). ווי אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, שטרייכן מיר אונטער די נויטווענדיקייט פון באַוואָפנטער אַקטיוויטעט פון די מאַסן און מיר מוזן מיט אָנערקענונג זיך באַציִען צו די העלדישע אַקטן פון ווידערשטאַנד און באַוואָפנטן קאַמף מצד די יידישע פאָלקס־מאַסן. די דאָזיקע אַקטן פון יידישן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד זענען געווען אַ רעזולטאַט פון לאַנגע יאָרן דערציִען די יידישע מאַסן אין גייסט פון קאַמף. אַזאַ גייסט האָט אין דער ערשטער רייע אויסגעשמידט די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, דער „בונד" און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן, פּונקט ווי אונזער אַמאָליקע פּ. פּ. ס., געווירקט נאָך אין די צאַרישע צייטן און האָבן אין זייערע רייען געהאַט געוויסע שיכטן פון דער יידישער אינטעליגענץ. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז פון די רייען פון „בונד" איז אַרויס דער קעמפער הירש לעקערט, אַ שוסטער־אַרבעטער, וואָס איז מיט 40 יאָר

צוריק אויפגעהאַנגען געוואָרן פאַר אַן אַטענטאַט אויפן ווילנער געגע־ראַל־גובערנאַטאָר. מען דאַרף דערמאָנען, אַז די באַוואָפנטע אַפּטיילונגען פון דער זעלבסטשוץ, וואָס האָבן געקעמפט קעגן די צאַרישע אַנטי־יידישע פּאָגראָמען, האָבן זיך רעקרוטירט קודם כל פון די קאַדרען פון „בונד". ברוך שולמאַן און קראַוזע,*) וואָס זענען דורך דעם צאַריזם אומגעבראַכט געוואָרן, שטאַמען פון דער פּ. פּ. ס. דער לעגענדאַרער גערשוני — פון די רייען פון דער רוסישער ס. ר. האָבן טאַקע די איצטיקע הערואישע טאַטן פון די געטאָס און יידישע לאַגערן זייער גייסטיקע גענעאַלאָגיע, צו וועלכער עס געהערט די דערציאונג־סיסטעם פון גאַנצע דורות אין די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. דער „בונד" האָט אין זיין גאַנצער לאַנגיאָריקער טעטיקייט אין דער יידישער געזעלשאַפט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. דאָס צוגרייטן די פּאַרטיידיקונג און די אָנפירונג מיט די באַוואָפנטע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ, די דאָזיקע הערלעכע ראַפּסאָדיע פון יידישער העלדישקייט איז געלעגן אין די הענט פון דער ייד. ק. אָ. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיך הויפּטזעכלעך געשטיצט אויף אַן אַרבעטער־עלעמענט און איז באַשטאַנען פון צוויי פאַקטאָרן: מיטגלידער פון „בונד" און מיטגלידער פון די יידיש־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. די באַוואָפנטע קאַמפן זענען פאָרגעקומען אין די יידישע צענטערן קעגן דער דייטשער באַוואָפנטער מאַכט ווי אַ נקמה־אַקט פאַרן אויסשעכטן מיליאָנען יידן. די קאַמפן האָבן זיך געפירט פאַר מענשלעכער, געזעלשאַפטלעכער און נאַציאָנאַלער ווירדע, קעגן — פאַשיזם.

די פאַרברידערונג אין קאַמף, וואָס האָט פאַרייניקט די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון יידישן פּראָלעטאַריאַט מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, איז דעריבער אויף ווייטער נאָך אַקטועלער.

אין יאָרטאָג פון די דאָזיקע קאַמפן שיקן מיר אונזער יידישער סאָציאַליסטישער ברודער־אָרגאַניזאַציע אונזער באַגריסונג."

***

„גלאָס דעמאָקראַציאי" (אָרגאַן פון דער ס.פּ.ד.) פון 6טן מאַי, 1944, האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל א. נ.: „צוויי סימבאָלן — פון רום און פון שאַנד":

„דעם 19־טן אַפּריל ה. י. האָט דער בריטישער ראַדיאָ אָנגעהויבן

*) דאָס איז אַ טעות. אין דער אמתן איז קראַוזע געווען אַ בונדיסט. — רעד.

זיינע איראָפּיאישע פּראָגראַמען מיט אַ ספּעציעלער אוידיציע אין עטלעכע שפּראַכן צום אָנדענק פון דעם פּאַראַיאַריקן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ. דעם דאָזיקן יאָרטאָג האָט געפייערט די גאַנצע וועלט. זיין באַדייטונג אין לאַנד ווערט נאָך גרעסער צוליב דעם וואָס דער פּוילישער נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן האָט באַשלאָסן אַריינצונעמען דעם קאַמף פון די פּוילישע יידן אין דעם ציקל פון די אַלגעמיינע קאַמפן פאַר דער פריהייט און אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. דער אַרמיי־שעף פון פּוילן האָט דעקאָרירט דעם טויטן קאָמענדאַנט פון דער וואַר־שעווער געטאָ מיטן קרייץ פוןווירטוטי מיליטאַרי. פאַרשיידענע טיילן פון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע אין לאַנד האָבן אויך געפייערט דעם אָנדענק פון דעם דאָזיקן יאָרטאָג מיט אַן אַקט, וואָס איז צוליב פאַר־שטענדלעכע טעמים נישט מעגלעך צו פאַרעפנטלעכן.

דורך פאַרשיידענע אומוועגן האָבן מיר באַקומען דעם טעקסט פון די אויבן דערמאָנטע באַשלוסן פון דעם נאַציאָנאַל־ראַט צו דער דיס־פּאָזיציע פון „גלאָס דעמאָקראַציי". מיר דרוקן זיי גערן שוין צוליב דעם, וואָס דער ברייטער עפנטלעכקייט זענען זיי נישט באַקאַנט. ווי אונז איז באַקאַנט, האָבן די אַממערסטן פאַרשפּרייטע אינפאָרמאַציע־אָרגאַנען זיי פּשוט פאַרשוויגן. דער זין פון די דאָזיקע באַשלוסן איז אַ קלאָרער. חוץ די הומאַניטאַרע אַקצענטן פאַרמאָגן זיי אויך זייער פּאָליטישע באַדייטונג, וואָס דאַרף עדות זאָגן פאַר דער וועלט, אַז פּוילן איז טריי געבליבן אירע בעסטע היסטאָרישע טראַדיציעס און אַז זי שעצט ווייטער די פּרינציפּן פון גלייכהייט און טאָלעראַנץ. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. פון די דאָזיקע באַשלוסן זעט מען, אַז דער נאַציאָנאַל־ראַט פאַרייניקט זיך מאָראַליש מיט די פּאָליטישע צענטרען אין לאַנד, וואָס האָבן האַרטנעקיק אַפילו אין די שווערסטע באַדינגונ־גען זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער דעמאָראַליזירנדיקער אַרבעט פון די דייטשן און האָבן קאָמפּראָמיסלאָז באַקעמפט די פינצטערע און גייסטיק־קראַנקע דאָקטרינע פון ראַסיזם, — די דאָזיקע צענטרען, וואָס האָבן אין זאָרג פאַר פּוילנס גוטן נאָמען איינגעהאַלטן אַ לעבעדיקן גייסטיקן קאָנטאַקט מיטן מערב און האָבן נישט דערלאָזט אָפּצורייסן פון פּוי־לישן ווערטער־בוך דאָס וואָרט הומאַניזם. זיי האָבן נישט דערלויבט אויפצוהייבן דעם אַנטיסעמיטיזם צו דער ראַנג פון נאַציאָנאַלער טוגנט און האָבן אים באַקעמפט ווי אַ פאַקטאָר וואָס שעדיקט די אינטערעסן פון לאַנד, ווי אַ נעסט פון אָבסקוראַנטיזם. די אומשטערבלעכע לאָ־זונגען פון דער דעקלאַראַציע פון מענטש־רעכט און בירגער־רעכט,

וואָס איז באַהעלט מיטן שיין פון דער לאַטייניִשער קולטור, האָט די פּוילישע דעמאָקראַטיע קעגנגעשטעלט די מיטלאַלטערלעכע בירגבער־גער געזעצן און האָט נישט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר דעם איינציק ריכטיקן פּרינציפּ: גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן. יעדנס פאַרדינסט און יעדנס לעבנס־קרבן איז די מאָס, אומאָפּהענגיק פון גלויבן אָדער אָפּשטאַמונג פון דעם בירגער".

6.

פינאַנסיעלע פראַגן

איך באַדויער זייער שטאַרק, וואָס די קורצע צייט וואָס איך האָב צו מיין דיספּאָזיציע אויף צו באַאַרבעטן דעם דאָזיקן באַריכט, דער־לויבט מיר שוין נישט צו פאַראָרדענען אַרויסצוגעמען פון דער באַ־העלטעניש אונזערע קאַסע־ביכער, אָפּגעשלאָסענע גראַד אין טאָג פון 1טן מאַי ה"י. זיי זענען, פאַרשטייט זיך, קאָנטראָלירט געוואָרן דורך אונזער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע (מיט דזשיסלאַוו מושקאַט אין דער שפּיץ). דעם גענויעם באַריכט לאָז איך דעריבער איבער צו דער נאָענ־טסטער געלעגנהייט, וואָס וועט זיכער גיך קומען. דערווייל האַלט איך פאַר זייער וויכטיק און אומבאַדינגט נויטווענדיק צו פאָדערן פון אייך אַ גענויע רשימה פון אַלע סומען, וואָס אַרטור אָדער איר האָט געשיקט ביז צו דער לעצטער צייט מיט אַ גענויער אָנווייזונג פון די דאַטעס ווי אויך די פערזאָנען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן די גע־געבענע סומעס איבערגעשיקט.

איך בעט אייך זייער דאָס צו טאָן, ווייל אָנהויב אַפּריל האָט די רעגירונגס־דעלעגאַטור אונז געמאָלדן, אַז זי האָט על פּי טעות אונז אויסגעצאָלט אַ סומע פון 60.000 דאָלאַר, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. מיר האָבן צוליב דעם געהאַט אַסך קאָפּדרייעניש און אומאַנגענעמלעכקייטן. איך שטרייך אונטער, אַז לויט אונזערע אויסרעכענונגען, וואָס באַזירן זיך אויף די טעלעגראַ־מעס און בריוו פון אַרטורן און לוציאַנען, וואָלט אונז געקומט נישט נאָר די דאָזיקע סומע פון די 60.000 דאָלאַר, נאָר אויך אַ געוויסער צוגאָב. מיטן ציל צו באַזייטיקן וועלכע נישט איז ספקות און מיס־פאַרשטייענישן, בעט איך אייך נאָך אַמאָל, איר זאָלט תיכף און גענוי אויפקלערן די אויבן דערמאָנטע ענינים. איך מוז דערביי אונטער־

שטרייכן, אַז יענע 60.000 דאָלאַר האָבן מיר פאַרנוצט אויף דער אַל־געמיינער אידישער זעלבסטהילף. פאַררופנדיק זיך אויף די באַמער־קונגען, וואָס געפינען זיך אין אָנהויב פון דעם דאָזיקן בריוו, אַפּעליר איך צו אייך נאָך אַמאָל: שיקט אַרויס וואָס גרעסערע סומען אין איינ־קלאַנג מיטן דעוויז: „ביס דאַט קווי סיטאָ דאַט". *) שיקט תיכף וויפיל איר האָט און וואַרט נישט ביז די סומע וועט זיך פאַרקיילעכיקן. די צייט שטייט נישט, די נויטן זענען מוראדיקע און מען קען ניט וויסן וואָס דער מאָרגן וועט אונז ברענגען. מאָרגן קען שוין זיין צו שפּעט.

***

סוף־באַמערקונגען.

צום סוף עטלעכע ווערטער. כ'האָב באַקומען אַן איינלאַדונג פאָ־ריקע וואָך צו טרעפן זיך מיט אַ „פייגעלע פון הימל",**) פון וועמען איך האָב באַקומען... אייערע — טייערער עמנואל — גרוסן צוזאַמען מיט אַן אייביקער פעדער. דאָס האָט מיך טיף גערירט. נעמט צו מיינע פריינדלעכסטע דאַנקען.

אַרבעט, טייערע, ווי ביז איצט, און מיר דאָ, כאָטש אָפּגעטיילט פון אייך דורך ימען דאָך פאַראייניקט מיט דער זעלבער אידייע — וועלן ווייטער דערפילן אונזערע געמיינזאַמע פליכטן.

נאָכאַמאָל האַרציקע גרוסן.

(—) בערעזאָווסקי (לעאָן פיינער).

וואַרשע, 24טער מאַי, 1944.

---

*) טאָפּלט גיט דער, וואָס גיט שנעל.

**) דאָס „פייגעלע פון הימל" איז אַ קוריער־פּאַראַשוטיסט, וועלכער איז גע־פלויגן געהיים פון ענגלאַנד און אַראָפּגעלאָזט געוואָרן ערגעץ אינם נאַצי־אָקו־פּירטן פּוילן. צווישן אַ סך אַנדערע זאַכן האָט ער געפירט אויך געלט און דעם צום אָנהויב פון דאָזיקן באַריכט דערמאָנטן בריוו פון 17־טן פעברואַר צום „בונד" אין פּוילן. האַרט פאַר זיין אַוועקפאָרן פון לאָנדאָן האָט אים חבר ע. שערער אויך מיטגעגעבן אַן אייביקע פעדער פאַרן ח' ל. פיינער. וועגן אָט דער פעדער שרייבט דאָ ח' פיינער. — דאָס זעלבע „פייגעלע פון הימל" האָט אַ פּאָר חדשים שפּעטער געבראַכט קיין לאָנדאָן אָט דעם דאָזיקן באַריכט פון חבר ל. פיינער, און האָט אי־בערגעגעבן דערביי דעם ח' ע. שערער מינדלעכע ידיעות וועגן זיינע באַגעגענישן מיטן ח' ל. פיינער אין דער נאַצי־אָקופּירטער וואַרשע. — רעד.

מאַרעק עדעלמאַן

די געטאָ קעמפט

(דער אָנטייל פון בונד אין דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ)

מ אַ ר ע ק ע ד ע ל מ אַ ן — דער מחבר פונם וויטערדיקן באַריכט וועגן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע און פירנדיקע פיגורן אין דעם העראָאישן ווידערשטאַנד אין געטאָ. דערצויגן אין דער יידיש־וועלטלעכער שול און מעדעם־סאַנאַטאָריע, איז ער שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד פון „סקיף" און „צוקונפט." סיי אַלס קינד, סיי אַלס יוגנט־לעכער — האָט ער שטענדיק זיך אויסגעצייכנט מיט הייליקער און אויפריכטי־קער געטריישאַפט צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, צום „בונד." אין אונטערערד, ביי דער צוגרייטונג און ביי דער דורכפירונג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז ער געווען אין די ערשטע רייען און געאַרבעט מיט מסירת נפש. ער איז איינער פון די געציילטע אויפשטענדלער, וואָס זיינען געבליבן לעבן. זיין דערציילונג איז דער וויכטיקסטער דאָקומענט וועגן אויפ־שטאַנד קעגן די נאַציס. „די געטאָ קעמפט" איז אָריגינעל געשריבן אין פּויליש, און צו דער ערשטער אויסגאַבע אין וואַרשע 1945 האָט דאָ באַקאַנטע פּוילישע שרייבערין זאָפיע נאַלקאָווסקאַ אָנגעשריבן אַ קורצע פאָררעדע. דער מחבר האָט זיין בוך געווידמעט דעם אָנדענק פון אַבראַשע בלום.

רעדאַקציע.

בעת דער דייטשער אָקופּאַנט האָט אין יאָר 1939 איינגענומען וואַר־שע, האָט ער די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט געפונען אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער צערודערונג און פאַרלוירנקייט. דעם 7טן סעפּטעמ־בער איז אַוועק פון וואַרשע דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוו. די דריי הונדערט טויזנט־קעפּיקע יידישע מאַסע האָט זיך מער ווי אַלע אַנדערע דערפילט הילפלאָז און איינזאַם.

ביי אַזאַ סיטואַציע איז די דייטשן נישט שווער געווען אין אַ קורצער צייט אָנצוהייבן הערשן איבער דער דאָזיקער מאַסע, דערדריקן איר מיט רעפּרעסיעס און דערפירן איר צו אַ צושטאַנד פון פּאַסיווער רעזיגנאַציע. דער גוט באַהבנטער, דורכגעטריבענער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט אַרבעט אָן אויפהער אין דער דאָזיקער ריכטונג, פאַרשפּרייטנדיק — פאַר יענער צייט — אומגלייבלעכע קלאַנגען, וואָס פאַרגרעסערן די פּאַניק און דעזאָרגאַניזאַציע. עס דויערט נישט לאַנג און די רעפּרעסיעס קעגען די יידן הערן אויף זיך צו באַגרענעצן מיט דערלאַנגען אַ זעץ אין פּנים ביי דער אָדער יענער געלעגנהייט, מיטן סאַדיסטישן אַרויסשלעפּן פון די וואוינונגען, אָדער מיטן כאַאָטישן כאַפּן אויף די גאַסן אויף אַרבעטן, וואָס האָבן נישט קיין שום צוועק. די רעפּרעסיעס הייבן אָן אָננעמען אַ קאָנקרעטן, סיסטעמאַטישן כאַראַקטער.

שוין אין דער ערשטער העלפט פון נאָוועמבער 1939 ווערן פאַר־עפנטלעכט די ערשטע „פאַרניכטנדיקע״ פאַראָרדנונגען: עס ווערן איינ־געפירט „דערציאונגס־לאַגערן״ פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקע־רונג און עס ווערט צוגענומען ביי יידן זייער גאַנצער פאַרמעגן העכער פון צוויי טויזנט זלאָטעס אויף אַ משפּחה. דערנאָך הייבן זיך אָן שיטן לויט דער ריי איינע נאָך די אַנדערע פאַרבאָטן און באַגרענעצונגען: מען טאָר נישט אַרבעטן אין דער גרויס־אינדוסטריע, מען טאָר נישט אַרבעטן אין עפנטלעכע און מלוכהשע אינסטיטוציעס, מען טאָר נישט באַקן קיין געבעקס, מען טאָר נישט פאַרדינען מער ווי פינף הונדערט זלאָטעס אַ חודש (און דער פּרייז פון ברויט גרייכט אין געוויסע צייטן ביז 80 זלאָטעס פאַר אַ קילאָ), מען טאָר נישט פאַרקויפן און אויך נישט קויפן ביי „אַריער״, מען טאָר זיך נישט היילן ביי „אַרישע״ דאָקטוירים, מען טאָר נישט היילן קיין „אַרישע״ קראַנקע, מען טאָר נישט פאָרן מיט באַנען, מיט טראַמווייען, מען טאָר נישט פאַרלאָזן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש די גרענעצן פון דער שטאָט, מען טאָר נישט האָבן קיין גאָלד, קיין צירונג. פון 12טן נאָוועמבער אָן מוז יעדער ייד, אָנהייבנדיק פון 12 יאָר טראָגן אויפן רעכטן אָרעם אַ ווייסן באַנד מיט אַ בלויען מגן דוד (אין אייניקע שטעט ,ווי לאָדזש, וולאָ־צלאַוועק — געלע לאַטעס אויף דער פּלייצע און אויף דער ברוסט).

די יידישע באַפעלקערונג, וואָס ווערט אָן שום סיבה געשלאָגן, דערנידעריקט, געפּייניקט, לעבט אין כסדרדיקן פּחד. דאָס נישט־אָפּהיטן די פאַראָרדנונגען דראָט מיט דער איין־איינציקער שטראָף — מיט טויט. דאָס אָפּהיטן זיי, פאַרהיט נישט פון טויזנטער, וואָס אַ מאָל

מער פאַנטאַסטישע נגישות, וואָס אַ מאָל אַלץ גרעסערע פאַרפאַלגונגען, אַלץ אָפטערע אַקטן פון טעראָר, אַלץ שטרענגערע פאַראָרדנונגען. און גלייכצייטיק הייבט אָן הערשן דאָס נישט געשריבענע געזעץ פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַזוי ווערן אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער, 1939, דערשאָסן 53 מענער אין הויז פון נאַלעווקי 9 בלויז דערפאַר, ווייל איינער פון די איינוואוינער האָט געשלאָגן אַ פוילישן פּאָליציאַנט. דער דאָזיקער ערשטער פאַל פון קאָלעקטיוון מאָרד פאַרטיפט נאָך מער די פּאַנישע שטימונגען צווישן די יידן. די אימה פאַר די דייטשן וואַקסט אויס אַזוי גוואַלטיק, אַז ס׳איז צו איר ממש קיין גרענעץ נישטאָ.

אין אַזאַ אַטמאָספער און אין אַזעלכע קאַרדינאַל־געענדערטע באַדינגונגען הייבט אָן, ריכטיקער געזאָגט, קאָנטינואירט דער „בונד" זיין געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טעטיקייט. ווייל עס געפינען זיך צווישן אונדז מענטשן, וואָס נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, וואָס איז געשען, פּרובירן זיי פאָרט ווייטער פירן די אַרבעט. דער באַוואוסטזיין אָבער, אַז מען קען יעדע רגע אומקומען און נישט דערפאַר, פאַרוואָס מען טוט, נאָר ווי אַ געשלאָגענער, אויסגעהונקטער — נישט מענטש — נאָר ייד, ווירקט שרעקלעך דערדריקנדיק. דער מאַנגל פונעם געפיל פון אייגענעם איך, נעמט אָפּ יעדן חשק צו דער אַרבעט, יעדן גלויבן אין זיך. און דאָס טאַקע קלערט אויף אַמבעסטן, פאַרוואָס אונדזער טעטיקייט איז אין דעם דאָזיקן ערשטן פעריאָד נאָכן פאַלן פון וואַרשע, דער עיקר געווען אַ הילפס־טעטיקייט, פאַרוואָס די אַלע אויסברוכן פון באַוואפנטן קאַמף מיטן אָקופּאַנט זענען פאַרהעלטניסמעסיק געקומען אַזוי שפּעט און פאַרוואָס זיי זענען געווען ביים אָנהויב אין אַזאַ שוואַכער פאָרם. עס איז צו יענער צייט פשוט געווען פאַר אונדז אַ גיגאַנטישע אָנשטרענגונג דאָס בלויז בייקומען די אייגענע פאַרצווייפלטע אַפּאַטיע, דאָס אַרויסבאַקומען פון זיך אַ וועלכע נישט איז אַקטיוויטעט, דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך דער אַלגעמיינער פּאַניק.

די טעטיקייט פון „בונד" איז אָבער אין די שווערסטע מאָמענטן נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף קיין איין רגע. בעת דער צענטראַל קאָמיטעט איז אין סעפּטעמבער געצוואונגען אַרויסצופאָרן, גיט ער איבער די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי־אַרבעט אַבראַשע בלום. צוזאַמען מיט אַרטור זיגעלבוים (דעם 8טן סעפּטעמבער געקומען קיין וואַרשע פון לאָדזש) און אין פאַרשטענדיקונג מיטן פאַרטיידיקער פון וואַרשע, דעם פּרעזידענט סטאַזשינסקי, אָרגאַניזירט ער יידישע אָפּטיילונגען, וואָס נעמען

אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּאַרטיידיקונג פון דער הויפּטשטאָט. עס איז אויך אַרויסגעפאָרן כמעט די גאַנצע רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־צייטונג" (פּאַרטיי־אָרגאַן), אָבער דעם 10טן סעפּטעמבער באַוויזט זיך נאָרמאַל די צייטונג און דערשיינט רעגלמעסיק, אונטער דער רעדאַקציע פון די חברים: וויקטאָר שולמאַן, אַרטור זיגעלבוים א. אַ., אין משך פון דער צייט פון דער באַלאַגערונג.

די שפּייז־פּונקטן און קיכן, וואָס זענען געעפנט געוואָרן אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג, פונקציאָנירן ווייטער. מאַטעריעלע הילף באַקומען כמעט אַלע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי און פון די פּראָפעסיאָנעלע פּאַראיינען. תיכף ווי די דייטשן פאַרנעמען וואַרשע, אָרגאַניזירט אַבראַשע בלום אַ נייע צענטראַלע אָנפירונג פון דער פּאַרטיי (אַבראַשע בלום, לאָזער קלאָג, סאָניע נאָוואָגרודסקי, בערנאַרד גאָלדשטיין, אַרטור זיגעלבוים און שפּעטער קומען צו אַדאַם שניידמיל־בערעק און מאַוריצי אָזשעך).

אין יאַנואַר 1940 בעת עס פאַלט דורך די ערשטע ראַדיאָ־סטאַנציע פון דער פּוילישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, קומט אָן אַ צווייטע כוואַליע פון מאַסן־טעראָר. אין משך פון איין נאַכט אַרעסטירן די דייטשן און דערמאָרדן העכער הונדערט פּערזאָן: געזעלשאַפטלעכע טוער, אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ און מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס. אָבער דערביי שטעלט זיך דער אָקופּאַנט נישט אָפּ. עס ווערט איינגעפירט נאָך נישט קיין געטאָ, נאָר די צוגרייטונג צו איר, דער אַזוי־גערופענער „זויכענשפּערגעביט" (די געגנט, וואָס איז באַדראָט פון טיפוס), וואָס אויסער איר איז יידן נישט דערלויבט צו וואוינען. די יידן שטעלן אויך פאָר מיט זיך אַן אומזיסטע אַרבעטס־קראַפט ווי פאַר די דייטשן אַזוי אויך פאַר די פּאָליאַקן. אָבער דאָס איז נאָך אַפּנים אַלץ צו ווייניק. די וועלט מוז נאָך וויסן, אַז נישט בלויז די דייטשן האַסן די יידן.

פּסח־צייט אין יאָר 1940 ווערט אָרגאַניזירט אַ פּאָגראָם, וואָס ציט זיך עטלעכע טעג. די דייטשע פליער ווערבירן פּוילישע אונטער־וועלט־מענטשן, צאָלנדיק זיי 4 זלאָטעס „אַן אַרבעטס־טאָג". די ערשטע דריי טעג הוליען זיי אומבאַשטראָפט. אויפן פערטן טאָג פירט דורך די בונדישע מיליץ אַ קעגן־אַקציע. עס דערגייט צו פיר גרויסע גאַסן־קאַמפן: סאָלנע־האלע מיראָווסקע, קראָכמאַלנע־פּלאַץ גזשיבאָווסקי, קאַר־מעליצקע־נאָוואָליפּיע, ניסקע־זאמענהאָף. מיט דער אַקציע פירט אָן פון זיין באַהעלטעניש דער חבר בערנאַרד.

וועגן דעם, אויף ווי ווייט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איז צו יענער צייט געווען דעזאָרגאַניזירט, זאָגט עדות דער פּאַקט, וואָס קיין איינע פון די דעמאָלט טעטיקע פּאַרטייען האָט זיך אין דער דאָזיקער אַקציע נישט באַטייליקט. נאָך מער — זיי זענען אפילו אַלע געווען קעגן איר. אונדזער אַקציע באַווייזט אָבער דעמאָלט אָפּצושטעלן די אַרבעט פון די דייטשן און ווערט אַזוי אַרום די ערשטע אַקטיווע אַרויסטרעטונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

עס איז נויטיק געווען, אַז אַלע זאָלן עס פאַרשטיין. מען האָט עס געדאַרפט זאָגן די דאָזיקע אַלע געשלאָגענע, דערנידעריקטע מענטשן, מען האָט זיי געדאַרפט ווייזן, אַז נישט געקוקט אויף אַלץ, אַז טראָץ אַלץ, זענען מיר נאָך פעאיק צו הייבן דעם קאָפּ. דעמאָלט האָט זיך עס צום טאָג פון ערשטן מאַי באַוויזן דער ערשטער נומער פון „ביולעטין". ער איז געמאַכט געוואָרן אויף אַן אַלטן מימעאָגראַף פון „סקיף" (—סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד — אַ בונדישע סקאַוטן־אָרגאַניזאַציע), וואָס איז צופעליק געפונען געוואָרן אין דער פאָלקס־שול אויף קאַרמעליצקע 29. דער ביולעטין איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך אַ רעדאַקציע־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים: אבראַשע בלום, אַדאַם שניידמיל (בערעק) און בערנאַרד. דער נומער איז געווען געווידמעט די פּסח־געשעענישן. אָבער די יידישע באַפעלקערונג בלייבט גלייכגילטיק.

אין נאָוועמבער, 1940 שאַפן די דייטשן אין וואַרשע די געטאָ. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, וואָס וואוינט נאָך מחוץ דעם „זויכענשפּערגעביט", ווערט איבערגעשיקט אויף יענעם שטח. די פּאָליאַקן, וואָס וואוינען אין געביט פון דער געטאָ, פאַרלאָזן זייערע דירות. פאַר קליינע וואַרשטאַטן, פאַבריקן און קראָמען איז דער טערמין פון איבערקלייבן זיך מיט צוויי וואָכן לענגער, ד. ה., ביזן 1טן דעצעמבער. אָבער שוין דעם 15טן נאָוועמבער טאָר קיין שום ייד נישט פאַרלאָזן די יידישע געגנט. די דייטשן פאַרחתמענען תיכּף די לאָקאַלן, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך די יידן, און צוזאַמען מיטן אינווענטאַר גיבן זיי עס דערנאָך אַוועק אומזיסט פוילישע הענדלער און שמוגלער. די שמוגלער און ווינקל־הענדלער — די דאָזיקע טיפּישע באַשעפענישן פון די מלחמה־באַדינגונגען — דאָס זענען די מענטשן, אויף וועלכע די דייטשן רעכענען אויס, וועלכע זיי באַמיען זיך צו געווינען פאַר זיך, אַוועקגעבנדיק זיי דעם יידישן פאַרמעגן און קוקנדיק דורך די פינגער אויף זייער שמוגל מיט שפּייז־אַרטיקלען.

מיט יעדן טאָג וואַקסן איצט די מויערן און די דראָטן, וואָס רינגלען אַרום די געטאָ. ביז עס קומט דער 15טער נאָוועמבער ווען די יידן ווערן פולשטענדיק אָפּגעשניטן פון דער וועלט און פון די מענטשן פון יענער זייט. עס ווערט נאַטירלעך אויך איבערגעריסן דער קאָנטאַקט מיט די יידן פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך. די יידישע אַרבעטער פאַרלירן אַלע זייערע מעגלעכקייטן עפּעס צו פאַרדינען. אַלע אינ־דוסטריע־אַרבעטער, אַלע מלוכה־באַאַמטע, שטאָטישע אַנגעשטעלטע און אַנגעשטעלטע פון „אַרישע" פירמעס בלייבן אָן אַרבעט. עס שאַפט זיך דער טיפישער מלחמה־שיכט פון הענדלער־פאַרמיטלער. דער גרעסטער טייל בלייבט אָבער אין די נייע באַדינגונגען אַרבעטלאָז. אויספאַר־קויפנדיק לכתחילה אַלץ, וואָס לאָזט זיך מאַכן צו געלט, קייקלען זיך אַראָפּ די דאָזיקע מענטשן, ביסלעכווייז, צו אַ צושטאַנד פון דער טיפסטער נויט. נישט געקוקט אויף די טומלדיקע הבטחות פון די דייטשן צו פּראָדוקטיוויזירן די געטאָ, שאַפט זיך אַ פולשטענדיקע פּאופּעריזאַציע. צו דעם אַלעם קומען נאָך צו המונים פון טויזנטער יידן אַרויסגעטריבענע פון די אַרומיקע שטעטלעך, מענטשן באַרויבטע כמעט פון אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און איצט מוזן זיי דאָ, אָן שום אָנהאַלט, אין אַ פרעמדער סביבה, אַ פאַרנומענער מיט זיך, אויסגייענדיק פון הונגער, בויען פון דאָסניי זייער לעבן.

די פולשטענדיקע סעפּאַרירונג, דער פאַרבאָט אַריינצולאָזן צייטונגען, דאָס נישט־צולאָזן קיין שום ידיעות פון דער וועלט, האָבן אויך זייער באַשטימטן ציל. אַ ציל, וואָס אין איינקלאַנג מיט אים ווערט די יידישע באַפעלקערונג פאַרקערעוועט אויף ספּעציעלע רעלסן. דאָס, וואָס עס טוט זיך הינטער די מויערן, ווערט וואָס אַ מאָל ווייטער, וואָס אַ מאָל נעפּלדיקער, ווערט פרעמד. וויכטיק איז שוין בלויז דער היינטיקער טאָג, די נאָענטסטע ענינים, די מענטשן פון אוממיטלבאַרן אַרום. בלויז דערויף קאָנצענטרירן זיך שוין איצט פון זיך אַליין אַלע פאַראינטערע־סירונגען פונעם דורכשניטלעכן איינוואוינער פון געטאָ. וויכטיק איז בלויז איין זאַך, מען זאָל לעבן.

דאָס דאָזיקע „לעבן" פאַרשטייט יעדערער אויף זיין שטייגער און עס איז אויך פאַרשידנאַרטיק, אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען און מעג־לעכקייטן. פאַר מענטשן רייכע, נאָך פון פאַר דער מלחמה, איז עס אַ גוט לעבן. פאַר כלערליי דעגענערירטע געסטאַפּאָ־אַגענטן און דע־מאָראַליזירטע שמוגלער איז עס אַ לעבן פון וואוילטיק — פון שרייענ־דיקן לוקסוס. פאַר די ברייטע מאַסן אַרבעטער און אַרבעטסלאָזע איז

עס אַ הונגער־וועגעטאַציע, וואָס האַלט זיך אויף זופּ פון דער פאָלקס־קיך און אויף קאַרטן־ברויט. אין אָט דעם „לעבן“ קלאַמערט זיך יעדע־רער קראַמפּהאַפט אויף זיין שטייגער. די, וואָס האָבן געלט, זעען זייער ציל אין דעם, וואָס זיי לעבן אַ גוטן טאָג. זיי יאָגן זיך נאָך דעם, שטופּנדיק זיך אין די רוישיקע תמיד־איבערגעפּאַקטע קאַפעען, פאַר־שיכורנדיק זיך מיט דער טאַנץ־מוזיק אין די נאַכט־לאָקאַלן. די, וואָס האָבן גאָרנישט, די אָרעמעלייט — זוכן „גליק“ אין אַ פאַרשימלטן קאַרטאָפל, אַן אויסגעגראָבענעם פון אַ מיסטקאַסטן, זיי געפינען עס, אַנטלויפנדיק מיט אַן אויסגעבעטלט שטיקל ברויט, וואָס וועט אויף אַ רגע לאָזן פאַרגעסן, וואָס עס מיינט הונגער. דערפון האָט זיך עס גענומען דאָס קאָנטראַסטן־בילד פון דער געטאָ־גאַס, וואָס איז אַזוי פיל מאָל אויסגענוצט געוואָרן דורך די דייטשן, פאָטאָגראַפירט געוואָרן פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן און בייזוויליק איבערגעטפּערט געוואָרן דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון דער וועלט: „אָט זעט, אין דער וואַרשע־ווער געטאָ ביי די שויפענצטער, וואָס זענען איבערפולט מיט שפּייז אַריבערגעשמוגלטע פון דער אַרישער געגנט, שטאַרבן אָרעמעלייט פון הונגער“.

און דער הונגער וואַקסט פון טאָג צו טאָג. ער רייסט זיך אַרויס פון די פינצטערע איבערגעפּאַקטע דירות אין די גאַסן. ער שפּאַרט זיך אין די אויגן מיטן אויסזען פון די קאַריקאַטורעל אָנגעשוואָלענע קערפּערס־קלעצער, מיט די אַרומגעוויקלטע מיט שמאַטעס אייטער־דיקע פיס באַדעקטע מיט געשווירן, מיט וואונדן פון אָפּפרירן און פון נישט דערעסן. דער הונגער רעדט דורך די מיילער פון די בעטלענדיקע אויף די הויפן אַלטע לייט, יונגע און קינדער.

די קינדער בעטלען מאַסנווייז. זיי בעטלען אין געטאָ, זיי בעטלען „אויף דער אַרישער זייט“. קליינע זעקס־יאָריקע קינדער גנבענען זיך דורך די דראָטן ממש אונטער די הענט פון זשאַנדאַרם, כדי אַרויס־צוקריגן אויף יענער זייט אַ ביסל שפּייז. זיי האַלטן אויס דערמיט גאַנצע משפּחות. און נישט איין מאָל זאָגט אָן די דורכגייער אַ שאָס פון אַ זשאַנדאַרם ביי די דראָטן, אַז אַ קליינער שמוגלער איז אומגעקומען אין קאַמף מיטן הונגער. עס באַווייזן זיך די אַזוי גערופענע „כאַפּערס“ — יינגלעך, איינגנטלעך סקעלעטן פון די אַמאָליקע יינגלעך, וואָס רייסן אַרויס ביי די דורכגייער פּעקלעך, און מאָמענטאַל, נאָך האַלטנדיק אין אַנטלויפן, שלינגען זיי איין, וואָס עס געפינט זיך אין זיי. אָפט געשעט עס, אַז אין איילעניש שפּאַרן זיי אין די מיילער זייף אָדער רויע אַרבעס.

די נויט איז אַזוי גרויס, אַז מענטשן שטאַרבן פון הונגער אויף די גאַסן. יעדן פאַרטאָג, אַרום 4—5 אַ זייגער זאַמלען צונויף די פורן פון חברה קדישא עטלעכע צענדליק מתים, וואָס אַנדערע פון זיי האָט אַ צופעליקער דורכגייער צוגעדעקט מיט אַ צייטונג און אויבן אַרויפגעלייגט אַ שטיין זי זאָל נישט אַראָפּפליען. אַ טייל פאַלט אין גאַס, אַנדערע שטאַרבן אין דער היים, אָבער די משפחה טוט זיי אויס נאַקעט (כדי צו מאַכן צו געלט זייער קליידונג) און טראָגט אַרויס די קערפּערס פון יענער זייט טויער, אַזוי אַז די קבורה זאָל פאַרקומען אויפן חשבון פון דער יידישער קהילה. רייען וועגענער אָנגעלאָדענע מיט נאַקעטע מתים פאָרן דורך די גאַסן. איינע אויף די אַנדערע ליגן זיי, די ביי־נערדיקע סקעלעטן — אויף די ערטער, וואו דער ברוק איז נישט גלייך, שפּרינגען אונטער די קעפּ, קלאַפּן זיך אָפּ איינע אָן די אַנדערע, האַקן זיך אָן די ברעטער פון וואָגן.

די סיטואַציע ווערט טראַגיש בעת די געטאָ ווערט פאַרפּלייצט מיט די אַרויסגעשיקטע יידן פון די קליינע שטעט און שטעטלעך. עס זענען נישטאָ קיין הייזער, עס פעלן אויס וואוין־ערטער. היימלאָזע, ברודיקע בלאָנקען זיך די מענטשן איבער די גאַסן. גאַנצע טעג וואַלגערן זיי זיך אַזוי אַרום, עסן און שלאָפן אויף די הויפן. ביז מען באַזעצט זיי סוף כל סוף אין ספּעציעל צו דעם צוועק געשאַפענע „פּונקטן" — צייט־ווייליקע הייזער פאַר פּליטים. די דאָזיקע „פּונקטן" — דאָס איז איינער פון די שוואַרצסטע פלעקן אין לעבן פון דער געטאָ. אַ פּלאָג, וואָס איז נישט מעגלעך צו באַקעמפן. בלויז אַ טייל קינדער גיט זיך איין אַריבער־צופירן אין בעסערע באַדינגונגען, אין אַן אינטערנאַט.

אין די גרויסע פּוסטע נישט געהייצטע זאַלן פון בתי מדרשים און פאַבריק־האַלעס נעסטיקן זיך צו עטלעכע הונדערט מענטשן. ברו־דיקע, פאַרלייזיקט, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט זיך אַרומצעוואַשן, נישט דערעסענע, הונגעריקע (איין מאָל אַ טאָג שטעלט צו דער יידן־ראַט וואַסעריקע זופּ), ליגן זיי גאַנצע טעג אויף די ברודיקע שטרויזעק, נישט האָבנדיק קיין כוח אויפצושטיין. די ווענט אַרום זענען באַדעקט מיט גרינע צעשמירטע פלעקן פון שימל. די שטרויזעק ליגן אויף דער ערד, זעלטן וואו אויף נאַרעס. אויף אַ גאַנצער משפחה פאַלט אָפּט־מאָל אויס איין אָרט צום שלאָפן. דאָ הערשן ערשט אין זייער פולסטער מאָס, מיט קיין שום זאַך נישט באַגרענעצט — די נויט און דער הונגער.

גלייכצייטיק בושעוועט דער פלעק־טיפוס. וואָס ווייטער ווערן אַלץ מער הויפן און דירות באַפלעקט מיט די שרייענדיקע געלע וואָרנונג־

צעטלען: „פלעקפיבער!" ספעציעל קרענקען מאַסנווייז די תושבים פון די „פונקטן". די שפּיטאָלן, וואָס נעמען איצט אויף בלויז אנשטעקנ־דיקע קראַנקע, זענען איבערפולט. יעדע אָפּטיילונג נעמט אויף טעגלעך הונדערט פופציק חלאים, וואָס ליגן דערנאָך צו צוויי, אָדער דריי אין אַ בעט און אויפן דיל. איבער יעדן גוסס שטייט מען און מען וואַרט מיט אומגעדולד, ער זאָל וואָס גיכער אָפּליידיקן זיין אָרט פאַר אַ צווייטן. די דאָקטוירים קענען זיך קיין עצה נישט געבן. זיי זענען צו ווייניק. מענטשן שטאַרבן הונדערטערווייז. די קברנים באַוויזן נישט אויסצו־גראָבן די קברים. און הגם מען וואַרפט אַריין אין איין קבר צו 500 מתים, ליגן הונדערטער נישט באַערדיקטע צו עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, אייג־וויקלענדיק דעם גאַנצן בית־עולם אין אַן איבלדיקן זיסלעכן ריח. די עפּידעמיע וואַקסט. עס איז איר אוממעגלעך צו באַקעמפן. דער טיפוס איז אומעטום, ער לויערט פון יעדן ווינקל און צוזאַמען מיטן הונגער ווערט ער דער אַלמעכטיקער הערשער פון דער געטאָ. די שטערבלעכ־קייט דערגרייכט צו זעקס טויזנט מענטשן אַ חודש (דאָס איז 2 פּראָ־צענט פון דער באַפעלקערונג).

אין די דאָזיקע טראַגישע באַדינגונגען פון יידישן לעבן באַמיען זיך די דייטשן איינצושטעלן אַ כלומרשטע אָרדנונג און אַ מאַכט. פון ערשטן טאָג אָן זינט עס עקזיסטירט די געטאָ, רעגירט אָפיציעל דער יידן־ראַט. כדי איינצוהאַלטן די געהעריקע „אָרדנונג", ווערט איצט איינגעפירט אַ מונדירטע יידישע אָרדנונג־וואַך. פון איצט אָן מוזן שוין די קליינע קינדער, וואָס שמוגלען זיך דורך די דראָטן, זיך אויסהיטן פון נאָך אַ מאַכט. און די יידישע באַפעלקערונג האָט שוין איצט דריי „צערבערס" — אַ דייטש, אַ פּוילישן פּאָליציאַנט און אַ פּאָליציאַנט אַ יידישן. די אינסטיטוציעס, וואָס דאַרפן עס איינפירן אין געטאָ אַ וועלכן נישט איז נאָרמאַלן לעבן — זענען פּאַקטיש אַ קוואַל פון ווייטגייענדיקער קאָ־רופּציע און דעמאָראַליזאַציע. די דייטשן געלינגט לכתחילה אַריינ־צוציען אין יידן־ראַט די אָנגעזעענסטע בירגער. אָבער דער איינציקער מיטגליד פון ראַט, וואָס פאַרמאָגט דעם ציווילן מוט צו דראָען מיט אַרויסטרעטן דערנאָך פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, הגם עס דראָט דערפאַר טויט־שטראָף, איז דער חבר אַרטור (שמואל זיגעלבוים).

אין אַט דער אַטמאָספער, אין חודש פעברואַר, יאָר 1941, דערגייען קיין וואַרשע די ערשטע ידיעות וועגן אומברענגען יידן מיט גאַז אין כעלמנאָ אויף פּאָמאָזשע. די ידיעות ברענגען דריי אַנטלאָפענע, מיט נסים זיך געראַטעוועטע, יידן. לויט זייער באַריכט קומט אויס, אַז אין

משך פון נאָוועמבער און דעצעמבער 1940 זענען אין כעלמנא פאַר־גאַזעוועט געוואָרן דורך די דייטשן קרוב פערציק טויזנט לאָדזשער יידן און נאָך אַמאָל אַזוי פיל פון פּאָמאָזשע און פון אַנדערע שטעטלעך, וואָס זיינען איינגעגלידערט געוואָרן אין דריטן רייך. און אויסער דעם עטלעכע הונדערט ציגיינער פון בעסאַראַביע. די דייטשן האָבן גע־מאָרדעט אויף דעם שוין איצט גוט באַקאַנטן, העכסט ראַפינירטן אופן. זיי האָבן איינגערעדט זייערע קרבנות, אַז זיי פאָרן אויף אַרבעט. האָבן זיי געהייסן מיטנעמען האַנט־געפּעק. דערנאָך ווען מען האָט זיי גע־בראַכט אין שלאָס אין כעלמנא, האָט מען זיי אַלעמען זיך געהייסן אויסטאָן נאַקעט און יעדערער האָט באַקומען אַ האַנטוך מיט זייף כלומרשט, כדי צו גיין זיך אויסבאָדן. און אַנהאַלטנדיק אַזוי ווייטער די קונציקע שפּיל, האָבן זיי דערנאָך אַריינגעפירט די יידן אין הערמעטיש־פאַר־מאַכטע אויטאָמאָבילן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די גאַז־קאַמערן. דער גאַז איז אַריינגעשטופּט געוואָרן מיט דער קראַפט פון אַרבעטנדיקן אויטאָמאָביל־מאָטאָר. נאָכדעם האָבן אויף אַ פעלד אין וועלדל אונטער כעלמנא יידישע קברנים אַרויסגענומען די מתים פון די אויטאָמאָבילן און זיי באַגראָבן. דער וואַלד איז בעת מעשה באַוואַכט געוואָרן פון 200 ס. ס.־לייט. מיט דער אַקציע האָט אָנגעפירט דער ס. ס.־מאַן ביקאָוויעץ. עטלעכע מאָל זענען דאָרט פאָרגעקומען אינ־ספּעקציעס פון גענעראַלן פון ס. ס. און ס. א.

די וואַרשעווער געטאָ האָט אין די דאָזיקע ידיעות נישט געגלויבט. עס האָבן נישט געקאָנט גלייבן די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזוי געקלאַמערט אָן לעבן, אַז דאָס לעבן קען ביי זיי אויף אַזאַ מין אופן צוגענומען ווערן. די אָרגאַניזירטע יוגנט, וואָס האָט אויפמערקזאַם אָב־סערווירט דעם וואוקס פון דייטשן טעראָר, האָט די ערשטע געהאַלטן די דאָזיקע געשעענישן פאַר מעגלעכע און ריכטיקע און האָט באַשלאָסן דורכצופירן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע, כדי באַוואוסטזיניק צו מאַכן די באַפעלקערונג. אין דער ערשטער העלפט פון פעברואַר 1941 קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג פון „צוקונפט”־אַקטיוו (בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע), וואו עס טרעטן אַרויס די חברים: אבראַשע בלום און אבראַמעק באַרטענשטיין. עס איז קלאָר פאַר אַלעמען, אַז מיר וועלן נישט אומקומען ווי שוצלאָזע. עס איז אונדז אַ חרפה פאַר די כעלמנער יידן, וואָס זיי האָבן זיך אָן שום ווידערשטאַנד געלאָזט פירן צום טויט. מיר ווילן נישט דערלאָזן דערצו, אַז די וואַרשעווער געטאָ זאָל זיך ווען עס איז געפינען אין אַן ענלעכער סיטואַציע. „מיר וועלן נישט שטאַרבן אויף די

קני! זאָגט אבראמעק — מיר וועלן נעמען אַ ביישפּיל נישט פון זיי נאָר פון אַזעלכע מענטשן, ווי אונדזער חבר אַלטער באס". גראד אין דער זעל־בער צייט ווען יענע זענען אומגעקומען פּאַסיוו אונטערטעניק, איז ער גע־כאַפּט געוואָרן ווי אַ פּאָליטישער טוער מיט אומלעגאַלע צייטונגען אין קעשענע. ווערנדיק געפּייניקט אויף אַלע אופנים, וואָס די דייטשן האָבן נאָר געקאָנט, האָט ער זיך מיט זיין גאַנצן מהות אַנטקעגנגעשטעלט דער בעסטיאַלישער איבערמאַכט, הגם ער האָט פאַרן פּרייז פון עט־לעכע ווערטער געקאָנט ראַטעווען זיין לעבן.

אין עטלעכע צענדליק עקזעמפּלאַרן ווערט אין געטאָ פאַרשפּרייט די באַשרייבונג פון כעלמנער פאַרברעכן. מיר שיקן אויך אַוועק אַ באַריכט קיין אויסלאַנד מיט דער פאָדערונג אַנצונעמען רעפּרעסיווע מיטלען קעגן דער ציווילער דייטשער באַפעלקערונג. אָבער אויסלאַנד גלויבט אויך נישט. אונדזער רוף געפינט נישט קיין אָפּקלאַנג, הגם דער חבר אַרטור זיגעלבוים — צו יענער צייט שוין אונדזער פאַרשטייער אין נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן — פאַרעפנטלעכט אין זיין ראַדיאָ־רעדע דעם ווערטלעכן טעקסט פון אונדזער דעפּעשע פאַר דער גאַנצער וועלט. אויף מאָרגן ווערט די דאָזיקע רעדע איבערגעדרוקט אין אַ ספּעציעלן נומער פון אונדזער אָרגאַן „דער וועקער", ווי אויך אין די צייטונגען פון אַלע אַנדערע פּאָליטישע ריכטונגען, און ווערט פאַר־שפּרייט איבער דער גאַנצער געטאָ.

דער אויסברוך פון דער רוסיש־דייטשער מלחמה (זומער־צייט 1941), ברענגט מיט זיך דעם אָנהייב פון מאַסנהאַפטע אויסראָטונגס־אַקציעס אין די געביטן פון מערב־ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע. אין נאָוועמבער פון דעם זעלבן יאָר קומען פאַר מאַסנהאַפטע דערשיסונגען פון די יידן אין ווילנע, סלאָנים, ביאַליסטאָק און באַראַנאָוויטש. אין פּאָנאַר הינטער ווילנע קומען אום אין אַ קורצער אַקציע עטלעכע צענדליק טויזנט יידן. די דאָזיקע ידיעות קומען אָן קיין וואַרשע. און ווידער איז דער צוגאַנג פון דער אומבאַוואוסטזיניקער באַפעלקערונג אַ קורצזיכטיקער. די מערהייט האַלט, אַז דאָס איז נישט קיין אָרגאַניזירטע פּלאַנמעסיקע אַקציע אויסצוראָטן דאָס יידיש פאָלק, נאָר הפקרדיקע מערדערייען פון דער דייטשער סאָלדאַטשינע, וואָס איז פאַרשיכורט פון זיג. אָבער די פּאָלי־טישע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען האַלטן זיך ביי אַן אַנדער מיינונג.

אין יאַנואַר 1942 קומט פאָר אַ צווישן־פּאַרטייאישע קאָנפערענץ. אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען שטייען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דער

איינציקער ווירדיקער ענטפער איז אַ באַוואָפנטע אַרויסטרעטונג. צום ערשטן מאָל פּאַלט דעמאָלט פון דער זייט פון די שומרישע און חלוצישע אָרגאַניזאַציעס דער קאָנקרעטער פאָרשלאַג צו שאַפן אַ געמיינזאַמע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אין אונדזער נאָמען נעמען ווערטער מ. אַזשעך און א. בלום. זיי זאָגן אַרויס די מיינונג אַז אַ באַוואָפנטע אַרויסטרעטונג קען האָבן דערפאָלג נאָר ביי דער פאַרשטענדיקונג מיט דער פּוילישער קאָנספּיראַטיווער באַוועגונג. דעמאָלט דערגייט עס אָבער נאָך נישט צו דער גרינדונג פון דער געמיינזאַמער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

— —

אין דער פאַרשטענדיקונג מיט די פּוילישע סאָציאַליסטן (דער לינקסטער פליגל פון די פּ. פּ. ס.), שאַפן מיר די ערשטע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. צו דער קאָמענדאַטור געהערן די חברים: בערנאַרד, אבראַשע, בערעק. עס ווערט אָרגאַניזירט דאָס ערשטע פינפטל אינ־סטרוקטאָרן: ליבעסקינד (פון לאָדזש), זיגמונט פרידריך, לייב שפּיכלער, אברהם פיינער, מאַרעק עדעלמאַן. מיר הויבן אָן אונדזער אַרבעט פון טעאָרעטישער אויסשולונג. דער פולשטענדיקער מאַנגל פון געווער מאַכט אוממעגלעך די אויסברייטערונג פון אונדזער טעטיקייט. אונדזער אַרבעט באַגרענעצט זיך פּאַקטיש דערמיט, וואָס מיר מאַכן כסדרדיקע אויסשפּירונגען צווישן די געסטאַפּאָ־לייט און פאַרהיטן שוין אַזוי אַרום מענטשן פון עוונטועלע דורכפאַלן. אין דער אויסשפּיר־אַרבעט באַ־טייליקן זיך: פאַליע ליפשיץ, צביה וואקס, זאָשקע גאָלדבלאַט, לאַהטשע בלאַנק, סטעפע מאַריץ, מאַניע עלענבויגן, ווי אויך די חברים פון פּ. ס. — מאַריאַן מערנהאַלץ, מיעטעק דאמב און אַנדערע. הגם מיר זענען זייער באַגרענעצט אין אונדזערע מעגלעכקייטן, האָט שוין דער פאַקט אַליין פון דער אַנטשטייאונג פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, זיין אויסגעשפּראָכענע באַדייטונג. אונדזער איניציאַטיוו ווערט אויפגענומען מיט דער פולסטער אנערקענונג מצד אַלע חברים, וואָס ווערן אינפאָרמירט וועגן דעם.

— —

צו יענער צייט איז דער „בונד", נעמענדיק אין אַכט די קאָנספּי־ראַטיווע באַדינגונגען, אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע. אין די פייערלעכקייטן אין צוזאַמענהאַנג מיטן 44־יאָריקן יובל פון בונד אין אָקטאָבער 1941, האָבן אין משך פון עטלעכע שעה, אין אַ סך לאָקאַלן, זיך באַטייליקט העכער צוויי טויזנט מענטשן. די אַרבעט ווערט געפירט אַזוי, אַז פון אויבן אויף איז שווער וואָס נישט איז צו באַמערקן. זי קומט פאָר אין קליינע גרופּן. „פינפטלעך" און „זיבעטלעך" קלייבן זיך צוזאַמען אין פאַר־

שיידענע פריוואַטע דירות, און אויסערלעך קען מען באַין אופן נישט זען וואָס פאַר אַ גרויסע צאָל זיי זענען.

עס ווערט געשאַפן דער צענטראַל־ראַט פון די קלאַסן־פאַריינען: בערנאַרד, קערש, מירמלשטיין. די אָרגאַניזאַציע נעמט אַרום קרוב 30 טויזנט געווזענע מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט פירט די „צוקונפט". איר קאָנספּיראַ־טיווער קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן אין די ערשטע טעג פון אָק־טאָבער 1939 און אין העלפט פון נאָוועמבער פון יענעם יאָר זענען פאָרגעקומען די ערשטע פאַרזאַמלונגען פון די „פינפטלעך". אין דער אַלגעמיינער טראַגישער סיטואַציע פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקע־רונג, איז די טראַגישסטע — די סיטואַציע פון דער יוגנט, וועלכע ווערט מער פון אַלעמען פאַרפאָלגט דורך די דייטשן. די יוגנט ווערט אומאויפהערלעך געכאַפּט אויף אַרבעט. נישט נאָר קען זי נישט טראַכטן וועגן פאַרנעמען זיך מיט עפּעס אַ באַשעפטיקונג, כדי עפּעס צו פאַרדינען, נאָר זי קען זיך אפילו נישט פריי באַוועגן איבער די גאַסן. דער „צוקונפט"־קאָמיטעט באַשליסט איינצואָרדענען אַרבעטס־וואַרשטאַטן. אין יאָר 1941 ווערן געעפנט צוויי פריזיר־אַנשטאַלטן, אַ שניידער־ און אַ שוסטער־קאָאָפּעראַטיוו. דאָס זענען נישט בלויז אַרבעטס־וואַרשטאַטן, נאָר אויך מער אָדער ווייניקער זיכערע טרעף־פונקטן פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. דאָרט אייגנטלעך אַנטשטייען די ערשטע „פינפטלעך" פון „צוקונפט־שטורעם". די אַרבעט אַנט־וויקלט זיך. דער צוקונפט־קאָמיטעט פאַראייניקט זיך מיטן קאָמיטעט פון „סקיף" (הענאך רוס, אבראמעק בארטענשטיין, לייב שפּיכלער, אברהם פיינער, מרים שיפמאַן, משהלע קויפמאַן, רבקה ראָזנשטיין, פייגעלע פעלטעל, וועלוול ראָזאָווסקי, יאנקל גרושקא, שלמה פּאוו, מארעק עדעלמאַן).

אין יאָר 1941 ווערט געשאַפן דער יוגנט־סעקטאָר ביי דער „יידישער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטהילף". בראש פון אים שטייט די „צוקונפט". מיר קומען צו צו די ברייטסטע מאַסן פון דער יוגנט. אונדזערע פּרע־לעגענטן פירן די יוגנט־קרייזן, וואָס שאַפן זיך צו יענער צייט ביי די הויז־קאָמיטעטן. עס עקזיסטירט אַ כאָר, וואָס פירט אַ ברייטע טעטיקייט (ער טרעט אַרויס אין דער יודאיסטישער ביבליאָטעק). די „צוקונפט" אָרגאַניזירט די שול־יוגנט. עס ווערט געשאַפן די ס. א. מ. ס. (סאָצי־אַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון דער שול־יוגנט), וואָס נעמט אַרום אין

אַ קורצער צייט עטלעכע הונדערט שילער, עס ווערט דאָרט געפירט אַ פאַרצווייגטע פּאָליטיש־קולטורעלע אַרבעט.

גלייכצייטיק פירט אָן זיין טעטיקייט דער „סקיף". אין דער ערשטער צייט האָט ער זיך בלויז באַמיט צו באַשעפטיקן און צו העלפן מאַטעריעל זיינע פאַר־מלחמהדיקע מיטגלידער. איצט האָט ער אָנגע־הויבן פירן אַן אַרבעט אין אַ ברייטן פאַרנעם צווישן קינדער אין שול־און פאַרשול־עלטער. אין יעדן הויז ווערט געשאַפן דאָס אַזוי גערופענע „ווינקעלע", וואו קינדער פאַרברענגען עטלעכע שעה אַ טאָג. עס ווערן אָרגאַניזירט קינדער־קלובן. דער דראַמאַטישער קרייז, מיט וועלכן עס פירט אָן פאַליע ליפשיץ, אָרדנט איין פאָרשטעלונגען צוויי מאָל אַ וואָך. אין משך פון סעזאָן, אין יאָר 1941, האָבן די פאָרשטעלונגען געזען צוועלף טויזנט קינדער. 80 מאָל זענען אויפגעפירט געוואָרן „די ליאַלקעס" און „דער שפייכלער" (פּאָפּולערע פאָרשטעלונגען פון מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מעדזעשין), אויסער אַנדערע זאַכן. צווישן קינדער אין עלטער פון 12 ביז 15 יאָר ווערן געפירט אויפקלערונגס־קרייזן. דער עקזיסטירנדיקער העלפער־קרייז (אינסטרוקטאָרן) מאַכט אַליין דורך דעם קורס פון אַ מיטל־שול.

מיר גיבן אַרויס זעקס צייטשריפטן: אַ וואָכנשריפט „דער וועקער" און פיר חודשלעכע צייטשריפטן, צוויי יידישע און צוויי אין דער פוילישער שפּראַך: „דער ביולעטין", „די יוגנט־שטימע", „זאַ וואַשאָן אי נאַשאָן וואָלנאָשטש", „נאָווא מלאָדזיעזש" און „צייט־פראַגן" — אַ טעאָרעטישער אָרגאַן.

די צייטשריפטן ווערן אַרויסגעגעבן ביי זייער שווערע באַדינגונגען. אויף דעם איין איינציקן אַלטן מימעאָגראַף פון „סקיף" קומט אויס צו דרוקן אַ גאַנצע נאַכט. דאָס רוב איז נישטאָ קיין עלעקטרישע באַלייכ־טונג. די אַרבעט ביים שיין פון קאַרביט־לאָמפּן מאַטערט שרעקלעך אויס. אַרום צוויי אַ זייגער ביי נאַכט צעווייטיקן זיך אַזוי די אויגן ביים פּערסאָנאַל פון דער דרוקעריי (און געווען זענען עס די חברים: ראַזאָווסקי, זיפערמאַן, בלומקע קלאַג, מאַרעק), אַז די ווייטערדיקע אַרבעט ווערט כמעט אוממעגלעך. מען טאָר אָבער בשום אופן נישט פאַרלירן קיין איין רגע. זיבן אַזייגער איינדערפרי מוז דער נומער, אומאָפּהענגיק פון דער צאָל זייטן, זיין פאַרטיק צום פאַרשפּרייטן. די מענטשן אַרבעטן באמת איבער די כוחות. אַזעלכע שלאָפלאָזע נעכט פאַלן אויס צוויי, דריי מאָל אַ וואָך. אויסשלאָפן זיך בייטאָג קען מען נישט. מען מוז זיך דאָך האַלטן אַזוי ווי מען וואָלט מיט דער דרוי־

קעריי קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט. מאַרעק — דער פאַר־וואַלטער פון דער דרוקעריי —מוז גלייכצייטיק האָבן די אויפזיכט איבער דער פאַרשפּרייטונג. (די פאַרשפּרייטער זענען: זאשקע גאָלד־בלאַט, אַנקע וואָלקאָוויטש, סטעפע מאַריץ, מרים שיפמאַן, מאַרינקע סעגאַלעוויטש, צלאווע קרישטאַל־ניסנבוים, חיהקע בעלכאַטאָווסקע און האַלינע ליפּשיץ). נאָך אַ נישט געשלאָפענער נאַכט — אַ גאַנצער טאָג אין שפּאַנונג — צי איז אַלץ דערגאַנגען, צי איז אַלץ דערליידיקט, צי איז נישט פאַרגעקומען אַ וועלכער נישט איז „דורכפאַל".

איין מאָל, בעת מאַרינקע סעגאַלעוויטש איז געגאַנגען מיט אַ טראַנספּאָרט פון 40 נומערן פון „ביולעטין", האָט איר אויף דער גאַס פאַרהאַלטן אַ בלויער פּאָליציאַנט. דאָס איז געווען הינטערן מויער אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס. זי האָט געוואָלט דערליידיקן דעם ענין ווי יעדער אַנדערע שמוגלערקע. זי האָט אים אָנגעבאָטן פינף הונדערט זלאָטעס. די צו גרויסע סומע האָט איר פאַרראַטן. די פּאָליציי האָט נישט אַנדערש געוואָלט באַקוקן די סחורה. און דאָ איז ערשט געקומען דער ריכטיקער קלאַפּ. אַנשטאָט געשמוגלטע זאַקן האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פון איר קליידל ווייסע פּאַפּירן. דער ענין איז געוואָרן ערנסט. מאַרינקע האָט זיך שוין געפילט ווי זי וואָלט געווען אין געסטאַפּאָ. און פּלוצלונג — אַ גליקלעכער צופאַל. אויף דער גאַס הייבט זיך אָן עפּעס אַ טומל, אַ געשלעג. אונטערן מויער איז עס אַ זאַך אַ נישט דערלאָזבאַרע. די פּאָליציאַנטן פאַרלירן די קעפּ. זיי ווייסן נישט וואָס פריער צו טאָן. אויף אַ מאָמענט קערן זיי זיך אָפּ. דאָס איז פאַר מאַרינקען גענוג. זי וואַרפט צו די פּאָ־ליציאַנטן די 500 זלאָטעס, קלייבט האַסטיק צונויף די צעשאָטענע צייַ־טונגען און לויפט . . . דער טומל אויף דער גאַס איז נישט געווען קיין צופעליקער. עס האָט אים בכיוון אַרויסגערופן דער קליינער קאַסטעק (ס. קאַסטרינסקי), אָבסערווירנדיק פון דער ווייטן די סצענע.

— —

עס איז געלונגען דורכצופירן אַ געוויסע סטאַטיסטיק, וועלכע האָט אונדז געוויזן, אַז יעדן עקזעמפּלאַר לייענען דורכשניטלעך צוואַנ־ציק מענטשן.

אונדזערע צייטונגען ווערן אויך פאַרשפּרייט אויף דער פּראָווינץ. מיט דעם דאָזיקן טייל אַרבעט פירן אָן די חברים: י. צעלעמענסקי (צעלעק) און י. פאַלק. ווי פאַרשטייער פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי, זענען זיי די גאַנצע צייט געווען אין לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דער

פּראָווינץ. אויף צו אָרגאַניזירן די אַרבעט צווישן דער יוגנט אויף דער פּראָווינץ האָט דער צ. ק. פון דער „צוקונפט״ דעלעגירט דעם חבר מענדעלסאָן (מענדעלע). די גרעסטע פּונקטן זענען פּיאָטרקאָוו, לובלין און ווענגראָוו.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין דער זעלבער צייט וואַקסט אין געטאָ דער טעראָר. די איזאָלירונג פון דער אויסערלעכער וועלט ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער. די אַרעסטן פאַרן אַריבערגיין אויף דער „אַרישער זייט״ מערן זיך פון טאָג צו טאָג, ביז עס ווערן אפילו איינגעפירט „ספּעציעלע געריכטן״. דעם 12טן פעברואַר, 1941 ווערט אויסגעפירט דער טויט־אורטייל איבער זיבעצן פאַרמשפּטע פאַרן אומגעזעצלעכן אַריבערגיין אויף דער „אַרישער זייט״. די עקזעקוציע ווערט דורכגעפירט אין דער יידישער תפיסה אויף גענשיע. 4 אַזייגער פאַרטאָג האָבן אימהדיקע געשרייען געגעבן צו וויסן די איינוואוינער פון די דערבייאיקע גאַסן, אַז „די גערעכטיקייט האָלט איצט אָפּ איר נצחון״, אַז זיבעצן אומגליקלעכע מענטשן (אין דעם פיר מינדעריעריקע און דריי פרויען), וואָס האָבן זיך אַריבערגעגנבעט אויף דער „אַרישער זייט״ צוליב אַ שטיקל ברויט אָדער אַ קליינעם פאַרדינסט, זענען באַשטראָפט געוואָרן. דער געשריי טראָגט זיך פון אַלע תפיסה־קאַמערן. דאָס שרייען די צוקונפטיקע פאַרמשפטע, וואָס זיצן פאַרן זעלבן חטא. און עס זענען דאָ אַזעלכע זיבן הונדערט.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן באַווייזן זיך ספּעציעלע מודעות פון דייטשן קאָמיסאַר פון געטאָ דר. אויסערוואַלד. ער גיט צו וויסן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג וועגן דורכגעפירטן אורטייל.

די געטאָ שפּירט בולט דעם אָטעם פון טויט.

דעם זעלבן טאָג קומט פאַר אַ קורצע זיצונג פון פּרעזידיום פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי (אַבראַשע, קלאָג, בערעק, אָזשעך). עס ווערט געמאַכט אַ פאָרשלאָג צו פּלאַקאַטירן קורצע בלעטלעך: „אַ שאַנדע די מערדער!״

די גאַנצע געטאָ איז דערדריקט פון דער שוידערלעכער געשעעניש און פון דער מורא פאַר נייע מאַסן־מאָרדן. אויך דאָס מאָל ווערט יעדער פּרואוו פון מרידה דערשטיקט נאָך איידער ער ווערט געבוירן. די שרעק פאַר די דייטשן און פאַר

דער קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אַזוי גרויס, אַז אפילו ביי די בעסטע קען מען נישט אַרויסקריגן קיין אויסדרוק פון פּראָטעסט.

איצט הייבן אָן לויפן די געשעענישן מיט אַ משונהדיקער גיכקייט. די גאַסן פון געטאָ ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ בלוטיקן שעכטהויז. די דייטשן שיסן אומאויפהערלעך אָן שום סיבות אין די דורכגייער. מענטשן האָבן מורא אַרויסצוגיין אין גאַס. אָבער די קוילן טרעפן אויך דורך די פענצטער פון די הייזער. עס מאַכן זיך טעג ווען עס פאַלן פון צעיושעטן טעראָר אַ צען, פופצן פולשטענדיק צופעליקע קרבנות. איינער פון די גרעסטע סאַדיסטן, דער זשאַנדאַרם פון דער שוץ-פּאָליציי פראַנקענשטיין האָט אויף זיין געוויסן דריי הונדערט דערמאָרדעטע אין משך פון איין חודש, און מער ווי אַ העלפט דערפון זענען קינדער.

גלייכצייטיק הייבן אָן די דייטשן, מיט דער הילף פון דער יידישער פּאָליציי, צו כאַפּן מענטשן אויף די גאַסן, אַרויסצושלעפּן מיט געוואַלט פון די וואוינונגען און שיקן זיי אין די אַרבעטס-לאַגערן, וואָס זענען צעוואָרפן איבערן גאַנצן גובערניאַלן געביט. זיי געווינען פון דעם צווייפאַכיק: זיי באַקומען אַרבעטס-קרעפטן און זיי באַווייזן די אַלע, וואָס גלייבן אפשר נישט, אַז מיט די גרושים זייערע זענען זיי אויסן די „פּראָדוקטיוויזאַציע", אַז בלויז דאָס איז זייער ציל. געוויס, מען וועט אין די דייטשע אַרבעטס-לאַגערן לעבן אין שווערע באַדינגונגען, אָבער מען וועט קענען איבערלעבן די מלחמה. אויסער דעם זענען די דייטשן גרויסמוטיק. זיי דערלויבן צו שרייבן בריוו צו דער משפּחה.

די דאָזיקע בריוו קומען אָן מאַסנווייז און ברענגען דערצו, אַז מען וויל באַין אופן נישט גלייבן אין די נייע ידיעות, וואָס דערגייען צוזאַמען מיט זיי, וועגן דער פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. די כסדרדיקע „איבערזידלונגען" אויף דער פּראָווינץ, כלומרשט קיין בעסאַראַביע, גייען אַריבער נישט מאַכנדיק קיין שום איינדרוק. ווייל די געטאָ גלייבט עקשנותדיק אין די פאַלשע קלאַנגען, אַז אויך פון דאָרטן קומען אָן בריוו.

מען גלייבט אויך נישט אין די ידיעות וועגן אומברענגען אין די לובלינער וועלדער אַ גאַנצן טראַנספּאָרט פון יידישע מלחמה-געפאַנגענע, וועלכע מען האָט מיט אַ יאָר צוריק געבראַכט אַהין פון דייטשלאַנד. די ידיעות וועגן די מאַסן-מאָרדן הינטער לובלין זענען צו אַכזריותדיק, כדי זיי זאָלן קענען זיין ריכטיק.

מיר מאַכן פונדעסטוועגן אַלע באַמיאונגען צו באַקומען געווער פון דער „אַרישער זייט". מיר פאַרגרעסערן אונדזער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אירע מיטגלידער רעקרוטירן זיך פון פּאַרטייאישן און יוגנט־אַקטיוו (שמואל קאַסטרינסקי, יורעק בלאָנעס, יאַנעק בילאַק, לייב ראָזענשטיין, איצל שפּילבערג, קובע זילבערבערג, מאַניע עלענבאָגן און אַ סך אַנדערע). עס איז שווער דאָ צו שילדערן די וועגן און מאַטערנישן פון דער דאָזיקער אַרבעט. דאָס איז אַ קייט פון אומאויפהערלעכע אַנטוישונגען און נישט־איינגעגעבענע באַמיאונגען. די כסדרדיקע פאַרפירטע האָפענונגען צו באַקומען געווער, דער מאַנגל אין פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער זאַך מצד די פּוילישע חברים — דאָס איז די אַטמאָספערע, אין וועלכער עס וואַקסט און אַרבעט אונדזער אָרגאַניזאַציע.

אָבער בעת עס האָט זיך געדוכט, אַז מיר זענען שוין נאָענט ביים ציל, אַז אָט יעדן טאָג קענען שוין אָנהייבן קומען אין געטאָ טראַנספּאָרטן געווער — קומט אָן די ידיעה וועגן דער ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ. שוין עטלעכע חדשים צייט, זינט נאָך דעם „גרויסן דורכפאַל" (צעלקע און אַ סך אַנדערע חברים פון פּיאָטרקאָוו און לובלין), איז דאָס קאָמוניקירן זיך מיט דער פּראָווינץ געוואָרן כמעט אוממעגלעך. און אָט צוליב דעם, וואָס די וואַרשעווער געטאָ האָט נישט געהאַט קיין אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיט דער פּראָווינץ, נעמט זי אויף די דאָזיקע ידיעות מיט אומצוטרוי. עס ווערן אַרויסגערוקט טויזנטער אַרגומענטן, וואָס צעקלאַפּן פולשטענדיק אפילו דעם קלענסטן שיין פון גלויבנסווערדיקייט פון די דאָזיקע ידיעות. די געטאָ דערלאָזט נישט צו זיך דעם געדאַנק, אַז אַזאַ מין פאַרברעכן קען זיך איבערחזרן אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן, וואו עס וואוינען העכער דריי הונדערט טויזנט יידן. מענטשן פּרובירן איבערצייגן זיך און אַנדערע, דערקלערן זיך און די איבעריקע, אַז „אפילו די דייטשן מאָרדן נישט אָן שום סיבה הונדערטער טויזנטער מענטשן. איבערהויפּט נאָך אין אַ צייט ווען זיי נייטיקן זיך אַזוי אין אַרבעטס־קראַפט". עס איז שווער פאַר אַ נאָרמאַלן מענטשן מיט אַ נאָרמאַלער פּסיכיק צו באַנעמען, אַז מען קען מאָרדן מענטשן בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַזאַ אָדער אַן אַנדער קאָליר פון האָר און אויגן, דערפאַר, ווייל זיי זענען פון אַן אַנדער אָפּשטאַם.

אָבער תיכף נאָך די דאָזיקע ידיעות, אַזוי ווי אַ בולטער אָנזאָג פון דעם, וואָס וועט געשען, קומט די טראַגישע בלוטיקע נאַכט פון 17טן אויפן 18טן אַפּריל 1942. דייטשע אָפּיצערן שלעפּן אַרויס פון די הייזער פּופּציק געזעלשאַפטלעכע טוער און דערשיסן זיי אויף די גאַסן פון געטאָ. פון אונדזערע חברים זענען דעמאָלט געפאַלן — גאָלדבערג מיט דער פרוי (פריזירער), נפתלי לערוך מיטן פּאַטער, סקלאַר און אַנדערע. מען האָט נאָך דעמאָלט געזוכט — סאָניע נאָוואָ־גרודסקי, לאָזער קלאָג און באַרנבוים. אויף מאָרגן איז די גאַנצע געטאָ צעטומלט, צעשראָקן, דענערווירט. מען מאַטערט זיך צו טרעפן, וואָס עס האָט געקאָנט זיין די סיבה פון דער עקזעקוציע. די מערהייט האַלט, אַז דאָס האָט מען אומגעבראַכט די רעדאַקטאָרן פון די אומלעגאַלע צייטונגען, אַז די גאַנצע אַקציע איז געווענדעט בלויז קעגן פּאָליטישע טוער, אַז מען דאַרף אויפהערן פירן די אַרבעט, כדי אומזיסט נישט צו פאַרגרעסערן די אַזוי אויך גענוג גרויסע צאָל קרבנות.

דעם 19טן אַפּריל דערשיינט אַ ספּעציעלער נומער פון אונדזער וואָכנשריפט „דער וועקער". דאָרט ווערט אָנגעוויזן, אַז דאָס איז נאָך איין רינג אין דער פאַרניכטונגס־אַקציע פון די יידן. אַז די דייטשן ווילן אויסמאָרדן די אַקטיווערע עלעמענטן ביי די יידן, כדי די גאַנצע מאַסע זאָל דערנאָך פּאַסיוו גיין אויפן טויט, ווי דאָס איז געשען אין ווילנע, ביאַליסטאָק, לובלין און אין אַנדערע שטעט. אונדזער איינשטעלונג בלייבט אָבער ווייטער אַ פולשטענדיק פאַר־איינזאַמטע. בלויז אַ פּאָר יוגנט־גרופּירונגען „שומר" און „החלוץ" האַלטן זיך ביי דער זעלבער מיינונג.

פון דעם מאָמענט אָן ווערט אונדזער אַרבעט רעאָרגאַניזירט. די גאַנצע אומלעגאַלע אַרבעט ווערט איינגעשטעלט בלויז און אויס־שליסלעך אויף צו אָרגאַניזירן אַווידערשטאַנד־באַוועגונג. צוליב טעכנישע טעמים ווערט אויך רעאָרגאַניזירט דער פּרעזידיום פון צ.ק. פון דער פּאַרטיי (אַבראַשע ,בערעק, אַזשעך, מאַרעק). אַלע יוגנט־„פינפטלעך" באַקומען אַ פונדאַמענטאַלע מיליטערישע אויסשולונג. עס ווערן אַרויסגעגעבן ספּעציעלע אינסטרוקציעס. עס ווערט אויסגעאַר־בעט אַ פּלאַן פון טעטיקייט אין פאַל די דייטשן זאָלן מאַכן אַן איבער־פאַל אויף דער געטאָ. מיר וואַרטן אויפן אָנקומען פון געווער־טראַנס־פּאָרט (הונדערט רעוואָלווערן, עטלעכע צענדליק ביקסן און גראַנאַטן), וואָס איז אונדז צוגעזאָגט געוואָרן פון דער פּ. ס.

דערווייל ווערן אָבער אונדזערע רייען וואָס אַמאָל שיטערער, ווייל עס קומען ווייטער פּאָר עקזעקוציעס. אין פּעריאָד פון 18טן אַפּריל ביזן 22טן יולי יאָר 1942 מאָרדן אויס די דייטשן יעדע נאַכט פון 10 ביז 15 מענטשן. קיין איינער פון אונדזערע חברים נעכטיקט נישט אין דער היים. עס איז אָבער זייער שווער פּאָרויסצוזען וועמען די דייטשן וועלן זוכן אין דער געגעבענער נאַכט. זיי נעמען זיי פון אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן: שמוגלער, סוחרים, אַרבעטער, אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ אאַ״וו. דאָס ווערט געמאַכט מיט אַ גאַנץ קלאָרער אויסרעכענונג. דער ציל איז, אַזוי אָנצושרעקן די באַפעלקערונג, אַז זי זאָל נישט פעיק זיין אויף קיין שום זעלבסטשטענדיקן דראַנג צו וואָס נישט איז, אַז די מורא פאַרן טויט פון דייטשע הענט זאָל פּאַראַליזירן דעם מינדסטן פּאַרלאַנג אירן זיך אַנטקעגנצושטעלן און זאָל איר פּאַרקערעווען אויפן וועג פון פולשטענדיקער פּאַסיווער געהאָרכזאַמקייט. אָבער דאָס פּאַרשטייט בלויז אַ קליין הייפעלע. דער כלל ברעכט זיך אומזיסט דעם קאָפּ אויף דער פראַגע, וועגן וועמען גייט אייגנטלעך די דייטשן און וואָס פּאַר אַ צוועק האָט די דאָזיקע אַקציע.

עס איז שווער איצט צו דערציילן, וואָס עס האָט זיך צו יענער צייט, נאָך פּאַר דער ערשטער אויסראָטונגס־אַקציע, אָפּגעטאָן אין געטאָ. דער סאַדיזם און די בעסטיאַליטעט פון די דייטשן זענען איצט באַוואוסט אויף דער גאַנצער וועלט. עס וועט זיין גענוג צו ברענגען בלויז עטלעכע ביישפּילן.

דריי קינדער זענען געזעסן איינע לעבן די אַנדערע ביים שפּיטאָל אויפן נאָמען פון די בערסאָנס און באומאנס. אַ זשאַנדאַרם, וואָס איז דורכגעגאַנגען די גאַס, האָט מיט איין שאָס דערהרגעט דעם גאַנצן דריילינג. אַ שוואַנגערע פרוי האָט זיך אַ גליטש געטאָן און איז אַנידערגעפאַלן אַריבערגייענדיק די גאַס. אַ דייטש, וואָס איז גראָד געשטאַנען דערביי, האָט איר נישט געלאָזט זיך אויפהויבן און האָט איר דערשאָסן אַזוי ווי זי איז געלעגן.

די, וואָס שמוגלען זיך איבער די מויערן פון געטאָ קומען אום צענדליקערווייז. די דייטשע זשאַנדאַרמעריע אָן איבערגעטאָנענע אין ציווילע קליידער מיט יידישע אַרעמבענדער, מיט געווער באַהאַלטענע אין זעק, לויערן אויף דעם מאָמענט ווען די שמוגלער גייען אַרויף אויפן מויער. אין דער זעלבער רגע באַווייזן זיך בליצשנעל פון די

זעק די אויטאָמאַטן און דער גורל פון דער גאַנצער גרופּע איז אַ פון פאָראויס באַשטימטער.

אויף אָרלע גאַס פּאַרפאָרט טאָג איין טאָג אויס אַ קליינער אָפּעל, פון וועלכן די דייטשן וואַרפן אַרויס אַ געבונדענעם מענטשן און דער־שיסן אים תיכף אין ערשטן טויער, וואָס זיי מאַכט זיך. דאָס איז אַ גע־כאַפּטער אויף דער „אַרישער זייט" אַן דאָקומענטן — אַ ייד.

העלפט מאַי פון 1942 ווערט אויסגעפירט אַן עקזעקוציע איבער 100 אַרעסטירטע פון דעם אַזוי גערופענעם צענטראַלן אַרעסט אויף גנשיע, פאַרהאַלטענע אומגעזעצלעכן אַריבערגיין אויף דער „אַרישער זייט". איינער פון אונדזערע חברים (גרילאַק), האָט צופעליק געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צוצוקוקן ווי מען האָט די פאַר־משפּטע געפירט פון אַרעסט צו די ספּעציעלע אויטאָס. כמעט אַלע זענען געגאַנגען פולשטענדיק פּאַסיוו. בלויז איינע אַ פרוי האָט זיך פלוצלינג אַנטשלאָסן אויף אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט. אויף די טרעפּלעך פון אויטאָ האָט זי אַ געשריי געטאָן צו די דייטשן: „איך וועל אומקומען, אָבער אויף איך וואַרט אַן ערגערער טויט!"... און שפּעטער האָבן ווידער ספּעציעלע מודעות אונטערגעשריבענע פון דר. אויסערוואַלד געגעבן צו וויסן דער געטאָ, אַז 110 פאַרברע־כער האָבן באַקומען זייער „פאַרדינטע" שטראָף.

צו יענער צייט קומט פאָר איינער פון אונדזערע גרעסטע „דורכ־פאַלן", עס פאַלט דורך די דירה, אין וועלכער עס געפינט זיך אונ־דזער דרוקעריי. די דייטשן געלינגט אָבער נישט קיינעם צו כאַפּן. ווייל אונדזערע אויסשפּירער דערוויסן זיך וועגן דעם מיט 24 שעה פריער און מען באַוויזט באַצייטנס איבערצוטראָגן דעם גאַנצן סקלאַד פּאַפּיר, דעם מימעאָגראַף און די מאַשינען אויף אַן אַנדערן, זיכערן פּלאַץ.

פון טאָג צו טאָג בייט זיך איצט די שטימונג אין געטאָ. דער טאָג פון 18טן אַפּריל איז פאַר דער געטאָ געוועזן דער טאָג פון אַי־בערברוך. ביז יענעם טאָג, ווי שלעכט עס איז נישט געווען ,האָבן די איינוואוינער פון געטאָ געפילט, אַז זייער עקזיסטענץ און זייער טאָג־טעגלעך לעבן שטיצט זיך אויף עפּעס, וואָס איז סטאַביליזירט און דויערהאַפטיק, אַז מען קען מאַכן אַ חודשלעכן בודזשעט, אַנגרייטן עפּעס אויף ווינטער. אין יענעם טאָג האָבן זיי פלוצלונג דערשפּירט ווי דער באָדן גליטשט זיך אַרויס פון אונטער זייערע פיס. יעדע

ווייטערדיקע נאַכט, וואָס איז פול מיט טעמפּע שיסערייען, זאָגט זיי בולט, אַז די געטאָ האָט נישט קיין פונדאַמענט, אַז זי לעבט מיטן גנאַד פון די דייטשן, אַז זי איז וואַקלדיק און שוואַך ווי אַ קאַרטן־שטיבל. אַלע פאַרשטייען, אַז די געטאָ וועט ליקווידירט ווערן. אָבער קיינער גיט זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון דערפון, אַז די געטאָ וועט גיין צום טויט.

אין העלפט יולי 1942 ווערט דער וואָלקן נאָך געדיכטער. פון אויבן אויף זעט אַלץ אויס נאָרמאַל, עס טראָגן זיך בלויז „אומגלויב־לעכע" קלאַנגען. מען רעדט וועגן קומען פון דער „אומזידלונגס־קאָמאַנדע", וועגן דעם, אַז פון דער געטאָ וועלן אַרויסגעשיקט ווערן 20, 40 אָדער 60 טויזנט איינוואוינער, אַז אַלע אַרבעטסלאָזע וועלן אַרויסגעפירט ווערן אויף פאַרטיפיקאַציע־אַרבעטן, אַז אין וואַרשע וועלן בלייבן בלויז די אַרבעטנדיקע. די דאָזיקע קלאַנגען, הגם מען וויל נאָך אַלץ נישט גלויבן אין זיי, רופן שוין פונדעסטוועגן אַרויס אומרואיקייט און אפילו פּאַניק. מענטשן רייסן זיך מאַסנווייז צו באַ־קומען אַרבעט: אין די פאַבריקן, אין די געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס, אין די אָפיציעלע אַמטן. די דאַמען, וואָס האָבן ביז איצט פאַרבראַכט זייער צייט, זיצנדיק אין די קאַפעען, ווערן איצט פּלוצ־לונג פאַרוואַנדלט אין אויסגעהאָרעוועטע שניידערקעס, שטאָפּערקעס, אַנגעשטעלטע. אייניקע פאַבריקן נעמען צו צו דער אַרבעט בלויז מיט אַן אייגענער ניי־מאַשין. די פּרייזן אויף ניי־מאַשינען שטייגן מאָמענטאַל גוואַלטיק הויך. פאַרן באַקומען אַן אַרבעטס־פּלאַץ אין אַ וואַרשטאַט צאָלן מענטשן, וואָס אַ מאָל איילנדיקער, וואָס אַ מאָל נערוועזער, וואָס אַ מאָל מער. וועגן קיין שום אַנדער זאַך רעדט מען נישט, טראַכט מען נישט. אַלע מוזן אַרבעטן! די „איינגעאָרדנטע", די גליקלעכע, אָטעמען אָפּ מיט דערלייכטערונג. די „נישט איינגעאָרדנטע" גייען אַרום אומ־רואיקע, דענערווירטע און קלאַמערן זיך קראַמפּהאַפט אין דער קלענסטער מעגלעכקייט עפּעס צו טאָן.

דעם 20טן יולי הייבן זיך אָן אַרעסטן. עס ווערן אַריינגעזעצט אין פּאַוויאַק כמעט אַלע דאָקטוירים פון שפּיטאָל „טשיסטע", אַ טייל פון דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטהילף, אַ געוויסע צאָל מיטגלידער פון קהילה־ראַט (צווישן זיי י. יאַשונסקי).

מיר פאַרשטייען, אַז די געטאָ איז ערב דער ליקווידאַציע.

אין טאָג פון 22טן יולי, 1942 פאַרפאַרן פאַרן הויז פון יידן־ראַט

דייטשע אויטאָמאָבילן. דער אומזידלונג־שטאַב. אַ קורצע זיצונג און די פאַרשטייער פון יידן־ראַט ווייסן שוין, וואָס די דייטשן ווילן. די זאַך איז אַ פשוטע. אַלע „נישט פּראָדוקטיווע" יידן ווערן איבערגעשיקט אויף מזרח. נאָכן אַוועקגיין פון די דייטשן, אַ צווייטע, אַ געשלאָסענע, געהיימע זיצונג. קיין איינער פון די מיטגלידער פון ראַט שטעלט זיך נישט אָפּ אויף דער פראַגע, צי די פאַראָרדנונג דאַרף אויסגעפירט ווערן דורכן יידן־ראַט. קיין איינער פון די ראַטמענער געפינט נישט קיין ענטפער אויף דער באַמערקונג פון אַנוועזנדיקן סעקרעטאַר פון יידן־ראַט: „מיינע הערן, איידער איר טרעט צו צו דער טעכנישער אויספירונג פון דער פאַראָרדנונג, פאַרטראַכט זיך, צי מען דאַרף זי בכלל אויספירן". וועגן דעם צי מען זאָל אויספירן די פאַראָרדנונג איז נישטאָ קיין דיסקוסיע. מען רעדט בלויז אַרום די טעכנישע זייט. מען באַטראַכט דעם אַרבעטס־פּלאַן.

אויף מאָרגן באַווייזן זיך גרויסע ווייסע פּלאַקאַטן אונטערגעשריבענע דורכן יידן־ראַט (דיקטירטע דורכן אָבערשאַרפירער העפלע). זיי מעלדן דער יידישער באַפעלקערונג, אַז אַלע, אויסער די, וואָס אַרבעטן פאַר די דייטשן און אויסער די אָנגעשטעלטע פון יידן־ראַט און פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטהילף, מוזן פאַרלאָזן וואַרשע. די אַרויסשיקונג וועט דורכפירן די יידישע פּאָליציי אין פאַרשטענדיקונג מיטן „אומזידלונגס־שטאַב". אַזוי אַרום האָבן די דייטשן דערפירט דערצו, אַז דער יידן־ראַט האָט אַליין אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויף העכער דריי הונדערט טויזנט איינוואוינער פון געטאָ.

אין ערשטן טאָג פון דער אַקציע ווערן אַרויסגעפירט צוויי טויזנט אַרעסטירטע פון „צענטראַל אַרעסט" און עטלעכע טויזנט געכאַפּטע אויף די גאַסן, בעטלער און אַנדערע אומגליקלעכע מענטשן.

פאַרנאַכט קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג פון אונדזער אינסטרוקטאָרן־פינפטל. מיר באַשליסן, אַז צוליב דעם, וואָס מיר האָבן נישט קיין געווער און קיין מעגלעכקייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, מוזן מיר אונדזער אַרבעט טיילווייז איינשטעלן אויך אויף צו ראַטעווען וואָס מער מענטשן פון אַרויסגעשיקט צו ווערן. עס דוכט זיך אונדז, אַז עס וועלן אונדז אין דעם מיטהעלפן די קאָנטאַקטן, וואָס געוויסע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט מיט דער יידישער פּאָליציי, אין וועמעס הענט עס געפינט זיך די טעכנישע זייט פון דער אַרויסשיקונג. אָבער נאָך איידער מיר באַוויזן צו פאַרענדיקן די פאַרזאַמלונג און צו פאַרטיילן צווישן זיך די אַרבעט, קומט אָן די ידיעה, אַז די דייטשן אַליין האָבן

צוזאַמען מיט די אוקראַינער אַרומגערינגלט דעם בלאָק מוראַנאָווער־ניסקע און אַז זיי פירן אַליין דורך די אַקציע. זיי האָבן פון דאָרטן צוגענומען העכער צווי טויזנט מענטשן, וואָס האָבן זיי געפעלט צום קאָנטינגענט פון טאָג. אין ערשטן פעריאָד פון דער אַקציע האָט דער דאָזיקער קאָנטינגענט באַטראָפן זעקס טויזנט. עס זיינען צוגענומען געוואָרן אַלע, אפילו די, וואָס האָבן געהאַט לעגיטימאַציעס פון די דייטשע אַרבעטס־וואַרשטאַטן (פון אונדזערע חברים איז דעמאָלט אומגעקומען ל. זאַגענשיין). ביי דער דאָזיקער לאַגע, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פּלאַן, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט אויסגעאַרבעט, איז נישט קיין רעאַלער.

אויפן צווייטן טאָג פון דער אַקציע, דעם 23טן יולי, קומט פאָר אַ זיצונג פון דעם אַזוי־גערופענעם אַרבעטער־קאָמיטעט, וואו עס זיינען פאַרטראָטן אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און וואו מיר, אונטערשטיצט בלויז פון די „חלוצים" און „שומרים", פאָרנעמען אַ שטעלונג פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. צום באַדויערן, איז די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע מיינונג געווען קעגן אונדז. אַלע האַלטן אַזאַ אַרויסטרעטונג פאַר אַ פּראָוואָצירנדיקע און באַמיען זיך צו דערווייזן, אַז אויב די יידן וועלן רואיק צושטעלן דעם געפאָדערטן קאָנטינגענט, וועט דער איבעריקער טייל פון געטאָ בלייבן אויפן אָרט. דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג פירט ביסלעכוויז די פסיכיק פון די מענטשן אויפן וועג צו ראַטעווען זיך, אפילו פאַרן פּרייז פון אַנדערע. קיינער פון זיי גלויבט נאָך באמת נישט, אַז די אַרויסשיקונג — דאָס איז דער טויט. אָבער די דייטשן איז שוין געלונגען צו צעטיילן די יידישע באַפעלקערונג אויף צוויי טיילן — איינעם אַ פאַרמשפּטן צום טויט, אַ צווייטן — וואָס האָט די האָפענונג צו בלייבן לעבן. און ביסלעכוויז, מיט דער צייט, וועלן די דייטשן באַווייזן אַזוי אויסצושפּילן איין טייל קעגן צווייטן, אַז עס וועט דערגיין דערצו, אַז יידן וועלן איינע די אַנדערע פירן צום טויט, אַבי נאָר צו פאַרהיטן דעם אייגענעם לעבן.

אין משך פון די ערשטע עטלעכע טעג פון דער אַקציע האָלט אָפּ די גאַנצע צייט זיינע זיצונגען דער פּאַרטיי־ראַט (אַזשעך, אבראַשע, בערעק, סאָניע, בערנאַרד, קלאַג, פאַוו, גרילאַק, מערמלשטיין, קערש, וואוילאַנד, רוס, מאַרעק און אויך אַ חבר פון דער פּ.ס.). מיר דערוואַרטן, אַז אַ ליאַדע שעה זאָל אָנקומען דאָס געווער. די גאַנצע יוגנט איז מאָביליזירט. דריי טעג נאָכאַנאַנד, ביז וואַנען עס זיינען נישט פאַרשוואונדן די לעצטע האָפענונגען צו באַקומען געווער, הערשט אַ צושטאַנד

פון שטרענגער קאַמפּס־גרייטקייט. אַלע אונדזערע צוקונפטיסטן און סקעפּטיקער זיינען מאָביליזירט אין עטלעכע פּונקטן און וואַרטן אויף אַ באַפעל. די שטימונג איז אַזאַ אָנגעשטרענגטע, אַז אין עטלעכע ערטער דערגייט צו גאַסן־געשלעגן מיט דער יידישער פּאָליציי, וואָס באַטייליקט זיך אין דער אַקציע.

אויפן צווייטן טאָג פון דער אַקציע באַגייט זעלבסטמאָרד דער פאָרזיצער פון יידן־ראַט דער אינזשעניער אדאם טשערניאַקאָוו. ער האָט געוואוסט, אַז די כלומרשטע „איבערזידלונג" אויף מזרח — דאָס איז דער טויט פון הונדערטער טויזנטער מענטשן אין די גאַז־קאַמערן און ער האָט נישט געוואָלט זיין פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן דעם, וואָס קומט פאָר — האָט ער בעסער געוואָלט אַוועקגיין. מיר האָבן דעמאָלט געהאַלטן, אַז ער האָט נישט געטאָרט אַזוי האַנדלען, אַז ער, ווי דער איינציקער אויטאָריטעטער מענטש אין געטאָ, איז מחויב געווען צו געבן צו וויסן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג וועגן דער פאַקטישער לאַגע, פאַנאַנדערצולאָזן אַלע אינסטיטוציעס און קודם כל די יידישע פּאָליציי, וואָס איז אָפיציעל געווען אונטערגעוואָרפן דעם יידן־ראַט און איז דורך אים געשאַפן געוואָרן.

דעם זעלבן טאָג דערשיינט דער ערשטער נומער פון אונדזער צייטשריפט „אויף דער וואַך". די באַפעלקערונג ווערט געוואָרנט נישט צו מעלדן זיך פרייוויליק אויף אַרויסצופאָרן און ווערט גערופן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. „ווי גרויס עס זאָל נישט זיין אונדזער מאַכטלאָזיקייט — שרייבט דער חבר אַזשעך אין לייטאַרטיקל — לאָזט זיך פונדעסטוועגן נישט כאַפּן. ווערט זיך מיט הענט און פיס". דער דאָזיקער נומער, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ דרייפאַכער אויפלאַגע, ווערט אין דעם פערטן און פינפטן טאָג פון דער אַקציע, פאַרשפּרייט דורך די ח׳טעס: זאַשקע גאָלדבלאַט, מאַרינקע סעגאַלעוויטש און צלובה קרישטאַל־ניסענבוים.

כדי ענדגילטיק און קאָנקרעט פעסטצושטעלן, וואָס עס געשעט מיט די מענטשן־טראַנספּאָרטן, וואָס גייען אַוועק פון דער געטאָ, ווערט אַרויסגעשיקט אויף דער „אַרישער זייט", באַלד נאָכן טראַנספּאָרט, דער חבר זלמן פרידריך (זיגמונט). זיין נסיעה אויף מזרח דויערט זייער אַ קורצע צייט, קיין גאַנצע דריי טעג נישט. תיכף ווי ער איז אַרויס פון הינטער די מויערן, האָט ער זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט

אַן אייזנבאַן־אַרבעטער פון דאַנציקער וואָקזאַל. דער מענטש האָט גע־אַרבעט אויף דער ליניע וואַרשע־מאַלקין און מיט אים האָט זיגמונט געמאַכט די נסיעה דירעקט היטערן טראַנספּאָרט. ער איז דערפאָרן ביז סאָקאָלאָוו, וואו די ליניע, ווי עס האָבן אים אינפאָרמירט די אָרטיקע אייזנבאַן־אַרבעטער, ווערט צעטיילט אויף צוויי און איין אָפּ־צווייג אירער פירט קיין טרעבלינקע. מיט דער דאָזיקער ליניע פאָרט יעדן טאָג אַ וואַרשעווער סחורה־צוג אָן אָנגעפּילטער מיט מענטשן און קערט זיך אום אַ ליידיקער. קיין שום צופיר פון שפּייז איז נישטאָ. דער צוטריט צו דער סטאַציע טרעבלינקע איז פאַר ציווילע מענטשן פאַרבאָטן. דאָס איז געווען אַן אומבאַשטרייטבאַרער באַווייז, אַז די מענטשן, וואָס ווערן געפירט אַהין ווערן אומגעבראַכט. אויף מאָרגן האָט זיגמונט אין סאָקאָלאָוו אויפן מאַרק געטראָפן צוויי נאַקעטע יידן אַנטלאָפענע פון טרעבלינקע. זיי האָבן שוין גאַנץ גענוי געשילדערט די מיתה משונה. איצט זיינען עס שוין מער נישט געווען קיין שום השערות, נאָר פאַקטן, באַשטעטיקטע דורך עדות, וואָס האָבן עס געזען מיט די אויגן (איינער פון די אַנטלאָפענע איז געווען אונדזער חבר וואָלאַך).

ווען זיגמונט קערט זיך אום אין געטאָ, ווערט אַרויסגעגעבן אַ צווייטער נומער „אויף דער וואַך״, וואו עס ווערט געגעבן אַ גענויע באַשרייבונג פון טרעבלינקע. אָבער אויך איצט ווילן די יידן נישט גלייבן. זיי ווילן נישט זען די האַרטע ווירקלעכקייט. זיי פאַרמאַכן פאַר איר די אויגן, פאַרשטאָפּן די אויערן, „זיי ווערן זיך מיט הענט און פיס״.

און די דייטשן שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום מיטלען. זיי באַנוצן זיך מיט אַ נייעם פּראָפּאַגאַנדע־טריק. זיי זאָגן צו, אַז זיי וועלן יעדערן, וואָס וועט זיך פרייוויליק מעלדן אויף אַרויסצופאָרן, געבן דריי קילאָ ברויט און אַ קילאָ מאַרמעלאַד. דאָס איז גענוג. די פּראָפּאַגאַנדע און דער הונגער וועלן שוין דערנאָך טאָן דאָס זייעריקע.

די ערשטע, די פּראָפּאַגאַנדע, גיט אין האַנט אַ זיכערן אַרגומענט קעגן אַלע „מעשיות״ וועגן גאַז־קאַמערן (ווייל צו וואָס וואָלט מען געגעבן ברויט אויב מען וואָלט געוואָלט דערמאָרדן). דער הונגער — ער איז נאָך מעכטיקער, ער דעקט צו אַלץ מיטן בילד פון די דריי ברוינע אויס־געבאַקענע ברויטלעך. זייער טעם, וועלכן מען שפּירט שוין כמעט, ווייל עס טיילט דאָך דיך אָפּ פון זיי בלויז אַ קורצער וועג פון דער היים ביזן „אומשלאַגפּלאַץ״, פון וואַנען עס גייען אָוועק די וואַגאָנעס,

מאַכט עס, אַז די אויגן הערן אויף צו זען, וואָס עס דערוואַרטביים סוף פון וועג. זייער ריח, דער באַקאַנטער, דער „מחיהדיקער", פּאַרטויבט, צעמישט דעם מוח, וועלכער הערט אויף צו פאַרשטיין דאָס, וואָס איז דוכט זיך אַזוי פאַרשטענדלעך. עס טרעפן זיך טעג ווען הונדערטער גייען אַוועק פון „אומשלאַג" און וואַרטן עטלעכע טעג אויף אַ רייע אַרויסצופאָרן. אַזוי פיל בעלנים זיינען דאָ אויף צו באַקומען דריי לעבלעך ברויט, אַז די טראַנספּאָרטן, וואָס גייען שוין איצט אַוועק צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער צאָל פון צוועלף טויזנט, האָבן פאַר זיי קיין אָרט נישט.

די פּעטליע אַרום דער געטאָ ווערט וואָס וויטער אַלץ מער פאַרצויגן. אין משך פון אַ קורצער צייט ווערט אָפּגערייניקט און אויסגעליידיקט פון די איינוואוינער די גאַנצע אַזוי גערופענע קליינע געטאָ (די געגנט פון די גאַסן טוואַרדע, פּאַנסקע אא"וו). אין משך פון צען טעג ווערן צוגענומען אַלע „פּריוויליקע", די אינטערנאַטן (קאַרטשאַקס קינדער) און אַלע פּליטים־פּונקטן. עס הייבן זיך אָן סיסטעמאַטישע „בלאָקאַדעס" פון הייזער און גאַסן. מענטשן מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס לויפן פון איין גאַס אין דער אַנדערער, באַמיען זיך אויסצומיידן דעם עווענטועלן שטח פון דער בלאָקאַדע.

סאָלידאַר באַטייליקן זיך אין איר די זשאַנדאַרמען, אוקראַאינער און די יידישע פּאָליציי. די ראָלן זיינען פאַרטיילט מיט סיסטעם און אָרדנונג: די זשאַנדאַרמען רינגלען אַרום די גאַס. פאַר זיי נעמען די אוקראַאינער אַריין די הייזער אין אַן ענגן רינג, די יידישע פּאָליציי גייט אַריין אין די הויפן און רופט צענויף די איינוואוינער — „אַלע יידן מוזן אַראָפּגיין אונטן! 15 קילאָ באַגאַזש! ווער עס וועט נישט אַראָפּגיין, וועט דערשאָסן ווערן"... און נאָך אַ מאָל. איינע נאָך די אַנדערע לויפן פון די טרעפּ די מענטשן. נערוועז, וואַרפן זיי אַרויף אויף זיך אין מיטן לויפן, וואָס עס לאָזט זיך. אַנדערע לויפן אַראָפּ אַזוי ווי זיי זיינען געווען אין שטוב, טיילמאָל פּשוט פון די בעטן אַרויס, אַנדערע שלעפּן אויף זיך אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, רוקזעק, פּעק, טעפּלעך. גייענדיק וואַרפן זיי אַרום זיך צעשראָקענע בליקן. עס איז געשען. ציטערנדיקע שטעלן זיי זיך איין אין גרופּן פאַרן הויז. זיי באַמיען זיך נושא חן צו זיין ביי די פּאָליציאַנטן. רעדן טאָר מען נישט. פון די שכנותדיקע הייזער גייען אַרויס פּונקט אַזעלכע גרופּן ציטערנדיקע, פאַרצווייפלטע מענטשן און פאַראייניקן זיך מיט דער ערשטער. אַ זשאַנדאַרם גיט מיט זיין ביקס אַ וואונק אויף אַ צופעליקן

דורכגייער, וועלכן מען האָט צו שפּעט געוואָרנט און ער האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן פון דער אומגליקלעכער גאַס. אַ יידישער פּאָ־ליציאַנט, שלעפּנדיק אים פאַר אַן אָרבל אָדער פאַרן קאַרק, שטעלט אים אַריין צווישן אַ גרופּע ביי אַ הויז. אויב דער פּאָליציאַנט איז אַן „אָנשטענדיקער", נעמט ער מיט דער צווייטער האַנט אַ האַסטיק אָנגעשריבענעם צעטעלע מיטן אַדרעס פון דער משפחה. געבן צו וויסן . . . די פאַרלאָזטע וואוינונגען מיט די אָפענע טירן, לויט די פאַרשריפטן; לויפן די אוקראַינער האַסטיק דורך. די פאַרמאַכטע — זעצן זיי אַרויס מיט איין שטויס פון זייער שווערן שטיוול, מיט איין זעץ פון דער קאָלבע פון זייער ביקס. צוויי, דריי שאָסן — דאָס האָבן זיי אַ סוף געמאַכט מיט די, וואָס זיינען נישט אַראָפּ אויפן רוף, וואָס זיינען פאַרבליבן אין די דירות. די בלאָקאַדע איז פאַרענדיקט. אַ נישט דערטרונקענע גלאָז טיי אויף עמעצנס אַ טיש ווערט לאַנגזאַם אָפּגעקילט, אַן אָנגעביסן שטיקל ברויט ווערט אַרומגעקלעפּט פון פליגן.

די מענטשן, וואָס באַוועגן זיך אויסערן געביט פון דער בלאָקאַדע, זוכן פאַרצווייפלטע זייערע נאָענטע צווישן די לאַנגזאַם גייענדיקע איבערן מיטן גאַס, אַרומגערינגלטע מיט אוקראַינער און יידישער פּאָלי־ציי, פּירקאַנטיקע גרופּן. הינטער זיי, איינע לעבן די אַנדערע, פירן די מאָבילייזירטע „ריקשעס" די אַלטע לייט און די קינדער.

ווייל דער וועג צום אומשלאַג איז אַ ווייטער, דער „איבערזידלונגס־פּלאַץ"—דאָס אָרט, פון וואַנען עס גייען אָפּ די וואַגאָנעס,—געפינט זיך אויפן סאַמע סוף פון דער געטאָ. אויף סטאַווקי גאַס. די הויכע מויערן, וואָס רינגלען אים אַרום און ווערן גוט געהיט פון זשאַנדאַרמען, האַקן זיך איבער בלויז אין איין שמאָלן אָרט. אין אָט דעם אָרט ווערן עס אַריינגעפירט די גרופּעס הילפלאָזע, אָנמעכטיקע מענטשן. אַלע האַלטן אין די הענט וועלכע נישט איז פּאַפּירלעך, אַרבעטס־קאַרטן, לעגיטימאַ־ציעס. דער זשאַנדאַרם, וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג וואַרפט אויף זיי אַ קוק. „רעכטס" — דאָס מיינט לעבן. „לינקס" — דאָס מיינט טויט. הגם עס איז פון פאַראויס באַוואוסט, אַז עס וועלן נישט העלפן קיין שום רייד, באַמיט זיך יעדערער צו דערוויזן ווי נוצלעך ער איז פאַר דער דייטשער פּראָדוקציע, פאַרן דייטשן שעף און אויסצובעטלען דאָס קליין ווערטעלע „רעכטס". אָבער דער זשאַנדאַרם הערט אפילו נישט. טיילמאָל הייסט ער ווייזן די הענט — ער קלייבט אויס אַלע קליינע — רעכטס. אַמאָל טיילט ער אויס די בלאָנדינקעס — לינקס. אין די

פרימאָרגן־שעהן קלייבט ער אויס די נידעריקע, אין אָוונט פּאַוואַריזירט ער די הויכע. לינקס, לינקס, לינקס . . .

די מענטשן־כוואַליע הייבט זיך, וואַקסט, פאַרגיסט דעם גאַנצן פּלאַץ, די דריי גרויסע, דריישטאָקיקע געוועזענע שול־בנינים. מענטשן איז דאָ מער ווי עס פּאָדערט אפילו אַ פיר־טאָגיקער קאָנטינגענט. עס זיינען דאָ מענטשן אויף „זאַפּאַס". צו פיר, פינף טעג וואַרטן זיי אויף אַנגעלאָדעוועט צו ווערן אין די וואַגאָנעס. די מענטשן פילן אויס יעדן פרייען שטיקל אָרט. זיי שטופּן זיך אין די בנינים, ליגן אויסגעלייגט אין די פּוסטע זאַלן, אין די קאָרידאָרן, אויף די טרעפּ. אַ שיטערע קלעפּיקע בלאָטע פאַרגיסט די פּאָדלאָגעס. קיין וואַסער איז אין די קראַנען נישטאָ. די אָפּגוסן פון די אָפּטריטן זיינען פאַרשטאָפּט. אויף יעדן טריט בלייבט די פוס שטעקן אין צואה. דער ריח פון שווייס און השתנה שטיקט אין האַלדז. די נעכט זענען קאַלטע, אין די פענצטער זענען נישטאָ קיין שויבן. אַנדערע טראָגן אויף זיך בלויז אַ נאַכט־העמד, אַ שלאַפראָק.

אויף מאָרגן גריזשעט שוין דער הונגער דעם מאָגן מיט שניידנדיקע קראַמפּן, די פאַרטרוקנטע צעשפּאָלטענע ליפּן מאַטערן זיך אָן אַ טראָפּן וואַסער. עס האָבן זיך שוין לאַנג געענדיקט די צייטן פון די דריי לעב־לעך ברויט. די קינדער, צעפּלאָמטע, פאַרשוויצטע, ליגן אָן כוחות אין די אָרעמס פון זייערע מוטערס. די דערוואַקסענע דרייען זיך איין אין זיך, ווערן קליין, גרוי.

אַלע אויגן האָבן איין אויסדרוק. זיי דריקן אויס אַ ווילדע משוגענע אימה, אַ בלאַסע אַנמעכטיקע פאַרצווייפלונג און אַזוי ווי אַ פּלוצלונגדיקע אַנטפּלעקונג, אַז אָט באַלד אין אַ ווײַלע אַרום וועט געשען דאָס אומ־פאַרמיידלעכע, דאָס ערגסטע, דאָס וואָס עס האָט זיך אויפן שכל נישט געלייגט, און וואָס עס האָט זיך ביז דער לעצטער רגע נישט געוואָלט גלויבן. ערשט דאָ, אויף דעם אַנגעשטאָפּטן שטח, פּלאַצן די אילוזיעס, די ביז איצט אָפּגעהיטע האָפענונגען, אַז גראַד איך וועל זיך ראַטעווען פון אַלגעמיינעם אומקום, אַז איך וועל פאַרהיטן פון אים מיינע נאָענטסטע. אַ שוואַרצער געשפּענסט זעצט זיך אויף דער ברוסט, שטיקט דעם האַלדז, שפּאַרט אַרויס די אויגן פון קאָפּ, רייסט אויף דעם מויל צו אַ שטומען געשריי. עפּעס אַן אַלטער מאַן קלאַמערט זיך פיבערדיק, מיט געבעט, אָן די פרעמדע אַרום אים. עפּעס אַ מאַמע טוליעט צו זיך דריי קינדער אין הילפלאָזן פּיין. עס וואָלט זיך געוואָלט שרייען, אָבער עס איז נישטאָ צו וועמען. עס וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן

און בעטן, עס איז אָבער נישטאָ וועמען. מען איז אַליין, פולשטענדיק אַליין אין דעם דאָזיקן פיל־טויזנטדיקן המון. און צען, ניין — הונדערט, טויזנט ביקסן זענען אָנגעשטעלט אויף דיין ברוסט, און די פיגורן פון די אוקראַינער וואַקסן פאַר די אויגן, ביז צו דער גרייס פון ריזן און איצט ווייס מען שוין גאָרנישט, מען טראַכט וועגן גאָרנישט, מען זעצט זיך טעמפּ אין אַ ווינקל אין סאַמע ברוד און בלאָטע פון דער נאַסער פּאָדלאָגע. און וואָס אַ מאָל שטיקנדיקער, וואָס אַ מאָל ענגער ווערט אַרום, און נישט פון די קערפּערס די צוניפגעדריקטע, נישט פונעם געשטאַנק פון דער שווערער לופט אין זאַל, נאָר פון דעם פּלוצלונגדיקן געפיל, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, אַז מען קען שוין קיין זאַך נישט טאָן, אַז מען מוז אומקומען.

מעגלעכקייטן אַרויסצוגיין פון אומשלאַג עקזיסטירן. אָבער זיי זענען אַ טראָפּן אין ים אין פאַרגלייך מיט די טויזנטער, וואָס זוכן זיך צו ראַטעווען. די דייטשן אַליין האָבן געשאַפן די דאָזיקע מעגלעכקייטן דערמיט וואָס זיי האָבן אַריבערגעטראָגן אין איינעם פון די בנינים דעם קינדער־שפּיטאָל פון דער „קליינער געטאָ" און וואָס זיי האָבן אין זייער רשעות אָזוי ווי וועלנדיק חוזק טרייבן פון די פאַרמשפּטע צום טויט, געשאַפן אַ קליינע אַמבולאַטאָריע פאַר פּלוצלונגדיגע אומגליקס־פאַלן. יעדן טאָג, אינדערפרי און אין אָוונט בייטן זיך די גרופּן שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע אין די ווייסע פאַרטוכער מיט אַרבעטס־קאַרטן אין די הענט. עס איז ווײַבאַלד אַזוי געענוג אָנצוטאָן עמעצן אין אַ ווייסן פאַר־טוך און עס איז אים שוין נישט שווער אַרויסצופירן מיט דער גרופּע קראַנקן־שוועסטער און דאָקטוירים. די קראַנקן־שוועסטער נעמען אויף די הענט קינדער, אָנגעבנדיק זיי פאַר זייערע. ערגער איז מיט אַלטע לייט. זיי קען מען בלויז אַדער אַוועקשיקן אויפן בית עולם, אַדער אין שפּיטאָל פאַר דערוואַקסענע. מען ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער אויך דאָס דערלויבן די דייטשן. אין קאַרעטקעס פון דער גיכער הילף און אין ארונות פירט מען אַזוי אַרום לעבעדיקע און געזונטע מענטשן אויף יענער זייט פון „אומשלאַגפּלאַץ". די דייטשן האָבן אָבער אָנגע־הויבן קאָנטראָלירן די קאַרעטקעס און דעם צושטאַנד פון די „קראַנקע". ווײַבאַלד אַזוי, איז כדי עס זאָל זיין אַ ריכטיקער באַווייז, האָט מען אין קליינעם שטיבל פון אַמבולאַטאָריע, אָן שום נאַרקאָז, אַזוי אויף לעבעדיק, אָנגעהויבן ברעכן פיס ביי יענע אויסדערוויילטע זקנים און זקנות, וואָס האָבן צוליב דער אַדער אַנדער בקשה אַדער פּראָטעקציע זוכה געווען דערצו, אַז זייער טויט זאָל צייטווייליק אָפּגעלייגט ווערן.

אויסער די דאָזיקע מיטלען „העלפּט" נאָך אַרויס די מענטשן אויף איר אייגענער האַנט, די יידישע פּאָליציי, נעמעדיק פּאַרן אַרויספירן „פון קאָפּ" מוראַדיק־גרויסע סומען אין געלט, גאָלד און צירונג. די, וואָס מען האָט געראַטעוועט, און אַזעלכע זענען דאָך פּאַרהעלטניסמעסיק געווען אַזוי ווייניק, האָבן זיך דערנאָך דאָס רוב אומגעקערט אַהער צום צווייטן און צום דריטן מאָל, כדי סוף כל סוף אומצוקומען אין דער אומרחמנותדיקער טיפעניש פון די וואַגאָנעס.

און פונדעסטוועגן טוען מענטשן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, כדי זיך צו ראַטעווען. מען שטשעמעט זיך איין אין די פּאַרטוכער פון די דורכגייענדיקע קראַנקן־שוועסטער, בעטלענדיק אַ ווייסן פּאַרטוך, מען רייסט זיך צו די טירן פון שפּיטאָל, וואָס ווערן באַוואַכט פון אַ יידישן פּאָליציאַנט.

עפּעס אַ פאָטער בעט זיך מען זאָל כאַטש אַרויסלאָזן דאָס קינד. דער הויפּט־דאָקטאָר פון קינדער־שפּיטאָל, ד"ר אַננע ברוידאָ־העלער, נעמט צו ביי אים דאָס קינד און מיט געוואַלט, נישט אַכטנדיק אויפן ווידערשטאַנד פון פּאָליציאַנט, שטופּט זי עס אַריין אין שפּיטאָל.

אַ בלאַסע געחלשטע העלענע שעפּנער, וואָס מען האָט געבראַכט בעת דער לעצטער בלאָקאַדע, האָבן אונדזערע חברים אויך אַזוי אַריינגעשלעפּט אַהין, כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַרויסצושטופּן איר מיט אַ דאָקטאָר־לעגיטימאַציע הינטער די מויערן פון אומשלאַג.

דער אַרויסגעפירטער דורך אונדז יאַנעק סטרוזש ווערט פּאַרהאַלטן פון אַ יידישן פּאָליציאַנט. הינטערן רוקן פון זשאַנדאַרמען טעאַריזירן מיר דעם פּאָליציאַנט. ער לאָזט אים דורך.

אָפּטמאָל טרעפט זיך, אַז דער, וואָס דאַרף אַרויספירן, איז נישט נאָר וואָס אים געלינגט נישט אויסצופירן זיין אויפגאַבע, נאָר ער פאַלט נאָך אַליין אַריין און ווערט פאַרשלעפּט צוזאַמען מיטן המון אין די וואַגאָנעס. אַזוי איז אומגעקומען איינער פון אונדזערע טיכטיקסטע מענטשן, סאַמעק קאַסטרינסקי, וואָס איז געשיקט געוואָרן אויפן אומשלאַג אַרויסצופירן אונדזערע חברים.

די וויכטיקסטע און די שווערסטע זאַך איז איבערצוקומען אויפן אומשלאַג דעם מאָמענט פון אַנלאָדונג. די טראַנספּאָרטן גייען אַוועק אינדערפרי און ביינאַכט — צוויי מאָל אַ טאָג קומען פאַר די אַנלאָדונגען. אַן ענג־געשלאָסענע קייט פון אוקראַינער רינגלט אַרום דעם פּלאַץ און פאַרכאַפּט דעם טויזנט־קעפּיקן המון. עס פאַלן שאָסן. יעדער שאָס איז אַ געטראָפענער. עס איז נישט שווער צו טרעפן בעת מען האָט

פאַר זיך בלויז מיט איין טראָט ווייטער, אָן איינגעקנוילטע, צונויפגע־דריקטע מאַסע, וואָס יעדער טיילכל אידער — דאָס איז אַ לעבעדיקער מענטש — אַ צילברעט. אַלץ נעגטער און נעגטער יאָגן די דאַזיקע שאָסן די מענטשן צו די צוגעגרייטע פי־וואַגאָנעס. ווייניק! ווי משוגע געוואָרענע בעסטיעס לויפן די אוקראַינער צוריק דורכן אָפּגעליידיקטן פּלאַץ צו די בנינים. עס הייבט זיך אָן אַ ווילדער געיעג. דער צע־טומלטער המון לויפט אויף די אויבערשטע שטאָקן, שפּאַרט זיך צו די טירן פון שפּיטאָל, באַהאַלט זיך אין די פינצטערע לעכער אויפן בוידעם, אבי העכער און ווייטער פון די פּאַרפּאַלגער, אפשר וועט געלינגען אויסצומיידן כאָטש נאָך איין טראַנספּאָרט, ראַטעווען נאָך איין טאָג לעבן. דער חבר מענדעלסאָן (מענדעלע) איז אָפּגעזעסן אויפן בוידעם דריי טעג. עטלעכע סקיפּיסטקעס זענען דאָרט געווען באַהאַלטן פינף טעג. דערנאָך איז אונדז געלונגען אַרויסצופירן זיי פון דאָרטן מיט אַ גרופּע קראַנקן־שוועסטער.

די אוקראַינער שטרענגען זיך צופיל נישט אָן. די, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן וועלן זיין גענוג אויף אָנצופילן די וואַגאָנעס. דער לעצטער מאָמענט — מען פּאַרשטאָפּט די לעצטע לעכער — אין איינעם אַ וואַגאָן, וואָס איז נאָך נישט גענוג אָנגעשטאָפּט, שפּאַרט מען אַריין אַ מאַמען, דאָס קינד איז שוין נישטאָ וואו אַריינצושפּאַרן, רייסט מען עס אָפּ פון דער מאַמען, וואָס יאָמערט פון פּיין און מען לאַדעוועט עס ווייטער אין אַן אַנדער וואַגאָן. לאָזט זיך נישט? אַ קורצער שאָס. פּאַמעלעך, מיט מאַטערניש פּאַררוקן זיך די טירן. מיט די קאָלבעס פון די ביקסן ווערט די געדיכטע מאַסע איינגעקלאַפּט — אָט אַזוי, איצט איז פול! ענדלעך. דער צוג רירט. די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע קריגן נייעם פּרעס.

אין יענעם פּעריאָד האָבן מיר פּאַרלוירן כמעט אַלע אונדזערע חברים. פון די העכער פינף הונדערט מיטגלידער אונדזערע זענען קוים געבליבן עטלעכע צענדליק. די עקזיסטירנדיקע שוין צו יענער צייט „חלוצישע" קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט מער גליק — צופעליק האַלט זי אין כמעט אַלע אירע מיטגלידער. זי פירט דורך עטלעכע דיווערסיע־שרפות און מאַכט אַ אַטענטאַט אויפן יידישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט י. שערינסקי.

אַזוי זענען אין אָנהייב סעפּטעמבער 1942 אַרויסגעפירט געוואָרן אונדזערע בעסטע: ס. קאַסטרינסקי, י. שפּילבערג, פּאַליע ליפּשיץ, צביה וואַקס, מאַניע עלענבאַגען, קובע זילבערבערג. עס קומט אום

האנושיע וואסער מיט דער מוטער און האלינקע בראנדעס מיט דער מוטער. דער חבר אזשעך ווערט עטלעכע מאָל געזוכט דורך דער געסטאַפּאָ. ער מוז אַנטלויפן אויף דער „אַרישער זייט".

דעם 13טן אויגוסט 1942 ווערט פון דער פאַבריק פון וו. צ. טאָבענס צוגענומען סאָניע נאָוואָגרודסקי. עס איז עפּעס אַזוי אויסטערליש ווי דאָס איז זיך פאַרלאָפן. מיט צוויי טעג פריער האָט סאָניע, קוקנדיק דורכן פענצטער אויף די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, געזאָגט: „מיין אָרט איז נישט דאָ. זעט ווער עס בלייבט אין געטאָ — דאָס איז דאָך דער ערב רב. דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט גייט צו פיר אין אַ ריי אויפן אומשלאַג. איך מוז גיין מיט זיי. ווען איך וועל זיין מיט זיי, וועלן זיי זיך אפילו אין די לעצטע מינוטן אין די וואַגאָנעס און ווייטער, פילן ווי מענטשן".

עס בלייבט פון אונדז אַ קליין הייפל. מיר טוען, וואָס מיר קענען. אָבער קענען, קענען מיר זייער ווייניק. מיר ווילן פאַר יעדן פּרייז נאָך ראַטעווען דאָס, וואָס וועט זיך לאָזן. מיר אָרדנען איין מענטשן, ווי עס האָט זיך דעמאָלט געדוכט, אויף די בעסטע דייטשע אַרבעטס־פּלעצער. ביסלעכווייז פאַרלירן מיר כמעט מיט אַלעמען דעם קאָנטאַקט. עס בלייבט בלויז איין גרעסערע גרופּע חברים, אַ מאַן צוואַנציק, פינף און צוואַנציק, ביי די „בערשטלמאַכער" אויף פּראַנציסקאַנער.

דאָס איז אונדזער טראַגישסטער צייט־אָפּשניט. מיר זעען, אַז מיר בלייבן אָן אַן אָרגאַניזאַציע. דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אָפּגעהיט אין די לאַנגע שווערע מלחמה־יאָרן — קומט אום אין אַלגעמיינעם מבול, אונדזער גאַנצע פּראַצע און אָנשטרענגונג גייט פאַרלוירן. דער מענטש, וואָס האָט אין יענער צייט באַוויזן אַמבעסטן זיך אַריינצונעמען אין די הענט, איז געווען אבראַשע בלום. דאָס וואָס מיר האָבן אויסגעהאַלטן יענע קאָשמאַרע מאָמענטן, האָבן מיר הויפּטזעכלעך אים צו פאַרדאַנקען, זיין רואיקייט און באַהערשטקייט.

העלפט אויגוסט, בעת אין געטאָ זענען פאַרבליבן בלויז הונדערט און צוואַנציק טויזנט מענטשן, האָט מען דעם איינדרוק, אַז דער ערשטער עטאַפּ פון דער אַקציע איז פאַרענדיקט. דער „אומזידלונגס־שטאַב" פאָרט אַרויס פון וואַרשע נישט איבערלאָזנדיק קיין שום אינסטרוקציעס. אָבער אויך דאָס מאָל זענען עס פּוסטע האָפנונגען. אין גיכן ווייזט זיך אַרויס, אַז די דייטשן האָבן געמאַכט בלויז אַ קורצע הפסקה, און אַז אונטער דער צייט ליקווידירן זיי אָטוואָצק, פאַלעניץ,

מעדזעשין. עס ווערט אַרויסגעפירט די גאַנצע מעדעם־סאַנאַטאָריע. עס קומט אום מיט אַ מאַרטירער־טויט ראָזע אייכנער.

נאָך דער דאָזיקער הפסקה הייבט זיך אָן די אַקציע מיט אַ פאַר־שטאַרקטן כוח. די בלאָקאַדעס ווערן פאַר אונדז וואָס ווייטער אַלץ געפערלעכער, ווייל מענטשן זענען דאָ וואָס אַ מאָל וויניקער און דער שטח איז וואָס אַ מאָל אַ קלענערער און אַ שווערערער פאַר די דייטשן, ווייל מענטשן האָבן זיך שוין אויסגעלערנט ווי זיך צו באַהאַלטן. ווײַבאַלד אַזוי ווערט אויף יעדן יידישן פּאָליציאַנט אַרויפגעלייגט אַ פליכט צו ברענגען אויפן אומשלאַג זיבן „קעפּלעך" אַ טאָג. און אַט דאָ שפּילן אויס די דייטשן זייער בעסטע שפּיל. קיינער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי פאַרביסן נישט דורכגעפירט אַן אַקציע ווי דער ייד דער פּאָליציאַנט. קיינער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי אומברחמנותדיק, אַזוי נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט דעם געכאַפּטן, ווי איין ייד — דעם אַנדערן. כדי אַריינצובאַקומען די זיבן „קעפּלעך", פאַרהאַלטן די יידישע פּאָלי־ציאַנטן אַ דאָקטאָר אין אַ ווייסן פאַרטוך (דער פאַרטוך ווערט דערנאָך פאַרקויפט ווערן פאַר גראָבע געלט אויפן אומשלאַג), אַ מוטער מיט אַ קינד אויף די הענט, אָדער אַן איינזאַם, פאַרלוירן קינד, וואָס זוכט איר היים.

די יידישע פּאָליציי שרייבט אַליין איר געשיכטע.

דעם 6טן סעפּטעמבער, 1942 ווערן אַלע לעבן־געבליבענע איינ־וואוינער פון געטאָ אויפגעפאָדערט צוזושטעלן זיך אין דער געגנט פון די גאַסן: גענשע, זאַמענהאָף, לובעצקי, סטאַווקי. דאָ דאַרף פאָרקומען די לעצטע רעגיסטראַציע.

פון אַלע זייטן ציען זיך מאַסן מענטשן צו פיר אין אַ ריי. צוזאַמען מיט אַנדערע אַלע אונדזערע. מיר הערן ווי רוטע פּערענסאָן באַרואיקט דעם קליינעם ניק: „דאַרפסט פאַר קיין זאַך נישט מורא האָבן. דאָ וועלן זיך באַלד אָפּטאָן שרעקלעכע זאַכן, זיי ווילן אונדז אַלעמען דערהרגענען. אָבער מיר וועלן זיך נישט לאָזן. מיר וועלן שלאָגן צוריק, פונקט אַזוי שטאַרק ווי זיי".

עס איז אַזוי נישט געשען. אין קליינעם פּירעק פון די גאַסן זאַמלט זיך צונויף די גאַנצע באַפעלקערונג פון געטאָ: די אַרבעטער פון די פאַבריקן, די באַאַמטע פון יידן־ראַט, די געזונטהייט־דינסט, די שפּיטאָל־אַנגעשטעלטע (די קראַנקע ווערן דירעקט אַוועקגעשיקט אויפן אומשלאַג). יעדער דייטשער פירמע, ווי אויך דעם יידן־ראַט ווערט דערלויבט צו האָבן אַ באַשטימטע צאָל אַרבעטער, וואָס מעגן בלייבן. די דאָזיקע

אויסדערוויילטע באַקומען נומערלעך. נומערלעך באַדייטן לעבן. די שאַנסן זענען קליינע. אָבער דאָס, וואָס זיי זענען דאָ איז גענוג, כדי ווידער אַ מאָל פולשטענדיק צו צעמישן די מענטשלעכע געדאַנקען, כדי די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זאָל ווידער קאָנצענטרירט ווערן אויס־שליסלעך אויף איין זאַך, אַז אַלץ, אויסער באַקומען אַ נומערל זאָל אויפהערן זיין וויכטיק. איינע קעמפן פאַר אים אויפן קול, מיט געשריי דערווייזן זיי זייער רעכט אויף לעבן, אַנדערע וואַרטן אויפן פסק דין אין פולשטענדיקער רעזיגנאַציע, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן. אין דער גרעסטער געשפּאַנטקייט פאַרלויפט זיך דער לעצטער אַפּקלייב. נאָך צווי טעג, וואָס יעדע שעה זייערע קומט אויס ווי אַ יאָר, ווערן די אויסגעקליבענע אונטער אַ קאָנוואָי אַוועקגעפירט צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער, וואו זיי וועלן איינגעאָרדנט ווערן. די איבעריקע פירן די דייטשן אַוועק אויפן אומשלאַגפּלאַץ. שוין גאָר צום סוף קומען דאָ אָן די משפחות פון די פּאָליציאַנטן.

דאָס, וואָס עס טוט זיך אויפן אומשלאַג איצט, בעת עס איז שוין נישטאָ קיין שום רעטונג און פון ערגעץ נישט, לאָזט זיך נישט אויסדריקן אין די שטאַרקסטע מענטשלעכע ווערטער. די קראַנקע, וואָס זענען שוין דאָ געבראַכט געוואָרן פון פריער, די דערוואַקסענע און די קינדער פון שפּיטאָל, ליגן פאַרלאָזענע אין די קאַלטע זאַלן. זיי דערליידיקן זייערע באַדערפענישן אונטער זיך און בלייבן שוין אַזוי ליגן אין דעם עיפּושדיקן שמירעכץ פון ברוד און השתנה. די קראַנקן־שוועסטער זוכן אויס אין דעם דאָזיקן המון זייערע פּאַטערס און מוטערס און עפּעס מיט אַ מאָדנעם ווילדן גלאַנץ אין די אויגן שפּריצן זיי אַריין אַ גוטן טויט, וואָס מאָרפיום גיט. עמעצנס אַ באַרמהאַרציקע דאָקטאָרישע האַנט גיסט אַריין לויט דער ריי אין צעברענטע מיילער, פון פרעמדע קראַנקע קינדער, וואָסער מיט צעלאָזטן ציאַנקאַלי. עס קומט איר אנערקענונג — זי גיט אַוועק איר אייגענעם ציאַנקאַלי. און ציאַנקאַלי איז איצט דער טייערסטער אוצר, נישט אָפּצוקויפן. ווייל ציאַנקאַלי דאָס איז אַ שטילער טויט. ער ראַטעוועט פון די וואַגאָנעס.

אָט אויף דעם אופן פירן די דייטשן אַרויס אין משך פון צוויי טעג זעכציק טויזנט מענטשן.

פון „קעסל" ווערן צוגענומען אונדזערע חברים: נאַטאַן ליבעס־קינד, דאָרע קאַטשיאָלעק, י. גרושקע, אנקע וואָלקאָוויטש, מיכעלסאָן,

צלובה קרישטאל־ניסענבוים און אַ סך אַנדערע. דער חבר בערנאַרד ווערט געזוכט און מוז זיך באַהאַלטן אויף דער „אַרישער זייט".

דעם 12טן סעפטעמבער איז די אַקציע אָפיציעל פאַרענדיקט. נאָמינעל בלייבן אין וואַרשע דריי און דרייסיק טויזנט פיר הונדערט יידן, וואָס אַרבעטן אין פאַבריקן און אויף דייטשע פאָסטנס, אין דעם דריי טויזנט באַאַמטע פון יידן־ראַט. פאַקטיש איז צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן אין די קעלערן, פאַראַן אַרום זעכציק טויזנט מענטשן. אַלע וואוינען ביי די אַרבעטס־פלעצער. נייע מויערן טיילן פאַנאַדער די געטאָ. צווישן די באַזונדערע בלאָקן ציען זיך לאַנגע, אויסגעליידיקטע פון מענטשן, פאַרלאָזענע שטחים, וואָס שרעקן מיט דער טויטער שטילקייט פון זייערע גאַסן, מיט די קלאַפנדיקע פון ווינט, פוסטע ראַמען פון די פאַנאַנדערגעעפנטע פענצ־טער און מיטן איבלדיקן ריח פון די נישט באַערדיקטע מתים.

די געטאָ נעמט איצט אַרום: 1. דעם שטח פון די פאַבריקן (שעפּער) פון טעבענסן, שולצן, רעריכן — די גאַסן: לעשנאָ, קאַר־מעליצקע, נאָוואָליפּקי, סמאָטשע, נאָוואָליפּיע, זשעלאַזנע ביז לעשנאָ. 2. דעם בערשטער־שטח — די גאַסן: שוו. יערסקע, וואָלאָווע, פראַנ־צישקאַנער, באַניפראַטן ביז שוו. יערסקע. און 3. דעם שטח פון דער צענטראַלער געטאָ — די גאַסן: גענשיע, פראַנצישקאַנער, באָניפראַטן, מוראַנאָווסקע, פּאָקאָרנע, סטאַווקי, פלאַץ פּאַריסאָווסקי, סמאָטשע ביז גענשיע.

די אַרבעטער פון איין שאָפּ טאָרן זיך נישט קאָמוניקירן מיט די אַרבעטער פון אַ צווייטן שאָפּ. די געשאָנקענע לעבנס ווערן דורך די דייטשן אויסגעניצט ביז די לעצטע גרענעצן. די יידן אַרבעטן צוועלף שעה אַ טאָג און אַ מאָל אויך לענגער, נישט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם. די באַדינגונגען פון דער דאַזיקער אַרבעט און די באַדינגונגען פון דער באַשפּייזונג זענען קאַטאַסטראָפאַלע. אַזוי ווי אין ערשטן פּעריאָד פון דער געטאָ איז די פלאָג געוועזן דער פלעק־טיפוס, אַזוי הערשט איצט אומעטום די שווינדזוכט.

רייך ווערן איצט בלויז די מיסטפירער און באַגרעבער (די פינ־קערט־לייט). אין אַרונות און אונטער בערג מיסט פירן זיי אַריבער זאַכן און ווערטפולע חפצים, וועלכע די געטאָ דאַרף שוין נישט, היינטער די מויערן אויף דער „אַרישער זייט", וואו עס באַמיען זיך איצט מיט אַלע מיטלען אַריינצוקריגן זיך און איינצואָרדנען די איינוואוינער פון דער פאַרפאָלגטער יידישער געגנט.

אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער 1942 קומען פאָר שמועסן צווישן פּרעזידיום פון אונדזער צ. ק. און דער קאָמענדאַנטור פון דער „חלוצישער“ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע פראַגע, וועלכע איז גאַנץ לאַנג דיסקוטירט געוואָרן צווישן אונדזערע חברים, ווערט פאַר־ענדיקט אויף דער זיצונג פון וואַרשעווער פּאַרטיי־אַקטיוו דעם 15טן אָקטאָבער. מיר באַשליסן צו שאַפן אַ געמיינזאַמע קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע מיטן ציל צו שטעלן די דייטשן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אויפן פאַל ווען עס זאָל זיך איבערחזרן די אויסראָטונגס־אַקציע. מיר פאַרשטייען, אַז בלויז אַ קאָאָרדינירטע אַרבעט און די גרעסטע געמיינזאַמע אנשטרענגונג וועלן קענען געבן וועלכע נישט איז רע־זולטאַטן.

דעם 20טן אָקטאָבער ווערט געשאַפן די אַזוי גערופענע קאָאָר־דיניר־קאָמיסיע (ק. ק.), אין וועלכער עס גייען אַריין פאָרשטייער פון אַלע עקזיסטירנדיקע יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען. פון אונדז גייען אַהין אַריין: אבראשע בלום און בערעק. אויף דער זעלבער זיצונג ווערט אויסגעטיילט אַ קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דער קאָמענדאַנט ווערט מרדכי אנילעוויטש („שומר“). פון אונדז גייט אַריין אין דער קאָמענדאַנטור מאַרעק. די פאָרשטייע־שאַפט פון דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע אויף דער „אַרישער זייט“ נעמט איבער אונדזער חבר ד״ר ל. פיינער (מיקאָלאַי). עס ווערט אויך אויסגעטיילט אַ פּרעזידיום פון ק. ק. און אַ פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע. דאָרט איז אונדזער פאָרשטייער דער חבר אבראשע.

אַזוי ווי די געטאָ איז צעטיילט אויף אַ סך בלאָקן, וועלכע האָבן נישט צווישן זיך כמעט קיין שום קאָנטאַקט, איז די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויך געצוואונגען איינצוטיילן איר אַרבעט לויט באַזונ־דערע שטחים. מיר נעמען איבער דעם בערשטער־ראַיאָן (גרילאק), די פאַבריקן פון צ. ב. טעבענס (פּאַוו), פּראָסטע (קערש). עס גיט זיך אונדז איין צו שאַפן אַזעלכע קאַמפּס־גרופּן. אַזוי, למשל, פירן אָן מיט צוויי „פינפטלעך“ אין דער צענטראַלער געטאָ — ב. פעלץ און גאָלדשטיין, אויפן בערשטער־שטח — יורעק בלאָנעס און יאַנעק ביליאק, ביי שולצן — א. פיינער און נ. כמיעלניצקי, ביי רעריכן — וו. ראַ־זאָווסקי.

ווידער אַ מאָל האָבן מיר אויסגעבויט, שוין נישט אַליין נאָר מיט געמיינזאַמער אָנשטרענגונג, אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע און ווידער

שטייען מיר פֿאַר דער וואָפֿן־פּראָבלעם. אין געטאָ איז כּמעט אינגאַנצן נישטאָ קיין געווער. מען מוז געדענקען, אַז דאָס איז דאָס יאָר 1942 און אַז די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין דער פּוילישער געזעלשאַפֿט איז נאָך ערשט אין די וויקעלעך; וועגן די פּאַרטיזאַנען־קאַמפֿן טראָגן זיך בלויז לעגענדעס, די ערשטע באַוואָפֿנטע פּוילישע אַרויסטרעטונג קומט פֿאַר ערשט אין מערץ 1943. מען דאַרף זיך דעריבער נישט וואונדערן, וואָס אונדזערע באַמיאונגען וועגן באַקומען געווער ביי דער רעגירונג־דעלעגאַטור און ביי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, טרעפֿן אָן אויף גרויסע שוועריקייטן און דער עיקר — זיי גיבן נישט קיין רעזולטאַטן. אָבער אונדז געלינגט צו באַקומען פֿון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" (פֿאָלקס־גוואַרדיע) עטלעכע רעוואָלווערן. עס ווערן דעמאָלט אויסגעפֿירט אין חודש נאָכן אַנדערן, צוויי אַטענטאַטן: דעם 29טן אָקטאָבער — אויף לייקינען, דעם קאָמענדאַנט פֿון דער יידישער פּאָליציי, און דעם 29טן נאָוועמבער אויף י. פֿירסטן, דעם פֿאַרשטייער פֿון יידן־ראַט אין אומשלאַג־שטאָב.

די יידישע קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע געווינט איר ערשטע פּאָפּולאַריטעט. עס ווערן ווייטער דורכגעפֿירט עטלעכע טעראָריסטישע אַקטן אויף יידישע מייסטערס, פֿון וועלכע די אַרבעטער קומט אויס שוין צופֿיל צו ליידן. בעת עס איז דורכגעפֿירט געוואָרן איינע אַזאַ אַקציע אויפֿן האַלמאַן־שטח (סטאָליער־שאַפּ), האָבן די דייטשע „ווערקשוץ" געכאַפּט און אַריינגעזעצט אין אַרטיקן אַרעסט דריי מיטגלידער פֿון דער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע. ביינאַכט איז די גרופּע פֿון רעריך־געביט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון חבר ג. פֿרישדאָרף באַפֿאַלן און אַנטוואָפֿנט די דייטשע וואַך און באַפֿרייט אונדזערע חברים.

כּדי מען זאָל זיך קענען גענויער אָריענטירן אין די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר האָבן דעמאָלט געפֿירט אונדזער אַרבעט, וויל איך דאָ נאָך צוגעבן, אַז אין העלפֿט נאָוועמבער (אין דער צייט פֿון „רו") האָט מען ערגעץ־וואו אַרויסגעפֿירט עטלעכע הונדערט יידן פֿון פֿאַרשיידענע שעפּער כּלומרשט אויף אַרבעט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער לובלין. און דעמאָלט האָט עס אונדזער חבר ו. ראָזאָווסקי אויסגעבראָכן דעם פֿאַרקראַטעוועטן פֿענצטער פֿון פּראַכט־וואַגאָן, האָט אין מיטן גאַנג פֿון צוג אַרויסגעוואָרפֿן דורך אים זיבן מיידלעך (צווישן זיי גוטע בלאַנעס, חיהקע בעלכאַטאָווסקע, וויערניק, מ. קויפֿמאַן) און דערנאָך איז ער אַליין אַרויסגעשפּרונגען. וועגן אַזאַ מין האַנדלונג וואָלט מען אין די צייטן פֿון דער ערשטער אַקציע אַפֿילו טראַכטן נישט

געקאָנט. אויב אין וואַגאָן וואָלט זיך אַפילו געפונען אַזאַ דרייסטער מענטש, וואָס וואָלט געוואָלט אַנטלויפן, וואָלטן זיינע מיטפאָרער נישט דערלאָזט דערצו אויס מורא פאַר די קאָנסעקווענצן, וואָס דאָס האָט געקאָנט האָבן פאַר די איבעריקע. איצט הויבן אָן די יידן ענדלעך צו פאַרשטיין, אַז די איבערזידלונג — דאָס איז דער טויט, אַז עס איז נישטאָ פאַר אונדז קיין אַנדער עצה ווי אומקומען מיט כבוד. מערנישט זיי ווילן, ווי דאָס איז שוין אַפּנים אין דעם מענטשנס נאַטור, דעם דאָזיקן מאָמענט פון אומקום און כבוד, אָפּלייגן אויף אַ וואָס שפּעטערער צייט.

ביים סוף דעצעמבער 1942 באַקומען מיר פון שטאַב פון דער לאַנד־אַרמיי (אַרמיאַ קראַיאָווא) דעם ערשטן טראַנספּאָרט געווער. ער איז זייער אַ קליינער. ער אַנטהאַלט קוים צען פּיסטאָלעטן. ער גיט אונדז אָבער אַ מעגלעכקייט זיך ענדלעך צוצוגרייטן צו אונדזער ערשטער גרעסערער אַרויסטרעטונג. מיר פּלאַנעווען איר דורכצופירן דעם 22טן יאַנואַר. דאָס דאַרף זיין אַן אָפּרעכנונג־אַקציע קעגן דער יידישער פּאָליציי.

אָבער שוין דעם 18טן יאַנואַר 1943 ווערט די געטאָ פאַרמאַכט און עס הייבט זיך אָן די צווייטע ליקווידירונגס־אַקציע. אָבער דאָס מאָל גיט זיך די דייטשן נישט איין אויסצופירן זייערע פּלענער אומ־באַשטראָפט. פיר פאַרבאַריקאַדירטע קאַמפּס־גרופּן שטעלן דעם ערשטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין געטאָ.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע מאַכט דורך איר ערשטע פייער־פּראָבע אין איר ערשטן גרעסערן גאַסן־קאַמף אויפן קרייצוועג פון מילע און זאַמענהאָף. מיר פאַרלירן דאָרט די בעסטע פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. בלויז דורך אַ נס און אַ דאַנק זיין העלדישער האַלטונג האָט זיך געראַטעוועט דער קאָמענדאַנט פון דער ק. אָ. מרדכי אַנילע־וויטש. ס'האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעוויזן, אַז אַ גאַסן־קאַמף קאָסט אונדז צו טייער, אַז מיר זענען צו אים נישט צוגעגרייט. מיר האָבן נישט קיין געהעריקע וואָפן. מיר גייען איבער צו אַ פּאַרטיזאַנען קאַמף. עס דערגייט צו פיר גרעסערע צוזאַמענשטויסן אין די הייזער: זאַמענהאָף 40, מוראַנאָוו 44, מילע 34 און פראַנציסקאַנער 22. אויפן שטח פון שולצס שאָפּ אָרגאַניזירן די קעמפער אַן אַטענטאַט אויף די ס. ס.־לייט, וואָס נעמען אַנטייל אין דער אַקציע. עס באַטייליקט זיך אין אַטענטאַט און קומט אום דערביי דער חבר א. פיינער.

איינע פון אונדזערע קאַמפּס־גרופּן, וואָס האָט נאָך נישט פאַר־מאָגט קיין געווער, ווערט געכאַפּט דורך די דייטשן און צוזאַמען מיט די איינוואוינער, וואָס געפינען זיך אויפן אָרט, ווערט זי אַוועקגעפירט אויפן אומשלאַג. פאַרן אַריינגיין אין די וואַגאָנעס האַלט ב. פעלץ אַ קורצע רעדע. ווערטער זענען געווען נישט קיין סך. אָבער די ווערטער זענען שטאַרקע. די ווערטער זענען אַזעלכע, אַז פון די העכער זעכציק מענטשן גייט קיינער נישט אַריין אין וואַגאָן. וואָן אָפּען, דער שעף פון טרעבלינקע, צעשיסט די אַלע זעכציק מיט זיינע אייגענע הענט אויפן אָרט. די דאָזיקע גרופּע באַווייזט די יידן, אַז אומעטום און אַלע מאָל, אין אַלע באַדינגונגען קען מען און מען דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן די דייטשן.

אין דער יאַנואַר־אַקציע, האָבן זיך פון אונדזערע פּופּציק צו־געגרייטע גרופּן, באַטייליקט בלויז פינף. די איבעריקע, וואָס זענען נישט געווען איינקוואַרטירט, האָט די אַקציע געטראָפן אומגעריכט און זיי האָבן נישט געקאָנט צוקומען צו די ערטער, וואו עס איז געלעגן דאָס געווער.

און ווידער ווי אין דער ערשטער אַקציע קומען אום 4/5 פון אונדזער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

דאָס, וואָס איז געשען, געפינט אָבער אַ גוואַלטיקן אָפּקלאַנג סיי אין דער פּוילישער, סיי אין דער יידישער געזעלשאַפט. ווייל דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ווען עס ווערן געקרייצט די דייטשע פּלענער, דאָס ערשטע מאָל ווען עס ווערט אַראָפּגעריסן דער אָרעאָל פון אומ־באַרירלעכן, אַלמעכטיקן דייטש. צום ערשטן מאָל זעט די יידישע באַפעלקערונג, אַז מען קען עפּעס טאָן קעגן דעם ווילן און קעגן דעם כוח פון די דייטשן. עס איז דאָ נישט וויכטיק וויפל דייטשן עס זענען געפאַלן פון די קוילן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. וויכטיק איז דער מאָמענט פון פּסיכישן איבערברוך. וויכטיק איז, וואָס די דייטשן האָבן וואָס אַן אמת, צוליבן שוואַכן ווידערשטאַנד, אָבער פאַר זיי, אומגעריכטן, געמוזט איבעררייסן די אַקציע.

איבער גאַנץ וואַרשע טראָגן זיך אַרום לעגענדעס וועגן הונדערטער דערהרגעטע דייטשן, וועגן גרויסן כוח פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די גאַנצע פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג איז פאַר אונדז פול מיט אנערקענונג. סוף יאַנואַר באַקומען מיר פון שטאַב פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (לאַנד־אַרמיי) 50 גרויסע פּיסטאַלעטן און 50 גראַנאַטן. עס קומט דעמאָלט פאַר די רעאָרגאַניזאַציע פון

דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אַלע קאַמפּס־גרופּן ווערן פאַנאַנדערגעטיילט אויף פיר ראַיאָנען. מיר פירן אַן מיטן בערשטעטער־ראַיאָן (דער קאָמענדאַנט איז מארעק), וואו מיר פאַרמאָגן צווישן אַנדערע אונדזער קאַמפּס־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון יורעק בלאָנעס. די קאַמפּס־גרופּן וואוינען זייער נאָענט פון זייערע אָפּעראַציע־פונקטן. די דאָזיקע אוממיטלבאַרע איינקוואַרטירונג האָט פאַר זיך אַ דאָפּלטן ציל. ערשטנס, נישט דערלאָזן, אַז די דייטשע אַקציע זאָל אונדז אַ מאָל טרעפן אומגעריכט און צווייטנס, צוצוגעוויינען די מענטשן צו אַ מיליטערישן גייסט, צו מיליטערישער דיסציפּלין, צו געפינען זיך אין אַ שטענדיקער באַרירונג מיט געווער.

נאָענט פון די געטאָ־מויערן וואַכן טאָג און נאַכט אונדזערע פּאַטרולן, וואָס דאַרפן באַצייטנס געבן צו וויסן וועגן דער אָנקומענדיקע געפאַר. אין דער זעלבער צייט אַרבעט ווייטער די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע. די דייטשן באַמיען זיך ווייטער פאַרטומלען די יידן, פאַרשפּרייטנדיק קלאַנגען וועגן יידישע רעזערוואַטן אין טראַווניק און אין פּאָניאַטאָוו, וואוהין עס וועלן כלומרשט איבערגעפירט ווערן די פאַבריקן פון טאָובענס און שולץ און וואו „פּראָדוקטיווע יידן, וואָס וועלן אַרבעטן מיט איבערגעגעבנקייט פאַר די דייטשן, וועלן קענען רואיק איבערלעבן די מלחמה". אין אָנהייב פעברואַר ברענגען די דייטשן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער לובלין, צוועלף אַרבעטער־יידן. זיי האָבן דאָס געדאַרפט אַגיטירן די יידישע באַפעלקערונג פרייוויליק אַרויסצופאָרן אויף די „גלענצנדיקע" אַרבעטס־באַדינגונגען. אין דער צווייטער נאַכט נאָך זייער קומען רינגלט אַרום די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע דאָס הויז וואו זיי וואוינען און צווינגט זיי תיכף אַרויסצופאָרן. אָבער די דייטשן האַלטן נישט די זאַך פאַר פאַרשפּילט. זיי באַשטימען וו. צ. טאָובענסן, דעם באַלעבאָס פון דער גרעסטער פאַבריק פון מיליטערישע מונדירן, פאַרן איבערזידלונגס־קאָמיסאַר. דער צוועק דערפון איז וויִדעראַמאָל צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז דאָס אַרויספאָרן קיין טראַווניק אָדער פּאָניאַטאָוו איז ענג פאַרבונדן מיט דער אַרבעט אין די דייטשע אונטערנעמונגען.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פירט דורך אַ ברייט פאַרמאַסטענע פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע. זי גיט אַרויס עטלעכע אויפרופן, וואָס ווערן אויסגעקלעפּט אויף די הייזער און אויף די מויערן פון געטאָ. אַלס ענטפער דערויף גרייט צו טאָובענס אַן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג. אָבער זיינע ביידע אויפלאַגעס ווערן דורך

דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע קאָנפיסקירט נאָך אין דער דרור־קעריי.

אין יענעם פּעריאָד הערשט שוין די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אומטיילבאַר אין געטאָ. זי איז דער איינציקער כוח און די איינציקע מאַכט, וואָס האָט אויטאָריטעט און מיט וועלכער עס רעכנט זיך די באַפעלקערונג.

סוף פעברואַר 1943 בעת די דייטשן רופן אַרויסצופאָרן האַלמאַנס סטאָליער־שאַפ, מעלדן זיך פון העכער טויזנט אַרבעטער בלויז פינף און צוואַנציק. ביי נאַכט מאַכן צוויי קאַמפס־גרופן אַ דרייסטע אַרויס־טרעטונג. זיי צינדן אונטער די מאַגאַזינען פון שאָפּ (עס באַטייליקט זיך אין דעם דער חבר פרישדאָרף). די הזיקות, וואָס די דייטשן האָבן דערביי, באַטרעפן העכער אַ מיליאָן זלאָטעס. די גאַנצע גוט דורכגעטראַכטע דייטשע אַקציע פאַלט דורך. אויף מאָרגן לאָזן די דייטשן אַרויס אַ קאָמוניקאַט וועגן כלומרשטדיקע פּאַראַשוטיסטן, וואָס האָבן דורכגעפירט אַ דיווערסיע־אַקציע. אָבער די יידישע באַפעל־קערונג ווייס גאַנץ גענוי ווער עס האָט געמאַכט די דיווערסיע און פאַר וועמען די דייטשן האָבן קאַפּיטולירט.

און אין אָנהויב מערץ, בעת די דייטשן רופן ווידער דעם בער־שטער־שאַפ אַרויסצופאָרן, איז פון דריי און אַ האַלב טויזנט מענטשן, מעלדעט זיך שוין קיין איינער נישט. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פירט דורך אָן שום קאָמפּראָמיסן אַלע אירע פּלענער. דער טראַנס־פּאָרט בערשטער־מאַשינען, וואָס שטייט אָנגעלאָדן אין וואַגאָנעס אויפן „אומשלאַגפּלאַץ" ווערט פאַרברענט אין וועג מיט דער הילף פון ספּעציעל צוגעגרייטע צו דעם צוועק צינד־פלעשער מיט שפּעטערדיקע אָנצינדערס.

די דייטשן פילן זיך אין געטאָ וואָס אַ מאָל ערגער. זיי פילן וואָס אַ מאָל בולטער די פיינטלעכע איינשטעלונג נישט בלויז פון די קאַמפּס־גרופן, נאָר פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, וואָס פירט איצט אויס אָן שום וואַקלענישן די באַפעלן פון דער קאָמענדאַטור פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַנטוויקלט איצט איר טעטיקייט אין דער גאַנצער ברייט. די בעקער און סוחרים שטעלן צו דעם קאָנטינגענט שפּייז. אויף די רייכע איינוואוינער ווערן אַרויפגעלייגט ספּעציעלע שטייערן, וואָס זענען באַשטימט אויף איינצוקויפן געווער. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע לייגט אַרויף אַ קאָנטריבוציע אויף

די קהילה־אנשטאַלטן. די דיסציפּלין איז אַזאַ, אַז יעדערער מוז געבן, ווער עס גיט נישט גוטוויליק — גיט אונטער צוואַנג. דער יידן־ראַט צאָלט 250 טויזנט זלאָטעס, די פאַרזאָרגונגס־אָפּטיילונג 710 טויזנט זלאָטעס. די געלט־איינקונפטן אין משך פון דריי חדשים מאַכן אויס קרוב צען מיליאָן זלאָטעס. זיי ווערן איבערגעשיקט אויף דער „אַרישער זייט", וואו אונדזערע פאָרשטייער אָרגאַניזירן דעם איינקויף פון געווער און אויפרייס־מאַטעריאַלן.

געווער קומט אַריין אין געטאָ ווי יעדער אַנדער שמוגל. די אונטערגעקויפטע פּוילישע פּאָליציאַנטן פאַרמאַכן די אויגן אויף די שווערע פּעקלעך, וואָס ווערן אַריבערגעוואָרפן איבער די מויערן און וואָס ווערן פון יענער זייט מאָמענטאַל צוגענומען דורך די פאַרבינדער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די יידישע פּאָליציי, וואָס שטייט אויף דער וואַך האָט נישט קיין שום דעה. אונדזערע ווערטפולסטע פאַר־בינדונג־מענטשן מיט דער „אַרישער זייט" זענען געווען — זיגמונט פרידריך (די אָרגאַניזאַציע פון ערשטן טראַנספּאָרט געווער), מיכאל קלעפּפיש, צעלעמענסקי, פייגעלע פּעלטעל (וולאַדקע) און אַ סך אַנ־דערע. מיכאל קלעפּפיש האָט אין פאַרשטענדיקונג מיט פּ. ס. און וו. ר. נ. אָרגאַניזירט אין אַ גרויסן פאַרנעם דעם איינקויף פון אויפ־רייס־ און ברען־ מאַטעריאַלן (ווי למשל צוויי טויזנט ליטער בענזין) און דערנאָך, נאָכן איבערטראַנספּאָרטירן עס אין געטאָ, האָט ער איינ־געשטעלט אַ פאַבריקל פון גראַנאַטן און צינד־פלעשער. הגם די פּראָדוקציע איז אַ פּרימיטיווע און אַ פּשוטע, גיט זי פונדעסטוועגן אַרויס אַ גרויסן סכום געווער און פאַרשטאַרקט באַדייטנדיק די פייער־קראַפט פון אונדזערע אָפּטיילונגען. אויף יעדערן פון די קעמפער פאַלט אויס דורכשניטלעך צו איין רעוואָלווער (10—15 קוילן), 4־5 גראַנאַטן, 4—5 צינד־פלעשער. אויף יעדן שטח צו 2—3 ביקסן. אין דער גאַנצער געטאָ איז דאָ איין אויטאָמאַטישער פּיסטאָלעט.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פירט איצט דורך אַן אַקציע, וואָס האָט דעם ציל אָפּצורייניקן די יידישע געזעלשאַפט פון די פיינט־לעכע עלעמענטן און פון די קאָמפּראָמיטירנדיקע פּאַרקויפטע נשמות. עס ווערן אויסגעפירט טויט־אורטיילן, וועלכע די קאָמענדאַטור האָט אַרויסגעגעבן כמעט אויף אַלע יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן. די יעניקע, וועמען די גערעכטיקייט פון אונדזערע הענט האָט נישט דערגרייכט, זענען בגנבה אַריבערגעלאָפן אויף דער „אַרישער זייט". אין געטאָ האָט קיין איינער פון זיי נישט געוואַגט צו קומען. בעת עס באַווייזן

זיך אַ מאָל צופעליק אויף אַ האַלבע שעה פיר געסטאַפּאָ־אַגענטן אין געטאָ — ווערן דריי דערהרגעט און איינער שווער פאַרוואונדעט. עס קומט אויך אום דער באַוואוסטער געסטאַפּאָ־אַגענט אַלפרעד נאָסיג. מען געפינט ביי אים אַ לעגיטימאַציע פון דער געסטאַפּאָ פון יאָר 1933.

אין די ערשטע טעג פון אַפּריל קומט פאָר אַ זיצונג פון דער קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וואו מיר באַשליסן אויסצוברייטערן אונדזער טעטיקייט אויף דער גאַנצער גענעראַלער גובערניע. עס ווערט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע. דער צ. ק. פון בונד טיילט אויס אַ קאָמיטעט אויף דער „אַרישער זייט": ד"ר ל. פיינער, בערנאַרד, ס. פישגרונד, צעלעמענסקי, סאמסאָנאָוויטש.

די דייטשן קומען אָפּנים צום באַשלוס, אַז פרייוויליק וועלן די יידן פון וואַרשעווער געטאָ נישט אַרויספאָרן. מען הייבט ווידער אָן כאַפּן אין די גאַסן. די דייטשע „ווערקשוץ" זעצן אַריין אין וואַך־שטוב עטלעכע צענדליק יידן, וואָס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן פאַר קליינע חטאים. אויף מאָרגן דאַרפן זיי טראַנספּאָרטירט ווערן קיין פּאָניאַטאָוו אין לאַגער. די קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט אָבער וועגן דער זאַך אַן אַנדער מיינונג. 5:30 פאַרנאַכט קריגט זיך אַריין אַ באַוואָפנטע גרופּע פון דער ק. אָ. אין וואַך־שטוב, טעראָריזירט די פּאָליציאַנטן, וואָס געפינען זיך דאָרט און באַפרייט אַלע פאַרהאַלטענע. דאָס פאַרלויפט זיך ממש אונטער דער טיר פון דער דייטשער וואַך, וועלכע האָט מורא צו אינטערווענירן. ווייבאַלד אַזוי, פּרובירן די דייטשן דורכפירן זייער פּלאַן אויף אַן אַנדער אופן. די, וואָס זיי פאַרהאַלטן, לאַדעווען זיי תיכף אָן אין אויטאָס און פירן זיי גלייך אויפן אומשלאַג. אָבער די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע פאַרלויפט זיי דעם וועג. אויף די שטחים צווישן די באַזונדערע בלאָקן (אין דער אַזוי גערופענער צווישן־געטאָ) ווערן אויסגעשטעלט קאַמפס־גרופּן, וואָס שלאָגן אָפּ די פאַרהאַלטענע.

אינעם פּעריאָד דירעקט פאַר דער לעצטער אויסראָטונגס־אַקציע, האָט דער בונד פאַרמאָגט פיר איינקוואַרטירטע קאַמפס־גרופּן: 1. אויפן שטח פון די בערשטער אונטער דער אָנפירונג פון יורעק בלאָנעס, 2. אויפן שטח פון שולצעס פאַבריקן אונטער דער אָנפירונג פון וו. ראָזאָווסקי, 3. אויפן שטח פון דער צענטראַלער געטאָ — צוויי גרופּן אונטער דער אָנפירונג פון ל. גרוזאַלץ און דוד האָכבערג.

די דייטשן באַשליסן פאַר יעדן פּרייז צו ליקווידירן די וואַרשעווער געטאָ. דעם 19טן אַפּריל, 1943, 2 אַזייגער ביינאַכט קומען אָן די ערשטע רעפּאָרטן פון אונדזערע אַרויסגערוקטע וואַכן, אַז די דייטשע זשאַנדאַרמעריע און די פּוילישע בלויע פּאָליציי שטעלן אַרום אין אָפּשטאַנדן פון פינף און צוואַנציק מעטער, די אויסערלעכע מויערן פון געטאָ. עס ווערן תיכף אַלאַרמירט אַלע קאַמפּס־גרופּן און 2.15, דאָס הייסט אין פּופצן מינוט אַרום פאַרנעמען זיי זייערע קאַמפּס־פּאָסטנס. די אַלאַרמירטע דורך אונדז ציווילע באַפעלקערונג גייט תיכף אַוועק אין די פאַראויס צוגעגרייטע שוץ־ערטער און באַהעלטענישן אין די קעלערן און אויף די בוידימער. די געטאָ איז אויסגעשטאָרבן. עס איז אין ערגעץ קיין לעבעדיקער נפש נישטאָ. וואַך איז בלויז די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

4 אַזייגער פאַרטאָג, הייבן אָן די דייטשן אין קליינע גרופּן, צו דריי, פיר, פינף (כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער ק. אָ. און פון דער באַפעלקערונג) אַריינדרינגען אויף די שטחים פון דער צווישן־געטאָ. דאָרט ערשט פאַרמירן זיי זיך, שטעלן זיך אויס אין פּלוטאָנען און קאָמפּאַניעס. 7 אַזייגער אינדערפרי קומען אַריין אין געטאָ די מאָטאָריזירטע אַרמיי־טיילן, טאַנקען און געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן. הינטער די דרויסנדיקע ווענט שטעלן די דייטשן איין אַרטילעריע. די ס. ס.־לייט זענען שוין איצט גרייט צום אָנגריף. אין געשלאָסענע רייען, מיט פעסטע שטאָלצע טריט, מאַרשירן זיי אַריין אין די אַזוי ווי אויסגעשטאָרבענע גאַסן פון דער צענטראַלער געטאָ. פון אויבן אויף זעט עס אויס ווי זייער טריאומף וואָלט געווען אַ פולשטענדיקער, ווי דאָס הייפל דרייסטע וואָלטן זיך דערשראָקן פאַר דער גלענצנד באַוואָפנטער און באַזאָרגטער מיט אַלץ, מאָדערנער אַרמיי. פונקט ווי די נישט דערוואַקסענע יינגלעך וואָלטן פּלוצלונג פאַרשטאַנען, אַז עס האָט נישט קיין זין צו פאַרמעסטן זיך מיט אַ גראַב־אייזן אויף דער זון; אַז אויף זייער יעדן פּיסטאָלעט פאַלט אויס מער דייטשע קוילנוואַרפער וויפל זיי פאַרמאָגן צו אים קוילן.

אָבער ניין. מיר האָבן זיך נישט דערשראָקן און עס האָט אונדז אויך נישט געטראָפן אומגעריכט. מיר האָבן בלויז געוואַרט אויפן פּאַסיקן מאָמענט. ער איז גיך געקומען. בעת די דייטשן האָבן זיך אויסגעגלייכט אויפן וועג, וואו עס קרייצן זיך די גאַסן מילע און זאַמענהאָף, האָבן די קאַמפּס־גרופּן, וואָס זענען געווען פאַרבאַריקאַדירט אויף די פיר ווינקלעך פון די גאַסן, געעפנט, ווי מען רופט עס אין דער מילי־

טערישער טערמינאָלאָגיע, אַ קאָנצענטרירטן פייער. עס האָבן אויפ־געריסן באָמבעס פון אַן אומבאַקאַנטן מין (דאָס זענען געווען די גראַ־נאַטן פון אונדזער אייגענער פּראָדוקציע), די סעריעס פון אויטאָמאַטישן פּיסטאָלעט האָבן געשניטן די לופט (מען דאַרף שפּאָרן אַמוניציע), ערגעץ ווייטער האָבן געבולן ביקסן. אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן.

די דייטשן פּרובירן אַנטלויפן. אָבער דער וועג איז פאַרמאַכט. די גאַס איז פול מיט דייטשע מתים. די לעבן געבליבענע זוכן דעקונג אין די נאָענטסטע קראָמען און טויערן. אָבער די באַהעלטענישן ווייזן זיך אַרויס פאַר נישט קיין גענוגנדיקע. די „העלדישע" ס. ס.־לייט פירן אַריין אין קאַמף די טאַנקען, וואָס אונטער זייער שוץ דאַרפן עס די רעשטלעך פון 2 קאָמפּאַניעס דורכפירן זייער זיגרייכן ריקצוג. אָבער אויך די האָבן נישט קיין צו גרויסן גליק. דער ערשטער טאַנק איז פאַרברענט געוואָרן פון אַן אויפרייס פון אונדזערער אַ צינד־פלאַש. די איבעריקע דערנענטערן זיך נישט צו אונדזערע פּאָזיציעס. דער גורל פון די דייטשן, וואָס זענען פאַרשפּאַרט אין „קעסל" מילע־זאַמענהאָף, איז אַ פון פאַראויס באַשטימטער. קיין איינער איז פון דאַנען נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. געקעמפט האָבן דאָ די קאַמפּס־גרופּן: גרוזאַלצעס פון בונד, מערדעקס פון שומר, האכבערגס פון בונד, בערעקס פון דרור, פּאַוועלס פון פּ. פּ. ר.

אין דער זעלבער צייט קומט פאַר אַ צווייטע שלאַכט אויף די עקן פון נאַלעווקי און גענשע. צוויי קאַמפּס־גרופּן לאָזן דאָ נישט צו די דייטשן צום שטח פון געטאָ. דער קאַמף דויערט העכער זיבן שעה. די דייטשן בויען זיך באַריקאַדן פון מאַטראַצן, וואָס זיי גע־פינען צופעליק. אָבער צוליבן געדיכטן פייער פון די קעמפער מוזן זיי זיך עטלעכע מאָל צוריקציען. די גאַס טרינקט זיך אין דייטשיש בלוט. די דייטשע אַמבולאַנסן האַלטן אין איין פירן זייערע פאַר־וואונדעטע צום זאַמלפּונקט אויפן פּלעצל פאַר דער גמינע. דאָרט ליגן זיי אָנגעלייגטע אויפן טראָטואַר, וואַרטנדיק אויף דער רייע אַריינ־צוקריגן זיך אין שפּיטאָל. אויפן עק גענשיע געפינט זיך אַ דייטשער אָבסערוואַציע־פּונקט פאַר דער אַוויאַציע. מיט דער הילף פון אַן עראָפּלאַן, וואָס דרייט זיך כסדר איבער דער געטאָ, סיגנאַליזירט מען פון דאָרטן, וואו עס געפינען זיך די קעמפער און וואו מען דאַרף באָמבאַרדירן. אָבער נישט מיט דער אַרמיי אויף דער יבשה און נישט דורך דער לופט קען מען די קעמפער נישט בייקומען. דער קאַמף

אויף די עקן פון געגשע און נאַלעווקי ענדיקט זיך מיט אַ פולשטענ־דיקן ריקצוג פון די דייטשן.

גלייכצייטיק קומען פאַר פאַרביסענע שלאַכטן אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ. די דייטשן אַטאַקירן דאָ פון אַלע זייטן. די אַרומגערינגלטע קעמפער פאַרטיידיקן זיך פאַרביסן. מיט איבערמענטשלעכע אָנשטרענ־גונגען שלאָגן זיי אָפּ דעם אָנגריף. עס ווערן דעראָבערט צוויי קוילנ־וואַרפער און אַ סך אַנדערע וואָפן. עס ווערט פאַרברענט אַ דייטשער טאַנק. דאָס איז שוין דער צווייטער אין דעם טאָג.

2 אַזייגער בייטאָג איז שוין אויפן שטח פון געטאָ נישטאָ קיין איין דייטש. דאָס איז דער ערשטער פולשטענדיקער זיג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איבער די דייטשן. דער צווייטער האַלבער טאָג גייט אַריבער „איגגאַנצן רואיק". דאָס הייסט, אַז עס האַלט בלויז אָן די שיסעריי פון דער אַרטילעריע (זי איז איינגע־שטעלט אויפן פּלאַץ קראַשינסקיס) און פון צייט צו צייט קומט פאַר אַ באָמבאַרדירונג פון דער לופט.

אויף מאָרגן איז ביז 2 אַזייגער בייטאָג — שטיל. ערשט איצט הויבן ווידער אָן די דייטשן, אין אַ געשלאָסענער איינהייט, צוקומען צום טויער פון די בערשטער. זיי וויסן נישט, אַז אין זעלבן מאָ־מענט נעמט אַריין אין זיין האַנט דער אָבסערוואַטאָר פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דעם שטעפּסל צום עלעקטרישן קאָנטאַקט. אַ דייט־שישער „ווערקשוץ" גייט צו צום טויער, ער וויל אים עפענען. פונקט אין דער זעלבער רגע ווערט דער שטעפּסל אַריינגעשטעלט. אונטער די פיס פון די ס. ס.־לייט רייסט אויף אַ מינע, וואָס האָט שוין פון לאַנג געוואַרט אויף זיי. הונדערט ס. ס. קומען אום פון אויפרייס — די איבעריקע ציען זיך צוריק באַגלייט מיט דער שי־סעריי פון אונדזערע קעמפער. ערשט אין צוויי שעה אַרום פּרו־בירן די דייטשן ווידער אַ מאָל זייער מזל. איצט שוין אַנדערש. פאַרזיכטיק, איינער הינטערן אַנדערן, אין מיליטערישער אָרדנונג, באַמיען זיי זיך אַריינקריגן אויפן שטח פון די בערשטער. אָבער אויך צום צווייטן מאָל באַקומען זיי אַ געהעריקע אויפנאַמע פון דער קאַמפּס־גרופּע, וואָס וואַרט שוין אויף זיי. פון די דרייסיק דייטשן, וואָס האָבן זיך אַריינגעקראָגן אויפן שטח, קריגן זיך אַרויס אויף צוריק קוים עטלעכע. די איבעריקע ווערן געהרגעט פון די אויפרייסן פון אונדזערע גראַנאַטן און ציגד־פלעשער. און ווידער

ציען זיך צוריק די דייטשן פון דער געטאָ. און ווידער פירן די קעמפער זייער צווייטן פולשטענדיקן זיג.

די דייטשן האַלטן אָבער נישט די זאַך פאַר פאַרשפּילט. זיי באַמיען זיך נאָך פון אַנדערע עטלעכע זייטן אַריינצוקריגן אויפן שטח פון דער געטאָ. אומעטום באַגעגענען זיי אָבער אַ דעצידירטן ווידערשטאַנד. עס קעמפט יעדעס הויז.

אויף איינעם פון די בוידימער ווערן מיר פּלוצלונג אַרומגע־רינגלט. האַרט לעבן אונדז אויפן זעלבן בוידים געפינען זיך די דייטשן. עס קען נישט זיין קיין רייד וועגן אַרויסקריגן זיך אויף די טרעפּ. אין די פינצטערע ווינקלען זעען מיר זיך נישט איינער דעם אַנדערן. מיר זעען נישט, אַז סעוועק דונסקי און יונגהייזער פּויזשען פון אונטן איבער די טרעפּ אויפן בוידים אַרויף. מיר זעען נישט ווי זיי באַפאַלן די דייטשן פון הינטן און וואַרפן אַ גראַנאַט. מיר באַמערקן אַפילו נישט ווי אַזוי דאָס געשעט, ווען מיכאל קלעפּפיש גיט זיך אַ ריס פאָראויס, גלייך אויף אַ שיסנדיקן פון הינטערן קוי־מען, דייטשישן אויטאָמאַט. מיר זעען בלויז, אַז דער וועג איז פריי. בעת מיר געפינען אין עטלעכע שעה אַרום (ווען די דייטשן זענען שוין אַרויסגעשפּאַרט) זיין קערפּער, איז ער דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ מיט צוויי סעריעס פון אויטאָמאַט.

דעם בערשטער־שטח איז נישט מעגלעך צו דעראָבערן.

עס קומט איצט פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך ביז איצט קיינמאָל נישט געשען. דריי דייטשישע אָפיצירן דערנעטערן זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויטאָמאַטישע ביקסן און מיט ווייסע שלייפן אין די לאַצן. זיי זענען פּאַרלאַמענטיאַרן. זיי ווילן פירן אונטערהאַנדלונ־גען מיט דער קאָמענדאַנטור פון שטח. זיי שלאָגן פאָר אַ וואָפן־שטילשטאַנד אויף 15 מינוט צייט, כדי אַרויסצונעמען די פאַרוואונ־דעטע און געהרגעטע. זיי זענען גרייט צוצוזאָגן אַלע איינוואוינער, אַז זיי וועלן קענען רואיק אַרויספאָרן אין די לאַגערן פון פּאָניאַטאָוו און טראַווניק צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן.

די תשובה דערויף איז אַ שיסעריי. יעדעס הויז איז אַ פיינט־לעכע פעסטונג. פון יעדן שטאָק, פון יעדן פענצטער שיטן זיך קוילן אויף די פאַרהאַסטע דייטשישע העלמען, אין די פאַרהאַסטע דייטשי־שע ברוסטן.

אויפן פערטן שטאָק אין אַ קליין פענצטערל שטייט דער אַלטער זעלנער דיאַמענט. ער האָט אַ לאַנגע ביקס, וואָס געדענקט נאָך די

רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. דיאַמענט איז אַ פלעגמאַטיק. ער באַוועגט זיך לאַנגזאַם. די ייִנגלעך אַרום האָבן קיין געדולד נישט. זיי יאָגן אים. אָבער דיאַמענטן אַרט עס נישט. ער שטעלט אָן אויפֿן בויך און טרעפט אין ברוסט. יעדער שאָס — דאָס איז אַ דייטש.

אויפֿן צווייטן שטאָק שטייט אין פענצטער דבורה. זי שיסט פֿאַרביסן. די דייטשן האָבן איר באַמערקט. „זע, האַנס, אַ פרוי שיסט". זיי באַמיען זיך איר צו דערשיסן. אָבער די קוילן מיידן זי עפּעס אויס. זיי אָבער דערגייט זי אַפּנים גוט די יאָרן. ווייל זיי ציִען זיך צוריק מאָדנע גיך.

אויפֿן ערשטן שטאָק, אויפֿן בריקל פון די טרעפּ, איז די פּאָזיציע נומער 1. עס שטייען דאָרט שלאָמעק שוסטער מיט קאַזיקן. זיי וואַרפֿן איין גראַנאַט נאָכן אַנדערן. אין אַ ווײַלע אַרום פעלן אויס גראַנאַטן און אונטן לויפן נאָך אַרום צוויי צעטומלטע דייטשן. שלאָמעק כאַפּט אַ צינד־פלאַש און טרעפט אַזוי פּינקטלעך אין דייטשישן העלם אַריין, אַז דער דייטש ווערט מאָמענטאַל אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען און קומט אום אין ווילדע יסורים.

די האַלטונג פון די קעמפער איז אַזאַ דעצידירטע, אַז די דייטשן זענען סוף כל סוף געצוואונגען צו רעזיגנירן פון פּלאַן צו באַהערשן זיי מיט געווער. זיי געפינען אַן אַנדער מיטל, אַ מיטל, וואָס קען שוין דוכט זיך זיכער נישט פאַרפירן. זיי צינדן אונטער פון דרויסן דעם בערשטער־שטח פון אַלע פיר זייטן. עס דויערט נישט קיין מינוט און די פלאַמען כאַפּן אַרום דעם גאַנצן בלאָק. דער שוואַרצער רויך שטיקט אין די העלדזער, שניידט די אויגן. די קעמפער האָבן אָבער נישט בדעה אומצוקומען לעבעדיקערהייט אין די פלאַמען. מיר שטעלן אַלץ אויף איין קאָרט און באַשליסן, אַז וואָס דאָס זאָל אונדז נישט קאָסטן, מוזן מיר זיך אַריינקריגן אין דער צענטראַלער געטאָ.

מיר לאָזן זיך גיין. אין וועג כאַפּן זיך אָן פלאַמען אָן די קליידער און זיי הויבן אָן טליען. דער אַספאַלט צעגייט אונטער די פיס און עס ווערט פון אים אַ שוואַרצע קלעפּיקע מאַסע. דאָס גלאָז וואָס איז צעשאָטן אומעטום ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ציִענדיקן צעגאָסענעם שמירעכץ צו וועלכן עס קלעפּן זיך די פיס. פון דער היץ פון אָנגעברענטן ברוק צינדן זיך אָן די זוילן פון די שיך. איינער נאָכן אַנדערן בלאָנקען מיר זיך דורך די פלאַמען. פון הויז צו הויז, פון הויף צו הויף. עס איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. אין די קעפּ האַקט ווי מיט הונדערט האַמערס. ברענענדיקע בעלקעס פאַלן אין די קעפּ.

ענדלעך קריגן מיר זיך אַרויס פונעם געביט וואָס איז אַרומגעכאַפּט פון פייער. וואָס פאַרא גליק דאָס איז צו שטיין אויף אַן אָרט, וואו עס ברענט נישט!

איצט בלייבט איבער גובר צו זיין דאָס שווערסטע. אין דער צענטראַלער געטאָ קען מען זיך אַריינבאַקומען בלויז דורך אַ קליינעם דורכברוך אין מויער, וואָס איז פון דריי זייטן אַרומגעשטעלט מיט זשאַנדאַרמען, אוקראַאינער און בלויער פּאָליציי. דעם צוויי־מעטערדיקן דורכגאַנג היטן צוועלף וועכטער. און דורך דאָרטן דאַרפן זיך עס דורכקריגן פינף קאַמפּס־גרופּן. איינע נאָך די אַנדערע, אין שיך אַרומגעבונדענע מיט שמאַטעס, כדי שטילער צו מאַכן די טריט, אונ־טער אַ געדיכטער שיסעריי, אין דער העכסטער שפּאַנונג, רייסן זיך דורך די גרופּן פון גוטמאַנען, בערלינסקין און גרינבוימען. דורכ־געגאַנגען. פון הינטן ווערן זיי געדעקט דורך דער גרופּע פון יורעק בלאָנעס. אין מאָמענט ווען די ערשטע פון דער דאָזיקער גרופּע זיינען אַרויס אויף דער גאַס, באַלייכטן די דייטשן דעם אָרט. עס דוכט זיך, אַז מער וועט קיינער נישט דורכגיין. אָבער מיט איין שאָס פאַרלעשט ראַמאַנאָוויטש דעם רעפלעקטאָר און איידער די דייטשן באַ־וויזן זיך צו אָריענטירן זענען מיר אַלע אויף יענער זייט.

דאָ פאַראייניקן מיר זיך מיט די אָרטיקע קאַמפּס־גרופּן און אַר־בעטן ווידער. אויך אויף דעם שטח איז זיך כמעט אוממעגלעך צו באַוועגן. מוראדיקע שרפות שניידן אָפּטמאָל אָפּ גאַנצע גאַסן. אַ ים פון פלאַמען פאַרפלייצט די הייזער, די הויפן. עס קנאַקן ברענענ־דיק די הילצערנע געוועלבן, עס שיטן זיך די מויערן. קיין לופט איז נישטאָ. עס איז בלויז דאָ אַ שוואַרצער בייסיקער רויך און אַ שווערע בריענדיקע היץ. די היץ זעצט פון די אָנגעברענטע מויערן, פון די אָנגעגליטע ביז רויט, נישט ברענענדיקע טרעפּ.

דאָס, וואָס עס האָבן נישט געקאָנט טאָן די דייטשן, טוט איצט דער אַלמעכטיקער פייער. טויזנטער מענטשן קומען אום אין די פלאַמען. דער ריח פון ברענענדיקע קערפּערס שטיקט דעם אָטעם. אויף די באַלקאָנען פון די הייזער, אין די נישעס פון די פענצטער, אויף די נישט פאַרברענטע שטיינערנע טרעפּ ליגן פאַרקוילטע מתים. דאָס פייער טרייבט אַרויס די מענטשן פון די שוץ־פּונקטן, צווינגט זיי צו אַנטלויפן פון די פון לאַנג צוגעגרייטע זיכערע באַהעלטענישן אין די בוידימער און קעלערן. טויזנטער בלאָנקען זיך אַרום איבער די הויפן, אויסשטעלנדיק זיך יעדע רגע אויף דער געפאַר געכאַפּט צו

ווערן, אויף דער געפּאַר פון אַרעסט, אָדער גאָר פון דירעקטן טויט פון דייטשישע הענט. טויט־מידע ווערן זיי אַנטשלאָפן אין די טויערן, שטייענדיק, ליגנדיק, זיצנדיק און אַזוי טרעפט זיי אין שלאָף די גוט געצילטע דייטשישע קויל. קיינער באַמערקט אַפילו נישט, אַז דער אַלטער מאַן וואָס שלאָפט אין טויער אויף דער ערד וועט זיך שוין קיינמאָל נישט קענען אויפכאַפּן, אַז די מוטער, וואָס זויגט דאָס קינד איז שוין דריי טעג אַ קאַלטער מת און אַז דאָס קינד וויינט אומזיסט אין די דאַזיקע טויטע אָרימס און זויגט אומזיסט דעם מת׳ס טויטע ברוסט. הונדערטער מענטשן פאַרענדיקן זייער לעבן, שפּרינגענדיק פון דריטן, אָדער פערטן שטאָק. מוטערס ראַטעווען אויף דעם אופן זייערע קינדער פון פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט . . . די פּוילישע באַפעלקערונג זעט עס אַלץ פון דער שוו. יערסקע גאַס און פון פּלאַץ קראַשינסקיך.

— — — — — — — — — — — — —

נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אַזוי גרינדלעך באַשטראָפט די צענטראַלע געטאָ און דעם בערשטער־שטח, האָט זיך זיי געדוכט, אַז איצט וועלן שוין די איבעריקע שעפער אַרויספאָרן פריייווילליק. זיי גיבן דערפאַר אַ טערמין ווען מען האָט זיך צוצושטעלן אויף די זאַמל־פונקטן. אויב נישט — דראָען זיי מיט די רעפּרעסיעס, וואָס זיי האָבן אָקאָרשט דורכגעפירט. אָבער נישט מיט קיין בקשות און נישט מיט קיין דראָאונגען געלינגט זיי נישט צו צווינגען דערצו די באַ־פעלקערונג.

אומעטום זענען די קעמפער אויף די פּאָסטנס. אויפן שטח פון טעבענס און שולץ באַמיען זיי זיך קודם כל צו שטערן די דייטשן צוצופירן רעגולער זייערע אַרמיי־טיילן צו דער צענטראַלער געטאָ. פון די באַלקאָנען, פון די פענצטער, פון די דעכער באַוואַרפן זיי מיט גראַנאַטן און באַשיסן די אויטאָס מיט די ס. ס.־לייט. איין מאָל גע־לינגט אַפילו צו פאַרניכטן אַן אויטאָמאָביל, וואָס לויפט אויף דער „אַרישער זייט". אין אַ געוויסן טאָג האָבן ראַזאָווסקי און שלמה, מאַכנדיק אַן אינספּעקציע אויפן שטח, באַמערקט ווי עס דערנענטערט זיך די מאַשין. אַ קורצער ישוב הדעת — און באַלד זענען ביידע אויפן באַלקאָן. אין דער זעלבער רגע וואַרפן זיי אַ צוויי־קילאָגראַמיקע פּולווער־באָמבע אין רעכטן מיטן פון אויטאָ. פון די זעכציק ס. ס.־לייט בלייבן לעבעדיקע קוים פינף.

אויפן פינפטן טאָג פון דער אַקציע, בעת עס ענדיקט זיך דער טערמין, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף אַרויסצופאָרן פרייוויליק און די דייטשן הויבן אָן זייער פּאַציפיקאַציע פון די שטחים — טרעפן זיי זיך ווידער אָן אויף אַ דעצידירטן ווידערשטאַנד. צום באַדויערן קענען דאָ נישט אויסגענוצט ווערן די צוגעגרייטע מינעס, ווייל אין דער גאַנצער געטאָ איז שוין נישטאָ קיין עלעקטרישער שטראָם. עס הויבן זיך אָן שווערע ראַנגלעטישן. די קעמפער, פאַרבאַריקאַדירטע אין די הייזער, לאָזן נישט צו די דייטשן צום שטח. אויך דאָ קעמפט יעדעס הויז. ספּעציעל פאַרביסן זענען די קאַמפן אין די הייזער: נאַוואָליפּקי 41, נאַוואָליפּיע 64, נאַוואָליפּיע 67, לעשנאַ 72, לעשנאַ 56.

אויף לעשנאַ 56 ווערט יורעק פלוצלונג געכאַפּט אויפן אויסשפּיר־פונקט. עס רינגלט אים אַ גרופּע פון פיר ס. ס.־לייט. זיי וואַרפן אין אים אַ גראַנאַט. יורעק גיט לייכט אַ כאַפּ דעם גראַנאַט אין דער לופט און אין דער ריכטיקער צייט, נאָך איידער ער צערייסט זיך, גיט ער אים אַ וואַרף אין די ס. ס.. אַלע פיר ווערן דערהרגעט.

שלמה — דער פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט פון שטח, אַ פאַרוואונדעטער אין האַנט, דעקט ער דעם צוריקטריט פון הויף נאַוואָליפּיע 72. פּלוצלונג איז אַלץ פאַרלוירן. עס איז שוין אויף קיין זאַך קיין שום צייט נישטאָ. מען איז אַרומגערינגלט. שלמה כאַפּט אויף גיך אַראָפּ אַ ליילעך פון בעט, ער האַלט אים צו און אָנהאַלטנדיק זיך אָן אים, לאָזן זיך אַלע אַראָפּ אויפן הויף. פאַר אים איז אָבער נישטאָ ווער עס זאָל צוהאַלטן דעם ליילעך. שפּרינגט ער האַסטיק אַראָפּ פון ערשטן שטאָק.

אויך אויף דעם שטח „ראַטעווען" די דייטשן זייער מיליטערישן כבוד, אונטערצינדנדיק אַ הויז נאָך אַ הויז.

צוליב די באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך אַזוי געענדערט, ענדערט אויך די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איר טאַקטיק. זי באַמיט זיך צו פאַרהיטן פון די דייטשן די גרעסערע אָנזאַמלונגען פון די מענטשן, וואָס זענען באַהאַלטן אין די בונקערס. אַזוי געשעט למשל, אַז צוויי אָפּטיילונגען פון דער י. ק. אָ. (האַכבערגס און בערעקס) פירן אַרויס אין מיטן העלן טאָג עטלעכע הונדערט מענטשן פון פאַרשאָטענעם שוץ־קעלער אויף מילע 37 און פירן זיי אַריין אויף מילע 7. די דאָזיקע פּאָזיציע, וואו עס זענען געווען באַהאַלטן עטלעכע טויזנט מענטשן, געלינגט איינצוהאַלטן העכער אַ וואָך צייט. דערווייל ברע־

נען די דייטשן די געטאָ און עס דערנענטערט זיך דער סוף. עס זענען שוין לחלוטין נישטאָ קיין וואוין־ערטער און וואָס עס איז נאָך ערגער — עס איז נישטאָ קיין וואַסער. צוזאַמען מיט דער ציווילער באַפעלקערונג לאָזן זיך אַראָפּ אין די באַהעלטענישן אויך די קעמפער. דאָרט וועלן זיי ווייטער פאַרטיידיקן דאָס, וואָס עס וועט זיך נאָך לאָזן פאַרטיידיקן.

די קאַמפן און די צוזאַמענשטויסן קומען איצט פאָר דער עיקר אין די נעכט. בייטאָג איז די געטאָ אינגאַנצן אַזוי ווי אויסגעשטאָרבן. ערשט דעמאָלט ווען אין די גאַסן ווערט פולשטענדיק פינצטער, באַגעגענען זיך דאָרט די פּאַטרולן פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע מיט די דייטשישע פּאַטרולן. ווער עס באַווייזט אויס־צושיסן דער ערשטער — דער איז דער געוואונענער. אונדזערע פּאַ־טרולן זענען פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער געטאָ. יעדע נאַכט פאַלן אַ סך געהרגעטע פון ביידע צדדים. די דייטשן און די אוקראַי־נער פּאַטרולירן בלויז אין גרעסערע גרופּן. אָפט טשאַטעווען זיי פון באַהעלטענישן.

אין טאָג פון ערשטן מאַי באַשליסט די קאָמענדאַנטור דורכ־צופירן אַ ספּעציעלע אַקציע, אַ „יום־טוב־אַקציע". עטלעכע קאַמפס־גרופּן לאָזן זיך אַרויס אויפן שטח מיט דער אויפגאַבע צו דערשיסן אַ וואָס גרעסערע צאָל דייטשן. אין אָוונט קומט פאָר אַן ערשטער מאַי־אַפּעל. קורצע רעדעס און דער געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל". עס פאַלן געציילטע, שטאַרקע ווערטער: די גאַנצע וועלט פייערט איצט דעם יום־טוב. אויף דער גאַנצער וועלט אין דער זעלבער צייט. אָבער קיינמאָל איז נאָך דער „אינטערנאַציאָנאַל" נישט געזונגען גע־וואָרן אין אַזעלכע אייגנאַרטיקע, טראַגישע באַדינגונגען, אין אַן אָרט, וואו עס איז אומגעקומען און עס קומט אום אַ פאָלק... די דאָזיקע ווערטער און דער געזאַנג שלאָגן זיך אָפּ אָן די פאַרברענטע רואינען, עדות זאָגנדיק דאָס מאָל, אַז אין דער געטאָ קעמפט אַ סאָציאַליסטישע יוגנט, וואָס אַפילו פּנים אל פּנים מיטן טויט פאַרגעסט זי נישט אָן דעם.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די סיטואַציע פון די קעמפער ווערט וואָס אַמאָל אַ שווערערע. עס פעלט זיי שוין נישט בלויז וואַסער און שפּייז, נאָר אויך אַמוניציע. מיר האָבן נישט קיין שום קאָנטאַקט מיט דער „אַרישער זייט". מיר קענען שוין, הייסט עס, נישט אַריינקריגן קיין געווער, וואָס אין דער

צייט פון די קאַמפן האָבן מיר עס שוין באַקומען אויף דער „אַרישער זייט" פון דער „אַרמיא לודאָווא" (20 ביקסן און אַמוניציע).

די דייטשן באַניצן זיך מיט ספּעציעלע אַפּאַראַטן אויף אונטער־צוהערן זיך און מיט פּאָליציי־הינט, כדי אויפצודעקן אַלע באַהעלטע־נישן, וואו עס געפינען זיך יידן. אַזוי האָבן די דייטשן דעם 3־טן מאַי אויפגעדעקט די באַהעלטעניש אויף פראַנציסקאַנער 30, וואו עס האָט זיך געפונען די אָפּעראַציע־באַזע פון אונדזערע קאַמפס־גרופּן, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַהער פון בערשטער־שטח. די קעמפער פירן דאָ דורך, טעכניש גענומען, איינע פון די זעלטענסטע שלאַכטן. זי דויערט צוויי טעג און עס קומען אום אין איר פופציק פּראָצענט פון אונדזערע מענטשן. פון אַן אויפרייס פון אַ גראַנאַט פאַלט בערעק. אין די שווערסטע מאָמענטן בעת אַלץ איז שוין כמעט פאַרלוירן, האַלט אונטער גייסטיק אַבראַשע. אַליין קעמפט ער נישט. אָבער זיין אָב־ווענהייט באַדייט פאַר אונדז מער און גיט אונדז צו מער כוחות, ווי דער באַוואוסטזיין פון האָבן די בעסטע געווער. עס איז שווער צו רעדן וועגן זיג, בעת מען קעמפט צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן און בעת מען פאַרלירט דערביי אַזוי פיל מענטשן. אָבער איין זאַך קענען מיר זאָגן וועגן דער דאָזיקער שלאַכט — מיר האָבן נישט דערלאָזט די דייטשן דורכפירן זייער פּלאַן. זיי האָבן נישט אַרויסגעפירט קיין איינעם קיין לעבעדיקן.

דעם 8טן מאַי ווערט דורך אָפּטיילונגען פון דייטשן און או־קראַינער אַרומגערינגלט די הויפּט־קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. צוויי שעה דויערט אַ פאַרביסענער קאַמף. בעת די דייטשן זעען, אַז אין קאַמף וועלן זיי דעם בונקער נישט נע־מען, וואַרפן זיי אינווייניק אַריין אַ גאַז־באָמבע. ווער עס איז נישט אומגעקומען פון אַ דייטשער קויל, ווער עס איז נישט פאַרסמט געוואָרן פון גאַז, דער באַגייט זעלבסטמאָרד. עס איז קלאָר, אַז קיין אַרויס־גאַנג פון דאַנען איז נישטאָ און קיינעם קומט אַפילו אויפן געדאַנק נישט אַרויף איבערצוגעבן זיך אַ לעבעדיקער אין די הענט פון די דייטשן. יורעק ווילנער רופט אַלע קעמפער צו אַ קאָלעקטיוון זעלבסט־מאָרד. לוטעק ראָטבלאַט האָט דערשאָסן זיין מוטער און זיין שוועסטער און דערנאָך זיך אַליין. רות האָט געשאָסן אין זיך זיבן מאָל.

אויף אָט דעם אופן זענען ווידער אומגעקומען אַכציק פּראָצענט פון די איבערגעבליבענע קעמפער און צווישן זיי דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע מרדכי אנילעוויטש.

די רעשטלעך, וואָס זענען מיט נסים לעבן געבליבן, האָבן זיך ביי־נאַכט פאַראייניקט מיט די פאַרבליבענע רעשטלעך פון די בערשטער־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן זיך ערשט געפונען אויף פראַנצישקאַנער 22.

אין דער זעלבער נאַכט קומען צוויי אונדזערע פאַרבינדער: ס. ראַטייזער „קאַזיק" און פראַנעק פון דער „אַרישער זייט".

מיט צען טעג צוריק האָט די קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעשיקט קאַזיקן און זיגמונד פרידריכן צו אונדזער דעמאָלטדיקן פאָרשטייער אויף דער „אַרישער זייט" צו יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) מיט דער שליחות צו אָרגאַניזירן דעם צוריקטריט דורך די קאַנאַלן.

צום באַדויערן איז שוין איצט געווען צו שפּעט. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט שוין כמעט נישט עקזיסטירט. אָבער אַפילו די רעשטלעך, וואָס זענען געבליבן לעבן איז נישט מעגלעך געווען אַרויסצופירן פון געטאָ אויף אַ מאָל. דער וועג דורך די קאַנאַלן דויערט אַ גאַנצע נאַכט. אין די קאַנאַלן טרעפן מיר כסדר אָן מחיצות, וועלכע די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט, פאַראויסזעענדיק, אַז מיר וועלן זיך וועלן אַרויסקריגן דורך דעם וועג. די עפנונגען זענען פאַרשאָטן מיט זאַמד און צעהאַקטע ציגל. אין די דורכגאַנגען הענגען גראַנאַטן, וועלכע רייסן אויף ווי מען רירט זיך נאָר אָן אָן זיי. פון צייט צו צייט לאָזן די דייטשן אַריין אַהין גיפטיקע גאַזן. און אַט ביי די באַדינגונגען, אין אַ קאַנאַל, וואָס איז די הויך 70 צמ., וואו מען קען זיך נישט אויסגלייכן און וואו דאָס וואַסער גרייכט ביזן מויל, וואַרטן מיר 48 שעה אויף אַרויסצוגיין. אַלע ווײַלע פאַלט עמיצער אין חלשות. מער פון אַלץ מאַטערט דער דורשט. אַנדערע טרינקען דאָס געדיכטע שליימיקע וואַסער פון קאַנאַל. די סעקונדן ציען זיך ווי חדשים.

דעם 10 מאַי, 10 אַזייגער אינדערפרי, פאָרן צו צו דער עפענונג פון קאַנאַל אויף דער פּראָסטע גאַס, עק טוואַרדע, צוויי לאַסט־אויטאָס. אין מיטן העלן טאָג, כמעט אָן שום באַשיצונג (די מענטשן, וואָס האָבן געזאָלט קומען פון א. ק. האָבן פאַרפירט און די גאַס היטן בלויז דריי אונדזערע פאַרבינדלער און איינער אַ ספּעציעל דעלעגיר־טער צו דער דאָזיקער אַרבעט, דער פאָרשטייער פון א. ל. דער חבר קרשאַטשעק) — עפנט זיך די קלאַפּע פון קאַנאַל, און איינער נאָכן אַנ־דערן, אין די אויגן פון פאַרחידושטן המון, גייען אַרויס פון דער

שוואַרצער לאָך יידן מיט געווער אין האַנט (צו יענער צייט איז דער בלויזער אויסזען פון אַ יידן שוין געווען אַ סענסאַציע). נישט אַלע באַווייזן זיך אַרויסצוקריגן. מיט אַ מאָל פאַרהאַקט זיך שווער די קלאַפּע פון דער עפענונג. האַסטיק פאָרן אַוועק די אויטאָס.

אין געטאָ זענען פאַרבליבן צוויי קאַמפס־גרופּן. ביזן העלפט יוני האַלטן מיר אָן מיט זיי אַ קאָנטאַקט. דערנאָך ווערט פאַר־שוואונדן פון זיי יעדער שפּור.

די, וואָס זענען אַריבער אויף דער „אַרישער זייט", פירן וייטער דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין די פּוילישע וועלדער. די מערהייט קומט אום. אַ קליין הייפל פון די לעבנגעבליבענע נעמט אָן אַקטיוון אנטייל, ווי אַ גרופּע פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, אין וואַרשעווער אויפשטאַנד אין יאָר 1944. ביז היינט זענען פון אונדזע־רע חברים געבליבן לעבן: מירקע בעלכאַטאָווסקי, וו. שפּיגעל, חנה קרישטאַל, מאַשע גלייטמאַן און מאַרעק עדעלמאַן.

***

אינעם פּעריאָד ערב דער לעצטער אויסראָטונגס־אַקציע, איז די טעטיקייט פון „בונד" ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דער יידי־שער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. עס איז נאָך קיינמאָל דוכט זיך נישט געווען אַזאַ האַרמאָנישע און קאָאָרדינירטע באַציאונג צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע פּאַרטייען און פּאָליטישע גרופּירונגען ווי אין דעם פּעריאָד. מיר זענען אַלע געווען קעמפער פאַר איין גערעכטער זאַך — גליי־כע לגבי דער געשיכטע און לגבי דעם טויט. יעדער פאַרגאָסענער טראָפּן בלוט האָט געהאַט דעם זעלבן ווערט.

איך וויל דאָ אָבער פונדעסטוועגן דערמאָנען עטלעכע פון אונדזע־רע חברים, הגם אַזעלכע ווי זיי זענען געווען אַ סך. איך וויל עס טאָן דערפאַר, ווייל מיט זיי האָב איך זיך טאָג־טעגלעך געטראָפן אין דער אַרבעט.

אבראשע בלום... אין אונדזער פּאַרטיי דער גייסטיקער פאָטער פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אַ מענטש, פיזיש זייער אַ שוואַכער, אָבער מיט אַ גרויסן אינערלעכן פייער און מיט אַ גרויסן שטאַרקן גייסט. תמיד דעצידירט ער וועגן אונדזערע וויכטיקסטע אַרויסטרעטונגען און תמיד איז ער אויף דער זייט פון די יונגע. ער לאָזט נישט האַמעווען דעם ענטוזיאַזם, דעם ברען צו דער אַרבעט. אין די שווערסטע מאָ־מענטן אַ רואיקער און באַהערשטער, טראַכט ער תמיד און זאָרגט וועגן אַלעמען. אַליין האָט ער אויף זיך גענומען די דאָזיקע פליכט, ווי

ער האָט תמיד גענומען אויף זיך די שווערסטע פליכטן. אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן איז געווען פּשוט און קלאָר. חברים, וואָס ווילן אים ראַטעווען פּרובירן זיך עטלעכע מאָל אַרויסקריגן אים פון דער געטאָ אויף דער „אַרישער זייט". ער גייט נישט אײַן דערויף. ער וויל בלייבן מיט דער געטאָ ביזן סוף. ער וויל אויסהאַלטן אויפן פּאָסטן, הגם צום קאַמף טויג ער דאָך נישט. ער האָט נישט קיין געווער אין האַנט. ער איז אָבער אַ קעמפער אין זײַן גייסט. דעם 3־טן מאַי בעת עס קומען פאַר די קאַמפן פאַר דער אָפּעראַציע־באַזע פון די בערשטער און עס פאַלט דער באַפעל: „אַלע צום אָנגריף" — פרעגט אַבראַשע דעם קאָמענדאַנט: „איך אויך?", אין דער צערודערטקייט, נישט האָבנדיק קיין שום צייט זיך צו פאַרטראַכטן, ענטפערט יענער: „יאָ" און אַבראַשע אָן אומבאַוואָפנטער גייט צום אָנגריף צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע.

יורעק בלאָנעס. דער פירער פון דער קאַמפס־גרופּע אויפן שטח פון די בערשטער. אַ יונגער ענטוזיאַסט. צוויי מאָל אין משך פון די שווערסטע קאַמפן בעת עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, בעת ביי אַלעמען האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזט די הענט, איז ער אַליין געבליבן אויף זײַן פּאָסטן, האָט אויסגעהאַלטן דעם דײַטשן אָנ־גריף, ראַטעווענדיק די לעבנס נישט בלויז פון די קעמפער, נאָר פון הונדערטער ציווילע מענטשן. אויף מאָרגן האָט ער אַפילו נישט גע־דענקט וועגן דעם.

פערלמאַן מלך. דער קאָמאַנדיר פון די אָנגריף־פּאַטרולן אין דער צענטראַלער געטאָ. ער פירט עטלעכע מאָל דורך אָנגריפן האַרט אונ־טערן מויער. דעם לעצטן מאָל ווערט ער געטראָפן פון דריי קוילן. אַ שווערע וואונד אין בויך מאַכט כמעט אוממעגלעך פאַר אים דאָס גיין. ער גיט אָבער נישט אָפּ די אָנפירערשאַפט. אין משך פון גאַנצן וועג דעקט ער דעם צוריקטריט פון פּאַטרול. בעת זיי קומען צו צו דער אָפּעראַציע־באַזע — קען ער זיך אַהין נישט אַרײַנקריגן, ווײַל דאָס אָרט איז פאַר אים צו שמאָל. ער מוז בלייבן אינדרויסן. די קאַמפס־חברים לייגן אים אַוועק אין איינעם פון די פאַרלאָזטע צי־מערן און לאָזן איבער לעבן אים אַ וואַך. 11 אַזייגער אינדערפרי, בעת עס קומען צו אַהין די דײַטשן, שיקט ער אַוועק דעם חבר אין שוץ־קעלער, גיט אים איבער זײַן געווער, כדי עס זאָל ווײַטער קענען דינען אַנדערע און אַליין בלייבט ער אין דער הויך און קומט אום. לאַנג האָבן זיך זײַנע געשרייען געטראָגן דורך די פלאַמען.

דוד האַכבערג. דער קאָמאַנדיר פון דער קאַמפּס־גרופּע אין דער צענטראַלער געטאָ. נאָך כמעט אַ קינד. זיין מוטער, וואָס האָט אים אַזוי ליב געהאַט, האָט אים נישט דערלויבט אַריינצוטרעטן אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. זי האָט אים אַזוי געוואָלט פאַר־היטן. בעת די דייטשן דערנענטערן זיך צום שוץ־פּונקט, וואו עס געפינען זיך פינף קאַמפּס־גרופּן און עטלעכע הונדערט ציווילע מענטשן און זייער טויט איז דוכט זיך אומפאַרמיידלעך — גיט דוד אַוועק דאָס געווער און מיט זיין קערפּער פאַרשטעלט ער דעם שמאָלן דורכגאַנג. און אין אַט דער פּאָזיציע דערמאָרדן אים די דייטשן. און עס איז נישט לייכט פון דעם שמאָלן שפּאַלט אַרויסצושלעפּן זיין קער־פּער. ביז דאָס איז געשען, האָבן אַלע ציווילע מענטשן צוזאַמען מיט די קעמפער באַוויזן צו פאַרלאָזן דעם שוץ־פּונקט.

טאָבטשע דאַווידאָוויטש. אַ פאַרבינדערין אין דער צייט פון דער אַקציע צווישן שטח פון שולץ און פון טעבענס. אַ פּאָר צענדליק מאָל מאַכט זי דורך דעם דאָזיקן שרעקלעכן וועג. בעת זי האָט דעם לעצטן מאָל געפירט איר גרופּע צום אַריינגאַנג פון קאַנאַל, האָט זי זיך אויס־געלונקען אַ פוס. און עס איז איר שווער געווען אַליין צו גיין. די חברים האַלטן זי אונטער. בעת זי דאַרף די לעצטע אַריינגיין אין דער עפענונג פון קאַנאַל, מעלדעט זי: „איך וועל נישט גיין. איך וועל אייך נישט שווערער מאַכן דעם אַזוי אויך גענוג שווערן וועג.“ און זי איז אַליין פאַרבליבן אין געטאָ.

***

דעם 10־טן מאַי יאָר 1943 ענדיקט זיך דער ערשטער צייט־אָפּשניט פון דער בלוטיקער געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן, דער ערשטער צייט־אָפּשניט פון אונדזער בלוטיקער געשיכטע. דאָס אָרט, וואו עס איז אַמאָל געווען די געטאָ ווערט אַ גלייכער באַרג פון חורבות, וואָס גרייכט ביז צוויי שטאָק די הויך.

די, וואָס זענען געפאַלן, האָבן דערפילט זייער פליכט ביזן סוף, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, וואָס איז איינגעזאַפּט געוואָרן אין ברוק פון וואַרשעווער געטאָ.

מיר, די, וואָס זענען לעבן געבליבן גיבן איבער אייך אָט דאָס, כדי זייער אָנדענק זאָל קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

די געשיכטע פון לאָדזשער געטאָ

פון יעקב נירנבערג

פרייטיק דעם 1טן סעפּטעמבער באַפאַלן די דייטשן פּוילן.

דינסטיק דעם 5טן בייטאָג באַוויזן זיך אין לאָדזש די ערשטע גרופּעס פּוילישע סאָלדאַטן פון פראָנט. די דייטשן איז געלונגען אין משך פון 2 טעג אַדורכצוברעכן דעם פראָנט. אין די אָוונט שעהן באַוויזן זיך אין שטאָט פויערים פון די דערפער. די באַפעלקערונג וואָס וואוינט נאָענט פון גרענעץ הייבט אָן אַנטלויפן פאַר די דייטשן. טויזנטער מענטשן מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס לאָזן זיך אַוועק טיפער אין לאַנד צוזאַמען מיטן אָפּטרעטנדיקן מיליטער. דורך דער שטאָט מאַרשירן אַדורך פויערים מיט קי, פערד און וועגענער אָנגעפּאַקט מיט זאַכן.

דעם זעלבן טאָג ביינאַכט פאַרלאָזט אויך דאָס מיליטער די שטאָט. נאָך אים אַנטלויפט די גאַנצע מענלעכע באַפעלקערונג, וואָס איז פעאיק צו טראָגן געווער.

12 ביינאַכט הייבט זיך אָן אין דער שטאָט אַ גרויסע באַוועגונג. אַ פּאַניק נעמט אַרום אַלע איינוואוינער, אויסער די פאָלקס־דייטשן וואָס וואַרטן שוין מיט אומגעדולד אויפן אַריינמאַרש פון דייטשן מיליטער. אין די לעצטע חדשים פאַרן קריגס־אויסברוך זיינען טויזנטער דייטשן אַנטלאָפן פון לאָדזש קיין דייטשלאַנד דורך דער גרינער גרענעץ ביי אַ שטילער טאָלעראַנץ פון דער סאַנאַציע־רעגירונג.

די 5טע קאָלומנע ווייסט גענוי דעם טאָג און די שעה ווען די נאַציס דאַרפן קומען.

מיטוואָך אַ גאַנצן טאָג ציען זיך דורך דער שטאָט צו די וועגן נאָך וואַרשע, צעקלאַפּטע אָפּטיילונגען מיליטער, צעשלאָגענע פּוילישע דיוויזיעס, אָן שום אָנפירונג.

אַ באַדייטנדיקע צאָל פּוילישע אָפיצירן פון דייטשער אָפּשטאַמונג נוצן אויס דעם כאַאָס און פּאַניק, און לויפן אַריבער צו די דייטשן.

די גרעסטע שרעק נעמט אַרום די יידישע באַפעלקערונג. מען ווייסט מיט וואָס עס דראָט דער אַריינמאַרש פון די נאַציס. כמעט די גאַנצע יידישע יוגנט פאַרלאָזט די שטאָט און אַנטלויפט נאָך וואַרשע. אין וואַרשע אַליין האָט זיך אָנגעזאַמלט ביז איבער 100 טויזנט יידן פון לאָדזש.

די דייטשן קומען אַריין אין שטאָט פרייטיק דעם 8טן סעפּטעמבער. זיי ווערען אויפגענומען פון דער פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג מיט מורא און שרעק. די דייטשן דאַקעגן באַוואַרפן דאָס מיליטער מיט בלומען און נעמען אויף די נאַציס מיט גרויס פרייד.

באַלד צומאָרגנס נאָכן אַריינמאַרש פון דייטשן מיליטער הייבט זיך אָן דאָס גיהנום פאַר די געבליבענע יידן.

דאָס מיליטער צוזאַמען מיט די ציווילע דייטשן לאָזן זיך איבער יידישע הייזער, ראַבירן און פאַרכאַפּן וואָס עס לאָזט זיך. די יידישע באַפעלקערונג ווערט אויף אַ שרעקלעכן אופן טעראָריזירט. באַלד באַווייזן זיך אוניפאָרמירטע דייטשן איבער די לאָדזשער גאַסן און כאַפּן יידן ווי די הינט, שלאָגן און פייניקן זיי אויפן גרויזאַמסטן אופן. גאַנצע גרופּן ווערן אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט צו שווערע אַר־בעט, באַגלייט מיט קלעפּ פון סאָלדאַטן און ציוויליסטן.

דאָס באַווייזן זיך פון אַ יידן אין די גאַסן איז פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר. די פאָלקס־דייטשן, וואָס זיינען באַפריינדעט מיט יידן, עצהנען די יידן באַצייטנס צו אַנטלויפן פון לאָדזש. זיי זאָגן פאָראויס אַז לאָדזש וועט ווערן יידן־ריין, און די יידן דערוואַרט דאָ שלעכטס. טייל מאַכן דאָס מיט דער אויסרעכענונג אַרויסצובאַקומען פון די יידן די זאַכן פאַר גראָשנס: „וויל סיי ווי סיי וועלן מיר אייך דאָס צונעמען".

דער טעראָר וואַקסט פון טאָג צו טאָג. די גזירות שיטן זיך איינע נאָך דער אַנדערער. די יידן ווערן געשטעלט אויסערן געזעץ.

כדי לייכטער צו מאַכן זיך דאָס כאַפּן פון יידן, גיבן די דייטשן אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז יעדער ייד מוז אָנטאָן אַ געלע באַנד. ווער ס'וועט זיך נישט צופּאַסן צו דער פאַראָרדנונג, יענעם דראָט אַ גרויסע שטראָף. אין די נישט־יידישע קוואַרטאַלן טאָר זיך אַ ייד נישט באַווייזן. שפּעטער קומט אַ פאַראָרדנונג: די יידן איז פאַרבאָטן צו גיין אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס. ווער ס'קען לאָדזש, ווייסט וואָס דאָס האָט

באַדייט. די גאַס איז אין גרעסטן טייל געווען באַוואוינט פון יידן. די דייטשן מאַכן זיך פון דעם אַ געשעפט און גיבן אַרויס דערלויבענישן פאַר אַ גרעסערן אָפּצאָל. דאָס האָלט אָבער נישט אָפּ די מערדער צו כאַפּן יידן מיט דערלויבענישן, פאַרשיקן זיי אין אומבאַקאַנטע ערטער, פון וועלכע אַ טייל איז נישט צוריקגעקומען.

די דייטשן מאַכן איינמאָל אַן איבערפאַל אויף דעם קאַפּע אַסטאַריא. זיי פאַרהאַלטן דאָרט אַ גרעסערע צאָל יידן, און אַ טייל פון די פאַרהאַלטענע ווערן דערשאָסן.

באַלד נאָכן אַריינקומען פון מיליטער הייבן זיך אָן אַרעסטן. עס ווערן געזוכט די סאָציאַליסטישע ראַטנעמער פון שטאָט־ראַט. מען אַרעסטירט די חברים ד״ר אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס, בונדישער לאַווניק אין לאָדזשער מאַגיסטראַט, די בונדישע ראַטמענער ה. ל. פּאָזנאַנסקי, און מאַרגענטאַלער. די איבעריקע בונדישע ראַטמענער ש. מילמאַן, מייזנער, ד. וויראַווסקי, מערמלשטיין, ראָזאַ אייכנער האָבן זיך באַוויזן אַ לענגערע צייט אויסצובאַהאַלטן אין שטאָט. עס ווערן אויך געזוכט די פאַרשטייער פון בונד אין דער קהילה, די חברים אפרים זעלמאַנאָוויטש און פערגאַמענט. דעם ה׳ פערגאַמענט האָבן זיי געזוכט אַ לענגערע צייט שוין נאָך דעם ווי די געטאָ איז געווען געשלאָסן.

הינטער לאָדזש, אין גלאַזערס פאַבריק אין ראַדאָגאָסטש האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָרטן האָט מען צונויפגעבראַכט טויזנטער יידן און מען האָט זיי מערדערלעך געפּייניקט: באַליידיקט, געשריגן אויף זיי, געשלאָגן און געהרגעט. די ס. ס. ־לייט האָבן זייער הנאה געהאַט צו מאַכן מיט די אַרעסטירטע „ספּאָרט״ — אַלץ אין לויף־שריט, באַגלייט מיט גומענע שטעקנס. אַ טייל האָט זיך באַלד צוזאַמענגעבראַכן. דער לאַגער אין ראַדאָגאָסטש האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די יידן אין שטאָט.

נאָך אָפּהאַלטן עטלעכע וואָכן די פריער אויסגערעכנטע חברים אין דער תפיסה אויף שטערלינגאַ זיינען זיי איבערגעשיקט געוואָרן קיין ראַדאָגאָסטש.

צוזאַמען מיט די חברים מאַרגאָליס, מאַרגענטאַלער, פּאָזנאַנסקי און אייכנער זיינען אַרעסטירט געוואָרן די חברים יעדוואַב, הערץ און זילבערבערג.

גאַנצע טעג פלעגן די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע שטייען פאַר דער תפיסה אויף שטערלינגאַ, שפּעטער אין ראַדאָגאָסטש, וועלנדיק וואָס

אַריינגעבן צו עסן. די תפיסה אַדמיניסטראַציע האָט נישט געמאָלדן, ווען מ׳קען וואָס אַריינגעבן נאָר געלאָזט וואַרטן גאַנצע טעג און פיל מאָל אָוועקגעטריבן די פרויען און גוט צעשלאָגן. אין יענע טעג פון חודש סעפּטעמבער און אָקטאָבער (1939) האָט מען דאָרט פאַרן טויער פון דער תפיסה געקענט טרעפן די חברטעס פּאָזנאַנסקאַ, מאָרגענטאַלער און די טאָכטער פון דער חברטע אייכנער. נישט געקוקט אויפן טעראָר, נישט געקוקט אויפן שלעכטן וועטער, האָבן די חברטעס אין דרויסן נישט געוואָלט זיך שיידן מיט די מויערן, היגטער וועלכע ס׳זיינען געזעסן פאַרשפּאַרט זייערע נאָענטסטע. אַ צייט לאַנג האָבן נאָך די תפיסה־שומרים צוגענומען ביי די פאַמיליעס די זאַכן, ווען די חברים זיינען שוין לאַנג נישט געווען מער אין ראַדאָגאָסטש.

נאָך די געלע בענדער קומט אַ פרישע גזירה — געלע לאַטעס פון פאָרנט און הינטן אויפן רוקן. דאָס גייך אין שטאָט איז באַגרענעצט געוואָרן פון 8 פרי ביז 5 נאָכמיטאָג. אויב מ׳האָט געטראָפן אַ ייד נאָך דער באַשטימטער צייט, איז אים שוין נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. עס האָט נישט געהאָלפן די פאַרענטפערונג, אַז ער איז געגאַנגען נאָך אַ דאָקטאָר אָדער אין אַן אַפּטייק, אָדער געווען ביי דער אַרבעט.

די דייטשן פלעגן די יידן וואָס זיי האָבן געכאַפּט אויף אַרבעט אָפּלאָזן נאָך 5 אַן שיינען, כדי נאָך מער זיי צו פּייניקן. ווען מען האָט זיך געווענדט צום אָנפירער פון דעם אַרבעטס־אָרט, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ שיין אַז מען גייט שפּעט פון דער אַרבעט, האָט ער געענטפערט מיט קלעפּ און זידלערייען.

נאָכן איינפירן די געלע לאַטעס זיינען טויזנטער יידן אַנטלאָפן אין די געביטן, וואָס זיינען געווען באַזעצט דורך די רוסן. הויפּטזעכליך איז אַנטלאָפן די יוגנט.

די לאַגע פון די פאַרבליבענע ווערט אַלץ ערגער און ערגער. צווישן די יידישע אַרבעטער הערשט אַ גרויסער הונגער. יידישע אַרבעטער ווערן אַרויסגעוואָרפן פון די פאַבריקן, אַ גרויסער טייל פון די פאַבריקן שליסט זיך צוליב מאַנגל אין רוישטאָף. אין די יידישע פאַכן איז אינגאַנצן נישטאָ קיין אַרבעט — ביי שניידער, טישלער, הענטשקע־מאַכערס, האַנטוועבער א. אַ.

די שולן זיינען געשלאָסן. אין די יידישע וועלטלעכע שולן, „מע־

דעם", „מיכאַלעוויטש" און „גראָסער"־קינדערהיים ווערן איינגעאָרדנט שפּייזונגס־פּונקטן פאַר די קינדער. און ביי דעם ווערן די לימודים דורכגעפירט געהיים.

די מעדעם שול און די גראָסער קינדער־היים זיינען געווען טעטיק ביז ענדע 1941.

אָנהייב דעצעמבער 1939 האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז לאָדזש ווערט אָפּגערייניקט פון יידן. די קלאַנגען ווערן וואָס אַמאָל שטאַרקער. די פּאַניק צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז אומגעהייער גרויס. די פאַרמעגלעכע יידן פאָרן אין אַנדערע שטעט, מערסטנטייל קיין וואַרשע. די אַרבעטער און די אָרעמע באַפעלקערונג האָט נישט פון וואָס צו לעבן, און זי האָט נישט קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. אויף אַרויספאָרן פון לאָדזש האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו פאָליאַקן און דייטשן, וואָס האָבן פאַר אַ גרויסע סומע אַרויסגעפירט די זאַכן אין די אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך ווערן די יידן אַרויסגעטריבן באָרוועס און נאַקעט. זגערזש, אַלעקסאַנדער, קאַליש, סטריקאָוו ווערן אינגאַנצן יידן־ריין. אין פּאַביאַניץ, בעלכאַטאָוו, בזשעזשין בלייבן צו ביסלעך יידן ביי אַרבעטן וואָס זיינען נייטיק פאַר דער ווערמאַכט.

אַ גרויסער טייל פּליטים פון די אויסגערעכנטע שטעטלעך קומט קיין לאָדזש.

דער הונגער ווערט שטאַרקער. יידן ווערן אַרויסגעוואָרפן פון די רייעס ביים באַקומען ברויט. די פּוילישע אונטערוועלט וויזט אָן די דייטשן אויף די יידן און העלפט מיט ביים אַרויסוואַרפן די יידן פון די רייען. עס איז דערביי ווערט צו פאַרצייכענען אַן אײדעלע האַנדלונג פון אַ דייטשן בעקער אויף בזשעזשינער גאַס. די דייטשע בעקערין האָט נישט געלאָזט אַרויסוואַרפן די יידן פון די רייען. זי האָט געדראָט די פּאָליאַקן אַז אויב זיי וועלן אַרויסוואַרפן די יידן וועט זי שליסן דאָס געוועלב. אויף יענעם אָרט האָבן פיל יידן באַקומען ברויט. זי האָט דערקלערט, אַז יידן האָבן ביי איר געקויפט פאַרן קריג און יעצט וועלן זיי ביי איר אויך באַקומען ברויט.

קיין לאָדזש זיינען אָנגעקומען זייער אַ סך וואָלינער און באַלטישע דייטשן.

ביי יעדן אַזאַ טראַנספּאָרט פלעגט מען אַרויסנעמען יידן ביינאַכט פון וואוינונגען און צווינגען זיי צו שלעפּן די פּעק פון די אָנגעקומענע

רייטשן. דאָס איז אַמייגסטן פאָרגעקומען אויף די גאַסן מאַגיסטראַצקאַ און מיצקעוויטשאַ.

דעם 15טן דעצעמבער 1939 האָבן די דייטשן צוואוויסן געגעבן די יידן, אַז לאָדזש ווערט אָפּגערייניקט פון יידן. די גמינע האָט איינגעאָרדנט אויף פּאָלודניאָווא 36 אַ ביוראָ, וואָס האָט רעגיסטרירט צום אַרויספאָרן. כדי צו באַוועגן די אָרעמע שיכטן אַרויסצופאָרן, האָט מען צוגעזאָגט צו 50 זל. פאַר יעדן איינעם וואָס פאָרט אַרויס. די אַרבעטסלאָזע און הונגעריגע מענטשן האָבן זיך צוגעשטעלט מיט די בעבעכעס, אָבער קיין געלט האָבן זיי נישט באַקומען.

אין יענע טעג (איך געדענק נישט געגוי די דאַטע) איז די געסטאַ־פּאָ מיט אַ באַנדע אויסוואורפן ביינאַכט באַפאַלן אַ גאַנצן קוואַרטאַל אין באַלוט און אַרויסגעשלעפּט די יידן און אַוועקגעפירט קיין מזרח־גאַליציע. דאָרט האָט מען די מענטשן אָפּגעלאָזט מידע, צעבראָכענע, צעשלאָגענע, אָן זאַכן און אָן געלט.

דער קוואַרטאַל האָט אַרומגענומען פּ אָ ד ז ש ע ט ש נ אָ 15, 11, 9, 7, 5, 3, 1 ; זגערזשער פון דער פּאָדזשעטשנאָ ביז אַלעק־סאַנדער גאַס, סטאָדאָלניאַנאַ, דרעגאָווסקאַ, לוטאָמיערסקאַ און אַ טייל לימאַנאָווסקעגאָ.

עס זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן עטלעכע טויזנט פאַמיליעס. אַ קליינער טייל פון די אַרויסגעפירטע איז שפּעטער צוריקגעקומען קיין לאָדזש.

ווען די געשיכטע האָט זיך אויפן צווייטן טאָג נאָכן איבערפאַל פאַרשפּרייט אין שטאָט, האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די פאַרבליבענע יידן אַ מאַסנווייזע אַנטלויפונג פון שטאָט.

דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט דעצעמבער. עס זיינען געשטאַנען גרויסע פרעסט. יאָרן לאַנג איז נישט געווען אַזאַ שווערער ווינטער ווי דאָס יאָר.

קיין לאָדזש האָבן געגומען אָנקומען הונדערטער פויערישע ווע־געלעך. די יידן דינגען די פירלעך, פּאַקן אַרויף די זאַכן און לאָזן זיך נע־ונד. פאַר אָן אָרט אויף אַ וואָגן צאָלט מען הונדערטער זלאָטעס. אויף די וועגן פון לאָדזש־בזשעזשין, לאָדזש־סטריקאָוו, לאָדזש־זגערזש האָבן זיך געצויגן קאַראַוואַנען פון הונדערטער וועגענער אָנגעפּאַקט מיט פרויען און קינדער, קינדער אין וועגעלעך ; אויף די רוקנס און ברוסטן אָנגעגייט געלע לאַטעס. דער פראָסט האָט אין יענע טעג געבריט.

עס איז געשטאַנען 25 גראַד קעלט *). ווען די ערשטע וועגענער זיינען אָנגעקומען אין גלאָוונא, האָט מען אַראָפּגענומען 60 געפרוירענע קינ־דער.

אין לאָדזש גופא ווערן די יידישע גאַסן פּוסט, די הייזער ווערן ליידיק פון מענטשן, און באַלד באַווייזן זיך באַנדעס וואָס הייבן אָן פּלינדערן אין די יידישע שטובן.

אין יענע טעג באַווייזט זיך איינמאָל דער רב טרייסטמאַן מיט אַ גוטער בשורה, אַז די גזירה איז אָפּגעשריגן, דאָס אַרויסשיקן ווערט אויפגעהאַלטן. די ידיעה טראָגט זיך שנעל פאַנאַנדער איבער דער שטאָט. מענטשן נעמען צוריק אַראָפּ די זאַכן פון די וועגעלעך, וואָס זיינען נאָך נישט אַרויסגעפאָרן. טייל יידן קומען צוריק קיין לאָדזש. און פיל וועגעלעך פון די פויערים פאָרן צוריק אַהיים ליידיק.

דאָס צוריקהאַלטן דאָס אַרויסשיקן האָט אַביסל באַרואיקט די יידישע באַפעלקערונג. מען געוואוינט זיך צו צו די צרות און ליידן. גרויסע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג לאָזן זיך צום האַנדלען געהיים איבער שטובן, אָדער אַלס פּאַליאַקן אויף די מערק און פּלעצער.

אין די יידישע פאַבריקן, געשעפטן ווערן אַריינגעזעצט דייטשע פאַרוואַלטונגס־מענער („טרייהענדער") און זיי דערפירן שוין די אונ־טערנעמונגען צום אונטערגאַנג און ליקווידאַציע. די יידישע קאָנטעס אין די בענק ווערן בלאָקירט. די דייטשן האָבן איינגעצויגן דאָס פּוי־לישע געלט אויף מאַרקן און באַנעס. יידן האָט מען נישט געטוישט קיין געלט. די יידן האָבן אָבער אָפּט אויסגעטוישט זייער געלט דורך פּאָליאַקן און דייטשן וואָס האָבן פאַר זיך גענומען 10—30 פּראָצענט פון דער סומע.

נאָכן אָפּשטעלן דעם גירוש הייבן זיך אָן טראָגן קלאַנגען, אַז ס'וועט געשאַפן אַ געטאָ אין לאָדזש. לאַנג האָט מען אויף דעם נישט געדאַרפט וואַרטן. אָנהייב פעברואַר ווערט שוין אָפּיציעל באַקאַנט, אַז אין באַלוט ווערט געשאַפן אַ געטאָ. הונדערטער יידן ווערן גענומען צו מאַכן די צוים. אויף אַ שטח פון 17 קילאָמעטער ווערן אַריינגע־שטעלט האָלצערנע סלופּעס, אָפּגערוקט איינע פון צווייטן אויף 10 מעטער פאַרצוימט מיט שטעכיקע דראָט. די געטאָ איז פאַרטיילט אין דריי טיילן. דאָס אַריבערגיין פון איין טייל אין צווייטן איז דורך בריקן, ספּעציעל אויפגעבויטע.

*) 13 גראַד אונטער זעראָ, לויטן אַמעריקאַנער טערמאָמעטער.

בריקן זיינען געווען: איינער — ביי דער יידישער גאַס איבער דער אַלט־שטאָט; איינער ביי לוטאָמיערסקאַ־קאָשטשעלנאַ; איינער — ביי מאָסאַרסקאַ.

אויסער די בריקן זיינען געווען דריי טויערן פאַרן אַדורכלאָזן פון פורן. די טויערן זיינען געווען: דרעגאָווסקאַ־אַלטשטאָט, ביי דאָלנאַ־לאַטניטשאַ, און איינער — ביי ריבנאַ־טשעשעלסקאַ.

ביים אַריבערגיין דעם טויער דאָלנאַ־לאַטניטשאַ פלעגט מען אָפּשטיין שעהן און פיל מאָל באַקומען גוט צעשלאָגן. אַמאָל איז די לאַטע ניט געווען גוט אָנגעניית, אַמאָל נישט געגריסט ווי געהעריק, ניט גע־צויגן דאָס היטל . . . דורכן טויער דאָלנאַ לאַטניטשאַ האָט מען אויך געקענט דורכגיין. דורך די איבריקע טויערן איז געווען פאַרבאָטן דאָס אַדורכגיין צו פוס. אין דער דייטשער פּרעסע האָט זיך צוזאַמען מיט דער פאַראָרדנונג באַוויזן דער פּלאַן פון געטאָ און אויך דער פּלאַן און צייט פון איבערציען זיך. דער טערמין פון שליסן די געטאָ איז אָנגעגעבן: 1 מאַי (1940).

דאָס איבערפירן די יידן אין געטאָ איז לכתחילה געווען פּלאַנמעסיק. אָנגעהויבן זיך האָט עס ביי גייערס ראַיאָן און שייבלער.

די גמינע האָט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלן שטאָב פון באַאַמטע דורכצופירן די אַקציע. די יידן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין די שול־לאָקאַלן וואָס האָבן זיך געפונען אין געטאָ. שפּעטער זיינען זיי צוגעטיילט געוואָרן וואוינונגען — אין איין צימער 10־12־13 מענטשן.

די פּוילישע און דייטשע באַפעלקערונג האָט געמוזט זיך אַרויסציען פון די גאַסן, וואָס זיינען באַשטימט פאַר די יידן. די פּאָליאַקן פלעגן ביים פאַרלאָזן די וואוינונגען פאַרניכטן אַלץ אין שטוב.

ביי דעם אַלעם ווערט דער טעראָר שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. עס העלפט נישט וואָס די גמינע שטעלט צו יעדן טאָג טויזנטער אַרבעטער. דאָס כאַפּן אויף אַרבעט איז ביי די דייטשן געוואָרן אַ ספּאָרט. דאָס פּלאַנמעסיקע איבערפירן די יידן האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. איינמאָל זיינען די דייטשן באַפאַלן די פּיעטרקאָווער גאַס, זיינען אַריין אין די שטובן פון די יידן און אַלע מענער אויסגע־שאָסן אָדער אַוועקגעפירט. עס זיינען געפאַלן דעמאָלט אַ פּאָר הונדערט קרבנות. ווי ווילדע חיות האָבן זיי זיך געיאָגט נאָך די יידן איבער די הייזער, איזדיעקעוועט זיך און געפייניקט פרויען און קינדער. נאָך דעם פאַל הערט אויף דאָס פּלאַנמעסיקע איבערפירן די יידן. מען

וואָרט שוין נישט אויף דער ריי, וואָס דאַרף קומען: מען כאַפּט וואָס עס לאָזט זיך און מען לויפט אין געטאָ גלייבנדיק, אַז דאָרט וועט זיין רואיק. איבער די גאַסן זאַכאַדניאַ, קילינסקעגאָ, ווסכאַדניאַ ציען זיך לאַנגע קאָלומנעס מיט איבערגעדרייטע טישן אין וועלכע ס'זיינען גע־פּאַקט זאַכן. אַרויסנעמען די זאַכן האָט מען געקאָנט נאָר מיט אַ דערלויבעניש פון ווירט פון דעם געגעבענעם הויז. שיינע מעבל און ווערטפולע זאַכן האָבן צוגענומען די דייטשן.

דאָס אַלץ איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער צייט פון באַזונדער שווערן ווינטער. די פּרעסט האָבן נישט אָפּגעלאָזט זייט דעם 16טן דעצעמבער. די יידן פלעגן בייטאָג איבערפירן די זאַכן אין געטאָ און ביינאַכט פלעגן זיי צוריקגיין אין שטאָט כדי צומאָרגנס נאָך וואָס אַהערברענגען. אין איינעם אַ דאָנערשטיק האָבן די דייטשן זיך אוועק־געשטעלט אָוונט צייט אויף דער פּולנאַצנאַ, אַגראַדאָווע, באַהאַלטן זיך אין די הייזער און פאַרהאַלטן יעדן איינעם ייד, וואָס איז דאַן אַדורכגע־גאַנגען אַדער אין שטאָט אַדער אין געטאָ. זיי האָבן צונויפגעזאַמלט עטלעכע טויזנט מענטשן, אַוועקגעפירט אין אַ לאַגער אויף לאַנקאָווע גאַס, מערדערלעך געשלאָגן, נישט געגעבן עסן און יעדן טאָג געמאַכט מיט די יידן „ספּאָרט". אַלטע יידן, וואָס האָבן נישט געקענט נאָכמאַכן די שווערע איבונגען, זיינען מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן.

ביי דער אַבלאַווע איז אויך אַריינגעפאַלן אַ גרעסערע צאָל בונ־דיסטן וואָס האָבן דעמאָלט דורכגעפירט אַ פּאַרטיי־שליחות.

עס איז אויך דאַן אַריינגעפאַלן דער ח' פרידמאַן לייב, וואָס איז געווען אין לאָדזש אין שליחות פון צ. ק. פון בונד. שפּעטער האָט מען געקענט אויסקויפן די קרבנות פאַר 2500 מאַרק פון יעדן. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ קאָלאָסאַלע סומע געלט. די רייכסטע האָבן דאָס געקענט דערגרייכן, נישט די אָרימע.

דער גרעסטער טייל פון די פאַרהאַלטענע איז נישט באַפרייט געוואָרן צוליב געלט־מאַנגל און זיינען אוועקגעקומען אָן אַ זכר. אין דעצעמבער 1939 האָבן די דייטשן, אויפן קאַלישער וואָקזאַל, פאַר־האַלטן אַ גרופּע יידן, פרויען און מענער, וואָס זיינען צוריקגעקומען פון וואַרשע. אַלע באַמיאונגען ביי די דייטשן געוואויר צו ווערן וואו די פאַרהאַלטענע געפינען זיך האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן. שפּע־טער, דורך אַ באַפרייטער קריסטין איז מען דערגאַנגען, אַז די פרויען זיצן אויף קאָפּערניקאַ. 5 וואָכן האָט מען די פרויען געהאַלטן ביי די

שרעקלעכסטע באַדינגונגען אין קעלט, שמוץ און הונגער. דאָן האָט מען זיי באַפרייט, שמוציקע, פאַרלויזט און פאַרהונגערט. אין דער גרופּע זיינען געווען די חברטעס נירנבערג רבקה און וויערניק. די אַרעסטירטע מענער זיינען אומגעקומען אָן שפּורן.

דעם 1טן מאַי 1940 ווערט די געטאָ געשלאָסן. אין שטאָט געפינען זיך נאָר איניקע גרופּן, וואָס זיינען באַשעפטיקט ביי אַלטע שמאַטעס ביי דער פירמע אפּאליאַן, און עטלעכע יידישע גאַרבער, וואָס אַרבעטן אין דער גאַרבעריי ביי מאָזעלשאַ.

אָט די יידן קומען איין מאָל אין צוויי וואָכן אַריין אין געטאָ צו זייערע פאַמיליעס.

די טעטיקייט פון בונד ביז צום שליסן די געטאָ

דעם 5טן סעפּטעמבער 1939, ווען די יידישע באַפעלקערונג האָט מאַסנווייז פאַרלאָזן לאָדזש, איז דורך די בונדישע קערפּערשאַפטן אויס־געטיילט געוואָרן אַ נייע אָנפירונג. אַלע חברים וואָס זיינען געווען פע־איק צו טראָגן געווער, זיינען אַוועק פון לאָדזש. די חברים וואָס זענען געבליבן האָבן אויסגעהיטן די פענער פון דער פּאַרטיי און „צוקונפט“, האָבן פאַרניכטעט די מאַטעריאַלן וואָס האָבן נישט געטאָרט אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. פון די געבליבענע סומעס געלט איז געטראָגן געוואָרן הילף פאַר די פאַרבליבענע חברים און פאַמיליעס פון די אַוועקגעגאַנגענע.

נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע (אָקט. 1939) קומט אַ גרוי־סער טייל חברים צוריק קיין לאָדזש און די אָרגאַניזאַציע ווערט איבער־געבויט אויף נייע יסודות. די אָרגאַניזאַציע ווערט איינגעטיילט אין פינפטלעך לויט די פאַכן און גרופּעס וואו יעדער האָט געהערט. די אַרבעטלאָזע און די אָפּפאַרנדיקע זיינען אונטערגעשטיצט געוואָרן פון די קאַרגע פאָנדן וואָס זיינען געבליבן.

גלייכצייטיק איז אין וואַרשע אויסגעבילדעט געוואָרן אַ מין לאָד־זשער קאָמיטעט פון „בונד“, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַזאָרגן מיט הילף די לאָדזשער חברים אין וואַרשע ווי אויך שיקן הילף קיין לאָדזש. די הילף איז געטראָגן געוואָרן אין שטובן צו די חברים, כדי נישט אויסצושטעלן זיי אויף די געפאַרן, מיט וועלכע ס׳איז געווען פאַרבונדן דאָס גיין אין די גאַסן. דער לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד“ האָט אויך אַריינגעשיקט הילף אין די אַרומיקע שטעטלעך

אַלעקסאַנדער, זגערזש, אָזאָרקאָוו, בזשעזשין, פּאַביאַניץ, זדונסקע וואָליאַ. די חברטעס, וועלכע האָבן אויסגעפירט אָט די אַרבעט, האָבן ריזיקירט מיטן לעבן. אייניקע שטעטלעך זיינען שוין געווען יידן־ריין. דאָס באַווייזן זיך פון אַ ייד האָט געדראָט מיטן טויט. ביי אַזאַ רייזע קיין אַלעקסאַנדער איז שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן די חברטע אסתר וויינבערג.

אין דער אַרבעט האָבן זיך באַטייליקט די חברטעס לאזאר־מעלמאַן, מאַניאַ באַרוכאָוויטש און אסתר וויינבערג. מיר האָבן די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע באַזאָרגט מיט פּאָליטישע ידיעות און מיט ידיעות וועגן אונדזער אַרבעט אין לאַנד. פון אונדזערע פאָנדן האָבן מיר אונטערגעשטיצט אויך די פאַמיליעס פון די דייטשע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין גרויס נויט. מיר האָבן זיך געוואָנדן צו די פּ. ס. און עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיט אָרטיקע פּוילישע חברים. די פּ. פּ. ס. איז דאַן געווען אין סטאַדיום פון אָרגאַניזירן זיך.

דער קאָמיטעט פון „בונד" אין לאָדזש גופא האָט אויף איינער פון זיינע זיצונגען באַטראַכט די פראַגע וועגן דירה־געלט. די מאַכט האָט געפאָדערט, אַז דאָס דירה־געלט זאָל איינגעמאָנט ווערן אין דער זעלבער גרייס ווי פאַרן קריג. ביי דער אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער זיינען 70 פּראָצענט יידן ניט געווען אימשטאַנד דאָס צו באַצאָלן. מיר האָבן געמאַכט אַ ווענדונג צו דער פּ. פּ. ס. וועגן אַ געמיינזאַמער אינטערווענץ קעגן דער פאַראָרדנונג. די אינטערווענץ איז נישט צושטאַנדגעקומען צוליב די רעפּרעסיעס אויף די יידן און צוליבן פאַריאָגן יידן פון די דירות. די נויט איז דערביי געשטיגן און מיר מאַכן כסדר אָנשטרענגונגען ביי דער גמינע, זי זאָל עפענען ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס צו לינדערן די נויט. וואָכן לאַנג האָט דער ח' פערגאמענט זיך באַמיט אָנצוקומען צום באַשטימטן דורך די דייטשן פאָרזיצער פון יידנראַט רומקאָווסקין, כדי צו פאַרלאַנגען הילף פאַר די אַרבעטלאָזע און נויטבאַדערפטיקע. רומקאָווסקי האָט אַ לאַנגע צייט אים נישט אויפגענומען וויסנדיק נאָך וואָס דער ח' פערגאמענט קומט צו אים.

נאָך גרויסע באַמיאונגען האָבן מיר דאַן באַקומען אין וואַרשע ביים דזשאָינט 10 טויזנט מאַרק אויף סאָציאַלע הילף. דאָס געלט איז איבערגעוויזן געוואָרן דורך בערלין צו רומקאָווסקין. אַ לאַנגע צייט האָט ער געטענהט, אַז ער האָט קיין געלט נישט באַקומען. ווען מען האָט אים צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַר־

זיכערן אַז ער וועט דאָס געלט אָפּגעבן. דאָס געלט האָט ער קיינמאָל נישט צוריקגעגעבן.

מיר האָבן כסדר געשיקט קוריערן קיין וואַרשע. עס האָט זיך אין יענער צייט איינגעשטעלט אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט צווישן די לאָדזשער און וואַרשעווער אָרגאַניזאַציעס. הילפס־אַרבעט האָט פאַר־נומען אַ ווייכטיקן פּלאַץ. בלויז אין דעצעמבער 1939 האָבן מיר פאַר־נאַנדערגעטיילט איבער 5 טויזנט מאַרק אויף אונטערשטיצונגען. מיר מאַכן אויך גרויסע באַמיאונגען אַרויסצובאַקומען די חברים פון תפיסה, אָבער אָן רעזולטאַטן. בלויז די חברטע ראָזע אייכנער ווערט נאָך עטלעכע וואָכן פייניקן באַפרייט פון טורמע. עס ווערן פון אונדז אויס־געהאַלטן די מעדעם־און מיכאַלעוויטש־שולן, ווי אויך גראָסער קינדער־היים. אין די אינסטיטוציעס ווערן באַשפייזט עטלעכע הונדערט קינ־דער.

פיל אַרבעט האָט אונדז געקאָסט דאָס אַריבערפירן די אינסטיטוצי־עס אין געטאָ אַריין און אַנטשפּרעכנדיק זיי איינאָרדנען. די גראָסער־קינדערהיים האָט זיך געפונען אין אַ שיינעם לאָקאַל, זגערזשער 34. דאָס איז געווען די איינציקע אינסטיטוציע אין געטאָ פון דעם כאַראַקטער. די חברטע פעלא האָט מיט איבערמענטשלעכע כוחות געזאָרגט פאַר די קינדער, באַדינט זיי און געלערנט מיט זיי. אין די דערמאַנטע באַדינ־גונגען פון טעראָר, הונגער און פּיין האָט די קינדערהיים איינגעאָרדנט אַ יום־טוב פאַר די עלטערן און פריינט. אַ פּאָר שעה צייט האָבן מיר פאַרגעסן אין דער טרויעריקערווירקלעכקייט. די זיסע האַרציקע ליד־לעך, די טענץ פון די קינדער, די פריילעכע שטימעלעך פון די פּרעכ־טיקע קינדער אונדזערע האָט אונדז געמוטיקט צו קאַמף, צום אויסדויער קעגן פיינט. ליידער קיין איינע פון די קינדער לעבט נישט. עס זענען בלויז געבליבן פאָטאָגראַפיעס פון דער אונטערנעמונג און זיסע דעריבע־רונגען ביי מיר. צי ס׳לעבט נאָך ווער פון די דאַמאָלסטיקע אנוועזנדע — ווייס איך נישט.

די קינדער זיינען אומגעקומען פון הונגער, דעפּאָרטאַציעס, אויס־זידלונגען, פאַרברענט אין די אויוונס פון כעלמנאָ און אויסשוויץ.

די קינדערהיים האָט עקזיסטירט פיל לענגער ווי די שולן. שוין נאָך דער פאַראָרדנונג צו ליקווידירן די אינסטיטוציעס האָבן מיר נאָך געוואַגט צונויפצונעמען די קינדער, באַשפייזן, פאַרברענגען און לערנען מיט זיי.

די יוגנט האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן, באַלד נאָכן צוריקקומען פון די חברים פון וואַרשע. עס זיינען אויסגעבילדעט געוואָרן נייע קאַדרען פון יוגנטלעכע אַקטיוויסטן, נייע יינגע יוגנט־טוער. זיי האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די יוגנטלעכע לויט קרייזן. די יוגנט האָט מיטגעבראַכט אין געטאָ אַ גרויסע ביבליאָטעק, וואָס איז געווען טעטיק די גאַנצע צייט פון קריג. ספּעציעל האָבן זיי זיך באַמיט צו זאַמלען סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, כדי פאַרצוזעצן זייער סאָציאַליסטיש בילדונג. אויף די קרייזן האָט מען אויסער פּאָלי־טישע אינפאָרמאַציעס און באַריכטן פון דער פּאַרטיי זיך פאַרנומען אויך מיט זעלבסטבילדונג־אַרבעט.

דער „סקיף״ בלייבט נישט הינטערשטעליק. די גרעסטע טייל יוגנט־טוער זיינען געוועזענע סקיף־טוער. זיי טיילן זיך איין מיט דער אַרבעט און זיינען טעטיק ווער ביי דער יוגנט, ווער ביי די קינדער.

דער „יאַף״ (יידישע אַרבעטער פרוי) טיילט פון זיך אויס אַ גרופּע פרויען צו פירן די הילפס אַרבעט.

דער ערשטער מאַי 1940 איז דער טאָג פון שליסן די געטאָ. עס הערשט אַ פּאַטאַלע שטימונג. מען פילט אַן אומרואיקייט. מען ווייסט נישט צי דער פיינט וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט אַדורכ־צוהאַלטן דעם קריג. אין אַזאַ טאָג פון 1טן מאַי האָבן מיר נישט פאַרגעסן אין די טראַדיציעס פון פּראָלעטאַרישן יום־טוב. מיר האָבן דאַן באַזוכט אַלע מיטגלידער, אָנגעטאָן רויטע שלייפלעך, אָנגעזאָגט, אַז היינט איז דער ערשטער מאַי, און געוואָרפן דעם לאָזונג — אויס־האַלטן און איבערהאַלטן.

אין יענער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין געטאָ, איז דאָס געווען אַ שטראַל פון האָפענונג און גלויבן, אַז מיר וועלן דערלעבן די פרייהייט און די מפּלה פון פאַשיזם.

נאָך פאַרן שליסן די געטאָ האָבן מיר געעפנט אַ קאָאָפּעראַטיוו־געוועלב אויף בזשעזשינער 25. דאָרט איז געווען אַ טרעפפּונקט פאַר די אָרגאַניזאַציעס. און פון דאָרטן האָבן מיר פאַרטיילט אין די טויזנ־טער קילאָ פּראָוויאַנט, לעבנס־מיטל צווישן אַרבעטלאָזע און הונגע־ריקע, אומזיסט און פאַר ביליקע פרייזן. מיטן שליסן די געטאָ שטעלן מיר איבער די אַרבעט אויף אַ גרויסן און ברייטן פאַרנעם. נאָך גרויסער מי און אָנשטרענגונג עפענען מיר אַ קיך אויף לוטאָמיערסקאַ 2. שפּעטער אויף בזשעזשינער 59. אין די צוויי קיכן ווערן אַרויס־געגעבן 14 טויזנט מיטאָגן, צו 15 גר.

דאָס שליסן די געטאָ האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא. די גאַנצע באַפעלקערונג איז געווען אָן מיטלען צום לעבן. קיין אַרבעט איז נישט געווען. מיט וועמען צו האַנדלען איז נישט געווען. דער קאָנ־טאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט איז געווען אָפּגעשלאָסן. פיל יידן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דייטשע פירמעס, האָבן געמוזט די אַרבעט אויפגעבן. אַ סך יידן וועלכע האָבן געהאַט געשעפט־באַציאונ־גען מיט פּאָליאַקן, האָבן געמוזט פון דעם רעזיגנירן. באַשעפטיקט זיינען געווען דער גמינע־אַפּאַראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון 5 טויזנט מענטשן, אַ ביסל יידישע הענדלער אין געטאָ און גרויסע שמוגלער. 2 טויזנט יידן זיינען געווען באַשעפטיקט ביים צעלייגן די הייזער אויף נאָוואָמיעיסקאַ, אַגראַדאָווע, פּולנאַצנאַ און וושכאַדניאַ גאַס. דער פאַר־דינסט איז געווען אַ קליינער — 3־4 מאַרק אַ טאָג. די גמינע־אָנגעשטעלטע האָבן נישט באַקומען אויסגעצאָלט. די קאַסע איז גע־ווען ליידיק.

צום געטאָ האָט געהערט אַ גרויסער טייל פון לאָדזשער הינטער־שטאָט. דאָס איז געווען די געגנט מארישין I און מארישין II. די געגנט איז געווען פריער אינגאַנצן באַוואוינט פון פּאָליאַקן. פאַרן שליסן די געטאָ האָבן זיי זיך געמוזט אַרויסציען. דאָרט זיינען גע־ווען קליינע הילצערנע הייזלעך מיט גערטנדלעך און פּרוכטן־ביימער.

די ציוניסטישע יוגנט פאַרנעמט דאָרט דעם גאַנצן שטח און אָרדנט איין הכשרות. פאַר די פּראָלעטאַרישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס איז דער צוטריט געווען פאַרבאָטן. נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז גע־לונגען דער צוקונפט און סקיף אונטערן נאָמען „געוועזענע שילער פון דער מעדעם שול" צו באַקומען אַ הייזל מיט אַ שטיקל ערד צו באַ־אַרבעטן. אין דער קאָלאָניע (גערופן האָט מען עס „דזשאַלקע") איז איינגעאָרדנט געוואָרן די „9טע סאָציאַליסטישע קינדער־רעפּובליק." דאָס איז געווען אַ פאַרזעצונג פון די פאַר־מלחמהדיקע סקיף־לאַגערן וואָס זענען פאָרגעקומען אין פּוילן. אויף דעם לאַגער האָבן זיך איינגע־אָרדנט 40 יוגנטלעכע און קינדער. זיי זענען דאָרט באַשפּייזט געוואָרן דורך דעם קאָמיטעט פון „בונד". די ציוניסטישע גרופּעס זיינען אויס־געהאַלטן געוואָרן דורך דער גמינע. ערשט נאָך אַ שווערן קאַמף איז געלונגען אַרויסצובאַקומען שפּייז פון דער גמינע אויך פאַר אונ־דזערע 22 קינדער. די אָנפירונג פון דער יוגנט האָט אָבער נישט גע־וואָלט זיך שיידן מיט די איבעריקע חברים און מ'האָט באַשלאָסן צו טיילן דעם פּראָוויאַנט צווישן אַלע 40 חברים. די יוגנט האָט דאָרט אויף

אַ מוסטערהאַפטן אופן באַאַרבעט דאָס פעלד און געפלעגט די פּרוכט־ביימער. זיי זענען געוואָרן גאַנצע „ספּעצן" אין לאַנדווירטשאַפט. די בונדישע „דזשאַלקע" איז געוואָרן אַ קולטור־צענטער פאַר גאַנץ מאַריי־שין. יידישע לידער האָבן געקלונגען גאַנצע טעג, ביי דער אַרבעט, ביים עסן, ביים שפּאַצירן, ביים פאַרברענגען. פאַרלעזונגען וועגן יידישער ליטעראַטור, פוילישער ליטעראַטור, וועגן די יידישע קלאַסי־קער; פּרץ־אַקאַדעמיע, שלום־עליכם טאָג, אַלע פּראָלעטאַרישע ימים־טובים זענען אויף אַ פייערלעכן אופן דאָ דורכגעפירט געוואָרן.

די קאָלאָניע האָט אַרויסגעגעבן אַ פּרעכטיקע וואַנט־צייטונג, אייגענע ליטעראַרישע שאַפונגען. זי האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע ביב־ליאָטעק פון פוילישע און יידישע ביכער. די יוגנט און דערוואַקסענע סקיפּיסטן האָבן געדענקט, אַז זיי זיינען סאָציאַליסטן און פאַרטיפט זייער סאָציאַליסטישן וויסן, פאַרנומען זיך מיט לערנען פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, גע־שיכטע פון „בונד". עס איז געווען אַ מוסטער פון אַ סאָציאַליסטישן יוגנט־קאָלעקטיוו.

די בונדישע „דזשאַלקע" איז געוואָרן מיט דער צייט די פּאָפּו־לערסטע אינסטיטוציע אין דער גאַנצער געגנט. זי איז געוואָרן דער טרעפפּונקט פון דער בעסערער און באַוואוסטזיניקער יוגנט. אונדזערע חברים האָבן אויסגעאיבט אַן איינפלוס אויפן גאַנצן יוגנט־לעבן אין מארישין. געוויסע ציוניסטישע עלעמענטן האָבן דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן און עס זיינען אפילו געווען פּרואוון צו שטערן די אַרבעט דורך אויפקלערן רומקאָווסקין, אַז ביי אונדז ווערט געפירט אַ „קאָמוניסטישע" אַרבעט. אויפן געביט פון אַזאַ „אויפקלע־רונג" האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט ברוך פּראַשקער, און מיט דער צייט האָט ער זיינס דערגרייכט. מיט אונדזער יוגנט־קאָלאָניע האָבן אָנגעפירט די חברים האָפּמאַן העניאַך, הויזער מאָטל, פעלדמאַן יאָסל, ווינער בונים און חיים אייזענבערג. (יאָסל פעלדמאַן איז אַרויס־געפירט געוואָרן דעם 4טן אויגוסט 1942 פון שפּיטאָל וואו ער איז געלעגן קראַנק. חיים אייזענבערג איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון געטאָ בעת דער גרויסער אויסזידלונג אין מאַי 1942.)

די יוגנט האָט אויך געהאַט אַ דראַמאַטישע סטודיע וואָס האָט שפּעטער געגעבן עפנטלעכע פאָרשטעלונגען.

גאָר פייערלעך איז אויף דער קאָלאָניע אויסגעפאַלן די יובל־

פייערונג פון דער פאַרטיי. די פייערונג איז געווען פאַרבונדן מיט אַ טאָג געווידמעט דעם „בונד״: אַ פייערלעכן אַפּעל און אַקאַדעמיע. די יוגנטלעכע האָבן געלייענט ספּעציעלע אַרבעטן געווידמעט דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, אַרבעטן וועגן די פירער פון „בונד״, מעדעם, מיכאַלעוויטש, ליכטענשטיין.

גאָר פייערלעך איז ביי דער יוגנט אויף דער דזשאַלקע אויסגעפאַלן דער יובל־באַנקעט. ביי שיין סערווירטע טישן האָבן זיך אויסגעזעצט ביז 100 יוגנטלעכע און די פאַרשטייער פון דער פאַרטיי. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס וועגן דער באַדייטונג פון יובל היינט 1940. אין אַלע אַרויסטרעטונגען האָט זיך געפילט די גרויסע ליבע און טריי־קייט צו אונדזער פאַרטיי. אַזאַ דערהויבענע שטימונג ווי עס האָט געהערשט דאָרטן, איז זעלטן צו טרעפן. אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערע לידער האָבן געקלונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָס איז פאַרגעקומען נישט ווייט פון די דראָטן, וואָס האָבן פאַרצוימט די געטאָ. אינגאַנצן 50 מעטער פון די וואַך־פּאָסטנס וואָס האָבן געהיט, די יידן זאָלן נישט אַרויס פון דער געטאָ.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט איז שוין געווען פאַרטאָג. לאַנג, לאַנג איז די דערינערונג פון דער פייערונג געבליבן ביי אונדז אין זיכרון. נאָך היינט, 5 יאָר שפּעטער נאָך דעם אַלעם וואָס מ׳האָט אַדורכגעלעבט, לעבט נאָך אין מיר די האַרציקע שטימונג פון יענער נאַכט.

די „דזשאַלקע״ איז לסוף דורך רומקאָווסקין אויפגעלייזט געוואָרן. די העצע וואָס האָט זיך געפירט האָט געהאַט אַ פּעולה, און דעם 1טן יאַנואַר, 1941 האָבן די יוגנטלעכע אין געשלאָסענע רייען פאַרלאָזט זייער 9טע סאָציאַליסטישע קינדער־רעפּובליק. אין יענעם אָוונט האָט זיך איבער די גאַסן פון געטאָ געצויגן אַ צוג פון 60 יוגנטלעכע מיט יידישע לידער פון זייער באַליבטער היים מארישין צום טרויעריקן לעבן אין געטאָ.

אין דעצעמבער־יאַנואַר 1940־41 פירן מיר דורך אַ גרויסע הילפס־זאַמל־אַקציע. איבער 2,000 מענטשן באַטייליקן זיך אין דער זאַמלונג און מיר האָבן צונויפגענומען 6,000 מאַרק. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ היפּשע סומע געלט.

פראָפעסיאָנעלע טעטיקייט

ביים אַריינקומען אין געטאָ הייבן מיר אָן צו אָרגאַניזירן די אַר־בעטער לויט פאַכן. אויפן גרויסן פּלאַץ לוטאָמירערסקא 13 זאַמלען זיך צונויף די אַרבעטער לויט זייער פאַכן און ס׳בילדן זיך אויס אַרבעטער־דעלעגאַציעס פון די געוועזענע פּראָפ.־טוער. אַ טייל דעלעגאַטן ווילן אויס די אַרבעטער אַליין, אַ טייל דעלעגאַטן באַשטימט רומקאָווסקי לויט זיין איינזען.

דער „בונד" האָט צווישן די אַרבעטער דעם גרעסטן איינפלוס. עס זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן דעלעגאַטן פון טישלער, מעטאַל, טאַ־פּעצירער, טעקסטיל, שניידער, בעקער, דרוקער און געוועזענע האַנדלס־אַנגעשטעלטע, עפּענטלעכע אַרבעטער און שוסטער. עס אַנטשטייט דאַן די פראַגע וועגן פאַראייניקן און צענטראַליזירן די אַרבעט פון די דעלעגאַטן.

פאַר די דעלעגאַטן שטעלן זיך פיל אויפגאַבן. אין געטאָ הערשן דאַן גרויסער הונגער און פולשטענדיקע אַרבעטלאָזיקייט, הגם פאַר געלט קריגט מען נאָך אַלץ צו קויפן. עס שאַפט זיך אַזאַ לאַגע, אַז אין געטאָ איז דאָ געגוג עסן, און 80 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג ליידט דאָך גרויסן הונגער. עס עקזיסטירט נישט קיין שום סאָציאַלע הילף. עס איז געבליבן בלויז אַזאַ אינסטיטוציע פון תומכי־אורחים, וואָס גיט אַרויס עטלעכע הונדערט זופּן אַ טאָג, אָבער די פילאַנטראָפּישע אינ־סטיטוציע קאָן נישט באַפרידיקן די אַרבעטער, וועלכע זיינען נישט געוואוינט צום שנאָרערישן סיסטעם, וואָס דאָרט איז געווען איינגעפירט.

די אַרבעטער־דעלעגאַטן הייבן אָן אַ קאַמף פאַר סאָציאַלער הילף, פאַר עפנטלעכע אַרבעטן, וואָס זאָלן זיי זיכערן אַ מינימאַלע עקזיסטענץ. אין חודש יוני קומט פאָר אַ גרויסער גאַסן מיטינג איינגעאָרדנט דורך דעם לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד", אויף דער מלינאַרסקא גאַס. אויפן מיטינג איז אַרויסגעטראָטן דער חבר שמעון באַרענשטיין, אַ זאָקן־אַרבעטער, אַ פאַרוואַלטונגס מיטגליד פון טעקסטיל פאַראיין. ער האָט אין זיין רעדע געבראַכט צום אויסדרוק די געפילן וואָס זיינען אַרויס־גערופן געוואָרן דורך הונגער און נויט, וואָס הערשט אין די אַרבעטער־שטובן. ער האָט פראָטעסטירט קעגן דער הפקרדיקער באַציאונג צו די אַרבעטער־פאָדערונגען און געפאָדערט צו עפענען אַרבעטער־קיכן, טיי־האַלעס, געבן אומזיסט מעדיצינישע הילף און אָרגאַניזירן עפנטלע־כע אַרבעטן.

די אויספירונגען פון רעדנער ווערן אונטערגעהאַלטן פון אַלע פאַרזאַמלטע און עס בילדעט זיך אויס אַ דעמאָנסטראַציע. דאָס איז געווען די ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג פון די אָרגאַניזירטע אַר־בעטער.

אויף די פיל ווענדונגען פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער קומט נישט קיין ענטפער. דער צאָרן און די פאַרביטערונג פון די מאַסן וואַקסט. עס קומען פאָר כסדרדיקע מאַסן־פאַרזאַמלונגען אויף לוטאָמיערסקא 13 און לאַגעווניצקא 32. עס קומט צו שאַרפע אַרויסטרעטונגען, עס בילדן זיך דעמאָנסטראַציעס קעגן רומקאָווסקין און זיין אַפּאַראַט. די אויפ־געבראַזטע אַרבעטער רייסן אַראָפּ די בענדער פון די געטאָ־באַאַמטע, צעשלאָגן די פּאָליציי און פאַריאָגן זיי פון די גאַסן.

די געשעענישן חזרן זיך איבער עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אין אָנהייב פון אויגוסט.

דעם 7טן אויגוסט באַוויזט זיך אין געטאָ דייטשע פּאָליציי מיטן קעטשל. זיי עפענען אַ שיסעריי און ס'פאַלן קרבנות.

די „שופּאָ" (דייטשישע שוץ־פּאָליציי) איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין געטאָ דורך רומקאָווסקין. רומקאָווסקי האָט אָבער דערזען, אַז דאָס גרינגשעצן די פאָדערונג פון די אַרבעטער קען פאַר אים ברענגען פאַ־טאַלע רעזולטאַטן, רופט ער צונויף אַ קאָנפערענץ פון די אַרבעטער־פאַרשטייער. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון אַלע פאַכן. פון אַלע אַרויסטרעטונגען האָט זיך אויסגעצייכנט די רעדע פון דער חברטע אסתר וויינבערג. זי האָט געשילדערט די נויט און פּיין אין די אַרבעטער־שטובן. זי וואַרפט רומקאָווסקין פאַר די שולד פאַר די געשעענישן אין געטאָ. זי באַשולדיקט אים אין אַריינברענגען די דייטשע פּאָליציי צו דערשטיקן די אומרוען, אנשטאט צו העלפן לינדערן דעם הונגער דורך עפענען געזעלשאַפטלעכע פאָלקס־קיכן און דורך אַ ברייטער סאָציאַלער הילף. זי דערקלערט, אַז די אַרבעטער וועלן נישט גיין אין די שנאָררישע אינסטיטוציעס פון דער גמינע, און זי פאָר־לאַנגט די פאָנדן און מיטלען פאַר הילף איבערצוגעבן די אַרבעטער־דעלעגאַטן. די רעדע פון דער חברטע אסתר האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. נאָך דער רעדע האָט געהערשט אַ לענגערע שטילקייט. אַלע זיינען געווען אונטערן טיפן איינדרוק פון אירע שילדערונגען און אויספירן.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין שפּיטאָל אויף לאַגעווניצקא 36. די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ זיינען געווען טויזנטער אומ־

זיסטע זופּן פֿאַר די אַרבעטער. עס ווערט אָרגאַניזירט אַ טיי־האַלע אויף פֿראַנטשישקאַנער 85. דאָס פֿאַרטיילן פֿון עסן איז איבערגעגעבן געוואָרן די אַרבעטער־דעלעגאַטן. די מיטאָגן ווערן אַרויסגעגעבן דורך די בונדישע און פּועלי־ציוניסטישע קיכן. אויסער דעם האָבן די אַרבעטער־דעלעגאַטן באַקומען צוגעטיילט אַ גרעסערע צאָל שפּייז פֿאַר אַרבעטער־קינדער. עס האָבן ערשט געמוזט קומען די געשעעניש און קרבנות כדי אַרויסצובאַקומען די מינימאַלע הילף.

עס הייבן זיך שוין אָן אין יענער צייט צו אָרגאַניזירן די רעסאָרטן־פֿאַבריקן. פֿאַר אַלע אַרבעטער איז קיין אַרבעט נישטאָ. די אַרבעטער דעלעגאַטן טיילן די אַרבעט צווישן אַלע אַרבעטער גלייך. צו צוויי און דריי טעג אַ וואָך.

די טישלער קריגן אַריין אַלט מעבל פֿון די יידישע וואוינונגען אין לאָדזש און פּראָווינץ. דאָס מעבל ווערט איבערגעאַרבעט און אַרויסגעפֿירט צוריק אין שטאָט.

די אַרבעטער דעלעגאַטן האָבן אין יענער צייט אַ דעצידירנדיקן איינפֿלוס אויפֿן לעבן אין געטאָ.

לײדער געלינגט אָבער נישט צו דערפֿירן צו אַ פֿולשטענדיקער אייניקייט פֿון די 3 אַרבעטער־גרופּירונגען — „בונד", יידישע קאָמוניסטן און פּועלי ציון. אַלע באַמיאונגען פֿון „בונד" צו דערפֿירן צו איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע ברענגען נישט קיין רעזולטאַטן.

נאָך לאַנגע קאָנפֿערענצן צווישן די גרופּירונגען געלינגט צו דער־גרייכן צו אַ פֿאַרשטענדיקונג צווישן דעם בונד און די „רויטע" (קאָ־מוניסטן). עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ געמיינזאַמע דעקלאַראַציע און ס'ווערט באַשלאָסן צונויפֿצורופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַרבעטער־דעלע־גאַטן מיטן ציל אויסצוווײלן אַן איינהייטלעכע פּראָפֿעסיאָנעלע אָנפֿירונג. עס זיינען שוין געווען אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו דער געמיינזאַמער קאָנפֿערענץ, אויסגעאַרבעט די טאָג־אָרדענונג, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָבן די קאָמוניסטן זיך צוריקגעצויגן.

די אַקטיוויטעט פֿון די אַרבעטער־דעלעגאַטן וואַקסט אָן אויפֿהער. אין דער טישלעריי „דרוקאַרסקאַ" ברעכט אויס אַ שטרייק, און ס'דער־גייט צו אַ שאַרפֿן צוזאַמענשטויס מיט דער יידישער פּאָליציי. רומקאָוו־סקי (דער פֿירער פֿון „יידן־ראַט") אָרגאַניזירט דאַן אַן איבערפֿאַל־קאָ־מאַנדאָ אונטער דער אָנפֿירונג פֿון קאָמיסאַר פּרענקעל. די קאָמאַנדאָ ווערט באַנוצט צו צעטרייבן אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען. ביים צוזאַמענ־

שטויס מיט די טישלער ווערן די לאָבוזעס שטאַרק צעשלאָגן און זיי ציען זיך צוריק. דער שטרייק דויערט אַ וואָך צייט. עס זענען דאָן אַרעסטירט געוואָרן אונדזערע חברים משה ספעקטאָר, מרדכי פאָגעל און מרדכי פייגנבוים. דער חבר וואָלף מיצנמאַכער איז אַזוי צעשלאָגן געוואָרן, אַז ער איז ערנסט קראַנק געוואָרן און וואָכן געלעגן צו בעט. דער שטרייק פון די טישלער האָט אויפגערודערט די גאַנצע געטאָ. טראָץ די פּראָוואָקאַטאָרישע שטיק פון רומקאָווסקי און זיין אַפּאַראַט; טראָץ די דראָאונגען, אַז די דייטשן וועלן זיך אַריינמישן, האָבן די אַרבעטער זיך נישט געבראָכן, און ערשט ווען די אַרבעטער־דעלעגאַטן האָבן באַשלאָסן איבערצורייסן דעם שטרייק, זיינען אַלע אַרבעטער געגאַנגען אָרגאַניזירטערהייט צוריק צו דער אַרבעט.

די שטרייקן טראָגן זיך איבער צו די שניידער, שוסטער און טעקסטיל. די פאָדערונגען זיינען: אנערקענען די אַרבעטער־דעלעגאַטן געוויילטע פון די אַרבעטער, מינימום לוינען, מעדיצינישע הילף, זופּן און ברויט ביי דער אַרבעט, טיילן די אַרבעט צווישן אַלע אַרבעטער וואָס געהערן צו דעם פאַך.

צום קאָמיטעט פון „בונד" ווענדן זיך וואָס אַמאָל מער אַרבעטער־גרופּן מ'זאָל זיי אָרגאַניזירן, העלפן. עס ווענדן זיך די טראַנספּאָרט־אַרבעטער, פליישער, שוחטים, גמינע אָנגעשטעלטע, שפּיטאָל־אַרבעטער. די אַרבעטס־רעסאָרטן צעוואַקסן זיך. ס'אַנטשטייען וואָס אַמאָל מער פאַבריקן און די עקזיסטירנדיקע ברייטערן זיך אויס. מיט דער צייט דערגרייכט די צאָל רעסאָרטן ביז 100 און אין זיי ווערן באַשעפטיקט ביז 60 טויזנט אַרבעטער.

אין 1942 ווערן געגרינדעט ספּעציעלע רעסאָרטן פאַר קינדער פון 10 יאָר. אויף לאַגעווניצקא 37 און לימאַנאָווסקעגא 25 זענען געווען 2 שניידער־פאַבריקן וואָס האָבן באַשעפטיקט ביז 1,000 קינדער פון 10—16 יאָר.

אין 1943 איז אין שניידער־רעסאָרט לאַגעווניצקא 37 אויסגעבראָכן אַ שטרייק פון די קינדער, וואָס האָט געדויערט 2 וואָכן.

לאַנג האָבן די דעלעגאַטן זייער אַרבעט נישט געקענט פירן. אַזוי ווי רומקאָווסקי האָט זיך וואָס ווייטער געפילט מער זיכער אין זאָטל. האָט ער שוין נישט קיין מורא פאַרן אויפברויז פון די מאַסן, ער פאַרווערט די טעטיקייט פון די דעלעגאַטן און לאָזט זיי פאַנאַנדער. עס הייבט זיך אָן אַ קאַמף פאַר איינהאַלטן די רעכט פון די אַרבעטער־פאַרשטייער.

לאָדזשער געטאָ אין ציפערן

דעם ערשטן מאַי 1940 ווערט אָפּגעשלאָסן דער אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג פון געטאָ. די פאָלקס־ציילונג, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען, האָט פעסטגעשטעלט די צאָל פון 157,560 יידן אין לאָדזש. פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און לוקסעמבורג, זיינען דער־נאָך געשיקט געוואָרן 18 טויזנט יידן. פון אַ ריי אַרומיקע שטעט און שטעטלעך ווי וולאָצלאַוועק, קאָוואל, טורעק, זיינען אין אָקטאָבער 1941 אַריינגעבראַכט געוואָרן ביז 5 טויזנט יידן.

אין יוני־יולי 1942 קומען ווידער אַריין אין לאָדזש יידן פון די קליינע שטעטלעך זד. וואָליאַ, בזשעזשין, אָזאָרקאָוו, שעראַדז א. אַ. עס קומען אַריין ביז 12 טויזנט יידן. אויסער דעם קומען אַריין פון די אַרבעטס־לאַגערן יידן וואָס זיינען נישט פעאיק צו דער אַרבעט, אין אַ צאָל פון אומגעפער 10 טויזנט. דורך דער גאַנצער צייט פון נאָכן אָפּשליסן די געטאָ איז אַריינגעקומען 47 טויזנט יידן. אומגעפער טויזנט קינדער זיינען געבוירן געוואָרן אין געטאָ. צוזאַמען איז אין לאָדזשער געטאָ געווען 205,560 יידן. דאָס זיינען ציפערן, וואָס זיינען מיר געבליבן אין זכרון.

פון 15 דעצעמבער 1941 ביז 12טן מאַי 1942 זיינען אַרויסגע־שיקט געוואָרן פון געטאָ קיין כעלמנאָ 56 טויזנט יידן. אין די ערשטע טעג אויגוסט האָבן די דייטשן אויסגעליידיקט די שפּיטעלער און אַרויס־גענומען אַרום 3000 קראַנקע, קינפּעטאָרינס און אַ טייל פון פּערסאָנאַל. דאָס איז אויך געגאַנגען נאָך כעלמנאָ. פון 5טן אויגוסט ביזן 13טן קומט פאָר אַן אַבלאַווע („שפּערע״) און די דייטשן פירן אַרויס 14 טויזנט יידן. שפּעטער, ביז צו דער ליקווידאַציע פון געטאָ, האָבן די דייטשן נאָך אַרויסגעפירט 1000 יידן קיין אוישוויץ און 225 אין אַן אַנדערע ריכטונג. פון די 1000 איז פאַרבליבן 7. 50 טויזנט זיינען געשטאָרבן אין געטאָ פון הונגער, שווינדזוכט, אָדער אומגעקומען פון די הענט פון די דייטשן (דערשאָסן אָדער געהאָנגען).

יוני־יולי 1944 הייבן די דייטשן אָן ליקווידירן די געטאָ און שיקן אַרויס 2000 מענטשן אַ וואָך. דורך דריי און אַ האַלב וואָכן שיקן זיי אַרויס 7 טויזנט מענטשן. די טראַנספּאָרטן גייען דורך קוטנאָ, קאָלאָ, אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. דעם 20טן יולי 1944 ווערט די אַקציע איבערגעריסן. אין געטאָ איז דאַן נאָך דאָ 68 טויזנט יידן.

אנהייב אויגוסט 1944 ווערט די געטאָ ליקווידירט און 67 טויזנט ווערן אַרויסגעפירט קיין אויסשוויץ און 500 אין אַן אַנדער ריכטונג. 500 בלייבן אין געטאָ. ביים ליקווידירן די געטאָ האָבן זיך אין געטאָ געפונען 8—7 טויזנט קינדער אונטער 10 יאָר.

דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן אין געטאָ

די ווירטשאַפטלעכע סיסטעם אין געטאָ איז געווען אַ מין קאָמור־נאַלע. ס'האָט נישט עקזיסטירט קיין שום פּריוואַט־אייגנטום. אַלץ האָט געהערט צו דער גמינע, ביי אונדז האָט עס געהייסן, אַז „אַלץ געהערט צו רומקאָווסקין"; רומקאָווסקי אין זיין גציעג נאָך פּאָפּולאַרי־טעט האָט אַלץ גערופן אויף זיין נאָמען. אַלע אינסטיטוציעס האָבן זיך גערופן: „באַנק דעם עלטסטן דער יידן ליטצמאַנשטאַט־געטאָ מרדכי חיים רומקאָווסקי", „אַרבעטס רעסאָרט דעם עלטסטן דער יידן ..." און אַזוי כסדר. קיין שום פּריוואַט־אייגנטום האָט נישט עקזיס־טירט. אַלע אַנגעשטעלטע און אַרבעטער האָבן געהערט צו „רומ־קאָווסקין" און זיינען געווען אַנגעשטעלט ביי דער געטאָ־מלוכה.

די קלאַסיפיקאַציע איז געווען לויטן אַמט, וואָס מען האָט פאַרנומען. די לוינען האָבן באַטראָפן פון 60 מאַרק אַ חודש — ביז 400. אַרבע־טער, וואָס האָבן געאַרבעט אויף אַקאָרד, פלעגן פאַרדינען ביז 100 מאַרק אַ וואָך. דער מינימום־לוין איז געווען 2.50 מאַרק אַ טאָג. קינדער האָבן פאַרדינט 7—8 מאַרק אַ וואָך.

ביז ענדע 1941 האָט דאָס געלט נאָך געהאַט אַ ווערט. מ'האָט נאָך געקאָנט וואָס קריגן. אַ ברויט אויפן שוואַרצן מאַרק האָט דאַן געקאָסט 10—15 מאַרק. אין 1944 האָט אַ ברויט שוין געקאָסט פון 500 ביז 1,500 מאַרק. אין דער צייט פון די אויסזידלונגען האָבן די פרייזן דערגרייכט זייער העכסטע הויך.

די רייכסטע יידן אין געטאָ (אויסער די מוסרים) זיינען געווען די, וואָס האָבן געאַרבעט ביים עסן. צו די בעסער־סיטואירטע האָבן גע־הערט די בעקער־אַרבעטער. זייער גאַנץ רייכטום איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן באַקומען אַ קילאָ ברויט מער אויסער דער נאָרמע.

רומקאָווסקי האָט איינמאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג דערקלערט: „איך בין אַ קאָמוניסט און פאַשיסט. ביי מיר איז נישט דאָ קיין פּריוואַט אייגנטום. אַלץ געהערט צו דער מלוכה. אָבער איך בין אַ פאַשיסט,

ווייל יעדער מוז אויספירן, וואָס איך באַפעל. מיר קען קיינער נישט קיין דעה זאָגן. איך האָב אַ שטאַרקע האַנט.״

געריכט

אין געטאָ האָט עקזיסטירט אַ געריכט, וואָס פלעגט משפטן די „פאַרברעכער״ און אויך פאַרהאַנדלען ציוויל־תביעות. פּרעזעס פון געריכט איז געווען דער ה׳ יאַקאָבזאָן.

אין געריכט איז געווען אַלץ איינגעאָרדנט ווי אין אַ מלוכה־אַנשטאַלט, מיט פּראָקוראָרן, ריכטער, בייזיצער, אַדוואָקאַטן. די ריכטער זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין ספּעציעלע בלאָ־ווייסע פּאַסן און ספּע־ציעלע היטעלעך. די שפּראַך אין געריכט איז געווען דייטש, יידיש, פּויליש.

דער העכסטער ריכטער איז געווען רומקאָווסקי אַליין. ווען אין געטאָ איז דער הונגער געוואָרן גרעסער, האָבן זיך גענומען מערן די צאָל גנבות. יעדן טאָג כאַפּט מען פרישע גנבים. די גרויסע גנבים קען מען נישט „פּאַקן״ אָבער מען כאַפּט די קליינע, וואָס גנבענען אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר קאַרטאָפל, און זיי פּילן אויס די פּראַצעסן. רומקאָווסקי באַשליסט דאַן צו מאַכן אַ שנעל געריכט וואו אין משך פון 24 שעה מוז אַרויסגעטראָגן ווערן אַן אורטייל. דאָס שנעל־געריכט האָט אַרויסגעגעבן הונדערטער אורטיילן פון 3 מאָנאַטן ביז 1 יאָר תּפיסה. אַט די הונדערטער וואָס האָבן פאַרפילט די תּפיסה זיינען געווען די ערשטע קאַנדידאַטן צו די שפּעטערדיקע אויסזידלונגען.

דאָס שנעל־געריכט איז ליקווידירט געוואָרן ווען זיין פּאָרזיצער איז געכאַפּט געוואָרן ביי אַן עבֿירה פון נעמען כאַבאַר. ער איז געוואָרן אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט.

רומקאָווסקי האָט געוואָלט, אַז דאָס געריכט זאָל איינפירן טויט־שטראָף. איינמאָל באַווייזט ער זיך מיט 2 דייטשן אין געריכט, רופט צונויף אַ זיצונג פון די ריכטער און פאַרלאַנגט מ׳זאָל איינפירן טויט־שטראָף. די 2 דייטשן, „אייגענע מענטשן״, האָלטן אונטער רומקאָווסקין. אויף דער זיצונג האָבן זיך אָבער געפונען עטלעכע מוטיקע מענטשן, וואָס האָבן אין דער אַנוועזנהייט פון די דייטשן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו מאַכן.

שפּעטער האָבן אונטער די דראָאונגען פון רומקאָווסקין אייניקע נאָכגעגעבן, אָבער 4 ריכטער און אַדוואָקאַטן זיינען געבליבן ביי

זייער איינשטעלונג און זיך נישט געבראָכן. רומקאָווסקי האָט זיי באַזייטיקט פון דער אַרבעט, פאַרבאָטן זיי צו געבן וועלכע עס איז באַשעפטיקונג.

דער קאָמיטעט פון „בונד" איז געקומען די דאָזיקע העלדן צו־הילף, און ווי גרויס עס איז דעמאָלט נישט געווען אונדזער מאַנגל אין מיטלען, האָבן מיר די 4 פאַמיליעס אונטערגעשטיצט אַ לאַנגע צייט ביז זיי האָבן באַקומען צוריק אַרבעט. אַ דאַנק זייער מוטיקער האַלטונג האָט רומקאָווסקי זיך פאַרט אָפּגעזאָגט פון איינפירן טויט שטראָף.

די נעמען פון די 4 זיינען: מרואווקא, ווייסקאָפּף, ניימאַן און וואָלק.

דער „בונד" איז געווען די איינציקע געזעלשאַפטלעכע גרופּע, וואָס האָט אונטערשטיצט די 4 ריכטער. דאָס איז געווען אַן איינציקער פאַל, ווען עס האָבן זיך געפונען יחידים, וועלכע האָבן זיך אויך קעגנגעשטעלט רומקאָווסקין.

שולן

אין געטאָ האָט עקזיסטירט ביז אָקטאָבער 1941 אַלגעמיינע שול־פּליכט. די שולן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אַזוי ווי פאַרן קריג. אויסער אונדזערע 2 שולן און קינדערהיים איז נאָך געווען טעטיק די פּועלי־ציוניסטישע שול. אַלע איבעריקע שולן זיינען געווען לויטן מוסטער פון די פּאָוושעכנע שולן. עס איז אין געטאָ געווען אַ גימנאַזיום־מיטל־שול און אַ לערער־סעמינאַר. די מיטל־שול האָט אויך אַרויסגעגעבן מאַטורעס (מיטל־שול דיפּלאָמען).

אין איינעם אַן אָוונט רופט רומקאָווסקי צונויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע לערער און דערקלערט, אַז פון מאָרגן אָן מוז די אָפיציעלע שפּראַך אין די שולן זיין יידיש. ווער עס קאָן זיך נישט צופּאַסן זאָל אַוועקגיין. די, וואָס וועלן זיך נישט צופּאַסן צו דער פאַראָרדנונג, וועלן באַשטראָפט ווערן.

ביי די לערער איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מהומה. אַז רומקאָווסקי זאָגט, איז נישטאָ וואָס צו צווייפלען אַז ער וועט האַלטן וואָרט. עס איז אָבער נישט געווען קיין מעגלעכקייט אַדורכצופירן אַזאַ נייס אין איין טאָג. דער גרעסטער טייל לערער האָט נישט געקענט קיין יידיש און עס זיינען אין די געטאָ־ציימן אין לאַנד נישט פאַרבליבן קיין שולביכער אין דער יידישער שפּראַך. איבערנאַכט האָבן די לערער זיך גענומען לערנען יידיש. עס ווערט איינגעאָרדנט אַ יידיש־קורס פאַר

לערער. צווישן אַנדערע שפּילט דאָרט אַ גרויסע ראָל אונדזער חבר משה וואַלמאַן. ער ווערט שפּעטער אַ לערער פון יידיש, יידישע ליטעראַטור אין גימנאַזיע.

יידיש ווערט די אָפיציעלע שפּראַך אין געטאָ. אַלע באַקאַנטמאַכונגען דערשיינען אין יידיש.

רומקאָווסקי איז געווען אַן אַלטער ציוניסט, אָבער ער האָט די פאָראָרדנונג אַרויסגעגעבן נישט ווייל ער האָט געביטן זיין איבערצייגונג, מסתמא האָבן פון אים דאָס פאַרלאַנגט די דייטשן.

געטאָ־צייטונג

נאָכן דערשיינען פון אונדזערע ביולעטינען האָט רומקאָווסקי זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף האָבן אַ צייטונג. ער גיט אַרויס אַ „צייטונג" אין יידיש אונטערן נאָמען „געטאָ־צייטונג".

די צייטונג דערשיינט איין מאָל אין וואָך. דער טעקסט איז אויסגעפּילט מיט באַקאַנטמאַכונגען און ליב־געזאַנגען פאַרן גרויסן „זשעני" און פירער — מרדכי חיים רומקאָווסקי.

די צייטונג איז דערשינען אַ לענגערע צייט און אויסגעגאַנגען נישט צוליב קאָנפיסקאַציעס אָדער מאַטעריעלע שוועריקייטן.

ווי אַזוי רומקאָווסקי איז געקומען צו דער מאַכט

דאָס וואָס ווערט ווייטער באַשריבן שטאַמט פון מאסגעבנדע פּערזאָנען. ווי נאָר די דייטשן זיינען אַריינגעקומען אין שטאָט האָט זיך באַוויזן אין דער יידישע גמינע אַן אָפיציר און געהייסן זיך צושטעלן די נעמען פון די געוועזענע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. אַזוי ווי די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַרעסטירן די סאָציאַליסטישע ראַטמענער פון שטאָט־ראַט און האָבן געזוכט די חברים אפרים זעלמאַנאָוויטש און פערגאַמענט און אַנדערע פאַרשטייער, האָט קיינער זיך נישט געמאָלדן. די דייטשן האָבן אָבער כסדר פאַרלאַנגט אַ פאַרשטייערשאַפט פון די יידן אויסצובילדן אַ יידן־ראַט.

עס האָבן זיך פאַרשטעלט 2 יידן (איינער אַ געוויסער יעלען, דעם נאָמען פון צווייטן ווייס איך נישט) און באַשלאָסן צו מעלדן זיך און מיטצונעמען דערביי רומקאָווסקין אַלס אויטאָריטעט. זיי האָבן זיך טאַקע געמאָלדן צום פּאָליציי־פּרעזידענט אַלס רעפּרעזענטאַנץ פון די יידן אין לאָדזש. דער פּאָליציי־פּרעזידענט האָט זיי באַשטימט צו

קומען אַ צווייט מאָל. רומקאָווסקי האָט דאָס אויסגענוצט און צום צווייטן מאָל איינער אַליין זיך געמאָלדן צום פּאָליציי־פּרעזידענט. דער־קלערנדיק, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס איז געבליבן פון די יידי־שע פאָרשטייער און ער איז גרייט איבערצונעמען די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר די יידן און זאָגט צו געטריי אויסצופירן אַלץ וואָס מ׳וועט פון אים פאַרלאַנגען. דער פּאָליציי־פּרעזידענט האָט אים אי־בערגעגעבן דעם אַמט פון „עלטעסטן פון די יידן אין ליטצמאַנשטאָט־געטאָ״.

שפּעטער, ווען די איבעריקע 2 יידן האָבן זיך געוואָנדן צו רומ־קאָווסקין וועגן גיין צום פּאָליציי־פּרעזידענט, האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט שוין די נאָמינאַציע באַקומען.

רומקאָווסקי האָט צו זיך צוגענומען אַ פּאָר אייגענע מענטשן און געבילדעט אַ ביירעט — פאַקטיש האָט דער ביירעט קיינמאָל נישט געהאַט קיין דעה.

דער ביירעט האָט באַקומען פאַר זיין געטרייע דינסט ספּעציעלע לעבנס־מיטל צוטיילונג. מיט דער צייט בויט זיך רומקאָווסקי אויס זיין אַפּאַראַט, וואָס העלפט אים צו פירן די מלוכה.

אַ מענטש פון אַ יאָר 65—70 האָט רומקאָווסקי אַרויסגעוויזן אומגעהויערע ענערגיע און אַקטיוויטעט אין דער צייט פון זיין הערשן. זיין מאַכט און די מעגלעכקייט צו רעגירן איבער 2 הונדערט טויזנט יידן האָט אים געגעבן אַזאַ באַפרידיקונג, אַז ער איז שטאַרקער און יינגער געוואָרן.

רומקאָווסקי האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט לאָדזש. ער איז געפאָרן קיין וואַרשע און געפּרוּווט אויך דאָרט ווערן אַ מאַכער. ער האָט געטרוימט צו ווערן דער אַפּאָטראָפּוס איבער אַלע יידן אין פּוילן. פון וואַרשע האָט מען אים אָפּגעזאָגט און ער האָט מער זיך דאָרט נישט געוויזן.

רומקאָווסקי גלייבט אין זיג פון היטלערן

אין די „גוטע צייטן״, ווען היטלער איז געגאַנגען באַרג אַרויף, האָט רומקאָווסקי פאַר זיינער אַ סעקרעטאַרין זיך פאַרטרויט: „איך האָב מיט יאָרן צוריק אָנגעשריבן אַ בוך וואָס איז ענלעך צום פירערס „מיין קאַמף״. היטלער וועט זיגן און דאַן וועט זיך שטעלן די אויפגאַבע צו לייזן די יידן־פראַגע. היטלער וועט דאַן אָפּגעבן ערגעץ אַ שטיק

לאַנד און דאָרט איינאָרדנען די יידן פון אייראָפּע. אַזוי ווי איך האָב אַ גוט אויג ביי גרייזערן (גאַאולייטער פון וואַרטעגאַו) און וועגן מיר ווייסט מען שוין אין בערלין, וועל איך באַקומען די מאַכט איבער אַלע יידן און דאָרטן איינאָרדנען אַ מוסטער מלוכה".

היטלער האָט פאַרשפּילט און דער סוף פון רומקאָווסקין איז געווען — די גאַז־קאַמערן פון אויסשוויץ.

געטאָ־געלט

רומקאָווסקי פירט איין יידיש געלט און ציט צוריק דאָס דייטשע געלט. עס דערשיינען 50 פעניג, 1 מאַרק, 2 מאַרק, 5 מאַרק, 10 מאַרק, 20 מאַרק און 50 מאַרק פּאַפּירלעך. קליינגעלט איז געווען 10 פעניג און 50 פעניג.

אַמטן אין געטאָ

די געטאָ האָט געהאַט פאָלגנדיקע אַמטן: פּאָסט, געריכט, תפיסה, פּאָליציי, זאָנדער־פּאָליציי, אפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג, טראַנספּאָרט (וועגן מיט פערד, האַנט־וועגעלעך, טראַמוויי), קוילן אָפּטיילונג, ווירטשאַפט, לאַנדווירטשאַפט, פינאַנץ, סטאַטיסטיק, באַנק, פילאַטעליסטישע, וואוי־נונגס אָפּטיילונג, בוי, איינקויף־שטעלע, קאַרטן, מעלדע ביוראָ, געּ־זונטהייטס אָפּטיילונג, וויסנשאַפטלעכע אָפּטיילונג, באַקליידונגס אָפּ־טיילונג.

אַרבעטס־רעסאָרטן אין לאָדזשער געטאָ

עס האָבן אין לאָדזש עקזיסטירט פאָלגנדיקע אַרבעטס־רעסאָרטן: 16 שניידערייען, 5 טישלערייען, 3 מעטאַל, 5 שוסטער, 6 וועש און קליידער, 1 היטלמאַכער, 1 זייגערמאַכער, 1 גאָלדשמיד, 3 זאָטלען־רעסאָרטן, 5 הויז־שיך, 1 האַנטשטיקעריי, 1 קונסט שטיקעריי, 1 שטרי־קעריי, 1 טעלעפאָן־אַפּאַראַטן, 1 עלעקטראָ־טעכנישע רעסאָרט, 1 הענטשקעפאַבריק, 1 טאַפּעצירער, 1 בערשטער, 1 גאַרבעריי, 1 פּאַסן און רימען, 1 ניי־מאַשין־רעפּעראַטור, 1 קירזשנער, 1 קאַרסעטן, 1 פע־דערן און פּוך, 1 קאָלדרעס, 1 צענטראַל־לאַגער פון אייזן און אַנדערע מעטאַלן, 1 רעסאָרט פאַר שריפטלעכע אַרבעטן (אויסצופילן שריפט־לעכע בויגנס וועגן קוילן־צעטיילונג פאַר דער דייטשער באַפעלקערונג), עטלעכע שטרוי־רעסאָרטן וואָס האָבן געאַרבעט שטרוי־שיך (אין צייטן פון הויך־סעזאָן זיינען דאָרטן געווען באַשעפטיקט ביז 5,000 מענטשן.)

די ערשטע קרבנות

דעם 5טן יולי 1940 אין אונט פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג אין געטאָ, אַז די דייטשן האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די רוסן, אַז די טעריטאָריע ביז לאָדזש וועט געהערן צו די דורך רוסלאַנד באַזעצטע געביטן.

די קלאַנגען פאַרשפּרייטן זיך זייער שנעל; די מענשן לויפן אַרויס אין די גאַסן, קושן זיך, טאַנצן. די פרייד וואַקסט אומגעהויער, די שטימונג איז אַ געהויבענע, אָבער מער ניכטערע מענטשן גיבן זיך אָפּ אַ רעכנונג, אַז דאָ שטעקט אַ פּראָוואָקאַציע. אַלע באַמיאונגען אין דער צייט צו באַרואיקן דעם אויפגערודערטן עולם גיבן נישט קיין רעזולטאַטן. עס ווערט דערקלערט מאָמענטאַל אַ „שפּערע" (אַ פאַרבאָט אַרויסצוגיין אין די גאַסן). איבערן געטאָ קענען זיך נאָר באַוועגן די יידישע פּאָליציי, וועלכע האַלט אונטער די קלאַנגען. ווער עס האָט געלאָזט די קלאַנגען צווישן די יידן, איז אויך שפּעטער נישט געלונגען פעסטצושטעלן. מען האָט נישט לאַנג באַדאַרפט וואַרטן און ס'איז געקומען די שטראָף. 4 וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן די דייטשן אַריינגעשאָסן אין געטאָ. טאָג טעגלעך זיינען געפאַלן קרבנות. די גרעסטע צאָל יידן איז דערשאָסן געוואָרן ביים עק פּאַדזשעטשנאַ-סטאַדאָלניאַנאַ, אונטערן אויסרייד, אַז די יידן דרייען זיך ביי די דראָטן. די געטאָ איז געוועזן גוואַלדיק טעראָריזירט. מ'האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס, ספּעציעל די וואָס האָבן געוואוינט ביי דער גרענעץ צווישן געטאָ און שטאָט.

נאָכן שליסן די געטאָ שמוגלען זיך אַרויס דורך די דראָטן פיל יידן און דעמאָלט פאַלן אויך אַ סך קרבנות. עס זיינען געווען אַזעלכע אויסוואורפן, וואָס האָבן אונטערגענומען זיך אַרויסצופירן פון געטאָ און אויף דער צווייטער זייט די יידן איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

אין איין נאַכט, דעם 30טן יוני אויף 1טן יולי, איז דערשאָסן געוואָרן ביים אַרויסגיין פון געטאָ 9 יידן. אַלע זיינען צוריקגעבראַכט געוואָרן אויפן געטאָ-בית-עולם.

ערשט אין אָנהויב אויגוסט האָט דאָס אַריינשיסן אויפגעהערט. אָבער פון צייט צו צייט זיינען געווען איינצלנע פאַלן; אַזוי איז אויף דער סמוגאָוואָ גאַס אין דעם גאָרטן וואָס האָט פריער געהערט צום מאַריאַוויטן קלויסטער, אַ יידישער אַרבעטער דערשאָסן

געוואָרן. ער האָט דאָרט שטענדיק מיט זיינע חברים אויסגעגאָסן אומריינקייט און איינמאָל אויספירנדיק זיין אַרבעט, איז ער געפאַלן פון אַ קויל. נאָך עטלעכע פאַלן איז געווען אויף די דרעווונאַווסקאַ־זשיטניע, און אין מארישין.

די קולטור־אַרבעט

ביים אַריינקומען אין געטאָ הייבן מיר אָן צוריק אויפבויען אונדזע־רע קולטור אינסטיטוציעס. מיר אָרגאַניזירן אַ קולטור־געזעלשאַפט, צו וועלכער ס'ווערט צוגעצויגן אַ גרופּע יידישע אינטעליגענץ. מיר שטעלן צוריק אויף דעם כאָר פון דער „קולטור־ליגע" אונטער דער ליייטונג פון געוועזענעם דיריגענט פון פאַרן קריג פּראָפ. טעאָדאָר רידער. מיר אָרגאַניזירן אַ ביבליאָטעק פון יידישע און פּוילישע ביכער. מיר אָרדנען איין אין זאַל אויף מיאָדאָווע 3 אַ פאָרלעזונג פון חבר וואָלמאַן וועגן יידיש אין געטאָ. די פאָרלעזונג ווערט באַגלייט מיט רע־ציטאַציעס פון אונדזער חבר וויינבערג פון פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". אויף דער פאָרלעזונג זיינען אנוועזנד געווען 500 באַזוכער. פיל זיינען אַוועק צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. דאָס איז געווען די ערשטע עפנטלעכע אונטערנעמונג אין געטאָ.

מיר שטעלן אויף די ספּאָרט־געזעלשאַפט „מאָרגענשטערן". אין געטאָ זיינען געבליבן די אינסטרוקטאָרן פון „מאָרגענשטערן" יעקל הילער, לעאָן קושמירערסקי און ח'טע פּעלא יאַקובאָוויטש. אין גאָר אַ קורצע צייט האָבן די חברים באַוויזן אויפצושטעלן אַ גרויסע אָרגאַני־זאַציע און אויף דער יובילעאום־פייערונג פון דער פּאַרטיי זיינען אַרויסגעטראָטן עטלעכע גרופּן.

די יוגנט און „סקיף" שטעלן אויף אַ דראַמאַטישע סטודיע, די מעדעם־שול און גראָסער־קינדערהיים האָבן געאַרבעט די גאַנצע צייט. אין די קיכן אונדזערע קומען טאָג־טעגלעך פאַר קלוב־אָוונטן פאַר די אַרבעטער פון די רעסאָרטן. יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט טרעפן זיך די אַרבעטער פון די רעסאָרטן אין די 2 קיכן, יעדן טאָג פון דער וואָך אַן אַנדערע גרופּע. די אַרבעטער פלעגן זיך אויסזעצן ביי די טישן, באַקומען אַן אָוונטברויט, אויסהערן די פּאָליטישע נייס און אַ פּראָגראַם פון רעציטאַציעס און לידער. מיטגלידער פון פאַך פלעגן אויספירן דעם פּראָגראַם. עס פלעגן ביי די צוזאַמענטרעפן אַרומגערעדט ווערן אויך פראַגן פון געטאָ, פון פאַבריק און וועגן די אַקציעס אויף די

רעסאָרטן. די קלוב־אָונטן זיינען געווען זייער פּאָפּולער ביי די אַרבעטער. עס זיינען אין משך פון דער וואָך דורך זיי אַדורכגעגאַנגען טויזנטער אַרבעטער. די קלוב־אָונטן האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע חדשים צייט ביז רומקאָווסקי האָט אָנגעהויבן די רעפּרעסיעס אויף אונדזער באַוועגונג.

אין 1940 האָבן מיר אויף אַ פייערלעכן אופן געפייערט דעם יובל פון אונדזער פּאַרטיי. אונטער דער שילד פון אַ קולטור־יום־טוב האָבן מיר איינגעאָרדנט אין גרעסטן זאַל פון געטאָ, קראַוויעצקא 3, אַ גרויסע קולטור־אַקאַדעמיע. מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ פּלאַקאַט אין שטאָט אויף יידיש, פּויליש, דייטש. דאָס פּראָגראַם איז אויסגעפילט געוואָרן דורכן כאָר אָנגעפירט פון פּראָפ. רידער; דורך דער טעאַטער־סטודיע, אָנגעפירט פון משה פּילאָווער און דורך די גימנאַסטישע גרופּן פון „מאָרגנשטערן", אָנגעפירט פון די חברים קושמירסקי און הילער.

צוליב דעם וואָס אַ גרויסע צאָל האָט נישט געקענט אַריין אין זאַל איז די אונטערנעמונג איבערגעחזרט געוואָרן די צווייטע וואָך. אויף ביידע צוזאַמענטרעפן זיינען געווען 1600 אנטיילנעמער. די שטימונג אין זאַל איז געווען אַ פייערלעכע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל נאָכן אויסברוך פון קריג ווי די גאַנצע באַוועגונג איז זיך צונויפגעקומען ביי אַזאַ גראַנדיעזער פייערונג. צוליב פאַרזיכטיקייט איז נישט געהאַלטן געוואָרן קיינע רעדעס. פאַר אַלעמען איז געווען באַוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר און וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די אונטערנעמונג טראָגט.

אין די שפּעטערדיקע צייטן האָבן מיר אין פּריוואַטע וואוינונגען ביי קלענערע צאָלן געפייערט פאַרשידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען און קולטור צוזאַמענטרעפן.

ערשטער־מאַי־פייערונגען

אונדזערע יום־טובים זיינען געווען — דער ערשטער מאַי און דער יובל פון „בונד".

דער 1־טער מאַי 1940 איז זיך צוזאַמענגעפאַלן מיטן טאָג פון שליסן די געטאָ. עס איז דאַן געווען אַ געדריקטע שטימונג — דעם ערשטן טאָג הינטער די דראָטן. מ'קאָן זיך שוין נישט פריי באַוועגן אין שטאָט. פאַר אַלעמען שטייט די פראַגע, צי וועלן מיר ביי די באַדינגונגען אויסהאַלטן.

אין דעם טאָג האָט דער קאָמיטעט פון „בונד" אָנגעזאָגט זיינע מיטגלידער, אַז היינט איז דער ערשטער מאַי: „זייט נישט פאַר־צווייפלט! לאָמיר אויסהאַלטן און איבערהאַלטן, לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען!" אַלע בונדיסטן, און צוקונפטיסטן האָבן אָנגעטאָן רויטע שלייפלעך און זיך באַגריסט מיט גוט יום־טוב. אין דערשלאָגנקייט איז דאָס געווען אַ בליץ פון האָפנונג — אַן אָנזאָג פון יענער־וועלט.

דעם 1טן מאַי 1941 פייערן מיר אויף צענדליקער גרופּן און פאַרזאַמלונגען. עס פאַרזאַמלען זיך די אַקטיוון פון די עלטערע און דער יוגנט. עס ווערט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס גייט אויף אַלע פאַרזאַמלונגען. אין די פאַבריקן ווערט די אַרבעט איבערגעריסן אויף אַ באַשטימטער צייט. מען שטייט ביי די מאַשינען און מען אַרבעט כמעט נישט. מען זינגט לידער, אַרבעטער־לידער, רעוואָלוציאָנערע לידער.

אין אָוונט דעם זעלבן טאָג האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ שפּאַציר אויף דער לוטאָמיערסקא גאַס. די גאַנצע באַוועגונג איז זיך דאָן צו־נויפגעקומען יום־טובדיק אָנגעטאָן מיט רויטע שלייפלעך און שפּאַצירט אַ האַלבע שעה צייט, ביז דער פּאָליציי האָט אָנגעהויבן אויפפּאַלן דער מאַסן שפּאַציר אויף דעם אָרט. אויסער די פאַרזאַמלונגען האָבן מיר איינגעאָרדנט באַנקעטן מיט אַ פייערלעכן פּראָגראַם.

ערשטער מאַי 1942 פאַלט אויס אין דער צייט פון די אויסזיד־לונגען. די שטימונג איז אַ געדריקטע. פיל פון אונדזערע חברים זיינען שוין ניטאָ. מיר פאַרשפּרייטן דאָן אַ געדרוקט צעטעלע אויף אַלע פאַבריקן מיט דעם אויפשריפט אויף פויליש און יידיש: „היינט איז דער ערשטער מאַי, אין 1942 ווערן מיר באַפרייט". אַזוי איז דאָך דאָן געגאַנגען די פּראָפּאַגאַנדע אין אויסלאַנד. מיר האָבן דאָס איבערגעגעבן די אַרבעטער אין שטאָט.

עס קומען פאָר פאַרזאַמלונגען פון באַזונדערע גרופּן. די אַרבעט אין די רעסאָרטן ווערט איבערגעריסן אויף אַ באַשטימטער צייט, נישט אומעטום אין דער זעלבער צייט. מיר נעמען אויך דאָן אָן אַ רעזאָלוציע.

ערשטער מאַי 1943: אין געטאָ איז דאָן פאַרהעלטנישמעסיק בעסער ווי אין די פריערדיקע צייטן, אָבער די שטימונג איז אַ גע־דריקטע ווייל מען זעט נישט קיין ענד. דער קריג פאַרציט זיך. מיר מאַכן פאַרזאַמלונגען, באַנקעטן, מען רעדט אויף די פאַבריקן וועגן ערשטן מאַי און די אַרבעט ווערט איבערגעריסן.

ערשטער מאַי 1944: מיר זיינען דורכגעדרונגען מיט טיפער איבערצייגונג, אַז דאָס יאָר קומט די ענד. היטלערן גייט בארג אַראָפּ. מ'פאַריאָגט אים פון אַפריקע, די אַליאירטע זיינען שוין אין איטאַליע, אין רוסלאַנד ליידן די דייטשן גרויסע מפלות. מיר פייערן דעם ערשטן מאי פול מיט האָפנונג אויף אַ גיכע באַפרייאונג. די צוזאַמענטרעפן זיינען פייערלעכע, יום־טובדיקע. עס ווערן דורכגעפירט גוט־באַזוכטע פאַרזאַמלונגען, פייערלעכע באַנקעטן. אַט די טראַדיציע האָבן מיר איינגעהאַלטן ביים גרעסטן הונגער. יעדער ברענגט מיט אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל מארמאלאד. מ'באַקט אַ קוכן פון קאַווע־מישונג מיט קאַר־טאָפל־שאָלעכץ שיין באַפוצט מיט בלימעלעך. ביי ווייסע טישן פראַווען מיר אונדזער יום־טוב באַגלייט מיט רעציטאַציעס, געזאַנג פון אונדזערע הייליקע לידער.

דאָס איז געווען דער לעצטער יום־טוב אין געטאָ.

בונדישע יובל־פייערונגען

אין 1940 האָבן מיר דורכגעפירט אַ גרויסע יובל־פייערונג — 43 יאָר „בונד”. איך האָב שוין די פייערונג טיילוויז באַשריבן אין די פריערדיקע בלעטלעך. דאָס איז געווען די ערשטע פייערונג אונדזערע אין געטאָ. זי איז דורכגעפירט געוואָרן מיט פיל געהויבנקייט. נאָך אַ יאָר נאָצי הערשאַפט האָבן מיר דערזען, אַז מיר זיינען נאָך גאַנץ, נישט פאַרלוירן דעם מוט און האָפנונג. מיר האָבן דורכגעפירט צענדלי־קער פאַרזאַמלונגען. אין די יובל־צוזאַמענטרעפן האָבן זיך באַטייליקט ביז 3,000 מענטשן.

גאָר פייערלעך זיינען אויסגעפאַלן די באַנקעטן. מיר האָבן אַלע פעקלעך פון אויסלאַנד איבערגעלאָזט צו די יובל־באַנקעטן. די שטי־מונג איז דאַן אַ געהויבענע און מונטערע און פול מיט אָפּטימיזם און גלויבן.

מיר שיקן איבער גרוסן צו אונדזערע חברים אין וואַרשע און דורך זיי צו אונדזערע חברים אין אויסלאַנד.

יובל 1941. די פייערונג קומט פאַר אונטערן צייכן פון קאַמף מיט רומקאָווסקין. מ'האָט שוין אונדז געהאַט צוגענומען אַלע אינסטי־טוציעס. דאָך איז אונדזער מוט נישט געבראָכן. מיר האַלטן זיך צוזאַמען, מיר גלייבן אין בעסערע צייטן.

יובל 1942. מיר זיינען אונטערן איינדרוק פון די אויסזידלונגען

און „שפּערע"־טעג, פיל חברים פעלן אונדז שוין. מיר האַלטן אָפּ אונדזערע יובל־צוזאַמענטרעפן אונטערן שווערן איינדרוק פון די פאַר־געקומענע געשעענישן.

יובל 1943. די לעצטע יובל־פייערונג אין געטאָ גייט אונטערן צייכן פון די געשעענישן אין וואַרשעווער געטאָ, און פון טרויער נאָכן טראַגישן טויט פון אונדזער חבר אַרטור זיגעלבוים.

אויף אַלע פאַרזאַמלונגען און צוזאַמענטרעפן, געווידמעט דעם יובל, ווערן איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט וועגן די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ.

מיר האָבן באַקומען אָט די אינפאָרמאַציעס פון אַ פאַמיליע טאָבאַ־טשניק, וואָס איז אַריינגעקומען אין לאָדזשער געטאָ פון וואַרשע פאַר אַ גרויסן פאַרמעגן וואָס זיי האָבן געגעבן די וואַרשעווער און לאָדזשער געסטאַפּאָ־לייט.

אונזערע טרויער־פייערונגען

מיר האָבן באַקומען אָט די אינפאָרמאַציעס פון אַ פאַמיליע טאָבאַ־פאַרשטאָרבענע פירער. וו. מעדעם, ב. מיכאַלעוויטש, י. כמורנער, י. ליכטענשטיין און די אומגעקומענע בעתן קריג, אַרטור זיגעלבוים, ה. ערליך, וו. אַלטער, נח און וו. קאָסאָווסקי.

צום יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין געטאָ האָבן די אַרבעטער אי־בערגעריסן די אַרבעט אויף אַלע פאַבריקן, לויט די אָנווייזונגען פון ראַדיאָ, אויף צען מינוט, געהאַלטן רעדעס און באַערט דעם אָנדענק פון די קדושים.

די אַקציע האָט אַדורכגעפירט נאָר אונדזער אָרגאַניזאַציע. די קאָמוניסטן זיינען געווען קעגן. אין די טעקסטיל־פאַבריקן האָבן די קאָמוניסטן נישט געוואָלט איבעררייסן די אַרבעט ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ „בונדישע אונטערנעמונג". אויסער עטלעכע קאָמוניסטן האָבן אָבער אַלע אויסגעפירט די פאַראָרדנונג פון בונד און אונדזער חבר גאָלדשטיין האָט דאָרט געהאַלטן אַ רעדע.

אויף אַלע פאַבריקן האָט מען בעת דעם איבעררייס גערעדט וועגן אויפשטאַנד אין געטאָ.

אויסער דעם זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען און אָקאַדעמיעס צו וועלכע עס איז געקומען אַ גרעסערע צאָל נישט קיין פּאַרטיי־מיטגלידער.

אַ שרעקלעכן איינדרוק האָט געמאַכט די ידיעה וועגן טויט פון

אונדזערע ליבע פירער ערליך און אַלטער. די ערשטע ידיעה האָט אונדז געבראַכט די דייטשע פּרעסע, שפּעטער דער „שוויט" און דאַן איז געקומען אַ ידיעה פון לאָנדאָן, וואָס האָט שוין זיכער באַשטעטיקט דעם גרויזאַמען מאָרד.

די קאָמוניסטן האָבן ביי אונדז נישט געגלייבט אין דער ריכטיקייט פון דער ידיעה און האָבן זיך פאַרענטפערט אַז דאָס איז דייטשע פּראָפּאַגאַנדע.

קריפּאָ

(קאָמיסאַריאַט פון דער קרימינאַל פּאָליציי אין געטאָ)

אין דער געוועזענער פּאַראַפיע אויף קאָשטשעלנא גאַס ביי אַלט־שטאָט האָט זיך געפונען איינע פון די שרעקלעכסטע אינסטיטוציעס, וואָס האָט דורך איבער 4 יאָר אָנגעוואָרפן אַ שרעק און מורא אויף די יידן אין געטאָ. דאָרטן אין דעם „רויטן הייזל" (אַזוי האָט מען עס גערופן) איז געזעסן אַ באַנדע מערדער. זי איז באַשטאַנען פון 6 דייטשן און אַ גאַנצן שטאַב יידישע מוסרים, וואָס האָבן טאָג־טעגלעך דורך דער גאַנצער צייט פון געטאָ געשלעפּט קרבנות צום טויט און שרעקלעכע יסורים.

דורכצוגיין דאָס שטיקל גאַס, וואו ס'האָט זיך געפונען דעם „גלחס גאָרטן", איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר. די מערדער פלעגן זיך אָפּט אָנשיכורן און אַרויסלאָזן זיך איבער די גאַסן שלאָגן, אַריינרופן די יידן אינעווייניק און זיי אויף אַ מערדערלעכן אופן צעשלאָגן.

די הויפּט־אויפגאַבע פון דער אינסטיטוציע איז געווען — מיט דער הילף פון די יידישע מוסרים אַרויסצושלעפּן פון די געטאָ־איינוואוינער דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן, וואָס יידן האָבן נאָך געהאַט באַהאַלטן. די יידישע מוסרים פלעגן אָנגעבן די אַדרעסן פון די אומגליקלעכע, און די דייטשן פלעגן דורך דער יידישער פּאָליציי אַרויסרופן די מענטשן צו זיך. ביי דער קריפּאָ (קרימינאַל פּאָליציי) איז געווען אָנגעשטעלט אַ ספּעציעלע יידישע פּאָליציי־אָפּטיילונג פון 6 מאַן, וואָס איז געווען באַשטימט אויף אויסצופירן די באַפעלן פון די דייטשן. יעדן אָוונט פלעגן די יידישע פּאָליציאַנטן פאַנאַנדערטראָגן 20—30 צעטלעך צו יידן, וואָס אויף זיי איז געווען אָנגעוויזן, אַז זיי האָבן פאַרשטעקט סחורות, צירונג, דייטש געלט און אַנדערע ווערטפולע חפצים. אויף צומאָרגנס 8 אינדערפרי האָבן זיך די אומגליקלעכע געמוזט צושטעלן.

באַלד אין זעלבן טאָג פלעגט זיך אָנהייבן די אויספאָרשונג. האָט ווער געהאַט עפּעס אָװעקצוגעבן, האָט מען פון אים פאַרלאַנגט מער. האָט ער נישט געהאַט וואָס צו געבן, האָט ער אויך באַקומען געשלאָגן. אַ גרויסע צאָל יידן איז אַזוי אַרום אומגעבראַכט געוואָרן.

אונטערשטיצונג

אין אָקטאָבער 1940, אומדערוואַרטעט פאַר אַלעמען, ווערט באַקאַנט געמאַכט אין געטאָ דורך רומקאָווסקין, אַז אַלע יידן וואָס אַרבעטן נישט וועלן באַקומען יעדן חודש אַ נאָרמאַלע אונטערשטיצונג: קינדער ביז 15 יאָר — 8 מאַרק אַ חודש, מענער און פרויען ביז 50 יאָר — 12 מאַרק אַ חודש, און עלטער פון 50 יאָר 15 מאַרק אַ חודש. די אונטערשטיצונג וועט צוגעשיקט ווערן דורך דער פּאָסט יעדן איינעם אין שטוב: צו אַ פאַמיליע פון 4 דערוואַקסענע מענטשן דאַרף אַריינקומען 48 מאַרק אַ חודש, און אויב ווער פון די פאַמיליע־מיטגלידער אַרבעט און פאַרדינט ווייניקער ווי 48 מאַרק, באַקומט די פאַמיליע דעמאָלט צוגעצאָלט די רעשט.

אין יענער צייט האָט 80 פּראָצענט פון די יידן געמוזט אָנקומען נאָך שטיצע. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער אַפּאַראַט פאַרן אַדורכפירן די אונטערשטיצונג אַקציע. דער אַפּאַראַט טראָגט דעם נאָמען „אונטערשטיצונג אָפּטיילונג פון די יידן אין ליצמאַנשטאַט־געטאָ". פאַר אַלעמען איז געווען אַ סוד וואו רומקאָווסקי האָט גענומען דאָס געלט. מען האָט דאַן גערעדט, אַז ער האָט באַקומען פון דריי ביז פינף מיליאָן מאַרק. די חודשלעכע אונטערשטיצונג פאַרן געטאָ האָט באַטראָפן איבער אַ מיליאָן מאַרק אַ חודש. עס איז געווען אַ קלאַנג אַז דאָס איז געלט פון „דזשאָינט". אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז געלט פון די יידישע שפּער־קאָנטעס אין לאָדזש וואָס האָבן באַטראָפן צו יענער צייט 10 מיליאָן מאַרק.

2 יאָר שפּעטער זיינען מיר געוואויר געוואָרן, אַז דאָס געלט האָט רומקאָווסקי באַקומען אויסגעבאַרגט פון דער „געטאָ־פאַרוואַלטונג" — אַן אַקציע־געזעלשאַפט פון די דייטשן צו עקספּלואַטירן די יידן און אָנצופירן מיטן ווירטשאַפטלעכן לעבן אין געטאָ. די אונטערשטיצונג־אַקציע האָט אָנגעהאַלטן ביז דער ערשטער אויסזידלונג. די וואָס האָבן נאָך דאַן גענומען אונטערשטיצונג זיינען געווען פון די ערשטע קרבנות אַרויסגעשיקט צו ווערן אין די גאַז־קאַמערן פון כעלמנאָ.

די אונטערשטיצונג האט אין יענער צייט אין אַ גרויסער מאָס געלינדערט די נויט. עס זיינען נאָך דעמאָלט געווען מעגלעכקייטן צו קויפן עסן, און נישט זייער טייער.

מיט דער צייט אָבער אַנטשטייען וואָס אַ מאָל מער פאַבריקן און אָפּטיילונגען. טויזנטער יידן ווערן באַשעפטיקט און במילא פאַרלירן זיי די רעכט אויף אונטערשטיצונג.

און ווען די אַרבעטסלאָזע ווערן גענומען צום אַרויסשיקן, ליקווידירט זיך כמעט אינגאַנצן די אָפּטיילונג. יעדער לויפט דאַן אין אַ רעסאָרט צו באַקומען אַרבעט און רעזיגנירט פון דער הילף.

רומקאָווסקיס קאַמף מיט די אַרבעטער

מיטן מאָמענט, ווען רומקאָווסקי באַקומט דאָס געלט צו פאַרטיילן די אונטערשטיצונג, ווערט זיין פּאָזיציע שטאַרקער. ער האָט שוין נישט מער קיין מורא זיך צו באַווייזן אין גאַס. ער פאָרט אַרום אויף זיין דראָזשקע אַליין אָן שום שוץ. די יידן מאַכן אים אָוואַציעס. ער האַלט רעדעס אין די גאַסן צום פאַרזאַמלטן המון, ער רופט ספּעציעלע מיטינגען פון דער יידישער באַפעלקערונג און ער הייבט אָן זיין קאַמף מיט די אַרבעטער־דעלעגאַטן. ער לאָזט פאַנאַנדער די אַרבעטער־דעלעגאַציעס, ליקווידירט די טיי־האַלע און באַגרענעצט וואָס אַ מאָל מער די טעטיקייט פון די געזעלשאַפטלעכע גרופּן.

דער „בונד" הייבט דאַן אָן אַ שאַרפן קאַמף קעגן רומקאָווסקין. אויף אַ צוזאַמענטרעף פון פאַרשיידענע פאַרשטייער, וואָס רומקאָווסקי האָט צוזאַמענגערופן, איז אונזער חבר לעדערמאַן אַרויסגעטרעטן מיט אַ שאַרפער רעדע קעגן רומקאָווסקין. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם פאַנאַנדערלאָזן די אַרבעטער־דעלעגאַציעס, פאַרלאַנגט אַ געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון גמינע־אַפּאַראַט, פאַראורטיילט די האַנדלונג פון רומקאָווסקי לגבי די שפּיטאַל־אַנגעשטעלטע. די שפּיטאַל־אַנגעשטעלטע זיינען אַרויס אין אַ שטרייק פאַר נישט לאָזן איינפירן 3 שיכטן אַנשטאָט 2. רומקאָווסקי האָט די אַרבעטערינס געשלאָגן, אַרויסגעוואָרפן די פאַמיליעס פון זייערע וואוינונגען, צוגענומען זייערע לעבנס־מיטל־קאַרטן און איינגעזעצט אין תפיסה.

די אַרויסטרעטונג פון חבר לעדערמאַן האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אין געטאָ. אין רעזולטאַט פון דעם קאַמף האָט רומקאָווסקי אָנגעהויבן שיטן מיט רעפּרעסיעס: ער באַזייטיקט אונזערע חברים

פון דער אַרבעט, ער נעמט אונז צו דאָס געוועלב, ער טרייבט אַרויס די יוגנטלעכע פון זייער קאָלאָניע אין מארישין, ער באַזייטיקט די לערער אונדזערע פון דער מעדעם־שול און שטעלט אָפּ די באַשפּייזונג פאַר דער גראָסער־קינדערהיים — די איינציקע אינסטיטוציע פון דעם כאַראַקטער אין געטאָ.

די לאַגע אין געטאָ איז דערווייל געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. עס האָבן זיך אויסגעלאָזן די זאַפּאַסן פּראָוויאַנט, וואָס איז נאָך מיט־געבראַכט געוואָרן פון שטאָט ביים אַריינקומען אין געטאָ. דער הונגער לאָזט זיך וואָס אַמאָל מער פילן. ס׳קומט אָן דער ווינטער — קיין ברען־מאַטעריאַל איז נישטאָ. מענטשן ליגן גאַנצע טעג אין די בעטן און גייען נישט אַרויס אין גאַס. די וואָס האָבן נאָך אַביסל מעבל, צעהאַקן דאָס אויף האָלץ אויף אָפּקאָכן עפּעס פאַר אַ קינד אָדער זיי פאַרקויפן עס כדי צו קויפן וואָס עסן.

רומקאָווסקי איז פאַרבליבן שטום און טויב צו די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. ער איז פאַרנומען מיט אויסבויען זיין „מלוכה״־אַפּאַראַט. ער פאַרגרעסערט די פּאָליציי, אָרגאַניזירט אַ געהיים פּאָליציי. ער פאַרענדיקט די תפיסה און עפנט דאָס געריכט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט משפּטן די געטאָ־„פאַרברעכער״.

מיר לאָזן דאַן אַרויס אַ ביולעטין צו דער יידישער באַפעלקערונג. מיר שילדערן די לאַגע אין געטאָ, די נויט, קעלט און הונגער. דער ביולעטין איז אויך פאַרזען מיט אילוסטראַציעס, וואָס ווייזן די טרויעריקע ווירקלעכקייט אין געטאָ.

מיר ברענגען אין דעם ביולעטין צום אויסדרוק די פאָדערונגען און פאַרלאַנגען פון די יידישע אַרבעטער.

1) אַ געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון דער גמינע.
2) צוריקשטעלן די אַרבעטער־דעלעגאַטן אין זייערע רעכט.
3) פאַרקלענערן דעם „מלוכה״־אַפּאַראַט.
4) פאַנאַנדערלאָזן די פּאָליציי.
5) אָפּשאַפן די ספּעציעלע לעבנס־מיטל־צעטיילונג פאַר די אויסדערווילטע יחידים.
6) גלייכע פאַנאַנדערטיילונג פון אַלע פּראָדוקטן.
7) פאַרגרעסערן די עפנטלעכע אַרבעטן.

דער ביולעטין האָט זיך זייער גוט פאַרשפּרייט אין געטאָ. עס איז

באַלד באַקאַנט געוואָרן אַז דער „בונד" גיט אַרויס אַ צייטונג. עס דערשיינען דער צווייטער און דער דריטער נומער.

רומקאָווסקי גיט אונדז צו וויסן דורך זיינע מענטשן, אַז ער וועט דאָס איבערגעבן דער געסטאַפּאָ, אויב מיר וועלן נישט אָפּשטעלן דאָס אַרויסגעבן די ביולעטינען.

מיר באַמיִען זיך צו שאַפן אַן איינהייטלעכן פראָנט מיט די רויטע און מיט די לינקע פועלי ציון. צווישן די לינקע פּ.צ. זיינען אָבער פאַראַן מענטשן וואָס שטייען גאַנץ נאָענט צו רומקאָווסקין. עס ווערט דעריבער געשאַפן אַ פאַרשטענדיקונג בלויז צווישן אונדז און די רויטע. אויף די פאַבריקן קומען פאָר פאַרזאַמלונגען, ס'ברעכן אויס שטרייקן.

אין חודש מערץ 1941 קומט פאָר אַ דעמאָנסטראַציע אויף מלינאַר־סקא גאַס. עס קומט פאָר אַ צוזאַמענשטויס צווישן אונדזערע חברים און דער פּאָליציי. די פּאָליציאַנטן ווערן פאַריאָגט פון די גאַסן. אין זעלבן טאָג אין אָוונט קומען פאָר אַרעסטן. עס ווערן אַרעסטירט די חברים רחמיאל וויינבערג, יאָסעק וויינבערג, הערש האָפמאַן, אייזענ־בערג, יאָסל פעלדמאַן, מענדל פעלדמאַן. אַ ריי חברים וועמען ס'האָט גע־דראָט אַן אַרעסט האָבן זיך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן. די אַרעסטירטע זיינען געזעסן 6 וואָכן אין דער תפיסה אויף טשאַרניעצקעגאָ. רומ־קאָווסקי האָט זיך געוואָלט אין זיי נוקם זיין און אַרויסשיקן פון געטאָ. מיר האָבן אים דאַן געגעבן אָנצוהערן אַז אין פאַל ווען ער וועט וואַגן וועמען פון די חברים אַרויסצושיקן, וועט ער טראָגן די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דעם פאַרברעכן, און אַז מיר וועלן נישט שווייגן. מיר האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט די חברים אַרויסצונעמען פון תפיסה. פסח 1941 האָט ער געגעבן אַן אַמנעסטיע און די חברים באַפרייט. זיי האָבן געמוזט אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז זיי וועלן נישט אָננעמען קיין שום אַרבעט אין געטאָ. די חברים האָבן אונטערגע־שריבן די פאַרפליכטונג נאָך אַ דערלויבעניש פון דער אָנפירונג.

די רעפּרעסיעס פון רומקאָווסקי הערן נישט אויף. בונדיסטן ווערן נישט צוגעלאָזט צו קיין אַרבעט און ווערן באַזייטיקט פון דער אַרבעט. צו אונדז דערגייען ידיעות, אַז רומקאָווסקי וויל צונעמען ביי אונדז די קיכן. מיר גיבן אים צו וויסן, אַז גוטוויליק וועלן מיר די אינסטיטוציעס נישט אָוועקגעבן און יעדער פּרוואו אונדז צו באַזייטיקן פון די אינסטיטוציעס וועט אָנטרעפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט פאַלן אויף אים. טאָג און נאַכט

האָבן די חברים באוואַכט די קיכן און געוועזן גרייט מיט זייער לעבן צו שיצן די אינסטיטוציעס. די דעצידירטע האַלטונג אונדזערע האָט געווירקט און רומקאָווסקי האָט זיך צוריקגעצויגן. דעם 11טן אויגוסט 1941 האָט רומקאָווסקי געשלאָסן אַלע געזעלשאַפטלעכע קיכן. אונדזערע חברים האָט מען באַזייטיקט פון אַלע אַרבעטן און אַ יאָר צייט איז פאַר זיי נישט געווען מעגלעך צו באַקומען קיין באַשעפטיקונג.

מיטן צונעמען די קיכן זיינען ליקווידירט געוואָרן די לעצטע עפנטלעכע געזעלשאַפטלעכע פלאַצוואָקעס אין געטאָ.

אין חודש פעברואַר 1941 קומט פאָר אויף לאַגעווניצקא גאַס, פאַרן הויז וואו רומקאָווסקי האָט געוואוינט, אַ קינדער־דעמאָנסטראַציע. עס פאַרזאַמלט זיך אַ גרויסע צאָל קינדער מיט אַ טראַנספּאַראַנט: „רומקאָווסקי, דו ביסט אונדזער אומגליק!" אַ סקיפּיסט האַלט אַ רעדע וועגן דער לאַגע פון די קינדער אין געטאָ, וועגן דער נויט, הונגער און גרויסער שטערבלעכקייט צווישן די אַרבעטער־קינדער. עס פאַרמירט זיך אַ צוג, ס'פאַלן אויס רופן און ווען דער צוג דערנעענטערט זיך צום באַלוטער מאַרק, ווערט ער צעטריבן דורך דער יידישער פּאָליציי.

דאָס אַרויסשיקן אויף אַרבעט

אין מאַי 1941 הייבט זיך אָן דאָס אַרויסשיקן פון געטאָ אויף אַרבעט. עס ווערן אַרויסגעהאַנגען פּלאַקאַטן וועגן צושטעלן זיך פרייוויליק. די משפחות פון די וואָס פאַרן אַוועק פרייוויליק, וועלן באַקומען 12 מאַרק אַ וואָך. פיל אַרבעטלאָזע פאַרשרייבן זיך אַוועקצופאָרן כדי צו העלפן די געבליבענע פרויען און קינדער. אויסער דעם שיקט רומקאָווסקי אַרויס די עלעמענטן וואָס זיינען פאַר אים נישט געוואונטשן. אויפן ערשטן אָרט גייען די טראַנספּאָרט־אַרבעטער, וואָס האָבן מיט אים געפירט אַ קאַמף פאַר דערלויבן זיי צו אַרבעטן ביי זייער פאַך. ער שיקט אַרויס אַ גרופּע גרינצייג־הענדלער, ביי וועמען ער האָט צוגענומען עטלעכע צענדליק טויזנט מאַרק צוזאָגנדיק זיי צו געבן די מעגלעכקייט צו האַנדלען מיטן גרינס, וואָס קומט אַריין אין געטאָ. עס ווערן אַרויסגעשיקט די „פאַרברעכער", וואָס האָבן געגנבעט אַ פּאָר קאַרטאָפל אָדער אַ ברעטל פון אַ פּלויט אָנצוואַרעמען אַ ביסל וואַסער פאַר אַ קינד. די טראַנספּאָרטן גייען אין גרעסטן טייל נאָך פּויזן.

צווישן פּויזן און בערלין בויען די דייטשן אָן אויטאָסטראַדע. צו די אַרבעטן האָבן זיי צונויפגענומען צענדליקער טויזנטער יידן פון

לאָדזש און פון דער אַרומיקער פּראָווינץ. פון אַ טייל יידן, וואָס זיינען שפּעטער צוריקגעקומען, איז מען געוואָר געוואָרן שרעקלעכע זאַכן, ווי אַזוי מ'האָט די מענטשן געפּייניקט. פון צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער זיינען אין 1942 אַריינגעשיקט געוואָרן קיין אויס־שוויץ אַ פּאָר הונדערט. דעם טראַנספּאָרט האָט מען גערופן 142,144 טויזנטער. זיי האָבן באַקומען אויסטאַטואירט אויף דער האַנט די לויף־נומערן וואָס האָבן שוין דערגרייכט ביז 142 און 144 טויזנט. דער גאַנצער וועג פון דער אויטאָסטראַדע איז דורכגעווייקט מיט יידיש בלוט. ביז צו דעם אַרבעטס־פּלאַץ האָבן די אַרבעטער געמוזט גיין 15 קילאָמעטער; זיי זיינען געקומען צום אַרבעטס־אָרט שוין מידע און שוואַכע. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. מ'האָט שרעקלעך גע־שלאָגן און עסן האָט מען נישט געגעבן. אויסער דעם האָבן די קאַפּאָס (אויפזעער איבער דער אַרבעט) געהאַט אַן אָנזאָג יעדן טאָג אַהיימ־ברענגען 30—20 יידן וויניקער. די קרבנות פלעגט דער קאַפּאָ אַליין אויסקלייבן. טויזנטער יידן זיינען דערשאָסן און געהאַנגען געוואָרן פאַר גיין שאַפן זיך עפּעס עסן, פאַר קלייבן אַ ביסל אָפּפאַל אין די מיסט־קאַסטנס. די דייטשן פלעגן פון צייט צו צייט אַריינשיקן אין געטאָ די שוואַכע און אומפעאיקע צו דער אַרבעט און פאַרלאַנגען געזונטע. די פאָדערונגען פון די דייטשן זיינען דורך רומקאָווסקי שטענדיק דערפילט געוואָרן אויף הונדערט פּראָצענט.

פיל מאָל האָבן די דייטשן געגעבן אַנצוהערן, אַז מען קען פאַר אַ באַשטימטן פּרייז אָפּשרייען די גזירה, האָט רומקאָווסקי דאָס אָפּגעוואָרפן.

די אַריינגעשיקטע אין געטאָ

אין אויגוסט 1941 ווערן אין געטאָ אַריינגעשיקט 2,000 פרויען, קינדער און אַ קליינע צאָל מענער פון וולאָצלאַוועק און קאָוואַל. מ'האָט זיי געכאַפּט, אַרויפגעפּאַקט אויף דער באַן, און אָן שום זאַכן, נאַקעט און באָרוועס, אַריינגעשיקט אין געטאָ. דאָס זיינען געווען די ערשטע קרבנות פון די „אויסזידלונגען".

אין אָקטאָבער קומען שוין אָן טויזנטער יידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און לוקסעמבורג. די יידן קומען מיט פיל זאַכן. די יידן פון אויסלאַנד האָבן זיך נישט געקענט צופּאַסן צו דעם ניוואָ פון געטאָ. זיי פּייניקט פיל שטאַרקער דער הונגער.

ס׳פאַרשפּרייטן זיך צווישן די געקומענע עפּידעמישע קראַנקייטן. זיי וואוינען אין קאָלעקטיוון, האַלטן זיך זייער שמוציק. די מערב־אייראָפּעאישע יידן האָבן נאָך ביז דאַן נישט געפּילט קיין הונגער; דער איבערגאַנג צום געטאָ לעבן איז געווען אַ צו שטאַרקער, און דאָס ווירקט אויף זיי פאַטאַל, זיי שטאַרבן אויס מאַסנווייז. מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו הונגערן דורך 2 יאָר. די יידן פון דייטשלאַנד זיינען אין גרעסטן טייל געווען עלטערע מענטשן, די יוגנט איז שוין נאָך פאַרן קריג אַנטלאָפן פון היטלער־טעראָר. עס טרעפן אויך פיל פאַלן פון זעלבסטמאָרדן צווישן די געקומענע. זיי ברעכן זיך איין גייסטיק.

מיטן אַריינקומען פון די יידן פון דייטשלאַנד און עסטרייך ווערט די פאַרפאָלגונג פון געטאָ ערגער. נישט נאָר וואָס עס איז פאַרגרעסערט געוואָרן די באַפעלקערונג אויף העכער 20 טויזנט מענטשן, נאָר די דייטשן שיקן נאָך ווייניקער פּראָדוקטן ווי פריער.

די רעלאַטיווע רואיקייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין געטאָ ביז דאַמאָלט, ווערט געבראָכן. ס׳פילט זיך אָן אומרואיקייט. מ׳פילט, אַז ס׳קומט וואָס שלעכטס. דער הונגער איז דער ערשטער פאַרשפּיל צו דעם. לאַנג האָט מען נישט געדאַרפט וואַרטן. נאָכדעם ווי מ׳האָט אַרויסגעשיקט 3,000 מענטשן אויף אַרבעט, טראָגן זיך קלאַנגען וועגן אַרויסשיקן 10,000 יידן מיט זייערע פאַמיליעס.

אָנהייב דעצעמבער ווערט שוין קלאָר, אַז רומקאָווסקי האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצושיקן 10,000 יידן. יעדן טאָג זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן 500—1,000 מענטשן.

ציגיינער־לאַגער

ענדע 1941 באַקומט די געטאָ אַ באַפעל: אויפן עק פון געטאָ, ביי דער בזשעזשינער גאַס — פון טאָוויאַנסקעגאָ ביז בזשעזשינער 100 אויסצובויען אַ לאַגער. די יידן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע וואוינונגען. דער גאַנצער קוואַרטאַל ווערט אַרומגענומען מיט אַ דרייפאַכיקער צוים פון שטעכיקע דראָט. צווישן איין צוים און דער צווייטער איז אויסגעגראָבן אַ טיפע ריוו וואו עס ווערט אָנגעגאָסן וואַסער.

אין געטאָ ווערן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָרט וועט זיין אַ ציגיינער־לאַגער פון 10,000 מענטשן. אין אַ שנעלן טעמפּאָ ווערט דער לאַגער פאַרטיק און אין איינעם אַ הערבסטיקן טאָג קומען אָן

עטלעכע טויזנט מענטשן — מענער, פרויען און קינדער מיט פעקלעך אויף די פלייצעס; זיי פילן אָן דעם צוגעגרייטן לאַגער.

באַלד צומאָרגנס הייבן זיך אָן טראָגן שרעקלעכע קולות, געוואַלדן, יאָמערלעכע געשרייען פון די הייזער.

פון די אָפענע פענצטער מיט אויסגעהאַקטע שייבן זעט מען די פרישע איינוואוינער, די קרבנות פון די נאַצי באַנדיטן.

עס איז ווינטער, עס שטייען גרויסע פרעסט; די מערדער האַקן אויס די שויבן אין אַלע פענצטער; זעלטן צו געפינען אַ פענצטער מיט אַ גאַנצער שויב.

יעדן אָוונט האָט מען געזען אויף בזשעזשינער גאַס אין דער ריכטונג צום ציגיינער־לאַגער פאָרן אַ בריטשקע אָנגעפּאַקט מיט שכורע דייטשן. דאָס האָבן זיי זיך געלאָזט אויף נאַכט אַרבעט צו די קרבנות.

באַלד נאָך דעם האָבן זיך געהערט געוואַלדן און געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן ווייט איבער די גאַסן פון געטאָ. אין דער פרי זיינען די מערדער צוריקגעפאָרן פון זייער אַרבעט פאַרשיכורט, צופרידן פון זייער מיסיע. אין דער זעלבער צייט, וואָס די בריטשקע האָט זיך געטראָגן איבער דער בזשעזשינער גאַס, איז פון ציגיינער־לאַגער אַרויס אַ גרויסער פראַכט־וואָגאָן פול מיט טויטע קערפּערס, באַדעקט מיט אַ פלאַכטע. פון דעם וואָגאָן האָבן זיך געטראָגן יאָמערלעכע קרעכצן פון די פאַרפייניקטע. די קרבנות זיינען באַגראָבן געוואָרן אויפן יידישן בית־עולם.

אין געטאָ האָבן זיך געטראָגן פאַרשיידענע קלאַנגען וועגן די איינוואוינער פון ציגיינער־לאַגער. טייל האָבן געהאַלטן, אַז דאָס זיינען טאַקע ציגיינער, אַנדערע האָבן געזאָגט אַז דאָרט געפינען זיך אונגאַרישע יידן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָרט זיינען פּאַרטיזאַנער מיט די פאַמיליעס — פון די באַלקאַן־לענדער.

צוויי וואָכן שפּעטער ברעכט אויס אין לאַגער אַ טיפוס־עפּידעמיע. פון איין זייט זיינען די דייטשן צופרידן, וואָס די פאַרניכטונג גייט שנעלער. קיין שום מעדיצינישע הילף ווערט נישט געגעבן. אָבער די טיפוס־באַקטעריעס זיינען אויסער די מאַכט־איינפלוסן פון דער געסטאַפּאָ. זיי דערקלייבן זיך צום שעף פון דער קרימינאַל פּאָליציי אין געטאָ: ער באַצאָלט מיטן לעבן. דאַן ווענדט זיך די דייטשע מאַכט צו די יידן אַריינצושיקן דאָקטוירים כדי אָפּצוהאַלטן די עפּידע־

מיע. עס מעלדן זיך פרייווילליק 2 יידישע דאָקטוירים צו דער אַר־בעט. זיי גייען אַריין אין ציגיינער־לאַגער. מיט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען ווידמען זיי זיך דער אַרבעט פון ראַטעווען די קראַנקע. איין דאָקטאָר דר. גלאַסער, שטעקט זיך אָן מיט טיפוס, און ער שטאַרבט אויף זיין פּאָסטן.

טאָג־טעגלעך גייען אָוועק פולע וואַגנס מיט טויטע פון לאַגער, אומגעקומענע פון טיפוס, געהאנגענע, צעממיתטע, צעשלאָגענע, מיט פאַרבלוטיקטע קערפּערס, דערהרגעטע מיט טעמפּע כלים.

אין מערץ אָדער אַפּריל 1942 (כ'געדענק נישט גענוי די דאַטע) פאַרלאָזן די רעשט געבליבענע ציגיינער דעם לאַגער און ווערן איבער־געשיקט אין די גאַז־קאַמערן פון כעלמנאָ.

דער לאַגער ווערט ליקווידירט. אין די געביידעס ווערן איינ־געאָרדנט שוסטער־פאַבריקן, שטרוי־פאַבריקן.

די מצוה צו ליקווידירן דעם לאַגער האָט איבערגענומען ברוך פּראַשקער. אין לאַגער איז געבליבן אַ גרויסער זאַפּאַס פון פּראָוויאַנט וואָס די דייטשן האָבן מורא געהאַט צוצונעמען צוליב געפאַר פון טיפוס. ברוך פּראַשקער מיט זיין באַנדע יידישע פּאָליציאַנטן האָבן דאָס צוגע־נומען פאַר זיך.

די אויסזידלונגען

(פון 15 דעצעמבער 1941 ביז 12 מאַי 1942)

אַלע קלאַנגען, וואָס האָבן אַנגעזאָגט גזירות פאַר דער געטאָ, פלעגן שטענדיק מקוים ווערן. עס איז נאָר געווען אַן אונטערשייד אין צייט. דאָס איז געווען אַן אויסגערעכנטע טאַקטיק צוצוגרייטן די באַפעלקע־רונג פון פריער צו די צרות, וואָס דאַרפן אָנקומען.

די זעלבע געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט ביי די אויסזידלונגען. עס איז געגאַנגען אַ פּראָפּאַגאַנדע פון מויל צו מויל, אַז מען דאַרף אַרויסשיקן 11 טויזנט יידן אויף לאַנד־אַרבעט אין וואַרטעגאַו אויפן אָרט פון די פּאָליאַקן, און אַז די מענטשן, וואָס וועלן פאַרלאָזן די געטאָ וועלן זיין גליקלעך.

דעם 15טן דעצעמבער 1941 איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט פון עטלעכע הונדערט מענטשן. דאָס האָבן געזאָלט זיין פאַרברעכער, גנבים, שמוגלער, אונטערוועלט־מענטשן א. אַ. אָבער אַ „פאַברעכער" אין געטאָ איז געווען אַזאַ איינער וואָס האָט

געגנבעט אַ שטיקל האָלץ פון אַ פּלויט, אַ מערל, אַ רעטעך, אַ ביסל שאָלעכץ פון קאַרטאָפל. אַ פאַרברעכער ביי רומקאָווסקין איז געווען דער, וואָס מ׳האָט געטראָפן ברענען די עלעקטריע נאָך 8 אָוונט; וואָס האָט געהאַט פאַרגעסן צו פאַרהענגען ס׳פענצטער אין אָוונט — די ליכט זאָל נישט אַרויסשיינען, אָדער וואָס האָט נישט גוט פאַרהאַנגען און געלאָזט אַז דורך אַ קליינע שפּאַרע זאָל זיך אַדורכרייסן אַ ביסל ליכט, און אַ יידישער פּאָליציאַנט זאָל דערפאַר מאַכן אַ שטראָף־מאַנדאַט פון 5 מאַרק. פאַרן „פאַרברעכן" האָבן נישט נאָר געליטן די באַטרעפנדיקע פערזאָנען, נאָר אויך די פאַמיליע. ווען אין איין שטוב האָבן געוואוינט עטלעכע פאַמיליעס, האָבן אַלע געמוזט טראָגן דעם גורל פון פאַר־משפטן: נעמען די פעקלעך, איבערלאָזן אַלץ, וואָס אין שטוב, אַרויס־געשיקט צו ווערן אין אַ נאָך דאָן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

רומקאָווסקי האָט צונויפגעשטעלט אַ גאַנצן אפּאַראַט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דעם אַרויסשיקן. עס ווערט געשאַפן אַן אויס־זידלונג־קאָמיסיע, אין וועלכער ס׳גייען אַריין פאָלגנדיקע פערזאָנען: אַדוואָקאַט יאַקובסאָן, פּרעזעס פון רומקאָווסקי געריכט, בלעמער, קאָ־מיסאַר פון דער אויספאָרשונג־פּאָליציי, אַדוואָקאַט נאַפּטאַלי, הויכער באַאַמטער פאַר ספּעציעלע ענינים, ברוך פּראַשקער, שלום הערצבערג — רומקאָווסקיס שטאַרקע האַנט, קאָמענדאַנט פון תפיסה אויף טשאַר־ניעצקעגאָ ראַזענבלאַט און נאָך אייניקע געטאָ־„פערזענלעכקייטן".

דער ערגסטער פון די אַלע איז געווען שלום הערצבערג, אַ באַלוטער אונטערוועלט־טיפ; ער פלעגט זאָרגן, אַז די אַקציע זאָל קלאַפּן און די טראַנספּאָרטן זאָלן אַרויס פּינקטלעך און וואָס אַ גרעסערער צאָל.

איך האָב אים איינמאָל געטראָפן אין מאַרישין ביי אונזערס אַ באַקאַנטן. עס איז געווען אַ גרויסער פּראָסט און די אַרויסגעשיקטע האָבן נאָך געמוזט גיין אייניקע קילאָמעטער צו דער באַן. פיל זיינען געפאַלן אויפן וועג און זיינען צוריקגעבראַכט געוואָרן טויטע אין געטאָ. דער פאַרשוין איז געווען גוט געשטימט, אויף אים האָבן די אַלע פאַקטן קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט. ער האָט זיך באַרימט, אַז די דייטשן האָבן אים געוואָלט מיטנעמען וויזן וואוהין די יידן גייען, נאָר רומקאָווסקי האָט נישט געלאָזט.

אויף מיין פראַגע, וואָס געשעט מיט די יידן, וואו קומען זיי אַהין, האָט ער מיר געענטפערט, אַז מען טאָר נישט זאָגן — „דאָס איז מיינס אַ סוד".

ער האָט זיך באַרימט, אַז די דייטשן האַלטן פון אים און האָבן צו אים גרויס צוטרוי.

איך פרעג אים — פאַרוואָס ?

— ווייל איך פיר אויס געניי, וואָס זיי פאַרלאַנגען פון מיר.

די חברטע פאָזנאַנסקאַ, וואָס איז געווען אַנוועזנד, פרעגט אים, פאַרוואָס ער שלאָגט די מענטשן, ספּעציעל פרויען. ענטפערט הערצ־בערג: איך מוז שלאָגן, אַז נישט—וועט די די אַקציע נישט קלאַפּן און איך וועל פאַרלירן דעם צוטרוי ביי די דייטשן.

הערצבערג איז געווען באַרימט אין געטאָ מיט נאָך איין זאַך. ער פלעגט זיך אַרויסלאָזן אין די גאַסן אויף אַבלאַוועס, ווי די דייטשע אויסוואורפן, לויט זייער מוסטער צונויפזאַמלען אַ פּאָר הונדערט מענטשן און אַוועקשיקן. די זיכערקייט פון קענען זיך באַוועגן פריי אין די גרענעצן פון געטאָ איז אויף אַ לענגערע צייט פאַרשוואונדן. דער סוף פון הערצבערגן איז געווען אַזאַ:

איינמאָל זיינען פאַרפאָרן צו אים די „קריפּאָ”, דורכגעפירט אַ געניע רעוויזיע און געפונען אַ ריזיקן אוצר פון פאַרשיידענע ווערט־זאַכן: גאָלד, וואַלוטע, לעדער, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, טייערע פוטערס, מאַנופאַקטור, ריזיקע זאַפּאַסן עסן. די דייטשן האָבן באַ־שולדיקט אים אין סאַבאָטאַזש, אין באַגנבענען די מלוכה. ער מיט זיין פאַמיליע ווערן מיט איינעם פון די טראַנספּאָרטן אַרויסגעשיקט פון געטאָ. די איבעריקע אויסגערעכנטע פאַרשוינען האָבן מאַראַליש אַנטשפּראָכן הערצבערגן און רומקאָווסקין.

אין דער גאַנצער צייט פון דער אויסזידלונג האָט די קאָמיסיע באַקומען גוט צו עסן, פון שענסטן און בעסטן. אין דער זעלבער צייט ווערט דער הונגער אין געטאָ וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער. ס'קומט שוין נישט אַריין קיין פּראָוויאַנט. די דייטשן שיקן אַריין אין גרעסערע סכומים בלויז קאָנסערווירטע בוראקעס, וואָס שטייען 10 יאָר און פערמענטירן שוין. דאָס איז דאָס איינציקע באַשפּייזונגס־מיטל. דער הונגער טרייבט פיל מענטשן פרייוויליק צום טויט. פיל מענטשן, וואָס קענען נישט אויסהאַלטן דעם הונגער, פאַרשרייבן זיך פרייוויליק אַוועק־צופאָרן.

די קאָמיסיע שיקט צו די, וואָס זיינען באַשטימט „אויסגעזידלט” צו ווערן, אַ צעטל מיט אַ טערמין פון 3 טעג זיך צוצושטעלן צום אַרויס־פאָרן. דער באַטרעפנדער האָט געהאַט אויך אַ מעגלעכקייט אַנצוגעבן

אַ ביטע וועגן באַפרייען. אין גרעסטן טייל זיינען באַפרייט געוואָרן די, וואָס האָבן געהאַט פּראָטעקציע ביי די מאַכערס. דער דורכשניט־לעבער אַרבעטער איז געפאַלן דער קרבן. פאַר אים איז נישט געווען ווער ס'זאָל זיך אָננעמען. און זיי האָבן אויסגעפּילט די טראַנספּאָרטן קיין כעלמנאָ.

ביי דעם, וואָס האָט זיך נישט געמאָלדן צו דער באַשטימטער צייט, ווערט צוגענומען זיין טייל לעבנס־מיטלען. אין קאָאָפּעראַטיוו, וואו דער באַטרעפנדער האָט באַדאַרפט אָפּנעמען די פּראָדוקטן, איז געקומען אַ וואָרנונג מער אים נישט אַרויסצוגעבן. לענגער ווי 8 טעג האָט מען נישט געקענט אויסהאַלטן. ווילנדיק נישט ווילנדיק האָט מען געמוזט פאַרלאָזן די געטאָ.

אין די ערשטע צייטן האָט מען די אַרויסגעשיקטע אויסגעטוישט זייער געטאָ־געלד אויף דייטשע מאַרקן. שפּעטער האָט מען נאָר געטוישט 50 מאַרק, און צום סוף — גאָרנישט.

די וואָס זיינען אַוועק, האָבן באַקומען אויפן וועג אַ ברויט מיט וואורשט, מאַרמעלאַדע און אַ זופּ ביי דער באַן.

די, וואָס האָבן זיך נישט צוגעשטעלט, האָט די פּאָליציי געזוכט און גערודפט בייטאָג און ביינאַכט.

אַרויסגעשיקטע בונדיסטן

דער ערשטער קרבן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע איז געווען די חברטע פּעפּי. זי איז געווען אַן אַקטיוויסטקע אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע און האָט מיטגעאַרבעט ביים אַרויסגעבן אונדזערע ביולעטינען; אַ קינד פון אונדזער מעדעם־שול, איז זי געווען אין סקיף. בעתן קריג איז זי אַריין אין דער יוגנט. זי האָט באַקומען אַ „חתונה־קאַרטל" — אַ צעטל צום אַרויספאָרן — פאַר איר, איר מוטער און ברודער. לויט די אָנגענומענע כללים האָט מען דאָן אַרויסגעשיקט „פאַרברעכער". מיר האָבן איר גוט געקענט און אויך די פאַמיליע און מיר האָבן געהאַלטן, אַז דאָ איז געשען אַ טעות. מיר האָבן פּרובירט אינטערווענירן ביים הער יאַקובסאָן, און ער האָט אונדז געענטפערט, אַז די מומע אירע, מיט וועלכער זיי וואוינען צוזאַמען, האָט געהאַט אַ שטראָף פאַר ברענען ליכט נאָך 8 אַזייגער אין אָוונט. ס'האָט נישט געהאָלפן קיין שום באַמיאונגען. די פאַמיליע איז אַוועק. מיר האָבן נאָך דאָן נישט געוואוסט, וואוהין די מענטשן גייען און וואָס געשעט מיט זיי.

די צווייטע פאַמיליע אונדזערע, וואָס איז אַוועק, איז געווען דער חבר זילבערשאַץ. צוליב דעם וואָס ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ בונדיסט, האָט ער נישט געקענט באַקומען קיין אַרבעט ביי זיין פאַך. און ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן, ווייל דער סובלאַקאַטאָר מיט וועמען ער האָט געוואוינט, האָט אויך געהאַט אַ קליינעם חטא.

ווייטער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דער חבר דוד ראָזענצוויג פאַר פאַרשפרייטן ראַדיאָ־ידיעות. דער חבר ראָזענצוויג איז געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פון יוגנט בונד „צוקונפט". עס איז אויך אַוועק די פאַמיליע קאָנסקער. דאָן איז שוין נישט געגאַנגען לויט די פאַרברעכנס, נאָר לויט ווי מען אַרבעט. ער האָט געאַרבעט אויפן גריג־צייג־פלאַץ. עס איז אַוועק חיים אייזענבערג. ער איז געווען אַן אַקטי־וויסט ביי דער יוגנט און אין מערץ 1940 איז ער געווען אַרעסטירט צו־זאַמען מיט אַ גרופּע בונדיסטן פאַר אנטיילנעמען אין אַ בונדישער דע־מאָנסטראַציע קעגן רומקאָווסקין. דערנאָך ניסל גאָלוש מיט דער פאַ־מיליע, אַ יוגנט־אַקטיוויסט. און אַזוי ווייטער און ווייטער.

די אַקציע ווערט אויסגעברייטערט

נאָכן אַרויסשיקן די ערשטע 10 טויזנט רופט רומקאָווסקי צונויף אַן „אסיפה" אין זאַל אויף קראַוויעצקא און האַלט אַ „גרויסע" רעדע. ער האָט ליב געהאַט נאָכצוטאָן דעם פירער און באַווייזן זיך פאַרן עולם מיט גרויסע רעדעס. די גאַנצע רעדע געדענק איך נישט, אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָס קאָן אונדז אינטערעסירן איז געווען פאָלגנדיקער אָפּזאַץ:

„אייגנטלעך האָב איך געקענט אָפּשרייען די גזירה, נאָר פאַר וועמען זאָל איך זיך איינשטעלן? ס'וועט זיין געזונטער פאַר אונדז, אַז מיר זיינען פטור געוואָרן פון די אויסוואורפן. אָבער אַ גנב האָט מזל. עס איז זיי נאָך בעסער ווי אין געטאָ."

ווייטער זאָגט ער:

— כ'בין דאָך אַ ייד. די דייטשן האָבן פון מיר פאַרלאַנגט 20 טויזנט, האָב איך אָפּגעהאַנדלט אויף 10 טויזנט. און מיט דעם ענדיקט זיך.

פאַקטיש האָט זיך עס ערשט אָנגעהויבן.

אַזוי האָט אונדזער מושל, וועלכער האָט פאַרן קריג זיך איזדיעקעוועט איבער די קינדער אין די יתומים־הייזער, אין טראַגישן

מאָמענט מאָראַליש באַליידיקט און באַשפּיגן די קרבנות, וואָס זיינען אַוועק פון אונדז אין די גאַז־קאַמערן פון כעלמנאָ.

אין די ווינאַכטן 1941 ווערט די אַקציע איבערגעריסן אויף עטלעכע טעג צוליב די חגאות. באַלד נאָך די חגאות הייבט זיך ווייטער אָן דאָס אַרויסשיקן. מען שמועסט וועגן 10 טויזנט, 20 טויזנט. פאַקטיש, ווייסט קיינער נישט. עס איז נישטאָ קיין אָפּהאַלט. נאָך די „פאַרברעכער" גייען די, וואָס נעמען אונטערשטיצונג. שפּעטער גייען די וואָס האַנדלען, שפּעטער די פרויען און קינדער, ווען מענער און טאַטעס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט נאָך דייטשלאַנד און האָבן באַקומען 12 מאַרק אַ וואָך. געדרופן האָט מען זיי — די מענטשן וואָס האָבן געגומען די 12ער מאַרקן.

אין פאַרשיידענע צייטן פון געטאָ פלעגן יידן, וואָס זיינען געגאַנגען אויף אַרבעט, צוריקקומען מיט דער האָפנונג, אַז זיי וועלן טרעפן זייערע נאָענטע. זיי האָבן קיינעם נישט געטראָפן: זיי זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן, ווייל דער טאַטע איז נישטאָ. ווען די רעזערוון האָבן זיך אויסגעלאָזט, איז געקומען די ריי אויף די נישט קוואַליפיצירטע אַר־בעטער פון די פאַבריקן.

אין דער לעצטער קאַטעגאָריע זיינען געווען די איינגעזידלטע אין געטאָ פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, לוקסעמבורג. צוערשט איז דערשינען אַ באַקאַנטמאַכונג, אַז דייטשע יידן, וואָס האָבן פאַרדינסטן און אויסצייכענונגען פון דער דייטשער אַרמיי, ווערן נישט אַרויסגעשיקט. אין 3 טעג שפּעטער איז די פאַראָרדנונג וועגן אויס־טיילן די פאַרדינטע אָפּגערופן. די לעצטע טראַנספּאָרטן פון דער אַקציע זיינען אַרויס צווישן 4טן און 12טן מאַי.

אין דער צייט פון דער אַקציע האָט איינמאָל רומקאָווסקי גערופן צו זיך דעם ראַבינאַט אויף אַן עצה. געענטי וואָס ער האָט דאָרט גערעדט, ווייס איך נישט און עס איז נישט געלונגען צו דערגיין. דאָס, וואָס מיר זיינען געוואויר געוואָרן, איז פאָלגנדעס: רומקאָווסקי האָט דערציילט, אַז ער פילט זיך שלעכט, אַז דאָס האַרץ טוט אים ווי און ער פרעגט ביי די רבנים אַן עצה, וואָס ער זאָל טאָן: איבער־געבן די דייטשן אָדער ער זאָל דאָס ווייטער מאַכן. „איך מאַך דאָך דאָס מיט רחמנות און די דייטשן וועלן דאָס טאָן מיט רציחה". דער ראַבינאַט האָט אים געגעבן די הסכמה, אַז ער זאָל ווייטער פירן די אַקציע און נישט איבערגעבן די דייטשן. שפּעטער האָט רומקאָווסקי

אויפן פאַרלאַנג פון די דייטשן אַרויסגעשיקט דעם גאַנצן ראַבינאַט. איניקע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און געבליבן ביז צו דער ליקווידאַציע.

פאַר אונדז האָט זיך געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס האָט רומקאָווסקי פלוצלונג גערופן די רבנים צו באַראַטן זיך? שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט וואו די מענטשן קומען אַהין, איז אונדז קלאָר געוואָרן דער זין פון דער באַראַטונג. שוין דעמאָלט האָט רומקאָווסקי געוואָלט האָבן פאַר זיין פאַרטיידיקונג אויף נאָכן קריג די הסכמה פון ראַבינאַט צו דער אַרבעט.

רומקאָווסקי פּרוואוט אַריינציען דעם בונד אין דער אויסזידלונג־קאָמיסיע

נאָך אַ מאָמענט וואָס איז אונדז געוועזן אויפּפאַלנד איז פאַלגנדיקער:

רומקאָווסקי מיט זיין קליקע איז געשטאַנען מיט אונדז אין אַ פאַרביטערטן קאַמף. פלוצלונג האָט רומקאָווסקי געשאַפן אַ נייע אויסזידלונג־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז ציוניסטן און געוואָנדן זיך צו אונדז דורך אַ פאַרמיטלער, אַז ער איז גרייט צוצולאָזן אונדזערן אַ חבר צו דער קאָמיסיע. מיר האָבן אָפּגעוואָרפן די ווענדונג. און דאַן האָט מען אונדז דערקלערט, אַז מען איז גרייט די פאַמיליעס פון די געזעלשאַפטלעכע גרופּעס צו באַפרייען. ווייזט אויס, אַז רומקאָווסקי האָט שוין דעמאָלט געוואוסט דעם גורל פון די אַרויסגעשיקטע און געוואָלט זיך שאַפן אַ פאַרטיידיקונג דורך דער הסכמה פון ראַבינאַט און דורך צוציען די פאַרטיי־פאַרשטייער צו דער אַרבעט. דאָס ערשטע איז אים געלונגען, דאָס צווייטע נישט.

צוזאַמען מיט דער טשעכישער גרופּע איז אויך אַרויס דער חבר באַנטשקאָווסקי, אַ צוקונפטיסט, לערער פון אונדזערע שולן אין דער צייט פון קריג.

דעם 12טן מאַי איז אַרויס דער לעצטער טראַנספּאָרט. דער סך־הכל: 56 טויזנט יידן זיינען אַרויס צו די גאַז־קאַמערן פון כעלמנאָ.

די געטאָ־באַפעלקערונג אָטעמט אַ ביסל אָפּ אָבער נישט אויף לאַנג.

קינדער שקלאַפן

שוין אין גאַנג פון דער אויסזידלונג האָבן די אַרבעטלאַזע זיך געריסן צו זיין באַשעפטיקט אין די רעסאָרטן. נאָך דער אויסזידלונג

מוזן שוין אַלע גיין אַרבעטן . קינדער פון 10 יאָר ווערן שוין באַ־שעפטיקט ביי אַלע צווייגן. אין די מעטאַל־ און האָלץ־פאַבריקן ווערן באַשעפטיקט טויזנטער קינדער פון 10—16 יאָר. פיל קינדער ייִנגער פון 10 יאָר שרייבט מען איבער אויף עלטער, און זיי גייען אין די פאַבריקן אַרבעטן.

אין אַ שיינעם זומער־טאָג קומט אַ נייע גזירה: אַלע קינדער פון 10 יאָר און די נישט באַשעפטיקטע מוזן זיך קומען רעגיסטרירן און צו ווערן געשטעמפּלט. דורך עטלעכע טעג איז אין דער געביידע מלינאַרסקא 36 געזעסן אַ דייטשע קאָמיסיע, וואָס האָט אונטערזוכט די רעגיסטרירטע און געמאַכט פאַרשיידענע צייכנס אויפן קערפּער — די אותיות פון דעם אַלפאַבעט. וואָס די צייכנס האָבן באַדייט, האָט מען נישט געקענט דערגיין.

רומקאָווסקי מיט דער דעמאָלטיקער שול אָפּטיילונג האָבן אין איין טאָג צונויפגערופן עטלעכע הונדערט קינדער אויף פראַנטישקאַנער 29 מיטן צוזאָג צו געבן אַרבעט. ווען די קינדער זיינען זיך צונויפגע־קומען, זיינען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דער יידישער פּאָליציי און אַוועקגעפירט געוואָרן צום שטעמפּלען. צום גליק איז פון דער גאַנצער אַקציע גאָרנישט געוואָרן. ווייזט אויס, די דייטשן האָבן אָפּגעלייגט די אַקציע אויף אויגוסט, אין גאָר אַן אַנדערער פאָרם. דאָס זיינען געווען די באַרימטע „שפּערע" טעג.

ידיעות וועגן דער אַקציע אין שכנותדיקע שטעטלעך

שוין לאַנג, ווי אין געטאָ האָט מען געשמועסט, אַז ס'דאַרפן אַריינקומען יידן מיט מאַשינען צו דער אַרבעט. רומקאָווסקי האָט שוין דאָס אין אַ רעדע געהאַט איבערגעגעבן, דראָענדיק די אַרבעטער, אַז אויב זיי וועלן נישט אַרבעטן, וועט ער אַהער ברענגען אַרבעטער פון אַנדערע שטעט. און די, וואָס זאָגן זיך אָפּ, וועט ער אַרויסשיקן.

אין חודש יולי הייבן אָן אַריינקומען יידן פון די קליינע שטעטלעך: בזשעזשין, זד. וואָליאַ, פּאַביאַניץ, בעלכאַטאָוו, טורעק, אָזאָרקאָוו. עס קומען אַריין ביי 10—12 טויזנט ייִנגע מענטשן, פרויען און מענער. די אַריינגעקומענע דערציילן שרעקלעכע זאַכן, ווי אַזוי די ליקווידאַציע איז דאָרט פאָרגעקומען.

אין די שטעטלעך זיינען די דייטשן דורך ספּעציעלע באַנדעס, ווי מ'האָט זיי גערופן ראָל־קאָמאַנדעס, אַריין אין שטעטל, צונויפגע־

טריבן די יידן אויף איין פּלאַץ (אין זד. וואָליא האָבן זיי דאָס געמאַכט אויפן בית־עולם) געשאָסן, געהרגעט, ראַבירט, דורכגעפירט די סעלעקציעס, די געזונטע אַריינגעפּאַקט צו 100—150 מענטשן אין אַ וואַגאָן, אָוועקגעשיקט קיין לאָדזש. פון זד. וואָליא אַליין, ביים אויסשטייגן, זענען אין 11 וואַגאָנען געווען 27 טויטע דערשטיקטע פון ענגשאַפט און מאַנגל אין לופט. די דייטשן האָבן די יידן געהאַלטן אין וואַגאָנען ביז 3 מעת־לעת אָן עסן, טרינקען און אַ מעגלעכקייט זיך צו דערליידיקן.

אין געטאָ זיינען די אַריינגעקומענע איינגעאָרדנט געוואָרן אין מאַרישין.

גלייכצייטיק האָבן די דייטשן דעמאָלט געפאָדערט מענטשן אויף אַרבעט פון געטאָ. רומקאָווסקי האָט טייל פון די אַריינגעקומענע צוריק אַרויסגעשיקט. די פרויען מיט די קינדער און עטלעכע מענטשן זיינען אַוועק נאָך כעלמנאָ.

עס ווערט באַקאַנט דער גורל פון די אַרויסגעשיקטע

מיטן אַריינקומען פון די נייע טראַנספּאָרטן יידן ווערט שוין קלאָר וואו די יידן קומען אַהין. פון 2 מענטשן ווערן מיר געוואר גענויערס וועגן קאָלאָ־כעלמנאָ.

ערשטנס האָט אַ ייד פון בזשעזשין געבראַכט אַ קאַרטל, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון גראַבאָוער רב, וואו ער גיט איבער, אַז ער האָט גערעדט מיט 3 יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון כעלמנאָ און האָבן אים איבערגעגעבן, וואָס דאָרט קומט פאָר. דאָס קאַרטל האָבן מיר באַקומען בעת אַ זיצונג פון קאָמיטעט. וואָס מיר האָבן דאַן איבערגעלעבט, איז שווער איבערצוגעבן. מיר האָבן דאַן שוין זיך אַלץ דערוואוסט.

מיר האָבן דעמאָלט באַשלאָסן: צוואויסן צו געבן רומקאָווסקין וועגן דעם, און גלייכצייטיק צוואויסן צו געבן די איבעריקע פּאַרטייען.

דער זין פון איבערצוגעבן רומקאָווסקין איז געווען, אַז ער זאָל מער נישט קאָנען זאָגן, אַז ער ווייסט נישט וואו די מענטשן קומען אַהין און אַז ער זאָל ביי אַ צווייטער אויסזידלונג נישט מיטהעלפן די דייטשן און באַמיען זיך אָפּצוקויפן די גזירה, אַ טאַקטיק וואָס רומקאָווסקי האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן.

מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן צום ציוניסט טאַבעקסבלאַט ער זאָל איבערגעבן רומקאָווסקין די אינפאָרמאַציעס. ער האָט דאָס

אויסגעפירט און שפעטער אונדז איבערגעגעבן, אַז רומקאָווסקי האָט שוין וועגן דעם געוואוסט אַ צייט פריער, פון אַנדערע קוועלן.

ביי דער געלעגנהייט האָבן מיר זיך אויך דערוואוסט, אַז דער פילאַנטראָפּ גערשאָווסקי האָט מיט 2 וואָכן פריער דערהאַלטן אויך אַ ידיעה פון זיינע 2 אַרבעטער פּאָליאַקן פון שטאָט, אַז יידן ווערן אומגעבראַכט אין כעלמנאָ.

די צווייטע גענויע אינפאָרמאַציע האָט אונדז איבערגעגעבן אַ חבר אונדזערער פון טורעק. ער האָט דורך זיין שוועסטער, וואָס איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט אַ פּוילישן פּאָטאָגראַפיסט פון קאָלאָ, איבערגעגעבן, אַז די יידן ווערן געבראַכט נאָך קאָלאָ. דאָרט ווערן זיי אַריינגעפּאַקט אין דער אַרטיקער שול, זיי ווערן אויף אויטאָס געבראַכט פון קאָלאָ קיין כעלמנאָ. דער פאַרניכטונגס־אַנשטאַלט געפינט זיך אין אַן אַרטיקן שלאָס. אין דער אומגעגנט געפינען זיך גרויסע וועלדער וואו די טויטע ווערן באַגראָבן. ער האָט אָנגעגעבן אַ צאָל אומגעבראַכטע, וואָס האָט געשטימט מיט דער צאָל יידן און ציגיינער, וואָס זיינען אַרויס פון לאָדזש.

ער איז געשטאַנען אויך אין גוטע באַציאונגען מיט אַ דייטשן אָפיציר, וואָס האָט אים אויסגעזאָגט דעם סוד.

האָבנדיק די אַלע אינפאָרמאַציעס, האָט זיך פאַר אונדז געשטעלט די אויפגאַבע דאָס צו באַזאָרגן קיין וואַרשע צו אונדזערע חברים. דער קאָמיטעט באַשליסט דאַן מיך צו שיקן קיין וואַרשע. פון לאָדזש זיינען דאַן אַנטלאָפן פיל יידן קיין וואַרשע מיט דער הילף פון דער געשטאַפּאָ פאַרן פרייז פון טויזנטער מאַרקן. דער אָרגאַניזאַטאָר פון די עקספּעדיציעס, דוד גערטלער, צו וועמען איך האָב זיך געוואַנדן דורך אַ פאַרמיטלער, האָט דאָס אָפּגעוואָרפן און מיך נישט געוואָלט מיטנעמען. דאַן האָבן מיר דאָס באַזאָרגט דורך אַ פרוי וואָלמאַן פון פּאָדזשעטשנאַ 7. זי איז דאַן אַוועק נאָך וואַרשע. זי האָט די ידיעות איבערגעגעבן אַזוי ווי מיר האָבן דאָס פון איר פאַרלאַנגט.

די אַרבעט צווישן די אַריינגעקומענע

צווישן די אַריינגעקומענע איז געווען אַ גרעסערע צאָל בונדיסטן. מיר האָבן אויפגעזוכט די חברים, געגעבן זיי הילף, באַזאָרגט מיט וואוינונגען, אַרבעט און מעדיצינישע הילף. מיר האָבן אויסגעבילדעט גרופּן לויט די שטעט און צוקאָאָפּטירט צום אַקטיוו צו איין פאַרשטייער

פון בזשעזשין, זד. וואָליאַ און בעלכאַטאָוו: פון בזשעזשין — דער ח' אברהם אפּאַטאָווסקי, געוועזענער ראַטמאַן אין בזשעזשינער שטאָט־ראַט; פון זד. וואָליאַ — ח' מאיר דייטש, און פון בעלכאַטאָוו — ח' יששכר פּזשיבילסקי. די חברים זיינען איינגעגלידערט געוואָרן אין אַלע קעמערלעך פון אונדזער באַוועגונג, אין די ראַיאָן־פאַבריקס־קעמערלעך, אין „צוקונפט" און „סקיף", און זיי זענען אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ וואַרעמער אַטמאָספער.

די פּאַרטיי־גרופּע פון זד. וואָליאַ האָט געציילט 26 חברים, פון בזשעשין 15, פון בעלכאַטאָוו 18, פון אַלע איבעריקע שטעטלעך זיינען געוועזן ביי אַ 30 בונדיסטן. צוזאַמען מיט פאַמיליעס ביז אַ 150 מענטשן.

נייע עוואַקואַציע. שפּיטאָלן

ענדע יולי 1942 הייבן זיך ווידער אָן ציען איבער דער געטאָ שוואַרצע וואָלקנס. מ'ווייסט נישט גענוי וואָס דאַרף קומען. פאַר אַלעמען שטייען נאָך די גרוילן פון דער אויסזידלונג און די שרעק־בילדער, וועגן וועלכע די יידן פון די קליינע שטעטלעך האָבן דערציילט ערשט. עס טראָגן זיך שוין ווידער טרויעריקע קלאַנגען, אַז עס דאַרף וואָס קומען. מען רעדט וועגן פרישע 20 טויזנט קרבנות, אָדער וועגן דער עוואַקואַציע פון קינדער און עלטערע מענטשן. די שטימונג איז יעצט אַ מער טרויעריקע, ווייל מען ווייסט שוין דעם גורל פון די וואָס פאַרלאָזן אונדז. עס שטעלט זיך די פראַגע צי וועט רומ־קאָווסקין געלינגען אַליין אַדורכצופירן די אַקציע.

לאַנג האָט מען נישט באַדאַרפט וואַרטן.

דעם ערשטן אויגוסט 1942, 5 פאַרטאָג, זיינען צוגעפאָרן צו די שפּיטעלער אין געטאָ ריזיקע לאַסט־אויטאָס, מיט אָנהענגערס, באַ־גלייט מיט ספּעציעלע שומרים. זיי האָבן אַרויפגעפּאַקט די קראַנקע אויף די וועגענער, קינפּעטאָרינס מיט די עופהלעך, שוואַנגערע פרויען, אַ טייל פון פערסאָנאַל, און אַוועק מיט דעם רויב אין דער ריכטונג פון כעלמנאָ.

פאַרטאָג, ווען די אַרבעטער זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָבן די לעצטע אויטאָס, אָנגעפּאַקט פול מיט קראַנקע, פאַרלאָזט די געטאָ. אין די שפּיטאָלן האָבן זיך דעמאָלט געפונען ביי אַ 3,000 מענטשן.

די שפּיטאָלן האָבן זיך געפונען אויף לאַגעווניצקאַ 36, דרעוו־

נאָווסקא 77, דוואָרסקא 76, מיצקעוויטשא 7, ווענסאָלא 15. די שפּיטאָלן זיינען אין גרעסטן טייל געווען מיט לונגען קראַנקע צוליבן הונגער.

ווען די זאַך האָט זיך פֿאַנאַנדערגעטראָגן איבערן געטאָ זיינען די קרובים געקומען צו לויפן צו די שפּיטאָלן, אָבער אַנשטאַט זייערע נאָענטע האָבן זיי געטראָפן ליידיקע זאַלן מיט ליידיקע בעטלעך. ביי די טויערן איז געשטאַנען פּאָליציי און די פֿאַרזאַמלטע פֿאַנאַנדערגע־טריבן.

אַ קליינע צאָל, וואָס האָט זיך געראַטעוועט דורך שפּרינגען פֿון די פֿענצטער, האָט די יידישע פּאָליציי שפּעטער אויפֿגעזוכט: זי האָט געמוזט צושטעלן די אַנגעגעבענע צאָל קראַנקע אין די שפּיטעלער. פֿאַר די, וואָס מ'האָט נישט געקענט געפֿינען, האָט מען גענומען פֿאַ־מיליע־מיטגלידער, אָדער אַנדערע קראַנקע, וואָס האָבן ערשט באַדאַרפֿט אַנקומען אין שפּיטאָל זיך היילן.

צווישן די געראַטעוועטע איז געווען אונדזער חברטע שרה זילבער־בערג, די פֿרוי פֿון חבר פּישל. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון ערשטן שטאָק און אין איין העמד באַהאַלטן זיך ביי אונדזער חברטע בערקאָ־וויטש, וואָס האָט געוואוינט נישט ווייט פֿון שפּיטאָל, אויף מיצקעוויטשא. מיר האָבן די חברטע שפּעטער אויסבאַהאַלטן און געהיילט געהיים. זי איז געבליבן אין געטאָ ביז אויגוסט 1944, ביז צו דער ליקווידאַציע. דאָס איז געווען דער ערשטער פֿאַל ווען די דייטשן פֿירן אַליין אַדורך אַן אַקציע אין געטאָ.

צו דער געשיכטע שפּיטאָלן איז נאָך ווערט צוצוגעבן פֿאָלגנדיקעס: געוויסע דייטשן, וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט די פֿאַבריקן, ספּעציעל דער פֿאָרשטייער ביי די טישלערייען, קעלער, האָט פֿיל מאָל געוואָרנט רומקאָווסקין, אַז ער זאָל אין די שפּיטעלער איינאָרדנען אַרבעטס־רעסאָרטן. די דייטשן וועלן נישט טאָלערירן, אַז אין די שענסטע געביידעס אין געטאָ זאָל זיך געפֿינען שפּיטעלער פֿאַר יידן. אייניקע יידן האָבן אויך געראַטן רומקאָווסקין נישט צו פֿירן מלחמה מיט קעלערן, נאָר איינאָרדנען שפּיטאָלן אין אַנדערע נישט רעפּרעזענטאַטיווע געביידעס. רומקאָווסקי האָט נישט נאָכגעגעבן און דאָס האָט געקאָסט דער געטאָ 3000 קרבנות.

די גזירה אויף קינדער און אַלטע לייט

נאָכן אויסליידיקן די שפּיטאָלן טראָגן זיך עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז יעצט איז די ריי אויף די קינדער ביז 10 יאָר און עלטערע מענטשן

פון 60 יאָר. אין איינעם אָן אָוונט אין די ערשטע טעג פון אויגוסט ווערט אין געטאָ שוואַרץ. די אַטמאָספער איז אָנגעשטרענגט. אויפן באַלוטער מאַרק זיינען פאַרזאַמלט די פּני פון שטאָט. מען באַראַט זיך, מען סודעט זיך. אייניקע דערציילן, אַז זיי האָבן געזען דעם „גדול", יענעם „גדול", מיט פאַרוויינטע אויגן, און אויב „זיי" וויינען שוין, מוז שוין זיין גאָר שלעכט, עס קומט שוין אַ גזירה, וואָס רירט אָן די אויבערשטע פאַר צענדליק.

די דוואָרסקא גאַס, וואָס נעענטער צום באַלוטער מאַרק, איז פול מיט מענטשן. גרופּן שפּאַצירן הין און צוריק און וואַרטן אפשר וועט מען וואָס דערגיין פון די באַראַטונגען אויפן באַלוטער־רינג.

ביז שפּעט אין אָוונט האָבן זיך מענטשן געדרייט אויף זאַווישע, דוואָרסקא, לאַגעווניצקא.

דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען דאָס מאָל מיט גאָרנישט. צומאָרגנס שטייגט די דענערווירונג, די שפּאַנונג וואַקסט אומגעהייער, אין די פאַבריקן זיצט מען ביי די מאַשינען און מען אַרבעט נישט, אַלע טראַכטן און זאָרגן: וואָס קומט דאָ ווידער אויף אונדז!

אין אַ שיינעם אויגוסט־טאָג, דוכט זיך דעם 3טן, האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן אין שטאָט, אַז רומקאָווסקי וועט האַלטן אַ רעדע אויפן גרויסן פּלאַץ לוטאָמיערסקא 13. די אַרבעטער פאַרלאָזן די פאַבריקן. פאַר דער באַשטימטער צייט פאַרזאַמלען זיך טויזנטער מענטשן אויפן פּלאַץ און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער רעדע. יעדער האָט דערוואַרט, אַז רומקאָווסקי וועט קיין גוטס נישט ברענגען. אָבער דאָס, וואָס איז געשען, האָט איבערשטיגן אַלע פאַראויסזאָגונגען.

5 אַזייגער איז אָנגעקומען רומקאָווסקי אין זיין דראָזשקע אין באַגלייטונג פון זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער.

ער לאָזט זיך צו דער טריבונע און אין די ערשטע סעקונדן פאַלן די ווערטער: „מאַמעס און טאַטעס, גיבט אַוועק די קינדער". קיינער וויל נישט גלייבן זיינע אויערן. אָבער רומקאָווסקי חזרט איבער די ווערטער: „מאַמעס און טאַטעס, גיבט אַוועק אייערע קינ־דער!" די ריזיקע טויזנט־קעפּיקע מאַסע לאָזט אַרויס אַ שרעקלעך געוויין, מען הערט שוין נישט דאָס רעדן. דאָס געוויינען און ספּאַזמירן פון פרויען און מענער טראָגט זיך איבער אין די אַנדערע גאַסן, און די גאַנצע שטאָט טראָגט פאַנאַנדער שנעל ווי אַ בליץ די ווערטער: „מאַמעס, גיט אַוועק אייערע קינדער". די דייטשע פּאָסטנס ביי די דראָטן קוקן זיך צו צו דעם בילד, זיי שטייען און קוקן אַריין אין געטאָ,

אָדער זיי ווייסן, אָדער נישט, וואָס דאָ קומט פֿאָר. איין גרויס געוויין טראָגט זיך איבערן גאַנצן געטאָ. די מאַסע צעגייט זיך. רומקאָווסקי רעדט נאָך, קיינער הערט אים שוין נישט. דאָס שרעקלעכסטע איז געשען. נאָך אים רעדט נאָך דוד וואַרשאַווסקי, ער חזרט איבער דעם „אַלטנס" רייד און גיט צו: „גיט אַרויס די קראַנקע און עלטערע מענטשן! און מיר וועלן געראַטעוועט ווערן!"

צומאָרגנס נעמט זיך די יידישע פּאָליציי צו דער אַרבעט. זיי פֿאַרפֿאָרן מיט וועגענער צו פֿאַרשיידענע הייזער, שליסן אָפּ די טויערן און גייען פֿון שטוב צו שטוב צו נעמען די קינדער. די מאַמעס שטעלן אַ ווידערשטאַנד. דער יידישער פּאָליציי האָט מען צוגעזאָגט נישט צו רירן זייערע פֿאַמיליעס, כדי זיי זאָלן אַדורכפֿירן דאָס צורויבן די קינדער. 2 טעג דויערט די אַרבעט פֿון דער יידישער פּאָליציי. די דייטשע געטאָ־פֿאַרוואַלטונג וואָס איז געווען פֿאַראינטערעסירט, אַז די אַקציע זאָל אַדורך רואיק, פֿאָלגט נאָך דעם גאַנג פֿון דער אַקציע. אין איינעם אַן אָוונט באַווייזט זיך דער באַנדיט ביבאָוו, דער שעף פֿון דער געטאָ־פֿאַרוואַלטונג, אויף דרוקאַרסקאַ, לאַגניטשאַ און דערקלערט צו די יידישע אָנפֿירער, אַז אויב עס וועט אַזוי ווייטער גיין וועט זיין שלעכט. ער זאָגט צו צו נעמען אין שוץ אַ ביסל יידישע קינדער אויב די אַקציע וועט אַדורך ווי געהעריק.

אין דער צייט פֿון די געשעענישן האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אָפּטע זיצונגען פֿון קאָמיטעט און פֿון אַקטיוו און איבערגעגעבן די איינפֿאָר־מאַציעס, וואָס מיר האָבן דאָן געהאַט. מיר האָבן דורך אונדזער אָרגאַניזאַציע געפֿירט אַ מינדלעכע אַגיטאַציע צו שטעלן אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, נישט אָוועקגעבן די קינדער און לגבי דער יידישער פּאָליציי אַרויסטרעטן אַקטיוו אויב זיי וועלן מיט כּוח צונעמען די קינדער.

נאָך צוויי טעג האָט די יידישע פּאָליציי רעזיגנירט פֿון דער ווייטערדיקער אַרבעט. אויסער די עטלעכע הונדערט קינדער, וואָס זיינען געווען אין די יתומים־הייזער, איז נישט געלונגען קיין סך צונויפֿצוזאַמלען.

רומקאָווסקי ווענדט זיך צום „בונד", אַז ער איז גרייט צו פֿאַר־זיכערן אַ טייל קינדער פֿון אונדזערע חברים. מיר האָבן באַשלאָסן אָפּצוּוואַרפֿן די פּראָפּאָזיציע. מיר האָבן נישט געוואָלט זיכערן אונדזערע חברים פֿאַרן פּרייז פֿון טויזנטער יידישע קינדער, וואָס זאָלן גיין אין די גאַז־קאַמערן.

אין אָננעמען דעם באַשלוס האָבן זיך באַטייליקט אויך 3 מיט־גלידער פון דער אָנפירונג, וואָס האָבן אַליין געהאַט קליינע קינדער. זיי האָבן נישט געוואָלט אויסנוצן די פּאַרטיי צום שוץ פון זייערע קינדער אויפן חשבון פון די איבעריקע.

אין געטאָ וואַקסט די שפּאַנונג. פאַר אַלעמען שטייט די פראַגע, וואָס וועט זיין ווייטער? ווי אַזוי וועט זיך דאָס ענדיקן?

נאָך דעם ווי די אַקציע פון דער יידישער פּאָליציי האָט זיך נישט איינגעגעבן, דערשיינט אין דער שטאָט אַ פּלאַקאַט, אַז די פּאַבריקן און אַמטן ווערן געשלאָסן. אין געטאָ ווערט דערקלערט אַ פּאַרבאָט אַרויסצוגיין אין גאַס. גערופן האָט מען עס אַ „שפּערע". דעם פּעריאָד פון „שפּערע" האָט מען שפּעטער דערמאָנט ווי „די טרויעריקע טעג".

די פאַראָרדנונג איז דערקלערט געוואָרן פאַר גילטיק ביז צום אָפּרופן. רעכט צו באַווייזן זיך אין די גאַסן האָבן די פּאָליציי, פייער־לעשער, טראַנספּאָרט־אַרבעטער און די וואָס האָבן ספּעציעלע דער־לויבענישן, אַרויסגעגעבן פון דער פּאָליציי. איצט האָט מען שוין געוואוסט, אַז די דייטשן וועלן קומען און אַליין אַדורכפירן דאָס שטיקל אַרבעט. עס איז געוואָרן אָנגעזאָגט, אַז אַלע מוזן האָבן ביי זיך די אַרבעטס־לעגיטימאַציעס און זיין ביי זיך אין דער היים.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, 6 פאַרטאָגס, האָט די גאַנצע יידישע פּאָליציי, פייערלעשער, אין אַ שטאַרקער באַגלייטונג פון דייטשן, געסטאַפּאָ און שוץ פּאָליציי זיך אַריינגעלאָזט אין די גאַסן פּאַדזשעטשנאַ, דרעוונאָווסקאַ, זגערזשער. עס האָבן אָפּגעקלונגען געשרייען: „אַלע אַרונטער, אויסשטעלן זיך אין רייען צו פיר!"

די יידישע פּאָליציי מיט דער איבעריקער חברה האָבן זיך געלאָזט זוכן אין די וואוינונגען צי עס האָט זיך ווער באַהאַלטן, און ביי דער גע־לעגנהייט צוגערויבט דאָס עסן פון די שטובן.

די אויסגעשטעלטע יידן מיט אַרבעטס־קאַרטן אין די הענט האָבן געוואַרט וואָס וועט מיט זיי געשען. באַלד האָבן צוויי דייטשן מיט רעוואָלווערן אין די הענט אויסגעשאָסן עטלעכע מאָל אין דער לופטן אָפּצושרעקן די מאַסע און אָנגעהויבן אויסקלייבן פון די רייען די קינדער ווי אויך עלטערע וועלכע האָבן אויסגעזען שלעכט, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום קאַרטן. באַלד זיינען די קרבנות אַוועקגעפירט געוואָרן צו די אָנגעגרייטע וואַגאָנען, אַרויפגעפּאַקט און אַוועקגעפירט געוואָרן צום זאַמלפּונקט דרעוונאָווסקאַ 77. די טראַ־

געדיע איז גאַרנישט צו באַשרייבן. אַט זיינען געשטאַנען פאַמיליעס עלטערן מיט קינדער און דאָ רייסט מען אַרויס לעבעדיקע שטיקער פון די פאַמיליעס — עלטערן פון קינדער, קינדער פון מאַמעס, דאָ אַ פאָטער, אַ שוועסטער. די וואָס הייבן אָן וויינען, באַקומען געשלאָגן פון די דייטשן. מען דראָט מיט שיסן. אין פיל פאַלן האָט זיך דאָס נישט געענדיקט מיט דראָאונגען און ס׳זיינען געפאַלן אַ סך טויטע. די באַנדע טראָגט זיך פון גאַס צו גאַס. נאָך זייער אָוועקגיין הייבט זיך ערשט אָן דאָס טרויעריקע. ס׳טראָגן זיך געוויינען, געשרייען, מען רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, פיל פאַלן חלשות. די מאָרד־אַרבעט גייט אָן אָן אויפהער.

איך אַליין האָב זיך אויסגעשטעלט מיט מיין פאַמיליע. מיר זיינען געווען 5 מענטשן. פאַרן טאַטן האָבן מיר זייער מורא געהאַט. ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש און שלעכט אויסגעזען. מיר האָבן אים אָנגעטאָן אין אַן אַרבעטס־בלוזע, אַריינגעשטעקט אין טאַש אַ מעטער־מאָס מיט אַ ווינקל, און אים האָט עס אָפּגעגליקט. די מאַמע איז ביים ערשטן מאָל אַדורך, ביים צווייטן מאָל האָבן זיי זי מיר אָוועקגענומען פון דער האַנט. באַלד נאָכן אָוועקגיין פון די באַנדיטן האָב איך און מיין ברודער זיך געלאָזט צום שפּיטאל און ביי אַ גרויסער ריזיקע אַרויסגענומען די מאַמען פון דאָרט, באַהאַלטן זי אויף אַ בוידעם נעבן שפּיטאָל און אין אָוונט זי צוריקגעבראַכט אַהיים. די וואָס האָבן ריזיקירט מיט זייער לעבן האָבן אַ טייל אָפּגעראַטעוועט, אַ טייל האָט באַצאָלט מיטן לעבן ביים ווערלן ראַטעווען זייערע נאָענטסטע פון טויט. די דייטשן האָבן פיל דערשאָסן ביים פּרואוון אַנטלויפן פון די וועגענער. די מענטשן, וואָס מ׳האָט צונויפגענומען אין די שפּיטאלן און אין די זאַמל־ערטער, האָט מען געטיילט ברויט מיט וואורשט, פאַרן טויט אַ ביסל געגעבן זאַט צו עסן.

דער צושטאַנד אויף די זאַמל־פּונקטן לאָזט זיך נישט איבערגעבן. מיט די וועגענער זיינען כסדר אָנגעקומען פרישע מענטשן. מען האָט זיי אַריינגעטריבן אין די זאַלן, דאָרט זיינען אויך געווען פיל קראַנקע. איינער האָט געטרעטן אויפן צווייטן. דאָס איז אַ בילד וואָס אין די שרעקלעכסטע פאַרשטעלונגען פון גיהנום איז עס נישט צו באַגרייפן.

אין אייניקע שעהן שפּעטער באַוויזן זיך די זעלבע אויטאָס וואָס האָבן אויסגעליידיקט די שפּיטעלער. זיי האָבן אַרויפגעלייגט די קרבנות שיכטנווייז איינעם אויפן צווייטן אַזוי ווי מען לאָדנט האָלץ. מען לייגט צוזאַמען די לעבעדיקע מיט די טויטע, קינדער מיט עלטערן.

עס באַקומט זיך איין קנויליקע מאַסע פון מענטשן־פלייש. דער גרעסטער טייל איז דערשטיקט געוואָרן ביז צו די טויטן־קאַמערן פון כעלמנאָ.

כדי צו פאַרפילן דאָס בילד האָבן די דייטשן דעם זעלבן טאָג צוגעגרייט נאָך אַ „ספעקטאַקל״:

שוין מיט אַ טאָג פריער איז געקומען אין דער טישלעריי אַ באַפעל אויפצושטעלן תליות אויפן באַזאַר פלאַץ ביי די ריבנא־באַזאַרנא. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן 21 תליות. אין טאָג, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע, זיינען אויפגעהאָנגען געוואָרן 21 יידן. פאַרן הענגען האָבן די יידן אויסגעשריגן: „מיר זיינען אומשולדיק!״ דער גרעסטער טייל פון די געהאָנגענע האָבן אויסגעזען ווי שקעלעטן. וואָכן לאַנג זיינען זיי געזעסן אָן עסן און ביי די שרעקלעכסטע באַדינגונגען.

די געהאָנגענע זיינען געווען אַ גאַנצן טאָג אויף די תליות. ערשט שפּעט אין אָוונט האָבן די דייטשן באַפוילן זיי אַראָפּצונעמען.

ביי די באַדינגונגען איז אונדזער אָנפירונג זיך צונויפגעקומען יעדן טאָג, כאָטש מיר האָבן געוואוינט אין פאַרשיידענע טיילן פון געטאָ. מיר האָבן אָפּגענומען באַריכטן און איבערגעשיקט אינפאָרמאַציעס און אינסטרוקציעס צו די מיטגלידער, דורך זיי צו די יידן, אַז מען זאָל אויסבאַהאַלטן די קינדער און אַז די וואָס זעען שלעכט אויס זאָלן זיך נישט שטעלן צו די קאָמיסיעס, נישט אַראָפּגיין פון זייערע באַהעלטענישן; איבערטראָגן זיך פון איין קוואַרטאַל אין צווייטן ווי די אַקציע איז שוין אַדורך; אַנטלויפן פון די וועגענער און אַראָפּנעמען פון די וועגענער די געכאַפּטע.

אַ דאַנק די אינסטרוקציעס האָבן זיך פיל געראַטעוועט.

אין די ערשטע טעג האָבן מיר אויסבאַהאַלטן די קינדער אין די קעלערן. שפּעטער האָבן מיר זיי איבערגעפירט אין די גאַסן וואו די אַקציע איז שוין געהאַט פאַרגעקומען. צווישן די פרויען מיט קינדער איז געווען די חברטע פּאַזנאַנסקאַ, מייזנער, בלימעלע, שיפּער־בלאַט, שלאַגבוים, דאַרענבלאַט, און פיל אַנדערע.

רומקאָווסקין האָט מען די גאַנצע צייט נישט געזען. ער איז זיך געזעסן אין זיין ביוראָ און אָפּגענומען באַריכטן.

די קינדער־אַקציע אין מאַרישין

אין איינעם פון די טעג אין אָוונט האָט מען מיט איין מאָל אַראָפּגענומען די יידישע פּאָליציי פון זייערע ערטער, און די גאַנצע

פּאָליציי אָפּגעצויגן קיין מאַרישין. אין געטאָ ווערט נאָך אַ גרעסערע פּאַניק. מען ווייסט נישט מיט וואָס זיך צו דערקלערן דאָס פּלוצלונג־דיקע צונויפרופן די פּאָליציי אויף מאַרישין: אָדער די געטאָ ווערט ליקווידירט, אָדער די אַקציע איז געענדיקט.

אין צוויי שעה שפּעטער האָבן מיר שוין געוואוסט פון אַ פּאָלי־ציאַנט, וועלכער איז געקומען פון מאַרישין, וואָס דאָ איז געשען.

רומקאָווסקי האָט גראָד אין יענע טעג געהאַלטן פאַר נייטיק צונויפצוזאַמלען אויף איין אָרט אין מאַרישין 850 קינדער. ער האָט מורא געהאַט די דייטשן זאָלן אים חס־ושלום נישט חושד זיין אין אויסבאַהאַלטן קינדער. דעם זעלבן אָוונט האָט רומקאָווסקי באַפוילן די אויפזעערין פון די קינדער אַרויסצופירן אַלע אויף איין פּלאַץ אין מאַרישין, אויסשטעלן גלייך און וואַרטן אויף באַפעלן. גראַד אין יענעם אָוונט האָט זיך ביבאָוו געלאָזט אין זיין אויטאָ אויף אַ שפּאַציר איבער מאַרישין און געפּאַקט אַזאַ אוצר. ווען ער איז צוגעקומען, האָט אים די פרוילין ליטמאַן געגוי געמאָלדן די צאָל אָנוועזנדיקע קינדער. דער באַנדיט האָט זיך דערפרייט און באַלד באַפוילן צונויפ־צוזאַמלען די גאַנצע פּאָליציי און איבערפירן אַלע קינדער אין צווייטן עק געטאָ אין שפּיטאָל אויף דרעוונאָווסקא. אויף דער זייט געטאָ זיינען די זאַמלפּונקטן געווען לאַגעווניצקא 36 און דוואָרסקא 76. ער האָט געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך, אַז ס'זאָל קיינער נישט פעלן פון דער צאָל. די גאַנצע געשיכטע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין געטאָ. אין דער צייט, ווען מ'האָט באַדאַרפט די קינדער אויסבאַהאַלטן, האָט רומקאָווסקי אָפּגעטאָן אַזאַ שרעקלעך פאַרברעכן און אַרויסגעגעבן די 850 קינדער צום טויט.

ביז שפּעט ביינאַכט האָבן די וואַגנס געפירט די קינדער אויף דעם זאַמל־פּונקט. די קינדער האָבן דערפילט, אַז עס איז שלעכט. זיי האָבן יאָמערלעך געוויינט און געריסן זיך צום אַנטלויפן. אָבער די וואַגנס זיינען געווען גוט באַוואַכט פון דער יידישער פּאָליציי. צו מאָרגנס באַלד אין דער פרי איז געקומען דער שעף פון געסטאַפּאָ פוקס און אָנגעהויבן איבערציילן די קינדער. איין קינד האָט געפעלט. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט מען געפונען אַ קליין יינגל באַהאַלטן אין אַ שעניק. דער געסטאַפּאָוויעץ האָט געמאַכט אַ זשעסט און האָט דאָס יינגעלע באַפרייט.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשן איז געלונגען דורך ה' יאַקובאָוויטש, לייטער פון די אַרבעטס־רעסאָרטן, צו באַפרייען

130 קינדער פון צווישן די עלטערע יינגלעך. די געשיכטע מיט די קינדער איז אַ גאָר אינטערעסאַנטע. די גענויע באַשרייבונג פון דעם פאַל איז פאַראַן אין בונדישן אַרכיוו פון געטאָ אין לאָדזש. דעם גענויעם פאַרלויף פון דער זאַך האָט אונדז אין צווי מאָנאַטן שפּעטער איבערגעגעבן דער ה׳ יאַקובאָוויטש.

דער סוף פון דער אַקציע

צו מאָרגנס האָט זיך די אַקציע ווייטער אָנגעהויבן באַלד אין דער פרי. נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן שוין געהאַט אַדורכגענישטערט די גאַנצע געטאָ, האָבן זיי אָנגעהויבן נאָכאַמאָל אייניקע קוואַרטאַלן פּלוצלונג צו באַפאַלן און ווידער אַרויסגעכאַפּט עטלעכע הונדערט יידן. אויף לוטאָמיערסקא 42 האָבן די דייטשן באַמערקט אַן עלטערן ייד אין פענצטער. זיי זיינען באַפאַלן דאָס גאַנצע הויז און אַלע איינוואוינער אַוועקגעפירט.

אין די לעצטע טעג האָבן די דייטשן אָנגעהויבן איבערקלייבן די סחורה, און אַ טייל געזונטערע און ייִנגערע באַפרייט.

12 בייטאָג, דעם 13טן אויגוסט, האָט זיך די אַקציע געענדיקט. דורך די גאַנצע צייט פון דער „שפּערע" זיינען די קאָאָפּעראַטיוון געווען געשלאָסן. די באַפעלקערונג האָט מוראדיק געהונגערט. די צאָל קראַנקע און טויטע פון הונגער אין יענע טעג איז געווען אַ גרויסביישטייער צו דער טויט־אַקציע. אייניקע מאָל האָט די אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג געפּרואווט אַרויסגעבן קאַרטאָפל. עס האָבן זיך אָבער גע־שאַפן גרויסע רייען און די דייטשן האָבן אין די געדיכטע רייען געעפנט אַ שיסעריי און איבערגעלאָזט אַ פּאָר צענדליק טויטע. פיל מענטשן האָבן זיך געלאָזט אויף די פעלדער אין געטאָ נאָך קאַרטאָפל אָדער בורעקעס. דאָ האָבן די דייטשן אויך אינטערוועניִרט און אַוועקגעלייגט אַ ביסל קרבנות. די צאָל אַרויסגעשיקטע האָט קיינער נישט געוואוסט גענוי. די דייטשן האָבן אָנגעגעבן 14,000 מיט עטלעכע הונדערט. מיר האָבן פון די נעגל פון דער געסטאַפּאָ צווישן אַנדערע אַרויסגע־ראַטעוועט די חברטע בינשטאַק, פרוי פון ח׳ שמואל בינשטאַק.

מיר האָבן צווישן אַנדערע אין די טעג פאַרלוירן חברים פון אַקטיוו: דעם ח׳ שמעון בארענשטיין פון טעקסטיל, דעם חבר שוואַרצ־פּוטער פון די לעדער, דעם ח׳ הערש גאָלדבערג, לאַנגיאָריקער מיט־גליד פון דער בונדישער מיליץ, דעם ח׳ ראָזענבלאַט, אַ פאַרוואַלטונגס־

מיטגליד פון בעקער־פאַראיין און נאָך אַ גאַנצע ריי חברים, וועמענס נעמען איך קאָן זיך איצטער נישט דערמאנען. די „שפּערע" האָט איבערגעלאָזט שווערע שפּורן אויף די לעבן־געבליבענע. דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע אומגליק, אָבער דאָס גרעסטע, וואָס איז געווען ביז יעצט. גאַנצע משפּחות זיינען אומגעבראַכט געוואָרן און דער גרעסטער טייל פון די געבליבענע האָבן וועמען פון זייערע נאָענטע פאַרלוירן אין די טרויעריקע שפּערע־טעג.

נייע ראָל פון דער „זאָנדער־אָפּטיילונג"

באַלד נאָך דער שפּערע הייבט זיך אָן אַ ניי לעבן אין געטאָ . . . די מאַכט פון רומקאָווסקין ווערט פאַרקלענערט. ס'באַווייזט זיך אַ פּלאַקאַט אין שטאָט אונטערגעשריבן אין נאָמען פון דער געטאָ־פאַר־וואַלטונג דורך ביבאָוו. דאָס איז דער ערשטער פאַל, אַז די דייטשן זאָלן זיך ווענדן דירעקט צו די יידן. דער פּלאַקאַט פאָדערט, אַז אַלע זאָלן זיך אומקערן צוריק צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער, אויספּירן גענוי די אַרבעט און דעריאָגן דאָס, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען דורך די טעג, וואָס די רעסאָרטן זיינען נישט געווען טעטיק. דער פּלאַקאַט זאָגט אויך אָן, אַז די אויפזיכט און די פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָ־דוקטן נעמט איבער די זאָנדער־אָפּטיילונג, אַן אָפּטיילונג אין געטאָ וואָס האָט ביז איצט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו מאַכן רעוויזיעס און צונעמען ביי די יידן ווערט־זאַכן, גאָלד, וואַלוטע, סחורות, מאַשינען, (זיי פלעגן אפילו אַראָפּציען די קידושין־רינגלעך פון די פינגער.) דאָס איז געווען אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געדינט די דייטשן צו פאַרשיידענע געשעפטן. די אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרן דורך רומקאָווסקין. שפּעטער האָט די אָנפירונג איבערגענומען דוד גערטלער, און זי איז געוואָרן אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון רומקאָווסקין.

נאָך די „שפּערע"־טעג איז די זאָנדער־אָפּטיילונג געוואָרן די וויכטיקסטע אינסטיטוציע אין געטאָ. זיי האָבן באַקומען די אויפזיכט איבער דער אפּראָוויזאַציע, זיי האָבן באַשטימט די לעבנס־מיטל צע־טיילונג פאַר דער באַפעלקערונג און די ספּעציעלע צוטיילונגען פאַר די אַרבעטער אין די רעסאָרטן.

ביי דער זאָנדער־אָפּטיילונג איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלער אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך גערופן „קאָנטראָל־רעפעראַט". עס איז געגרינ־דעט געוואָרן אַ ספּעציעלע פּאָליציי (גערופן האָט מען זי „זאָנדער־פּאָליציי") מיט קאָמיסאַרן און אָפיציערן. זיי האָבן באַקומען ספּעציעלע

צוטיילונגען פון לעבנסמיטל. די זאָנדער־פּאָליציי איז געווען אונטער־געוואָרפן גערטלערן און זיין פּאַרטרעטער מארעק קליגער. רומקאָווסקי און זיין קאָמענדאַנט ראָזענבלאַט האָט איבער איר נישט געהאַט קיין שליטה.

די פּאַרפּלעגונג פון געטאָ האָט זיך געבעסערט. עס זיינען אָריינ־געקומען מאַסן קאַרטאָפל, ריבן. די צוטיילונגען האָבן זיך פאַר־גרעסערט. די באַפעלקערונג האָט אַרויסגעקראָגן קאַרטאָפל אויף אַ גאַנצן ווינטער. אויף 3 מאָנאַטן האָט מען באַקומען 39 קילאָ קאַרטאָפל. אויסער דעם האָבן די זופן, וואָס מען האָט באַקומען אין די רעסאָרטן, זיך פאַרבעסערט. עס איז אויך געווען אַ גרויסע צוטיילונג פון ריבן און קרויט.

עס באַווייזן זיך אָפּטער אין געטאָ פליישׁ־צוטיילונגען, וואורשט־ראַציעס. שפּעטער באַקומט מען שוין נאָרמאַל יעדע 2 וואָכן 200 גראַם פלייש, 200 גראַם וואורשט. אין הינזיכט פון עסן איז דאָס געווען די בעסטע צייט. אַלע שטעלן זיך צוביסלעך אויף די פיס. אויך די שווינדזוכט־עפּידעמיע פאַלט. די שטערבלעכקייט פאַרקלענערט זיך.

אַ שריפה אין געטאָ

נאָכן אַרויספירן די קראַנקע פון די שפּיטעלער אין די גאַז־קאַמערן פון כעלמנאָ, נאָך די באַרימטע „שפּערע״־טעג, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן איינאָרדנען אין די שפּיטאָל־געביידעס פאַבריקן, „רעסאָרטן״. אין דער גרויסער געביידע פון דער קראַנקן קאַסע (לאַגעווניצקא 36) האָט געזאָלט איינגעאָרדנט ווערן אַ טישלעריי. צוליב פאַרשיידענע אומבאַקאַנטע סיבות איז דאָרט געוואָרן אָרגאַניזירט אַ שניידער־רעסאָרט, וואו עס האָבן געאַרבעט 3000 יידן.

אין שפּיטאָל באַזאַרנע־וועסאָלאַ ווערט איינגעאָרדנט אַ טישלעריי. דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַ מוסטער־פאַבריק, וואָס האָט געזאָלט דינען פאַר רעפּרעזענטאַטיווע צוועקן. ביבאָו און קעלער האָבן זיך געגרייט דאָ אויפצובועמען און אַרומצופירן די קאָמיסיעס. מען האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוברענגען די נייעסטע און מאָדערנסטע טישלער־מאַשינען. דאָס אויפבויען די פאַבריק איז געגאַנגען אין אַ שנעלן טעמפּאָ. אין איניקע וואָכן האָבן שוין דאָרט געאַרבעט ביז 1000 אַרבעטער אין צוויי שיכטן. אָבער איינמאָל ווען מ׳גייט אַרויס אין דער פרי צו דער אַרבעט (אין נאָוועמבער 1942), שטייט די גאַנצע געביידע אין פלאַמען. אַרום און אַרום ליגן גאַנצע שטויסן מיט האָלץ. עס דראָט אַ גרויסע

געפאַר, אַז די גאַנצע געגנט זאָל אַוועק מיט רויך. דאָרט זיינען געווען גרויסע הייזער מיט אַ סך איינוואוינער. אַ דאַנק דער איבער־מענטשלעכער אַרבעט פון די יידישע פייערלעשער האָט זיך דאָס פייער נישט אויסגעברייטערט. פאַרברענט איז געוואָרן די גאַנצע געביידע, געבליבן זיינען די נאַקעטע ווענט.

די שריפה האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אין געטאָ: צי וועלן די דייטשן נישט נקמה נעמען פאַר דעם? צי וועלן זיי דאָס נישט באַטראַכטן פאַר סאַבאָטאַזש? איז דאָס נישט אַמאָל געווען אַן ענטפער פאַר די מערדערייען? צום גליק זיינען קיין פאָלגן נישט געווען. דעם לייטער פון רעסאָרט לודוויק ווינאַגראַד, האָט מען גערופן אין קריפאָ. ער האָט דאָרט געכאַפּט אַ פּאָר געזונטע קלעפּ און איז באַפרייט געוואָרן. די דייטשן אין געטאָ האָבן געהאַלטן, אַז עס איז אין זייער אייגענעם אינטערעס דעם פאַל צו מאַכן צו קליין־געלט. זיי האָבן געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, אַז די שריפה איז געווען צוליב אַ קורץ־שלוס.

אַזוי האָט זיך דאָס בלוט פון די אומגעקומענע אָפּגערופן און פאַרברענט די געביידע פון געוועזענעם שפּיטאָל.

די באַפעלקערונג פון געטאָ אין פאַרשיידענע פעריאָדן

ביז סעפּטעמבער 1940 זיינען אין געטאָ נישט געווען קיין קאַרטן. ברויט, קאָרן מעל, קאַשע איז געווען גענוג.

צוקער, אייל, פליייש איז געווען באַגרענעצט. קאַרטאָפל איז אינגאַנצן נישט געווען. ווייצן־מעל — זייער ווייניק. אין סעפּטעמבער ווערן איינגעפירט קאַרטן אויף ברויט. ברויט באַקומט מען דאַן אַ האַלבן קילאָ אַ טאָג. צוקער 45 דעקאָ. פעטס אינגאַנצן נישט. עס ווערט נאָר צוגעטיילט אַ ביסל זשעפּאַק־אייל, מעל, קאַשע ביז אַ קילאָ אויף 10 טעג.

דאָס האַלט אָן ביז ענדע 1941.

ענדע 1941 ביז יולי 1942 איז אין געטאָ דער שרעקלעכסטער הונגער. ברויט איז דאָ 250 גראַם אַ טאָג.

אויף 10 טעג: 200 גראַם מעל, 100 גראַם אַרבעס, 250 גראַם צוקער, 100 גראַם אייל (זשעפּאַק), 1 קילאָ ריבן, 1 קילאָ קאָנסערווירטע בוריקעס, און אַ טוץ ערזאַצן . . . צום אַרויסוואַרפן. ½ קילאָ קאַווע מישונג.

אין אָט דער צייט הערשט די גרעסטע שטערבלעכקייט: 100—150 טויטע אַ טאָג אויף 150 טויזנט מענטשן.

יולי־אויגוסט 1942 קומט אַריין אַ סך קאַרטאָפל. אין אָקטאָבער גיט מען קאַרטאָפל אויפן ווינטער.

די ראַציע באַשטייט פון פאָלגנדיקע אַרטיקלען צוגעטיילט אויף 14 טעג:

600 גראַם קאָרן מעל געמישט מיט קאַשטאַנעס,
200 גראַם קאָרענע פלאַקן,
100 גראַם אַרבעס,
450 גראַם צוקער,
100 גראַם זשעפּאַק־אייל,
3 קילאָ קאַרטאָפל,
100 גראַם מאַרגאַרין,
100 גראַם וואורשט,
200 גראַם פלייש.

אַמאָל פלעגט צוקומען ½ פּושקע קאָנסערווירט פלייש, 400 גראַם. פלייש איז געווען פון פערד. זעלטן אַנדערס.

דאָס איז געווען אין דורכשניט. עס פלעגן זיין ענדערונגען. פון יולי ביז ענדע 1943 איז געווען אַ מאַנגל אין קאַרטאָפל.

פאַרבעסערונגען פון די אַרבעטס־באַדינגונגען.

נאָך דער שפּערע, ווערן איינגעפירט נאָך פאָלגנדיקע פאַרבע־סערונגען אינעם לעבן פון די פאַרבליבענע: שוין פריער האָט רומ־קאָווסקי געהאַט איינגעאָרדנט אָפּרו־קאָלאָניעס אין מאַרישין אין שיינע הייזלעך. אין דער פאַרשטאָט פון געטאָ זיינען געווען פעלדער און גרינס. די געגנט האָט געהאַט אַן אויסזען פון האַלב דאָרף. אַהין פלעגן אַרויסגעשיקט ווערן איינצלנע אויסדערוויילטע פון רומקאָווסקי און זיין חדר. יעצט האָבן זיך די אינסטיטוציעס — גערופן האָט מען זיי אָפּרו־היימען — שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן. יעדע פאַבריק האָט לויט דער ריי, וואָס די לייטונג פון רעסאָרט האָט איינגעשטעלט, אַרויסגעשיקט יעדע וואָך אַן אַנדערע גרופּע אַרבעטער אויף אָפּרו. זומער און ווינטער פלעגן יעדע וואָך ביז 400 אַרבעטער, עלטערע און יוגנטלעכע, פאַרברענגען אין די קאָלאָניעס, לויט יענע פאַרהעלט־נישן, ביי זייער גוטע באַדינגונגען.

דער אורלויבניק האָט באַקומען צו עסן אָן די לעבנס־מיטל־קאַרטן. די פּראָדוקטן אויף זיינע קאַרטן האָט ער איבערגעלאָזט דער

פאַמיליע. דער קאָלאָניסט האָט אָפּגעגעבן די ברויט־קאַרט און באַקומען דאָרט אָנשטאָט אַ פּערטל קילאָ ברויט, אַ האַלבן קילאָ. דאָס עסן איז צוגעטיילט געוואָרן אויף שיין, ריין סערווירטע טישן. אין אַ געזעלשאַפט פון צענדליקער מענטשן ביי אַ חברישער שטימונג און אַטמאָספער, וואָס די אַרבעטער האָבן געשאַפן; אין שיין איינגעאָרדנטע צימערן פלעגן די אַרבעטער דאָרט פאַרברענגען 7 טעג.

עס איז געווען אַ ליכטיקער פונקט אין דעם טרויעריקן אַרום, וואָס האָט זיך גערופן געטאָ־ליטצמאַנשטאָט. פיל מאָל האָט מען דאָרט איינגעאָרדנט ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן. אנדערהאַלבן יאָר צייט האָבן אָנגעהאַלטן די אָפּרו־היימען. דורך זיי זיינען אַדורכגעגאַנגען טויזנטער אַרבעטער און יוגנטלעכע. די אינסטיטוציע קען נאָך היינט דינען פאַר אַ מוסטער פון אַן אַרבעטער־קאָלאָניע.

די באַזוכער זיינען דאָרט געשלאָפן די גאַנצע צייט און עס איז געווען פאַרבאָטן אַהיימצוגיין.

אַ צווייטע אינסטיטוציע, וואָס האָט געלינדערט די נויט פון די אַרבעטער, זיינען געווען די אָוונט־ברויטן (קאָלאַציעס).

אין ספּעציעל איינגעאָרדנטע קיכן האָבן טאָג־טעגלעך אַהיימגייענדיק פון דער אַרבעט באַקומען טויזנטער אַרבעטער אָפּצועסן אַ גוט אָוונט־ברויט מיט אַ פּאָרציע פלייש פון 150 גראַם.

די אָוונט־ברויטן זיינען געוואָרן צוגעטיילט אויף 14 טעג און אין אָנהייב אויך אין דעם זעלבן סדר ווי די היימען.

שפּעטער פּירט שוין רומקאָווסקי איין אַ כאַאָס. אַ טייל באַקומען שטענדיקע צוטיילונגען אויף אָוונט־ברויט, אַ טייל אינגאַנצן נישט.

נאָך אַ געוויסער צייט דערשיינט אַ פאַראָרדנונג פון דער מאַכט, אַז די אינסטיטוציעס ווערן ליקווידירט.

אַ דריטע זאַך, וואָס עס האָט איינגעפירט גערטלער, איז געווען דאָס צעשיקן די אַרבעטער — צו ערשט אויף 3 מאָנאַטן, שפּעטער אויף 1 מאָנאַט — אין די בעקערייען. ער האָט באַזייטיקט פון די בעקערייען די קאָמיסאַרן און אָנגעשטעלטע פון די געטאָ־מאַכערס און אַריינגעזעצט אַרבעטער פון די פאַבריקן און אַמטן לויט אַ פעסטגעשטעלטן שליסל — איינער אַ חודש. די אַרבעטער האָבן דאָרט אויסגעפירט אַ הילפס־אַרבעט ביי די בעקער־אַרבעטער, און דערפאַר באַקומען אויסער דער ראַציע ברויט אויף די קאַרטן — צוערשט 75 דעקא, שפּעטער 50 דעקא ברויט אַ טאָג. באַצאָלט האָט אים דער רעסאָרט דעם פולן לוין, וואָס

ער האָט פאַרדינט אין פאַבריק. יעדן חודש זיינען געוואָרן באַשעפטיקט 400 אַרבעטער.

די זאַך האָט אָנגעהאַלטן ביז צו דער ליקווידאַציע.

עס זיינען אויך צוגעטיילט געוואָרן אַרבעטער צו דער פליישעריי און מאַרמאַלאַדע־פאַבריק.

די זאַנדער־אָפּטיילונג האָט אויך איינגעאָרדנט אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן איינשפּריצונגען, מעדיקאַמענטן, פיש־אויל פאַר דער באַפעלקערונג.

גערטלער האָט אויך איינגעפירט אַ בעסערע אָרדנונג. די פּראָדוקטן וואָס זיינען אַריינגעקומען, זיינען באַלד פאַרטיילט געוואָרן און נישט ווי פריער געלאַגערט און זיי געלאָזט פאַרפוילט ווערן.

אַ יאָר צייט האָט אָנגעהאַלטן דער צושטאַנד.

אין יולי, 1943, ווערט פּלוצלונג גערטלער אַרעסטירט, אַוועקגעפירט פון דער געסטאַפּאָ, לויט אַ ספּעציעלער פאַראָרדנונג פון דער העכערער מאַכט.

גערטלער איז געווען, ווי ביבאָוו האָט שפּעטער דערקלערט אין אַ רעדע, דער אינפאָרמאַטאָר פון די בעהערדן. ער האָט אויף זיין געוויסן געהאַט אַ סך קרבנות, ער איז געשטאַנען אין נאָענטע באַציאונגען מיט די וואַרשעווער מאַכערס קאַן און העלער. ביי די יידן אָבער אין געטאָ האָט ער איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גוטן נאָמען. באַלד נאָך זיין אַרעסט הייבט זיך ווידער אָן אַ שווערע צייט פאַר די יידן אין געטאָ. דער הונגער ווערט וואָס אַמאָל גרעסער. געוויסע קרייזן האָבן געהאַלטן, אַז גערטלער פלעגט אויף אַן אומלעגאַלן אופן אַריינברענגען פּראָדוקטן און מעדיקאַמענטן אין געטאָ. דער אַרעסט פון גערטלערן האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אין געטאָ, צי איז דאָס נישט אַמאָל אַן אָנהייב פון ליקווידאַציע. אין וואַרשע האָט זיך דאָס אויך אַזוי אָנגעהויבן.

דאָס לעבן „נאָרמאַליזירט" זיך

ביים אויפשטעלן די תליות אויפן באַזאַר, אויגוסט 1942, האָט דער שעף פון דער געשטאַפּאָ פוקס דערקלערט דעם ציוניסט בערנאַרד פרוינד, אַז דאָס איז די לעצטע אויסזידלונג פון געטאָ; מער וועט קיין אויסזידלונג נישט פאָרקומען.

טיילוויז האָט דאָס געשטימט.

פון דער „שפּערע" ביז צו דער ליקווידאַציע ווערן אויף אומקום אַרויסגעשיקט 2 טראַנספּאָרטן אין פאַרשיידענע צייטן: איינמאָל 225

מענטשן, אין גרעסטן טייל שווינדזוכט־קראַנקע וואָס זיינען וואַרשיינלעך געגאַנגען נאָך כעלמנאָ. אַ צווייטער טראַנספּאָרט פון 1,000 מענטשן איז אַוועק אין אַפּריל 1943 נאָך אויסשוויץ. דער טראַנספּאָרט איז באַשטאַנען פון קראַנקע, באַשטראָפטע און עלטערע מענטשן וואָס מען האָט געכאַפּט אין די גאַסן.

פון דעם טראַנספּאָרט האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט 7 מענטשן לעבן. מיר האָבן זיי געטראָפן אין בירקענוי אין 1944, צווישן זיי דעם סקיפּיסט סומירוי, 14 יאָר אַלט.

פון צייט צו צייט פלעגן אַרויסגעשיקט ווערן קלענערע גרופּן אויף אַרבעט, לויט אַ באַפעל פון פּויזנער אַרבעטס־אַמט.

דורך דער צייט האָט זיך דאָס לעבן אַביסל „נאָרמאַליזירט". די אַרבעטער אין די פאַבריקן אָרגאַניזירן זיך, ס'ווערן געשאַפן פאַב־ריקס־קאָמיטעטן, וואָס נעמען אין שוץ די אַרבעטער לגבי דער פאַר־וואַלטונג. ס'ברעכן אויס שטרייקן קעגן שיקאַנעס פון דער אַדמיניס־טראַציע. ס'ברעכן אויס שטרייקן פאַר שלאָגן אַרבעטער. ס'קומען פאָר אַקציעס פאַר פאַרגרעסערן די זופּן. אין די רעסאָרטן קומען פאָר פאַרשטעלונגען־רעוויעס. טייל זיינען געשטאַנען אויף אַ בעסערן ניוואָ. עס איז געוואָרן אַן עפּידעמיע אויף רעוויעס, באַגלייט מיט מוזיק.

דער באַרימטער דיריגענט פּראָפ. טעאָדאָר רידער באַנייט דעם סימפאָנישן אָרקעסטער, און גיט יעדע וואָך קאָנצערטן.

באַנייטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט אין דער צייט צוריק אויפגעלעבט. מיר האָבן אויסגעברייטערט אונדזער אַרבעט אויף די פאַבריקן. מיני־מום 1 מאָל אין וואָך איז זיך צונויפגעקומען דער אַקטיוו. די גרופּן זיינען נאָרמאַל באַדינט געוואָרן מיט פּאָליטישע ידיעות, רעפעראַטן אויף פּאָליטישע, ליטעראַרישע טעמעס, די ביבליאָטעק איז זיך פאַ־נאַנדערגעוואַקסן. זי איז איינגעאָרדנט געוואָרן צוערשט ביי די חברים ראָזענפאַרב לאַנגעוויניצקאַ 8, שפּעטער דרעווונאָווסקאַ 30 ביים חבר ראָזענבלאַט.

מיר פלעגן איינאָרדנען ספּעציעלע אָוונטן לויט די רעסאָרטן. זיי זיינען באַדינט געוואָרן דורך צוקונפטיסטן, סקיפּיסטן, וואָס האָבן גע־זונגען אונדזערע לידער, אַרבעטער־לידער, פּוילישע לידער, געטאָ־לי־דער, פאַרגעלייענט אונדזערע קלאַסיקער, נאַדירן, שטיינבאַרגן, לוצקין

א. אַ., אויך אייגענע שאַפונגען. די יוגנט, סקיף און יאַף האָבן געפירט זייער אַרבעט פּאַראַלעל מיט דער פּאַרטיי. אַ דאַנק אונדזער איינפלוס אין געטאָ איז געלונגען טייל חברים צו באַזעצן אויף געוויסע אַרבעטן, און דאָס האָט זיי מעגלעך געמאַכט בעסער זיך צו דערנערן און העלפן דער באַוועגונג. מיר האָבן געהאַט די בעסטע און גענויסטע ידיעות פון אויסלאַנד און אין געטאָ.

מיר האָבן אין יענע צייטן אָנגעהויבן אויפשטעלן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געווען איינגעטיילט אין פינפטלעך. די ייִנגערע חברים און די, וואָס האָבן נישט געדינט אין מיליטער, האָבן באַקומען אַ מיליטערישע צוגרייטונג. די באַגייסטערונג און ווילן צום קאַמף איז געווען אומגעהויער. די דיסציפּלין אַ מוסטער־האַפטע.

די באַדינגונגען, וואָס זיינען געווען אין געטאָ — דאָס וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן בעת דער ליקווידאַציע, — האָבן אָבער נישט מעגלעך געמאַכט קיין אַרויסטריט.

ביבאָווס רעדע צו די ייִדן

אין אָקטאָבער 1943 קומט אין געטאָ ווידער אַ נייס. ביבאָוו רופט צונויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע לייטערס פון די פאַבריקן, אַמטן, מייסטערס, אינסטרוקטאָרן, און פון יעדער פאַבריק — פאַרשטייער פון די אַרבעטער. אין זאַל אויף קראַוויעצקא האַלט ער דאָס ערשטע מאָל אַ גרויסע רעדע צו די ייִדן. די רעדע האָט געדויערט אַנדערהאַלבן שעה צייט.

ער הייבט אָן מיט די ווערטער: איך האָב אייך צונויפגערופן, מיינע ייִדן, אייך איבערצוגעבן פאָלגנדעס: קיינע דיסקוסיעס, קיין אָנפראַגן ווערן נישט דערלאָזן. איך וויל קודם־כל פעסטשטעלן די ראָל פון אייניקע פערזאָנען אין געטאָ:

רומקאָווסקי, דער עלטסטער פון די ייִדן, איז דער רעפּרעזענטאַנט פון געטאָ. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מאַכט, אַז די פאַר־אָרדנונגען זאָלן ווערן אויסגעפירט און אין געטאָ זאָל הערשן רו.

געדטלער איז געווען דער אינפאָרמאַטאָר פון די בעהערדן. ער איז יעצט נישט דאָ. זיין פאַרטרעטער איז קליגער. יאַקובאָוויטש

איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די אַרבעטס־רעסאָרטן. קליינמאַן פֿאַר טראַנספּאָרט. ברוך פּראַשקער זאָל זאָרגן די גאַסן זאָלן זיין ברוקירט און ריין.

ווייטער האָט ער אין זיין רעדע געגומען מוסרן די יידן, אַז אין די פֿאַבריקן ווערט קאַליע געמאַכט פֿיל סחורות; אַז די אַרבעט ווערט פֿיל מאָל נישט פּינקטלעך אויסגעפֿירט.

די באַוועגונג אין גאַס איז נישט רעגולירט, מ׳שפּרינגט פֿון די טראַמווייען. דער טראַמוויי איז באַשטימט אייך צו פֿאַרלייכטערן איבערצופֿירן סחורות, אָבער נישט איר זאָלט זיך אַרומפֿאָרן איבערן געטאָ.

בייטאָג זעט מען פֿיל מענטשן אין די גאַסן. פֿאַרוואָס זיינען זיי נישט ביי דער אַרבעט? עס קומען אַריין קאָמיסיעס אין געטאָ, און דאָס איז נישט גוט, מאַכט אַ שלעכטן איינדרוק.

איר פֿירט נישט אויס די פֿאַראָרדנונג פֿון דער מאַכט וועגן גריסן און אַראָפּנעמען די היטלעך פֿאַר די דייטשן. איך און מיינע קאָלעגן דאַרפֿן דאָס נישט האָבן, אָבער אויף די געסט, וואָס קומען אין געטאָ, מאַכט דאָס אַ שלעכטן איינדרוק.

איר דאַרפֿט גריסן און ציען די היטלעך פֿאַר יעדן דייטש, וואָס באַוויזט זיך אין געטאָ, צי ער באַמערקט אייך אָדער נישט.

ווען איך קום אַריין אין די פֿאַבריקן, זע איך אייך עסן. פֿון וואַנען נעמט איר אַזוי פֿיל עסן? עסן דאַרפֿט איר נאָר אין די באַשטימטע שעהן. ווען עס קומט אַריין אַ קאָמיסיע אין אַ פֿאַבריק, דאַרף איינער געבן אַ קאָמאַנדע: „אַכטונג!" און איבעררייסן די אַרבעט.

זעט, אַז די קינדער זאָלן זיך נישט אַרומדרייען אין די גאַסן.

איך פֿאָדער אייך אויף צום לעצטן מאָל: ווער עס האָט באַהאַלטן ווערט־זאַכן, זאָל ער דאָס אָפּגעבן.

געוועזן פֿאַלן, ווען ביי מיר האָט מען אינטערווענירט, איך זאָל ביי דער קרימינאַל־פּאָליציי באַפֿרייען אַ לייטער פֿון אַ רעסאָרט און מיך פֿאַרזיכערט, אַז דער באַטרעפֿנדער האָט גאָרנישט. וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? אַז נאָך די קלעפּ האָט ער אָוועקגעגעבן אַ גרויס פֿאַרמעגן.

מיר פֿירן קריג! מיר מוזן דאָס האָבן צו אונדזער זיג!

ווייטער דערקלערט ביבאָו, אַז אים איז געלונגען אויסצופֿועלן ביי דער העכערער מאַכט, אַז אַלע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן מער ווי 56

שעה זאָלן באַקומען די צוטיילונג פאַר לאַנג־אַרבעטער, די וואָס אַרבעטן ביי שווערער אַרבעט באַקומען שווער־צוטיילונג, און די וואָס אַרבעטן ביינאַכט — די צוטיילונג פאַר נאַכט־אַרבעט. דערמיט וועט אייער לאַגע זיך פאַרבעסערן.

לעצטנס האָט מען אויפגעהאַנגען אַ ייד, ווייל מען האָט ביי אים געפונען געגנבעטע לעדער פון רעסאָרט. איר זייט אַליין געווען ביי דער עקזעקוציע. דאָס איז סאַבאָטאַזש, דאָס טאָר זיך מער נישט איבערחזרן. פיל מאָל האָב איך געוואָרנט פאַר דעם און אַ סך מאָל אָוועקגעקוקט און אויסגעמיטן, אַז תליות זאָלן זיין. אָבער איך וואָרן אייך צום לעצטן מאָל. איך פאָדער אויף אַלע לייטער פון די פאַבריקן, אינסטרוקטאָרן געגנוי זיך צופאַסן צו דעם אַלעם, וואָס איך האָב געזאָגט.

אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען אנוועזנד 2 פאָרשטייער פון קרימינאַל־פּאָליציי „קריפּא".

די רעדע איז געווען אַ גרויסע געשעעניש. די שטימונג ביי די יידן האָט זיך געהויבן. פון יאַנואַר 1944 האָט מען טאַקע באַקומען די לאַנג־, נאַכט־ און שווער־צוטיילונגען. דאָס האָט אין אַ קאָלאָסאַלער מאָס פאַרבעסערט די פאַרפלעגונג.

די צוטיילונג האָט באַטראָפן אויף 7 טעג אַ האַלבער קילאָ מעל, 10 דעקא פלייש, 2 דעקא פעטס. מ'האָט קינסטלעך פאַרגרעסערט די צאָל אַרבעטער וואָס זאָלן געניסן פון דער צוטיילונג. פון די צוטיילונגען האָבן געגעסן — מינימום — ביז 30 טויזנט מענטשן; אין יעדער שטוב איז געווען איינער פון דער פאַמיליע, וואָס האָט באַקומען די צוטיילונג. געווען פיל פאַלן וואו גאַנצע פאַמיליעס האָבן געהאַט דאָס גליק, ווען זיי האָבן געאַרבעט אין די מעטאַל־ און האָלץ־פאַבריקן.

די צוטיילונגען האָבן אָנגעהאַלטן ביז דער ליקווידאַציע.

עס ווערט איינגעשטעלט די אַרבעטס־צייט פון 7 פרי ביז 6:15 אָוונט ביי 1 שעה מיטאָג־איבעררייס. עס ווערן אויך איינגעשטעלט נאַכט־שיכטן.

די לאַנג־, נאַכט־ און שווער־צוטיילונג האָט אויך געהאַט אירע גרויסע חסרונות. יעדן איז געווען אַ שאָד צו פאַרלירן די צוטיילונג. מען האָט נישט געטאָרט פאַרפעלן קיין איין שעה אין וואָך ביי דער אַרבעט. קראַנקערהייט פלעגט מען זיך שלעפן צו דער אַרבעט. און דאָס האָט זיך פאַר אַ טייל געענדיקט פאַטאַל. מען איז ערנסט קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. נישט גיין צו דער אַרבעט האָט באַטייט

אומצוקומען פון הונגער. גיין אַרבעטן, איז מען געפאַלן ביי דער אַרבעט. קינדער ביז 14 יאָר האָבן נישט באַקומען קיין צוטיילונגען און האָבן געאַרבעט נאָר 4 שעה אין טאָג.

1500 פיזיש און גייסטיק געזונטע מענטשן

אין פעברואַר 1944 קומט אַ באַפעל צו רומקאָווסקין צוצושטעלן 1000 מענער און 500 פרויען, אויף אַרבעט. אַ באַדינג איז געווען, אַז די מענטשן מוזן זיין געזונט, מוזן אַדורכגיין אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג און געגומען ווערן פון די אַמטן, נישט פון די פאַבריקן.

פאַר יענע באַדינגונגען איז דאָס געווען פאַר דער מאַכט אין געטאָ אַ שווערע אויפגאַבע. אין די אַמטן האָבן זיך געפונען אין גרעסטן טייל פראַטעקציע־מענטשן, ווייל פון צייט צו צייט פלעגט מען אַרויסנעמען פון דער אָפּטיילונג און איבערשיקן אין די רעסאָרטן.

אין די אָפּטיילונגען זיינען געווען באַשעפטיקט ביי 500 מענטשן, אָבער אַ באַדייטנדיקע טייל איז געווען עלטערע, יוגנטלעכע און קראַנקע. מ'האָט אָנגעהויבן צו שיקן אַלעמען זיך צו מעלדן אויף מעדיצינישע אונטערזוכונג.

יעדער איינער האָט זיך גענומען זוכן אַ שיין פון אַ דאָקטאָר, אַז ער האָט שווינדזוכט אָדער אַן אַנדערע קראַנקהייט כדי נישט קוואַליפיצירט צו ווערן צום אַרויסשיקן.

די דייטשן פלעגן קומען צו די אונטערזוכונגען און בייוואוינען די סעלעקציע. דאָס מאָל האָט מען באַדאַרפט טאַקע געזונטע. באַלד נאָך דער מעדיצינישער אונטערזוכונג האָט זיך אָנגעהויבן דאָס כאַפּן. בייטאָג און ביינאַכט האָט די פּאָליציי געזוכט די, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט צושטעלן. מ'האָט פאַרבלאָקירט די לעבנס־מיטל־קאַרטן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. גאַנצע פאַמיליעס האָבן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, אַז נישט האָט מען צוגענומען זאַקלאַדניקעס.

5 וואָכן צייט האָט געדויערט דאָס ראַנגלען זיך מיט דער פּאָליציי. פיל האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָבן זיך געמוזט צושטעלן. ווען דער טערמין פון אַרויסשיקן איז אָנגעקומען, האָט די געטאָ־מאַכט געמוזט אָנקומען צו די פאַבריקן און אַרויסשיקן אַרבעטער פון די רעסאָרטן.

די ערשטע פּאַרטיע איז אַוועק אָנהייב מערץ. זי איז באַשטאַנען פון 750 מענטשן. זיי האָבן באַקומען גוט צו עסן, און אָנצוטאָן. די

צווייטע פּאַרטיע איז אַוועק 2 וואָכן שפּעטער, העלפט מענער, העלפט פרויען.

דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל, ווען מ'האָט פרויען מיט צוואַנג געשיקט אויף אַרבעט. אין 1940־41 יאָר האָבן פרויען פריי־וויליק זיך געמאָלדן אויף אַרבעט.

די אָנפירער פון אַרבעטס־אַמט, וואָס האָבן אַדורכגעפירט די אַקציע, האָבן איבערגעגעבן, אַז דאָס מאָל איז די באַציאונג פון די דייטשן געווען אַנדערש ווי די גאַנצע צייט און זיי זיינען איבערצייגט, אַז די מענטשן גייען אויף גוטער אַרבעט.

עס האָט געשטימט. פיל פון די אַרויסגעשיקטע האָבן זיך דורך דעם אפשר געראַטעוועט און זיינען געבליבן לעבן. די פּאַרטיעס זיינען געגאַנגען נאָך טשענסטעכאָוו, סקאַרזשיסק אין אַמוניציע־פאַב־ריקן. אַ טייל איז געשיקט געוואָרן אויף ספּעציעלע קורסן.

אין פאַרגלייך מיט לאָדזש איז דאָרט געווען אַ גן־עדן. עס זיינען באַלד אָנגעקומען בריוו און לויט אָפּגערעדטע סימנים איז געווען קלאָר, אַז זיי איז טאַקע געווען גוט. פיל האָבן שפּעטער באַדויערט, פאַרוואָס זיי האָבן נישט פאַרלאָזט רומקאָווסקיס מלוכה.

אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט דאַן געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט. די אַקציע האָט אין אָנהייב אַרומגענומען ביי 50 חברים, שפּעטער, ווען עס זיינען שוין געגאַנגען אַרבעטס־רעסאָרטן, האָט זיך די צאָל פיל פאַרגרעסערט.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ריזיקע אַקציע צו דערהאַלטן אונדזערע חברים אויפן אָרט. מיר האָבן גערעכנט, אַז אונדז וועט נאָך אויס־קומען אין קורצן צו האָבן שווערע קאַמפן. מיר האָבן גערעכנט, אַז אין 1944 ווערן מיר זיכער באַפרייט.

מיר האָבן דאַן אָנגעהויבן אויסבאַהאַלטן די געזוכטע מיט זייערע פאַמיליעס. דאָס איז געווען שווער. עס איז געווען אַ גרויסער הונ־גער, קעלט. מיר האָבן פּראָקלאַמירט אַ באַשטייערונג פאַר אונדזערע מיטגלידער 5 דעקא ברויט און אַ זופּ. די בעקער־אַרבעטער זענען באַשטייערט געוואָרן מיט אַ גרעסערן סכום ברויט. די אָפּפערוויליקייט און איבערגעבנקייט פון איינעם צום צווייטן איז געווען זייער גרויס. 5 דעקא ברויט און אַ זופּ איז געווען ווי אַוועקגעבן דאָס אייגענע לעבן. די אַקציע איז אונדז געלונגען. עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אינ־גאַנצן 7 חברים, וועלכע ס'איז ביי קיין פאַל נישט געלונגען צו באַ־פרייען. זיי זיינען געכאַפּט געוואָרן צופעליק. איינער פון זיי, דער

אַקטיווסטער, איז היינט סעקרעטאַר פון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע: לייזער לענקינסקי, אַ איבערגעגעבענער בונדיסט, וואָס האָט אויסגעפירט אין געטאָ די פאַראַנטוואָרטלעכסטע אַרבעטן.

אַ צווייטן, יוסף געלקאָפּף, אַ טראַנספּאָרט־אַרבעטער האָב איך באַגעגנט פעברואַר 1944 אין אַ פינצטערן וואַגאָן, פאָרנדיק צו דער אַרבעט פון לאַגער נאָרדהויזן צו דער פאַבריק „מיטעלבוי" ביים לאַגער דאָרא. איך האָב אים דערקענט אין דער פינצטער לויט זיין שטימע. ער איז מיר פאַרשוואונדן אין לאַגער נאָרדהויזן, וואַרשיינלעך אומגעקומען פון הונגער און קלעפּ.

ווייטער איז אַוועק משה פיינטוך, אזשאַלעק, די איבעריקע נעמען געדענק איך נישט.

מיטן צווייטן טראַנספּאָרט איז שוין קיינער נישט אַוועק. עס איז אונדז געלונגען אַלעמען צו ראַטעווען. איך אַליין מיט מיין פאַמיליע האָבן זיך דאַן געמוזט אויסבאַהאַלטן 5 וואָכן צייט, ווייל מ'האָט געזאָלט אַוועקשיקן דעם ברודער און די שוועסטער. איך האָב זיך דאַך געמוזט באַוועגן אין געטאָ צוליב מיין אַרבעט ביים העלפן אָפּראַטעווען די חברים.

דער אַרעסט פון רומקאָווסקין

באַלד נאָכן אַרויסשיקן פון די 1,500 מענטשן קומט אַ נייע געשעניש. רומקאָווסקי ווערט אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין דער געסטאַפּאָ. פאַרהאַלטן האָבן אים די זעלבע צוויי, וואָס האָבן אַוועקגעפירט גערטלערן.

דער אַרעסט איז געווען אינגאַנצן אומדערוואַרטעט און מ'האָט נישט געוואוסט צי דאָס טראָגט אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער אָדער אַן אַלגעמיינעם.

רומקאָווסקי פלעגט אָפט פאָרן אין שטאָט. אין איין אָוונט איז ער נישט צוריקגעקומען. צומאָרגנס 5 אָוונט איז רומקאָווסקי צוריק געווען אין געטאָ. און אָט אין וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט.

פון די „שפּערע"־טעג אָן האָבן אין געטאָ פיגורירט 3000 יידן מער ווי עס איז פאַקטיש געווען. די דייטשן, וואָס האָבן פאַרוואַלטעט מיטן געטאָ, האָבן דאָס געמאַכט מיט אַן אויסרעכנונג צו באַקומען פאַר 3 טויזנט מענטשן מער עסן. די פּראָדוקטן פלעגן זיין פאַרטיילט העלפט פאַר זיי און העלפט פאַר די יידן.

דער דייטש, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער אפּראָוויזאַציע, העמעלײן, איז אַוועק אין מיליטער און ביבאָו האָט אים נישט געוואָלט באַפרייען, האָט ער די זאַך פאַרשיט.

דער אַרעסט פון רומקאָווסקין איז פאַרגעקומען, ווען ביבאָו איז נישט געווען אין לאָדזש כדי ער זאָל נישט קענען אינטערווענירן. ביי דער אויספאָרשונג אין געסטאַפּאָ האָט רומקאָווסקי דערקלערט, אַז ער האָט אין זיינער צייט געמאָלדן ביבאָון וועגן דעם און טראָגט נישט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער זאַך.

רומקאָווסקי איז נאָך איין מאָל אַרויסגערופן געוואָרן אין געסטאַפּאָ און צוריק באַפרייט געוואָרן.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַראָפּציען פון די לעבנס־מיטל־צוטיילונגען פאַר אַנדערהאַלבן יאָר פּראָדוקטן, וואָס איז אין געטאָ אַריינגעקומען מער.

ווען ביבאָו איז צוריקגעקומען אין לאָדזש, האָבן אים די יידן יאַקובאָוויטש און קליגער דערציילט, וואָס רומקאָווסקי האָט דאָרט געערעדט. ער איז געוואָרן שרעקלעך בייז און אָנגעפאַנגען שיטן מיט גזירות. ער האָט פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיטן טראַמוויי צום פאָרן צו דער אַרבעט. עס איז אויסגעקומען צו גיין 7—6 קילאָמעטער צו דער אַרבעט קיין מאַרישין.

איינמאָל איז ער אַריין צו רומקאָווסקין אין צימער, געוואָרפן זיך אויף אים און מערדערלעך צעשלאָגן. רומקאָווסקי איז נאָך דעם פאַל געלעגן איניקע וואָכן אין שפּיטאָל.

פון באַלוטער מאַרק האָט מען צוואויסן געגעבן רומקאָווסקין, אַז ער זאָל זיך אָפּטראָגן ווייל ביבאָו איז שיכור און גייט צו אים. רומקאָווסקי האָט נישט געוואָלט אַנטלויפן און באַקומען גוט צעשלאָגן.

רומקאָווסקין האָט מען זייער פיינט געהאַט אין געטאָ, אָבער דער פאַל מיט ביבאָון האָט אַלעמען אָנגערירט, ווייל דאָס האָט מען נישט געשלאָגן רומקאָווסקין פאַר זיינע זינד, נאָר דעם פאָרשטייער פון די יידן. דער פאַל, וואָס רומקאָווסקי איז נישט אַנטלאָפן, האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק.

שפּעטער איז ביבאָו געקומען צו אים זיך איבערבעטן, ווייל פאַרט האָט ער פאַר רומקאָווסקין אַ ביסל מורא געהאַט, ווייל יענער איז געווען אַנגעזעזן אין בערלין און אין פּויזן, ווי אויך ביי בראַטפישן, דעמאָלטיקן פאָליציי־פּרעזידענט אין לאָדזש און שעף פון געסטאַפּאָ — לאָדזשער־קרייז.

פרייַלעכע ידיעות און אַ נייַער דורכפאַל

דעם 6טן יוני, 1944 איז אין געטאָ אַ גרויסע פרייד: באַלד אין דער פרי ווען די אַרבעטער גייען צו דער אַרבעט, ווייסט מען שוין, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנג דערוואַרטעטע אינוואַזיע. די ידיעה טראָגט זיך ווי אַ לאַווינע, מען קושט זיך אין די גאַסן און ביי דער אַרבעט. מען זיצט ביי די מאַשינען, אָבער מען אַרבעט נישט. מען קאָמענטירט, מ'רעכנט ווי לאַנג קען דאָס דויערן, אַז דער קריג זאָל זיך ענדיקן. דער עיקר: צי מיר וועלן באַפרייט ווערן? צי די דייטשן וועלן אונדז לאָזן זיך פרייען מיט זייער מפלה? יעדע פאַר שעה קומען נייע קאָמוניקאַטן. די שטימונג איז אַ געהויבענע: עס האָט זיך באַוויזן אַ פלעמעלע, אַ שיין פון האָפענונג.

אינגיכן ווערט די פרייד באַגלייט מיט טרויער.

7 אַווגט, דעם 8טן יוני באַפאַלן די דייטשן עטלעכע ערטער לויט די אָנווייזונגען פון מסור סטאַנקעוויטש. מען אַרעסטירט אין סך הכל 21 מענטשן מיט 2 ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. אויף איין אָרט, ביי דער פאַמיליע וועקסלער איז געלונגען באַצייטנס די קעסטלעך צו באַזייטיקן, אָבער די מענטשן האָבן זיך נישט אָפּגעטראָגן און מ'האָט זיי אַרעסטירט. צווישן די אַרעסטירטע זיינען געווען עטלעכע פאַר־שפרייטער פון דייטשע צייטונגען אין געטאָ.

די דייטשן זוכן אַרום דעם ציוניסט חיים ווידאַווסקי. איינער פון די אַרעסטירטע, אַ ציוניסט, האָט אָנגעגעבן, אַז צו אים פלעגט דער לעצטער אַרויפקומען. עטלעכע טעג האָט ווידאַווסקי זיך אויס־באַהאַלטן. אין איינעם אַ טאָג האָט מען אים געפונען אַ טויטן אין קלאָזעט פאַדזשעטשנאַ 9, געסמט מיט ציאַנקאַלי. ער האָט איבערגע־לאָזט אַ בריוו אַז ער מאַכט דעם שריט, ווייל ער פילט זיך צו שוואַך. ער האָט מורא, אַז ער זאָל נישט צוזאַמענברעכן ביי אַן אויספאָרשונג. מאסגעבנדיקע מענטשן האָבן אונדז איבערגעגעבן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אים צוגערעדט צו דעם שריט.

אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט ביי דעם אַרעסט געהאַט פיל מזל. 5 מינוט פריער בין איך אַראָפּ פון דער וואוינונג מלינאַרסקאַ 9 אָפּצו־נעמען ביי אַ ראַדיאָ־טעכניקער, רונדבאַקן, עטלעכע ראַדיאָ־דעטעק־טאָרן, וואָס האָבן אונדז באַדאַרפט נוצן אין צייט פון אויסבאַהאַלטן זיך מען זאָל כאָטש קענען האָבן די דייטשע נאַכריכטן. אויסער דעם האָבן מיר געהאַט 2 ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אַוועקגעשטעלט. ווען איך בין אַרויס

פון רונדבאַקענעז, האָט מיך געטראָפן דער ח' געלערשטיין און איבער־געגעבן די בשורה. מיר האָבן זיך באַלד פאַרשטענדיקט. ער איז צוגעגאַנגען וואָרנען די וועקסלערס און איך בין צוריק אַרויף צום מעכאַניקער רונדבאַקן אָנזאָגן אים ער זאָל רייך מאַכן די שטוב און זיך אָפּטראָגן.

אין געטאָ האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט גערעדט מיט שרעק צי די אַרעסטן וועלן נישט ברענגען קיין פאָלגן.

מיר האָבן זיך באַזונדערס געשראָקן, ווייל ווען איך בין פון דאָרט אַוועק זיינען נאָך געבליבן 2 מענטשן און זיי וואָלטן נאָך געקענט ביי די פּייניקונגען וואָס דערציילן.

דער העלד און קרבן דוד טאַפּעל

איינער פון זיי, דוד טאַפּעל, דער בעל הבית פון דער דירה, איז געווען דער חזן פון דער שול אוהל יעקב אויף גדאַנסקא 18. ער איז געווען אַן איבערצייגטער פרײדענקער, נאָר דאָס חזנות איז ביי אים געווען אַ ספּאָרט און אַ טייל פון זיין פּרנסה. געשטאַמט האָט ער פון קראָקע און געווען באַקאַנט מיט אונדזערע חברים אַלעקסאַנדער־ראַוויטש און בלום. אַ מענטש מיט העכערער בילדונג און מיט אַ פּראַקטיקער שטימע האָט ער אין די יונגע יאָרן שטודירט אין ווין מעדיצין און אין קאָנסערוואַטאָריע. אונטערן איינפלוס פון קראָקעווער ראַבינער טאָן לערנט ער חזנות. אָבער ער איז קיינמאָל קיין פרומער נישט געווען. 5 יאָר צייט, די גאַנצע צייט פון קריג, נאָך ביזן געטאָ, האָט ער זיך אינגאַנצן געווידמעט דער ראַדיאָ. טאָג און נאַכט האָט ער נאָכגעפאָלגט די ידיעות פון לאָנדאָן, מאָסקווע, בערמינסטער און שוויץ. ער האָט באַהערשט עטלעכע שפּראַכן און אויפגענומען די ידיעות אין דייטש, פּויליש, רוסיש, טשעכיש, איטאַליעניש, האָלענדיש. ער האָט פאַרמאָגט אַ פענאָמענאַלן זכרון און פלעגט איבערגעבן די ידיעות און רעדעס גענוי און פּינקטלעך לויטן ראַדיאָ. מיר האָבן אים באַוואונדערט פאַר זיין פּינקטלעך איבערגעבן די רעדעס.

ער איז געווען אַ שטאַרקער אָפּטימיסט און געגלייבט אין זיג איבערן פאַשיזם. ער האָט מיט זיין אָפּטימיזם און גלויבן אונטערגע־האַלטן טויזנטער מענטשן ביים מוט.

נישט געקוקט אויף די געפאַרן, האָט ער נישט פאַרלאָזט זיין „קינד" (ווי ער האָט גערופן זיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט!) אויף קיין 1 מינוט,

ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט דעם פון איין אָרט אויפן צווייטן און געטראָגן די ידיעות פון „יענער זייט וועלט".

דורך די 4 יאָר געטאָ האָבן מיר זיך זייער באַפריינדעט און אים געוואונען פאַרן „בונד", כאָטש אָרגאַניזאַציאָנעל איז ער מיט אונדז נישט געווען פאַרבונדן.

ער איז געפאַלן אויף זיין פּאָסטן. מיטן אַפּאַראַט אין דער האַנט, צעשלאָגן און צעבלוטיקט, האָט מען אים אָפּגעפירט אין פּאָליציי און פון דאָרט אין תפיסה אויף שטערלינגאַ. מ'האָט אים זייער גע־פּייניקט און ער האָט קיינעם נישט אַרויסגעגעבן.

זאָלן די פּאָר באַשיידענע ווערטער זיין אַן אָנדענק אויף זיין אומבאַקאַנטן קבר.

די לעצטע דעפּאָרטאַציע

אין געטאָ איז שוין נישט געווען רואיק. אין 2 וואָכן שפּעטער הייבט זיך אָן די ליקווידאַציע פון געטאָ.

ענדע יוני קומען די דייטשן און פאַרלאַנגען אַרויסצושיקן 2000 מענטשן אַ וואָך, אין 3 פּאַרטיעס.

עס ווערט געבילדעט אַ קאָמיסיע פון די רעסאָרטן אונטערן פאָרזיץ פון דוד ווארשאַווסקי, וואָס דאַרף צושטעלן די קאַנדידאַטן צום אַרויסשיקן, פּאַנאַנדערטיילנדיק זיי פּראָפּאָרציאָנעל צווישן די באַזונדערע רעסאָרטן אַזוי אַז די פאַבריקן זאָלן ווייטער קאָנען אַרבעטן; דערביי קאָנען אַ טייל פאַבריקן ליקווידירט ווערן.

די דייטשן זאָגן צו, אַז די מענטשן גייען אויף אַרבעט און וועלן קענען שרייבן. זיי פאַרלאַנגען „יונגע און געזונטע מענטשן".

עס הייבן זיך ווידער אָן די באַקאַנטע צרות פון דעפּאָרטאַציע. קיין גרויסן צוטרוי צו די דייטשע פאַרזיכערונגען קען מען נישט האָבן. קיין גענויע צאָל און ציפער גיבן די דייטשן נישט אָן. מען איז דאָן געווען זיכער, וואָס די אַקציע באַדייט. 6 וואָכן שפּעטער, ביים ענט־גילטיקן ליקווידירן די געטאָ, איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז דאָן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן.

דריי מיט אַ האַלב וואָכן האָט געדויערט דאָס אַרויסשיקן, עס איז אַוועק די שענסטע יוגנט. פון אָנהייב ווערן די טישלערייען און מעטאַל־וואַרשטאַטן נישט גערירט. שפּעטער האָבן שוין אַלע רעסאָרטן זייער חלק אין דער אַרויסשיקונג. 7000 מענטשן זיינען דעמאָלט אַוועק.

וואו זיי זיינען אַהינגעקומען ווייס איך נישט. וואַרשיינלעך איז געשען מיט זיי דאָס זעלבע, וואָס אין אויסשוויץ. אַ טייל איז אומגעבראַכט געוואָרן, אַ טייל איז אַוועק אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן פון דייטשלאַנד.

נאָכן 20טן יולי ווערט די אַקציע איבערגעריסן צוליבן אַטענטאַט אויף היטלערן.

אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך דעמאָלט געשטעלט פאַר אַ ציל נישט צו דערלאָזן, אַז קיין איין בונדישע פאַמיליע זאָל פאַרלאָזן די געטאָ. מיר האָבן די גאַנצע צייט מיט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען אויפגעהאַלטן אונדזערע חברים. מיר האָבן געפירט אַ קאַמפּאַניע, אַז מענטשן פון די פּאַרטייען זאָל מען נישט אַרויסשיקן ווייל עס שטייט נאָך פאַר אויפן אָרט אַ פּאַרטיידיקונגס־קאַמף. די פּראָפּאַגאַנדע האָבן אויך אויסגענוצט די קאָמוניסטן און זיי האָבן זייערע מענטשן טיילוויז צוריקגעהאַלטן. ווען איינער איז שוין אַריינגעפאַלן, האָט מען אים מיט כוח אַרויסגענומען. די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין עסן, האָט מען אַרויסגעהאָלפן. מיר האָבן דאַן אַדורכגעפירט אַ ציילונג פון אונדזער אָרגאַניזאַציע (פּאַרטיי, צוקונפט, סקיף, יאף) און אָנגעציילט 935 מענטשן. די אַקציע האָט זיך אונדז איינגעגעבן. עס איז קיין איין בונדישע פאַמיליע אין דער דעפּאָרטאַציע נישט אַוועק. אין צוקונפטיסטקע האָבן מיר אַוועקגעשיקט מיטן ציל זי זאָל אונדז צוּוויסן געבן, וואָס דאָרט קומט פאָר.

דאָס איז געווען רחל לעווינסקא. מיר האָבן פון איר קיין שום ידיעה נישט דערהאַלטן, ווייל אין 3 וואָכן שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון געטאָ.

פּלענער פון ווידערשטאַנד

שוין דעמאָלט קומען פאָר אין געטאָ צוזאַמענטרעפן וועגן אַן עווענטועלן ווידערשטאַנד אין פאַל פון אַ ליקווידאַציע.

די אַלע באַראַטונגען האָבן קיין קאָנקרעטעס נישט געגעבן ווייל עס איז נישט געווען קיין געווער און קיין קאָנטאַקט מיט דער שטאָט.

מיר האָבן געזוכט צוליב דעם צו באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט דער פּ. פּ. ס. אין יענע טעג איז אין געטאָ אַריינגעקומען מיט אַ דאָקטאָר פון שטאָט אַ שאָפער, אַ געוועזענער פּ. פּ. ס.׳אָוויעץ. אונדזער חבר וויינבלום האָט אים דערקענט און זיך צו אים געוואַנדן וועגן אַ

פֿאַרבינדונג מיט די פּ. פּ. ס. ער האָט אָבער אַחוץ אַ פּאָר אינפֿאָרמאַציעס וועגן עטלעכע פּ. פּ. ס.'ישע טוער, וואָס זיינען אומגעקומען, גאָרנישט איבערגעגעבן.

אַ צווייט מאָל האָט דער ח' פּראשקער באַמערקט אַדורכפֿאָרן אַ געוועזענעם דעלעגאַט פֿון זיין פֿאַבריק, אויך אַ פּ. פּ. ס.אָוויעץ, און אים איבערגעגעבן, וואָס מיר ווילן. ער האָט געענטפֿערט אויף דער ווענדונג, אַז ער האָט פֿאַרשטאַנען.

טאָג טעגלעך פֿלעגן מיר אָפּוואַרטן אויף די גאַסן לימאַנאָווסקעגאָזגערזשער אויף אַן ענטפֿער, אָבער קיינער האָט זיך נישט באַוויזן.

די ליקווידאַציע

די ליקווידאַציע האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו וואַרשע. אין וואַרשע איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד. די דייטשן האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּאַניק. זיי האָבן געפּאַקט די פּעקלעך. אין שטאָט ביי די וואָקזאַלן איז געווען פֿול מיט טויזנטער דייטשן, איבערגעשראָקענע, אין פּחד פֿאַר זייער גורל. די דייטשן וואָס פֿירן אָן מיטן געטאָ, נוצן אויס דעם באַנהויף אין ראַדאָגאָסטש, וואָס איז באַשטימט פֿאַרן געטאָ, און שיקן אַוועק זייערע אָנגערויבטע זאַכן טיף אין דייטשלאַנד.

ווען דער פֿאַראויסמאַרש פֿון די רוסן האָט זיך פֿאַרהאַלטן ביי וואַרשע, האָט די פּאַניק ביי די דייטשן זיך אָפּגעשטעלט און זיי האָבן זיך גענומען צו דער אויסזידלונג.

אין אָנהייב אויגוסט 1944 קומט אָן אין געטאָ די טרויעריקע ידיעה: די געטאָ ווערט ליקווידירט. עס דאַרפֿן אַרויסגיין פֿון געטאָ 5000 מענטשן אַ טאָג. באַלד באַוויזט זיך אַ פּלאַקאַט, אַז די געטאָ צוזאַמען מיט די מאַשינען, ווערט אַריבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט.

די דייטשן באַשטימען דעם סדר פֿון דער ליקווידאַציע לויטן נומער פֿון רעסאָרט. דער רעסאָרט נומער איינס איז געווען די שניידער־פֿאַבריק לאַגעווניצקאַ 36. דאָרט האָבן געאַרבעט 3000 מענטשן. עס איז געוואָרן אָנגענומען, אַז אויב איינער פֿון אַ פֿאַמיליע אַרבעט אין דעם באַשטימטן רעסאָרט, מוז די גאַנצע פֿאַמיליע מיטפֿאָרן.

די פּלאַקאַטן רעדן בלויז וועגן „אַריבערטראָגן" די געטאָ, אָבער די יידן גלייבן נישט אין די אַלע מעלדונגען, פּלאַקאַטן און צוזאָגן.

קיינער וויל נישט פארלאזן, מען האפט, אז די רוסן קומען באלד אן און מען וועט באפרייט ווערן.

איינמאל באווייזט זיך אויפן באלוטער רינג דער שעף פון געסטאפא, דער בארימטער בראטפיש. זיין באווייזן זיך האט שוין אנגעווארפן א שרעק.

ער הייסט זיך רופן רומקאווסקין און פרעגט ביי אים, פארוואס די יידן ווילן נישט פארלאזן די געטא?

רומקאווסקי מעלדעט אים, אז ער רופט אויף היינט א מיטינג און וועט פרוואון רעדן צו די יידן, אז זיי זאלן אוועק.

בראטפיש דערקלערט, אז ער וויל קומען רעדן צו די יידן. 3 אזייגער נאכמיטאג באווייזט זיך בראטפיש פארן טויזנט־קעפיקן עולם און פרואווט איבערצייגן אז מען זאל אוועק.

„דא ווערט א קריגס־געביט און איר וועט אומקומען פון די באמבעס, פון ארטילעריע און פון פיינט."

זיין רעדע האט אויך ווייניק וואס געהאלפן. די יידן האבן זיך נישט גערירט. אין ערשטן טאג פון דעפארטאציע, דעם 4טן אויגוסט, האבן אנשטאט 2000 מענטשן זיך באוויזן 150; א טייל פון די זיינען געווען ארעסטירטע פאר פארשיידענע חטאים. די דייטשן פארארדנען אפצושטעלן די ארבעט, איבערלאזן אין יעדן רעסארט א גרופע פאר־אנטווארטליכע ארבעטער און די איבריקע זאלן אוועק.

רומקאווסקי סאבאטירט טיילווייז דאס ארויסשיקן, שלעפט אפ, פארהאלט נישט דאס ארויסגעבן לעבנס־מיטל צו די וואס שטעלן זיך נישט צו. גלייכצייטיק האלט ער רעדעס און גיט ארויס פלאקאטן, אז מען זאל אוועקפארן.

אין געטא הייבט זיך אן א געיעג פון רעדן. רומקאווסקי פון איין זייט, ביבאוו פון דער צווייטער זייט. 2 מאל אין טאג קומט ביבאוו אין די רעסארטן און האלט לאנגע רעדעס וועלנדיק איבערצייגן, אז מען דארף אוועק. אויף די ערשטע פארזאמלונגען איז נאך דער עולם געקומען. שפעטער שיקט מען שוין די זעלבע מענטשן פון איין רעסארט אין צווייטן, בכדי נישט צו לאזן דעם רעדנער אן אן אודיטאריע.

די רעדעס זיינען געווען איין בלאף. ביבאוו האט זיך געשוואוירן, אז קיין האר פון קאפ וועט קיינעם נישט אראפפאלן, אז ער אליין בויט די געטא אין אנדערע ערטער, זיכערע פון קריגס־טעטיקייט.

די צאל צום ארויספארן ווערט אבער נישט גרעסער. די וואגאנען גייען אוועק ליידיק. עס פארן 200—300 מענטשן א טאג.

מיר האָבן געפירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע נישט צו פֿאָרן און אויסבאַהאַלטן זיך ווי לאַנג ס׳איז נאָר מעגלעך.

איינמאָל אין אָוונט, שוין 12 ביינאַכט, שיקט רומקאָווסקי אונדז רופֿן. ה׳ לעדערמאַן און איך גייען אין נאָמען פֿון „בונד״. אויף טאָקאַזשעווסקעגאַ 18 אין רעסאָרט קומען זיך צונויף די פֿאָרשטייער פֿון אַלע פּאַרטייען — בונדיסטן, קאָמוניסטן, (ה׳ כיל), לינקע פּ. צ. (וואָלינסקי, פּעדער), ציוניסטן (טאַבאַקסבלאַט, אובערבוים, פּראַשקער, גורא און ד״ר מילער).

רומקאָווסקי דערקלערט, אַז די געטאָ ווערט ליקווידירט, נאָר ער האַלט, אַז מען דאַרף אָננעמען אַ טאַקטיק פֿון אָפּשלעפּן. דאָס קאָן, לויט זיין מיינונג, געשען ביי איין באַדינג: אויב די פּאַרטייען וועלן אויף זיך נעמען צו אַגיטירן און זאָרגן, אַז יעדן טאָג זאָל אַוועק אַ מינימום פֿון 800—700 מענטשן. דעמאָלט וואָלט אים געלונגען צו פֿועלן ביי די דייטשן, אַז ער זאָל אַליין אָנפֿירן מיט דער אַקציע און די דייטשן זאָלן נישט אַריינקומען אַליין נעמען, ווייל דעמאָלט וועלן פֿאַלן קרבנות און די ליקווידאַציע וועט צוגיין שנעלער.

די פֿאָרשטייער פֿון די ל. פּ. צ. האָבן דערקלערט, אַז מען דאַרף אָננעמען רומקאָווסקיס איינשטעלונג. מיר דאַרפֿן שוין יעצט, האָבן זיי געהאַלטן, אויסאַרבעטן אַ פּלאַן און זאָרגן, אַז יידן זאָלן פֿאָרן, און באַוועגן די באַפֿעלקערונג, מ׳זאָל זיך צושטעלן.

איך האָב דאַן אין נאָמען פֿון „בונד״ דערקלערט, אַז מיר וועלן קיינעם נישט הייסן אָוועקפֿאָרן, מיר ווייסן נישט וואוהין די מענטשן גייען, מיר האָבן אַ גרונט צו מיינען, אַז דער גרעסטער טייל קומט אום. אַז די טראַנספּאָרטן גייען נאָך אויסשוויץ, איז נישט קיין סוד. אויב די אויוונס און גאַז־קאַמערן אַרבעטן, דאַן וואָלטן מיר אויף זיך גענומען די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן אומברענגען די רעשט 68 טויזנט יידן. מיר דאַרפֿן סאַבאָטירן, אָפּשלעפּן און רופֿן די באַפֿעלקערונג זאָל שטעלן אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד און אויסבאַהאַלטן זיך. מעגלעך, אַז דער מאַרש פֿון די רוסן וועט זיך אָנהייבן און מיר וועלן געראַטעוועט ווערן. דער „בונד״ וועט צו באַוועגן אימיצן פֿאַרלאָזן לאָדזש קיין האַנט נישט צולייגן.

דער פֿאָרשטייער פֿון די קאָמוניסטן האָט דערקלערט, אַז ער קען גאָרניט זאָגן: ער מוז זיך באַראַטן מיט זיינע חברים. ביי די ציוניסטן זיינען די מיינונגען געווען צעטיילט.

די קאָנפערענץ איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט גאָרנישט. רומ־קאָווסקי האָט דערקלערט, אַז אויף מאָרגן מיטאָג צייט, איז זיך צו רעכענען, אַז די דייטשן וועלן אַריינקומען אין געטאָ.

אויף מאָרגן מיטאָג־צייט זיינען באַוואָפנטע דייטשע אָפּטיילונגען אַריין אין געטאָ, אַרומגערינגלט דעם געדיכסטן קוואַרטאַל און אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן די מענטשן און אַוועקפירן זיי קיין מאַרישין.

די אַקציע איז שוין אַזוי געגאַנגען טאָג נאָך טאָג. אַ טייל האָבן זיך קאָשאַרירט אין די רעסאָרטן מיט זייערע פאַמיליעס. אַ טייל האָט זיך אַליין צוגעשטעלט. און איין טייל פון דער באַפעלקערונג וואַרפט זיך פון איין אָרט אויפן צווייטן.

באַלד קומען פאַראָרדנונגען איינע נאָך דער צווייטער.

עס באַווייזט זיך אויך אַ פּלאַקאַט, אונטערגעשריבן פון די שניידער אינסטרוקטאָרן, וואָס רופן צו פאַרלאָזן די געטאָ.

די דייטשן פאַראָרדנען צו פאַרלאָזן דעם מערב טייל פון געטאָ אין משך פון 24 שעה; ווע מען מען וועט דאָרט טרעפן, ווערט דערשאָסן.

אַ גרויסער טייל וואָס האָט נישט וואו זיך צו באַהאַלטן, שטעלט זיך אַליין צו.

די טראַנספּאָרטן האָבן טאָג טעגלעך אַוועקגעפירט ביז 2000 מענטשן.

נאָך קיינמאָל ווי ביז יעצט האָבן מיר נישט נאָכגעפאָלגט דעם ראַדיאָ. 120 קילאָמעטער אינגאַנצן פון אונדז געפינט זיך די רויטע אַרמיי. איין שפרונג — און מיר זיינען געראַטעוועט.

ביינאַכט הערט מען כסדר דעטאָנאַציעס פון אַרטילעריע. מיר ווילן זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז פון פראָנט, אָבער לויט אַלע ידיעות איז נאָך דער פראָנט ווייט פון אונדז, מיר זאָלן הערן שיסן.

מיר פאָלגן נאָך דעם אויפשטאַנד אין וואַרשע אָבער ער פאַרציט זיך און אָן שום רעזולטאַטן. די דייטשן אַרבעטן נאָר בייטאָג, ביינאַכט האָבן זיי מורא אַריינצוקומען אין געטאָ. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיי געלערנט צו זיין פאָרזיכטיק, אָבער ליידער האָבן זיי דאָ נישט געהאַט פאַר וואָס זיך צו שרעקן. ס'איז נישט געווען קיין געווער.

אין אָוונט הייבט זיך צוריק אָן אַ באַוועגונג, מ'לאָזט זיך זוכן עסן, נאָכפרעגן וועגן קרובים, באַקאַנטע און וואָס הערט מען נייעס, אפשר איז פאַרט דאָ אַ האָפנונג אַרויסצוקומען גאַנץ פון אַ טויט־אורטייל.

וואָס אַמאָל שניידן די דייטשן אָפּ אַן אַנדערן קוואַרטאַל. זיי באַפאַלן די הייזער, רייסן אויף אַלע טירן, זוכן אויף די בוידעמער, כאַפּן זיך אַריין אין אַלע באַהעלטעגישן און יאָגן צו דאָס אויסליידיקן די געטאָ.

אין די לעצטע טעג ווערט די גאַס פּוסט. עס באַווייזן זיך בלויז איינצלנע, שאָטנס גליטשן זיך דורך אין דער פינצטערניש, כאַפּן זיך אַריין אין דער געוועזענער בעקעריי נאָך אַ ביסל מעל, זוכן אין די שענק און ווינקעלעך פון אַ קאָאָפּעראַטיוו — צונויפצוקלייבן אַ ביסל עסן.

דעם 28טן אויגוסט פאַרלאָזט רומקאָווסקי מיט זיין סוויטע די געטאָ. ער האָט נאָך געוואָלט בלייבן מיט אַ גרופּע יידן צו רייניקן די געטאָ און אַרויספירן די מאַשינען און די ווערט־זאַכן. אָבער ביבאָוו האָט ספּעציעל נישט דערלויבט אים איבערצולאָזן זיין ברודער און שוועגערין. ער איז אַוועק און איז מיט זיין פאַמיליע אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פון אויסשוויץ.

אין געטאָ איז שוין געווען כמעט ליידיק. 500 יידן מיט זייערע פאַמיליעס זיינען געווען גרופּירט אין לאָקאַל לאַגעוניצקא 36. די דאָזיקע גרופּע האָבן די דייטשן אָפּגעטיילט באַזונדער אויף אָפּצושיקן אין אַן אַנדער לאַגער, נישט צו פאַרניכטן, און אַ צווייטע גרופּע האָט ביבאָוו אויסגעקליבן צו בלייבן. דעם 29טן אויגוסט זיינען אַוועק די לעצטע 2 טראַנספּאָרטן נאָך אויסשוויץ. דעמאָלט בין איך מיט דעם גאַנצן בונדישן אַקטיוו אויך אַוועק. מיר האָבן שוין נישט געהאַט וואָס צו טאָן.

אַזוי איז אומגעקומען דער צווייט־גרעסטער יידישער קיבוץ אין פּוילן.

טשענסטאָכאָווער געטאָ

אויסצוגן פון אַ באַריכט פון חבר ל. ברענער.

...די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ לעבהאַפטע טעטיקייט. דער „בונד" האָט די גאַנצע צייט געפירט אומלעגאַל די „מעדעם־ביבליאָטעק", ווי אויך פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן צ. ק. פון „בונד" אין וואַרשע. ערשט דעם 16טן יולי 1941 איז די אַרבעט פון „בונד" צייטווייליק איבערגעריסן געוואָרן, צוליב דעם דורכפאַל פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור אין פּיאָטרקאָוו. אייניקע בונדיסטן האָבן דאַן באַצאָלט מיט זייער לעבן אין אָשוויענטשים (משה בערקענשטאַט א. אַ.). בלויז צוויי פון די אַרעסטירטע האָט זיך איינגעגעבן, אַ דאַנק דער מיטהילף פון צ. ק. אַרויסצוגנבענען פון תפיסה. די קאָמוניסטן האָבן אויך געפירט די גאַנצע צייט אַן אינטענסיווע טעטיקייט. די אַרבעט זייערע איז אָבער אויף אַ געוויסער צייט איבערגעריסן געוואָרן צוליב די גרויסע אַרעסטן דעם 29טן אַפּריל, 1942, ווען מען האָט אַ סך פון זיי מיט זייערע משפּחות אַרויסגעשיקט קיין אָשוויענטשים. אויך דער „הנוער הציוני" און די „ליגע פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל" האָבן געפירט אַ געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע טעטיקייט.

די לינקע פּאַרטייען האָבן אויך אָרגאַניזירט אַ פּראָפעסיאָנעלן פּאַראיין, וועלכער האָט געזאָרגט אַז דער יידן־ראַט זאָל בעסער באַלוינען, באַשפּייזן און באַקליידן די אַרבעטער, וועלכע ווערן דורך אים געשיקט אויף דייטשע אַרבעטס־פּלעצער. עס זיינען פאָרגעקומען שטילע שטרייקן און ניט איינמאָל פלעגן די לאָקאַלן פון יידן־ראַט דעמאָלירט ווערן, ווען די פאָדערונגען פון דער אַרבעטער־דעלעגאַציע זיינען נישט דערפילט געוואָרן.

פרילינג 1942 האָט זיך, ווי אַ בליץ אַריינגעריסן אין געטאָ די

ידיעה וועגן גירוש לובלין און וואַרשע. דער אומרו האָט, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם אַלעמען אַרומגעכאַפּט. נאָכמער האָט זיך דער אומרו פאַרשטאַרקט, ווען די דייטשע זאָנדער־געריכטן האָבן אָנשטאָט טויט־שטראָף פאַר אַרויסגיין פון געטאָ, אָדער פאַר אַן ענלעכן „חטא״ אָנגעהויבן משפטן מיט תפיסה ביז דער אויסזידלונג. יעדנס האָפע־נונגען זיינען געווענדט צו די „שאָפּן״ (לעגיטימאַציעס פון די „שאָפּן״ האָבן געדאַרפט דינען אַלס באַשטעטיקונג, אַז די אינהאַבער זיינען נוצלעכע אַרבעטער), ווי אויך צו די פּליטים־פּונקטן, וואו ס׳האָבן זיך געפונען טויזנטער אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע, אַרויסגעטרי־בענע יידן פון שטעט און שטעטלעך. זיי האָבן דאָס, אַלס אומנוצלעכע, באַדאַרפט זיין די אָפּלייזער...

די רייען פאַרן אַרבעט־אַמט זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן לענ־גער. דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פּראָפעסאָרן און סטודענטן, דירעק־טאָרן, סוחרים און כתם העַנדלער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שוס־טערס, שניידערס, שלאָסערס און בערשטער־אַרבעטער.

ריזן־רייען זיינען אויך געווען פאַר די לאָקאַלן פון יידן־ראַט. דאָ האָבן זיך טויזנטער עלנטע סקעלעטן אין שמאַטעס געהילטע, מיט הענט צעפּרעסענע פון צרעת, געשטופּט צו די פענצטערלעך און זיך באַמיט צו איבערצייגן די באַאַמטע, אַז זיי נויטיקן זיך שוין נישט אין קיינעמס הילף; אַז זיי קענען שוין אויך אַרבעטן און אַלס נוצלעכער עלעמענט האָבן זיי אויך פולע רעכט צו פאַרבלייבן אויף ווייטער אין טשענסטאָכאָוו.

די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען וועגן אַ געמיינזאַמען באַוואָפנטן אַרויסטריט אין פאַל פון אַן „אַקציע״ מצד דעם אָקופּאַנט.

די דעצידירנדיקסטע קאָנפערענץ, וואָס האָט אין שייכות דערמיט געזאָלט פאַרקומען דעם 21טן סעפּטעמבער מיט דער באַטייליקונג פון אַ שליח פון וואַרשעווער „זשאב״ („זשיד. אָרגאַניז. באָיאָווא״ — יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע) און אַן אָרטיקן יידישן קאַפּיטאַן דר. א. וואָל־בערג, איז שוין ליידער נישט צושטאַנד געקומען צוליבן פאַרהאַלטן דורך זשאַנדאַרמען אייניקע דעלעגאַטן פון פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך אין דער קאָנפערענץ געזאָלט באַטייליקן. דעם זעלבן טאָג איז די אומרואיקייט פון שעה צו שעה געוואַקסן. דער פּאָליציי־שעף — דער מערדער דעגענהאַרט — האָט געדראָט מיט די שטרענגסטע רעפּרעסיעס פאַר פאַרשפּרייטן פאַלשע קלאַנגען און אויפגעפּאַדערט,

אַז דער יידן־ראַט און דער יידישער אָרדענונגס־דינסט זאָלן אַ סוף מאַכן צו די אומרואיקע קלאַנגען. דעם 21טן סעפּטעמבער 3 אַזייגער ביינאַכט זיינען די גאַסן אין געטאָ באַשטעלט געוואָרן מיט אוקראַאי־נישע און לעטישע הילפס־פּאָליציי. אַלע האָבן שוין געזען באַשיימ־פּערלעך, אַז די „אַקציע" הייבט זיך אָן.

דעם 22טן סעפּטעמבער 1942, 5 אַזייגער פרי האָט זיך די „אַקציע" אָנגעהויבן. ווי איבערגעשראָקענע מוראַשקעס פון אַ צעשטערטן מו־ראַשניק, זיינען טויזנטער מענטשן געלאָפן פון שטוב צו שטוב, פון הויז צו הויז, פון גאַס צו גאַס. ווער ס'האָט געשלעפּט אַ רוק־זאַק, ווער אַ פּאַק בעטגעוואַנט און ווער — אַ ביסל געשיר. אומעטום האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס, זשאַנדאַרמען און אוקראַאינישע הילפס־פּאָליציי. אונטער אַ האָגל פון קלעפּ ווערט יעדער געיאָגט פאַראויס צו דער מעטאַל־פאַבריק, וואו עס געפינען זיך די „שאָפּן". פרויען ווערן אָפּגעריסן פון די מענער, קינדער פון די מאַמעס, און ווי צו דעם, וואָס וואָגט זיך זעגענען מיט זיין פרוי און קינד. פון דער גרויסער געיאָגטער מאַסע טיילן זיך אויס אייניקע מיט העק אין די הענט, אַנדערע מיט פויסטן אין דער הויך, ווי אויך אַזעלכע, וועלכע קניען און בעטן רחמים ביי די מערדער. זייער אַלעמענס סוף איז אָבער דער זעלבער — אומקום...

צווישן הונדערטער דערמאָרדעטע קערפּערס מאַרשירן די דייטשע הענקערס און זייען פאַרניכטונג און טויט. עס צאָלן מיט זייער לעבן עלטערע, שוואַכע, קינדער, און אויך די, וואָס וואָגן נישט צו לאָזן זיך אָפּרייסן פון פרוי און קינד. די גאַסן זיינען פול מיט מוראדיקן געיאָ־מער. מאַמעס, משוגע פון פאַרצווייפלונג, רופן זייערע פאַרפאַלן־גע־וואָרענע קינדער און פאַלן מיט צעשמעטערטע שאַרבנס; דאָס געוויין און געשריי פון הונדערטער קינדער, וואָס זוכן די מאַמעס זייערע, רייסט דורך די לופט און צערייסט דאָס האַרץ. די אָנשטעקנדיקע קראַנקע אַנטלויפן פון שפּיטאָל און פאַלן ביים טויער. מענטשן־שאַטנס מיט רויטע ביכעלעך, וועלכע דאַרפן באַשטעטיקן די נוצלעכקייט פון זייער פּערזאָן, אין די הענט, שטייען, פינצטער אין ריזן־רייען איינער צום צווייטן געפּרעסט, פאַר די טויערן פון דער מעטאַל־פאַבריק און רוקן זיך לאַנגזאַם פאַראויס. דאָ שפּאַצירט זיך רואיק דער גרוי־זאַמער פּאָליציי־הונט, דער הויפּט מערדער דעגענהאַרט און מיט זיין שטעקעלע ווייזט ער אָן: „דו רעכטס", דו לינקס" א. אַ. וו.

וואַנדערן טאָקע די צעפּליקטע רויטע ביכלעך צו די מיסט־קוישן און די מענטשן — צו די פּי־וואַגאָנען, וואו פון יעדן ווערן צוגענומען די פּעק, אַראָפּגעצויגן די שיך און אַריינגעשטופּט צו 120 מאַן אין אַ וואַגאָן. בלויז אַ קליינער צאָל האָט זיך איינגעגעבן אַריינצובאַקומען אין די „שאָפּן", וואו אַ טייל מיטגלידער פון יידן־ראַט האָבן שוין אַמטירט.

דער טאָג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַכט טויזנט אַרויסגעשיקטע און איניקע הונדערט דערמאָרדעטע אויפן אָרט.

אויף צו מאָרגנס — אַלע געטאָ־גאַסן שטרענג באַוואַכט. געדיכטע שיסערייען אין דעם קוואַרטאַל, פון וואַנען יידן זיינען שוין אַרויסגע־שיקט. דאָ מאָרדעט מען איצט די יידן, וועלכע האָבן פּרובירט זיך אויסצובאַהאַלטן. אויך אויף די נאָך באַוואוינטע גאַסן הילכן אָפּ אָפּטע שאָסן, וואָס רייסן איבער דאָס לעבן פון די, וועלכע וואָגן אַרויסצובליקן דורך אַ פענצטער, אָדער זיך באַווייזן אויף אַ באַלקאָן.

פיר טעג געפינען זיך אַלע אין אָנגעשטרענגטער אַפּוואַרטונג. נישט ביי איינעם פּליט דורך אַ געדאַנק פון האָפענונג: אפשר, אפשר וועט שוין מער גאָרנישט געשען. פיר טעג — פיר לאַנגע שרעקלעכע יאָר — האָט זיך געצויגן די אָנגעשטרענגטע אַפּוואַרטונג. אויפן פינפטן טאָג דעם 27טן סעפּטעמבער איז, ווי אַ שרעקלעכער דונער געקומען די ידיעה, אַז פון אַ געוויסער צאָל גאַסן טרייבט מען ווייטער יידן. אַלע ווערן געיאָגט אויפן גרויסן פּלאַץ פון נייעם מאַרק, וואו עס קומען פאָר די „סעלעקציעס". טויזנטער יידן זיינען אויסגעשטעלט אין צווייַ גע־דיכטע, לאַנגע רייען, צענדליקער זשאַנדאַרמען מיט געשטאָפּאָ־לייט און הונדערטער אוקראַאינער רינגלען אַרום דעם פּלאַץ. ס'הערשט אַ טויטע שטליקייט. עס הערט זיך בלויז די שטאַמלדיקע שטים פון גרוי־זאַמען פּאָליציי־שעף: „וואָס ביסטו פון באַרוף"? און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, טייטלט ער מיט זיין שטעקעלע איבער די קעפּ. מיט זיין כאַראַקטעריסטישן „דו רעכטס", „דו לינקס" דעצידירט ער וועגן לעבן און טויט פון יעדן איינעם.

אויך דער טאָג האָט געגעבן 6 טויזנט אַרויסגעשיקטע און פיל טויטע אויפן אָרט. פּלוצים, אַ שיין פון האָפענונג: זשאַנדאַרמען האָבן געבראַנגט צו פירן אין די „שאָפּן" אַריין אַ גרופּע יידן, וועלכע האָבן זיך אויסגעקויפט פאַר געלט, גאָלד און בריליאַנטן. אויפן סמך פון דעם, האָט דער יידן־ראַט אָנגעהויבן איינקאַסירן אויסלייז־געלט פאַר דער שוץ־פּאָליציי. יידן זאָגן זיך אָפּ פון דעם לעצטן פאַרמעגן זייערן. מען צאָלט אין אַלץ, וואָס מען פאַרמאָגט, אַפילו צירונג, וואָס איז

איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור, אַבי צו ראַטעווען די נאָענט־סטע. זעקעלעך מיט גאָלד, צירונג און איידל־שטיינער וואַנדערן טאָקע צו די זשאַנדאַרמען, און די אָפּגעגאַרטע יידן—צו די פּי־וואַגאָנען קיין טרעבלינקע.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילד געיעג נאָך רויב: מען האָט אויס־געגאַרט אַלץ ביי די לעבעדיקע, אַרויסגעריסן גאָלדענע ציין און אָפּגע־שניטן פינגער מיט גאָלדענע רינגעלעך ביי די טויטע. איבער די גאַסן ציען זיך וועגענער מיט האָב און גוטס פון יידישע וואוינונגען צו די מאַגאַזינען פון דער שוץ־פּאָליציי. אויך די יידישע „גוואַרדיע" פון „מעבל לאַגער", אונטער דער אָנפירונג פון טיכטיקן און דרייסטן מעכל בירנצווייג, פירט געהיימנישפול שענק, טאַפּטשאַנעס און קוילן־קאַסטנס. דאָס איז נישט גלאַט פשוט. אין די דאָזיקע מעבל־שטיקער ווערן געשמוגלט מאַמעס מיט קינדער, פאַר וועלכע ס'איז, אונטער דער נאָז פון די דייטשן, צוגעגרייט געוואָרן בונקערס אין „מעבל לאַגער". 73 קינדער מיט זייערע מאַמעס ווערן אויף אַזאַ אופן געראַ־טעוועט.

5 וואָכן האָט זיך געצויגן דער מערדערלעכער „אַקציע"־טאַנץ. הונגער און טויט האָבן אָן אויפהער געבושעוועט. קנאַפּע 41 טויזנט יידן זיינען געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע און אומגעקומען אויפן אָרט, 6 און אַ האַלבער טויזנט זיינען געבליבן אין די „שאָפּן" און אויף צייטווייליקע אַרבעטס־לאַגערן, און קנאַפּע טויזנט — באַהאַלטן אין קעלערס און אין אַנדערע פאַרשיידענע בונקערס.

די געטאָ איז שוין „אויסגערוימט". אַ טויט־שטילקייט. בלויז דורך די אויפגעפּראַלטע טירן און פענצטער טראָגט זיך די אַנקלאַגנ־דיקע, שרעקלעכע מעלאָדיע פון אומקום, פון טויט און אונטערגאַנג. עס וויינען די ווענט פון דער „שוויעטליצע", וואָס האָבן אין משך פון 19 חדשים איינגעזאַפּט אין זיך די נשמהדיקע וואַרעמקייט פון די יוגנטלעכע און די פריידיקע קלאַנגען פון די צוויי טויזנט קינדער, וועלכע האָבן דאָ זייער ליכטיקע היים געהאַט. עס וויינט דאָס יתומים־הויז, וואָס האָט אין משך פון 19 חדשים געזעטיקט, געשיצט און גע־וואַרעמט 150 יתומימלעך. און איצט איז עס אַליין פאַריתומט.

גרויזאַם איז געווען די לאַגע פון די איבערגעבליבענע. אַמשרעק־לעכסטן איז געווען די לאַגע פון די, וועלכע זיינען איבערגעשיקט געוואָרן אין דער אמוניציע־פאַבריק „האסאג". פיין, הונגער און שמוץ איז דאָ געווען דאָס טעגלעכע ברויט. אַפּוואַשן אַ ביסל דאָס פנים האָט

געקאַנט בלויז דער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט אָפּצושפּאָרן אַ ביסל קאַווע פון זיין טעגלעכער האַלב־ליטערדיקער פּאַרציע.

די פּאָליצייליט טריאומפירן, זיי האָבן בשלימות דערפילט זייער חוב לגבי דעם „גרויסן רייך". איצט ערשט זיינען זיי די אמתע זין פון אַן אמתן „הערן־פאָלק".

די „אַקציעס" האָבן זיך דעם 1טן נאָוועמבער פאַרענדיקט. 6 און אַ האַלבער טויזנט איבערגעבליבענע יידן פון די „שאָפּן" און פון די צייטווייליקע אַרבעטס־לאַגערן, זיינען איבערגעפירט געוואָרן אין דער קליינער געטאָ צו ווייטערדיקער טויטשרעק און צו ווייטערדיקע „סע־לעקציעס".

די „קליינע געטאָ" — דריי קליינע, שמוציקע, פּאַראַלעל־ליגנ־דיקע, ענגע געסלעך, מיט שטעכיקן דראָט אַרומגעצוימט, פון שוץ־פּאָליציי און אוקראַאינער טאָג און נאַכט באַוואַכט. זעקס און אַ האַלב טויזנט אומעטיקע שאָטנס, וועלכע האָבן ביים גורל אַ ביסל לעבן געגנבעט, זיינען אין אַ שטיקנדיקער שטייג איינגעשלאָסן. זעקס און אַ האַלבער טויזנט, פון אַלעם באַרויבטע שקלאַפן, זיינען אין טויזנט צוויי הונדערט ענגע צימערלעך אַריינגעפּרעסט. דאָ זיינען די צום לעבן פּאַרמשפּטע געצוואונגען צו בויען זייער נייע היים. קיין אייגענע ווירטשאַפט איז ניטאָ. אַלע מוזן אַרבעטן און ציען די נעבעכדיקע חיונה זייערע פון דער קיך, וואָס דער יידן־ראָט פירט.

שוין 5 פרי מוזן אַלע זיין אויף די פיס און פאַרטיעסווייז, אונטער באַוואַכונג, מאַרשירן זיי צו די באַשטימטע אַרבעטס־פּלעצער אויסער דער געטאָ, וואו זיי זיינען אָנגעוויזן אויף פּיין, שפּאָט און חוזק. 9 אַוונט צעטראָגט זיך די אומעטיקע מעלאָדיע פון טרומפּייט, וואָס פאָ־דערט אויף צום שלאָפן.

ווי אַ שווערער וואָלקן הענגט די מעלאַנכאָלישע שטימונג איבערן געטאָ־הימל. אַלע האָבן דאָך אַלץ און אַלעמען פאַרלוירן. מאַמעס גייען אויס פון צער, דענקענדיק פון זייערע קינדערס גלאַנצנדיקע, לאַ־כעדיקע אויגעלעך. על פי נס אָפּגעראַטעוועטע, חנעוודיקע יידישע קינדער ליגן אין פינצטערע בונקערס און וויאַנענדיק, וויינען זיי אויס זייערע שוואַרצאַפּלען, בענקענדיק נאָך דער צאַרטער מאַמע־האַנט.

ביים אַרויסמאַרשירן צו דער אַרבעט און ביים אַריינקומען צוריק, ווערן אַלע פאַרטיעס גענוי געציילט און קאָנטראָלירט. די שטימונג איז דאַמאָלסט שטיל און ערנסט. דאָך הערט זיך פון צייט צו צייט ביים אַריינמאַרשירן אין געטאָ אַ מעכטיק געזאַנג פון אַ גרופּע אַר־

בעטער. דאָס איז נישט קיין געזאַנג פון שיכרות און פרייד, דאָס פאַרהילכן אַזוי צווי הונדערט אַרבעטער פון „מעבל־לאַגער" די געוויינען פון לעבן געבליבענע קינדער, וועלכע זיי שמוגלען איצט אין גרויסע ברויט־טאָרבעס פון דרויסנדיקע בונקערס אין געטאָ אַריין, וואו עס זיינען שוין פאַר זיי נייע בונקערס צוגעגרייט.

כמעט יעדער טאָג, ביים אַרויסמאַרשירן צו דער אַרבעט, שטייט זיך אַזוי, אויפן באַקאַנטן וואַרשעווער מאַרק־פּלעצל, דער לאַגער־פּי־רער, דער הענקער איבערשער, און מיטן אויסגעבויגענעם הענטל פון זיין שטעקעלע כאַפּט ער, ווי אַ הונט־שלעגער, דאָ איינעם, דאָ אַ צווייטן ביים האַלדז און שלעפּט אים אין „יאַטקע" אַריין. פון דאַנען ווערן גרעסערע גרופּן אַפּגעשיקט קיין סקאַרזשיסק און בליוזשין. אָפט ווערן גאַנצע פּאַרטיעס אַראָפּגענומען פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער און אַוועק־געשיקט. יעדע „ווּיסילקע" איז באַגלייט מיט קרבנות: אייניקע פאַלן, ווייל מען דאַרף די שקלאַפן לערנען אַ ביסל דרך־ארץ און אייניקע — ביים שפּרינגען פון די אויטאָס, אָדער וואַגאָנען.

זייער אָפט ווערט געשמועסט וועגן נייע טערמינען פון פולקאָמער ליקווידאַציע. די נערוון האַלטן ניט אויס די כסדרדיקע אומרו און ניט־זיכערקייט. דער סוביעקטיווער דראַנג צום לעבן שטאַרקט זיך אָבער פון טאָג צו טאָג און פון שעה צו שעה. די שטרעבונגען צו מאַכן אַ פאַרמעגן, כדי צו קענען אַנטלויפן פון געטאָ, ווערן פון טאָג צו טאָג גרעסער. מען גנבעט גאַנצע פּעק פון די פּאָליציי־מאַגאַזינען, וואו עס געפינט זיך דאָס גאַנצע אַנגערויבטע יידישע האָב און גוטס און מען פאַרקויפט אַרויס. די אומזיכערקייט מיטן מאָרגן וואַקסט אומגעהויער. מען איז רייך און מען וויל פאַרטויבן די אייגענע ליידן פון נעכטן און היינט. דאָס לעבן ווערט הפקר... פרעס און זנות ווערט אין אַ קולט פאַרוואַנדלט. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט אין אַ געדיכטן, פינצטערן דזשאַנגל געלעבט.

אין דער זעלבער צייט אַנטוויקלט זיך אַ צווייט לעבן. אַ לעבן אין די בונקערס און אין טיפע קעלערן. דאָ זיצט יוגנט, מענער און פרויען, אָן אונטערשייד פון פּאָליטישער איינשטעלונג, און שטאָלן אויס זייער געפיל פון נקמה. זיי איז מיאוס די שווערע לאַסט פון געטאָ־לעבן. די צום טויט פאַרמשפּטע וואַרפן דאָ אַראָפּ פון זיך דעם יאָך פון פּיין און פאַרצווייפלונג און שמידן אויס דעם ווילן צום קאַמף. יינגלעך און מיידלעך, כמעט נאָך קינדער, האָבן די דאָזיקע קעלערן אין אַ וואונ־דערבאַר „צויבער־לאַנד" פאַרוואַנדלט. דער אומעט איז דאָ אין צאַר־

טער ליבע פאַרטוישט און די פאַרצווייפלונג — אין האַס. ליבע און האַס. ליבע צום אָנדענק פון די, אַזוי טראַגיש אומגעקומענע און האַס — צו די דייטשע הענקערס. טאָג און נאַכט ווערט דאָ אומדערשי־טערלעך געאַרבעט. מען קויפט איין רעוואָלווערן, מיט מסירת־נפש שמוגלט מען אַריין קוילן און דינאַמיט, וואָס ווערט אַרויסגעגנבעט פון דייטשע אַמוניציע־פאַבריקן. כמעט אָן דערפאַרונג, מיט הוילע הענט, ווערן אויסגעאַרבעט אייגנאַרטיקע גראַנאַטן. עס ווערט אויך צוגעגרייט אַ גרויסער טונעל, וואָס דאַרף דינען אין פאַל מען וועט זיך דאַרפן צוריקציען פון קאַמף. מען אינקאַסירט איין פון רייכע יידן געלט אויף געווער און מען ענדיקט אויס פאַררעטער. די שטימונג אין געטאָ ענדערט זיך אויך ביסלעכווייז, איבערהויפּט נאָך דער גרויסער מפלה פון דער דייטשער אַרמיי ביי סטאַלינגראַד. די צאָל קעמפּער ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער און די אַרבעט אינטענסיווער.

די שוץ־פּאָליציי פירט אָבער ווייטער איר פאַרניכטונגס־אַרבעט. אַלעמאָל קומען נייע גזירות. עס ווערט פאַרווערט, אַז מענער און פרויען זאָלן וואוינען אויף איין און דער זעלבער גאַס. יעדער טאָג ברענגט זיין צאָל קרבנות. עס ווערן צעשאָסן די, אויף וועמעס באַקן ס׳בליט טובערקולאָז־פיבער, עס ווערן צעשאָסן מענער, וואָס וואַגן איבערצוטרעטן די שוועל פון זייערע שוועסטער, וואָס וואוינען אויף דער פרויען־גאַס און — פאַרקערט. עס ווערן צעשאָסן די, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אין געטאָ און גייען ניט אַרויס צו קיין אַרבעט. עס ווערן צעשאָסן מאַמעס, וואָס זיינען פון זינען אַראָפּ. עס ווערן צעשאָסן 14־יעריקע קינדער, וועלכע גייען ניט צו קיין אַרבעט, ווייל זיי ווילן פאַרהיטן זייערע וואַנזיניקע מאַמעס פון זעלבסטמאָרד א. אַ. וו.

דעם 3טן יאַנואַר 1943, 10 אַזייגער אינדערפרי. די געטאָ פון דרויסן געדיכט באַשטעלט מיט אוקראַאינער און זשאַנדאַרמען אין פולער באַוואָפענונג. די געטאָ ווערט אויפגעטרייסלט. עס רוישט ווי אין אַ בינשטאָק. מען לויפט פון אָרט צו אָרט. מיט אויגן פול פחד קוקט איינער אויפן צווייטן. די פראַגע: „וואָס וועט שוין ווייטער פאַר־קומען?״ גייט נישט אַראָפּ פון קיינעמס מויל. די געטאָ איז פול מיט אומרו. די זשאַנדאַרמען אין העלמען שפּאַצירן זיך רואיק פון דרויסן האַרט ביי די דראָטן און קוקן מיט גלייכגילטיקייט אויף דעם, וואָס קומט פאָר אין געטאָ. פּלוצלונג, די געטאָ ווערט פול מיט אוקראַאינער, גראַנאַט־פּאָליציי, זשאַנדאַרמען און יידישע אָרדענונגס־דינסט. שרעק־לעכע קולות און געוואַלדן טראָגן זיך פון איין עק געטאָ צום צווייטן.

עלטערע מענטשן און מאַמעס מיט קינדער ווערן אַרויסגעשלעפּט פון די שטובן, פון די קעלערן און בוידעמער. אייניקע לאָזן זיך גלייכ־גילטיק פירן, אַנדערע וואַרפן זיך אויף דער ערד און ווערן זיך מיט די ציין און נעגל. דאָס בלוט אין די אָדערן ווערט פאַרגליווערט, צוקוקנדיק זיך צום דאָזיקן טראַגישן געראַנגל. פאַרנאַכט ווערט די „אַקציע" איבערגעריסן, אָבער ניט פאַרענדיקט. אויף מאָרגן אינדערפרי ווערט די „אַקציע" קאָנטינואירט. מען שלעפּט ווייטער גאַנצע מחנות מאַמעס מיט קינדער פון באַהעלטענישן. שרעקלעכע קולות פון פאַרצווייפ־לונג טראָגן זיך כמעט פון יעדן הויז. דער גרויסער געיאָמער ווערט באַגלייט מיט אַן אומאויפהערלעך געשיסעריי. אַלע פון געטאָ ווערן אַרויסגעטריבן אויפן באַקאַנטן מאַרק־פּלעצל. ס'קומט פאָר אַ נייע „סעלעקציע". די קעמפער פון „צוויבער־לאַנד" גיבן אָפּ זייער ערשטן עקזאַמען: מענדל פישעלעוויטש שיסט צו די זשאַנדאַרמען. 25 יידן באַצאָלן דאַמאָלסט מיטן לעבן, צווישן זיי פישעלעוויטשעס נאָענטסטער חבר י. פיינער, דער אַלטער בונדישער באַיאָוועץ הערשל פריימאַן און דער מיטגליד פון דער ליגע פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, אדוו. ראָ־זענשטיין. העכער דריי הונדערט מענער, פרויען און דער עיקר קינ־דער, ווי אויך יוגנטלעכע קעמפער, ווערן געשיקט אונטער אַ שטרענ־גער באַוואַכונג קיין ראַדאָמסק, כדי צו דערגענצן דעם דאָרטיקן טראַנס־פּאָרט קיין טרעבלינקע.

די געטאָ באַקומט אַן אַנדער געשטאַלט. מען גרייט זיך פיבער־האַפט צום אַנטלויפן אין, צוגרייטע פון פריער פאַר גרויסע מאַ־יאָנטקעס, בונקערס. גרויע פרויען און מענער באַקומען איבער נאַכט פעך־שוואַרצע האָר. יונגע שוואַרץ־חנעוודיקע מיידלעך און ייִנגלעך ווערן מיטאַמאָל בלאָנד. מען אַנטלויפט מיט פאַלשע פּעסער אויף דער פּוילישער זייט און מיט פאַלשע קען־קאַרטן שמוגלט מען זיך קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. נישט וויניק פון זיי ווערן אַרויסגעגעבן, אָדער צופעליק דערקענט און קומען אום. דער דראַנג צום אַנטלויפן ווערט דאָך ניט קלענער.

די יוגנט רוט ניט און גרייט זיך פיבערהאַפט. עס גייען גרופן אין די וועלדער, עס גייען אַרויס גרופן אויף פאַרשיידענע דיווערסיע־אַרבעטן. פיל פון זיי קומען אום, מיטשלעפּנדיק מיט זיך אויך זייטיקע קרבנות.

דעם 20טן מערץ 1943, אַ נייער באַפעל: דער יידן־ראַט, אַלע דאָקטוירים און בכלל אינטעליגענץ, דאַרפן זיך צושטעלן מיט זייערע

משפחות אויף דעם אזוי טרויעריק באַרימטן מאַרק־פּלעצל. דאָ שטייען צוגעגרייטע גרויסע לאַסט־אויטאָס אַן באַוואַכונג. אַלע ווערן אַנגעלאָדן אויף די אויטאָס. דער הויפּטמאַן דערקלערט, אַז זיי ווערן געשיקט נאָך פּאַלעסטינע. די אויטאָס רירן לאַנגזאַם. אויף דער וואַרשעווער גאַס שטעלן זיך די אויטאָס אָפּ. פון פאַרשיידענע באַ־העלטענישן שפּרינגען אַרויס באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען, ס'קומען אויך אַן נייע אויטאָס מיט זשאַנדאַרמען. שנעל באַוועגן זיך איצט די אויטאָס אין דער ריכטונג פון יידישן בית־הקברות. דאָרטן ווערן אַלע געצוואונגען אָראָפּצוציען פון זיך די קליידער. פריער ווערן דער־שאָסן די עלטערע. מיט די קינדער האָבן די דייטשע הענקערס נאָך צייט. מיט קינדער גלוסט זיך אַ ביסל צו שפּילן. עס איז דאָך פּאַרט קינדער און זיי אַליין זיינען דאָך אויך טאַטעס... פּאַר די הערעלעך, אָדער פאַר די פיסעלעך ווערן קינדער אויפגעהויבן אין דער הויך מיט איין האַנט, און מיט דער צווייטער — צילט מען אין הערצלעך, אָדער אין קעפּלעך. עס שאַדט ניט, וואָס אַלע קינדער הויבן נישט תיכף אַרויס זייערע נשמהלעך. נישקשה, די ערד דעקט צו אויך די, וועלכע קענען נאָך אויסשרייען זייער לעצטן מאַ . . .

הונדערט זיבן און צוואנציק מאַן האָבן אויסגעפּילט אַ נייעם מאַסן־קבר, בלויז 6 מאַן האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון טויט.

פון דעם 1טן ביז דעם 4טן מאַי 1943, איז די געטאָ געשלאָסן. מען לאָזט נישט אַרויס קיינעם צו קיין אַרבעט. אַלע אַרבעטס פּלעצער זיינען נישט טעטיק. „דאָס יידן־פּראָבלעם איז איבער אַלעם". די שטימונג אין געטאָ — אַ דערשלאָגענע. מען קאָמענטירט פאַרשיידן: אייניקע האַלטן, אַז דאָס איז אַן אַריינפּיר צו אַ פולקאָמער ליקווידאַציע פון געטאָ, אַז דעם 1טן און 3טן מאַי, אין די יום־טוב־טעג זאָלן זיך קיין יידן מיט קיין פּאָליאַקן אויף די אַרבעטס־פּלעצער נישט צוזאַמענ־טרעפן. דערווייל איז אין געטאָ אַ הונגער. די אומרואיקייט איז גרויס. מען שמוגלט אַרויס מענטשן אין קאַסטנס פון מיסט און אין די זעלבע קאַסטנס שמוגלט מען אַריין ברויט. דעם 5טן מאַי פּאַרטאָג דערהערט זיך אויפסניי דער טרומפּייט, וואָס רופט צו אַרבעט. די נעמיטער באַרואיקן זיך אַ ביסל.

עס שלעפּן זיך אַזוי אַוועק וויטער אַ פּאָר וואָכן מיט זייער „נאָרמאַלן" און טראַגישן לעבנס־גאַנג.

צווייטע העלפט יוני 1943. אַן איבערפאַל פון דער שוץ־פּאָליציי אויף די אַרבעטער אין „מעבל־לאַגער". עס פאַלן קרבנות. אין אַ

פאַר טעג אַרום ווערן ליקווידירט אַלע קלענערע אַרבעטס־פּלעצער. עס ווערט פאַרשלעפּט און דערמאָרדעט דער טיכטיקער ד״ר א. וואָל־בערג. עס ווערן אויך דערמאָרדעט אַ צוויי צענדליק אַרבעטער, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אין די פּאָליציי־מאַגאַזינען. די קאַטאַרזשניקעס אין געטאָ פאַרשטייען, אַז עס קומט אָן פאַר דער געטאָ דער לעצטער און אַנטשיידענער אַקט.

דעם 25טן יוני 1943 נ. מ. ווערט די קליינע געטאָ אַרומגערינגלט און באַשאָסן. די בונקערס מיט געווער ווערן אַנטדעקט און די קעמ־פערס אין די בונקערס קומען אום. עס קומט אָן די נאַכט און די „אַקציע״ ווערט איבערגעריסן.

דעם 26טן יוני, 10 אַזייגער פרי. אַלע מענער ווערן אַרויסגע־טריבן אויפן באַקאַנטן מאַרק־פּלעצל, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרמען, געסטאַפּאָווצעס, ווערקשוצן און זעלנער. אין דער מיט פּלאַץ — וועגענער מיט טויטע קערפּערס. ווער ס׳האָט געלט און צירונג מוז, אונטער דער דראָאונג פון טויט, אָפּגעבן עס די זשאַנדאַר־מען. עס ווערן אַרויסגעשלעפּט פון די רייען די, וועלכע האָבן גע־וואוינט אין די הייזער, וואו ס׳האָבן זיך געפונען די בונקערס מיט געווער. עס ווערן אויך אַרויסגעשלעפּט פון די רייען עלטערע יידן און טאַטעס מיט קינדער. אונטער קלעפּ פון קאָלבעס ווערן זיי געלאָדנט אויף גרויסע לאַסט־אויטאָס. די קולות און דער שוידערלעכער געיאָמער פון די פרויען אין געטאָ, וועלכע קוקן זיך צו און פאַרשטייען, וואָס דאָ קומט פאָר, איז שרעקלעך. די געפּאַקטע אויטאָס פאָרן אָפּ אין דער ריכ־טונג פון יידישן בית־הקברות און די איבעריקע מענער ווערן אַוועק־געפירט אין די אָרטיקע אַמוניציע־פאַבריקן פון „האסאג״.

אין דער זעלבער צייט באַלאַגערט שוץ־פּאָליציי און געסטאַפּאָ דעם אַרויסגאַנג פון טונעל אויסער דער געטאָ. אַ קורצער און אַנט־שיידענער קאַמף. עס פאַלן אַלע יוגנטלעכע קעמפער, אָבער אויך געסטאַפּאָ און שוץ־פּאָליציי גיבן זייערע קרבנות.

ס׳קומט אָן די רייע אויף די פרויען. מאַמעס מיט קינדער ווערן, אונטערן געיאָמער פון די איבעריקע פרויען, געפּאַקט אין לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט אויף אומקום. די רעשט פרויען, וועלכע האָבן נישט מיט זיך קיין קינדער, ווערן, ווי די מענער פריער, אַוועקגעפירט אין די אַמוניציע־פאַבריקן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם 15טן יאַנואַר 1945, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך אָנגע־הויבן דערנעענטערן צו די טויערן פון טשענסטאָכאָוו, האָט זיך די ס. ס.־לייט און די ווערקשוצן איינגעגעבן צו עוואַקואירן פון די טשענסטאָ־כאָווער לאַגערן קנאַפּע 6 טויזנט מאַן. דאָס עוואַקואירן די איבעריקע 5 טויזנט 200 מאַן גיט זיך שוין די ווערקשוצן און ס. ס. לייט ניט איין. די גרעסטע צאָל רייסט זיך אַרויס פון די באַראַקן און לאָזט זיך אויף דער פאַבריק. די דירעקטאָרן, די מייסטערס, די ס. ס. לייט און די ווערקשוצן הויבן זיך אָן פון פאַבריק אַרויסצוציען, מיטשלעפּנדיק מיט זיך בלויז אַ פּאָר צענדליק יידן. דעם 17טן יאַנואַר 1945 פאַר־מיטאָג האָבן 5 טויזנט 200 מאַן געעפנט די טויערן פון לאַגער און אַרויס אויף דער פריי.

5200 שקלאַפן, מיט טויט־אורטיילן אין די טאַשן, פון זיי טשענ־סטאָכאָווער איינוואוינער 1518, געבוירענע אין טשענסטאָכאָוו — 1420 און די איבעריקע פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, האָבן צוריק זייער לעבן און פרייהייט געוואונען.

●

די טעטיקייט פון „בונד" אין דער צייט פון דער היטלע־ריסטישער אָקופּאַציע אין טשענסטאָכאָוו

פון מ. קושניר

דעם 4טן סעפּטעמבער 1939 איז שוין טשענסטאָכאָוו געווען באַ־הערשט פון די דייטשן.

פון פאַרטיי־קאָמיטעט זיינען אין שטאָט געווען געציילטע מענטשן. דעם פאַרזיצער פון קאָמיטעט, ח' ל. ברענער, האָט דער קריגס־אויס־ברוך געטראָפן אין דער פּראָווינץ ביים ליקווידירן די קינדער־קאָלאָניעס פון „טאָז"; טייל חברים פון קאָמיטעט זיינען געווען מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי.

דאָס באַהאַלטן דעם פּאַרטיי־אַרכיוו איז אויסגעפאַלן אויף מיר און חבר ראָזנפעלד. די פענער, פּאַרטיי־אויסגאַבן און אַנדערע פּאַרטיי־דאָקומענטן האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו פאַרגראָבן אין גאָרטן אַלעע 20, וואו עס איז שוין פון פריער געווען באַהאַלטן די מעדעם־ביבליאָטעק. דעם אַרכיוו פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פון דער שול אָרגאַ־ניזאַציע האָבן מיר נאָך נישט געהאַט באַוויזן אויפצורוימען. דעם 1טן סעפּטעמבער האָט זיך דער חבר פּרץ (בונדישער ראַטמאַן און פאַרזיצער

פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע) צו מיר געווענדט, אַז איך זאָל זיך פאַרנעמען מיט אויפרוימען די מאַטעריאַלן פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. ווען די דייטשן זיינען אַריין אין שטאָט און אָנגעהויבן ווילדעווען אויף זייער שטייגער, האָב איך, דער חבר שימקאָוויטש און אַ קליינע גרופּע צוקונפטיסטן באַשלאָסן אָפּראַטעווען דעם אַרכיוו פון די פּראָפ. פאַראיינען און פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אונזער לאָקאַל אויף פּילסודסקיעגאָ 17. מיר האָבן אוועקגעשטעלט אַ וואַך פון יונגע חברים פאַרן טויער; די עלטערע זיינען אַריין אין לאָקאַל און זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין אַ שעה אַרום איז דער הויף באַשאָטן געוואָרן מיט אַ האָגל פון קוילן. די וואַך אונדזערע האָט אַלאַרמירט, אַז די לאַגע איז דראָענדיק. אַ קורצע באַראַטונג פון אַלע אָנטיילנעמער. מיר באַשליסן, ניט צו ריזיקירן, נאָר אונטערצינדן דעם לאָקאַל, כדי דער אַרכיוו זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די מערדער. ווען דער לאָקאַל איז שוין געשטאַנען אין פלאַמען, האָבן מיר פאַרלאָזט דעם הויף און זיך צעטיילט אין פאַרשיידענע ריכטונגען. נישט אַלע האָבן שוין אָבער באַוויזן אַהיים צו גיין. יענער טאָג איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען — דער בלוטיקער מאָנטיק.

דעם 18טן סעפּטעמבער איז שוין די גרעסטע צאָל חברים פון פאַרטיי־קאָמיטעט געווען צוריק אין טשענסטאָכאָוו. מיר זיינען זיך דעמאָלט צונויפגעקומען און זיך באַראַטן, ווי אַזוי צו פירן אונדזער פאַרטיי־אַרבעט און ווי אַרויסצוהעלפן די יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין טיפער נויט. מיר האָבן באַשלאָסן מיטצואַרבעטן מיט „טאָז", וועלכע האָט אָנגעהויבן צו פירן אַ הילפס־אַרבעט אויף אַלע געביטן, און וואו איינער פון די פירער פון דער אינסטיטוציע איז געווען אונדזער חבר ברענער. פון דאַנען האָבן מיר אויך געטראָגן הילף אין אַלע קעלערן ,אין אַלע בוידעם־שטיבלעך און אומעטום, וואו מען האָט זיך גענייטיקט אין הילף. אין גיכן האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן „טאָז" מצד דעם יידנראַט.

מיטן צענטראַל־קאָמיטעט האָבן מיר ביז 1940 קיין קאָנטאַקט נישט געהאַט. אָנהייב 1940 האָבן מיר, אַ דאַנק דעם ח' פאַלק, אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט אונדזער צ. ק. מיר האָבן אויך אָנגעהויבן דערהאַלטן שפּייז־פּעקלעך פון אויסלאַנד, וועלכע ניו־יאָרקער חברים האָבן געשיקט פון אַמעריקע דורך פּאָרטוגאַל אויף אַדרעסן פון אייניקע חברים. די שפּייז־פּעקלעך זיינען געווען ווערטפולע, מיר האָבן זיי

דעריבער פאַרטוישט אויף ברויט און אַנדערע נייטיקע שפּייז־פּראָדוקטן און דערמיט געשטילט דעם הונגער ביי אַ סך בונדישע משפּחות.

די ערשטע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג האָבן מיר אָפּגעהאַלטן ביים קבר פון אונדזער געפאַלענעם חבר מיכאל שימקאָוויטש (מיטגליד פון „צו־קונפט"־קאָמיטעט). די לוויה פון דעם חבר איז געווען אַ דעמאָנסטראַ־ציע פון בונדיסטן, צוקונפטיסטן און סקיפיסטן אין טשענסטאָכאָוו. די צווייטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין פעברואַר 1940, דריי חדשים נאָכן פאַלן פון חבר מיכאל, ווען די פּאַרטיי האָט אים געשטעלט אַ באַשיידענע מצבה.

אין אָנהייב האָבן מיט דער גאַנצער אַרבעט אָנגעפירט בלויז צוויי חברים: דער ח' ל. ברענער און איך. נאָכן אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיטן צ. ק. זיינען צוגעקאָאָפּטירט געוואָרן די ח"ח: שימשל יאַקובאָ־וויטש, משה בערקנשטאַט און שלמה טוכמייער. אַלע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, „צוקונפט" און פון „סקיף" זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין פינפטלעך, וועלכע זיינען באַדינט געוואָרן פון די קאָמיטעט־מיט־גלידער.

די מעדעם־ביבליאָטעק, וועלכע האָט געציילט 20 טויזנט ביכער, איז אין משך פון 2 טעג אַריבערגעשמוגלט געוואָרן צום חבר משה בערקנשטאַט אין שטוב אַריין; עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דער חבר־טע רייזעלע בערקנשטאַט זי זאָל מיט דער ביבליאָטעק אָנפירן אומלע־גאַל. פון דער ביבליאָטעק האָבן געגאַסן העכער טויזנט לייענער.

די חברים: פאַלק, צעלעמענסקי, פריינד, סאַמסאָנאָוויטש, קויפ־מאַן און לאַזאַר האָבן אונדז באַזאָרגט מיט אינסטרוקציעס און ליטעראַ־טור פון צ. ק. דער ענערגישסטער קאַלפּאָרטער פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור ביי אונדז אין שטאָט איז געווען דער חבר אַלעבאָרדע (אַלפּאַ), אַן אַלטער געטרייער טוער פון די צאַרישע צייטן; ער איז נאָכדעם אומגעקומען אין וואַרשע.

יוני 1940 האָט דער פּאַרטיי־קאָמיטעט אין קראָקע איבערגעשיקט צו אונדז אַ גרופּע פּאַרטיי־חברים, וועלכע מיר האָבן איינגעאָרדנט און באַזאָרגט מיט אַרבעט. צווישן זיי איז געווען די באַרימטע בונדישע טוערין אין סאָסנאָוויץ — בעלאַ שטשעקאַטש מיט איר פאַמיליע, סאָסקי און נאָסעק מיט זייערע פאַמיליעס.

נאָכן אויסברוך פון קריג צווישן דייטשלאַנד און ראַטן־רוסלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע אַרעסטן פון פּאָליטישע און געזעלשאַפט־

לעכע טוער. די געסטאַפּאָ האָט געהאַלטן אין זוכן די חברים: פעדער־מאַן, קלין, פּרץ און פּראַזער.

צוליבן דורכפאַל פון דער קוריערין פון צ. ק. מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור אין פּיעטריקאָוו זיינען ביי אונדז אַרעסטירט געוואָרן די חברים משהלע און רייזעלע בערקנשטאַט. דאָס איז געווען דעם 6טן יוני 1941. מיר האָבן געשטעלט אויף די פיס דעם גאַנצן פּאַרטיי־אַקטיוו און זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט חברים פון פאַרשיידענע שטעט, וועלכע האָבן אונדז געגעבן צו וויסן וועגן די אַרעסטן, וואָס זיינען אומעטום פאָרגעקומען אין שייכות מיטן דאָזיקן דורכפאַל. ביי אונדז האָט די געסטאַפּאָ אויפסניי אָנגעהויבן זוכן די אַלטע בונדישע טוער. דעם חבר פּראַזער האָט זיך אונדז איינגעגעבן „קראַנק" צו מאַכן און איינאָרדענען אין שפּיטאָל. אין משך פון דער צייט, וואָס ער איז געלעגן אין שפּיטאָל, האָט זיך איינגעגעבן איבערקויפן דעם שעף פון געסטאַפּאָ און דעם חבר פּראַזער אַרויסציען פון געפאַר. אויך דעם ח' דר. פענסטערבלוי פון קראָקע האָט זיך אונדז איינגעגעבן אויס־צובאַהאַלטן דריי וואָכן אין טשענסטאָכאָוו און נאָכדעם איבערטראַנס־פּאָרטירן קיין וואַרשע. אויסבאַהאַלטן האָט זיך דער חבר פענסטערבלוי ביי אַ שטענדיקער לעזערין פון אונדזער אומלעגאַלער ליטעראַטור, דענטיסטין פרוי מאַשקאָוויטש.

דעם 16טן יולי 1941, ווען איך בין געזעסן ביי מיין ביוראָ־אַרבעט פון „טאָז", האָט אַ חבר פון אונדזער וואַך אַריינגעשריגן דורכן פענצטער, אַז געסטאַפּאָ גייט. איך בין תיכף אַרויס דורך דער זעלבער טיר, דורך וועלכער די געסטאַפּאָ־לייט זיינען אַריין. אַלס נקמה, וואָס איך בין זיי אַרויס פון אונטער די הענט, האָבן זיי אַרעסטירט 5 מיט־אַרבעטער פון „טאָז", מיין מאַמען און ברודער, וועלכע די געסטאַפּאָ האָט געדראָט צו דערשיסן, אויב איך וועל זיך נישט צושטעלן. איך האָב זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון פּאַרטיי־קאָמיטעט, וועלכער האָט באַשלאָסן, אַז איך זאָל די שטאָט פאַרלאָזן און אָפּוואַרטן ביז די סיטואַציע וועט קלאָר ווערן. ווען די לאַגע פון די אַרעסטירטע איז געוואָרן געפערלעך, האָט די מערהייט פון קאָמיטעט באַשלאָסן, אַז בלויז מיר זיינען מחויב צו טראָגן די אחריות פאַר אונדזערע מעשים. דעריבער, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס איך גיי אויף אַ זיכערן טויט, מוז איך זיך צושטעלן, כדי אַרויסצונעמען אומשולדיקע פון די נעגל פון טויט. איך האָב מסכּים געווען מיט דער מיינונג פון דער מערהייט. איך האָב זיך געזעגנט מיט נאָענטסטע און חברים און בין אַוועק אין

געסטאַפּאָ. איך בין געווען זיכער, און דאָס זעלבע אויך אַלע חברים, אַז דער וועג צו דער געסטאַפּאָ איז מיין לעצטער לעבנס־וועג.

פון געסטאַפּאָ האָט מען מיך באַלד אָן אַן אויספאָרשונג איבער־געפירט אין תפיסה. דאָרט האָט מען מיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט, אַריינגעפירט בערקנשטאַטן און אים געפרעגט צי ער קען מיך. וואָס ער האָט געענטפערט, האָב איך נישט געהערט. נאָך דעם האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין באַזונדערע קאַמערן. אויף מאָרגן 9 פרי בין איך שוין געשטאַנען מיט געשלאָסענע הענט פאַר אַ פאַרהער אין געסטאַפּאָ. 5 געסטאַפּאָווצעס האָבן מיך געפאָרשט. זיי האָבן אויך גלייכצייטיק געפאָרשט דעם חבר און חברטע בערקנשטאַט. זיי האָבן אונדז מערדערלעך געפייניקט און פיל מאָל זיינען מיר געפאַלן אין חלשות. די ערגסטע פיין איז געווען פאַר דער חברטע רייזעלע בערקנ־שטאַט, ווען די געסטאַפּאָווצעס האָבן איר אַריינגעקלעמט די בריסטן אין אַ טיר פון אַ שאַנק. מיך האָבן זיי אַ געבונדענעם אַרונטערגעלייגט מיטן קאָפּ אונטער אַ קראַן און יעדע סעקונדע האָט אַ טראָפּן וואַסער פון קראַן אַ טריף געטאָן אויפן מיטן קאָפּ. דאָס זעלבע האָבן זיי אויך געמאַכט מיטן חבר בערקנשטאַט. אַזוי האָט מען אונדז געמאַטערט פון 9 פרי ביז שפּעט אין אָוונט. נאָכדעם האָט מען אונדז צוריק אָפּגעשיקט אין תפיסה. נאָך דער אויספאָרשונג בין איך געלעגן צוויי וואָכן אָן באַוועגונג. מיט דער זאָרג מיך צו ברענגען צוריק צו די כוחות האָבן זיך פאַרנומען די אַרעסטירטע פוילישע לערער, וועלכע זיינען געזעסן מיט מיר אין איין קאַמער.

די חברים אין דרויסן, ווי אויך מיין פאַמיליע, האָבן נישט גערוט. הגם די באַמיאונגען אונדז צו באַפרייען האָבן אויסגעזען, ווי אַן אויס־זיכטסלאָזער קאַמף אויף אַ פאַרשפּילטער פּאָזיציע, האָבן זיי אַלץ געטאָן, כדי אונדז אַרויסצובאַקומען פון די מערדערס הענט. נאָך 9 וואָכן קאַשמאַר, נאָך 9 וואָכן פון כסדרדיקער פּיין האָט זיך איינגעגעבן די חברים פון דרויסן מיך אַרויסצוגנבענען פון תפיסה. דער חבר ברענער האָט זיך מיט דעם נישט באַגנוגנט און אָנגעהויבן אַ נייע „אָפענסיווע" אויף צו באַפרייען אויך די חברים משה און רייזעלע בערקנשטאַט. דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן בלויז טיילווייז. די חברטע בערקנ־שטאַט איז געלונגען אַרויסצוקריגן אויף דער פריי, אָבער דער חבר משה בערקנשטאַט איז, ליידער, אומגעקומען אין אַשוויענטשים.

דער קאָנטאַקט מיטן צ. ק. איז אין משך פון דער גאַנצער צייט פון אונדזער אַרעסט נישט איבערגעריסן געוואָרן. אַ חודש נאָך דער

באַפרייאונג, אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער 1941, איז אין שליחות פון צ. ק. געקומען צו אונדז אַ חברטע פון טאָמאַשאָוו מאַז. (איר נאָמען געדענק איך נישט) און האָט געבראַכט אַ פּעקל ליטעראַטור פון צ. ק. דאָס פּעקל האָט זי איבערגעלאָזט ביים חבר ברענער אין שטוב. איידער מיר האָבן באַוויזן דאָס פּעקל פון דאָרט אַרויסצונעמען, איז דאָס גאַנצע הויז אַרומגערינגלט געוואָרן פון זשאַנדאַרמען. צוליב דעם, וואָס דער חבר ברענער איז דעמאָלט אין שטוב נישט געווען, האָבן מיר מורא געהאַט, אַז דאָס פּעקל וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון די זשאַנדאַרמען און ס'וועט קומען אַ נייער אומגליק. מיר האָבן באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז אַריינצובאַקומען זיך אין דער וואוינונג. מיר האָבן אויסגענוצט פאַרשידענע מיטלען און פאַרשידענע וועגן און אַלץ איז געווען אומזיסט. מיר זיינען אָבער נישט אָפּגעשטאַנען. לסוף האָט זיך דעם חבר ברענער איינגעגעבן אַריינצובאַקומען זיך אין זיין וואוינונג און דאָס פּעקל אַרויס־צוטראָגן.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע פּעקל מיט ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן פון צ. ק., און דער קאָנטאַקט מיטן צ. ק. איז איבער־געריסן געוואָרן. מיר האָבן בלויז דערהאַלטן מיטטיילונגען פון חבר קליין וועגן די רדיפות אויפן „בונד" אין וואַרשע. מיר האָבן אויך אָנ־געהויבן דערהאַלטן ידיעות וועגן דעפּאָרטירונגען פון יידן אין אַ גאַנצער ריי שטעט. נישט וואַרטנדיק אויף קיין אינסטרוקציעס פון צ. ק., האָבן מיר גערופן אַ פּאַרטייאישע קאָנפערענץ, כדי צו אָרגאַניזירן אַ גרעסערע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסע גרו־פּע קעמפער, מיטגלידער פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון אַן אומפּאַרטייאישן יידישן קאַפּי־טאַן דר. א. וואָלבערג. עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ פּלאַן פון ווידער־שטאַנד. מיר האָבן, לײדער, נישט באַוויזן אָנצוזאַמלען קיין געווער; ביי דער „אַקציע", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22טן סעפּטעמבער 1942, זיינען מיר געווען מאַכטלאָז. די „אַקציע" האָט געדויערט 5 וואָכן. דער חורבן איז געווען אומבאַשרייבלעך גרויס. אויך פון אונ־דזער גרויסער מחנה פּאַרטיי־חברים איז געבליבן אַ קליין הייפעלע.

די 6 און אַ האַלב טויזנט יידן, וועלכע זיינען געבליבן אין טשענ־סטאָכאָוו, זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַ קליינער געטאָ. אויך דאָ האָבן מיר אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג. מיר האָבן זיך ווידער געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט אַלע פּאָליטישע פּאַר־טייען און מען האָט אָנגעהויבן זאַמלען געווער, מכשירים דורכצוהאַקן

די דראַטן און בענזין אונטערצוצינדן די געטאָ אין פאַל פון אַן „אַקציע״. די קאָמאַנדע האָט איבערגענומען דער ידישער קאַפּיטאַן דר. א. וואָל־בערג; מיט דער גרופּע דורכצוהאַקן די דראַטן האָבן אָנגעפירט אונדזע־רע חברים פריימאַן און יאַכימעק; מיט דער גרופּע, וועלכע האָט באַ־דאַרפט אונטערצינדן די געטאָ האָט אָנגעפירט אַ יוגנטלעכער קעמפּער פישלעוויטש. די גאַנצע קאָמאַנדע האָט זיך געפונען אין די הענט פון אַ צווישן־פּאַרטייאישער קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון 10 מאַן. די צאָל קעמפער האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. אַלע זיינען געוואָרן איינגעטיילט אין קאַמף־דרוזשינעס. אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון 125 מאַן, אויסער אַ טייל חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די געמישטע קאַמף־גרופּעס.

דעם 4טן יאַנואַר 1943, ווען אין געטאָ האָט זיך געפונען בלויז אַ קליינע וואָך פון אונדזערע קעמפער, האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ „סעלעקציע״ צווישן די וועלכע האָבן געאַרבעט אין געטאָ. מענדל פישלעוויטש האָט אויף אייגענער האַנט אָנגעהויבן שיסן צו די זשאַנ־דאַרמען. דער קאַמף איז געווען אַ קורצער, אָבער אַ טראַגישער. עס זיינען געפאַלן 25 קרבנות, צווישן זיי אונדזער אַלטער בונדישער קעמפער הערשל פריימאַן. פון זשאַנדאַרמען איז בלויז איינער פאַר־וואונדעט געוואָרן.

נאָך דער דאָזיקער געשעעניש זיינען אַנטשטאַנען ערנסטע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן די פאָרשטייער פון „בונד״, לינקע פּ. צ. און די איבעריקע פּאָליטישע גרופּירונגען, וועלכע זיינען געווען פאַרטראַטן אין דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. מיר, און די לינקע פּ. צ. זיינען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון פאַרטיידיקן די געטאָ און אויסמיידן איני־דיווידועלע אַרויסטרעטונגען. די איבעריקע גרופּירונגען האָבן גע־האַלטן פון אַרויסשיקן גרופּן אין וואַלד און אויפגעבן דעם געדאַנק וועגן פאַרטיידיקן די געטאָ. די מיינונגס פאַרשיידנהייט האָט דערפירט צו אַ שפּאַלטונג. ס׳האָבן אין געטאָ אָנגעהויבן ווירקן צוויי פּאַראַלעלע באַוועגונגען מיט צוויי באַזונדערע צילן.ביידע באַוועגונגען האָבן אָבער אָנגעהאַלטן אַ געוויסע צייט קאָנטאַקט צווישן זיך דורך פאַר־בינדונגס־מענער: פון אונדזער זייט — ברענער און פון זייער זייט — פעסאק. עס זיינען פאָרגעקומען אָפטע קאָנפערענצן כדי צוריק צו פאַראייניקן ביידע קאַמף־באַוועגונגען. צוליב דעם וואָס זיי האָבן אויסער געלט אויף געווער אָנגעהויבן קאָנפיסקירן שטיוול און מלבושים און מיר האָבן געהאַלטן, אַז דאָס וועט דעקאָנס־

פירירן די גאַנצע אַקציע אונדזערע, האָבן זיך די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן פאַרשאַרפט און צו קיין פאַרשטענדיקונג איז נישט געקומען. דאָך האָבן מיר פון די געמישטע קאַמף־גרופן אונדזערע חברים נישט צוריקגעצויגן. די ערשטע גרופע, וועלכע איז אַרויס אין וואַלד, כדי זיך אָנצושליסן אין די פאַרטיזאַנער גרופן, איז אומגעקומען אין קאַמף מיט דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ". צווישן די אומגעקומענע האָט זיך דערמאָנט געפונען אונדזער חבר משה ראָזענבערג, דער פאָרזיצער פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין ראַדאָמסק.

דעם 25טן יוני 1943 איז צוליבן פאַרראַט פון איינעם פון יידישן אָרדענונג־דינסט, אַנטדעקט געוואָרן די טעטיקייט פון די קאַמף־גרופן. שוץ־פאָליציי האָט פאַרכאַפּט די געווער־בונקערס און האָט שטראָפלאָז געהוליעט אַ גאַנצן טאָג, מאָרדנדיק קליין און גרויס, יונג און אַלט. אויף צו מאָרגנס האָבן זיך נאָך קליינע רעשטלעך פון די קעמפער פאַרטיידיקט ביים אַרויסגאַנג פון טונעל אויף דער אַרישער זייט. אַלע קעמפער אין טונעל זיינען אומגעקומען, עס זיינען אָבער אויך געפאַלן זשאַנדאַרמען און געסטאַפּאָווצעס. צווישן די קעמפער זיינען דאַן אומגעקומען אונדזערע צוויי צוקונפטיסטקעס פון סאָסנאָוויעץ פאָליאַ און דאַשיאַ שטשעקאַטש און חבר פנחס לעווענשטיין.

נאָך דער „אַקציע" זיינען מיר געווען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין טשענסטאָכאָוו, וואו עס האָבן זיך געפונען די אַמוניציע־פאַבריקן פון „האסאג", פעלצער, און אין ראקאָוו. אין אָנהייב איז נישט געווען מעגלעך קיין שום אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט. אַ סך פון אונדזערע חברים זיינען אומגעקומען ביי די לעצטע געשעענישן; דאָס ביסל געבליבענע איז צעטיילט געווען אין צוויי לאַגערן. איך מיטן פאָרזיצער פון פאַרטיי־קאָמיטעט חבר ל. ברענער האָבן זיך געפונען אין איין לאַגער. מיר האָבן ביסלעכוויז אָנגעהויבן אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט אונדזערע לעבנגעבליבענע חברים. אַ דאַנק דער הילף פון פוילישע אַרבעטער האָבן מיר אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיטן חבר אדוו. ווילטשינסקי, וועלכער האָט זיך געפונען אין צווייטן לאַגער. מיר דאָ און ער דאָרט האָבן אויפסניי אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אונדזערע רעשטלעך.

מיט דער מיטהילף פון פוילישע אַרבעטער האָבן די חברים פון צ. ק. פון וואַרשע און פון קראָקע אָנגעקניפּט מיט אונדז ווידער אַ קאָנטאַקט. מיר האָבן געקריגן בריוו מיט די אונטערשריפטן פון די חברים: פיינער, הענריק, סאַמסאָנאָוויטש, מאַרעק און וולאַדקאַ. מיר האָבן אויך געקראָגן ביולעטינען פון דער פאַרטיי, בראָשורן און געלט. מיר האָבן

גלייך אָרגאַניזירט הילף פאַר חברים, פאַר קראַנקע (ס'האָט געהערשט אַ טיפוס־עפּידעמיע), פאַר קינדער און יוגנט. מיר האָבן אויך אָרגאַניזירט אומלעגאַלע קיכן מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון אַלע אַנדערע פּאָליטישע גרופּירונגען. בכלל איז אין לאַגער די אַרבעט פון אַלע פּאָליטישע גרופּירונגען געווען אַ קאָאָרדינירטע.

נאָך דעם ווי מיר האָבן באַקומען ידיעות פון אונדזערע חברים פון דרויסן וועגן דער ליקווידאַציע פון אַ גאַנצער ריי לאַגערן, איז אַנטשטאַנען אַ צווישן־פּאַרטייאישע קאָמיסיע, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט דריי פּלענער פון ווידערשטאַנד־אַקציעס. דער ערשטער פּלאַן: אָרגאַניזירן קעמערלעך אין די באַראַקן מיט אַ געהעריקער צאָל מכשירים; אין פאַל פון אַן „אַקציע" שטעלן אַ ווידערשטאַנד. דער צווייטער פּלאַן: איבערפאַלן די וואַך פון די ווערקצוגן, באַהערשן די פאַבריק און באַפרייען די איינגעשלאָסענע יידן פון לאַגער. דער דריטער פּלאַן: אויפרייסן די פאַבריק דורך אונטערצינדן דעם דינאַמיט אין מאַגאַזין. צו אַלע פּלענער האָט מען זיך אין שטרענגער קאָנספּיראַציע ערנסט געגרייט. דאָס אונטערצינדן דעם דינאַמיט־מאַגאַזין איז אויסגעפאַלן אויף אונדזערע חברים. צוויי מאָל איז דער מאַגאַזין געוואָרן אונטערגעצונדן, אָבער ביידע מאָל האָט זיך די פייערלעשער, נאָך פיל אָנשטרענגונג, איינגעגעבן די לאַגע צו באַהערשן.

דעם קאָנטאַקט מיט די חברים אין דרויסן האָבן מיר אין ערשטן לאַגער, ווי אויך חבר ווילטשינסקי אין צווייטן לאַגער, כסדר אָנגעהאַלטן. אין פּוילישער אַרבעטער, וועלכער האָט אַריינגעבראַנגט פאַר אונדזערע חברים פון צווייטן לאַגער דאָס אַלץ, וואָס די חברים פון דרויסן האָבן איבערגעשיקט, איז געפאַלן אַ קרבן, ווען ער האָט אַריינגעשמוגלט אַ פּעקל מיט געלט און בריוו. דאָס געלט האָט מען ביי אים געפּאַקט, די בריוולעך אָבער האָט זיך אים איינגעגעבן די לעצטע מינוטן פאַרן דערשאָסן ווערן אַראָפּצושלינגען. אויך אונדזער חבר ברענער (אַ מוסטער פון קאָנספּיראַציע) האָט צוליב אַן אומבאַקאַנטער סיבה געהאַט אַ דורכפאַל, וועלכער האָט זיך גליקלעך פאַרענדיקט. דעם 26טן דעצעמבער 1944, נאָך דעם ווי דער קוריער האָט אים איבערגעגעבן אַ גרעסערע סומע געלט פון אונדזער צ. ק. און איז אַוועק, זיינען גלייך אַריינגעפאַלן צוויי ס. ס.־לייט, אים באַזוכט און דאָס געלט געפונען, ווייל ער האָט עס ניט באַוויזן צו פאַרשטעקן. דער חבר ברענער איז גלייך געוואָרן אַרעסטירט און אַ גאַנצן טאָג האָט מען אים מערדערלעך געשלאָגן און געפּייניקט ער זאָל אויסזאָגן פון וואַנען דאָס געלט שטאַמט.

דער חבר ברענער האָט זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי דעם, אַז דאָס געלט איז זיין אייגנס. נאָך אַ גאַנצן טאָג פּיין האָט זיך אים איינגעגעבן צו איבערצייגן די ס. ס.־לייט, אַז זיי קענען דאָס געלט נעמען פאַר זיך פּריוואַט און אים באַפרייען. די צוויי ס. ס.־לייט האָבן זיך געלאָזט פון אים „איבערצייגן" און סוף כל סוף דעם חבר ברענער אָפּגעלאָזט. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי אַלע, אָן אויסנאַם פון פּאָליטישע ריכטונגען, די גרעסטע פרייד.

מיר האָבן אונדזער אַרבעט נישט אָפּגעשטעלט ביז די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט טשענסטאָכאָוו פון די היטלעריסטישע מערדער.

די געציילטע חברים, וואָס זיינען אַרויס אויף דער פריי, האָבן זיך תיכף געשטעלט צו דער פּאַרטיי־אַרבעט. פיל חברים זיינען פאַר דער באַפרייאונג פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די ס. ס.־לייט קיין דייטשלאַנד, אין בוכענוואַלד און אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן — צווישן זיי די חברים ווילטשינסקי, יאַנקל, פייגע און איך. די חברים ווילטשינסקי און פייגע זיינען דאָרטן אומגעקומען. איך און די גרופּע חברים, וועלכע זיינען לעבן געבליבן, זיינען צוריק אין טשענסטאָכאָוו און שטייען ווייטער ווי פריער געטריי אויף אונדזערע בונדישע פּאָסטנס.

טשענסטאָכאָוו, 16טן אָקט., 1945.

דאָס לעבן און די ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ *)

די עוואַקואַציע

ווען דער דייטש איז אַריין אין ווילנע, זיינען דאָרט געווען 70,000 יידן. דער דייטש האָט גלייך, ווי אין אַלע שטעט וואו ער איז אַריינגעקומען, אָנגעהויבן צו פירן די באַקאַנטע פּאָליטיק לגבי יידן. גלייך האָט ער גענומען אָרגאַניזירן זיינע אַקציעס.

אַ פּאָר פאַקטן וועגן דער עוואַקואַציע פון די סאָוועטן אין ווילנע. ווען די דייטשן האָבן דורכגעריסן דעם פראָנט ביי ביאַליסטאָק און זייער אַרמיי איז שנעל צוגעגאַנגען צו ווילנע, האָבן די סאָוועטן דער־קלערט אַן עוואַקואַציע פון דער באַפעלקערונג. עוואַקואירן זיך האָבן פאַרשטענדלעך גענומען די יידן. די צוגן פון די עוואַקואירטע זיי־נען געפאָרן ביז 30 קילאָמעטער פאַר מינסק (אַלטע פּויליש־סאָוועטי־שע גרענעץ). דאָ האָט מען אַלעמען געהייסן אַרויסגיין פון די צוגן און די צוגן זיינען אַוועק פוסטע קיין מינסק. אייניקע האָט זיך איינ־געגעבן דורכצושמוגלען זיך, און די איבעריקע (איך אויך) האָבן זיך געמוזט אומקערן צופוס קיין ווילנע. אָבער זייער אַ סך זיינען אומ־געקומען.

די אַנטשטייאונג פון געטאָ

די דייטשישע מאַכט האָט באַפוילן, אַז יידן זאָלן אויסקלייבן אַ פאָרשטייערשאַפט, וועלכע זאָל רעפּרעזענטירן די יידישע באַפעלקערונג. ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג, וואָס עס האָבן אָרגאַניזירט די גבאים און די ציוניסטישע פירער, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז מען מוז איינלאַדן דעם „בונד" און דעמאָלט וועט מען קענען שאַפן דעם קאָמיטעט (יודען־ראַט). דעם פאָרשלאָג האָט דער בונדישער פּאַרטיי־קאָמיטעט אָנגענומען און געשיקט אַ דעלעגאַציע אויף דער פאַרזאַמלונג. די דע־לעגאַציע איז באַשטאַנען פון די ח"ח יאַשונסקי, פישמאַן, ווידמאַן

---

*) דערציילט פון אַ ווילנער בונדיסט, יוסף מוסניק.

און דער ח' וואַפּנער (דער פאַטער פון קלמן וואַפּנער). 3 בונדיסטן זיינען אַריין אין קאָמיטעט.

יעדן טאָג האָבן די דייטשן געמאַכט פאַרשידענע אַקציעס אויף יידן. די ערשטע גרויסע אַקציע איז געווען דעם 30טן אויגוסט 1941. ס'האָבן געליטן ביי אַ 15,000 יידן. מ'האָט זיי אַפּגעשיקט קיין פּאָנאַר. אין דער אַקציע זיינען אַריינגעפאַלן אַסך אונדזערע חברים און דער ח' וואַפּנער אויך. נאָך דער אַקציע איז צעפאַלן געוואָרן דער יודען־ראַט, ווייל 75 פּראָצ. פון זיינע מיטגלידער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. זיי זיינען אַפּגעשיקט געוואָרן קיין פּאָנאַר.

פּאָנאַר איז אַ פאַרשטעטל לעבן ווילנע. דאָרט אין אַ וואַלד האָט מען דערשאָסן 60,000 ווילנער יידן, אויסער פון דער פּראָווינץ און פון האָלאַנד און בעלגיע. די ערשטע צייט פלעגט מען זאָגן, אַז די יידן אַרבעטן דאָרט, אַ „דריטע געטאָ" האָט מען עס אָנגערופן, און אַסך ווערן אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט. צוגיין צום וועלדל האָט קיינער ניט געקענט, אַפילו אַריער. אייניקע פאַלן זיינען געווען, ווען מענטשן זיינען אַנטלאָפן פון דעם וועלדל, און זיי האָבן דערציילט, אַז מ'שיסט אַלעמען אויס, אָבער קיינער האָט זיי נישט געגלויבט. ערשט אין 1943 איז קלאָר געוואָרן, וואָס דאָרט קומט פאָר. מ'האָט דערשאָסן די יידן פון ווילנער פּראָווינץ און זייערע פעקלעך האָט מען אַפּגע־שיקט אין געטאָ פאַר די אָרעמע.

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן.

די געטאָ איז אַנטשטאַנען אין 1941, 6טן סעפּטעמבער. ס'איז אין ווילנע געשאַפן געוואָרן צוויי געטאָס. פאַר אַ יידן־עלטסטער איז געוואָרן באַשטימט אַ ווילנער ייד, פריד האָט ער געהייסן, וויצע־דירעקטאָר פון ק. ק. אָ. (אָפּשפּאָרונגס־קאַסע) אין דער פּוילישער צייט; אַ קאָוונער ייד, גענס האָט ער געהייסן, איז באַשטימט גע־וואָרן אַלס פּאָליציי־קאָמענדאַנט פון געטאָ. פריד האָט געפּועלט ביי דער געסטאַפּאָ, אַז מען זאָל דערלויבן 5 יידן צו נעמען אַלס געהילפן און ער האָט פאָרגעלייגט צווישן די 5 אויך אונדזערע צוויי חברים — יאַשונסקי און פישמאַן (אַן זייער וויסן) — און זיי זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געשעענעם פאַקט. ווען זיי האָבן פּראָטעסטירט, האָט ער זיי געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע און ער וויל מיט זיי מיטאַרבעטן. אָפּזאָגן זיך האָט מען ניט געקענט.

אין ערשטן טאָג פון געטאָ האָבן מיר, בונדיסטן, זיך צוזאַ־

מענגעקליבן אויף אַ פאַרזאַמלונג. אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויך געווען ח'טע פּאַטי קרעמער און דער וואַרשעווער בונדישער טוער הערמאַן קרוק. מיר האָבן באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אין אָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן אין געטאָ. אויפן צווייטן טאָג פון געטאָ איז גע־קומען דער וואַרשעווער בונדישער טוער גוטגעשטאַלט מיט דער פרוי און זון. אין געטאָ האָבן אונדזערע חברים פאַרנומען וויכטיקע פּאָסטנס. דער ח' יאַשונסקי האָט אָנגעפירט מיט דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיי־לונג, ח' פישמאַן — פאַרבינדער פוןביידע געטאָס, ח' הערמאַן קרוק — מיט קולטור־אַרבעט (האָט אָרגאַניזירט די ביבליאָטעק, יידישן מוזיי, און געוואָרן דער אָפיציעלער כראָניק־שרייבער פון דער געטאָ־פאַוואַלטונג). ח'טע גוטגעשטאַלט האָט אָרגאַניזירט דעם יידיש־וועלט־לעכן שול־וועזן. ח' גוטגעשטאַלט האָט אָרגאַניזירט די אַרבעטס־וואַרשטאַטן אין געטאָ, וועלכע זענען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַבריקן. ח' כוואַיניק האָט אָנגעפירט מיט דער דירות־אָפּטיי־לונג. דער ח' טרופּיאַנסקי, אַ לערער פון וואַרשע, איז געווען אין ווילנע און געאַרבעט ביז דער לעצטער צייט אין דער אַפּראָוויזאַציע. דער ח' באַטקע גילינסקי, דער באַוואוסטער לערער פון מעדעם־סאַ־נאַטאָריע אין מיעדזעשין, איז געווען אין סווענציאַן לעבן ווילנע, דער־נאָך איז ער געקומען קיין ווילנע. צוזאַמען מיטן ח' טרופּיאַנסקי זיי־נען זיי ביידע געוואָרן אין 1943 דעפּאָרטירט קיין עסטאָניע.

דער ערשטער פּעריאָד פון געטאָ־לעבן איז געווען אַ שטורמישער. אַלע טאָג זענען געווען נייע געשעענישן און אַקציעס. ס'איז געווען שווער צו אָרגאַניזירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין געטאָ. יעדע פּאָר טעג האָט יעדער ייד געדאַרפט האָבן אַ נייע „שיין" (אַן אַרבעטס־באַשייניקונג), מען פלעגט שוין דאַן וויסן, אַז עס וועלן זיין נייע קרבנות. יום־כפור 1941 איז ליקווידירט געוואָרן די צווייטע געטאָ. ס'איז געבליבן בלויז איין געטאָ: רודניצקע, יאַטקעווער 1, שאַוועלסקע, סטראַשונא, שפּיטאַלנע, דזיסניענסקאַ גאַס. די געס־טאַפּאָ האָט „פאַרזיכערט", אַז עס וועט שוין מער קיין אַקציעס ניט פאָרקומען.

בונדישע טעטיקייט און ווידערשטאַנד

מיר האָבן פּרובירט אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג וועגן אַ ווידערשטאַנד, אָבער באַלד איז אַנטשטאַנען אַ נייער קאַפּיטל אין ווילנער געטאָ: „געלע שיין". דער געטאָ־קאָמענדאַנט, וועלכער איז

געווען דער פֿאַרבינדער פון געטאָ און געסטאַפּאָ, האָט אָנגערופן די געלע שיין — לעבנס־שיין. ווער ס׳וועט עס האָבן, דער וועט בלייבן לעבן אין געטאָ (וועגן טויט האָט ער ניט גערעדט, נאָר וועגן דע־פּאָרטאַציע). ווען מיר האָבן זיך געווענדט צו די קאָמוניסטן וועגן אַ ווידערשטאַנד, האָבן זיי אונדז געענטפערט, אַז זיי קענען ניט אָרגאַניזירן זייערע קעמערלעך און דעריבער קענען זיי נאָך וועגן דעם ניט ריידן. מיר האָבן אין 1941 געפייערט אויף אַלע גרופּן (דאַכט זיך, אַז ס׳איז געווען פון 10 ביז 15 גרופּן) די יובל־פייערונג פון „בונד". די פייערונג איז באַשטאַנען אין דעם רעפעראַט פון ח׳טע פּאַטי קרעמער. די ח׳טע פּאַטי איז געווען אין געטאָ די גאַנצע צייט ביז דער ליקווידאַציע. זי איז געווען די פֿאָרזיצערין פון דעם קאָמי־טעט פון „בונד". ניט קוקנדיק אויף איר עלטער און שוואַכקייט, האָט זיך די ח׳טע פּאַטי מיט אַלץ אינטערעסירט, מיט יעדער קלייניקייט אין פּאַרטייאישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון געטאָ און פון יעדן פּאַרטיי־מיטגליד באַזונדער. ח׳טע פּאַטי איז אַרויסגעטראָטן אויף דער טרויער־און פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג (בלויז פאַר בונדיסטן) נאָכן דערוויסן זיך וועגן סטאַלין־מאָרד איבער די חברים אַלטער און ערליך. די רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אויף דער אַקאַ־דעמיע זענען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס די ח"ח קרוק, גוטגע־שטאַלט און כוואָיניק. אין 1943, ווען די געטאָ האָט זיך געדאַרפט ליקווידירן און די ח׳טע פּאַטי איז קראַנק געוואָרן, האָט איר דער פּאַרטיי־קאָמיטעט געוואָלט אַרויסשיקן אין שטאָט אויף דער אַרישער זייט. זי האָט געמאָלדן דעם קאָמיטעט אַז זי וועט „גיין דאָרטן, וואו ס׳וועלן זיין די יידישע פֿאָלקס־מאַסן". די ח׳טע פּאַטי איז דעפּאָרטירט געוואָרן דעם 23טן סעפּטעמבער 1943 פון ווילנע אין אַן אומבאַ־וואוסטער ריכטונג צוזאַמען מיט אַלע פרויען (3,000).

די געלע שיינען האָבן געקאָסט דער געטאָ 20 טויזנט יידן. נאָך דעם איז טאַקע מער ניט געווען קיין מאַסן־שחיטות. ס׳זענען געווען איינצלנע פאַלן פון „פֿאַרזינדיקטע" יידן, וועלכע מ׳האָט דערשאָסן. אין דער אַקציע פון די „געלע שיינען" האָבן מיר פֿאַרלוירן אַ סך חברים. צווישן זיי אויך די ח׳טע רבקה עפשטיין. נאָך דער אַקציע האָבן מיר ווידער אָרגאַניזירט די פּאַרטיי און ס׳איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ ציל צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד־כוח פון געטאָ, אויב ס׳וועט קומען צו אַ צווייטער שיינען־אַקציע. אַן א. ג. „סטאַבילע" צייט האָט אין געטאָ זינט דאַן געהערשט אין משך פון 2 יאָר.

מיר האָבן זיך ווידער געווענדט צו די פּאָליטישע גרופּירונגען אין געטאָ וועגן שאַפן אַ ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט די קאָמוניסטן איז אַזאַ אָרגאַניזאַציע געשאַפן געוואָרן און האָט געהייסן פּ. פּ. אָ. (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנען אָרגאַניזאַציע). דער ציל פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען, אַז אויב ס׳וועט קומען צו אַן אַקציע, זאָלן מיר שטעלן אַ ווידערשטאַנד און דערווייל אויספירן סאַבאָטאַזש־אַקטן לגבי דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט. די געטאָ־אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרבונדן מיט דער שטאָטישער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג (וועלכע איז געווען אָנגעפירט פון די קאָמוניסטן). אין שטאַב פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער פאָרשטייער פון „בונד" — ח׳ כוואַיניק.

אונדזערע פאָרשטייער אין יודען־ראַט האָבן זייער פיל קריטיקירט דעם יודען־ראַט מיט זיינע אָרדענונגען אין געטאָ א. אַ. וו. דעם „עלטסטן ייד" און דעם געטאָ־קאָמענדאַנט איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן און זיי האָבן געפועלט פונאַנדערצולאָזן דעם „יודען־ראַט", און מען האָט געשאַפן אַ „יודען־עלטסטן" אין דער פּערזאָן פון ה׳ גענס — דעם געוועזענעם פּאָליציי־שעף. דעם ח׳ יאַשונסקי האָט ער באַשטימט פאַר דעם אָנפירער פון דער קולטור־אָפּטיילונג אין געטאָ. די קולטור־אָפּטיילונג איז באַלד געוואָרן די פּאָפּולערסטע אָפּטיילונג. ס׳זענען געוואָרן אָרגאַניזירט די יידיש־וועלטלעכע שולן, 2 יידישע כאָרן (סלעפּ—גערשטיין) און אַ העברעאישער כאָר, אַ טעאַטער, אַ סימפאָנישער און אַ קאַמעראַל־אָרקעסטער, אַ ליטעראַטן־קלוב און אַ יוגנט־קלוב אָנגעפירט פון אברהמל זשעלעזניקאָוו (זון פון באַקאַנטן בונדישן טוער יענקל זשעלעזניקאָוו). די פּ. פּ. אָ. אָרגאַניזאַציע האָט געשאַפן זייער אַ סך געוואָרע. פון דער שטאָטישער פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע איז אין שייכות מיט געוועד געווען אַ קליינע הילף. מ׳האָט אַלץ אַליין געדאַרפט קויפן, אָדער גנבהנען. דער בעסטער אויפקויפער איז געווען אונדזערס אַ חבר. די פּאַרטיי האָט אָרגאַנזירט פאַרשיידענע עפנטלעכע אַרויסטריטן אויף פאַרשידענע אופנים (באַקאַנט פון בונדישער פּראַקטיק). די אָרגאַניזאַציע פּ. פּ. אָ. איז אייניקע מאָל פאַרשאָטן געוואָרן פון דער אַרישער זייט (די געסטאַפּאָ האָט געהאַט אירע אַגענטן צווישן די ניט־יידישע קאָמוניסטן). גלייכצייטיק האָבן צו דעם אויך צוגעהאָלפן יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן (ליידער, זענען אויך אַזעלכע געווען).

אויף אונדזער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט אַזאַ פראַ־

בלעם: דער פ. פ. אָ.־שטאַב מוז איבעררייסן מיט דער שטאָטישער פאַרבינדונג, ווייל דאָס שטעלט אין געפאַר די געטאָ (די קאָמוניסטן האָבן אין יענעם מאָמענט געזאָגט, אַז זיי איז ניט וויכטיק די געטאָ און זיי זענען קעגן דעם). די שטאָטישע פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע איז נאָך דער פּראָוואָקאַציע זיך פונאַנדערגעפאַלן און במילא איז אויטאָמאַטיש איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג. דערנאָך, בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ, איז זי באַנייט געוואָרן.

אָבער דעמאָלט האָבן זיך אויסגעבילדעט ביי אונדז צוויי גרופּירונגען אין דער אָרגאַניזאַציע. איין גרופּע, וואָס האָט געגלויבט דעם געטאָ־פאַרשטייער, אַז די געטאָ וועט איצט נישט צעשאָסן ווערן אויב ס'וועט פונאַנדערגעלאָזט ווערן די אָרגאַניזאַציע פון פּאַרטיידיקונג. אַ צווייטע גרופּע איז געווען ביי דער מיינונג, אַז דאָס איז אַ שפּיצל פון דער געסטאַפּאָ.

די ליקווידאַציע פון ווילנער יידישן ישוב און די תליות פון די בונדיסטן כוואַיניק און ביק

דער בוי פון דער אָרגאַניזאַציע פ. פ. אָ. איז געווען אויסגערעכנט ניט אויף אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע (צוליב קאָנספּיראַציע), נאָר בלויז ווי אַן אַוואַנגאַרד פון קאַמף. זי איז אַמערסטן באַשטאַנען פון מיטגלידער פון די פּאַרטייען, וועלכע זענען אַריין אין שטאַב. ס'איז צוליב דעם געוואָרן אַ ספּעציעלע פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס האָט באַשלאָסן, אַז מיר קענען ניט גלויבן דעם געטאָ־פאַרשטייער און מ'דאַרף זיך איצט ניט פאַרלאָזן אין גאַנצן אויף די קאָמוניסטן. 3 טעג נאָך דער קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון געטאָ. די געטאָ האָט געדאַרפט דעפּאָרטירט ווערן קיין עסטאָניע. דער געטאָ־פאַרשטייער איז געווען אַ גוטער אַגיטאַטאָר פון זיין „פּאָליטיק", אַז מ'דאַרף ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד, נאָר מ'דאַרף געווינען צייט. אויב מ'שיקט אויף אַרבעט — איז ער געווען „זיכער", איז ניט אויף טויט.

די פ. פּ. אָ.־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז די ליקווידאַציע פון יידישן קיבוץ אין ווילנע און מיר מוזן שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אַזוי האָט אויך געהאַלטן די מערהייט פון בונדישן קאָמיטעט. אויף דער לעצטער זיצונג איז באַשטימט געוואָרן, אַז אונדזערע בונדיסטן קענען אויסקלייבן, ווי ווער עס וויל: אָדער פאָרן אין

עסטאָניע, אָדער גיין מיט דער פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע אין וואַלד קעמפן. אָבער קיין אונטערשטיצונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר קאַמף איז, ליידער, נישט געווען. מ׳האָט זיך געלאָזן פירן קיין עסטאָניע. דעריבער האָט די יידישע פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן ניט אָנהויבן אַליין דעם קאַמף, נאָר די מיטגלידער אָפּשיקן אין וואַלד.

דורך דער קאַנאַליזאַציע זענען די מיטגלידער פון פּ. פּ. אָ. אַדורך אין לעצטן טאָג פון ווילנער געטאָ, דעם 23טן סעפּטעמבער 1943, אין אַרישן טייל פון שטאָט, ווייל די געטאָ איז געווען אַרומגערינגלט. ביים אַרויסגיין פון די קאַנאַליזאַציעס זענען געכאַפּט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ אונדזערע 2 חברים כוואַיניק און אַסיע ביק. אונדזערע חברים האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף און דערהרגעט אַ פּאָר געסטאַפּאָ־לייט. אָבער זיי זענען לעבעדיקע אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די נאַציס און זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן. זייער לעצטער אויסגעשריי אויף דער תליה איז געווען: זאָל לעבן דער סאָציאַליזם! (מ׳האָט זיי אויפגעהאַנגען פאַר די אויגן פון אַלע יידן, וועלכע זיינען געווען אויסגעקליבן אָפּטראַנספּאָרטירט צו ווערן קיין עסטאָניע). דער ח׳ כוואַיניק איז געווען איינער פון די באַליבטסטע חברים אין דער אָרגאַניזאַציע און באַליבט ביי דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנע.

זייענדיק איצט אין ווילנע, האָב איך געטראָפן ווילנער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון „קלאָגער לאַגער" אין עסטאָניע. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז די ח"ח קרוק, גוטגעשטאַלט מיטן זון, פישמאַן, ווידמאַן זענען געווען צוזאַמען און זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן.

ווי מען האָט אין ווילנע אויפגעהאנגען דריי יידישע סאָציאַליסטן

(אַ בריוו צו דער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" אין ניו יאָרק).

בריסעל, 16טן סעפּטעמבער, 1945

טייערע חברים! דעם אמת אייך זאָגן, האָב איך נישט קיין מוט זיך אומצוקערן צו די פאַרגאַנגענע צייטן; די וואונדן זיינען נאָך פריש. מען קען נאָך וועגן דעם אַלעם, וואָס איז געשען, ניט קלערן רו־איק, און שרייבן באַשטימט נישט.

נאָר ווי אַלע ווילנער בין איך אַ גרויסע פּאַטריאָטין פון מיין שטאָט, און בשעת איר האָט שוין גרוסן פון פאַרשידענע שטעט פון פּוילן, לאָזט מיך נישט מיין געוויסן, אַז ווילנע, ירושלים דליטע, זאָל פעלן.

נישט פאַר רעקלאַמע שרייב איך עס. איך וויל בלויז דערפילן מיין פליכט צו די, וואָס וועלן שוין מער קיינמאָל נישט ריידן.

איר ווייסט שוין געוויס דאָס בילד פון ווילנער אונטערגאַנג. איך וועל אייך דערציילן וועגן אונדזערע נאָענטע. אין געטאָ האָט מען אונדז געהערט און געזען אומעטום, אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אינ־סטיטוציעס. מיר האָבן אויפגעבויט שולן, קיכן, אַ טעאַטער. מיט איין וואָרט, מיר זיינען געגאַנגען מיט אונדזער וועג, צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען.

דער בונדיסט אַבראַשא כוואָיניק איז געווען אַ מיטגליד פון ראַט פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע און ער איז פון די דריי חברים, וואָס האָבן געשאָסן היטלערס אַ שטורם־טרופּער. געשאָסן האָבן זיי דעם שטורעם־טרופּער אין טאָג פון דער ליקווידאַ־ציע פון ווילנער געטאָ. מען האָט זיי אַלע דריי אויפגעהאַנגען אויף ראָססע, פאַר די אויגן פון אַ פילקעפּיקן המון.

מוטיק זיינען זיי אַרויף אויף דער תּליה: כוואַיניק, אסקע ביג און גרישע לעווין.

די פרויען און מענער אַרום האָבן געוויינט, נאָר אַסקע האָט צו זיי אַראָפּגעשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: „וויינט נישט. איך וויין אויך נישט."

דאָן האָט מען אונדז, וואָס האָבן עס צוגעזען, געבראַכט אויף אַ גרויסן פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט קוילנוואַרפער. מיר זיינען דאָרט אין קעלט און נאַסקייט, אָן עסן און טרינקען, געזעסן אויף דער ערד אַ טאָג און נאַכט. אויף מאָרגן פרי האָט מען אונז געהייסן זיך אויס־שטעלן אין רייען און דורכגיין דעם טויער. דאָן איז פאָרגעקומען די סאַדיסטישע און גרויזאַמע סעלעקציע, לינקס... רעכטס... פרויען מיט קינדער, אַלטע, קראַנקע — לינקס; די יוגנט — רעכטס.

די מענער זיינען געווען אויף אַן אַנדער פּלאַץ, און וואו זיי זיינען אַהינגעקומען, ווייס איך נישט עד היום.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע פּאַניק. פרויען האָבן גע־נומען וואַרפן זייערע קינדער. מען איז געטראָטן איבער לעבעדיקע קינדער, וועלכע האָבן האַרצרייסנדיק געוויינט, נאָר קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. די שרעק פאַר פאַרגאַזונג איז געווען גרויס. מיר האָבן שוין געוואוסט, אַז אין גאַז־קאַמער שפּאָרט מען דעם גאַז, און אַז מען מאַטערט זיך אין שרעקלעכע יסורים אַ האַלבע שעה, און ערשט דעמאָלט ווערט מען, האַלב טויט, געוואָרפן אין אויוון. פיל פרויען האָבן דערפאַר אין דער שרעקלעכער פּאַניק פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין און אַוועקגעוואָרפן זייערע קינדער. זאָל זיי קיינער נישט וואַגן צו אורטיילן. ווער עס האָט דאָס נישט איבערגעלעבט, וועט עס סיי ווי נישט פאַרשטיין.

איך וועל מסתמא שוין קיינמאָל ניט קענען פאַרגעסן דעם בילד, ווי אַ פאַרשטייער פון דער „העכערער ראַסע", אַ שטורם־טרופּער, האָט אויפגעהויבן פון דער ערד אַ וואונדערשיינע מיידעלע פון אַ יאָר פיר אָדער פינף, מיט גרויסע בלויע אויגן פול מיט טרערן, מיט בלאָנ־דע לאָקן, אין וועלכע עס איז געווען אַריינגעפלאָכטן אַ גרויסער, בלויער באַנד, און געפרעגט „שטאַרק" פאַרוואונדערט: „קען דען אַ מוטער אַוועקוואַרפן אַזאַ שיין קינד? וואו איז די מוטער־ליבע פון אייערע פרויען? אונדזער פירער האָט רעכט. איך מוז מען אויסראָטן!"...

אויף לינקס זיינען געווען כמעט אַלע אונדזערע בונדיסטינס:

פּאַטי קרעמער, מיין מוטער, מרים גוטגעשטאַלט, ריוועטשע פרייטאַג מיט איר פיר־יאָריק מיידעלע, זשעלעזניקאָווס פרוי און טאָכטער, דר. אימיעניטאָווא, מאַניע גראָסמאַן, נאָך אַנדערע. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. פּאַטי האָט נאָך געזאָגט: „מיר וועלן זיך אַרומנעמען און זינגען „די שבועה," דעמאָלט וועט דער טויט נישט אויסקומען אַזוי שרעקלעך."

אונדזער פּאַטי איז געשטאָרבן אַזוי ווי זי האָט געלעבט. שטאָלץ, מוטיק, ווי אַ סאָציאַליסטין. אין אַזאַ פּאַניק נישט פאַרלירן דעם מוט, איז געווען ממש אַ וואונדער. איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז טאָמער האָט עמיצער געהאַט די אילוזיע, אַז מען פירט אויף אַרבעט, האָבן די אוקראַינישע שטורעם־טרופּער־לייט אָפן געזאָגט: „גייט אַוועק אייער גאָלד און בריליאַנטן. איר גייט סיי ווי סיי אין אויוון".

וויפיל מאָל אין געטאָ האָט פּאַטי געהויבן אונדזער מוט! זי האָט געגלויבט אין היטלערס מפּלה און אין אונדזער איבערלעבן. לייי־דער, האָט זי עס נישט דערלעבט. וויפיל האָפענונג האָט אין אונדז פאַנאַנדערגעברענט דאָס פאַלן פון איטאַליע! מיר האָבן געמיינט, אַז אָט, אָט און דער קריג איז שוין צו ענדע. מיר האָבן זיך דער־לויבט אויף צופיל אָפּטימיזם. עס איז נאָך געווען צו פרי.

ווען איך האָב זיך דורכגעריסן דורך די קאָרדאָנען פון רעכטס אויף לינקס, האָט מיר פּאַטי נאָכגעשריען: „נעמט פאַר אונדז נקמה!"

אַרום 1,500 „גליקלעכע" פרויען, די פון רעכטס, האָט מען געבראַכט אין ריגע, אין דעם צענטראַלן קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער „קייזערוואַלד". דאָס איז געווען אַ צענטראַלע, איינשליסנדיק ליטע, לעטלאַנד, און עסטלאַנד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן הונגער און שווערע אַרבעט. מיך האָט מען אַרויסגעשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער נישט ווייט פון ריגע, „שטראַסדענהאָף". אויף יעדן שריט און טריט האָבן אויף אונדז גע־לויערט פאַרשידענע מינים „אַקציעס", צו ווערן אויסגעמאָרדעט. יעדע דערנעענטערונג פון די רוסן צו ריגע האָבן מיר באַצאָלט מיט „אַקציעס". ווען די רוסן זיינען געשטאַנען פאַר די טויערן פון דער שטאָט, האָט מען די איבערגעבליבענע, אַרום 2,000 יידן, אַרויס־געשיקט אין „שטוטהאָף", ניט ווייט פון דאַנציג. דאָרטן איז פון דער טיפוס־עפּידעמיע אומגעקומען אַלץ, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן פון ווילנע. בלויז געציילטע האָבן זיך געראַטעוועט מיט דעם, וואָס זיי זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַרבעטס־לאַגערן, אין וועלכע

עס זיינען ווידער אָסך אומגעקומען פון הונגער און „אַקציעס“, כאָטש די דייטשן האָבן פאַרזיכערט, אַז דאָרט, ביי זיי אין רייך, קומט נישט פאָר דאָס וואָס אין אָסטלאַנד.

וואָס טוט מען אין אַזעלכע טעג? אין שטראַסדענהאָף האָבן מיר געהאַט אַ פּראָוויזאָרישן טעאַטער. ביי אונדז איז געווען דער ריגער אַרטיסט סוריק. מיטגלידער פון ווילנער קינדער־קלוב האָבן נאָך דער אַרבעט געמאַכט פּראָבן. מיר האָבן געשטעלט פּרצס „די חופּה־קלייד“ און פאַרשידענע קלענערע זאַכן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין זכרון.

מיר האָבן עס צו פאַרדאַנקען אונדזער לאַגער־עלטסטן, אַ דייטש, וואָס איז אַליין 8 יאָר געזעסן אין פאַרשידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אַלס פּאָליטישער פאַרברעכער. ער האָט אונדז דעם ערשטן מאַי געמאַכט אַ סורפּריז און געמאַכט מיט אונדז אַן ערשטן־מאַי־דע־מאָנסטראַציע. דאָס איז געווען זונטיק אין דער פרי. ער האָט פאַר־אָרדענט אַ שטראָף (אַזוי האָט עס געהייסן פאַרן לאַגער־שעף). די יונגע פרויען האָבן געמוזט זיין אויפן הויפּט־פּלאַץ און מאַרשירן אין געשלאָסענע רייען. ער איז געשטאַנען אין דער הויך אויף אַ בערגל און ווי אַ גענעראַל אויפגענומען דאָס בילד. דעמאָלט האָבן מיר געזונ־גען אַ דייטשישע ליד. מיר האָבן פאַרשטאַנען זיין כוונה, און מיט פרייד דאָס אַלץ אויסגעפירט. דער מאַרש האָט געדויערט בערך אַ האַלבע שעה. דאַן זיינען מיר געווען פריי. דעם טאָג האָבן מיר נישט אויסגעפירט קיין שום לאַגער־אַרבעט. געוויינלעך זונטיק, ווען מיר זיינען געווען פריי פון פאַבריקן, האָבן מיר געמוזט אויספירן פאַרשידענע לאַגער־אַרבעטן. אין אָונט האָט עס געהייסן, אַז מיר פייערן דעם געבורטס־טאָג פון אַן אַרבעטאַרין.

פּאַטיס אַ פלימעניצע, פרידאַ זעווין, האָט גערעדט וועגן ערשטן מאַי; דערנאָך האָט לוטקע שרייבער, די טאָכטער פון דעם דירעק־טאָר פון יידישן טעכניקום אין ווילנע, דעקלאַמירט גאָרקיס „דער שטורעם־פויגל“, פּרצס „מיין נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע...“ מיר האָבן געזונגען לידער. דאָס איז געווען אונדזער שענסטער אָונט אין לאַגער. מיר האָבן געמיינזאַם געגעסן אונדזער פינפטל ברויט (300 גראַם אויפן גאַנצן טאָג) מיט דער צוגעטיילטער מאַרגאַרין, גרויס ווי אַ געבעץ. נאָר קיינמאָל איז מען נאָך נישט געווען אַזוי זאַט ווי דעמאָלט.

אין שטוטהאָף האָט מען אונדז איבערגענומען מיט קלעפּ. די

באַדינגונגען זיינען געווען נאָך ערגער ווי אין ריגע. איך האָב געהאַט גליק. נאָך דריי וואָכן האָט מען אונדז אַרויסגעשיקט אין מאַגדעבורג.

דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן גאָר נייע צרות פאַר אונדז. ביז איצט האָבן קיינעם נישט אינטערעסירט אונדזערע לונגען און האַרץ. דאָ האָט מען אונדז גענומען מאַכן רענטגען־בילדער. זיי זיינען געמאַכט געוואָרן ניט זאָרגפעלטיק און יעדער שאָטן אויפן בילד האָט געהייסן — טובערקולאָז, און מען האָט אַזעלכע פאַרגאַזט. פיל האָט מען פאַרגאַזט, געזונטע, אָן אַ צייכן פון וועלכער עס איז קראַנקייט, נאָר פשוט דורך אַ טעות פון דער „שוועסטער" פון דייטשן שפּיטאָל, וועלכע איז נישט געווען פאַראינטערעסירט, וואָס פאַר אַ קאָנסעקווענצן עס וועט ברענגען איר פוילקייט. דאָרטן האָבן מיר געהאַט שלעכטע ציטן, חוץ הונגער און אומגליקספאַלן אין דער פאַבריק. עס זיינען צוגעקומען שטענדיקע באַמבאַרדירונגען, וועלכע האָבן אונדז באַרויבט פון קאַרגן שלאָף און פאַרקלענערט אונדזער שוין אַזוי אויך קליינע מאָס שפּייז. עס איז איבערגעריסן געוואָרן די קאָמוניקאַציע, און מען האָט נישט געקענט ברענגען קיין פּראָוויאַנט.

ווי די אַמעריקאַנער האָבן זיך דערנעענטערט צו מאַגדעבורג, איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן פון לאַגער. איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן אין חורבות. דעם 18טן אַפּריל זיינען מיר באַפרייט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער. אָבער ווידער נישט אַלע. דעם גרעסטן טייל האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט אויף דער אַנדערער זייט עלבע, און באַוואָרפן מיט גראַנאַטן, און די איבעריקע לעבעדיקערהייט געוואָרפן אין דער עלבע.

פון דייטשלאַנד בין איך נאָכן זיג אַנטלאָפן. איך האָב נישט געקענט צוזען וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. אַלץ, וואָס נאָך נעכטן האָט געטראָגן די נאַצי־פּאַרטיי־אָפּצייכענונגען, האָט היינט אָנגעטאָן רויטע בלימעלעך, אָדער אויף שנעל געמאַכט אָפּצייכענונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויך פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. טויזנטער נאַציס און שטורם־טרופּער־לייט זיינען געווען אין דעם. ווער האָט זיי געקענט דערקענען? זיי האָבן שוין באַוויזן אומצוקערן דעם פעלץ. פריש־געבאַקענע סאָציאַליסטן, ווייל אַלע, וואָס זיינען טאַקע פאַרבליבן סאָציאַליסטן האָבן געשמאַכט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אויף דער פריי כמעט ווי קיינער נישט.

איצט בין איך אין בריסעל. ווידער בין איך צווישן בונדיסטן,

צווישן מייניקע. אין דער סביבה בין איך אויסגעוואַקסן. מיינע על־טערן זיינען געווען בונדיסטן און איך אויך, פון 1933.

צוריק אין ווילנע בין איך נישט בכוח צו גיין. יעדער שטיין איז דאָרט דורכגעווייקט מיט אונדזער בלוט. יעדע גאַס, יעדער ווינקל — נישט־געשטעלטער מאָנומענט פון אונדזערע ליידן און אונדזער קאַמף.

ווי אַ שאָטן גייען מיר נאָך די ווערטער פון חברטע פּאַטי: „נעמט פאַר אונדז נקמה!" זיי וועקן ביינאַכט. זיי מאָנען און רופן. זיי פאָדערן די לעצטע צוואה פון די אומגעקומענע. איצט קלער איך מיר, אַז אויף דער וועלט וועט הערשן גלייכהייט, פרייהייט און אמת־דיקער סאָציאַליזם, וועט עס זיין די נקמה, וועלכע אונדזער פּאַטי האָט געמאָנט.

איך פאַרענדיק דעם בריוו מיט אונדזער ווילנער —

פריש פריי,

שטאַרק טריי.

אייער,

העלא קלאַטשקאָ.

אָנפיר־אָרגאַנען און אָרגאַניזאַציע־נעץ פון דער אונטערערדישער באַוועגונג פון „בונד"

דער אונטער־ערדישער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד"

דער צוזאַמענשטעל פון די בונדישע אָנפיר־אָרגאַנען פון דער אונטערערדישער באַוועגונג האָט זיך כסדר געענדערט. טייל חברים זיינען אַרויסגעפאַלן צוליב דעם, וואָס זיי זיינען פון די נאַצי־הענקער אומגעבראַכט געוואָרן, אַנדערע פלעגן קאָאָפּטירט ווערן.

במשך פון פאַרשידענע פעריאָדן פון דער גאַנצער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן צום אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" געהערט די ח"ח מאַוריצי אָזשעך, אַבראַשע בלום, בערנאַרד גאָלדשטיין, דר. סטאַניסלאַוו ליפּשיץ, זדיסלאַוו מושקאַט, סאָניע נאָוואָגרודזקאָ, איגנאַץ סאַמסאָנאָוויטש, לעאָן פיינער, סאַלאָ פישגרונד, מאַוריצי פּאַפּיער, יאַנקל צעלעמענסקי, לאָזער קלאָג, בערעק שניידמיל.

צום „פּאַרטיי־ראַט"

האָבן געהערט, חוץ די פּאָר־מלחמהדיקע מיטגלידער, אויך די ח"ח ז. מושקאַט, ל. מיכעלזאָן, וויראַוווסקי, סאַמסאָנאָוויטש, דר. פענסטערבלוי, בעלאַ שאַפּירא.

צום צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען

האָבן געהערט : ל. קלאָג (דרוקער), בעניעק ווייצמאַן און וואוילאַנד (באַקלייד), גרילאַק און בלאָנעס — פּאַטער פון ליושעק, יורעק און גוטע — (האַנדלס־אַנגעשטעלטע), גוטמאַן (מעטאַל), ראַמעט (לעדער), פּוטערמאַן (פליישער), זילבערגלייט (פּראַגע), ל. קערש און מרדכי פּיגמאַן (סאָצ. האַנטוו.), גאָלדבערג (פריזירער), מערמעלשטיין, (לאָדזש), סטודניא (דערנערונג), משה וועגנער (טראַנספּאָרט), מרים קלעפּפיש (לערער).

צענטראַל־קאָמיטעט פון י. ב. „צוקונפט"

אין אַרבעט און קאַמף פון דער אונטערערדישער באַוועגונג האָט זייער אַ גרויסע ראָל געשפּילט די בונדישע יוגנט־ און קינדער־אָרגאַניזאַציע.

צום צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט" האָבן געהערט די חברים: אַבראַשע בלום, אַבראַמעק, שלמה פּאָוו (לאָדזש), העניאַך רוס, משה קויפמאַן.

„סקיף"־צענטראַלע

די „סקיף"־צענטראַלע (צענטראַלע פון סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד) איז באַשטאַנען פון די חברים: מאַרעק עדעלמאַן, וועלוול ראָזאָווסקי, רבקה ראָזענשטיין.

דער בוי פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע און דער „קאָלעקטיוו"

די אָרגאַניזאַציע אין געטאָ איז געווען געבויט לויט אומלעגאַלע פינפטלעך און צענטלעך. ווי אַ שטענדיקער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון דער אָרגאַניזאַציע האָט עקזיסטירט אַן אַ. ג. „קאָלעקטיוו", וואָס איז פריער באַשטאַנען פון 15, שפּעטער פון 21 חברים. דער קאָלעקטיוו איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון פאָרשטייער פון פאַכן. צום קאָלעקטיוו האָבן געהערט:

הערשל ראַמעט (לעדער), דאַמאַזער (מעטאַל), מרדכי וואַילאַנד (באַקלייד), ראַגאָזשיק (טעקסטיל), חיים איצקאָוויטש (בעקער), ראָזענבערג (פליישער), מרדכי פעלדמאַן (סאָצ. האַנטווערקער), בלאַנעס און ראָזענבערג (האַנדלס־אַנגעשטעלטע), משה גאָלדבערג (פריזירער), משה שקליאַר (דרוקער), דובינסקי (האָלץ), גיטל סקוטעלסקאַ (יאַף), מאַניע יערוכימזאָן (לערער), ל. קערש (האַנטווערקער), זילבערשטיין (פראַגע), רוטע בערמאַן (יאַף), בעניעק ווייצמאַן (שניידער), לייבל בלאַנק (באַקלייד), גרילאַק (האַנדלס־אַנגעשט.), מרדכי פייגמאַן (סאָצ. האַנטוו.), ה. רוס און מ. קויפמאַן (יוגנט), פערגאַמענט, פּאָוו, וויראָווסקי, מערמלשטיין (לאָדזשער קאָמיטעט), קאַפּלאַן (קאַלישער קאָמיטעט).

אויסער פאַרטרעטער פון פאַכן, זענען מיר, האָבן צום „קאָלעקטיוו" געהערט פאַרטרעטער פון „שטאָטישע קאָמיטעטן" (לאָדזש, קאַליש). די „שטאָטישע קאָמיטעטן" זיינען געווען פאַרשטייער פון גרופן פון אַנדערע שטעט, וועלכע האָבן געלעבט אין וואַרשעווער געטאָ. אָט די פאַרשטייער פלעגן זיין פאַרבונדן מיט זייערע גרופן אָנגעפּאַרענע, זאָרגן פאַר זיי וועגן דירות, דערנערונג א. ד. ג.

קאָמיסיעס ביי דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע

ביי דער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען טעטיק פאָלגנדיקע קאָמי־סיעס:

פינאַנס, רויטער קרייץ, סאַנאַטאָריע־קאָמיטעט, יאַף, ווירטשאַפט, יוגנט, שול־קאָמיטעט.

צו דער פינאַנס־קאָמיסיע האָבן געהערט:

כאָלאָדענקאָ, רובינשטיין, מיכעלזאָן.

צום רויטן־קרייץ:

ל. מיכעלזאָן, מאַניע זיגעלבוים, מעלמאַן, מערמלשטיין, ליבעס־קינד, סאַניע נאָוואָגרודזקאָ, אַבראַשע בלום, בערנאַרד, פאַלק, מלי־נעק, שקלאַר, עווא קירשנבוים.

דער רויטער קרייץ האָט געפירט אַ ברייטע טעטיקייט פון זאָרגן וועגן קראַנקע, אַרעסטירטע און פאַרשפאַרטע אין לאַגערן פאַרטיי־מיטגלידער, מיטגלידער פון פראָפ. פאַראיינען א. ד. גל..

צום סאַנאַטאָריע־קאָמיטעט האָבן באַלאַנגט:

זדז. מושקאַט, מאַניע זיגעלבוים, ברוידאָ, ד"ר קעלסאָן, סאַניע נאָוואָגרודזקאָ, אַבראַשע בלום.

צום „יאַף"־קאָמיטעט:

רוטע בערמאַן, סקוטעלסקאָ, ליובע בעליצקאָ, וואַקס, א. אַ.

צו דער ווירטשאַפט־קאָמיסיע, וואָס האָט אָרגאַניזירט טיי־האַלעס, קיכן און ד. ג. האָבן געהערט:

ב. בוקס, מלינעק, משה שקליאַר, העכטמאַן, קלאַג, ראָזענבערג און אַנדערע.

צום יוגנט־קאָמיטעט:

הענעך רוס, מ. קויפמאַן, גרושקאָ, פיינער אברהם און מרים, פייגעלע פעלטעל, שפיכלער, וועלוול ראָזאָווסקי, יעקב מענדעלסאָן.

די מעדיצינישע קאָמיסיע

איז באַשטאַנען פון די ח"ח: ד"ר אַננע העלער, ד"ר קעלסאָן, ד"ר אננע מאַרגאָלים, ד"ר ווייסהאָף, ד"רין גאָלדע.

אַרכיוו־קאָמיסיע:

אַבר' בלום, ליבעסקינד, ראַבינאָוויטש.

דער שול־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון:

יוכבד זוסמאַן, מאַניע יערוכימזאָן, ברוידע, ח'טע מ. קלעפפיש (מוטער פון מיכאל קלעפפיש).

בונדיסטן זיינען אויך שטאַרק טעטיק געווען אין די הויף־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן אויסגעפירט און געטאָן זייער אַ וויכטיקע פונקציע. 60 הויף־קאָמיטעטן האָבן געהאַט אַ ריין־בונדישן צוזאַמענשטעל. אויסער דעם זיינען בונדיסטן געווען פאַרטראָטן אין אַלע אַנדערע הויף־קאָמיטעטן מיט אַ געמישטן צוזאַמענשטעל.

בונדישע אונטערערדישע דרוקערייען

מיר גיבן איבער די דרוקערייען אין וואַרשעווער געטאָ לויטן סדר ווי אַזוי זיי זיינען געווען טעטיק. דאָס טוישן פון די אַדרעסן פלעגט פאָרקומען צוליב פאַרזיכטיקייטס־טעמים. ביי יעדער דרוקעריי זיינען אָנגעגעבן די טעכנישע אַרויסגעבער.

1. אין הויף פון דער „פאָלקסצייטונג", נאָוואָליפיע 7, אין קעלער וואו עס איז געווען דער איינבינדער־קאָאָפּעראַטיוו „אינטראַליגאַטאָר". דאָ האָבן געאַרבעט וועלוול ראָזאָווסקי און מאַרעק עדעלמאַן.

2. דלוגע 26, אינעם געוועזענעם אַרבעטער־ווינקל, דאָן איז דאָרט געווען די קיך, וועלכע איז פאַרוואַלטעט געוואָרן דורך דער ח־טע באַלטשע בוקס.

אויך דאָ האָבן געאַרבעט וועלוול ראָזאָווסקי און מאַרעק עדעלמאַן.

3. פּאָוויע 67, ביים חבר זיפערמאַן, געוועזענער אָנגעשטעלטער אין פאַרלאַג „קולט־בוך". דאָ האָבן געאַרבעט חוץ די אויבנדערמאָנטע אויך די חברטעס בלומע קלאָג, רבקה ראָזנשטיין און דער חבר זיפערמאַן.

4. נאָוואָליפיע 30, אין דער דירה פון חבר באַרנבוים (טוער ביז דער מלחמה אין סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַראיין).

געאַרבעט די חברים: מאַרעק עדעלמאַן, בלומע קלאַג, זיפּער־מאַן.

5. נאָוואָליפּיע 67, אין דער דירה פון די בלאָנעסעס.

געאַרבעט: מאַרעק עדעלמאַן און יורעק בלאָנעס.

די אונטערערדישע בונדישע פּרעסע

אין די דאָזיקע דרוקערייען האָבן זיך געדרוקט: דער „ביולע־טין", דער „וועקער", „דאָס פרייע וואָרט", „דער גלאָק", „דער שטורעם", „יוגנט־שטימע", „יינגע גוואַרדיע", „צייט פראַגן", „אויף דער וואַך", „זאַ נאַשאָן אי וואַשאָן וואָלנאָשטש", „נאָווא מלאָדזשעזש" א. אַנד. אויסגאַבעס. דאָ זיינען אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן די אויסגאַ־בעס פון „סיב" (סאָציאַליסטישע יוגנט־ביבליאָטעק): אַ לידער־ביכל און אַ זאַמל־בוך געווידמעט דער פּאַריזער קאָמונע (אין צוויי פּאַרבן).

אין דער רעדאַקציע און מיטאַרבעטער פון די אויסגאַבעס זענען געווען: אַבראַשע בלום (הויפּט־רעדאַקטאָר), מאַוריצי אָזשעך, בער־נאַרד גאָלדשטיין, בערעק שניידמיל, איגנאַץ סאַמסאָנאָוויטש, וויראָוו־סקי, שלמה פּאָוו, נאַטאַן ליבעסקינד, אינקאַ שווירעאָווסקאַ, העניעך רוס, ישראל גרילאַק און מאַרעק עדעלמאַן.

צו די מיטאַרבעטער פון דער אונטערערדישער בונדישער פּרע־סע האָט אויך געהערט דער באַרימטער אַדוואָקאַט און פּאַרטיי־דיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן — לעאָן בערענסאָן.

אין די אויסגאַבעס זיינען אויך געדרוקט געוואָרן ליטעראַרישע שאַפונגען פון דער שרייבערין רחל אויערבאַך, פון י. פּערלע, ל. גאָלדין, ישראל שטערן.

די קינסטלערישע צייכענונגען, קעפּלעך, קאַריקאַטורן, לאָ־זונגען, א. אַ. האָבן אויסגעפירט די צייכנער הערשל צינאַי און רבקה ראָזנשטיין.

דער טיראַזש פון די דאָזיקע אויסגאַבעס איז געווען צווישן 300 און 500 עקזעמפּלאַרן.

חוץ דעם איז אויף דער אַרישער זייט אַרויס „וועוונעטשני ביו־לעטין בונדו", וועלכן עס האָבן רעדאַגירט די ח"ח ד"ר לעאָן פיינער, איגנאַצי סאַמסאָנאָוויטש און ד"ר סטאַניסלאַוו ליפּשיץ.

געדרוקט געוואָרן איז די צייטונג אויף זשוראָוויע 24 אין דער דירה פון דער חברטע עאוגעניאַ וואַנסאָווסקאַ, אויך אין דער דירה פון ד. קלין.

קאַלפּאַרטאַזש

מיטן קאַלפּאַרטאַזש פון די אויסגאַבעס האָבן זיך פאַרנומען: מאַרעק עדעלמאַן (לייטער פון קאַלפּאַרטאַזש), זאָשקע גאָלדבלאַט, אַנקע וואָלקאָוויטש, סטעפע מאַריץ, מרים שיפּמאַן, מאַרינקע סעגאַלעוויטש, צלובה קרישטאַל־ניסנבוים, חייקע בעלכאַטאָווסקע, העלענע ליפשיץ, ד"ר סאַלאָמעא ליפשיץ, לובאַ ביעליצקאַ, וולאַדקע.

אויף דער פּראָווינץ זיינען די צייטונגען פאַנאַנדערגעפירט געוואָרן דורך די חברים: א. פאַלק, י. צעלעמענסקי און ח' יאַנקעלע מענדעלסאָן (מענדעלע הויקער). אַגב איז „מענדעלעס" דירה אויף נאָוואָליפּיע 10 געווען דער טרעף־פּונקט פון די פּראָווינצער דעלעגאַטן צו נעמען די אונטערערדישע בונדישע אויסגאַבעס. דאָ איז געווען דער צענטראַלער סקלאַד און דער פּאַרטייל־פּונקט פון אַלע אומלעגאַלע יידישע און פּוילישע אויסגאַבעס.

טרעף־פּונקטן, טעלעפאָנען און דירות

קיכן און טיי־האַלעס

ווי טרעפפּונקטן פאַר גרעסערע גרופּן פון דער מיטגלידערשאַפט און גאָר נאָענטער פּעריפעריע האָבן געדינט די קיכן און טיי־האַלעס, וואָס די אונטערערדישע באַוועגונג האָט געפירט. אַזעלכע ערטער זיינען געווען די קיכן:

1. דזשיקע 26 (געוועזענער אַרבעטער־ווינקל), לייטער חברטע באַלטשע בוקס;
2. נאַלעווקי 11 — לייטער ח' באַרנבוים (טוער ביי די האַנטווערקער);
3. נאָוואָליפּיע 23 — לייטער ח' קלאָג;
4. אָרלע 2 — לייטער ח' משה שקלאַר;
5. גענשע 6 — לייטער ח' הערש ראָזנבערג (טוער ביי די האַנדלס־אָנגעשטעלטע):
6. נאָוואָליפּיע 68 — לייטער באַלטשע בוקס;
7. מוראַנאָווסקע 44 — לייטער ח' הערמאַן מלינעק;
8. זאַמענהאָף 44 (געוועזענער לאָקאַל פון דער אַרקאַדי־גרופּע) — לייטער ח'טע וויטשיק.
9. שליסקאַ 28 — לייטער ח' העכטמאַן.
10. טיי־האַלע — לייטער משהלע קויפמאַן.

קינדער־קיכן

קראַכמאַלנע 36 (געוועזענער לאָקאַל פון כמורנער־שול) — לייטער ח'טע מאַניע יערוכעמזאָן;

קאַרמעליצקע 29 (געוו. גראָסער־שול) — לייטער ח'טע יוכבד זוסמאַן;

מילע 51 (מיכאַלעוויטש־שול) — לייטער: חבר יוליאַן וויע־ליקאָווסקי;

שוו. יערסקע 34 — לייטער ח'טע קלעפפיש.

אַלע לייטערס פון די דאָזיקע קינדער־קיכן זיינען געוועזן לערער.

טרעף־פונקטן אין געטאָ

חוץ די דאָזיקע טרעף־פונקטן זיינען אין געטאָ געווען פונקטן באַשטימט פאַר די טוער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. אזעלכע זיינען געווען:

1. נאַוואָליפּיע 12 וואוינונג 43 — דירה פון חבר בערנאַרד;
2. לעשנאָ 24 — אין דער וואוינונג פון ח־טע רוטע פּערענסאָן;
3. שוו. יערסקע 24 — אין דער וואוינונג פון ח־טע רוטע בערמאַן;
4. נאַוואָליפּיע 14 — פריערדיקע דירה פון חבר קאַזדאַן;
5. לעשנאָ 18 — ח־טע „מאַרישע";
6. צענטראַלער פאַרבינדונגס־פונקט מיט דער אָנפירונג פון דער אַרישער זייט: נאַוואָליפּיע 32, אין דער דירה פון דער ח־טע וואוילאַנד.
7. קאַרמעליצקא 6 — וואוינונג פון ח־טע קאַראַלע שער.
8. נאַוואָליפּיע 40 — פריזיר־אנשטאַלט, קאַסירערין — צפורה איינשטיין.
9. עלעקטאָראַלנע 18 — פריזיר־אנשטאַלט, קאַסירערין — וולאַדקע.
10. לעשנאָ 4 — יוגנט־וואַרשטאַט (שוסטער־ און שניידער־), לייטערס: ה. רוס און יאַנקל מענדעלסאָן.
11. קאַרמעליצקא 6 — געוו. קאָאָפּעראַטיוו, ח. קאַץ.

טעלעפאָנען

אין דער פאַרבינדונג מיט דער אַרישער זייט האָט דער אונטער־ערדישער געטאָ־קאָמיטעט זיך באַנוצט מיט די טעלעפאָנען פון:

1. ח־טע סאָניע נאָוואָגרודזקאַ — נאָוואָליפּיע 7 וואוינונג 10, טעלעפאָן נומער 28־92־11;
2. ד"ר מונוועז, סאַלנע;
3. קינדער־שפּיטאָל אויף שליסקע א. נ. פון די בערסאָנס, די טעלעפאָנען: 20־99־5, 21־99־5, 22־99־5. די פאַרבינדונג דורך די דאָזיקע טעלעפאָנען האָט געפירט די גוואזענע דאָקטאָרין פון דער מעדעם סאַנאַטאָריע — ח־טע קעלסאָן.
4. דורך אַ טוערין פון דער פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטן) — ליילקע אין געטאָ, אויף סאַלנע 16, טעלעפאָן נומער 35־41־11;

אויף דער אַרישער זייט זיינען די זיצונגען פאָרגעקומען אין סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. אין די דירות פון די חברים:

1. סאַלאַ פישגרונד — סענאַטאָרסקע 9;
2. י. סאַמסאַנאָוויטש — זשוראַוויע 24;
3. מאַרישע און אינקע.

די קאַמף־און ווידערשטאַנד־טעטיקייט

חוץ די חברים אַבראַשע בלום, וואָס איז געווען דער גייסטיקער פירער פון די בונדישע ווידערשטאַנד־כוחות, האָבן צו די אָנפירער גע־הערט די חברים בערעק שניידמיל, מיכאָל קלעפּפיש און מאַרעק עדעלמאַן — דער פאַרשטייער פון „בונד" אין דער קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע (זשאָב).

ווי פירער פון קאַמפס־גרופּן אין פאַרשידענע צייטן פון דער אונטערערד, ביי באַזונדערע אַקציעס און בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד, זיינען געווען די חברים בונדיסטן, צוקונפטיסטן, סקיפּיסטן:

זיגמונט איגלאַ	שמעון האַלינאָווסקי
יורעק בלאָנעס	אברהם פיינער
לייב גרוזאַלץ	ברוך פעלץ
ישראל גריילאַק	מלך פערלמאַן
דוד האָכבערג	זלמן פרידריך
אברהם גאָלדשטיין	שלמה'פּאָוו
נאָטאָן ליבעסקינד	שמואל קאָסטרינסקי

לייבל קערש	יאנעק ביאַלק
וועלוול ראָזאָווסקי	גאַבריש פרישדאָרף
לייבל ראָזנשטיין	י. שטעקער
לייבל שפּיכלער	ניימאַרק (זון פון ה. אַריה)

דירות פון די בונדישע קאַמפּס־גרופּן

די טרעפּפּונקטן און דירות פון די בונדישע ווידערשטאַנד־און קאַמפּס־גרופּן האָבן זיך געפונען:

1. נאַוואָליפּיע 7 — אין דער דירה פון בערעק שניידמילס שוועסטער. דאָ איז געווען דער הויפּט־פּונקט;
2. נאַוואָליפּיע 56 — דירה געדונגען דורכן ח' י. פאַלק;
3. נאַוואָליפּיע 53 — אין דער דירה פון דער חברטע שיינע בראָכין, אַ קרובה פון די ראָזאָווסקיס;
4. מילע 53 — אין דער דירה פון די גאָלדשטיינס, שוועס־טער פון חבר בערל אַמבאַראַס.

חוץ דעם האָט די בונדישע אָנפירונג פון די קאַמפּס־גרופּן צו־גענומען צו איר דיספּאָזיציע די פאָלגנדיקע ליידיקע דירות, אָדער פון טייל איבערגעזעצט די לאָקאַטאָרן אין אַנדערע דירות:

5. שוו. יערסקע 28;
6. שוו. יערסקע 32;
7. שוו. יערסקע 30;
8. זאַמענהאָף 24;
9. זאַמענהאָף 28;
10. מילע 33.

די דאָזיקע דירות האָבן געדינט ווי טרעף־און פאַרבינדונגס־פּונקטן, און בעת פּאַראַויסגעזעענע אַקציעס — ווי מאָביליזאַציע־פּונקטן, וואו די מיטגלידער פון די קאַמפּס־גרופּן זיינען אויך געווען קאַשאַרירט.

פאַרבינדלערס, פאַרבינדלערינס, קוריערן

אַ גרופּע פּערזאָנען, מערסטנס חברטעס, האָבן אויסגעפירט די באַזונדערס וויכטיקע און זייער געפערלעכע פונקציע פון פאַרבינד־לער און קוריערן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. זיי האָבן איינגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן די טוער און באַזונדערע קעמער־

לעך פון דער באַוועגונג, איבערגעגעבן ידיעות, געטראָגן הילף, געשמוגלט ליטעראַטור, געווער, א. אַז. וו. מאַנכע זיינען אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט געפאַנגענע אין די נאַצי־לאַגערן. זייערע פונקציעס האָבן זיי אויסגעפירט בעתן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ (באַזונדערס אַלס פאַרבינדלער צווישן די קאַמף־גרופּן), ווי אויך פריער און שפּעטער, ביזן סוף פון דער נאַצי־אָקופּאַציע. אַסך אַנדערע האָבן געטאָן די פּאַקטישע אַרבעט פון פאַרבינדלער, הגם זיי האָבן נישט געטראָגן דעם נאָמען „קוריערן".

די פאָלגנדיקע פּערזאָנען זיינען — צווישן אַנדערע — געווען טעטיק, צייטנווייז אָדער שטענדיק, אַלס פאַרבינדלער און קוריערן פון דער בונדישער אונטערערדישער באַוועגונג (טייל פון זיי אין נאָמען פון „בונד" — פאַר דער „יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע" אָדער פאַרן „קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד" און ייד. נאַצ. קאָמיטעט"):

חייקע בעלכאַטאָווסקאַ, טאָבטשע דאַווידאָוויטש, וולאַדקע, קלאַרע זאַכאַריאַש, ד"ר עליזשביעטאַ ליפשיץ, אַלאַ מאַרגאָליס, מאַרישע (בראַנקע פיינמעסער), א. מעלמאַן, יאַנקל מענדעלסאָן, מאַרינקע סעגאַלעוויטש, חיים עלנבויגן, פּערעלע עלנבויגן, יאַדוויגאַ פּאַלאַק־מושקאַט, זלמן פרידריך, י. צעלעמענסקי, משה קויפמאַן, ל. קעלסאָן, צלובה קרישטאַל־ניסנבוים, אינקע שוויגער, מרים שיפמאַן, קרישע, וואַנסאָווסקאַ, סאָוויצקאַ, אַדזו. שטיינסבערג, זדאַנאָווסקאַ, יאַהאַנע פּראַגאַ, ראַנגיעז, סטעפאַן (סאָוויצקיס קוזין).

טרעף־פּונקטן אויף דער אַרישער זייט

1. מאַקאַטאָו — וואוינונג פון מאַוריצי אַזשעך.
2. זשוראַוויע 24 — צענטראַל קאָמיטעט — וואוינונג פון עווג. וואַנסאָווסקאַ.
3. גורנאָשליאַנסקאַ 3 — וואוינונג פון מאַכאַי.
4. פּאַדוואַל 19 — וואוינונג פון ווישניעווסקאַ.
5. בראַווארנאַ 22 — וואויג. פון יאַנעק קוליקאָווסקי.
6. וואַליאַ — וואויג. פון אַננאַ וואַנכאַלסקאַ און מאַרישע סאָוויצקאַ.
7. מיאַדאָווא 24 — וואויג. פון אינקאַ שוויגער און מאַרישע פיינמעסער.
8. סענאַטאָרסקאַ 9 — וואויג. פון סאַלאַ פישגרונד.

9. זשעראָמסקיעגאָ 10 — וואויג. פון פּאַפּיער.
10. כלאָדנא 17 — וואויג. פון ד. קליין.
11. פּרוזשנא 14 — וואויג. פון יאַבלאָנסקי.
12. זשאַליבאָזש — וואויג. פון ז. מושקאַט.
13. לעשנאָ 18 — וואויג. פון מאַרישע סאַוויצקא און מאַרישע פיינמעסער.
14. שוסטעגאָ סיערפּניא — וואויג. פון די חברים ליינקראַם.

בונדישע קאָמיטעטן און קוריערן אויף דער פּראָווינץ

קראָקע: ד"ר פּענסטערבלוי, פּעלצמאַן מאַניעק, י. שיסלער, גומפּלאָוויטש, לושקא אַלעקסאַנדראָוויטש, י. צעלעמענסקי, עווא אַלעקסאַנדראָוויטש, פישל הארנדאָרף, אַרטור נונבערג, ד"ר נעמער, מ. מילינסקי.

לובלין: בעלא שאַפּיראָ, יאַנקל קעלנער, דאָרן, זאַטערמאַן א"א.

טאַרנאָוו: שפּאָרן, פּייעראייזן, מ. גרינבערג (האַנטוו.), זאַלצמאַן, פּרוי באַטיסט, בלייוויז, בוים.

פּעטריקאָוו: י. טענענבערג, יעקב בערלינער, י. סאַמסאַנאָוויטש, פריינד, לילקע נוטקעוויטש, מאַריא קאַזאַנאָווסקא, אסתר אַלשטיין, ש. ווייגאַרטן, בעריש ראָזענבערג.

טאָמאַשאָוו מאַזאָוועצקי: קאַשאראָווסקי, קלאַראַ זאַכאַריאַש, ח־טע ראָזנבלום, ב. בערלינער (פון קראָקע).

ראַדאָם: אברהם פינקעלשטיין, א. שטיינאָוויטש, ד"ר פּענסטערבלוי, צימעראַנט.

שעדלעץ: קראַמאַזש א"א.

מעזריטש: ה. באַראָווסקי, גאָלדע זדאַנאָוויטש, א. זדאַנאָוויטש, א. שטאָקמאַן, מ. עדעלשטיין, מ. גרינבוים.

ביאַלע פּאָדלאָסקי: בלאַנקלעדער, ח־טע שוסטער.

סאָסנאָוויץ: י. פּייסאַכזאָן, סטאָפּניצער, פריילין, קאַמינסקי, רחל בער.

בענדין: בראָדקעוויטש, צווייבל, פּיוווישקעוויטש, ברעכנער, יאַדזשע ראָכפעלד.

אָלקוש: בראָנקע בראָנשטיין, מאַצנער.

דאָמבראָווע: די ברידער בערלינער.

וואָלבראָם: מ. מורמאַן, א. רודזין, ח־טע וויסאָקע, ראַטמענטש.

צוגאָבן און אויפקלערונגען

צו זייט 92

די ביילאַגעס וועגן וועלכע דאָ רעדט זיך, האָבן אַרומגענומען: נומערן פון „אונזער צייט"; אַנדערע אויסגאַבעס און פאַרשיידענע פּאַרטיי־אינפאָרמאַציעס; אַרויסטרעטונגען און פאָדערונגען פון ח' ע. שערער אין נאָמען פון „בונד" אין פוילישן נאַציאָנאַל־ראַט; אינ־פאָרמאַציעס וועגן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און זיין טעטיקייט; און אַסך אַנדערע מאַטעריאַלן וועגן פראַגן פון יידישער, פוילישער און אַלגעמיין־סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

צו זייט 112

דער ח' פּאָלדעק ל., וועגן וועלכן עס רעדט זיך דאָ, דאָס איז — ד"ר ל. ליינקראם, געשטאָרבן שפּעטער אין 1944.

צו זייט 196

וועגן די „פיר קאַמף־גרופּן" פון „בונד", וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָ, געפינען מיר זייער אינטערעסאַנטע אויפקלערונגען אין בוך פון בערנאַרד גאָלדשטיין — פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ. אויף ז"ז 336—338 דערציילט ער:

„חוץ די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, וואו די אַרבעטער זיינען געווען אָרגאַניזירט אין קאַמפס־גרופּן, אויסגעלאַנירט לויט די פאָ־דערונגען פון דער אונטערערדישער סטראַטעגיע, — האָט מען ספּע־ציעל אויסמושטירט און באַוואָפנט יוגנט־גרופּעס און זיי „קאַשאַ־רירט" (באַזעצט) אין באַשטימטע הייזער; דאָ האָט מען זיי אויס־געהאַלטן, צוגעשטעלט שפּייז־פּראָדוקטן; די דאָזיקע גרופּן האָבן געדאַרפט זיך געפינען אין שטענדיקער גרייטקייט, מיט געווער אין האַנט...

„די איצטיקע רעאָרגאַניזאַציע האָט איינגעשטעלט אין פאַרשידענע פונקטן פון געטאָ די „קאָשארירטע" גרופּעס, וואָס האָבן געדאַרפט זיין גרייט אַרויסצוטרעטן אין יעטוועדן מאָמענט, ווען דער סיגנאַל וועט קומען.

„די טאַקטיק פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע איז דערביי געווען אַזאַ: מיר האָבן צוגעשטעלט סך־הכל פיר קאָשארירטע גרופּעס, און דאָס בעיקר פון יוגנטלעכע. ווייל מיר האָבן מער באַדייטונג צוגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע פון די באַוואָפנטע גרופּעס אויפן שטח פון די פאַבריקן גופא. דאָ האָבן דאָך געאַרבעט געזונטע, דערוואַקסענע אַרבעטער. דער גרעסטער טייל פון אונדזערע חברים אויף די פאַבריקן האָבן דורכגעמאַכט אַ סך קאַמפּס־דערפאַרונגען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אין דער פּאַרטיי. און די לאַגע איז דאָך געווען אַזאַ, אַז אָט די אַרבעטער אין די נאַצישע פאַבריקן האָבן ניט געוואָלט און ניט געטאָרט פאַרלאָזן זייערע אַרבעט־פּלעצער און אַוועקגיין אין די געהיימע „קאָשארן". דאָ אין די פאַבריקן האָבן זיי אָפט געהאַט באַהאַלטן זייערע פאַמיליעס, דאָ האָבן זיי באַקומען זייער שטיקל ברויט און אַ זופּקע, דאָ האָבן זיי זיך געפילט „געזיכערט" קעגן די לאַפּאַנקעס. דער „בונד" האָט דעריבער נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך און נויטיק צו מאָביליזירן אָט די אַלע גוטע און געטרייע חברים און זיי באַזעצן אין די „קאָשארן" — צו זיצן פאַרשפּאַרט און וואַרטן, ווען עס וועט קומען דער טאָג פון דער אויפשטאַנד־אַקציע. אָבער ווען דער דאָזיקער טאָג איז געקומען, זיינען אַלע פאַבריק־גרופּעס באַלד אַרויס אין קאַמף. זייערע אויפטוען האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם אויפשטאַנד. אָן זייער אָנטייל וואָלט דער אויפשטאַנד קיינמאָל נישט אָנגענומען אַזאַ ברייטן און פאָלקס־כאַראַקטער. אַדאַנק זייער אָנטייל, זיינען צום אויפשטאַנד צוגעשטאַנען הונדערטער פּשוטע פאָלקסמענטשן, זייערע מיטאַרבעטער אין וואַרשטאַט, זייערע קאָלעגן לויט די פאַכן („די ווילדע" — האָט מען זיי גערופן). וועגן דער באַוואָפענונג פון אונדזערע גרופּעס חברים אויף די פאַבריקפּלעצער האָבן מיר די גאַנצע צייט זייער שטאַרק געזאָרגט, ווייל מיר האָבן לכתחילה זיך פאָרגעשטעלט: אָדער דער אויפשטאַנד וועט אָננעמען אַ מאַסן־כאַראַקטער, אָדער ער וועט זיך אינגאַנצן נישט איינגעבן...

„מיט נאָך איין זאַך האָבן זיך אונדזערע קאָשארירטע גרופּן אונטערשיידט פון די גרופּן פון די אַנדערע ריכטונגען: מיר האָבן זיך אַנט־

זאָגט אַריינצוגעמען אין די אָרגאַניזירטע און באַוואָפּנטע גרופּן, און אוודאי אין די קאַשארירטע גרופּן — פּרויען, עלטערע און יונגע. אין די גרופּעס פון אַנדערע ריכטונגען איז די צאָל יונגע מיידלעך געווען גאָר היפּש. ביי אונז זיינען, פאַרקערט, געווען נאָר איינצלנע פרויען.

„האָט זיך שפּעטער באַקומען, אַז ווען מען האָט דערציילט וועגן די גבורות בעתן אויפשטאַנד, האָט מען געהערט מער פון נעמען פון אונדזערע יוגנטלעכע, און נישט פון עלטערע בונדיסטן. דאָס איז באמת אַ גרויסע עוולה קעגן דעם אָנדענק פון הונדערטער פון אונדזערע געטרייע חברים. זיי זיינען טאַקע נישט געווען אין די קאַשאַרן, אָבער זיי האָבן זיך מוטיק און מיט מסירת־נפש געשלאָגן אויף די געביטן פון די פאַבריקן. הונדערטער און הונדערטער פון זיי האָבן זייערע לעבנס מקריב געווען אין די שלאַכטן קעגן בלוטיקן שונא... מיר וואָלטן געקאָנט אָנרופן הונדערטער פון זיי ביי די נעמען..."

דאס פרייע ווארט

BIULETYN W.B.

צייט־פראגן

יוגנט־שטערן

NOWA MŁODZIEŻ

דער לאק

שטורם

קעפּ פון אונטערערדישע צייטונגען פון „בונד“ בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה

דער וועקער

אינפארמאציע בולעטין

נר. 15 /37/ — אפריל 1942 — דריטער יארגאנג

זאל לעבן דער 1-טער מאי!

צו די יידישע פאלקס-מאסן אין פוילן.

די היטלעריסטישע מלחמה ברענגט טויט, הונגער, חורבן, קנעכטשאפט און פיין פאר מיליאנען פאלקס-מענטשן אויף די פראנטן און אין די אונטערדריקטע לענדער.

דעם טייערסטן פרייז צאלן די יידישע מאסן אין אייראפע. די פאשיסטישע ברוטאלע פארגוואלטיקער און מערדער האבן אויסגעשריבן אויף זייערע פארבלוטיקטע פענער דעם לאזונג: אויסראטן די יידן. הונדערטער טויזנטער יידן, קינדער, פרויען און אלטע לייט זענען אבזיכטלעך אומגעבראכט געווארן, דערשאסן ביי מאסן-עקזעקוציעס, פארסמט מיט גאזן, פארהונגערט און פארפייניקט צום טויט. עס זענען אפגעמעקט געווארן הונדערטער אלטע יידישע ישובים אין ליטע, ווייסרוסלאנד, מזרח-גאליציע, וואלין, קאנגרעס-פוילן און אין די מערב-געגנטן פון פוילן.

אבער עס וועט היטלערן ניט העלפן די שחיטה פון ווילנע, דער מורד פון כעלמנא, די מגילה לובלין, די בלוטיקע נאכט אין ווארשע.

אויפן חורבן פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה וועט זיך אויפבויען די אנקומענדיקע כוואליע פון דער סאציאלער וועלט-רעוואלוציע.

דער בליצקריג-פראצעס האט זיך געפלאצט מיטן ווינטער אין די פאשיסטישע לענדער. היטלער האט פראוואצירט די מלחמה דאן, ווען דאס האטאיסטישע דייטשלאנד איז געווען באוואפנט ביז די ציין, דאן ווען דייטשלאנד איז אין אלע הינזיכטן געווען שטארקער פון אירע קעגנער. יעצט הערשט אין היטלערס מלוכה א שטארקער קריזיס אויף אלע געביטן פון לעבן. צו דער ווייטערדיקער מלחמה-פירונג פעלט היטלער-דייטשלאנד א מאנגל אין אלץ: עס פעלט מאטעריאלן און ווי-שאפן, ארבעטס-הענט און מענטשן, עס פעלט היטלערן דער קריגערישער גייסט, וועלכער האט באלעבט די היטלעריסטישע קריגס-אפעראציעס אין די ערשטע יארן פון דער מלחמה. ארמאמענטן פון די דערשטערטע פאליטישע אדער טעריטאריאלע דערגרייכונגען דערשטיקט אויף די פראנטן קען היטלער-דייטשלאנד די מלחמה בלויז געווינען, מאכן היטלער איבער די סליגל פון קאטאסטראפע און טויט.

פאשיסטישע איטאליע איז היינט בלויז אן אנגעבונדענער וואגן פון היטלער-דייטשלאנד. ווען ניט די קאנטראלע פון געסטאפא, וואלט פאשיסטישע מלוכה היינט לאנג זיך צעפאלן ווי א קארטן-הייזל.

אין די ענגליש-זאקסישע מלוכות פארלויפט ביז יעצט דער רעוואלוציאנערער פראצעס אין לאנגזאמע טעמפא. ער דריקט זיך אויס אין דעם פארגרעסערטן אייבפלוס פון די ענגלישע ארבעטער אויף דער פראדוקציע און דעם אלץ וואקסנדן אנטייל פון דער לייבאר-פארטיי אין דער אנפירונג מיט דער פאליטיק און מיט די מיליטערישע אפעראציעס. א צווייטע פארם פון דעם אנוואקסנדן רעוואלוציאנערן פראצעס אין די ענגליש-זאקסישע לענדער שטעלן מיט זיך פאר די אויפשטאנדלונגען פון דער בריטישער אימפעריע.

אין די לענדער, וועלכע שמאכטן אונטערן היטלעריסטישן יאך, גייען זיך צונויף אין איין שטראם די רעוואלוציאנערע שטרעמונגען און דער דראנג צו נאציאנאלער אומאפהענגיקייט.

חברים.

אשמאנדיק, אז מיר דערנענטערן זיך צו א רעוואלוציאנערן סוף פון דער מלחמה, שטעלן מיר פעסט, אז די ארבעטער און פויערים מאסן פון פוילן האבן פאר זייער הויפט-אויפגאבע: <u>די מאביליזאציע פון רעוואלוציאנערע-אויפשטאנד-כוחות.</u>

חברים.

אין איבערבראך מאמענט, אין דעם מאמענט, ווען ווערן צעבראכן מיליטערישע מלוכות און אונטערן דרוק פון דער דייטשער רעוואלוציע וועט זיך בעטן ברעכן די היטלעריסטישע אקופאציע אין פוילן, וועלן די סאציאליסטישע פארטייען אויפהייבן די פאן פון א רעוואלוציאנערן אויפשטאנד פון די ארבעטער און פויערים-מאסן. דער ציל פון דעם אויפשטאנד וועט זיין צו ליקווידירן די רעשטלעך פון דער פאנאנדערפאלנדער אקופאציע און צו פראקלאמירן <u>א רעוואלוציאנערע ארבעטער און פויערים-רעגירונג.</u>

די ארבעטער און פויערים-רעגירונג וועט אויף די מלחמה-חורבות בעטן בויען א פוילישע אומאפהענגיקע, סאציאליסטישע רעפובליק. צו דעם ציל וועט די ארבעטער און פויערים-רעגירונג:

1/ אויספירן די פויערים און די ערד-ארבעטער צו טאן אין די דערפער רעוואלוציאנערע פויערים-קאמיטעטן, וועלכע וועלן איבערנעמען די ערד פון די פריצים און אקופאנטן און זיי וועלן זיי צעטיילן אויף א יושרדיקן אופן צווישן ארעמע פויערים, ערד-לאזע פויערים און ערד-ארבעטער.

2/ אויסרופן די ארבעטער, זיי זאלן נעמען אונטער זייער הענט און זיי זאלן פארזיכערן די פאבריקן, וואר(ק)שטאטן און ערדצעכן, ארויסרופן די פאבריקס-ראטן, וועלכע וועלן אויסנוצן פון די ארבעטער, מיטארבעטן ביים לאזן אין גאנג, אנפירן און

ערשטער מאי־אויפרוף פון „בונד“ אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן, אין יאָר 1942

ערשטע זייטן פון דער בונדישער אונטערערדישער פרעסע



שטורעם

ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן דעפּאָרטירן די וואַרשעווער יידן צום טויט

יוגנט שטימע

נומער /4-5/1-2 , יאנואר – פעברואר 1 9 4 1



פאעזיע פון צושמעטערטע ווענט

אונטערערדישע צייטונג פון יוגנט־בונד „צוקונפט"

Za Naszą i Waszą wolność

I..ty 1941 Nr. 1.

אַ פוילישע צייטונג פון אונטערערדישן בונד

די שליחות פון ארבעטער־קלאס

עס לויפן אלץ שנעלער די מילכאמע־געשעענישן. אומאויפהערלעכע מאפלעס פון איטאליע, מאסנדיקע אקטיוויטעט פון שטעריקע. עס הילכן אין דער וועלט די תארמאשען און דער רויש פון עראפלאן־מאטארן. אויפרייסן פון באמבעס, ברענענדיקע־שטעט דערשרוינקענע שיפן, טויזנטער דערהארגעטע, צענדליקער טויזנטער געפאנגענע – אדער קלינגט הארב און אייזערן די שטים פון קריג.

אבער דורך די וואלקנס פון פייער און רויך, דורך די מויערן פון היטלעריסטישע שפיאנען און געטא־ווענט הויבן זיך שוין דערגרייכן צו אונז אנדערע טענער, גייט קלאנגען. מיר הערן וועגן פוטש, וועגן בונטן אין רומעניע, אין איטאליע. קארגע, נייעס קיין קלארע יעדיעס. דוכט זיך, דאס זענען בונטן אין דער פאשיסטישער מיליטער, בונטען פון דער אייזערנער גווארדיע, פון איטאליענישע מיליטערישע קרייזן. עס איז שוין אבער נישט איינמאל אזוי געווען אין דער געשיכטע. די פונקען פון בונט באלויכטן די היטלעריסטישע נאכט אין אייראפע, די צינדן די הערצער פון מיליאנען, פון אונטערדריקטע מאסן וואס ווילן פרייהייט, שלום און ברויט אין א סאציאליסטיש אייראפע.

פון ענגלאנד דערגייט צו אונז אלץ שטארקער די שטים פון קעמפנדיקן ארבעטער קלאס. שווער און קארבאנעסוול איז דער קאמף וואס די ענגלישע מאסן פירן מיט פאשיסטישער מילכאמע־מאשין. די קרבנות ווערן נישט געבראכט אומזיסט. עס וואקסט די מאכט פון ענגלישן ארבעטער־קלאס.

פארוואס קעמפט דען דער ענגלישער ארבעטער־קלאס? – „מיר ווילן נישט פארגרעסערן די הערשאפט פון ענגלאנד איבער דער וועלט. מיר ווילן נישט דערשטיקן קיין גייע לענדער. פריער פאר אלץ, ווילן מיר רואינירן דאס דייטשע פאלק. דער ארבעטער־קלאס האט דעם קריג, אבער ער האט אויך אונטערדריקונג" – דאס האט געזאגט לעצטנס גרינוואוד, א סאציאליסטישער מיניסטער אין ענגלישן קאבינעט. א צווייטער פון די ענגלישע ארבעטער, נאעל בעקער, האט געהאלטן א רעדע דורכן ראדיא צו די דייטשע ארבעטער, וו ער האט געזאגט: „מיר זענען שונאים פון קאפיטאליזם. אין דער היינטיקער געזעלשאפט איז דא אומגערעכטיקייט און עקספלואטאציע. מיר ווילן מאכן א סוף צו דעם צושטאנד... דאס דייטשע פאלק ווילן מיר נישט דערנידריקן און נישט פארניכטן".

דער באקאנטער ענגלישער ארבעטער־פירער, אינזשעניר־מיניסטער אין דער ענגלישער רעגירונג שרייבט אין אן ארטיקל: „נישט אלע פריינט פון אונזער זאך באגינען זיך אין אונזער לאנד און נישט אלע אירע פיינט געפונען זיך פון יענער זייט רייך. לאזט אונז פיערלעך מעלדן: מיר קעמפן פאר די רעכט פון די מענטשן צו לעבן אין פרייהייט און צו גליק. דער מענטש זאל נישט ווערן ווילקירלעך פארשפארט אין טפיסע, אדער קאנצענטראציע־לאגער, עס זאל נישט געמיינערט ווערן זיינע רעכט. קיין מענטש, צו איז ער פון ווייסער, געלער אדער שווארצער ראסע זאל נישט ווערן אונטערדריקט אדער אויסגענוצט לעטויוועס אנדערע. אומעטום און שטענדיק זאל דער מענטש געניסן פון פרייהייט פון געדאנק, ווארט און גלויבן. לאזט אונז אויסנוצן דעם שלום ווען מיר וועלן אים שוין דערגרייכן, קעדיי צו רעאליזירן א גרויסע ענדערונג אין דער געשיכטע". עטלי, דער פירער פון דער ארבעטער־פארטיי, שרייבט אין אן ארטיקל וועגן שלום צו וועלכן מיר שטרעבן: „די פרינציפן פון שלום דארפן זיין: 1) דער שלום דארף נישט ווערן דיקטירט. מיר ווילן נישט דערנידריקן, אונטערדריקן אדער צוברעקלען דאס דייטשע פאלק. מען דארף גוטמאכן אוועס וואס זענען באגאנגען געווארן לעגאבע די קארבאנעס פון דער אגרעסיע, עס מוז אבער אויסגעשלאסן ווערן יעדער געדאנק וועגן נעקאמע און שטראף. 2) דער דייטש מוז רעזיגנירן פון דער אייבערהערשאפט וועגן דער אויסדערוויילטקייט פון דער דייטשער ראסע. ער מוז אנערקענען, אז דער פאלק שטעט און ער האבן די זעלבע באגרינדעטע רעכט וואס ער אליין אן ערט אונטער דער זון און אויף די ריכטימער פון דער נאטור. 3) דער מעטאד פון איבערפאל און דער אנווענדן באוואפנטן קויאך אלס מיטלען פון פאליטיק מוזן פולשטענדיק פארווארפן ווערן. 4) עס מוזן רעספעקטירט ווערן די רעכט פון נאציאנאלע, ראסישע און רעליגיעזע מינדערהייטן. 5) אייראפע מוז זיך פעדערירן אדער אונטערגיין. דער אימפעריאליזם מוז פארשווינדן (דער ענגלישער אויך)".

די ארבעטנדיקע מאסן פון ענגלאנד געפונען אין קאמף מיטן פאשיזם אויך די שארפסטע פאזיציעס. ער וועט דעם קאמף בעווינען, ער וועט געווינען די מילכאמע און דעם שלום.

.ז.ז.ז.ז.ז.ז.ז.

פיר די יוגנט

די מילכאמע איז נישט בלויז א פארניכטונג פון אומגעהויערע מאטעריעלע ווערטן, וואס זענען אנגעזאמלט אין פארלויף פון יארן, אן אומברענגונג פון מיליאנען לעבנס, זיי איז פארניכטונג און צעשטערונג אויך גייסטיקע ווערטן.



אונטערערדישע יוגנט־צייטונג



אויסגאַבע פון „בונד" צום 1־טן מאַי, 1944

פאַרלאַג „אונזער צייט"

י. י. טרונק

פוילן

(דריטע אויפלאַגע)

ערשטער באַנד, 252 זייטן

פרייז — $2.00

פוילן

צווייטער באַנד, 318 זייטן

פרייז — $2.50

פוילן

דריטער באַנד, 288 זייטן

פרייז — $2.50

י. ש. הערץ

די געשיכטע פון אַ יוגנט

592 זייטן טעקסט, 48 זייטן בילדער

פרייז — $3.50

לייבעטשקע בערמאַן

אין לויף פון יאָרן

(צווייטע אויפלאַגע אויספאַרקויפט)

386 זייטן טעקסט, 38 בילדער

פרייז — $2.50

זיגעלבוים-בוך

408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער

פרייז — $3.00

בערנאַרד גאָלדשטיין
פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ

500 זייטן טעקסט, 24 זייטן בילדער

פרייז — $3.50

אַ ר ק אַ ד י

436 זייטן טעקסט, 11 זייטן בילדער

פרייז — $2.00

וולאַדימיר מעדעם

367 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער

פרייז — $2.00

ד״ר רפאל מאַהלער ד״ר יעקב שאַצקי
א. מענעס וויקטאָר שולמאַן
די יידן אין פוילן

920 שפאַלטן (פון גרויסן פאָרמאַט)

פרייז — $5.00

◆

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

FARLAG UNSER TSAIT
175 East Broadway, Room 401
New York 2, N. Y., U. S. A.